STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07506

GEVEHLTE VERK

Jules Verne

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשול ווערן.

געזאַמעלטע ווערק

זיעבעטער באנד.

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני

83-85 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

די ערשטע אינדיאנער
פעלקער.

1טעס קאפיטעל.
אנשטאט אַ פֿאָררעדע.

זומער 1855 בין איך געוועזען אין גאַלוועסטאָן, טעקסאַס. דער זומער איז געוועזען זעהר א הייסער און אין גאלוועסטאן האבען זיך אנגעהויבען דיא שרעקליכע פיעבערן, וועלכע זיינען זעהר געפעהרליך פאר אייראָפּעער. דער, וואס איז שוין געבאָרען אין לאנד, דער טראגט זיי אויך קוים איבער, פאָרן אייראָפּעער אבער, פאָרן עמיגראַנט, זיינען זיי א זיכערער טויט.

איך האב מיך ענטשלאָסען אוועקצופאָהרען פון גאַלווערסטאן און צו פאהרען קיין נאָרד-טעקסאַס, א געגענד, וועלכע איז מיר דאמאלס געוועזען זעהר וועניג בעקאנט.

איך בין ארויסגעפאהרען גאנץ אליין און האב ארומגעוואַנדערט אויף דיא מיילען ווייטער פרעריע (סטעפּען) פון טעקסאַס. איך האב געהאט מיט מיר א גוטען פערד, א גוטע צוויי-רעהריגע ביקס און גענוג פּולווער און קוילען.

טעקסאַס איז דאמאלס געוועזען נאך א גאנץ ווילדע געגענד. איך האב געשאָסען ווילדע חיות און פייגעל אויף דיא פרערים און האב געלעבט לוסטיג און מונטער, וויא עס פלעגען דאמאלס לעבען דיא יעגער און דיא ערשטע עמיגראַנטען אין אמעריקא.

איך האב אזוי ארומגעוואַנדערט איינינגע צייט, בין געוועזען אין איינינגע שטעדט און דערפער אין נאָרד-טעקסאס און עס האט מיט מיר גאָר ניט פּאַסירט. ענדליך בין איך געקומען קיין קאַסטראָוויל.

ווען איך בין ארויסגעפאהרען פון גאַלוועסטאָן, האט מיר א בעקאנטער מיטגעגעבען א בריעף צו זיינעם א פריינד אין קאַסטראָוויל. דיא פּאָסט איז דאמאלס אין אמעריקא געוועזען זעהר שלעכט איינגעריכטעט. טעקסאס איז ניט לאנג אויפגענומען געווארען אלס שטאַאט פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען און עס האבען דאָרט נאָך געוואוינט פיעלע אינדיאַנער.

דיא פּאָסט איז דאהער געוועזען אזוי ניט זיכער, אז מיין בעקאנטער האט עס געפונען פאר בעסער צו שיקען זיין בריעף דורך מיר, אלס דורך דיא פּאָסט.

קאַסטראָוויל איז דאמאלס געוועזען אן ארימעס דאָרף מיט קליינע, שמוציגע הילצערנע הייזלעך, אין וועלכע עס זיינען געוועזען מעהר וואנצען, קאקראָטשעס, שלאנגען און ווערים, וויא פיעל גראז אויף דער גאַס. דיא אמעריקאנער האבען עס גערופען א שטאדט, דער אייראָפּעער וואָלט עס קיין דאָרף אויך ניט גערופען.

איך האב באלד אויסגעפונען דעם מאן, צו וועלכען איך האב געהאט דעם בריעף, און האב איהם אפגעגעבען זיין בריעף. ער האט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך און האט מיך געבעטען, איך זאָל ביי איהם פערבלייבען איינינע טעג. אבער אין דיא פּאר שטונדען, וואס איך בין געוועזן אין קאסטראָוויל, האב איך מיך אנגעזעהן מיט אזוי פיעל ווערים און שלענג, אז איך האב בעסער געוואָלט שלאפען אויפ'ן פרייען פעלד, איידער אין א שמוציגעס הויז פון קאסטראוויל.

מיין ווירטה האט מיך געבעטען, איך זאָל וועניגסטענס איבערנעכטיגען ביי איהם דיא נאכט, ווייל עס איז שוין געוועזן שפעט. איך האב מיך אבער ענטזאגט און האב אנגעזאטעלט מיין פערד.

איידער איך האב מיך אויפגעזעצט אויפ'ן פערד, איז דער ווירטה מיט זיין פרוי, מיט זיינע קינדער ארויסגעקומען צו מיר און האבען מיך געבעטען, איך זאָל נים פאהרען ביי נאכט.

— דער וועג איז ניט זיכער, האט מיר דער ווירטה געזאגט. עס לויפען ארום אין דיעזער געגענד גאנצע באנדען פון ווילדע אינדיאנער. זיי שוינען קיינעם ניט. זיי זיינען בייז אויף דיא איירָאפּעער, פאר וואס מען האט ביי זיי צוגענומען זייער לאנד. בלייבט בעסער איבערנאכט ביי אונז און מארגען־פריה וועט איהר זיך פאהרען. בעזאנדערס געפעהרליך איז א וועלדעל פון אייכען־ביימער (דוב) וועלכער געפינט זיך איינינע מיילען פון דער שטאדט.

איך האב מיך אבער איינגעשפּארט, אז איך וויל נים בלייבען אין קאסטראוויל און האב מיך אויפגעזעצט אויף מיין פערד. דער ווירטה האט מיר נאך א מאל זעהר ווארים געדריקט דיא הענד און האט צו מיר געזאגט מיט א זיפץ:

— זייט געזונד! גליק אויף דיא רייזע! גאט זאָל אייך אפּהיטען פון דיא אינדיאנער!

איך האב א שמייכעל געטהאן און האב איהם געענטפערט:

— זייט רוהיג! איך בין שוין נים קיין גרינהאָרן, איך קען מיך שוין מיט אינדיאנער און בין מיט זיי א גוטער ברודער.

מיין ווירטה האט טרויעריג געשאָקעלט מיטן קאָפּ, האט מיך נאך א מאל געגריסט מיט דער האנד און איז אריינגעגאנגען אין זיין הויז.

איך האב געגעבען מיין פערד דיא שפּאָרען און בין אוועקגעפאהרען. אין איינינע מינוט ארום בין איך שוין געוועזן ווייט פון קאסטראוויל.

עס איז געוואָרען שפעט. דיא זון האט שוין אנגעהויבען אונטערצוגעהן. דיא לופט איז געוועזן מילד און ווארים. איך בין צוגעקומען צום וועלדעל, פאר וועלכען מיין ווירטה האט מיך געווארנט. איך האב געדארפט דורכפאהרען דאס וועלדעל.

מיין ווירטה האט מיר ערקלערט, אז דאס וועלדעל ציהט זיך נור אויף א פּאר מייל, דאן קומט א מיילען־ווייטע פּרעריע (סטעפּ) מיט הויכע גראָזען, אויף וועלכע עס געפינען זיך זעהר פיעל פייגעל.

איך האב געגעבען מיין פערד דיא שפּאָרען, ווייל איך האב געוואלט איבער־פאהרען דאס וועלדעל, איידער דיא זון וועט אין גאנצען אונטערגעהן.

איך מוז געשטעהן, אז יעצט האב איך אנגעהויבען מורא צו האבען פאר'ן וועלדעל. דער גאנצער וועג איז געוועזן בעזעעט מיט איינפאַכע הילצערנע קרייצע. דאס איז געוועזן א צייכען, אז דא ליגען מענשען, וועלכע מען האט געפונען דער'הרג'עט אויפ'ן וועג. אין ערטער האט מען געפונען ביינער פון מענשען און פון טהיערע, וויא זיי זיינען געלעגען ווייס, אויסגעטריקענט פון דער זון און פון רעגען.

דאס זיינען געוועזן דיא ביינער פון דיא אונגליקליכע עמיגראנטען, וועלכע זיינען אוועקפאהרען פון זייער אלטער היים אין אייראָפּא זוכען פריעדען און גליק אין טעקסאס און זיינען געפאלען אונטער דער האק פון'ם ווילדען אינדיאנער.

עס איז אויף מיר בעפאלען א שרעקליכער אנגסט. איך האב ארויסגענומען מיין רייזע־פלאש מיט קאָניאק, האב געגעבען א שטארקען זופּ, האב גוט בעטראכט מיין צוויי־רעהריגע ביקס און בין ווייטער געפאהרען.

איך בין שוין באלד געוועזן ביים עק פון'ם וועלדעל און האב מיך שוין אין גאנצען בערוהיגט. פון דערווייטען האב איך שוין געזעהן דיא גרויסע פרעריע, וועלכע איז בעקאנט אונטערן נאמען „לעאָנא“.

— יעצט בין איך שוין זיכער, האב איך געזאגט צו זיך אליין.

פלוצלונג האט זיך מיין פערד אויפגעשטעלט אויף דיא הינטערסטע פיס און איז אראפגעשפרונגען פון'ם וועג, גלייך וויא א שלאנג וואלט זיך איהם ארומגעוויקעלט ארום א פוס. איך בין שיער ניט אראפגעפאלען פון'ם זאטעל און האב מיך אנגעהויבען ווילד ארומצוקוקען. מיינע אויגען האבען אונגערן געזוכט דיא אורזאכע, פאר וואס מיין פערד האט זיך אזוי דערשראקען.

איך האב באלד דערזעהן א שרעקליכע, שוידערהאפטע, הערצרייסענדע סצענע. א קאַלטער שווייס האט מיך בעגאָסען פון קאָפּ ביז אין דיא פיס און איך האב אנגעהויבען צו ציטערן וויא אין א פיעבער.

איך בין קיין פייגלינג (טרוס) פון דער נאטור און אזוי וויא איך האב שוין גענוג געררייזט אין ווילדע געגענדען אין אמעריקא, האב איך מיך שוין אנגעזעהן גענוג טרויעריגע סצענען. דאס מאל אבער בין איך געוועזן איבעררראשט, בעטויבט און דערשראָקען.

ניט ווייט פון מיר, אין גאנצען צעהן אדער פופצעהן שריט, זיינען געלעגען אונטער א בוים אויסגעשטרעקט פינף טויטע מענשען. דריי מענער, א פרוי און א יונגעס מעדכען פון א יאהר פערצעהן — פופצעהן. זיי זיינען געוועזן נאך גאנץ פריש. זייערע קערפּער זיינען געוועזן בעדעקט מיט וואונדען, פון וועלכע עס האט נאך גערונען בלוט.

וויא עס ווייזט אוס, האבען זיי זיך שטארק געראנגעלט, איידער מען האט זיי געטוידטעט. אין דיא קערפּער פון דיא מענער האבען נאך געשטעקט דיא לאַנגע, שארפע פיילען פון דיא אינדיאנער. דיא פרויען זיינען געוועזן צוהאקט מיט א האַק. אלע פינף זיינען געוועזן סקאלפּירט.

איך מוז ערקלערן מיינע לעזער, וואס עס הייסט סקאלפירט.

ביי דיא ווילדע אינדיאנער פון אמעריקא איז איינגעפיהרט, אז ווען איינער

פון זיי טיידטעט א פיינד, שניידעט ער איהם אויס א שטיק הויט פון׳ם שטערן מיט דיא האָר. דיעזעס שטיק הויט הייסט סקאַלפּ. דער ווילדער הענגט אויף דעם סקאַלפּ אויף זיין גארטעל און שטאָלצירט מיט איהם. ווער פון זיי האט מעהר סקאַלפּעס אויפ׳ן גארטעל, דער ווערט א הויפּטלינג, א סאָרט גענעראל. מען פלעגט קענען טרעפען אן אינדיאנער הויפּטלינג מיט עטליכע הונדערט סקאַלפּס ארום גארטעל.

ווען איך האב דערזעהן, אז דיא פינף אָפּפער זיינען אלע סקאַלפּירט, האב איך שוין געוואוסט פאר זיכער, אז דאס האבען געטהאן אינדיאנער. איינינע מינוט פון איך געשטאנען וויא פערשטיינערט און האב מיך ניט געקענט אפּרייסען פון דיעזער שרעקליכער, שוידערהאַפטער סצענע.

דער געשריי פון אדלערס, וועלכע האבען זיך געדרעהט אין דער הויך און האבען געוואַרט אויף זייער מיטאג און דאס געהייל פון וועלף, וועלכע האבען דער־שמעקט דיא טוידטע קערפּער, האבען מיך ענדליך אויפגעוועקט פון מיין שרעק און איבערראַשונג.

איך האב מיך ארומגעקוקט. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. ניט ווייט פון דיא טוידטע קערפּער איז געשטאנען דער וואגען אין וועלכע זיי זיינען געקומען. דיא פערד און דיא זאכען האבען דיא אינדיאנער צוגענומען. ארום וואגען זיינען געווען צרוואָרפען פיעלע זאכען, וואס האבען קיין ווערטה ניט געהאט פאר דיא ווילדע און זיי האבען זיי אוועקגעוואָרפען. ווייטער אביסעל האט נאך געברענט א פייער און עס אין געשטאנען לעבען איהם א טאָפּ מיט ווארים וואסער.

עס איז געווען דייטליך, אז א פאמיליע עמיגראנטען איז געקומען א הער, האט זיך דא אפּגעשטעלט קאָכען עסען. אין דיעזער צייט זיינען אינדיאנער אויף איהר אנגעפאַלען און האבען זיי אלע ערמאָרדעט. אן דיא לאנגע בלאָנדע האר פון׳ם מעדכען האב איך דערקענט, אז דאס זיינען געווען דייטשען. א דייטשע פאמיליע פון זאקסען אדער פון בייערן איז געפאהרען קיין אמעריקא זוכען גליק און האט געפונען א שרעק־ליכען טוידט אונטער דיא הענד פון דיא אינדיאנער.

— וואס טהוט מען? האב איך געפרעגט מיך אליין.

מיין שרעק איז פערשוואונדען, איך וויים ניט וויא אזוי. איך האב געפּאַסט טוטה און האב געטראכט, אויב איך זאָל מיר אוועקפאהרען און זאָל איבערלאָזען דיא טוידטע, אז דיא וועלף און דיא אדלערס זאלען זיי צורייסען, אדער איך זאל זיי וועניגסטענס בעגראבען.

— זיי זיינען דאָך מענשען האב איך ענדליך אויסגערופען, וויא קען איך עס מיר ערלויבען, איך זאל לאָזען, אז זייערע טויטע קערפּער זאָלען צוריסען ווערן פון וועלף און ווילדע חיות? — ניין! איך מוז זיי בעערדיגען. איך מוז טהאָן פאר זיי דאס איינציגע, וואס א מענש קען נאך פאר זיי טהאן.

געזאגט, געטהאן. איך האב צוגעבונדען מיין פערד צו א בוים, וואו עס איז געוואַקסען הויכעס, זאַפטיגעס גראָז, האב ארויסגעוואָרפען עטליכע טרוקענע צווייגען

אייפ׳ן פייער, ביז ער האט ווייטער אנגעהויבען צו ברענען גאנץ העל און האב אנגעהויבען צו זוכען עפּעס אן אינסטרומענט, מיט וואס צו גראבען א גראב.

צווישען דיא זאכען פון דיא עמיגראנטען, וועלכע דיא אינדיאנער האבען ניט מיטגענומען, זיינען געוועז א פּאר לאָפּאטעס (שפּאטען) און א ברעכאייזען (לאָם). דיא אינדיאנער האבען זיי ניט גענומען, ווייל זיי זיינען צו שווער צו שלעפּען אויף פערד רייטענדיג, אויסער דעם דארפען זיי אזעלכע ארטיקעל ניט, ווייל זיי בעארבייטען דיא ערד מיט זייער אייגענע אינסטרומענטען.

איך האב גענומען א לאָפּעטע און האב אנגעהויבען צו גראבען א גרוב. אין וואלד איז אלעס געוועזן שטיל. קיין זאך האט מיר ניט געשטערט אין מיין טרויעריגער ארבייט, אויסער וואס איך האב געהערט, אז עס האט א פּאר מאל גערוישט אין דיא בוימער. דערפאר האב איך מיך ניט איבערגעשראָקען. איך האב געוואוסט, אז דיא אינדיאנער זיינען אנטלאפען און זיינען שוין ערגעץ ווייט. ווען זיי האבען בעגאנגען אזא שרעקליכען מאָרד, וועלען זיי שוין געוויס איינינע טעג זיך ניט ווייזען אין דיעזער געגענד.

עס האט געדויערט מעהר אלס א שטונדע, איידער איך האב אויסגעגראבען א גרוב, וועלכע זאל זיין גענוג ברייט און גענוג טיעף פאר פינף קערפּער. דער שוויס האט זיך פון מיר געגאָסען טייכען ווייס, ווען איך האב געענדיגט דיעזע טרויעריגע ארבייט.

ווען איך האב זיא געענדיגט, בין איך צוגעגאנגען צו דיא טויטע, האב ארויסגענומען דיא פיילען פון זייערע קערפּער, האב זיי גענומען אייגציגווייס און האב זיי אויסגעלעגט אין גרוב איינעם לעבען אנדערן. דאן האב איך אויף זיי ארויפגעווארפען זייערע קליידער און דיא זאכען, וועלכע איך האב געפונען צו-וואָרפען ארום וואגען און האב אנגעהויבען צו פערשיטען דיא גרוב.

דיא ערד איז געוועזן ווייך און עס האט ביי מיר ניט לאנג געדויערט, ביז איך האב אנגעווארפען א קליין בערגעל אויף זיי. אזוי וויא דיא גרוב איז אבער געוועזן ניט שטאַרק טיעף, האב איך אנגעהויבען צונויף צו שלעפּען גרויסע שטיינער און האב זיי ארויפגעלעגט אויפ׳ן גראב פון דיעזע אונגליקליכע.

איך ווייס ניט, וויא לאנג דיעזע טרויעריגע ארבייט האט געדויערט. איך ווייס נור, אז נאך דער ארבייט האב איך מיך געפיהלט זעהר מיעד און צובראָכען. איך האב מיך אניעדערגעזעצט אויף א שטיין אויפ׳ן גראב און האב מיך פערטראַכט.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז מיינע געדאנקען זיינען געוועזן ניט גאנץ פרעהליכע. איך ווייס ניט, וויא לאנג איך בין אזוי געזעסען. איך ווייס נור, אז ווען איך האב אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האב איך געגעבען א געשריי און האב מיך געחאפּט צו מיין רעוואָלווער.

פאר מיר איז געשטאנען א מאן אנגעלעהנט אויף זיין לאנגער ביקס. און לעבען זיינע פיס זיינען געלעגען צוויי פייעריגע ניופונדלענד הינט. איך בין דאכט זיך, ניט געשלאָפען. און דאך האב איך ניט געהערט דעם קלענסטען גערויש, ווען ער איז צו

מיר צוגעקומען. איך קען נאך יעצט ניט פערשטעהן, וויא אזוי איך האב ניט געהערט ווען ער איז צוגעקומען צו מיר.

איך בין אויפגעשפרונגען און האב מיך געחאפט פאר מיין ביקס.

— האב קיין מורא ניט! האט דער מאן צו מיר געזאגט. איך בין א פריינד! איך זעה, אז איהר האט בעערדיגט דיעזע אונגליקליכע עמיגראנטען. — איך האב מיך פאר זיי נוקם געווען. זייערע מערדער זיינען טויט!

מיט דיעזע ווערטער האט ער מיר אויסגעשטרעקט זיין האנד.

איך האב גענומען זיין האנד און האב זיא צוגעפרעסט צו מיין הארצען. איך קען עס מיר נאך ביז היינט ניט ערקלערן, וואס עס האט מיך אזוי צוגעצויגען צו דיעזען מענשען. איך וויים נור, אז פון דער ערשטער מינוט, וואס ער האט אנגעהויבען צו רעדען צו מיר, האב איך איהם ליעב בעקומען, וויא א ברודער. ער האט געהאט אין זיך א מאגנעטישע קראפט, וואס האט מיך געצויגען צו איהם. איך מוז איהם בעשרייבען.

דאס איז געווען א מענש פון א יאהר עטליכע און פערציג, אבוואהל אויפ'ן ערשטען בליק וואלט מען געזאגט, אז ער איז קוים אלט דרייסיג. ער איז געווען הויך און שטארק געבוים. זיינע הענד זיינען געווען שטארק און געשיקט. פון אזא פאר אייזערנע הענד איז געווען ניט לייכט זיך ארויסצורייסען.

ער איז געווען אנגעטהאן, וויא אן אמעריקאנער יעגער פון יענער צייט. א פאר לעדערנע הויזען, א וואָלען העמד, א פאר אינדיאנער שיך (מָאקָאסינס) פון ביזאנפאל. א בריימער וואלענער גארטעל, פון וועלכען עס זיינען אראפגעהאנגען א האָרן מים פולווער, א לעדערנער בייטעל מיט קוגעלן, א לאנגער מעסער, א פאר רעוואלווערים און א בייטעל מיט אייניגע מעדיקאמענטען. דאס איז געווען זיין קאָסטיום. אויפ'ן קאָפּ האט ער געטראָגען א ווייכען הוט מיט א גאנץ בריימען ראנד.

דאס איז געווען איינער פון דיא ערשטע יעגער, וועלכע פלעגען אויסוואנדערן אמעריקא אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייל אייראפא איז פאר זיי געווען צו ענג. זיי האט אמעריקא זעהר פיעל צו פערדאנקען. זיי האבען ענטדעקט אלע שעצע (אוצרות) וועלכע זיינען געווען פערבארגען אין דיא ווייטעסטע ווינקעלעך פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, מעקסיקא, פערו און טשילי.

— לאָמיר געהן, האט ער צו מיר געזאגט. מיר האבען געטהאן, וואס מיר האבען געקענט פאר דיעזע אונגליקליכע.

מיר זיינען אוועקגעגאנגען. מיין נייער פריינד איז געגאנגען צו פוס, איך האב גענומען דיא ציגעל פון מיין פערד אין דער האנד און בין געגאנגען מיט איהם, ביז ער האט מיר געוויעזען אן ארט, וואו מיר זאלען נעכטיגען. מיר האבען באלד צולעגט א פייער. מיין פריינד האט אראפגענומען פון א בוים א פערטעל פון א הירש, וועלכען ער האט היינט געשאָסען, און האט געלעגט בראטען.

פון דיעזער נאכט אן האב איך מיך געפיהלט, וויא צוגעשמידט צו איהם. איך האב מיט איהם אוועקגעוואנדערט מאנאטע לאנג.

ער האט גערעדט זעהר גוט ענגליש און שפאניש. מען האט אבער באלד

דערקענט, אז ער איז ניט קיין ענגלענדער און ניט קיין שפאניער, ער איז געוועזן א פראנצויז. וואס מעהר איך האב איהם דערקענט, אלץ מעהר האב איך איהם ליעב בעקומען. איך האב באלד דערקענט, אז דאס איז ניט קיין איינפאכער יעגער. זיין געזיכט און זיינע הענד זיינען צוואר געוועזן ברוין, פערברענט פון דער זון, מען האט אבער דאך געקענט דערקענען, אז דער מאן שטאמט פון א גרויסער פאמיליע און האט געהאט א גוטע ערציעהונג.

ער האט מיר דערצעהלט, אז ער איז שוין מעהר אלס צוואנציג יאהר אין אמעריקא. יאהרען לאנג האט ער פערבראכט אין דיא ווילדע וועלדער און אין דיא מיילען ווייטע פרעריס (סטעפען) פון אמעריקא. ווען מיר פלעגען זיצען ביי נאכט אין א וואלד ביי א פייער פלעגט ער אמאל אנהויבען צו דערצעהלען, וואס מיט איהם האט פאסירט. עס פלעגען פארקומען זאכען, וואס דער מאן האט דורכגעלעבט, ביי וועלכע מיינע האר פלעגען זיך שטעלען קאפויער.

ענדליך, ווען איך בין שוין מיט איהם געוועזן גאנץ גוט בעקאנט, האב איך געוואלט וויסען, ווער ער איז און וויא אזוי ער קומט קיין אמעריקא.

איין אבענד איז ער געוועזן זעהר אויפגעלעגט און האט מיר דערצעהלט זיין גאנצע לעבענסגעשיכטע. דיעזע געשיכטע וויל איך יעצט איבערגעבען מיינע לעזער. זיא איז זעהר אינטערעסאנט און ערקלערט אונז זעהר פיעל איבער דאס לעבען אין אמעריקא מיט פופציג — זעכציג יאהר צוריק און איבער דיא קעמפפע פון דיא ערשטע עמיגראנטען מיט דיא ווילדע אינדיאנער פון אמעריקא.

2טעס קאפיטעל.

דיא מילך ברידער.

מיר זיינען אין פאריז דעם 31טען דעצעמבער 1834 אום עלף אוהר ביי נאכט. אין א רייכען זאל, פערציערט און פערפוצט מיט אלע טהייערע זאכען, וואס רייכקייט און א הויכע בילדונג קען פערשאפען, זיצט לעבען א גרויסען שרייב-טיש פון ראזענ-האלץ א יונגער מאן פון א יאהר פינף און צוואנציג.

ער איז שעהן, הויך און קרעפטיג. זיין עדעלעס געזיכט, זיינע ווייסע קלארע הענד מיט לאנגע, דינע פינגער, וועלכע זיינען וויא אויסגעשניצט פון עלפענביין, זיינע קליידער און זיין גאנצעס וועזען צייגען, אז ער איז אן עכטער פראנצויזישער אריסטא-קראט פון דיא עדעלסטע און גרעסטע פאמיליען פון פראנקרייך.

דאס איז אויך וואהר. מיר זעהן פאר אונז דעם יונגען גראף מאקסימיליאן, עדוארד, לואיס דע פרעבוא — קראנסעע, איינעם פון דיא עלטסטע און נאבלסטע פאמיליען אין פראנקרייך.

היינט אבער איז ער טרויעריג. זיין געזיכט איז בלייך, וויא קאלך, זיינע ליפען זיינען בלוי און אויף זיין שטערן האבען זיך אויסגעלעגט טיעפע קנייטשען. פון צייט צו צייט ווארפט ער א דערשראקענעם בליק אויף דעם ציפערבלאט פון א גרויסער וואנד אוהר, דאן אויף דער טהיר פון זיין צימער און ניט א ציטער מיט זיין גאנצען קערפער.

דיא נאכט איז פינסטער, נאס און קאלט. א פיינער רעגען, אייסגעמישט מיט שנעע, קלאפט אין דיא פענסטער.

דער גראף זיצט און קוקט אויף דיא אוהר. מיט איין האנד פוּיקט ער אונגעדולדיג אויף זיין שרייב־טיש און מיט דער אנדערער האנד האלט ער דיא לאנגע האר פון א גרויסען ניופונדלענדער הונט, וועלכער שטעהט לעבען איהם און האט ארויסגעלעגט זיינעביידע לאפעס אויף זיינע קניע.

דיא אוהר האט אויסגעשלאגען עלף. דער גראף האט א ציטער געטהאן און איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל.

— ער איז נאך ניטא! האט ער אויסגערופען פערצווייפעלט. — ער וועט גאר ניט קומען!

אין דיעזע מינוט איז דער הונד צוגעשפרונגען צו דער טהיר און האט אנגעהויבען צו קנורען. מען האט געהערט א לייכטען קלאפ אין דער טהיר און, איידער דער גראף האט נאך צייט געהאט צו זאגען: הערייין! האט זיא זיך געעפענט און א מאן איז אריין אין צימער. דער גראף איז איהם ענטגעגען געלאפען און האט אויסגערופען פריידיג:

— דוא ביסט דאך געקומען! איך האב שוין געמיינט, אז דוא האסט מיך אויך פערגעסען און פערלאזען, גלייך וויא אלע אנדערע.

— איך פערשטעה דיך ניט, ברודער, האט דער מאן געענטפערט. דוא מוזט מיר ערקלערען, וואס דוא מיינסט דערמיט.

מיט דיעזע ווערטער האט דער מאן צוגערוקט א שטוהל צום שרייב־טיש, האט זיך אניעדער געזעצט און האט געזאגט צום גראף:

— זעץ דיך, לואיס, לאמיר רוהיג רעדען. איך האב פיינט צו רעדען שטעהענדיג.

דער גראף האט זיך געזעצט לעבען איהם.

איידער מיר וועלען דערצעהלען, וואס דיא ביידע מענער האבען גערעדט, ווילען מיר אייך פארשטעלען דעם מאן, וואס איז נור וואס געקומען.

דאס איז אויך געווען א יונגער מאן פון א יאהר פינף — זעקס און צוואנציג. ער איז געווען ניעדעריגער פונ'ם גראף, אבער אויך שטארק און קרעפטיג. זיינע האר זיינען געווען בלאנדע, זיינע אויגען בלוי, גלייך וויא א שטיקעל פונ'ם ריינעם בלויען הימעל האט זיך צוגעקלעפט אין ביידע זייטען פון זיין שטערן.

ער איז געווען אנגעטהאן אין א נייעם שעהנעם מונדיר פון א פראנצויזישען אפיציער און אלע זיינע בעוועגונגען האבען געוויעזען, אז ער איז א סאלדאט פון קאפ ביז אין דיא פיס. אויף דער ברוסט האט געגלענצט א גרויסע מעדאליע פון דער עהרען לעגיאן.

ער איז ווירקליך געווען אן אפיציער פון דער פראנצויזישען ארמעע און האט שוין דורכגעמאכט ניט איין קריעג. ער איז געווען אין אלזשיר, אין אפריקא, און אין אנדערע לענדער. ער איז אריינגעטרעטען אין דער פראנצויזישער ארמעע אלס איינפאכער סאלדאט און איז שוין יעצט, ווען ער איז ערשט אלט פינף און צוואנציג יאהר, קאפיטאן און קאמאנדירט א רעגימענט.

פיר האבען געהערט, אז ער רופט דעם גראף ברודער. ער איז אבער נור זיין מילך ברודער. דאס הייסט, זיין מוטער איז געוועזן דעם גראף'ס אממע, זיא האט איהם אויסגעזויגען. זיין מוטער איז געוועזן אן איינפאכע בויערן פרוי, וועלכע האט געוואוינט מיט איהר מאן אויפ'ן גראף'ס גיטער. ער איז געבאָרען געוואָרען מיט איניגע וואכען פריהער פארן גראף. דעם גראף'ס מוטער האט ניט געוואלט, אדער ניט געקענט אליין אויסזויגען איהר קינד און זיא האט גענומען צו זיך אין שלאס דיא יונגע, קרעפטיגע בויערן פרוי, וועלכע האט געהאט גענוג צו זייגען פאר צוויי קינדער.

ביידע קינדער זיינען אויסגעוואקסען צוזאמען און פלעגען רופען איינער דעם אנדערן ברודער, זאגאר ווען זיי זיינען אויסגעוואקסען און יעדער פון זיי האט שוין גוט געוואוסט, ווער ער איז. דעם גראף'ס פאטער האט זעהר ליעב בעקומען דעם קליינעם וואלענטין — אזוי האט געהויסען דער אפיציער — און האט איהם געלאזען לערנען אין איין שולע מיט זיין אייגען קינד.

שפעטער איז וואלענטין אריינגעטרעטען אין דער ארמעע און דער יונגער גראף האט אנגעהויבען צו לעבען, וויא אלע רייכע יונגע לייט לעבען. זיינע עלטערן זיינען געשטאָרבען און האבען איהם איבערגעלאזען א גרויס פערמעגען. דער יונגער גראף אבער האט געפונען גענוג פריינד און בעקאנטע, מיט וועלכע ער האט פערשווענדעט דאס פערמעגען פון זיינע עלטערן.

דאס איז אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון דיא צוויי מילך ברידער. יעצט זיצען זיי איינער געגען דעם אנדערן און דער אָפיציער בעטראכט דעם גראף פון קאפ ביז אין דיא פיס, גלייך וויא ער וואונדערט זיך, וואס זיין מילך ברודער האט זיך אזוי שטארק פערענדערט, זייט ער האט איהם געזעהן מיט איניגע מאַנאַטע צוריק.

— וואס האסט דוא זיך אזוי לאנג געזאמט, וואלענטין? האט ענדליך דער גראף געפרעגט. איך האב דיך ערווארטעט נאך היינט אין דער פריה.

— איך הער שוין פון דיר צום צווייטען מאל דיעזען פאָרוואורף, האט דער אפיציער געענטפערט רוהיג און קאלטבליטיג. — נא דיר דיין בריעף, וואס דוא האסט מיר געשרייבען, וועסט דוא זעהן, אז איך האב פריהער ניט געקענט קומען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אנגעהויבען אפצוקנעפלען זיין מונדיר. ער האט געוואלט ארויסנעהמען דעם גראף'ס בריעף און איהם ווייזען. דער גראף אבער האט איהם צוריקגעהאלטען.

— דוא האסט רעכט, וואלענטין, האט ער געזאגט טרויעריג. איך ווייס, איך ווייס — איך האב שטענדיג אונרעכט.

— איך וויל ניט וויסען, ווער עס האט רעכט און ווער עס האט אונרעכט, האט דער אפיציער געזאגט פרעהליך. זאג מיר בעסער, וואס האסט דוא מיך געדארפט אזוי נעטהיג? — ווילסט דוא ארויסגנבענען א פרוי? דארפסט דוא זיך שלאגען אויף א דועל? אדער פיעללייכט האט דיך איינער בעליידיגט און דוא ווילסט, אז איך זאל איהם ברעכען דיא ביינער? — זאג! לאָמיך זעהן וואס איך קען עפעס טהאן פאר דיר.

— ניין, וואלענטין! האט דער גראף געזאגט טרויעריג און פערטראכט. אבער פרעג איך דיך דארפען אויף אזעלכע זאכען, היינט ניט.

— אלזא, וואס דען דארפסט דוא מיך? זאג ארויס, לואיס!

— איך וויל מיך שיעסען, האט דער גראף געזאגט ערנסט.

ער האט עס ארויסגעזאגט אזוי ערנסט און אזוי ענטשלאסען, אז דער אפיציער איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל, גלייך וויא מען וואלט איהם אפגעגאסען מיט אן עמער קאלטעס וואסער, און האט געקוקט דעם גראף גלייך אין דיא אויגען.

— דוא מיינסט, אז איך בין וואהנזיניג, וואלענטין, האט דער גראף וויטער געזאגט טרויעריג. ניין, ברודער, איך בין ניט וואהנזיניג. איך געפין מיך אין אזא שלעכטע לאגע, אז איך האב קיין אנדער אויסוועג ניט: ענטוועדער איך מוז מיר נעהמען דאס לעבען אדער איך וועל ליידען דיא שרעקליכסטע שאנדע. וואס א גראף קען נור ליידען.

דער אפיציער האט ניט געענטפערט. ער האט אוועקגעשטויסען פון זיך דעם שטוהל און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אין צימער הין און צוריק. דער גראף האט אראפגעלאזען דעם קאפ אויף דיא ברוסט און האט זיך פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען.

איינע מינוטען האבען ביידע געשוויגען. ענדליך איז דער אפיציער צוגעגאנגען צו זיין מילך ברודער, האט איהם ארויפגעלעגט דיא האנד אויף דער פלייצע און האט געזאגט ערנסט און קאלטבלוטיג.

— ווען דוא האסט געפאסט אזא בעשלוס, האסט דוא וואהרשיינליך וויכטיגע אורזאכען, וועלכע צווינגען דיך דערצו. איך וויל מיט דיר ניט שטרייטען. וואהרשיינליך, פערשטעהסט דוא דיינע אנגעלעגענהייטען בעסער פון מיר, אבער אין נאמען פון אונזער פריינדשאפט פאָדער איך פון דיר, אז דוא זאלסט מיר ערקלערן, וועלכע זיינען דיא אורזאכען, וואס צווינגען דיך זיך צו נעהמען דאס לעבען?

— וואס וועט עס ניצען? האט דער גראף געפרעגט טרויעריג. איך לייד אזעלכע שמערצען, וועלכע עס קען פערשטעהן נור דער מענש, וואס האט זיי אליין איבערגעטראגען.

— דאס איז קיינע אנטוואָרט, ברודער, האט דער סאָלדאט געזאגט הארט. ווען איינער קען ניט ארויסזאגען זיינע ליידען, איז עס א בעווייז, אז ער דארף זיך שעהמען. —

— וואלענטין! האט איהם דער גראף אונטערבראָכען. דוא ביזט אונגערעכט! דוא דארפסט אזוי ניט רעדען מיט מיר. דוא האסט אונרעכט.

— איך האב פאַלקאָמען רעכט, האט דער סאָלדאט געענטפערט. איך האב דיך ליעב. מיר זיינען אויסגעוואקסען צוזאמען און איך האב דיך ליעב, גלייך וויא דוא וואלסט געווען מיין לייבליכער ברודער. וויל איך האב דיך אזוי ליעב, האב איך דאס רעכט צו רעדען מיט דיר פריי און אָפענהערציג.

איך וויים, אז איך בין דער זוהן פון א בויער און דוא ביסט א גראף. דאס איז אבער דיין אונגליק. איהר, רייכע און גליקליכע, ווייסט, אז איזור דארפט לעבען

אין גליק און פרייד. קוים מאכט זיך אייך דיא קלענסטע אונאנגעהמליכקייט אין לעבען; קוים געהט עס אייך ניט, וויא איהר ווילט, ווייסט איהר נור איין זאך, ריכטיגער געזאגט, איין נארישקייט -- זיך שיעסען!

— וואלענטין! האט ווידער אויסגערופען דער גראף מיט א פארוואורף.

דער סאָלדאט אבער האט זיך געמאכט ניט הערענדיג און האט ווייטער געזאָגט:

— איך זאג עס דיר נאך אמאל און וועל עס דיר זאגען נאך צעהן מאל. איהר, רייכע און גרויסע פארדערט פון'ם לעבען נור פרייד און גליק. קוים קעהרט זיך אביסעל איבער דאס ראזא בלאט פון אייער לעבען, ווייסט איהר נור איין זאך — א קוגעל אין קאָפּ אריין. — דיינע שמערצען! דיינע ליידען! — אך, איך ווייס שוין, וואס פאר א שמערצען א גראף דע פרעבוא־קראנסעע קען האבען!

— דוא ווייסט, וואס פאר א שמערצען איך לייד? האט דער גראף געפרעגט ערשטוינט.

— הער נור, לואיס! האט דער סאָלדאט ווייטער געזאגט הארט און שארף.— הער מיך פריהער אויס און דאן וועסט דוא מעגען זיך שיעסען אדער זיך שטעכען; אדער טהאן מיט זיך, וואס דוא וועסט וועלען. — מיינסט דוא, אז ווען איך האב ערהאלטען דיין בריעף, האב איך ניט געוואוסט, צו וואס דוא רופסט מיך? מיינסט דוא, אז איך ווייס ניט, וויא דוא האסט געלעבט אין פאריז? מיינסט דוא, אז ווען איך בין געשטאנען מיט מיין רעגימענט אין מארסייל, האב איך ניט געוואוסט, וואס דוא טהוסט אין פאריז? — איך האב אלעס געוואוסט. איך האב געוואוסט, אז אין דעם קעסעל־גרוב, וואס דיא וועלט רופט פאריז, מיט זיינע פערגניגען, מיט זיינע פרויען, מיט דיא פרעהליכע און לוסטיגע קאמעראדען, מיט וועלכע דוא האסט געלעבט, — האסט דוא געמוזט פאלען און דוא מוזט אונטערגעהן.

דאס אלעס האב איך זעהר גוט געוואוסט. איך האב אבער ניט געקענט העלפען. ערשטענס, בין איך דיא גאנצע צייט געווען זעהר ווייט פון פאריז. צווייטענס, ביסט דוא א גראף און איך בין א בויער. — יעצט, ווען דוא האסט מיך געשיקט רופען, זאג איך דיר פריי ארויס, אז קוים וועסט דוא זיך אליין נעהמען דאס לעבען, וועט ערשט דיין נאמען ווערן בעדעקט מיט שאנדע און — וואס איז נאך ערגער פון שאנדע — מיט שפאט.

— וואלענטין! וואלענטין! האט דער גראף אויסגערופען אויסער זיך. ווער האט דיר געגעבען א רעכט צו רעדען צו מיר אזעלכע ווערטער?

— מיין פריינדשאפט! האט וואלענטין געענטפערט רוהיג און פעסט. — דוא האסט מיך געשיקט רופען, מוזט דוא מיך אויסהערן. — אלזא, הער מיך אויס. איך קען דיא אורזאכען, וועלכע צווינגען דיך זיך צו נעהמען דאס לעבען. דיא צוויי וויכ־טיגסטע אורזאכען זיינען: ערשטענס, דוא האסט זיך פערליעבט אין אן אמעריקא־נישעס מעדכען. זיא האט זיך מיט דיר געשפיעלט, וויא א קינד שפיעלט זיך מיט א באָלל, אדער וויא דער יאגואר פון איהרע וועלדער שפיעלט זיך מיט א לעמעלע, וועלכעס ער וויל פערשלינגען. — איז דאס וואהר? איז דאס ריכטיג?

דער גראף האט ניט געענטפערט. ער האט זיך אנגעשפארט מיט ביידע הענד אויפ'ן שרייב־טיש און איז געזעסען, וויא א פערשטיינערטער.

דער יונגער אפיציער האט ווייטער געשניטען.

— דיא צווייטע אורזאכע איז פאלגענדע. דוא האסט פערשווענדעט דיין גאנצעס פערמעגען צוליעב דיעזע פרוי. דוא האסט געוואלט איהר ווייזען, וויא אזוי א פראנצויזישער אריסטאקראט לעבט. ווען דיין פערמעגען האט זיך אויסגעלאזען, האסט דוא אנגעהויבען צו מאכען שולדען. דוא ביסט יעצט איבערן קאפ אין שולדען. און יעצט, ווען דוא האסט ניט א סאנטים און ביסט שולדיג איבער דיא אויערן, איז זיא פערשוואונדען געווארען, זאגאר איהרע שפורען זיינען פערקיהלט געווארען.— דוא שעהמסט זיך יעצט צו ווייזען אויף דער גאס, מען זאל ניט לאכען פון דיר און דארום ווילסט דוא זיך נעהמען דאס לעבען. — איז דאס וואהר? איז דאס ריכטיג?

— עס איז וואהר, עס איז ריכטיג, האט דער גראף געזאגט טרויעריג, אבער ניט אין גאנצען. זיא איז א גוטע און עדעלע פרוי און — איך ליעב זיא! איך ליעב זיא מיט דער גאנצער קראפט פון מיין יונגען הערצען, — איך ליעב זיא ביז צום טוידט, ביז צור פערצווייפלונג! איך בין בערייט צו קעמפפען מיט דער גאנצער וועלט פאר איהר. איך בין בערייט אוועקצוגעבען מיין לעבען פאר איהר.

ער איז אויפגעשפרונגען ביי דיעזע ווערטער, האט אנגעכאפט זיין מילך ברודער ביי ביידע הענד און האט אויסגערופען ליידענשאפטליך.

— אך, וואלענטין! דוא ווייסט ניט, דוא קענסט גאר ניט פערשטעהן, וויא איך ליעב זיא! איך קען ניט לעבען אהן איהר. עס איז מיר ליעבער דער טוידט!

דער יונגער אפיציער האט זיך אביסעל פערטראכט. ער האט אנפאנגס געמיינט, אז דער גראף האט געליעבט דיא יונגע אמעריקאנערין, וויא ער האט געליעבט אנדערע פרויען. עס איז ניט מעהר, וויא א קאפריז, א פערבלענדונג, א פייערווערק, וועלכעס וועט אויסשיעסען מיט א קנאק און וועט באלד פערלאשען ווערן. יעצט אבער האט ער איינגעזעהן, אז ער ליעבט זיאווירקליך מיט דער וואהרער, הייסער ליעבע, וועלכע קען פיהרען צום העכסטען גליק אדער צום טוידט.

— אלזא, דארפסט דוא זיך דאך ניט שיעסען, האט ער ענדליך געזאגט. דיא יונגע דאמע איז פערשוואונדען געווארען, דארף מען זיא זוכען. לאמיר זיא זוכען. איך וועל דיר העלפען זיא זוכען.

— וואס רעדסט דוא, וואלענטין? האט דער גראף זיך אפגערופען. זיא איז ארויסגעפאהרען פון פאריז. איך ווייס, אז זיא איז צוריקגעפאהרען א היים, קיין אמעריקא, איך ווייס אבער ניט, אין וועלכעס לאנד פון אמעריקא זיא איז געפאהרען. אמעריקא איז גרויס. וואו וועל איך זיא זוכען?

— ווען מען זוכט, געפינט מען, האט דער סאלדאט געענטפערט קורץ און שארף.

— איך האב דאך אבער קיין געלד צו פאהרען זיא זוכען, האט דער גראף קוים ארויסגערעדט.

— דעסטא בעסער!

— וואס רעדסט דוא, וואלענטין? שפאס ניט מיט מיר, איך בעט דיך!

— איך שפּאַס ניט, לואיס! ווען איך זאָג, אַז איך וועל דיר העלפען זיא זוכען, וועל איך דיר העלפען.

— אך! דאס איז אונמעגליך! האט דער גראף געזיפצט.

— קיין אונמעגליכעס איז אויף דער וועלט ניטא, האט געזאגט אונזער גרויסער קייזער. דאס וואָרט „אונמעגליך" האבען אויסגעטראַכט נאַררען אדער פיינליגנע (טרוּסען). ווען דוא ליעבסט זיא אזוי היים און אזוי הייליג, וויא דוא זאגט, וועלען מיר זיא געוויס געפינען.

— עס איז דיר לייכט צו זאגען, מיר וועלען זיא געפינען. אזוי לייכט געפינט מען א מענשען אין אמעריקא?

— דוא רעדסט וויעדער, וויא א גראף, האט וואלענטין געשפּאַסט. א סאלדאט, וויא אונזער קייסער נאפּאָלעאָן, וואָלט ניט אזוי געזאָגט. — איך זאג דיר צו, אז אין א צייט פון צוויי יאהר וועל איך זיא געפינען.

— צוויי יאהר? דאס איז א לאנגע צייט! האט דער גראף אויסגערופען.

— וואונדערבארער מענש! ערשט האסט דוא געוואלט זיך אריינשיעסען א קוגעל אין קאָפּ, וויל דוא ליעבסט און יעצט געפינסט דוא, אז צוויי יאהר איז צו לאנג צו ווארטען.

— דוא האסט רעכט, וואלענטין, אבער —

— זיי רוהיג, ברודער! האט דער אפּיציער געזאגט. שטארבען פערזאמט מען קיין מאל ניט. מיר וועלען פאהרען זיא זוכען, וועלען מיר זיא געפינען אין א צייט פון צוויי יאהר איז גוט; וועלען מיר זיא אבער ניט געפינען — דאן וועלען מירביידע שטארבען. מיר וועלען אנלאדען א פּאר פּיסטאלעטען און וועלען אונז ביידע אין איין סעקונדע דערשיעסען.

עס איז שווער געוועזען צו זאגען, אויב דער אפּיציער האט עס געמיינט ערנסט אדער ער האט דאס געשפּאַסט. זיינע רייד אבער האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק אויפ'ן גראף.

— גוט! העלף מיר, ברודער! העלף מיר זוכען! העלף מיר געפינען דיא פרוי, וועלכע איך ליעב מעהר פון אלעס אין דער וועלט.

— איך וועל העלפען זיא זוכען, אבער אונטער איין בעדינגונג.

— אונטער אלע בעדינגונגען! האט דער גראף אויסגערופען. איך נעהם אָן אלע בעדינגונגען, וואס דוא וועסט מיר שטעלען.

— איך האב נור איין בעדינגונג.

— וואס איז דיין בעדינגונג?

— פון היינט אָן געהערסט דוא מיר, האט דער אפּיציער געזאגט.

— פון היינט אָן געהער איך צו דיר, האט דער גראף געענטפערט.

— אָפּגעמאכט! האט דער אפּיציער אויסגערופען.

— וואס וועסט דוא אבער מאכען מיט מיר? איך קען קיין ארבייט און טויג צו קיינע בעשעפטיגונג, האט דער גראף זיך ניט געשעהמט ארויסצוזאגען.

— איך וועל דיך שוין אלעס אויסלערנען, האט דער סאלדאט געזאגט. הער

נור מיך אויס גאנץ רוהיג און אויפמערקזאם, ווייל יעדעס וואָרט וואס איך זאג, איז וויכטיג.

אין דיעזע מינוט האט דיא וואנד־אוהר אויסגעשלאגען צוועלף. דאס יאהר 1834 האט זיך געענדיגט און עס האט זיך אנגעהויבען דאס יאהר 1835.

3טעס קאפיטעל.

קיין אַמעריקאַ

דער גראף האט זיך צוגערוקט נעהנטער צו זיין מילך־ברודער און האט געזאגט:

— איך הער דיך אויס.

דער אפיציער האט זיך געזעצט לעבען איהם, האט אניעדערגעלעגט זיין שטארקע האנד אויפן טיש און האט געזאגט ערנסט און שטרענג:

— האסט דוא געהערט, וויא דיא אוהר האט אויסגעשלאגען צוועלף? ווייסט דוא, וואס דאס בעדייטעט? — דאס בעדייטעט, אז דאס יאהר 1834 איז פערשוואונדען אין גרויסען מעער פון דער עוויגקייט. — פאר דיר אבער האט עס נאך אן אנדער בעדייטונג. דאס בעדייטעט, אז פון דיעזער מינוט אן ביסט דוא אויס גראף, אויס אריסטאקראט, אויס דשענטעלמען. פון דיעזע מינוט אן דארפסט דוא אנהויבען צו פיהרען א לעבען פון שווערער, הארטער ארבייט. דוא מוזט ווערן א גאנץ איינפאכער מענש. ניט דיינע עלטערן האבען דיך פערזאָרגט אין לעבען. דוא אליין האסט מיט דיין מיה, מיט דיין פלייס, מיט דיינע פעהיגקייטען זיך דורכגעשלאגען א וועג אין לעבען. — דוא מוזט קעמפפען דעם שווערען און הארטען לעבענס־קאמפף און — דוא מוזט זיעגען אדער אונטערגעהן.

דער גראף האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט. ער האט איהם ניט פערשטאנען.

— איך וויל מיך ערקלערן, האט וואלענטין ווייטער געזאגט. איך זעה, אז דוא פערשטעהסט מיך ניט רעכט. איך מוז דיר דערצעהלען דיין לעבענס־געשיכטע. —

— מיין לעבענס־געשיכטע קען איך אליין זעהר גוט, האט דער גראף זיך אפּגערופען.

— ניין, לואיס, דוא קענסט זיא ניט, האט וואלענטין געזאגט. איך מוז זיא דיר ערקלערן.

— ערקלער זיא מיר, האט דער גראף געזאגט גלייכגילטיג.

— דיין געשיכטע, לואיס, איז דיא געשיכטע פון אלע מענשען, וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען אין רייכקייט און איבערפלוס. איהר זייט געבאָרען געוואָרען אין א העמדעל. אייערע עלטערן האבען אייך פערזאָרגט מיט אלעם, וואס מאכט דאס לעבען זיס און אנגענעהם.

איהר ווייסט ניט, וואס עס הייסט, זיך דורכשלאגען אין לעבען. איהר האט קיין בעגריף ניט, וואס פאר א הארטער קאמפף דאס לעבען איז. דיינע עלטערן האבען דיר איבערגעלאזען א פערמעגען פון הונדערט טויזענד פראנק א יאהר איינקונפט

דוא האסט עס פערשוועגדעט. איך בעשולדיג דיך ניט. דוא האסט אנדערש ניט געקענט. דוא האסט ניט געוואוסט דעם ווערטה פון געלד, דוא האסט ניט געהאָ־רעוועט אויף געלד, דוא האסט קיין מאל ניט פערדיענט קיין געלד. דוא האסט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט דיין געלד און האסט עס פערשוועגדעט, פערשליי־דערט, ארויסגעוואָרפען אין דער בלאָטע.

פלוצלונג האסט דוא זיך אומגעקוקט — דער ברונען האט זיך אויסגעשעפט! דוא ביסט רואינירט! דוא האסט ניט א סאָנטים. איבערראשט, דערשראָקען און צובראָכען האסט דוא דערזעהן, אז דוא שטעהסט ביים ברעג פון א שרעקליכען אב־גרונד. דוא קענסט ניט חאפען צוריק און קענסט ניט געהן ווייטער. פאר דיר איז געבליעבען איין אויסוועג — דער טויט.

— דאס איז ריכטיג, האט דער גראף געברומט טרויעריג. דוא האסט רעכט. — עס שטעהט אבער נאך גאר ניט אזוי שלעכט מיט מיר.

דער אפיציער האט זיך געמאכט ניט הערענדיג אדער ער האט טאקע ניט גע־הערט, וואס דער גראף האט געמורמעלט אונטער דיא צעהנער. ער האט ווייטער געזאגט:

— דאס איז אבער פיינהייט, זיך נעהמען דאס לעבען איז דיא גרעסטע נאר־רישקייט, וועלכע עס בעגעהן נור אריסטאקראטען. ארימע מענשען, וועלכע קעמפפען פאר זייער לעבען, ווייסען, וויא צו שעצען דאס לעבען. ביי איך האט קיין זאך קיין ווערטה ניט. איהר פערשוועגדעט אייער לעבען, וויא איהר פערשוועגדעט אייער געלד.

— הער אויף מיך צו זידלען, וואלענטין, האט דער גראף געזאגט מיט א פאָרוואורף. דוא ווילסט דאָך מ'ר ערקלערן, וואס מיר זאָלען ווייטער טהאן. זאג בעסער, וואס איך זאָל טהאן אום ווידער צו ווערן א מענש און ווידער צו געפינען, אז דאס לעבען איז זיס און אנגענעהם.

— האָסט אויך רעכט, לואיס, האט דער סאלדאט געזאָגט. אלזא, לאָמיר ריידען פון געשעפטען. — האָסט דוא געמאכט א רעכנונג, וויא פיעל עס קען דיר נאָך בלייבען, ווען דוא זאלסט אלעס אויספערקויפען?

— איך האב געמאכט אזא רעכנונג, האָט לואיס געענטפערט. ווען איך זאָל אלעס אויספערקויפען: מיינע גיטער, מיינע הייזער און מיינע שלעסער און זאָל אפּ־צאהלען אלע מיינע שולדען, קען מיר בלייבען העכסטענס פיערציג טויזענד פראנק. ווען איך זאָל נאך אויספערקויפען דיעזע קליינינקייטען — ער האט געוויעזען אויף דאס מעבעל און דיא רייכע איינריכטונג פון זיין הויז אין פאריז — וועל איך קענען מאכען נאך עטליכע טויזענד פראנק — לאמיר זאגען נאך צעהן טויזענד פראנק.

— אלזא, פופציג טויזענד פראנק! האט וואלענטין אויסגערופען. — דוא האסט נאך פופציג טויזענד פראנק און דוא ביסט אזוי פערצווייפעלט, אז דוא ווילסט זיך נעהמען דאס לעבען! אן ארימער ארבייטער אדער אן ארימער קויפמאן וואָלט זיך געשעצט פאר'ן גליקליכסטען אין דער וועלט, ווען ער וואָלט געהאט פופציג

טויזענד פראנק! פופציג טויזענד פראנק, ווען מען ווייס נור, וויא אזוי זיי צו פערווענדען איז דאָך א רייכטתום!

— נו, אדרבה! זאג מיר, וואס זאל איך טהאָן?

— וויא הייסט דיא דאמע, אין וועלכע דוא ביסט אזוי שטארק פערליעבט?

— זיא הייסט דאָניא ראָזאריא דעל וואלע.

— און דוא ווייסט, אז זיא איז אן אמעריקאנערין און איז אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא?

— דאס ווייס איך פאר נעווים, האָט דער גראף געענטפערט. זיא איז א שפּאניערין פון אמעריקא. זיא איז זעהר רייך און שטאמט פון א גרויסער פאמיליע.

— דא פערשטעה איך ווידער ניט. וויא באלד זיא איז רייך און נאָבל, וויא קומט עס, וואס דוא האסט אויף איהר פערשווענדעט אזוי פיעל געלד?

— נא דיר מיינע ביכער און מיינע רעכנונגען, האט דער גראף געשטאמעלט.

— אוועק דערמיט! האט וואלענטין אויסגערופען. איך האב פיינט ביכער און רעכנונגען! — דוא האָסט פערשווענדעט דיין געלד און דוא מוזט זיך ווידער ערווערבען א פערמעגען אום צו הייראטהען דיין געליעבטע. —

— דאס איז אלעס, וואס איך פערלאנג.

— זעהר שעהן! אבער אום זיך צו ערווערבען א פערמעגען מוז מען קעמפּפען, מוז מען ארבייטען, מוז מען טראכטען, מוז מען ריזקירען. אין פאריז קענסט דוא קיין זאך ניט טהאָן, וויל דוא ביסט א גראף, דוא האָסט א טיטול, דוא ביסט אן אריסטאָקראט. אין אמעריקא איז ניטא קיין טיטולען, קיינע גראפען, קיינע אריס־טאָקראטען — ארבייט, טראכט, ריזקיר, טהו עפּעס, וועסט דוא האבען. — דוא מוזט פאהרען קיין אמעריקא. דאָרט וועסט דוא אנהייבען צו געהן אין דער שווערער שולע פון'ם לעבען און איך בין זיכער, אז דוא וועסט דאָרט ווערן א מענש.

— אליין קען איך ניט פאָהרען קיין אמעריקא, האט דער גראף געמורמעלט.

— איך ווייס עס און איך וועל פאהרען מיט דיר, האט דער אפיציער געענט־פערט. איך קען בעססער פון דיר דאס לעבען. איך האב שוין געקעמפּפט אין לעבען. איך האב שוין געליטען אין לעבען. מיר וועלעןביידע פאהרען קיין אמעריקא. דוא וועסט זעהן, אז מיר וועלען זיך ביידע דורכשלאגען. איך וועל מאכען פון דיר א גאנץ אנדערן מענשען.

— אויב אזוי, געה איך מיט דיר, וואלענטין! האט דער גראף אויסגערופען.

מיט דיר וועל איך פאהרען אין עק וועלט. — זאג, בעפעהל, הייס און איך וועל דיר פאָלגען אלעס, וואס דוא וועסט זאגען.

— דאס איז אלעס רעכט, האט וואלענטין געענטפערט. אלזא, מוזען מיר זיך פאָרבערייטען צו פאהרען קיין אמעריקא.

— אבער וואוהין? האט דער גראף געפרעגט אונרוהיג. איך ווי'ס ניט, וואוהין מיין געליעבטע איז געפאהרען. וועלען מיר זיא געפינען? — זאלען מיר זיך פערלאזען אויף א צופאל? —

— צופאל? האט נעלאכט וואלענטין. — נאררען בערלאזען זיך אויף א צופאל. פאר קלוגע מענשען איז קיין צופאל ניטא.

— אלזא, וואוהין זאלען מיר פאהרען? האט דער גראף ווידער געפרעגט.

— דוא זאגסט, אז דיא דאמע, אין וועלכער דוא ביסט פערליעבט איז אן אמעריקאנערין. אלזא איז זיא דאך ערגעץ געבארען געווארען אין אמעריקא. ווייסט דוא דאס אויך ניט?

— איך ווייס אז זיא איז געבארען אין טשילי.

— גוט! האט וואלענטין אויסגערופען. ווען זיא איז א געבארענע פון טשילי, איז זיא געוויס צוריקגעפאהרען קיין טשילי. אלזא, דארפען מיר פאהרען קיין טשילי. דארט וועלען מיר זיא אזוי לאנג זוכען, ביז מיר וועלען זיא געפינען.

דער גראף האט געטראכט א פאר מינוטען און האט דאן געפרעגט:

— מיינסט דוא עס ערנסט, וואלענטין? וועסט דוא ווירקליך פאהרען מיט מיר קיין אמעריקא?

— פאר וואס ניט? אמעריקא איז א גאלדען לאנד. טויזענדער מענשען פאהרען אהין זוכען גליק, פאר וואס זאלען מיר ביידע ניט פאהרען אהין זוכען אונזער גליק? — איך בין בערייט צו פאהרען זאגאר מארגען.

— דוא ביסט דאך אבער אן אפיציער אין דער ארמעע? האט לואיס ווייטער געפרעגט.

— איך בין שוין אויס אפיציער. איך קען מיך צו יעדער צייט אפזאגען. וואס האב איך פון מיין אפיציער טיטול? וואלט איך געוועזען א גראף, וויא דוא, וואלט איך געהאפט צו ווערן א גענעראל. איך בין אבער דער זוהן פון א בויער, איך וועל ווייטער ניט געהן, אלס איינפאכער אפיציער. מארגען זאג איך מיך אפ.

— דוא האסט דאך אבער אן אלטע מוטער, וועלכע קען שוין ניט פערדיענען און לעבט נור דערפון, וואס דוא גיסט איהר. זיא האט מיך אויסגעזויגען און איך קען עס ניט דערלאזען, אז זיא זאל בלייבען אויפ'ן וואסער.

— מיר וועלען איהר געבען א פאר טויזענד פראנק, האט וואלענטין געענטפערט. דאס וועט איהר זיין גענוג צו לעבען, ביז וואנען איך וועל צוריק קומען.

— אך! איך קען עס ניט! האט דער גראף אויסגערופען. מיין עהרע ערלויבט עס מיר ניט! וויא קען איך אננעהמען פון דיר אזוי פיעל אפפער?

— קענסט דוא דען בעסער מאכען? האט דער אפיציער געפרעגט. מיט פופציג טויזענד פראנק קענסט דוא לעבען איינינע מאנאטע — דוא ביסט דאך א גראף, וואס וועט דאן זיין?

דער גראף האט טרויעריג אראפגעלאזען דעם קאפ.

— העד נור, לואיס! האט דער אפיציער זיך געווענדעט צו איהם. ווייסט דוא, וויא אזוי דיין פאטער איז געשטארבען?

דער גראף האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט. ער האט ניט פערשטאנען דיעזע אנדערבארע פראגע.

— מיין פאטער איז געפאלען אין דער שלאכט ביי קונסטאנטינא, און אלושיר, האט ער געזאגט.

— איך בין געוועזן דערביי, ווען דיין פאטער איז געשטארבען, האט וואלענטין אויסגערופען. איך האב געדיענט דאמאלס אלס אונטער אפיציער אין זיין רעגימענט. איך האב איהם אריינגעטראגען אין לאזארעט, ווען דיא קוגעל האט איהם געטראפען. און אויף מיינע הענד איז ער געשטארבען.

ווען ער האט געזעהן, אז ער קען שוין ניט לעבען, האט ער מיך אנגענומען ביי דיא הענד און האט מיך געזאגט:

— שוועד, וואלענטין, אז דוא וועסט אפהיטען מיין איינציג קינד, מיין לואיס!

איך האב געשוואורען, אז איך וועל דיך אפהיטען. ער האט מיר איבערגעגעבען זיין טעסטאמענט (צוואה) און איז געשטארבען.

יעצט פערשטעהסט דוא שוין, פאר וואס איך מוז טהאן אלעס פון דיינעט וועגען? איך האב געשווארען דיין פאטער פארן טויט און מיין שבועה איז הייליג.

אין זיין טעסטאמענט האט דיין פאטער געשענקט מיין מוטער א קליינע פארם ניט ווייט פון אייער שלאס קראנסעע. ווען מיר וועלען געבען מיין מוטער נאך א פאר טויזענד פראנקס, איז זיא פערזארגט און מיר קענען רוהיג פאהרען קיין אמעריקא.

ביידע יונגע לייט האבען איינינע מינוטען געשוויעגען. וואלענטין האט אנגע־ריהרט א וואונד אין לואיס'ס הארצען. ער האט ווירקליך זעהר ווענינ געוואוסט, וויא אזוי זיין פאטער איז געשטארבען.

ענדליך האט זיך לואיס געווענדעט צו זיין מילך ברודער און האט געפרענט:

— ווען זאלען מיר פאהרען?

וואלענטין האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— אלזא, ביסט דוא פעסט ענטשלאסען אראפצו־ווארפען פון זיך אלע דיינע טיטולען און דיין גאנצען אריסטאקראט?

— יא, וואלענטין.

— ביסט דוא ענטשלאסען איבערצוטראגען אלע שוויעריגקייטען פון אן עמיגראנט אין אמעריקא: צו ליידען הונגער, נויט און עלענד?

— יא, ברודער.

— וועסט דוא קיין מאל ניט בעדויערן, וואס דוא האסט איבערגעלאזען דאס פרעהליכע פאריז מיט אלע זיינע פערגעניגען?

— ניין, וואלענטין.

— אלזא פערקויף אוים דיין גאנצעס פערמעגען און קום צופאהרען קיין מארסייל. אויף דער ערשטער שיף וואס וועט אפגעהן קיין אמעריקא, וועלען מיר זיך אויפזעצען.

דעם 2טען פעברואר 1835 איז ארויסגעפאהרען דיא „פראנציא" פון מארסייל. זיא איז געפאהרען קיין סאנט יאגא אין טשילי. צווישען דיא פאסאזשירען דריטער קלאסע האבען זיך געפונען דער געוועזענער גראף, לואיס קראנסעע (ער האט פער־קירצט זיין נאמען, אום ער זאל אויסזעהן, וויא אן איינפאכער מענש), וואלענטין

נילוא, זיין מילך ברודער און צעזאר, דער גרויסער ניופונדלענדער הונד, וועלכען מיר האבען געזעהן ביים גראף אין צימער.

אויפ'ן דאק איז געשטאנען אן אלטע פרוי מיט פערוויינטע אויגען. זיא האט געפאכט מיט א טאַשענטוך, אבוואהל דאס שיף איז שוין לאנג ארויס פון'ם פארט.

דאס איז געווען וואלענטין'ס מוטער. זיא איז יעצט געבליעבען אליין.

4טעס קאפיטעל.

דיא טאדעס שטראפע.

סאנטיאגא, דיא הויפשטאדט פון טשילי, איז איינע פון דיא שעהנסטע שטעדט אין זיד־אמעריקא. דיא גאסען זיינען ברייט און בעפלאנצט מיט ביימער. דיא הייזער האבען נור איין שטאק. מען האט מורא צו בויען הייזער פון עטליכע עטאזשען, ווייל עס מאכט זיך דארט אפט ערדציטערניש. ארום יעדער הויז געהט א באלקאן אדער וועראנדא, וויא עס הייסט אויף שפאניש.

אין דיא גאסען געהן און רייטען בעשעפטיגטע מענשען. אויף דיא וועראנדאס זיצען שעהנע פרויען און שפיעלען אויף דער מאנדאלינא (אזא סארט גיטארע) אדער זינגען. וואוהין מען גיט א קוק, זעהט מען פרעהליכע געזיכטער. פון אלע זייטען הערט מען געזאנג און פרעהליכען קינדליכען געלעכטער. דיא שפאניער זיינען אייגענטליך א גוטעס, פרעהליכעס פאלק.

דעם 5טען מאי 1835 האט עס אנדערש אויסגעזעהן אין סאנט יאגא. דיא גאסען זיינען געווען לעדיג, אויף דיא וועראנדא'ס האט מען ניט געזעהן קיין לעבעדיגען מענשען. קיין קינד האט זיך ניט געשפיעלט אויף דער גאס. אלעס איז געווען שטיל, רוהיג, וויא אויסגעשטארבען.

א גאנצען טאג איז נאך קיין וואונדער ניט געווען, ווייל דער טאג איז געווען זעהר א הייסער. דער הימעל איז צוואר געווען קלאר, ריין און בלוי, דיא זון אבער האט געברענט, וויא פייער. מען וואלט געקענט מיינען, אז דיא איינוואוינער פון סאנט יאגא האבען זיך בעהאלטען פאר דער היץ. ווען עס איז אבער געווארען נאכט און פון'ם מעער האט געבלאזען א קיהל ווינטעלע, איז דיא שטילקייט און רוהיגקייט אין דיא גאסען פון דער גרויסער שטאדט געווארען איבער־ראשענד און דריקענד.

צוואר האט מען געזעהן, אז פון דיא פענסטער פון דיא הייזער האבען ארויס־געקוקט מענער און פרויען, קיינער אבער האט ניט געוואגט ארויסצוגעהן אויף דער גאס. ווען מען זאל זיך געווען צוקוקען צו דיא געזיכטער פון דיא מענער און פרויען, וואלט מען געזעהן, אז זיי זיינען דערשראקען און טרויעריג.

פון צייט צו צייט איז דורכגעלאפען אן אפיציער רייטענדיג אויף א פערד מיט'ן בויך צו דער ערד און עס איז דורכגעגאנגען א ראטע סאלדאטען מיט שארף געלאדענע ביקסען.

דאס איז אלעס געווען אין דיא זייטען גאסען. אויף דעם הויפטפלאץ פון דער שטאדט, פלאצא מאיאר, האט עס אויסגעזעהן גאנץ אנדערש. דארט האט זיך

פערזאמעלט א גרויסע מעננע מענשען. אלע זיינען געוועזען ערנסט און טרויעריג. אין דער מיט פון פלאצא מאיאר איז געוועזען א לעדיגער ארט. ארום דיעזען ארט זיינען געשטאנען מענשען מיט פאקעלן אין דיא הענד.

דיא פאקעלן האבען געווארפען א רויטע ליכטיגקייט אויף דיא פערזאמעלטע מעננע און האבען געוויזען, אז זייערע געזיכטער זיינען בלייך. עס איז געוועזען דייטליך, אז אלע ערווארטען עטוואס שרעקליכעס, א שוידערהאפטע סצענע, וועלכע האט זיך נאך קיין מאל ניט געטראפען אין סאנט יאגא.

וויא גרויס דיא מעננע איז געוועזען אויפן פלאצא מאיאר, האט דאך געהערשט אויפן גרויסען פלאץ א טיעפע שטילקייט. דיא מעננע האט געשוויגען. נור פון צייט צו צייט האט מען געקענט הערן, וויא עס האט מיט א מאל אויסגעבראכען א רוישען און מורמעלן, וויא דאס רוישען פון מעער, איידער עס ברעכט אוים א שטורם.

עס איז געווארען שפעט. דיא אוהר פון דער גרויסער קירכע האט אויס־געשלאגען צעהן אוהר. לאנגזאם און טרויעריג האט דיא מעננע געצעהלט דיא שלעג פון דער אוהר.

פלוצלונג האט מען דערהערט דיא שווערע טריט פון סאלדאטען, וועלכע מארשירען נאכן טאקט פון א פויק. עס זיינען אנגעלאפען סאלדאטען אויף פערד און האבען אנגעהויבען צו צוטרייבען דיא מעננע מיט געשרייען און מיט שימפפעריען ווער עס האט ניט געוואלט אפטרעטען, דעם האט מען געשלאגען מיט דיא ביקסע אדער מיט דיא קאנטשיקעס.

אין דער מיט פון פלאצא מאיאר האט זיך געבילדעט א גרויסער, פרייער פלאץ ארום וועלכען סאלדאטען צו פוס האבען געבילדעט א גרויסען רינג.

ווען אלעס איז געווארען שטיל און רוהיג, האט מען געהערט, וויא גייסטליכע און מעננע זינגען א טרויעריגעס ליעד, וועלכעס מען זינגט, ווען מען בעערדיגט א טויטען.

דיא מעננע איז געווארען נאך נייגעריגער און האט זיך שטילערהייט געדרענגט צום רינג, וואס דיא סאלדאטען האבען געבילדעט. יעדער האט געוואלט זעהן דיא טראגעדיע, וואס וועט זיך באלד אפשפיעלען אויף דיעזען ארט.

פון דיא פינסטערע טויערן פון אן אלטען מאנאסטיר זיינען ארויסגעגאנגען גייסטליכע אין צוויי רייהען. יעדער איז געגאנגען מיט א בלויזען קאפ און האט גע־האלטען א קרייץ אין דיא הענד. צווישען ביידע רייהען פון דיא גייסטליכע זיינען געגאנגען צעהן מעננער. יעדער פון זיי האט געטראגען א לאנגען ווייסען קאסטען, אין וועלכען מען בעערדיגט א טויטען.

נאך דיא גייסטליכע איז געקומען אן עסקאדראן ארטילעריע, נאך זיי, ארומ־געריננעלט פון א באטאליאן אינפאנטעריע — סאלדאטען צו פוס, — זיינען געריטען צעהן מענשען אויף עזלען מיט זייערע געזיכטער צום עק פון דיא עזלען. דיעזע צעהן מענשען זיינען געוועזען מיט בלויזע קעפ, זייערע הענד געבונדען אויפן רוקען און זייערע פיס פערבונדען ארום בויך פון'ם עזעל. לעבען יעדען פון דיעזע צעהן מענשען זיינען געגאנגען זעקס סאלדאטען מיט שארף געלאדענע ביקסען.

ווען דיעזער טרויעריגער מארש איז אנגעקומען אין דער מיט פון׳ם פלאצא מאיאָר, האט מען געהערט דאס קאמאנדא פון א גראבער, ווילדער שטימע:

— האלט! בלייבט שטעהן!

די גייסטליכע און די מענבע, וואס האבען געטראגען די קאסטענס, זיינען זיך צוגאנגען אין א זייט. סאלדאטען זיינען צוגעגאנגען, האבען אפגעבונדען די צעהן מענער פון די עזלען און האבען זיי אויסגעשטעלט אין א רייהע.

עס איז געווען דייטליך, אז דיעזע צעהן מענשען זיינען פעראורטהיילט צום טויט.

פאר וואס אבער האט מען זיי פעראורטהיילט צום טויט? זיינען זיי מערדער, אדער אנדערע געפעהרליכע פערברעכער? האבען זיי געוואָלט אונטערצינדען די שטאדט, אום זיי זאלען קענען רויבען? — ניין! דאס זיינען פאטריאָטען, פרייהייטס־קעמפפער, מענשען, וועלכע האבען פערלאנגט, אז זייער פאטערלאנד זאל זיין פריי און גליקליך.

מיר מוזען דא דערצעהלען אין קורצע ווערטער די געשיכטע פון טשילי, וויא ווייט זיא איז נעטהיג פאר אונזער ערצעהלונג.

טשילי, וויא אלע אנדערע לענדער פון זיד־אמעריקא, האט געהערט צו שפאניען. אין 1824 האט אויסגעבראָכען א רעוואלוציאן און דאס פאָלק פון טשילי האט ערקלערט, אז זיי ווילען ניט געהערן צו א קעניג, וועלכער וואוינט ווייט פון זיי. טשילי איז געוואָרען א רעפובליק. אין טשילי אבער האבען געוואוינט פיעלע ארים־טאָקראטען פון שפאניען, וועלכע האבען געהאלטען פארן קעניג און האבען געוואלט צוריק ברענגען דאס לאנד אונטערן שפאנישען יאָך. איינער פון דיעזע אריסטאקראטען איז געווען דער גענעראל בוסטאמענטע, דער פרעזידערט און הערשער פון טשילי.

ער האט אזוי אונטערדריקט דאס פאָלק, אז עס זאל בעטען צוריק צו זיין אונטער דער הערשאפט פון שפאניען. די פאטריאָטען, די פרייהייטס־קעמפפער האבען געבילדעט א געהיימען בונד מיט דעם צוועק, זיי זאלען ארעטירען דעם גע־נעראל בוסטאמענטע, זאלען איהם טויטען און טשילי זאל ווערן אזא פריי לאנד, וויא די פעראייניגטע שטאאטען.

עס האט זיך געפונען א פעררעטהער, וועלכער האט ענטדעקט די גאנצע פערשווערונג דעם גענעראל בוסטאמענטע. עס איז איהם געלונגען צו האפען צעהן מיטגליעדער פון׳ם געהיים־בונד. דאס זיינען געווען די בעסטע און עדעלסטע מענשען פון טשילי. זיי האבען געהערט צו די גרעסטע און פאָרנעהמסטע פאמיליען פון סאנט יאגא.

גענעראל בוסטאמענטע האט מיט זיי ניט געמאכט קיין פיעל צערעמאָניען. ער האט בערופען א קריעגס געריכט פון זיינע אפיציערען און האט זיי פעראורטהיילט צום טויט דורך שיעסען און דאס, באלד. דאס קריעגס געריכט האט אויסגע־שפראָכען דעם טאָדעס אורטהייל איבער זיי אום 6 אוהר פאר נאכט און אום צעהן אוהר ביי נאכט האט מען זיי שוין געפיהרט אויף׳ן פלאצא מאיאָר, וואו מען האט זיי געדארפט שיעסען.

גענעראל בוסטאמענטע אליין האט קאמאנדירט דיא גאנצע טרויער'גע צערעמאָניע, וועלכע מיר האבען נור וואס בעשריעבען.

יעצט קעהרען מיר זיך אום צו אונזער ערצעהלונג.

קוים האבען דיא סאלדאטען אראפגענומען דיא פעראורטהיילטע פון זייערע עזלען און האבען זיי אויסגעשטעלט אין א רייהע, איינעם לעבען אנדערן, זיינען דיא פעראורטהיילטע געפאלען אויף דיא קניע און האבען געזאגט א קורצע געבעט.

אין דער צייט, וואס דיא פעראורטהיילטע האבען געזאגט זייער לעצטעס געבעט, האט בוסטאמענטע געגעבען א ווינק און פופציג סאלדאטען מיט שארף געלאָדענע ביקסען האבען זיך אויסגעשטעלט גלייך געגען זיי.

ווען זייער געבעט האט זיך געענדיגט, זיינען זיי אויפגעשטאנען, האבען איינער דעם אנדערן ארומגענומען און געקושט צום לעצטען מאל, דאן האבען זיי איינער דעם אנדערן געגעבען דיא הענד און האבען זיך אויסגעשטעלט אין א רייהע געגען דיא פופציג סאלדאטען, וועלכע האבען זיי געדארפט שיעסען.

אין דער מענגע ארום האט מען אין דיעזער מינוט געהערט א זיפץ, א קרעכץ פון טויזענדער גאָרגלען.

פארוואס האט דיא מענגע געשוויעגען? פארוואס האט זיך דיא גאנצע שטאדט ניט אויפגעהויבען, וויא איין מאן געגען אזא שרעקליכען מארד?

גענעראל בוסטאמענטע האט געזאָרגט דאפיר. ער האט ארומגערינגעלט דיא שטאדט מיט זיין גאנצער ארמעע און האט געהייסען שיעסען יעדען, ווער עס וועט ארויסרעדען א הויך וואָרט צו גונסטען פון דיא פעראורטהיילטע. דאס איז דיא אורזאכע, וואס אין דער לעצטער שרעקליכער מינוט האט מען נור געהערט א טרויעריגען, הערצרייסענדען זיפץ. יעדער האט געוואוסט, אז קוים רעדט ער ארויס א וואָרט, וועט ער באלד זיין א טויטער גלייך מיט דיא פעראורטהיילטע.

מיר האבען געזעהן, אז א גאנצען טאג איז שוין געוועזן שטיל אין דיא גאסען פון סאנט יאגא, וויא אויף א טויטען פעלד.

ווען דיא צעהן פעראורטהיילטע האבען זיך אנגענומען ביי דיא הענד און האבען זיך אויסגעשטעלט געגען זייערע מערדער, איז גענעראל בוסטאמענטע ארויסגעטרעטען, האט ארויסגענומען פון'ם בוזים א בויגען פאפיער, — זייער טאָדעס-אורטהייל — האט איהם שנעל דורכגעלעזען אונטער דער נאָז און האט געוואָלט קאָמאנדירען: פייער!

אין דיעזע מינוט האבען דיא פעראורטהיילטע אויסגערופען אלע מיט א מאָל:

— עס לעבע דיא פרייהייט! עס לעבע אונזער פרייעס פאטערלאנד!

— פייער! האט קאמאנדירט בוסטאמענטע מיט צאָרן. — ציעלט גלייך אין דיא קעפּ אריין!

דיא פויקען האבען אנגעהויבען צו רוישען, פופציג ביקסען האבען אויסגעשאָסען און צעהן, עדעלע מענשען זיינען געפאלען טויט אויפ'ן ווארעמען זאמד פון פלאצא מאיאָר.

— א היים! האט יעצט בוסטאמענטע קאמאנדירט.

די סאלראטען האבען ארויפגעלעגט זייערע ביקסען אויף די פלייצעס. די אפיציערן האבען זיך געשטעלט פאראויס מיט בלויזע שווערדען און זיינען געגאנגען, אין זייערע קאזארמעס. בוסטאמענטע האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז אוועקגעלאפען אין זיין פאלאץ. יעצט האט ער שוין ניט וואס מורא צו האבען. די טויטע וועלען זיך ניט אויפחאפען פון זייער אייביגען שלאף, די לעבעדיגע האבען זיך דערשראקען און וועלען פאר איהם ציטערן.

אזוי דענקען און אזוי האנדלען אלע טיראנען פון דער אלטער, וויא פון דער נייער וועלט.

קוים זיינען די סאלדאטען אוועקגעגאנגען און דער ארט, וואו עס האט זיך אפגעשפיעלט די שרעקליכע טראגעדיע, איז געווארען פריי, האט זיך די מענגע אווארף געטהאן צו דעם ארט, וואו די טויטע קערפער זיינען געליגען. אייניגע האבען איינגעטוקנט זייערע טאשענטיכער אין בלוט פון די מארטירער, אנדערע האבען אפגעשניטען א שטיקעל פון זייערע קליידער, ווידער אנדערע האבען אפגעשארען א ביסעל פון זייערע האר. זיי האבען עס געטהאן צום אנדענקען, אז זיי מוזען נעהמען ראכע פאר דיעזען שרעקליכען, אונמענשליכען מארד.

צו ביסלעך־ווייס איז זיך די מענגע צוגאנגען. די פאקעלן האבען זיך פערלאשען. עס איז געווארען פינסטער. דער פלאצא מאיאר איז געווארען שטיל און רוהיג. יעדער איז געגאנגען א היים געריהרט ביז טרערן אין די אויגען און טרויעריג ביז צו פערצווייפלונג.

פלוצלונג האט מען געהערט פון דעם הויפען טויטע א שווערן זיפץ. א בלייכער קאפ, בעדעקט מיט בלוט, האט זיך אויפגעהויבען לאנגזאם פון דער ערד, א פאר הענד האבען אנגעהויבען אוועקצושארען פון זיך די איבעריגע טויטע. וויא עס ווייזט אויס, איז איינער פון די צעהן אפפער לעבען געבליעבען. וויא אזוי עס איז געשעהן, איז עס געוועז א וואונדער, א צופאל, אדער א געהיימע האנד האט עס געמאכט, אז דער איינער זאל לעבען בלייבען — דאס ווייסען מיר דערוויל ניט.

דער קאפ האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, האט זיך ווילד ארומגעקוקט, א ווייסע האנד האט אביסעל אפגעווישט דאס בלוט און דעם זאמד פונ'ם שטערן און א שוואכע שטימע האט אויסגערופען:

— אך, גאט! גיב מיר קראפט און לעבען, איך זאל מיך נוקם זיין פאר מיינע קאמעראדען און פאר מיין אונגליקליכעס פאטערלאנד!

מיט דיעזע ווערטער האט ער פראבירט ארויסקריעכען פון דעם הויפען טויטע. ער איז אבער געוועזן צו שוואך. וויא עס ווייזט אויס, האט איהם א קוגעל געטראפען אבער ניט געטייטעט. עס זיינען פערגאנגען אייניגע מינוט, ביז ער האט זיך בעפרייעט פון די טויטע, וואס זיינען געלעגען אויף איהם. ער האט אנגעהויבען צו קריעכען אויף אלע פיער און האט געוואלט ערגעץ אוועק קריעכען. באלד אבער האבען איהם זיינע קרעפטע פערלאזען און ער איז ווידער געפאלען.

— איך בין פערלארען! האט ער געמורמעלט. מען וועט מיך געפינען און מען

וועט מיך ווידער טייטען! אך, גאָט! דוא ביסט אונגערעכט געגען מיר!

מיט דיזע ווערטער איז ער אין אָהנמאכט געפאלען און איז געבליעבען ליעגען, וויא א שטיין.

פון דיא ארקעס פון דער קירכע זיינען אין דיזער מינוט ארויסגעגאנגען צוויי מענער. זיי זיינען געווען פערהילט, אז עס איז געווען אונמעגליך צו זעהן זייערע געזיכטער. וויא עס ווייזט אויס, זיינען זיי שוין לאנג געשטאנען אין דער ארקע פון דער קירכע און האבען געזעהן אלעס, וואס דאָ האט פאסירט. זיי זיינען גלייך צוגעגאנגען צו דעם האלב-טויטען מאן.

— ער לעבט! איך זאָג דיר, אז ער לעבט נאך, האט איינער געזאגט צום אנדערן אויפ'ן אויער.

— אלזא, לאמיר איהם נעהמען, וויא מען האט אונז געהייסען, האט דער אנדערער געענטפערט.

מעהר האבעןביידע מענער ניט גערעדט. איינער האט פון זיך אראָפּגענומען זיין מאנטעל און האט איהם אויסגעשפרייט אויף דער ערד. זיי האבען ארויפגעלעגט דעם טויטען אויפ'ן מאנטעל, האבען איהם איינגעהילט און פערפאקט, וויא מען פערפאקט א בינטעל סחורה, דאן האבען זיי איהם ארויפגעלעגט אויף דיא פלייצעס און זיינען שטילערהייט פערשוואונדען געוואָרען אין אן ענג און דונקעל געסעל פון דער שטאדט.

5טעס קאפיטעל.

דיא פראַנצויזען קומען קיין טשילי.

מיר האבען געזעהן, וויא אונזער פאריזער פריינד, דער גראף דע פרעבואַ קראנסעע און זיין מילך-ברודער, וואלענטין גילוא זיינען אוועקגעפאהרען פון פראנקרייך.

קוים זיינען זיי געקומען אויפ'ן שיף, זיינען זיי געוואָרען עמיגראנטען. דער גראף האט איבערגעלאָזען זיינע טיטולען און זיין יחוס אויפ'ן דאק פון מארסייל. וואלענטין גילווא איז קיין מאל ניט געווען קיין אריסטאָקראט און דאָך איז ער געוואָרען אויפ'ן שיף אן עמיגראנט.

פון מארסייל קיין טשילי איז א וויטער וועג. היינטיגע צייטען, ווען מיר האבען גוטע דאמפפשיפען, געדויערט דיא רייזע זעקס — אכט וואכען. אין 1835 האט אזא רייזע געדארפט דויערן דריי מאָנאט. פאהרען דריי מאנאטע נאך אנאנד אויף א זעגעל-שיף און נאך דריטער קלאַסע איז פאר א מענשען, וויא דער געוועזענער גראף, געווים געווען אן אונגעהייערע פלאגע.

ער איז געוואוינט געווען אויף דיא גלאטע פארקעטען פון פאריז, אין דיא רייכסטע און שעהנסטע זאלען און פלוצלונג דארף ער זיך וואלגערן אויף דיא הארטע ברעטער פון א קאַיע דריטער קלאַסע פון אן עמיגראנטען שיף.

דיא ערשטע עטליכע טעג איז ער געלעגען וויא א טויטער. ער האט שטארק געליטען פון דער זעע-קראנקהייט. ווען ער איז געוואוינט געוואָרען צום מעער און דיא זעע-קראנקהייט האט אפגעטרעטען, האט ער ניט געהאט וואס צו עסען. ער

איז געוואוינט געוועז צו עסען דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, וואס א גוטער פראנצייזישער קאך קען נור מאכען און יעצט האט ער זיך געמוזט בעגניגען מיט געזאלצענע פלייש און מיט אנדערע געשמאקע שפייזען, וועלכע מען גיט דיא פאסאזשירען דריטער קלאסע פון אן עמיגראנטען-שיף.

וואלענטין גילוא דאגעגען איז געוועזען אויפ'ן שיף, וויא ביי זיך אין דער היים. ער איז ניט איין מאל געפאהרען ארפ'ן מעער און איז געפאהרען אלס סאלדאט, פאר וועלכע מען מאכט געוועהנליך קיינע גרויסע געריכטען אויף דיא שיפען.

ער האט ניט געליטען קיין זעע-קראנקהייט און האט געגעסען, וואס מען האט איהם געגעבען, מיט'ן גרעסטען אפעטיט. דאס האט געווירקט אויף זיין קאמעראד און מילך-ברודער. ער האט שוין אויף דעם שיף פערזוכט דעם זיסען טעם פון עמיגראנטען-לעבען אין אמעריקא. וואלענטין איז פון איהם ניט אפגעטרעטען, האט איהם געצוואונגען צו עסען און צו טרינקען, וואס מען האט געגעבען און האט איהם געגעבען דיא ערשטע לעקציאנען, וויא אזוי צו פיהרען א נייעם לעבען פון מיה און שווערע ארבייט.

צו ביסלעך-ווייס איז דער גראף געוואוינט געווארען צו אלעמען. עס האט איהם ענדליך אליין געפרעהט, וואס ער קען עסען א שטיק שווארצעס ברויט מיט געזאלצענען פלייש.

וואלענטין איז געוועזען שטענדיג פרעהליך און לוסטיג, גלייך וויא ער פאהרט אויף א האכצייט. לואיס קראנסעע, דער געוועזענער גראף, איז ענדליך אויך פרעהליך געווארען.ביידע האבען געווארט מיט אונגעדולד דעם טאג, וואס זיי וועלען שוין אמאל אנקומען קיין אמעריקא. דארט וועט זיך ערשט אנהויבען פאר זיי א נייעס לעבען. דארט וואלגערט זיך גאלד אין דיא גאסען. אין א קורצע צייט וועלען זיי רייך ווערן. לואיס קראנסעע וועט געפינען דיא פרוי, וועלכע ער ליעבט, וועט זיא הייראטהען און וועט באלד צוריקפאהרען קיין פראנקרייך און וועט ווידער ווערן דער שטאלצער גראף דע פרעבוא-קראנסעע.

מיט דיעזע פרעהליכע געדאנקען איז לואיס קראנסעע געשטאנען אויפ'ן דעק פונ'ם שיף, ווען זיי זיינען צוגעקומען קיין וואלפאראיזא, דיא פארטשטאדט אין טשילי, נור איינינע מיילען וויט פון סאנט יאגא.

דעם 2טען פעברואר זיינען זיי ארויסגעפאהרען פון מארסייל און דעם 5טען מאי אין דער פריה זיינען זיי ענדליך אנגעקומען אין דאס גאלדענע לאנד.

קוים איז דאס שיף צוגעקומען צום ברעג, זיינען אונזערע צוויי רייזענדע געוועזען דיא ערשטע אראפצוגעהן פונ'ם שיף. זיי האבען זיך אביסעל אומגעקוקט אין שטאדט און האבען זיך בעראטהען, וואס זיי זאלען טהאן.

— דאס ערשטע מוזען מיר קויפען צוויי גוטע פערד, האט וואלענטין געזאגט. איידער מיר וועלען גיהן שארען גאלד אין אמעריקא, מוזען מיר אלעס קויפען פאר די פראנצויזישע גאלדענע נאפאלעאנ'ס, וועלכע מיר האבען מיטגעבראכט פון דער היים.

וואלענטין איז געוועזען א גוטער קענער אויף פערד. ער האט באלד אויסגעפונען

גוטע צוויי פערד, האט זיי געקויפט און האט בעצאהלט מיט פראנצויזיש גאלד. און דעם גאלדענעם לאנד מוז מען אויך פאר אלעם בעצאהלען מיט גאלד.

ווען זיי האבען שוין געהאט פערד, האבען זיי איינגעקויפט אנדערע זאכען, וועלכע זיינען נעטהיג אין אמעריקא, וויא צום ביישפּיעל, א פאַר גוטע זעקס־רעהריגע רעוואָלווערס, א פאַר גוטע צוויי־רעהריגע ביקסען און אנדערע קלייניגקייטען, וועלכע מען דארף אין אמעריקא, ווען מען לאזט זיך וואנדערן און מען ווייס אליין ניט, וואוהין מען געהט.

נאך דער לאנגער רייזע אויפ'ן שיף, האט מען געמוזט אריינגעהן אין א רעס־טאָראן און עפּעס עסען א פרישען מיטאג.

אזוי איז פערגאנגען דער טאָג. עס איז געוואָרען פינסטער. לואיס קראנסעע האט געוואלט נעכטיגען אין וואלפּאראיזאָ און ערשט מאָרגען אריינפאהרען אין סאנט יאגאָ, דיא הויפּט שטאָדט פון טשילי.

— ניין, האט געזאגט וואלענטין, וויא באלד מיר זיינען עמיגראנטען און זיינען געקומען זוכען גליק אין אמעריקא, מוזען מיר זיך געוועהנען צו פאהרען ביי נאכט. אזעלכע צוויי יונגע קערלע, וויא מיר זיינען, האבען ניט וואס צו מורא צו האבען צו פאהרען ביי נאכט.

דיא זון איז אונטערגעגאנגען, ווען זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון וואלפּאראיזאָ. לואיס קראנסעע האט געוואלט געבען זיין פערד דיא שפּאָרען, זיי זאלען אנקומען קיין סאנט יאגאָ, ווען עס וועט נאך זיין ניט גאנץ שפּעט.

— ניין, לואיס! האט וואלענטין געזאגט, לאמיר פאהרען לאנגזאם. עס איז א פערגניגען צו אטהעמען דיא זיסע, פרישע לופט פון דיא פעלדער און בלומען, ווען מען איז געוועזען פערשפּארט דריי מאנאטען אין דער פערדאָרבענער לופט פון אן עמיגראנטען שיף.

זיי זיינען געפאהרען לאנגזאם. אייגענטליך האבען זיי ניט געהאט צו וואס זיך צו איילען. זיי האבען דאך זאגאר ניט געוואוסט, וואוהין זיי פאהרען.

— נו! האט פּלוצלונג אויסגערופען וואלענטין. ענדליך זיינען מיר שוין זאַט גאלדענעם לאנד אמעריקא! יעצט וועלען מיר האבען נור איין ארבייט — צו עזאו ע' גאָלד.

— דוא רעדסט אלץ פון גאָלד, האט לואיס געענטפערט מיט א פאַראַגואַי. דוא ווייסט דאך, אז מיך האט געבראכט קיין אמעריקא א גאנץ אנדערע אורגואַי.

— דאָניאַ ראָזאריאָ? האט וואלענטין געפרעגט.

— מיין געליעבטע! האט לואיס געענטפערט.

— דיא וועלען מיר אויך געפינען. אין א מאָנאט וועלען מיר זיא געוויס ניאַווינען.

אזוי האבען דיא יונגע לייט געפּלוידערט, ביז עס איז געווארען גאנץ יוזעט אין דער נאכט און זיי זיינען אריינגעפאהרען אין דיא לעדיגע גאסען פון סאנט יאגאָ מיט א פאָר שטונדען שפּעטער, וויא עס האט זיך אפּגעשפּיעלט דיא שרעקליכע טראגעדיע, וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין פאָריגען קאפּיטעל.

6טעס קאפיטעל.

ד ע ר ר ע ט ע ר.

פינסטער און טרויעריג איז געווען דיא נאכט. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט וואלקענס, גלייך וויא ער האט ניט געוואלט זעהן, וואס דיא שלעכטע מענשען טהוען אויף דער ערד. דער מאנד האט ניט געלייכט, מען האט ניט געזעהן קיין שטערן.

אין דיא גאסען פון סאנט יאגא איז געווען פינסטער, אז מען האט זיך געקענט אן אויג ארויסנעהמען. אין אלע הייזער איז געווען פינסטער. קיין ליכט האט ניט געברענט אין קיין פענסטער. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג, וויא אויסגעשטארבען. נור און אין אייניגע ערטער האט מען געקענט הערן דיא שווערע טריט פון דיא סאלדאטען, וואס זיינען געשטאנען אויף דער וואך, וויא זיי האבען זיך ארומשפאציערט פון איין ארט צום אנדערן.

דיא צוויי מענשען, וועלכע האבען אויפגעהויבען דעם האלבטוידטען מאן אויף דעם פלאצא מאיאר און האבען איהם געטראגען אויף דיא פלייצעס, זיינען געגאנגען זעהר לאנגזאם און זעהר פארזיכטיג. ביים קלענסטען גערויש זיינען זיי געבליעבען שטעהן אדער זיי האבען זיך בעהאלטען הינטער א שטוב.

פון צייט צו צייט זיינען אנגעלאפען פאטרולען פון סאלדאטען אויף פערד מיט פאקעלן אין דיא הענד. קוים האבען דיא צוויי מענשען דערהערט דיא טריט פון דיא פערד, האבען זיי זיך אויסגעדרעהט אין אנאנדער געסעל און האבען אויסגעזוכט אן ארט, וואו זיי קענען זיך בעהאלטען, ביז דיא פאטרולען וועלען פאראיבער פאהרען.

זיי האבען זיך אזוי ארומגעדרעהט א לאנגע צייט, ביז זיי זיינען אנגעקומען אין איינע פון דיא ענגסטע און פערוואָרפענסטע געסלעך פון סאנט יאגא. דאָרט זיינען זיי געגאנגען לאנגזאמער און האבען עפעס ערווארטעט, ווייל זיי האבען זיך יעדעס מאל אפגערוהט און האבען זיך צוגעהערט.

פלוצלונג האט זיך אין איין ארט געעפענט א טהיר און א פרוי, געקליידעט אין ווייסען מיט דיא האר צולאזט אויף איהרע פלייצעס, מיט א ליכט אין דער האנד, האט זיך געוויעזען אויף דער שוועל.

דיא צוויי מענער האבען וואהרשיינליך ערווארטעט דיא פרוי, ווייל קוים האט זיא זיך געוויעזען אויף דער טהיר, האט איינער געגעבען א קרעכץ, וויא א נאכט-פויגעל. דיא פרוי, האט באלד פערלאשען דאס ליכט און האט געזאגט ניט גאנץ הויך:

— דיאָס פראָטעכא לא טשילי! (גאט זאָל בעשיצען טשילי!)

— דיאָס לאָ הא פראָטעגידאָ! (גאט האט זיא שוין בעשיצט!) האט געענטפערט דער מאן, וואס האט געגעבען א קרעכץ, וויא א נאכט-פויגעל.

— אך, גאט! האט אויסגערופען דיא פרוי מיט פרייד.

זיא איז צוגעלאפען צו דיא צוויי מענער און האט זיי געזאגט גאנץ שטיל:

— קומט אריין! שנעל, קומט אריין!

דיא צוויי מענער מיט זייער זאנדערבארען פאק אויף דיא פלייצעס האבען אנגעהויבען אריינצוגעהן אין שטוב.

— לעבט ער נאך? האט זיא געפרעגט מיט שרעקליכער אנגסט אין איהר שטימע.

— ער לעבט נאך! האט איינער פון דיא מענער געענטפערט קורץ און גלייכגילטיג.

קוים זיינען זיי אריינגעקומען אין פאָרהויז, האט דיא פרוי פערשלאָסען דיא טהיר, האט ווידער אנגעצונדען דאס ליכט און האט געפיהרט דיא צוויי מענער אין הויז.

דיא הייזער אין סאנט יאגא זיינען אלע גלייך. מיר האבען שוין געשריעבען, אז זיי האבען אלע נור איין שטאק. צוערשט קומט א גדעקטעס פאָרהויז, פון׳ם פאָרהויז געהט מען דורך א גאָרטען, בעפלאנצט מיט אלערליי טהייערע ביימער, וויא פאָמעראנצען, פאלמען, פאָמגראנאטען (מילגרוימען) און אנדערע ביימער. דער וועג פיהרט צו א גרויס צימער, דאס הויפטצימער פון׳ם הויז — דאס עס-צימער. פוןביידע זייטען הויף געפינען זיך קלענערע צימער: שלאָף-צימער, שרייב-צימער, שטודיר-צימער און צימער פאר געסט.

דאס הויז, אין וועלכע דיא צוויי מענער מיט זייער פאק זיינען אריינגעקומען, איז אויך געווען אזא הויז. עס איז אבער געווען אויסמעבלירט און פערציערט מיט אזא רייכקייט, אז א קייסער האט דארט געמעגט וואוינען.

דיא פרוי האט געעפענט א קליין צימעריל און האט א ווינק געטהאן דיא צוויי מענער, זיי זאלען אריינגעהן. זיי זיינען אריינגעגאנגען, האבען אניעדערגעלעגט זייער פאק אויף א רייך פערציערטעס בעט און זיינען ארויסגעגאנגען.

ניט זיי, ניט דיא פרוי האבען איינער צום אנדערן קיין ווארט ניט גערעדט. דיא גאנצע סצענע האט זיך אפגעשפיעלט שטיל און שטום, גלייך וויא עס וואלטען געווען וואקספיגורען.

דיא פרוי איז געבליעבען אליין מיט׳ן האלבטוידטען מאן. איינינע מינוטען איז זיא געשטאנען שטיל. זיא האט זיך צוגעהערט, ביז דיא טריט פון דיא צוויי מענער האבען זיך מעהר ניט געהערט אין הויף. ווען אלעס איז געוואָרען שטיל, איז זיא צוגעשפרונגען צו דער טהיר און האט זיא פערריגעלט און פערשלאָסען. דאן איז זיא צוגעקומען צום בעט, האט אראפגענומען פון׳ם פערוואונדעטען דעם מאנטעל און האט איהם א פאָר סעקונדען בעטראכט.

דיעזע פרוי איז אלט געווען א יאהר עטליכע און דרייסיג, אבער זיא האט אויסגעוויעזען ניט מעהר, וויא פון א יאהר פינף און צוואנציג. זיא איז געווען הערליך שעהן, איהר שטאָלצער בליק אבער און איהרע שנעלע בעוועגונג האבען געוויעזען, אז זיא איז געוואוינט צו הערשען און צו בעפעהלען.

דאס איז געווען איינע פון יענע שפאנישע שעהנהייטען, וועלבע מען קען גיכער האסען אלס ליעבען.

זיא האט געוואָרפען אויף דעם בלייכען, פערוואונדעטען מאן פינסטערע בליקע פון האס און פעראכטונג. פון מינוט צו מינוט האבען זיך איהרע לאנגע, ווייסע פינ-גער צוזאמען געצויגען. גלייך וויא זיא האט געוואלט מאבען א שטארקע פויסט און

דערוואַרגען דעם האַלב-טױדטען מאַן, װעלכער איז געלעגען אױסגעשטרעקט פאַר איהר.

זײנע אױגען זײנען געװען געשלאָסען און ער האָט זיך ניט גערירט, נור אַ שװאַכעס אָטהעמען האָט געצײגט, אַז דאָס לעבען איז נאָך ניט פערלאָשען אין דיעזען קערפּער.

— ענדליך האָב איך איהם אין דיא הענד! האָט דיא פרױ געזאָגט צו זיך אַלײן. ענדליך װעט ער מיר מוזען ענטפערן! ענדליך װעט ער מיר מוזען ערקלערן. —

זיא האָט אַרױסגעלאָזען אַ שװערן זיפץ און האָט װיעדער אַ קוק געטהאָן אױפ'ן פערװאונדעטען.

— אַך, מײן טאָכטער! האָט זיא געזיפצט. ער האָט בײ מיר אװעקגערױבט מײן טאָכטער! איך האָב איהם געבעטען, איך האָב געװײנט פאַר איהם, ער זאָל מיר אָפּגעבען מײן טאָכטער, מײן אײנציג קינד; ער זאָל מיר װעניגסטענס זאָגען, װאו מײן טאָכטער איז — עס האָט ניט געהאָלפען — ער איז געבליעבען טױב און שטום — יעצט איז ער אין מײנע הענד, יעצט מוז ער מיר אָפּגעבען מײן קינד — װען ניט, װעל איך איהם צוריק איבערגעבען צו זײנע הענקער. —

זיא האָט זיך אַנגעבױגען איבער איהם און האָט בעטראַכט זײן װאונד. ער איז געװען פערװאונדעט אין דער פּלײצע. עס איז געװען דײטליך, אַז דיא סאָלדאַטען, װאָס האָבען געשאָסען אױף איהם, האָבען זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה, זײ זאָלען איהם נור גאַנץ לײכט פערװאונדען.

זיא האָט בעטראַכט זײנע װאונדען מיט אַ קענער אױג פון אַ גוטען דאָקטאָר.

— דיעזע װאונדען זײנען גאָר נישט, האָט זיא ענדליך געזאָגט. ער איז געפאַלען אין אָהנמאַכט פאַר שרעק און ער האָט פערלאָרען פיעל בלוט. — דיא טײפעל! איך האָב זײ אַנגעזאָגט, זײ זאָלען איהם פערװאונדען נור אין אַ האַנד און זײ האָבען איהם געטראָפען אין דער פּלײצע. — דאָס איז אָבער אױך אַ קלײניגקײט! פון אַזאַ װאונד שטאַרבט מען ניט.

זיא האָט זיך װיעדער פערטראַכט.

— װעט ער מיר אָבער ענטפערן? װעט ער ניט לאַכען פון מיר? — אַך, װעה איהם, װען ער װעט מיר ניט ענטפערן! איך װעל איהם װײזען, װאָס אַ געקרענקטע מוטער קען! איך װעל איהם װײזען, װאָס אַ בעלײדיגטע פרױ קען! ער האָט מיך געזעהן ביז אָהער אַלס שװאַכע און ביטענדע פרױ. איך האָב ביז אָהער נור געװײנט און געבעטען מיט גוטע. יעצט װעל איך מעהר ניט בעטען. איך װעל מיך שטעלען פאַר איהם מיט אַ מעסער אין דער האַנד און װעל זאָגען:

— גיב מיר אָפּ מײן טאָכטער אָדער דו שטאַרבסט פון מײן האַנד!

זיא איז צוגעלאָפען צו אַ קאָמאָד אין עק צימער, האָט איהם געעפענט און האָט אַרױסגענומען פון אַ שובלאַדע אַ קלײן פלעשעלע פון רײנעם געשליפענעם גלאָז. זיא האָט לאַנגזאַם אַרױסגענומען דאָס פערשטעקעל און האָט צוגעלעגט דאָס אָפענע פלעשעלע צו דער נאָז פון'ם האַלב טױטען מאַן.

זיא האָט געהאַלטען דאָס פלעשעלע בײ זײן נאָז אַ פּאָר מינוטען. דאַן האָט זיא עס צוגענומען, האָט עס װיעדער גוט פערשטעקט, האָט עס געשטעלט צוריק

אויף זיין אָרט און האט זיך געזעצט לעבען בעט זעהן, וואס פאר א ווירקונג דיא מעדיצין וועט האבען.

דער פערוואונדעטער האט באלד אנגעהויבען צו אטהעמען טיעפער, זיין קערפער האט אנגעהויבען צו מאכען גאנץ שוואכע בעוועגונגען. צוערשט האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען א האנד, זיא האט געוואלט זיך אנחאפען אן דער וואונד. זיא איז אבער נאך געווען צושוואך דערצו. דאן האט זיך דער קאפ א ריהר געטהאן. ענדליך האט דער פערוואונדעטער געגעבען א טיעפען זיפץ — און האט געעפענט דיא אויגען.

א פּאָר סעקונדען האבען דיא אויגען געקוקט ווילד און דערשראקען, דאן האט ער געזאגט מיט א שטילער, גאנץ שוואכער שטימע:

— וואו בין איך?

— אין זיכערהייט, האט דיא פרוי געזאגט רוהיג.

דיא שטימע פון דיעזער פרוי האט געווירקט אויף פערוואונדעטען, וויא אן עלעקטרישער שלאג. ער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע און האט אויפגע-הויבען דעם קאפּ. אויף זיין געזיכט האט זיך אויסגעדריקט שרעק, עקעל, אבשיי-צארן, טרויער און פערצווייפלונג.

— ווער רעדט עס צו מיר? האט ער געפרעגט מיט א דומפּפער שטימע.

— איך! האט דיא פרוי געענטפערט שטאָלץ:

— אך, דוא! שוין ווידער דוא? —

— יא, איך, דאן טאדעאָ! האט דיא פרוי געזאגט מיט א וויבער, מילדער שטימע. איך בין עס, וועלכע איהר האט פעראכטעט, וועלכע איהר האט אויסגע-לאכט און פערשפּאָטעט — און דענאך האב איך היינט אייך גערעטעט דאס לעבען!

— אייך איז עס געווען זעהר לייכט, מאדאם, האט דער קראנקער געזאגט מיט א שניידענדער שטימע. געוויס, איז עס אייך געווען זעהר לייכט, איהר שטעהט דאך אזוי נאהענט צו אונזערע הענקער (תליונים)....

דיא פרוי איז געווארען רויט, וויא פייער. איהרע אויגען האבען געשאסען בלי-צען און איהרע הענד האבען געציטערט.

— קיינע בעליידיגונגען, דאן טאדעאָ! האט זיא אויסגערופען. איך בין א פרוי און איהר געפינט זיך אין מיין הויז!

— אך, איך ווייס עס! האט ער געזאגט מיט ביטערן שפּאָט. איך האב עס נור אויף א מינוט פערגעסען, אז איך בין ביי אייך אין הויז. — טרייבט מיך ארויס, מאדאם! ווארפט מיך ארויס!

— אייל דיך ניט אזוי, דאן טאדעאָ! האט דיא פרוי געזאגט. דוא ביסט קראנק, דוא קען סט ניט געהן וויט, דיינע פיינד וועלען דיך אויפפאנגען און דאס מאל וועלען זיי שוין טרעפען דיר אין קאָפּ, ניט אין דער פּלייצע.

— ווער זאגט אייך, מאדאם, אז מיר איז ניט ליעבער דער טוידט, אלס צו בלייבען אין אייער הויז? האט דאן טאדעאָ געפרעגט מיט א ווילדען געלעכטער.

דיא פרוי איז אויפגעשטאנען פון איהר שטוהל און האט זיך געשטעלט לעבען איהם.

— הער מיך נור אויס, דאן טאדעאָ! האט זיא געזאגט פעסט און ענטשלאָסען. איך ווייס, אז מיר זיינען ווייט איינער פון׳ם אנדערן, וויא דער הימעל פון דער ערד; איך ווייס, אז מיר קענען מעהר ניט זיין און דארפען מעהר ניט זיין אונטער איין דאך. מיין ניט, אז א צופאל האט אונז היינט צוזאמען געבראכט. מיין קלוגער קאפ און עטליכע טויזענד גאלד פּעזאס (אזא מטבע) האבען אונז צוזאמענגעפיהרט.

איך האב אונטערגעקויפט דעם אפיציער און דיא סאָלדאטען, וואס האבען היינט געשאסען דיא פעראורטהיילטע, אז זיי זאלען דיך נור לייכט פערוואונדען. איך האב אונטערגעקויפט דיא גייסטליכע און דיא מענבע, אז זיי זאלען דיא געשאָסענע ניט אזוי גיך אריינלעגען אין דיא קאַסטענס און זיי בעגראָבען. איך האב ענדליך געדונגען מענשען, אז זיי זאלען דיך צונעהמען פון דיא טויטע און זאלען דיך ברענגען אהער.

עס האט מיך געקאָסט גענוג מיה און גאָלד, ביז איך האב דיך געבראכט אהער. צו וואָס האב איך עס אלעס געטהאן? — דוא ווייסט עס! איך פערלאנג פון דיר דיא ערקלערונג, וועלכע דוא האסט מיר ביז אהער ניט געוואלט געבען. דוא ביסט יעצט ביי מיר אין דיא הענד. דוא קענסט זיך פון מיר ניט אויסדרעהן. זאג מיר, וואס איך פערלאנג פון דיר און מיר וועלען זיך צונעהן, יעדער אין זיין וועג. מיר וועלען זיך שוין קיין מאל ניט בעגעגנען. גוטע פריינד וועלען מיר שוין אייביג ניט זיין, אבער מיר וועלען ניט האסען איינער דעם אנדערן. מיר וועלען זיך אויסמיידען.

זאג מיר, דאן טאָדעאָ, וואס איך פערלאנג פון דיר! זאג עס מיר אויס דאנקבארקייט! דוא דארפסט דאך וועניגסטענס מיר דאנקבאר זיין, וואס איך האב דיר געראטעט דאס לעבען.

— מיינט איהר, מאדאם, אז איהר האט מיר געטהאן א גרויס געפעלינקייט, וואס איהר האט מיר געראטעט דאס לעבען? האט דאן טאדעאָ געפרעגט ביטער.— ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט מיר צו ראטען דאס לעבען? - איהר קענט מיך גוט, מאדאם! איהר ווייסט, אז איך קען ניט אננעהמען קיין געפעלינקייט פון דער געליעבטער פון גענעראל בוסטאמענטע, דעם אונטערדריקער פון מיין פאָטערלאנד, וועלכער האט ערשט ניט לאנג געהייסען שיעסען צעהן פון דיא עדעלסטע און בעסטע מענער פון משילי. ניין, מאדאם! אזעלכע געפעלינקייטען קען איך ניט אננעהמען! ניט פון אזא האנד קען איך אננעהמען אזא געשענק, וויא מיין לעבען.— נעהמט אייך אייער וועג, מאדאם! — א וועג פון שאנדע און בלוט. — צווישען אונזביידען איז אלעס אויס! אלעס געענדיגט!

ער האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, גלייך וויא ער האט זיא געוואלט אוועקטרייבען פון זיך.

דיא פרוי האט געציטערט, ווען ער האט גערעדט. איהרע אויגען האבען געשפריצט פייער. גרויסע טראפען שוויים האבען זיך אראפגעקייקעלט פון איהר

שמערץ. איהרע באַקען האבען געפלאַמט און איהר בוזעם האט זיך שווער בעוועגט.

ווען ער האט געענדיגט זיין רעדע, האט זיא אנגעהאַפט זיין האַנד און האט זיא צוגעפרעסט צו איהר הארצען. דאן האט זיא זיך אנגעבויגען נאָנץ נאָהענט צו איהם, אז איהר געזיכט האט אנגעריהרט זיין הארצען און האט געזאגט מיט טרעהרין איהר שטימע:

— האָסט דוא שוין אלעס ארויסגעזאגט? האָסט דוא מיך שוין גענוג בעליידיגט? האָסט דוא נים נאָך עפּעס מיר צו זאָגען?

— איך האב מעהר נאר נים אייך צו זאגען, מאדאם! האט דאן טאדעאָ געענטפערט פעסט. איך האב שוין אלעס געזאגט. יעצט שיקט אריינרופען אייערע מערדער, לאזען זיי מיך טויטען. איך בין בערייט צו שטארבען.

7טעם קאפּיטעל.

מאַן און פרוי.

מיר מוזען יעצט בעקענען דעם לעזער מיט דיא צוויי נייע פּערזאָנען, וועלכע מיר האבען פאַרגעשטעלט אין פאָריגען קאפּיטעל. וויא דיא לעזער האבען בעמערקט, האט דיא פרוי גערעדט צום פערוואונדעטען מיט „דוא“ און ער האט איהר אלין געענטפערט מיט „איהר“ און „מאדאם“. דיא לעזער קענען דענקען, אז דאס זיינען צוויי פרעמדע מענשען.

ניין, דאס זיינען מאַן און פרוי.

דאן טאדעאָ דע לעאָן איז איינער פון דיא עדעלסטע און רייכסטע מענער אין טשילי. ער שטאמט אפּ פון אן אלטער גראפען פאמיליע אין שפּאַניען. זיינע עלטערן זיינען געשטארבען, ווען ער איז נאך געווען א גאנץ יונגער מאַן און האבען איהם איבערגעלאזען א גרויס פערמעגען. ער איז געווען זייער איינציג קינד. דאן טאדעאָ האט נים פערשוואָנדעט זיין פערמעגען. ער האט געררייזט און האט געלערנט.

ער האָט שטודירט מעדיצין אין קאלומביא קאלעדש אין ניו יאָרק, דאן האט ער שטודירט אנדערע וויסענשאפטען אין פּאַריז און אין לאנדאן. ער האט געזעהן דיא וועלט און האט זיא פערשטאַנען.

ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים, האט ער זיך געווארפען צו דער פּאליטיק. ער האט געוואָלט, אז זיין פאטערלאנד זאל זיין פריי און רעגיערט ווערן, וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען. אין דערזעלבער צייט האט ער זיך בעשעפטיגט מיט זיינע גיטער. ער האט געהאט א גרויס שטיק לאנד אין טשילי און אייניגע מינען, פון וועלבע מען האט געגראבען קופּער. ער האט געטהאן אלעס, וואס ער האט נור געקענט אום צו ערלייכטערן זיינע ארבייטער און זיי צו פּערזארגען.

אויף איינעם פון זיינע גיטער האט געוואוינט אן ארימער פּארמער. דאן טאדעאָ פלעגט אָפט קומע צו איהם, ווען ער פלעגט ארומפאהרען אויף זיינע גיטער, און פלעגט ביי איהם עסע און זיך אפּרוהען. דיעזער פּארמער האט געהאט א טאכטער, מאריא. זיא איז געווען זעהר שעהן און האט געהאָלפען איהר פאטער אין זיינע ארבייטען. דאן טאדעאָ האט זיך אין איהר פערליעבט און האט זיא געהייראטהעט.

ער האט אויסגעבויט פון איהרעטוועגען א רייכען פאלאץ אין סאנט יאגא און האט איהם אויסגעציערט מיט א קייזערליכע רייכקייט און הערליכקייט. ער האט געליעבט זיין פרוי, וויא אן עדעלער מאן קען נור ליעבען. זיא האט נור געדארפט א ווינק טהאן, אז זיא וויל עפעס און עס איז באלד בעשאפען געווארען.

אבוואהל זיא איז געווען דיא טאכטער פון אן ארימען פארמער און איז געווען ווייניג געבילדעט, האט דאן טאדעא זיא דאך איינגעפיהרט און דיא בעסטע געזעל-שאפט פון סאנט יאגא און האט איבעראל שטאלצירט מיט זיין פרוי, פאר וועלכע ער איז בערייט געווען אפצוגעבען זיין לעבען.

דאניא מאריא אבער איז געווען א גאנץ אנדערער כאראקטער. זיא האט גע-נעהייראטהעט דאן טאדעא, ווייל ער איז געווען רייך און אנגעזעהן אין דער וועלט. זיא האט זיך פארגעשטעלט, אז זיא ליעבט איהם, אין דער וואהרהייט אבער האט זיא איהם בעטראכט אלס א שקלאף, וועלכער מוז בעפריעדיגען אלע איהרע קאפ-ריזען. זיא האט פערשוועגדעט געלד אויף קליידער, בריליאנטען און עקיפאזשען. זיא האט געוואלט לעבען אלס גרויסע דאמע, אלס אריסטאקראטין.

איהר איז ניט געפעלען ניט דאן טאדעא'ס אידעען איבער פרייהייט, ניט זיינע קענטניסע, ניט זיין גוטער, עדעלער כאראקטער, ניט זיין בענעהמען געגען זיינע פארמער און זיינע ארבייטער. זיא האט זאגאר פראבירט איהם איינצורעדען, ער זאל שינדען דיא הויט פון זיינע פארמער'ס און פון זיינע ארבייטער. אין דיעזען פונקט אבער איז דאן טאדעא געבליעבען פעסט און האט איהר ניט נאכגעגעבען.

א יאהר נאך זייער הייראטהען האט דאניא מאריא געהאט א קינד, א מעדכען זיא האט געוואלט אוועקגעבען דאס קינד צו אן אמע, דאן טאנדעא אבער האט עס ניט דערלאזען.

יעדע מוטער מוז אליין אויסזייגען איהר קינד, האט ער געזאגט, אלס דאקטאר, און דערביי איז עס געבליעבען.

דאניא מאריא האט אליין געמוזט ערציעהען איהר קינד, זיא האט עס אבער געטהאן זעהר נאכלעסיג, ווייל זיא האט בעסער געוואלט בעזוכען טהעאטערע און באללען, אלס זיצען מיט איהר קינד און עס ערציהען.

צווישען מאן און פרוי פלעגט אפט ארויסקומען אונאנגנעהמליכקייטען צוליעב דיעזעם קינד. דיא פרוי האט ליעב געהאט פערגניגען און צו גלענצען אין דער וועלט מיט איהרע בריליאנטען און מיט איהרע רייכע קליידער.

איינגע יאהר נאך זייער הייראטהען האט זיך דאניא מאריא בעקענט אויף א באלל מיט א יונגען און גלענצענדען אפיציער מיט'ן נאמען בוסטאמענטע און האט זיך אין איהם פערליעבט, ריכטיגער געזאגט, ער האט זיך אין איהר פערליעבט.

איין מאל איז דאן טאדעא פלוצלונג געקומען אהיים אין א צייט, וואס ער פלעגט קיין מאל אין דער היים ניט זיין און האט געטראפען זיין פרוי מיט'ן אפיציער בוסטאמענטע אין אזא לאגע, וועלכע האט איהם דייטליך געזאגט, אז ער איז דא איבעריג.

ער איז אוועקגעגאנגען און האט ניט גערעדט א וואָרט. ער האט שוין דער־קענט, וואס פאר א פרוי ער האט. מיר ווילען ניט בעשרייבען, וואס דאן טאַדעאָ האט געליטען און וויא אזוי ער האט עס איבערגעטראגען.

איין זאך האט איהם געקרענקט און האט איהם ניט געלאָזען רוהען — זיין קינד, זיין טאָכטער, זיין איינציגעס קינד. וואס קען ווערן פון א קינד ביי אזא מוטער? דיעזע געדאַנקען האט איהם פערפאָלגט און האט איהם ניט געלאזט לעבען. ביז ער האט איין מאל אפגעהיט א צייט, ווען זיין פרוי איז ניט געווען אין דער היים. ער איז אריינגעקומען, האט צוגענומען דאס קינד, וועלכעס איז דאמאלס אלט געווען אכט יאהר, און איז מיט איהר פערשוואונדען געווארען.

ווען דאניא מאריא איז געקומען א היים און האט ניט געפונען איהר קינד, איז זיא שיער ניט וואהנזיניג געווארען פאר שמערץ. דאן טאַדעאָ האט זיא געצוואונגען, זיא זאל דאס קינד ערציעהען און ליעבען. זיא האט פערשטאנען, אז דאן טאַדעאָ האט עס צוגענומען און האט געזוכט אלע מעגליכע מיטעל איהם צו בעגעגנען און איהם צו בעטען, ער זאל איהר אפגעבען איהר קינד אדער ער זאל איהר וועניגסטענס זאגען, וואו דאס קינד געפינט זיך.

דאן טאַדעאָ פלעגט איהר ענטפערן מיט ביטערן שפאָט. זיא האט פון איהם ניט געקענט ארויסקריעגען קיין וואָרט איבער איהר קינד. עס האט ניט געהאלפען ניט איהר בעטען ניט איהר וויינען, ניט איהר דראָהען. דאן טאַדעא פלעגט זיא אויסמיידען וויא דיא פעסט.

דאס איז אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון דיעזע צוויי מענשען, וועלכע געפינען זיך יעצט אויף אזא זאנדערבארע ארט אין איין צימער ביי דאניא מאריא אין הויז.

— שיק רופען דיא מערדער, האט דאָן טאַדעאָ געזאגט, איך ווארט אויף זיי.

— דאָן טאַדעאָ! האט דיא פרוי געבעטען. פאר וואס זאלסט דוא האבען אזא שלעכטע מיינונג פון מיר? איך בין גאר ניט אזוי שלעכט, וויא דוא מיינסט. — וויא קענסט דוא דענקען, אז איך האב דיך גערעטעט פון טויט, נור אום איך זאָל דיך וויעדער איבערגעבען צו דיינע הענקער?

— ווער קען עס וויסען? האט דאן טאַדעאָ געענטפערט מיט ביטערן שפאָט, א פרוי פון דיין כאראַקטער איז אויף אַלעס פעהיג.

— דאָן טאַדעאָ! איך ווייס, אז איך בין שולדיג געגען דיר. איך ווייס, אז איך האב זעהר שלעכט געהאנדעלט געגען דיר. בעדענק, אז איך בין נור א שוואַכע פרוי. דוא אבער ביסט א שטארקער און געלערנטער מאַן. פאסט עס פאר א שטארקען און געלערנטען מאַן, וויא דוא ביסט, צו בעליידיגען א פרוי, זאגאר ווען זיא האט אונרעכט? — פערגעס ניט, אז איך בין דאָך דיין פרוי, אז איך טראג נאך דיין נאמען.

— איהר האט פאָלקאָמען רעכט, מאדאם, האט דאן טאַדעא געענטפערט. ענטשולדיגט מיר! איך בין געווען צו ראַש, איך האב אייך ניט געדארפט בעליי־דיגען און האב אייך ניט געטאָרט בעליידיגען. איך בעט אייך טויזענד מאל אום

ענטשולדיגונג. איך דאנק אייך ווייטער דערפאר, וואס איהר האט מיר גערעטעט מיין לעבען. אזוי וויא אבער מיר ביידע קענען מעהר ניט וואוינען אונטער איין דאך, בעט איך פון אייך א געפעלינקייט, איהר זאָלט מיך לאָזען געהן, וואוהין איך וועל קענען.

ער האט אנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטען און האט זיך אויפגעהויבען.

— ווארט, דאן טאדעאָ, האט דיא פרוי געבעטען. זאג מיר וועניגסטענס איין וואָרט: וואס מאכט מיין טאָכטער?

— זיא איז טויט.

— טויט? האט אויסגערופען דיא פרוי. דאס קען ניט זיין!

— זיא איז טויט פאר אייך, האט דאן טאדעאָ געענטפערט רוהיג.

— אך, שלעכטער, בייזער מענש! ווערסט דוא מיך אייביג אזוי שטראפען?

דאָן טארעאָ האט זיך יעצט אויפגעזעצט אויף זיין בעט און האט א שאָקעל געטהאן מיטן קאָפּ.

— הער נור, דאָן טאדעאָ! איך בעט שוין ביי דיר קיין געפעלינקייט, האט דאָניא מאריא געזאגט, איך וויל מיט דיר מאכען א האנדעל — א געשעפט.

— א האנדעל? — א געשעפט? האט דאן טאדעאָ געלאכט.

— פאר וואס ניט?

— דאס איז זאָנדערבאר!

— הער אויס פריהער, דאן ווערסט דוא אורטהיילען, אויב עס איז זאָנדערבאר אדער ניט.

— איך הער אויס, עס ווערט אבער שפעט, איך מוז נאך היינט אוועקגעהן פון דיעזעם הויז.

— איך וועל זיין גאנץ קורץ.

— אלזא, רעד.

— דאן טאדעאָ, האט דיא פרוי אנגעהויבען צו רעדען. זייט מיר דיינען זיך צונאנגען, זיינען פאָרגעקומען אין אונזער לעבען זעהר וויכטיגע פערענדערונגען —

— דאס וייס איך, האט זיא דאָן טאדעאָ אונטערבראָכען.

— פון מיר אליין וויל איך ניט רעדען. איהר ווייסט, וויא אזוי איך האב גע-לעבט דיא גאנצע צייט.

— איך ווייס גאר ניט.

דיא פרוי האט אויף איהם געוואָרפען א ווילדען און בייזען בליק.

— ניט פון מיר איז יעצט דיא רעדע. איך רעד פון אייך, דאָן טאדעא —

— פון מיר? וואס האט איהר צו רעדען פון מיר, מאדאם?

— איך האב וואס צו רעדען פון אייך אויך, האט דיא פרוי געענטפערט. דיא וועלט מיינט, אז איהר האט זיך אין גאנצען אפגעגעבען דער פאָליטיק און דער ליעבע צו אייער פאטערלאנד. איך ווייס אבער, אז איהר געפינט נאך צייט פאר אנדערע פערגעניגען. —

— וואס מיינט איהר דערמיט, מאדאם? האט דאן טאדעא געפרעגט ער־שטוינט.

— איך מיין, אז איהר פערשטעהט מיך.

— מאדאם! — איך פערשטעה אייך ניט!

— נו, וועל איך עס אייך ערקלערן. איהר האט זיך איבערצייגט, אז ניט אלע פרויען זיינען פאלש, אז עס זיינען נאך דא צווישען זיי ריינע, עדעלע נאטורען, און איהר האט זיך פערליעבט אין א יונגעס מעדכען —

דאן טאדעא איז געווארען אונרוהיג ביי דיא לעצטע ווערטער פון זיין פרוי. איבער זיין געזיכט האט זיך געוויעזען א פינסטערער וואלקען.

— וואס רעדט איהר? מאדאם? האט ער אויסגערופען. וואס ווייסט איהר? —

— איך ווייס, אז דאס יונגע מעדכען הייסט דאניא ראזאריא דעל וואלע, האט דיא פרוי געענטפערט גאנץ רוהיג. עס איז גאר קיין נייעס ניט. דיא גאנצע שטאדט ווייס דערפון, מען רעדט דערפון אין אלע הייזער.

דאן טאדעא האט געוואלט אויפשפרינגען פון׳ם בעט. דאניא מאריא האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און האט געזאגט מיט א ביטענדער שטימע:

— דאן טאדעא! עס הארט מיך ניט, וואס איהר ליעבט דיעזעס מעדכען. איך האב קיין רעכט אייך עפעס צו זאגען. איך בעט אייך נור, גיט מיר אפ מיין טאכטער, דאן וועט אייער ליעבע צו דאניא ראזעריא זיין הייליג פאר מיר און פאר אנדערע. — ווען ניט —

— איהר האט א גרויסען טעות, מאדאם, איך זאג אייך, אז איהר זייט אין אירדטהום.

— איבערלעגט אייך, דאן טאדעא! האט דיא פרוי געזאגט הארט. אין דער צייט, וואס מיר רעדען דא, געפינט זיך אייער געליעבטע אין דיא הענד פון מיינע אגענטען. —

— וואס רעדט איהר? האט דאן טאדעא אויסגערופען מיט פערצווייפלונג.

— איך ווייס, וואס איך רעד, האט יעצט דאניא מאריא געענטפערט רוהיג. איך האב געשיקטע מענשען, זיי זאלען ברענגען אהער דאס מעדכען, וואס איהר ליעבט — דאניא ראזאריא דעל וואלע. אין איינינע מינוט וועט מען זיא ברענגען. — איך וואָרן אייך נאך א מאל, דאן טאדעא! גיט מיר אפ מיין טאכטער און איך וועל אייך אפגעבען אייער געליעבטע, אדער —

— און ווען איך וועל אייך ניט אפגעבען אייער טאכטער, וואס וועט איהר טהאן? האט דאן טאדעא געפרעגט שטאלץ.

— דאן וועל איך טויטען אייער געליעבטע, האט זיין פרוי געענטפערט רוהיג און ענטשלאסען.

דאן טאדעא האט איהר געקוקט איינינע מינוטען גלייך אין דיא אויגען, דאן האט ער ארויסגעלאזען א טרוקענעם, ביטערן געלעכטער.

— אזוי? איהר וועט זיא טויטען? — אונגליקליכע פרוי וואס איהר זייט! טויטעט זיא. רופט אריין אייערע מערדער און טויטעט זיא!

דאניא מאריא איז אויפגעשפרונגען, וויא א גערייצטע טיגערין.

— דאס איז שוין צופיעל! האט זיא אויסגערופען.

זיא איז צוגעלאָפען צו דער טהיר, האט זיא אויפגעשלאָסען און האט זיא געעפענט.

— קומט אריין! האט זיא גערופען אין הויף.

צוויי מענשען מיט מאסקעס אויף דיא געזיכטער, מיט שארפע מעסער אין דער האנד זיינען אריינגעקומען אין צימער און זיינען געבליעבען שטעהן אויף דער טהיר.

— אה! יעצט דערקען איך אייך, דאניא מאריא! האט דאן טאדעאָ אויסגערופען. יעצט האט איהר ארויסגעוויעזען, ווער איהר זייט.

דיא פרוי האט געגעבען א צייכען. דיא צוויי מערדער זיינען צוגעגאנגען צום פערוואונדעטען דאן טאדעאָ.

8טעס קאפיטעל.

דיא דונקעלע הערצער.

ווען מיר האבען געשריעבען, אז ווען דיא מענגע איז זיך צוגאנגען נאָכן שיעסען פון דיא צעהן פאטריאטען, איז דער פלאצא מאיאר געבליעבען גאנץ לעדיג, איז עס ניט געווען גאנץ ריכטיג.

מיר האבען שוין געזעהן, וויא פון דער ארקע פון דער קירכע זיינען ארויסגעגאנגען צוויי מענשען און האבען אוועקגעטראגען דעם האלב טויטען דאן טאדעאָ.

אבער ניט נור דיעזע צוויי מענשען אליין זיינען געווען אויפ'ן פלאץ. קוים איז זיך דיא מענגע צוגאנגען, האבען אנגעהויבען ארויסצוקריעכען פון קעלערס און פון דיא הויפען פון דיא הייזער ארום דונקעלע געשטאלטען, פערהילט פונ'ם קאָפּ ביז אין דיא פיס און האבען אנגעהויבען צו צוגעהן שטילערהייט צו דעם אָרט, וואו עס זיינען געפאלען דיא מארטירער פאר זייער פאטערלאנד.

זיי האבען געזעהן, וויא דאן טאדעאָ האט זיך אויפגעהויבען, זיי האבען געזעהן, וויא דיא צוויי מענשען האבען איהם אוועקגעטראגען. און איינינע זיינען נאכגעגאנגען דיא צוויי מענשען, וואס האבען איהם אוועקגעטראגען. אנדערע אבער זיינען צוגעגאנגען צו דיא טויטע, האבען זיי בעטראכט און האבען צוגעלעגט דיא הענד צו זייערע הערצער.

— נור איינער איז געבליעבען לעבען, האט איינער געזאגט צום אנדערן גאנץ שטיל אויפ'ן אויער. דיא אנדערע זיינען טויט. דיא טיראניי האט געזיעגט. ניין פון אונזערע בעסטע און עדעלסטע מיטגליעדער זיינען טויט, געפאלען פון דיא הענד פונ'ם מערדער.

ווען זיי האבען זיך איבערציינט, אז זיי קענען שוין דא גאר ניט העלפען, זיינען זיי זיך צוגאנגען שטילערהייט. זיי זיינען אבער ניט געגאנגען אהיים. זיי זיינען צוגעגאנגען צו דעם מאנאסטיר, פון וואנען מען האט ארויסגעטראגען דיא קאסטענס, האבען זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און איינער פון זיי האט אנגעהויבען צו קראַצען דיא וואנט.

— ווער איז דארט? האט געפרעגט א גאנץ שטילע שטימע פון אינעווענינ.

— מענשען, פאר וועלכע דיא נאכט איז ניט פינסטער, האט געענטפערט דער מאן, וואס האט געקלאפט אין דער וואנד.

— וואס דארפט איהר? האט ווייטער געפרעגט דיא שטימע פון אינעווענינ.

— שטעהט דען ניט געשריעבען אין דיא הייליגע ביכער: קלאפט אן, וועט מען אייך עפענען? האט דער מאן געענטפערט.

— אונזער פאטערלאנד! האט דיא שטימע פון אינעווענינ געזאגט.

— און ראכע! האט דער מאן פון דרויסען געענטפערט.

א פענסטער אין דער וואנד, וועלכער איז געראדע אויסקומען ביי דער ערד, האט זיך אין דיעזע מינוט געעפענט און א פערהילטער קאפ האט זיך געוויעזען.

— וואס פערלאנגען דיא דונקעלע הערצער? האט דער קאפ געפרעגט.

— מיר פערלאנגען, אז אונזערע אונגליקליכע ברידער, וועלכע זיינען געפאלען אן אפפער פון דער טיראניי, זאלען ניט בלייבען ליעגען אויף דער גאס, וויא דיא געשלאכטעטע אקסען. מיר פערלאנגען, אז מען זאל זיי בעערדיגען מיט דער עהרע, וואס עס קומט זיי.

— געה צוריק צו דיא, וואס האבען דיך געשיקט און זאג זיי, אז איך וועל טהאן פאר דיא געפאלענע אלעס, וואס איך קען.

— מיר דאנקען! האט געענטפערט דער מאן, וואס האט געקלאפט אין דער וואנד.

דאס פענסטער האט זיך באלד פערמאכט. אין איינינע מינוטען ארום האט זיך געעפענט דער טויער פון מאנאסטיר און איינינע מענכע זיינען ארויסגעקומען. זיי זיינען געגאנגען אויפ׳ן פלאץ, וואו דיא טוידטע זיינען געלעגען, האבען זיי אויפגע-הויבען און האבען זיי אריינגעלעגט אין דיא קאסטענס. אין דער זעלבער צייט איז דיא קירכע געווארען בעלייכטעט, וויא דורך א צויבער. אין אלע הענגלייכטער האבען געברענט ליכט. דיא גרויסע טהירען האבען זיך געעפענט און דער ארגאן האט אנ-געהויבען צו שפיעלען טרויעריגע, הערצרייסענדע ליעדער און טוידטען געבעט.

פון דער קירכע זיינען ארויסגעגאנגען גייסטליכע און מענכע מיט פאקעלן אין דיא הענד, מיט קרייצען און פאהנען. זיי האבען זיך געצויגען צו דעם ארט, וואו עס זיינען געשטאנען דיא צעהן ווייסע קאסטענס.

אין דערזעלבער מינוט האט זיך געעפענט דיא גרויסע קאזארמע, דיא פויקען האבען אנגעהויבען צו שלאגען א ליארם (טרעוואגא) דיא סאלדאטען זיינען ארויס-געלאפען מיט זייערע ביקסען. גענעראל בוסטאמענטע איז געקומען אויף זיין פערד און האט קאמאנדירט:

— פארווערטס!

גענעראל בוסטאמענטע מיט דיא סאלדאטען זיינען אנגעקומען פון איין זייט און דיא גייסטליכע מיט זייערע פאהנען זיינען אנגעקומען פון דער אנדערער זייט. ביידע האבען זיך בעגעגנט אויף דעם ארט, וואו עס זיינען געשטאנען דיא צעהן קאסטענס.

— וואס איז דאס ? האט אויסגערופען גענעראל בוסטאמענטע. וויא קומט עס, וואס אזוי שפעט ביי נאכט איז אפען דיא קירכע און אלע גייסטליכע האבען זיך דא פערזאמעלט ?

— מיר האבען געעפענט דיא קירכע, ווייל מיר ווילען בעערדיגען דיא אונגליקליכע, וועלכע דיא מענשליכע שלעכטיגקייט האט אזוי אונמענשליך געטוידטעט, האט געענטפערט איינער פון דיא מעגכע.

— ווער ביסט דוא, וואס דוא וואגסט אזוי צו רעדען צו מיר ? האט בוסטאמענטע געפרעגט.

— איך בין דער ערץ בישאף פון סאנט יאגא, פרימאס פון טשילי, געשיקט אהער פון רוים. איך האב עס גערעדט.

גענעראל בוסטאמענטע האט זיך געביסען דיא ליפען ביז אין בלוט.

מיר מוזען דא בעמערקען, אז מיר בעשרייבען א לאנד, וואס האט געהערט צו שפאניען, — א פאלק, וועלכעס איז שטארק פרום, א פאלק, איבער וועלכען עס הערשט נים דער קעניג, זאנדערן דער גייסטליכער. פארן גייסטליכען, פארן מענך האט מען דרך ארץ געהאט. אויסערדעם האט אונזער ערצעהלונג פאסירט מיט עטליכע און פערציג יאהר צוריק. דאמאלס זיינען דיא מענשען געוועזען פיעל פרימער, וויא היינט.

— ענטשולדיגט מיר, האט גענעראל בוסטאמענטע געזאגט און האט זיך טיעף פערנייגט. איך האב נים געוואוסט, אז אייער הייליגקייט האט געהייסען פעראנשטאלטען א געבעט פאר דיעזע פערברעכער, וועלכע האבען געוואלט פערראטהען אונזער פאטערלאנד. — איך האב געהייסען, אז מען זאל זיי לאזען ליעגען א גאנצע נאכט, וויא דיא הינט און ערשט מארגען זאל מען זיי ערגעץ פערשארען אין דער ערד.

— וויא זינדיג דער מענש זאל זיין, האט ער דאך אין זיך א ריינע, הייליגע זעעלע, האט דער מענך געזאגט מיט א פרומער מינע. מיר מוזען עהרען דעם קערפער, אין וועלכען דיא זעעלע האט געוואוינט.

גענעראל בוסטאמענטע האט געווארפען אויף איהם א ווילדען, בייזען בליק, וועלכער האט דייטליך געזאגט: ווארט, דוא טויגעניכטס! איך וועל מיך מיט דיר אויך אפרעכענען! און איז אוועקגעפאהרען. דיא סאלדאטען האט ער געהייסען צוריקגעהן אין זייערע קאזארמעס.

דיא גייסטליכע האבען יעצט אויפגעהויבען דיא קאסטענס מיט דיא טוידטע קערפער און האבען זיי געטראגען אין קירכע אריין, וואו עטליכע פערהילטע מענער האבען זיך אנגעבויגען איבער זיי, האבען געקושט זייערע בלייכע, פערבלוטיגטע געזיכטער און זיינען פערשוואונדען געווארען.

אין אן ענגער, פינסטערער און שמאלער געסעל זיינען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען, האבען זיך געשטעלט אונטער אן איינגעפאלענע וואנד און האבען געווארט. זיי האבען געווארט נים לאנג. באלד זיינען צוגעקומען צו זיי צוויי מענשען.

— אונזער פאטערלאנד! האבען געזאגט דיא, וואס זיינען געשטאנען אונטער דער מויער.

— און ראבע! האבען געענטפערט דיא, וואס זיינען אנגעקומען.

— נו? וואס האט איהר עפּעס ערפאהרען? האט געפרעגט איינער פון דיא, וואס זיינען געשטאנען אונטערן מויער.

— מיר ווייסען אלעס.

— וואס ווייסט איהר?

— דאן טאדעאָ איז געבליעבען לעבען.

— וואו איז ער יעצט?

— מען האט איהם אוועקגעטראגען צו דאָניא מאריא.

— צו זיין פרוי? — צו דער געליעבטער פון געגעראל בוסטאמענטע? האט דער מאן, וויא עס ווייזט אויס, דער אנפיהרער פון דיא עטליכע מענשען, אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע. אך, גאט! דאן איז אונזער פריינד פערלארען! — זיין פרוי האסט איהם! ער וואוינט שוין לאנג מיט איהר ניט. זיא וועט איהם איבערגעבען צו זיינע מערדער!

ער האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד פאר פערצווייפלונג.

— פריינדע! האט ער פּלוצלונג אויסגערופען, זאלען מיר עס דערלאזען, אז מען זאל נאך אמאל טוידטען אונזער בעסטען קאמעראד?

— ניין! האבען אלע אויסגערופען מיט איין שטימע. מיר טארען עס ניט דערלאזען!

— קען מען אריינקומען אין הויז, וואו דאָניא מאריא וואוינט שטילערהייט?

— זעהר לייכט, האט געענטפערט איינער פון דיא צוויי, וועלכע זיינען נור וואס צוגעקומען. דיא ווענט פון'ם גארטען זיינען ניט הויך. מען קען זעהר לייכט זיי אריבער קלעטערן.

מעהר האט מען קיין ווארט ניט גערעדט. שטילערהייט, דורך פערשיעדענע גאסען און געסלעך זיינען דיא עטליכע מענשען געגאנגען אזוי שנעל, וויא עס איז נור מעגליך געווען אין דער פינסטערניש צום הויז, וואו דאניא מאריא האט געוואוינט. באלד האבען זיך אלע ווידער געטראפען ארום הויז.

אין דרויסען איז געווען פינסטער. פון'ם הויז האט מען ניט געזעהן קיין שיין. אלע טהירען און פענסטער זיינען געווען פערשלאסען. דיא עטליכע מענשען האבען ארויסגענומען זייערע מעסערס, האבען זיי אריינגעשטעקט צווישען דיא ציגעל פון דער מויער ארום הויז און האבען בענוצט דיא הענטליך פון דיא מעסער אלס טרעפּ.

אין א פּאָר מינוטען זיינען זיי געווען אין הויף. שטילערהייט, וויא דיא קעץ, זיינען זיי ארומגעקראָכען ארום יעדעס פענסטער און האבען זיך צוגעהערט — אי־בעראל איז געווען שטיל. פּלוצלונג האט איינער פון זיי דערהערט שטימען אין איינעם פון דיא צימער. זיי זיינען צוגעלאפען, האבען אויפגעריסען דיא טהיר און פאר זייערע אויגען האט זיך פּאָרגעשטעלט א שרעקליכעס בילד.

דאן טאדעאָ איז א פערבלוטיגט העמד, בלייך וויא דער טוידט, איז געזעסען אויף א בעט און האט געהאלטען א שטוהל אין דיא הענד. פאר איהם זיינען

נעשטאנען צווײ מענשען מיט לאנגע, שארפע, גלענצענדע מעסער. ער האט זיך פער־טהיידיגט מיט'ן שטוהל.

אין א מינוט זיינען ביידע מערדער געלעגען אין א טייך בלוט אויף דער ערד. דיא מאסקירטע מענשען האבען זיי דערשטאכען.

דאן טאדעאָ האט אוועקגעוואָרפען דעם שטוהל און האט אויסגערופען:

— דאנק, פריינדע! דאנק! איהר זייט געקומען אין דער רעכטער צייט. ווען איהר זאלט זיך געווען פערזאמען נאך א פּאָר מינוט, וואלט איך שוין מעהר ניט געוועזן צווישען דיא לעבעדיגע. מיין ליעבע פרוי ווייסט שוין, וויא אזוי לויז צו ווערן פון איהר מאן.

ערשט יעצט האבען דיא מאסקירטע מענשען זיך אומגעקוקט און האבען דער־זעהן דאָניא מאריא שטעהן אין א ווינקעלע. זיא איז געווען אזוי איבערראַשט און דערשראקען, ווען דיא מאסקירטע מענער זיינען אנגעקומען, אז איינינע מינוטען האט זיא ניט געקענט ארויסרעדען א וואָרט.

דאן טאדעאָ'ס ווערטער האבען זיא אויפגעוועקט פון איהר שרעק. זיא האט איהם זעהר גוט געקענט. זיא האט געוואוסט, אז ער איז גוט און עדעל. זיא איז געווען זיכער, אז קוים לעבט ער, וועט ער ניט דערלאזען, אז מען זאל איהר עפּעס טהאן שלעכטעס. — זיא האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און האט אויף איהם געוואָרפען א ניפטיגען בליק פון האס און פעראכטונג.

— ענטשולדיגט מיר, מאדאם! האט דאן טאדעאָ ווייטער געזאָגט. איך ווייס, אז איהר האט א גוטען קאָפּ. איהר וועט געוויס באלד אויסגעפינען מיטעל, וויא אזוי זיך נוקם צו זיין אן מיר.

— איך מיין אזוי, האט דאניא מאריא געענטפערט ניפטיג.

ביי דיעזע ווערטער האט דער עלטערער פון דיא מאסקירטע מענער, זייער אנפיהרער, אויסגערופען צו זיינע קאַמעראַדען:

— נעהמט דיעזע עלענדע פרוי, בינדעט זיא און פערשטאפּט איהר דאס מויל מיט א טאשענטוך!

— מיך בינדען? האט דאָניא מאריא אויסגערופען שטאָלץ. ווייסט איהר, ווער איך בין?

— איך ווייס, ווער איהר זייט, מאדאם! האט דער אנפיהרער פון דיא פער־מאסקירטע געענטפערט. איהר זייט א פרוי. פאר וועלכע עהרליכע מענשען האבען קיין אנשטענדיגען נאמען ניט.

— היט אייך! האט דאָניא מאריא געוואָרנט. מיך בעליידיגט מען ניט אומ־זיסט! יעדער, וואס וועט מיך בעליידיגען, וועט שטרענג בעשטראפט ווערן.

— מאדאם, מיר ווילען אייך ניט בעליידיגען, האט דער פערמאסקירטער געענטפערט. מיר ווילען נור, איהר זאלט שווייגען א געוויסע צייט. מעגליך, אז שפּעטער וועלען מיר פאסען אנאנדער בעשלוס, וויא אזוי צו פערהיטען, אז איהר זאלט ווייטער קיין שלעכטעס ניט טהאן.

— איהר ווערט פאסען א בעשלוס? חאט דאניא מאריא אויסגעשריען. אדער זיינט איהר דען?

— איהר ווילט וויסען, ווער מיר זיינען? — גוט! מיר וועלען אייך זאגען. — מיר זיינען דיא דונקעלע הערצער!

ביי דיעזע ווערטער האט דאניא מאריא א ציטער געטהאן. גלייך וויא אן עלעקטרישער שלאג וואלט זיא געטראפען.

אין יענער צייט, ווען דיא מענשען זיינען געוועזן האלב ווילד און יעדער, ווער עס האט קאמאנדירט דיא סאלדאטען, האט געטהאן, וואס ער האט געוואלט; ווען יעדער פארמער אדער יעדער וואס האט געהאט לאנד, איז געוועזן א קייסער אויף זיין לאנד און האט געראבט און געמארדעט, וועמען ער האט געוואלט, האט זיך אין אמעריקא געבילדעט א געהיימע געזעלשאפט מיט'ן נאמען דיא „דונקעלע הערצער". דיעזער נאמען קלינגט צוואר ניט אזוי שעהן אויף אונזער שפראכע, אויף שפאניש אבער קלינגט ער זעהר שיין.

דער צוועק פון דיעזער געזעלשאפט איז געוועזן צו בעשיצען דעם שוואכען און דעם אונשולדיגען. קוים פלעגט דיעזע געזעלשאפט געוואהר ווערן, אז א פארמער האט בערויבט אן עמיגראנט, א פעדלער אדער א רייזענדען, פלעגען זיי אויף איהם אנפאלען ביי נאכט און פלעגען איהם בעשטראפען. פאר א קליינעם פערברעכען פלעגען זיי אונטערצינדען זיין הויז און זיינע שפייכער מיט תבואה. פאר א גרעסערעם פערברעכען פלעגען זיי אמאל בעשטראפען מיט'ן טויט.

קיינער האט ניט געוואוסט, ווער זיי זיינען. קיינער האט זיי קיין מאל ניט געזעהן. ווען זיי פלעגען קומען בעשטראפען א פערברעכער, פלעגען זיי טראגען שווארצע, זיידענע מאסקעס אויף זייערע געזיכטער.

פאר דיא דונקעלע הערצער פלעגט מען ציטערן. דער פערברעכער האט זיך געמעגט שיצען, וויא ער האט געוואלט, עס האט איהם גאר ניט געהאלפען. דיא דונקעלע הערצער פלעגען ארויסקריכען, וויא פון אונטער דער ערד, פלעגען איהם בינדען מיט זיין פאמיליע, מיט זיינע ארבייטער, פלעגען איהם ארויספיהרען אין דער מיט פון זיין הויף, פלעגען איהם זאגען, וואס פאר א פערברעכען ער האט בעגאנגען און צו וואס פאר א שטראפע מען האט איהם פעראורטהיילט. דאן פלעגט מען באלד אויספיהרען דיא שטראפע. דערביי אבער האט מען געזעהן, אז זיין פרוי, זיינע קינדער און דיא פרעמדע מענשען, וואס זיינען געוועזן ביי איהם, זאלען קיין שום שאדען ניט ליידען. נור דער פערברעכער דארף בעשטראפט ווערן!

דיא דונקעלע הערצער האבען אין זייער צייט געטאהן פיעל גוטעס. אין אמעריקא איז שווער צו געפינען גערעכטינקייט. מען פלעגט בערויבען און בעשווינדלען דיא ארימע עמיגראנטען אויף'ן שרעקליכסטען ארט. דיא דונקעלע הערצער האבען אנגעמאכט אזא שרעק, אז מען פלעגט מורא האבען צו בעליידיגען דעם פרעמדען ואנאר מיט א ווארט. דיא דונקעלע הערצער זיינען געוועזן זעהר שטרענג. זיי זיינען געוועזן אזוי גוט ארגאניזירט, אז מען האט זיי קיין מאל ניט געחאפט.

יעצט וועלען דיא לעזער פערשטעהן, פאר וואס דאניא מאריא האט זיך אזוי

דערשראָקען, ווען זיא האט דערהערט דאס שרעקליכע וואָרט: מיר זיינען דיא דונקעלע הערצער!

דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער האט געגעבען א צייכען זיינע קאַמעראַדען. אין א מינוט איז דאניא מאריא געלעגען געבונדען און דאס מויל פערשטאפט מיט א טאשענטוך.

יעצט האט דער אנפיהרער ארויסגענומען א שטיקעל פּאַרמעט פון בוזעם, האט עס אניעדערגעלעגט אויפ'ן טיש און האט אין דערמיט אריינגעשטעקט א מעסער.

אויפ'ן פּאַרמעט איז געווען אנגעשריעבען:

„מיר פאָרדערן אויף דעם מערדער פאנטשאָ בוסטאמענטע, ער זאָל קומען פאר אונזער געריכט פון היינט ביז אין ניינציג טעג.

דיא דונקעלע הערצער".

דאן האבען צוויי פון דיא פערמאַסקירטע אנגענומען דעם פערוואונדעטען דאָן טאדעא, האבען איהם איינגעהילט אין א מאנטעל און זיינען ארויסגעגאנגען פון הויז.

9טעס קאפּיטעל.

אויף דער גאַס.

קוים זיינען דיא מאסקירטע מענער ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, זיינען זיי זיך צוגאנגען אין אלע זייטען. נור דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער און נאך איינער זיינען געבליעבען מיט דאן טאדעאָ. זיי האבען איהם געפיהרט אונטער דיא הענד, ווייל ער איז נאך געווען זעהר שוואך און אויפגערעגט.

— לאָמיר זיך ערגעץ אניעדערזעצען, האט דאן טאדעא געבעטען. דיא פרישע נאכט-לופט דערקוויקט מיך. איך מוז מיך אביסעל אפּרוהען נאך דיא טרויעריגע סצענע, וואס איך האב נור וואס דורכגעלעבט.

דיא צוויי פערמאסקירטע מענער האבען איהם צוגעפיהרט צו אן אלטעס הויז, וואו קיינער האט ניט געוואוינט, האבען איהם אניעדערגעזעצט אויפ'ן ווייכען גראז אונטער א בוים און האבען זיך געזעצט לעבען איהם. וויא עס ווייזט אויס זיינען דיא מענער געווען גוט בעקאנט מיט דעם קווארטאל פון סאנט יאגא. זיי האבען אויסגעזוכט אזא אָרט, וואו זיי האבען געקענט זעהן אלעס, וואס איז פאָרגעקומען אויף דער גאַס און זיי האט מען אזוי לייכט ניט געקענט זעהן.

מיר מוזען נאך בעמערקען, אז אין יענער צייט, 1835, האט מען נאך ניט גע-וואוסט פון קיין קעראָסין, פון גאז-בעלייכטונג האט נאך קיינער קיין אידעע ניט געהאט און זאגאר אין דיא גרעסטע שטעדט אין אמעריקא, וויא ניו-יאָרק, פילאדעלפיא און ריאָ-דע-זשאניירא פלעגען נור דיא הויפּט-גאַסען זיין בעלייכטעט מיט אייל לאָמפּען. אין דיא איבעריגע גאסען פלעגט מען זיך בעגניגען מיט דער אומזיסטער בעלייכטונג פון דער בלייכער לבנה.

איינינע מינוטען זיינען דיא דריי מענער געזעסען שטיל. דאן טאדעא האט פון צייט צו צייט געזיפצט.

— וואס זיפצט איהר אזוי, דאן טאדעא? האט דער עלטערער געפרעגט מיט א פארוואורף. איהר לעבט, איהר וועט ערשט קענען וייטער קעמפפען געגען טיראניי און אונטערדריקונג. יעצט איז געקומען דיא צייט, וועו מיר דארפען ערשט אנהויבען צו קעמפפען.

— אך, דיעזע פרוי! האט ווייטער געזיפצט דאן טאדעא.

— איהר זאלט עס זאגען, דאן טאדעא! האט דער אנדערער אויסגערופען. איהר, וועלכער איז שטענדיג געוועזען אזוי מוטהיג, אזוי ענערגיש, אזוי מונטער צו קעמפפען געגען יעדע אונגערעכטיגקייט, געגען יעדע טיראנייי, איהר זאלט זיך יעצט אזוי אפלאזען, זיין אזוי פערצוויפעלט? — און פאר וואס? ווייל א פרוי האט אייך געדראָהעט.

— אך! איהר ווייסט ניט, ווער דיעזע פרוי איז, האט דאן טאדעא געענטפערט טרויעריג. זיא איז שטענדיג געוועזען דער בייזער גייסט פון מיין לעבען. זיא איז א טייפעל!

— לאז זיא זיין, וואס זיא וויל זיך! דארפט איהר דען איבער דעם זיך אפ־זאגען פון דעם הייליגען קאמפף, וואס מיר האבען אונטערגענומען פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט? פערגעסט ניט, אז ערשט יעצט מוזט איהר קעמפפען, יעצט ערשט קענט איהר זיך ניט אפזאגען. —

— וואס איז דען יעצט? האט דאן טאדעא געפרעגט פערטראכט.

— איהר זייט געוועזען א טויטער. א געהיימע האנד האט אייך צוויי מאל היינט געראטעט פון טויט. אייער לעבען געהערט שוין ניט אייך. אייער לעבען געהערט שוין אונז און אונזער הייליגער זאך. — ברודער! האט דער מאן ווייטער געזאגט און האט צוגעפרעסט דאן טאדעאס קאפ צו זיין הארצען. ברודער! ערשט יעצט וועט זיך אנהויבען אונזער קאמפף. ערשט יעצט וועלען מיר מוזען אנשטרענגען אלע אונ־זערע קרעפטע און ערשט יעצט וועלען מיר זיעגען! דיא טיראניי וועט פערשווינדען און פרייהייט און גערעכטיגקייט וועט הערשען אין אונזער ארימעס, אונטערדריקטעס פאטערלאנד!

דער מאן האט גערעדט צוואר זעהר שטיל, אבער מיט אזא פייער און מיט אזא בעגייסטערונג, אז דאן טאדעא איז געוועזען געריהרט.

— ווער זייט איהר? האט ער געפרעגט. וויא קומט עס, וואס איהר רעדט ארויס דיא געדאנקען, וועלכע ליעגען בעגראבען טיעף אין מיין הארץ? ווער האט אייך ערלויבט אזוי צו ריידען צו מיר?

— וואס איז אייך דער אונטערשיעד, ווער איך בין, האט דער מאן געענט־פערט. איך בין אייער ברודער. מיר זיינען ניט ברידער פון איינע עלטערן, אבער מיר זיינען נאך ענגער פערבונדען אלס ברידער — מיר זיינען ברידער פון איינע מיינונגען. מיר זיינען ברידער, ווייל א מאל אין א פינסטערע נאכט אין א הייל אין דיא בערג האבען מיר געשוואָרען צו זיין ברידער. דיעזער שוואור פערבינדעט אונז פעסטער און ענגער אלס דאס שוואכע באנד, וועלכעס פערבינדעט ברידער פון איינע עלטערן.

ביי דיא לעצטע ווערטער האט דאן טאדעא א לייכטען ציטער געטהאן.

— ווען עס איז אזוי, בעפעהל איך, איהר זאָלט מיר זאגען, ווער איהר זייט!

— איך בין אייער נאכבאר, דאן גרעגאָריאָ פעראלטא, האט דער מאַן געַ־ענטפערט רוהיג — און מיך וואונדערט, אז דער, וועלכער איז אויסגעוועהלט צו זיין דער קאָפּ. —

— פון וואנען ווייסט איהר, אז איך בין דער אנפיהרער פון —

דאן גריגאָריאָ האט זיך צוגעבויגען נעהנטער צום פערוואונדערטען און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער:

— איהר זייט געווען פעראורטהיילט צום טויט. קיינער האט ניט געגלויבט, אז איהר וועט לעבען בלייבען. דיא דונקעלע הערצער האבען מיך אויסערוועהלט אלס אנפיהרער אויף אייער אָרט. איך בין יעצט דער פירסט פון דער דונקעלהייט, דער קעניג פון דיא דונקעלע הערצער.

מיר מוזען ערקלערן אייניגע בעזאָנדערע רעגעלן פון דיזער וואונדערבארער געהיימער געזעלשאפט, — דיא דונקעלע הערצער. — זיי פלעגען זיך צוזאַמענקומען נור ביי נאכט און פלעגען שטענדיג געהן מאסקירט. איינער האט דעם אנדערן ניט געקענט. קיינער פון זיי האט ניט געוואוסט, ווער זייער אנפיהרער איז. ווען מען פלעגט דארפען בעשטראפען א פערברעכער, פלעגען דיא מיטגליעדער, וואס מען האט ערנאנט, זיי זאלען עס טהאן, ערהאלטען א געשריעבענעם בעפעהל מיט א גע־וויסען צייכען, אז אין דער און דער צייט זאלען זיי זיך געפינען אין דעם און דעם אָרט. ווער עס האט געגעבען דיא בעפעהלע און וואס זיי וועלען האבען צו טהאן אין דעם אָרט, וואס מען האט זיי בעשטימט. — דאס האט קיינער פון דיא מיטגליעדער ניט געוואוסט. — מען האט געהייסען און מען מוז אויספאָלגען!

נאך דיזער ערקלערונג קענען מיר פאָרטזעצען אונזער ערצעהלונג.

— קיינער האט ביז א הער ניט געוואוסט, אז איהר זייט דער אנפיהרער פון דיזער געזעלשאפט, וועלכע האט זיך ערוואָרבען אזא מאכט אין לאנד, האט דאן גריגאריא ווייטער געזאגט. אזוי וויא אבער מען האט אייך געהאלטען פאר טויט, האט מען גערעכענט, אז מען מעג עס שוין אויסזאגען. יעצט ווייסען אלע ברידער, ווער עס איז געווען זייער אנפיהרער. זיי מיינען, אז איהר זייט טויט. דאן טאדעאָ! לאזען זיי עס מיינען. נעהמט איהר צוריק אייער אמט. איך וועל ווידער בלייבען און איינפאכער סאָלדאט פון דיזער מעכטיגער געזעלשאפט. — איהר זייט פעהיגער פון מיר, דאן טאדעאָ! בלייבט ווייטער דער קעניג פון דער דונקעלהייט!

אייניגע מינוטען האבען ביידע מענער געשוויעגען. ענדליך האט דאן טאדעא גענומען דיא האנד פון זיין ברודער פון געהיים־בונד און האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען.

— איהר האט רעכט, ברודער! איהר האט רעכט! האט ער געזאגט. דאן טאדעא דע לעאן איז טויט, איהם האבען דערשאסען דיא מערדער פון דער טיראַנייע אויף פלאצא מאיאר. יעצט לעבט נור דער פירסט פון דער דונקעלהייט דער שרעקליכע אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער! איך בין שוין קיין לעבעדיגער

מענש, איך בין א שארפע שווערד צו בעשטראפען און צו רעכען פאר דיא פרייהייט און גערעכטינקייט, וועלכע דיא טיראנייא טרעט מיט דיא פיס!

וויא שוואך דאן טאדעא איז געווען, האט ער דאך ארויסגעזאגט דיא לעצטע ווערטער מיט אזא בעגייסטערונג און מיט אזא פעסטער שטימע, אז זיין פריינד איז געווען ענטציקט. ער האט איהם ארומגענומען און האט איהם צוגעפרעסט צו זיין הארצען.

— איך דאנק אייך, דאן טאדעא! האט ער געזאגט, וואס איהר האט ווידער איבערגענומען דאס שווערע אמט צו זיין דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער. איך בין פעסט איבערצייגט, אז ווען איהר וועט אונז פיהרען, וועלען מיר געווים זיעגען.

— איהר האט מיר ניט וואס צו דאנקען, האט דאן טאדעא געענטפערט. איהר האט מיך שוין איין מאל דערמאנט אן יענער דונקעלער נאכט, ווען מיר האבען געשווארען צו זיין ברידער ביז אין טויט, צו העלפען דעם אונשולדיגען און צו בעשטראפען דעם שולדיגען. ביז א הער האבען מיר בעשטראפט דיא מערדער און רויבער פון עמיגראנטען און רייזענדע, פון יעצט אן וועלען מיר בעשטראפען דיא טיראנען, וועלכע אונטערדריקען אונזער ארימעס פאטערלאנד.

— עס ווערט שפעט, האט דאן גריגאריא געזאגט. מיר מוזען געהן.

— וואוהין זאל איך געהן? האט דאן טאדעא געזאגט טרויעריג. איך בין דאך א טויטער, מיך האט מען דאך היינט ביי נאכט דערשאסען. מיין הויז געהערט דאך שוין ניט צו מיר.

— איהר האט רעכט, האט דאן גריגאריא געענטפערט. היינט קענט איהר ניט געהן א היים. מארגען אבער וועט דיא גאנצע וועלט וויסען, אז איהר לעבט און אז איהר זייט בערייט זיך צו רעכען פאר דיא געפאלענע אפפער. דיא טיראנייא וועט ציטערן, ווען זיא וועט דערהערען דיזע שרעקליכע נאכריכט. זיי שלאפען יעצט רוהיג, זיי וועלען זיך אבער אויפוואכען מיט שרעק און פערצווייפלונג! — אלענפאלס קענען מיר אבער דא ניט בלייבען, האט ער ווייטער געזאגט. מיר מוזען געהן. קומט צו מיר, אדער פיעללייכט געפינט איהר פאר בעסער מיך צו בעהאלטען דיזע נאכט ביי דאניא ראזאריא —

ביי דיזע ווערטער האט דאן טאדעא אנגעהויבען צו ציטערן און א קאלטער שוויס האט איהם בעגאסען. ער האט אנגעכאפט דיא האנד פון זיין פריינד און האט אויסגערופען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג:

— מיין גאט! איך האב פערגעסען —

דאן גריגאריא איז געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. ער האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס עס איז מיט דעם מענשען געשעהן.

— ברודער! האט ער אויסגערופען. וואס איז געשעהן? וואס האט איהר פערגעסען?

— אך, דיא פרוי — דיא שלעכטע פרוי, וועלכע איך האב קיין קראפט ניט געהאט צו טייטען — דיא פרוי —

— ערקלערט מיר, פריינד! האט דאן גריגאריא געבעטען, וואס נאך האט דיזע אונגליקליכע פרוי געטהאן?

— אך, גאָט! איידער איהר זייט אנגעקומען, האט זיא מיר געזאגט, אז זיא האט געשיקט באנדיטען, זיי זאָלען איהר ברענגען דאָניא ראָזאריא מיט געוואלד. זיא וויל טייטען דאס אונשולדיגע קינד.

— דאס איז שרעקליך! דאס איז אבשייליך! האט דאן נרינאריא געזאגט, אבער וואס טהוט מען? וויא אזוי קענען מיר יעצט רעטען דאָניא ראָזאריאָ?

— וואָלט איך נור געזונד געווען, וואָלט איך זיא שוין גערעטעט, האט דאָן טאָדעאָ געזאגט טרויעריג. ליידער, בין איך פערוואונדעט און קען מיך קוים האלטען אויף דיא פיס.

— אלענפאלס טאָרען מיר עס ניט דערלאָזען, אז מען זאָל טהאן שלעכטעס דאָניא ראָזאריא, האט דאן גרינאריאָ זיך אפגערופען. לאָמיר געהן צו דעם הויז, וואו זיא וואוינט, דאָרט וועלען מיר זעהן, וואס מיר האבען צו טהאן.

— איך קען אבער קוים געהן, האט דאן טאדעא געענטפערט.

— נו, וועלען מיר אייך טראגען. מיר מוזען געהן צו איהר, מיר מוזען זיא רעטען. מיר זיינען דאך דיא דונקעלע הערצער!

ביידע מענער האבען זיך אויפגעהויבען, האבען גענומען דאן טאדעא אונטערן ארים און האבען געוואָלט ארויסגעהן פון דעם איינזאמען הויז, וואו זיי זיינען געליגען ביז א הער.

פלוצלונג האבען זיי דערהערט שווערע טריט פון פערד און פון דערווייטען האבען זיך געוויעזען פאקעלן. זיי האבען שנעל אניעדערגעזעצט דעם פערוואונדעטען אויף דער ערד און האבען זיך אניעדערגעלעגט לעבען איהם.

— ווער זאָל עס זיין? האט דאן טאדעא געפרעגט. איך זעה מונדירען פון סאלדאטען.

דאן גרינאריא האט זיך גוט צוגעקוקט צו דיא מענשען, וועלכע זיינען אנגעקר מען פון דער גאס.

— ביי גאָט! האט ער געזאגט גאנץ שטיל. דאָרט פאהרט גענעראל בוסטאַ מענטע מיט אן עסקאדראן רייטער.

— אזוי? האט גערעדט, וויא צו זיך אליין דאן טאדעא. ער פאהרט צו זיין געליעבטער!

— עס איז ריכטיג, ער פאהרט צו דאָניא מאריא, האט יעצט דאן נרינאריא בעשטעטיגט. וואהרשיינליך האבען זיי נאך וואס אפצורעדען. — נון, גוט! ער וועט שוין זיין אביסעל איבערראַשט ווערען, ווען ער וועט קומען צו איהר.

זיי זיינען געבליעבען שטיל, ביז דער גענעראל בוסטאמענטע מיט זיינע סאָל־ דאטען זיינען פאָריבער געפאהרען. עס איז שוין געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט. דיא סאלדאטען זיינען געווען זעהר מיעד. מען האט זיי א גאנצען טאג ארומגעיאגט און ארומגעטריעבען. זיי זיינען שוין קוים געגאנגען און האבען זיך אין ערגעץ ניט אומגעקוקט, באלד זיינען זיי פערשוואונדען אין א זייטען־גאס.

זיי האבען וויעדער אויפגעהויבען דאן טאדעא און זיינען לאנגזאם געגאנגען צו דער גאס, וואו דאָניא ראָזאריאָ האט געוואוינט. דאן טאדעא האט אנגעשטרענגט

אלע זיינע קרעפטע. זיינע קאמעראדען האבען זיך אויך געאיילט און האבען איהם כמעט געטראגען אויף דיא הענד.

זי זיינען אזוי לאנגזאם אוועקגעגאנגען א פאר גאסען, ווען זיי האבען ווידער דערהערט שווערע טריט פון פערד.

— וואס זאל עס הייסען? האט דאן טאדעא געפרעגט פערוואונדערט. סאנט יאגא שלאפט דיעזע נאכט ניט. אלע לויפען ארום וויא דיא וואהנזיניגע.

דאן גרינאריא און זיין קאמעראד האבען אנגעשפארט דעם פערוואונדעטען אן א וואנד.

— מיר מוזען זעהן, וואס דארט איז! האט דאן גרינאריא געזאגט.

— אין דיעזע מינוט האט מען געהערט דיא שוואכע שטימע פון א פרוי, וויא זיא האט געשריען:

— העלפט! רעטעט!

— פערשטאפט איהר דאס מויל! לאז זיא ניט קוויטשען! האט געזאגט א גראבע מענער־שטימע.

באלד זיינען אנגעלאפען פינף מענשען אויף פערד רייטענדיג. ביי איינעם איז געלעגען אויפ'ן פערד דיא לאנגע פארמע פון א מענשליכען קערפער. דאן גרינאריא און זיין קאמעראד האבען פערשטאנען, אז דא איז עפעס. זיי איז באלד געקומען אין קאפ, אז דאס זיינען דיא באנדיטען, וועלכע האבען אוועקגערויבט דאניא ראזאריא. זיי האבען זיך דאהער געשטעלט אין דער מיט גאס, האבען אויסגעשטעלט זייערע פיסטאלעטען און האבען געפרעגט:

— ווער זייט איהר? וועמען פיהרט איהר אויפ'ן פערד?

— טרעט אונז ארויס פון'ם וועג אדער מיר וועלען אייך צוטרעטען! האט געשריען איינער פון דיא באנדיטען.

— לאזט אפ דיא פרוי, וואס איהר האלט אויפ'ן פערד אדער מיר שיעסען! האט דאן גרינאריא געענטפערט.

ער וואלט געוויס געוועזען געשאסען אויף זיי, ווען ער זאל ניט געוועזען מורא האבען, אז ער וועט טרעפען דיא פרוי.

— איך זאג אייך נאך א מאל, טרעט אונז ארויס פון וועג! האט דער באנדיט געדראהעט.

— ניין! מיר וועלען אייך ניט לאזען, ביז איהר וועט ניט בעפרייען דיא פרוי, וועלכע איהר האלט אויפ'ן פערד.

דיא באנדיטען האבען אנגעהויבען צו שילטען און צו זידלען זיך. ביידע פארטייען האבען מורא געהאט צו שיעסען. דיא באנדיטען האבען מורא געהאט צו מאכען א ליארם. מען קען ארויסלויפען פון דיא הייזער און מען וועט זיי דאן ארע־טירען. דאן גרינאריא און זיין קאמעראד האבען אויך מורא געהאט, עס זאל ניט ווערן א ליארם, מען זאל זיך ניט צונויפלויפען און דערזעהן דעם פערוואונדעטען דאן טאדעא. זיי זיינען דאהער געשטאנען אייניגע מינוט איינער נעגען אנדערן. יעדער האט געדראהעט, אז ער וועט שיעסען און יעדער האט מורא געהאט עס צו טהאן,

ענדליך האט איינער פון די באנדיטען א געשריי געטהאן צו זיינע קאמעראדען:
— גיט אייערע פערד דיא שפארען! לאמיר זיי צוטרעטען מיט דיא פיס!
דאן גרינגאריא האט אנגעהאפט דאס פערד פון׳ם ערשטען רויבער ביים צוים.

10טעס קאפיטעל.

אונערוואַרטעטע הילפע.

דיא צוויי מילך־ברידער זיינען לאנגזאם אוועקגעפאהרען קיין סאנט יאגא, דער גרויסער נייפונדלענדער הונט, מיט׳ן נאמען צעזאר, וועלכען מיר האבען צוערשט גע־זעהן ביים גראף אין צימער, איז שטילערהייט נאכגעלאפען נאך דיא פערד.

זיי זיינען ארומגעפאהרען אין שטאדט און זיינען געבליעבען שטעהן.

— וואוהין זאָלען מיר יעצט פאהרען? האט דער גראף געפרעגט פערצוויי־פעלט. מיר זיינען שוין אין אמעריקא, מיר זיינען שוין אין סאנט יאגא. וואו זאָלען מיר אבער נעכטיגען? וואו זאלען מיר זיך אהינטהאָן? מיר ווייסען דאך זאגאר נים וואו עס געפינט זיך א גוטער האָטעל?

וויא וואלענטין האט איהם געלערנט און האט געוואָלט מאכען פון איהם א מענשען, איז לואיס דאך געבליעבען א גראף. זיין ערשטע זאָרג איז געווען צו געפינען א גוטען האָטעל.

— לאמיר בלייבען דא שטעהן אביסעל, האט וואלענטין געזאגט רוהיג.

— בלייבען שטעהן גלאט אויף דער גאס? האט לואיס געפרעגט מיט פער־דרוס.

— דוא ביסט נאך אלץ א גראף, לואיס! האט וואלענטין געענטפערט מיט א פאָרוואורף. דוא פערגעסט, אז מיר זיינען אין אמעריקא?

— נו, וואס איז דען?

— וואס איז? מיר זיינען עמיגראנטען! מיר דארפען קיין האטעל.

— וואס זאלען מיר אבער טהאן אין מיטען גאס?

— נעכטיגען אויף דער גאס! האט וואלענטין געזאגט שארף. עמיגראנטען דארפען נעכטיגען, וואו זיי קענען. אונז איז נאך גאָר נים אזוי שלעכט. דיא נאכט איז א ווארעמע, דיא לופט איז ריין און עס שמעקט פון אלע זייטען. וואס נאך פעהלט אונז?

— גאָר גישט! האט לואיס געלאכט — וואס פעהלט אונז און וואס האבען מיר?

— הער נור, לואיס, האט וואלענטין געזאגט ערנסט. ערשטענס, וויל איך דאָ בלייבען שטעהן אביסעל, אונזערע פערד זאָלען זיך אפרוהען. צווייטענס, וויל איך מיט דיר עפעס רעדען.

— מיר דאכט, אז מיר האבען היינט א גאנצען טאג זיך אזוי פיעל אנגערעדט, אז דיא מיילער דארפען אונז וועה טהאן.

— מיר האבען גערעדט איבער נאררישקייטען, יעצט אבער מוזען מיר רעדען גאנץ ערנסט.

— לאָמיר רעדען גאנץ ערנסט, האט לואיס געענטפערט נאכלעסיג.

ביידע יונגע לייט זיינען אראָפּגעגאנגען פון זייערע פערד און האבען זיי געלאזען זוכען פרישעס גראז, וועלכעס האט געוואקסען אין יענער געגענד. דאן האבען זיי זיך ביידע אויסגעצויגען אויף דער ערד און האבען פעררויכט ציגארען. צעזאר, זייער הונד, האט זיך אויסגעצויגען לעבען זיי, אלס וועכטער.

— נו, רעד ערנסט! האט לואיס געזאגט.

— הער נור, לואיס! מיר זיינען יעצט אין אמעריקא, אין דעם גאָלדענעם לאנד, וואו מענשען ווערן רייך אין א קורצע צייט. גאָלד איז א גאנץ גוטע זאך. מיר מוזען זעהן אויך צובעקומען דיעזע גוטע זאך.

— דוא פערגעסט, וואלענטין, אז איך בין געקומען קיין אמעריקא צוליעב א גאנץ אנדערן צוועק, האט לואיס געענטפערט.

— איך פערגעס גאָר ניט, ברודער. איך ווייס, אז דוא ביסט פערליעבט און זוכסט דאס מעדכען, וואס דוא ליעבסט. דאס געהער זיך אבער גאר ניט אן מיט מיין פלאן.

— וואס רעדסט דוא, וואלענטין? ביי מיר איז מיין געליעבטע טהייערער פון אלע רייכקייטען אין דער וועלט!

— דאס ווייס איך! עס געהער זיך אבער דאך ניט אן איינס מיט'ן אנדערן.— דוא פערגעסט, ברודער, אז דיין געליעבטע, וויא הייסט זיא?

— דאניא ראָזאריאָ.

— יא, דאניא ראָזאריאָ, איז רייך, זעהר רייך — אזוי האָסט דוא מיר געזאגט.

— איך ווייס עס ניט פאר געוויס. איך מיין אבער, אז זיא איז רייך, וויל זיא האט געלעבט אין פאריז, וויא א פירסטין.

— נו, זעהסט דוא שוין! ווען זיא האט געלעבט אין פאריז, וויא א פירסטין, איז זיא געוויס רייך. היינט בעדענק, ווען דוא ווילסט קומען און בעטען איהר האנד, מוזט דוא דאך אויך רייך זיין. פערשטעה, דוא עמיגראנט! א רייכע אמעריקאנערין וועט דאך ניט וועלען הייראטהען א בעטלער, וויא דוא ביסט יעצט.

דער געוועזענער גראף האט זיך פערטראכט. זיין ברודער האט רעכט. אום ער זאל הייראטהען דיא רייכע אמעריקאנערין, מוז ער זיין ווענינגסטענס אזוי רייך, וויא זיא.

— וויא אזוי ווערט מען אבער רייך? האט ער געפרעגט, וויא א שול אינגעל, וועלכען מען גיט אויף א פראגע, וועלכע ער הייבט ניט אן צו פערשטעהן.

— אט דאס איז דיא פראגע! האט וואלענטין געענטפערט מיט א געלעכטער.

— איך קען קיין האנדווערק און בין ניט פעהיג צו קיינע בעשעפטיגונג, האט לואיס געזאגט טרויעריג.

— איך קען אויך קיין האנדווערק, האט וואלענטין געענטפערט. דאס קימערט מיך אבער ניט. מיר מוזען זיך העלפען וויא מיר זיינען.

— אלזא, וואס זאלען מיר טהאן?

— דאס מוזען מיר זיך איבערלעגען. צוערשט אבער טארען מיר ניט פערגעסען,

אז מיר זיינען אין אמעריקא, אין א לאנד, וואו אלעס איז אנדערש, וויא אין אייראפּא. עס איז גאר א נייע וועלט! אנדערע מענשען, אנדערע זיטען (מנהגים) אנדערע אידעען און אנאנדער אַרט צו לעבען.

— צו וואס זאגסט דוא מיר דאס אלעס? האט לואיס געפרעגט.

— איך זאג עס דיר דערפאר, אז דוא זאָלסט וויסען איין מאל פאר אלע מאל, אז ווען מען קומט קיין אמעריקא, מוז מען פערגעסען אלעס, וואס מען האט געלערנט און וואס מען האט געקענט אין אייראפּא. ווען מען פערגעסט אלעס, קען מען ערשט מאכען א פערמעגען אין אמעריקא.

— אויפ'ן עהרליכען וועג? האט לואיס געפרעגט.

— קיין אנדערן וועג אלס דעם עהרליכען, קען איך ניט, האט וואלענטין געענטפערט. איך וויל דיר נור זאגען, אז אין אמעריקא זיינען דיא ווערטער, עהרע און שטאָלץ ניט דיא זעלבע, וואס זיי זיינען אין אייראפּא, בעזאנדערס אין פראנקרייך. וואס אין אייראפּא קען הייסען פּאַלשע מטבעות, איז היע ריינעס גאָלד. וואס דוא וואָלסט קיין מאל ניט געטהאן אין אייראפּא, דאס מוזט דוא טהאן אין אמעריקא. פערשטעהסט דוא מיך?

— ניט אין גאנצען.

— דוא וועסט שוין פערשטעהן, האט וואלענטין ווייטער געזאגט. לאז מיך נור פיהרען, וועלען מיר שוין געפינען א געלעגענהייט רייך צו ווערן.

— איך וואָלט עס זעהר געוואָלט זעהן.

— ווילסט דוא הייראטהען דאס מעדכען, וואס דוא ליעבסט?

— וואס פרעגסט דוא?

— אלזא, מוזט דוא זיך בעטראכטען אלס א געגעראל פאר א שלאכט. ער מוז בענוצען יעדע געלעגענהייט, וואס שטעלט זיך איהם פאָר אום צו זיעגען.

— דוא ביסט היינט צו קלוג פאר מיר, האט לואיס געענטפערט נאכלעסיג.— טהו, וויא דוא פערשטעהסט!

— דאס איז אלעס, וואס איך פערלאנג פון דיר, האט וואלענטין געזאגט און האט אוועקגעוואָרפען זיין ציגאר. — אלזא, פון היינט אן הער אויף צו רעדען פון א האָטעל, פון א גוטען מיטאג און פון אנדערע זאכען, צו וועלכע דוא ביסט געוואוינט געווען אין פאריז. דוא ביסט אן עמיגראנט און דוא דארפסט לעבען, וויא אלע עמיגראנטען לעבען אין דער ערשטער צייט אין אמעריקא.

לואיס האט געשוויעגען. ער האט קיין מאל ניט געררייזט אין דער וועלט און האט ניט געוואוסט, אז אמעריקא איז א גאנץ נייע וועלט. ער האט זיך פערלאָזען אויף זיין מילך ברודער, וואלענטין.

ביידע יונגע לייט האבען זיך אויפגעהויבען, זיי האבען וויעדער איינגעצוימט זייערע פערד און האבען זיך אויפגעזעצט.

— נו? וואוהין זאלען מיר יעצט פאהרען? האט לואיס געפרעגט.

— לאָמיר ארומשפאציערען אין דיא גאסען, האט וואלענטין געענטפערט. עס איז שוין ניט וויט צו טאג. אין דער פריה וועלען מיר זעהן, וואס מיר האבען ווייטער צו טהאן.

זיי האבען זיך ארומשפאציערט אין דיא גאסען אייניגע צייט האבען אויסגערויכט איין ציגאר נאך אן אנדערן און האבען שוין אנגעהויבען זיך צו לאנגוויילען. פלוצלונג האבען זיי געהערט א געשריי און א קנאק פון א פיסטאָלעטען שוס.

— וואס איז דאס ? האט לואיס אויסגערופען. מאָרדעט מען מענשען אין דיא גאסען ?

— שנעל ! לאָמיר זעהן, וואס דאָרט איז ! האט וואלענטין צו איהם געזאגט.

זיי האבען געגעבען זייערע פערד דיא שפּאָרען און זיינען צוגעלאפען צו דעם אָרט, פון וואנען מען האט געהערט דאס שיעסען. צו זייער איבערראשונג האבען זיי דערזעהן, וויא פינף מענשען אויף פערד שטעהן געגען צוויי מענשען צו פוס, וועלכע בעטען, אז מען זאל „זיא״ אפּלאזען.

זיי האבען ניט געוואוסט, וואס דא איז ; זיי האבען ניט פערשטאנען, וואס זיי מיינען מיט׳ן וואָרט „זיא״. זיי האבען נור געזעהן, אז פון איין זייט זיינען פינף אויף פערד און פון דער אנדערער זייט צוויי צו פוס.

— געגען דיא פינף ! האט וואלענטין קאמאנדירט. דיא צוויי צו פוס מוזען מיר העלפען !

— האלט פעסט ! האט לואיס אויסגערופען צו דיא צוויי מענער צו פוס. מיר וועלען אייך ניט לאזען בעליידיגען.

מיט דיעזע ווערטער האבען ביידע פראנצויזען אויסגעשאָסען. צוויי באנדיטען זיינען אראפּגעפאלען טויט פון זייערע פערד. דיא פרוי, וועלכע דער ערשטער באנדיט האט געהאלטען אויפ׳ן פערד, איז אראָפּגעפאלען בעוואוסטלאז. זיא איז געפאלען אין אהנמאכט. — דיא איבעריגע דריי רויבער האבען געזעהן, אז עס איז געקומען א הילף אזוי אונערווארטעט, האבען זיי זיך דערשראָקען און זיינען אנטלאפען געוואָרען.

שנעל, וויא דער בליץ, האט וואלענטין געחאפּט דיא פערד פון דיא געטויטעטע רויבער און האט געזאגט :

— שנעל, מיינע הערען ! זעצט אייך אויף דיא פערד און פאהרט אהיים !

— פערלאזט אונז ניט, האט דאן גרינאריא געבעטען. דיא געפאהר איז נאך ניט פאָראיבער.

דאן גרינאריא האט גערעדט זעהר גוט פראנצויזיש. ער האט באלד דערקענט, אז דאס זיינען פרעמדע, וועלכע זיינען נור וואס אנגעקומען.

לואיס איז אראפּגעשפּרונגען פון זיין פערד און האט אויפגעהויבען דיא פרוי, וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד בעוואוסטלאז.

— איך דאנק אייך, מיינע הערען ! האט דאן גרינאריא ווייטער געזאגט. איהר האט אונז גערעטעט דאס לעבען. יעצט בעט איך אייך, איהר זאלט מיר העלפען ארויפזעצען אויף א פערד איינעם פון מיינע פריינד, וועלכער איז פערוואונדעט.

— מיט פערגניגען ! האט אויסגערופען וואלענטין.

זיי האבען ארויפגעזעצט דאן טאדעאָ אויף א פערד. דאן גרינאריא האט גענומען דיא פרוי צו זיך און האט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן אנ׳ערן פערד.

— איך דאנק אייך נאך א מאָל, מיינע הערען ! האט דאן גרינאריא ווייטער

געזאגט. ווען איהר זאלט וועלען פאהרען מיט אונז, וואלט איהר אונז ערוויעזען א גרויס געפעליגקייט. איהר זעהט דאך: איינער פון אונז איז פערוואונדעט און דיא פרוי איז איין אהנמאכט.

— מיר פאהרען מיט אייך! האט וואלענטין אויסגערופען.

— מיר האבען גענוג צייט, האט לואיס געזאגט. מיר ווייסען זאגאר ניט וואס צו טהאן מיט אונזער צייט.

— אלזא, מיינע העררען, לאמיר פאהרען שנעל, וויא נור מעגליך! האט דאן נריגאריא געבעטען. עס האנדעלט זיך אום לעבען און טוידט. איינער פון אייך זאל רייטען לעבען מיין פערוואונדעטען פריינד.

מען האט זיי ניט געדארפט זאגען נאך אמאל. אלע פיער רייטער האבען יעצט געגעבען זייערע פערד דיא שפארען און זיינען געפלויגען אין גאלאפ. — וואוהין? דאס האבען דיא פראנצויזען ניט געוואוסט. עס האט זיי אויך ניט געקימערט, וואוהין זיי פאהרען.

אויפין הימעל האט זיך געוויעזען דער ערשטער שיין פון'ם קומענדען טאג.

— נו, לואיס? האט וואלענטין געזאגט צו זיין מילך ברודער. זעהסט דוא, מיר זיינען נור וואס געקומען קיין סאנט יאגא און מיר האבען שוין אן ארבייט. דאס איז אמעריקא! אמאל יאגט מען זיך נאך נאכין צופאל יאהרענלאנג און מען קריעגט איהם ניט און אמאל קומט ער אליין, ווען מען זוכט איהם גאר ניט. — וואס דענקסט דוא פון דיעזען זאנדערבארען צופאל?

— איך וויים ניט. מיר וועלען זעהן, האט לואיס געענטפערט.

אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. דיא סצענע, וואס מיר האבען נור וואס בעשריעבען, האט זיך אפגעשפיעלט אין א פארשטאדט פון סאנט יאגא, וואו דיא הייזער שטעהן ווייט איינס פון'ם אנדערן. קיינער האט זיך ניט אויפגעהאפט, קיין טהיר האט זיך ניט געעפענט. דיא פיער רייטער זיינען באלד געווען הינטער דער שטאדט.

11טעס קאפיטעל.

גענעראל בוסטאמענטע און דאניא מאריא.

דאן טאדעא האט געהאט פאלקאמען רעכט, ווען ער האט געזאגט, אז גענעראל בוסטאמענטע פאהרט צו זיין געליעבטער. בוסטאמענטע האט געוואוסט, אז דיא שטאדט איז זעהר אונרוהיג און האט זיך ענטשלאסען ניט צו שלאפען דיא גאנצע נאכט. ער האט נאך געהאט פיעלעס צו רעדען מיט זיין געליעבטער.

ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, וואו זיא האט געוואוינט, איז איינער פון זיינע אדיוטאנטען אראפגעשפרונגען פון פערד און האט אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר. — קיינער האט ניט געענטפערט. דער גענעראל האט געגעבען א צייכען, אז מען זאל קלאפען שטארקער. מען האט געקלאפט שטארקער. — קיינער האט ניט געענטפערט. בוסטאמענטע איז געווארען אונרוהיג.

— וואס זאל דאס זיין? האט ער געזאגט צו זיך אליין. וויא קומט עס, וואס מען עפענט מיר ניט?

ער איז אראפגעשפרונגען פון'ם פערד און האט אליין אנגעהויבען צו קלאפען. אלעס איז געבליעבען שטיל.

— ברעכט אויף דיא טהיר! האט ער קאמאנדירט.

מען האט זיא ניט געדארפט אויפברעכען. דיא טהיר איז נור געווען צוגעמאכט. זיא איז ניט געווען פערשלאסען און ניט פערריגעלט. בוסטאמענט איז געווארען זעהר אונרוהיג. ער האט פערשטאנען, אז דא איז עפעס ניט גלאט, אז עפעס איז שוין דא געשעהן. ער האט צוגערופען זיין אדיוטאנט און האט איהם געזאגט:

— שטעל אוים א שטרענגע וואך ארום הויז. קוק דיך גוט צו, ארעסטיר יעדען, ווער עס וועט אנקומען.

ער האט ארויסגענומען א פאר פיסטאלעטען פון זיין גארטעל, האט זיי געהאל־טען אין דיא הענד און ער מיט איינעגע פון זיינע סאלדאטען מיט פאקעלן אין דיא הענד זיינען אריינגעגאנגען אין הויף. אלעס איז געווען שטיל. אין אלע צימער איז געווען פינסטער. נור פון ם פענסטער פון איין צימער האט געשיינט א ליכט.

דער גענעראל האט אויפגעריסען דיא טהיר און איז אריינגעקומען אין צימער. איהם האט זיך פארגעשטעלט א שרעקליכע סצענע. אויף דער ערד זיינען געלעגען צווי מענשען אין א טייך בלוט. דאניא מאריא איז געלעגען אויפ'ן בעט געבונדען דיא הענד און דיא פיס, דאס מויל פערשטאפט מיט א טאשענטוך. דאס ווייסע בעטגעוואנט איז געווען פערשמיערט מיט בלוט. אלעס אין צימער איז געווען אין א שרעקליכער אונארדנונג.

ער האט באלד אפגעבונדען דאניא מאריא און האט איהר בעפרייט דאס מויל. — זיא איז געלעגען בעוואוסטלאז.

— וואסער! האט ער געשריען.

מען האט באלד געבראכט וואסער. ער האט אנגעהויבען צו שפריצען איהר וואסער אינם געזיכט. זיא האט געעפענט דיא אויגען.

— וואס איז דא געשעהן? האט בוסטאמענטע אויסגערופען ערשטוינט.

דאניא מאריא האט איהם נאך ניט געקענט ענטפערן. זיא האט איהם נור געוויזען אויפ'ן קאמאד, וואו עס איז געשטאנען דאס פלעשעלע, וועלכע זיא האט געגעבען צו שמעקען דאן טאדעא. גענעראל בוסטאמענטע האט געוואלט צו געהן צום קאמאד און האט דערזעהן אויפ'ן טיש שטעקען א מעסער אין א שטיקעל פאר־מעט. ער האט ארויסגענומען דאס מעסער און האט איבערגעלעזען אויפ'ן פארמעט:

„דער מערדער פאנטשא בוסטאמענטע ווערט אויפגעפאָרדערט צו ערשיינען פאר'ן געריכט פון היינט ביז אין ניינציג טעג.

דיא דונקעלע הערצער“.

ער האט עס איבערגעלעזען אין דער הויך איין מאל און צוויי מאל און האט צוריסען דאס שטיקעל פארמעט אויף שטיקלעך.

— צום טייפעל! האט ער אויסגערופען מיט כעס. זיי וואגען נאך מיר צו דראהען! איך וועל זיי שוין ווייזען! ווער עס וועט נור אריינפאלען צו מיר אין דיא הענד, דער וועט —

— אנטלויפען, האט א שוואכע שטימע געענטפערט.

בוסטאמענטע האט זיך אומגעקוקט. דאס האט געזאגט דאניא מאריא. זיא איז אונטערדעסען געקומען צו זיך און האט אויסגעהערט, וואס ער האט געזאגט. ער איז געוואָרען רויט און איז צוגעלאפען צו איהר.

— גאט זיי דאנק, וואס איהר זייט ווידער געקומען צו זיך! האט ער אויס-געראפען. — זייט איהר פערוואונדעט?

— ניין, איך בין ניט פערוואונדעט, האט דאניא מאריא געענטפערט. דיא טייפעל האבען מיך נור געבונדען און האבען מיר פערשטאפט דאס מויל.

— זייט איהר שטארק געגוג, מיר צו ערקלערן, וואס דא איז געשעהן? האט ער ווייטער געפרעגט.

— שרעקליך! שוידערהאפט! האט זיא געזאגט מיט א ציטערנדער שטימע. עס ציטערט אויף מיר דיא הויט, ווען איך דערמאן מיך, וואס דא איז געשעהן מיט איינגע צייט צוריק.

— קענט איהר מיר דערצעהלען, וואס דא איז געשעהן?

דאניא מאריא האט א ווינק געטהאן, אז זיא וויל רעדען מיט איהם אליין. בוסטאמענטע האט געהייסען זיין אדיוטאנט און זיינע סאלדאטען ארויסגעהן פון'ם הויף. ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען, האט ער פערשלאסען דיא טהיר.

ווען זיי זיינען געבליעבען אליין און דאניא מאריא האט זיך אין גאנצען בערו-הינט, האט זיא זיך געווענדעט צו איהם.

— הערט מיך אוים אויפמערקזאם, דאן פאנטשא, האט זיא געזאגט. איך האב צו רעדען מיט אייך וועגען זאכען, וועלכע זיינען פיעל וויכטיגער פאר אייך אלס פאר מיר.

— מיינט איהר פיעללייכט דיעזע גארישע אויפפארדערונג פון דיא דונקעלע הערצער? האט בוסטאמענטע געפרעגט מיט פעראכטונג און האט געוויעזען אויף דיא שטיקלעך פארמעט, וועלכע זיינען געלעגען אויף דער ערד.

זיא האט ערשט געזעהן, אז אויף דער ערד ליגען שטיקלעך פארמעט.

— איך ווייס ניט, וואס אין דיעזער אויפפאָרדערונג איז געווען געשריעבען, האט זיא געזאגט. איך ווייס זאגאר ניט, אויב מען האט אייך אויפגעפאָרדערט. איך האב צו רעדען מיט אייך פון עפּעס אנדערש.

בוסטאמענטע איז געוואָרען אויפמערקזאם. ער האט פערשטאנען, אז דא איז עפּעס וויכטיגעס.

— אלזא, רעדט! זאגט מיר! האט ער געבעטען.

— איך וויל אייך אלעס זאגען און אלעס ערקלערן, האט דאניא מאריא אויס-געראפען, ווייל איך מוז געהמען ראכע. איך מוז מיך נוקם זיין אן א מענשען, וועלבער האט מיך אזוי בעליידיגט און אזוי ערניעדעריגט.

זיא האט איהם יעצט דערצעהלט אלעס, וואס איז פארגעקומען צווישען איהר און דאן טאדעא. זעלבסטפערשטענדליך, אז זיא האט איהם ניט געזאגט, אז זיא איז עס געווען, וועלבע האט אונטערגעקויפט דיא סאָלדאטען, אז זיי זאלען דאן טאדעאָ

נור ליכט פערוואונדעט. — זיא האט דערצעהלט, אז דיא דונקעלע הערצער האבען איהם גערעטעט פון׳ם טוידט, זיא וייס ניט, וויא אזוי.

דאן טאדעאָ איז דאן געקומען צו איהר. זיא איז געוועזען גאנץ אליין און האט איהם געמוזט אויפנעהמען. אזוי וויא זיי האבען גערעדט, זיינען אנגעקומען דיא דונקעלע הערצער, האבען דיא געבונדען און זיינען אוועקגעגאנגען מיט דאן טאדעאָ.

דער גענעראל האט זיא אויסגעהערט אויפמערקזאם. זיא האט דערצעהלט אלעס אזוי איינפאך און אזוי אונשולדיג, אז ער האט געגלויבט אלעס, וואס זיא האט איהם דערצעהלט. ער האט דאך אליין געזעהן, אין וואס פאר א שרעקליכער לאגע ער האט זיא געפונען.

— ווער זיינען דיא צוויי מענשען, וועלכע איך האב דא געפונען ליגען טוידט אויף דער ערד? האט ער געפרעגט.

— דאס זיינען מיינע דיענער, האט דאניא מאריא געענטפערט. איך האב אנגעהויבען צו שרייען, מיינע דיענער זיינען געקומען צו לויפען מיר צו הילף. דיא דונקעלע הערצער האבען זיי געטוידטעט.

גענעראל בוסטאמענטע איז געוואָרען ערנסט. ער האט שוין לאנג געזוכט מיטעל, וויא אזוי צו צוברעכען דיא מאכט פון דיעזער שרעקליכער געהיימער געזעלשאפט. אלע זיינע מיטעל אבער האבען ניט געהאלפען. ער האט ניט געקענט אויסגעפינען ניט איינעם פון דיא מיטגליעדער פון דיא דונקעלע הערצער. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט געוואהר ווערן ניט איין נאמען פון דיעזער געזעלשאפט, פאר וועלכער אלע האבען געציטערט.

זעהר אפט פלעגען קומען פארמערס און איינוואוינער פון דערפער און קליינע שטעדטלעך און פלעגען זיך בעקלאגען פאר איהם, אז דיא דונקעלע הערצער האבען אונטערגעצונדען זייערע הייזער אדער האבען זיי געשמיעסען. קיינער אבער האט ניט געקענט זאגען, ווער עס האט עס געטהאן. — געה, יאג דיך! חאפ דעם ווינט אין פעלד!

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז ארומגעגאנגען אין צימער פערטראכט. ער האט געקלערט, וויא אזוי בייצוקומען דיעזע שטארקע ארגאניזאציאָן, וועלכע האט שוין ניט איין מאל איהם בעוויעזען, אז זיא איז שטארקער פון איהם.

גענעראל בוסטאמענטע איז געוועזען איינער פון דיא ווילדעסטע הערשער אין טשילי. ביז אויף היינטיגען טאג רופט איהם דאס פאָלק: דער הענקער. ער האט ניט געקוקט אויף קיינעם. קוים האט ער געהאט א פערדאכט (חשד) אויף איינעם, אז ער איז א מיטגליעד פון דיא דונקעלע הערצער, האט ער איהם געהייסען שיעסען. שטענדיג אבער האט עס זיך ארויסגעוויעזען, אז ער האט געהייסען שיעסען אן אונשולדיגען.

יעצט וויס ער ווענינסטענס, אז דאן טאדעאָ איז א מיטגליעד פון דיא דונקעלע הערצער. דאס איז זיכער, זיי האבען איהם גערעטעט פון׳ם טוידט היינט ביי נאכט. — וויא אזוי? דאס האט ער דערווייל ניט געוואוסט. זיי האבען בעליידיגט

מיין געליעבטע. זיי האבען אוועקגעפיהרט דאן טאדעאָ. וואוהין? דאס האט ער אויך ניט געוואוסט.

איינינע צייט איז ער רומגעגאנגען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. פלוצלונג האט ער אויפגעהויבען שטאלץ זיין קאפ און איז צוגעגאנגען צו דאניא מאריא.

— זיי רוהיג, מיין טהייערע! האט ער געזאגט פעסט ענטשלאָסען. מיר וועלען זיך נוקם זיין אן זיי!

— איך האב שוין אנגעהויבען מיך נוקם צו זיין, האט דאניא מאריא געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך האב געדונגען מענשען, זיי זאלען אוועקרויבען דאניא ראזאריא, דיא פרוי, אין וועלכער דאן טאדעאָ איז פערליעבט איבער דיא אויערן.

— דאס איז שעהן! דאס איז קלוג! האט בוסטאמענטע אויסגערופען. ווען מען זיא אבער קריעגען?

— אין איינינע מינוט ווען זיא דא זיין.

— וואס ווען איהר אבער טהאן מיט איהר? ווען איהר זיא האלטען ביי זיך?

— נור דאס ניט.

— ווילט איהר זיא טויטען?

— ערגער וויא טויטען. — איך וועל זיא אוועקשענקען צו אן אינדיאנער פירסט.

— בראוואָ! האט אויסגערופען בוסטאמענטע. דיא פרויען זיינען שטענדיג קלינער פון דיא מענער, ווען זיי ווילען זיך נוקם זיין אן א מענשען. — האט איהר אבער קיין מורא ניט, אז דער מאן, וועלכען איהר האט געשיקט רויבען דאניא ראַ־זאריא, זאל אייך ניט פערקויפען, אפנאררען אדער בעטריעגען?

— ניין, איך האב געשיקט א מענשען, וועלכער האסט דאן טאדעאָ נאך מעהר פון מיר.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט, וויא האסטיגע שריט זיינען צוגעקומען צום צימער, וואו בוסטאמענטע איז געזעסען מיט זיין געליעבטער.

— אט קומט מיין אגענט, האט דאניא מאריא געזאגט. ער ברענגט געוויס דיא פרוי, נאך וועלכער איך האב איהם געשיקט.

— הערריין! האט זיא אויסגערופען.

דיא טהיר האט זיך געעפענט. אין צימער איז אריין א מאן פון א ווילדען אויסזעהן. ער איז געווען בלייך און אויפגערעגט, זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען און אין איינינע ערטער בעפלעקט מיט בלוט.

— נו! וואס הערט זיך? האט דאניא מאריא געפרעגט אונגעדולדיג.

— עס איז ניט געלונגען, האט דער מאן געענטפערט.

— וואס רעדסט דוא, טייפעל? האט דאניא מאריא אויסגערופען, וויא א ווילדעס טהיר.

— מיר זיינען געווען פינף מענשען, האט דער מאן דערצעהלט. מיר זיינען

שטילערהייט אריינגעגאנגען אין הויז, וואו דיא דאמע איז געשלאָפען און האבען זיא ארויסגעטראגען אויף דיא הענד. מיר זיינען געוועזען זיכער, אז מיר וועלען זיא ברענגען אין א פינסטער געסעל זיינען אויף אונז אנגעפאלען פיער מערדער. —

— פאר וואס האט איהר זיך ניט פערטהיידיגט? האט דער גענעראל זיך אריינגעמישט.

דער באנדיט האט געוואָרפען א בייזען בליק אויפ׳ן גענעראל און האט ווייטער דערצעהלט.

— צוויי פון אונז זיינען געפאלען טויט. איך און נאך איינער זיינען פערוואונדעט. וואס נאך האבען מיר געקענט טהאן?

— אבער דיא דאמע! האט דאניא מאריא אויסגערופען.—וואו איז דיא דאמע?

— מיר האבען געמוזט איבערלאזען דיא דאמע אויף דער גאס. אונזערע פיינד האבען זיא אויפגעהויבען און זיינען מיט איהר ערגעץ אנטלאָפען געוואָרען.

— אלזא, וואס ביסט דוא געקומען? מיר דערצעהלען, אז איהר זייט טויגעניכטסע? האט דאניא מאריא אויסגערופען.

— ניין, ער האט מיך געשיקט צו אייך פרעגען, אויב מיר זאלען זיך ווידער נאכיאגען נאך דער דאמע? ער זאגט, אז אויב דיא בעדינגונגען וועלען בלייבען דיועלבע, וועט ער נאך א מאל פראָבירען. ער איז זיכער, אז דאס מאל וועט עס איהם שוין געוויס געלינגען.

— ניט נור דיועלבע, האט דאָניא מאריא געענטפערט. איך וועל איהם געבען נאך הונדערט גאָלד פעזאָ׳ס, ווען ער וועט זיא מיר ברענגען. מעגליך, אז ער גלויבט מיר ניט? האט זיא ווייטער געזאגט, וועל איך איהם ווייזען, אז איך וועל האלטען מיין וואָרט.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו איהר קאמאד, האט ארויסגענומען א שווערן ביימעל מיט גאָלד און האט איהם דערלאנגט.

— נאַ, גיב עס איהם! לאז ער וויסען, אז איך וויים, וויא אזוי צו בעלוינען א מענשען, וועלכער טהוט מיר א געפעליגקייט.

דער מאן האט צוגענומען דאס געלד און האט זיך פערנייגט. ער האט גע־וואלט ארויסגעהן.

— געה, זשואַן, און קום באלד צוריק, איך דארף דיך נאך האבען, האט איהם דאָניא מאריא געזאגט.

דער מאן איז פערשוואונדען געוואָרען.

— ווער איז דיעזער מאן? האט בוסטאמענטע געפרעגט, ווען דער מאַן איז פערשוואונדען געוואָרען.

— דאס איז איינער פון מיינע ארבייטער. איך האב איהם א מאל גערעטעט פון א גרויס געפאהר, דערפאר איז ער מיר אזוי דאנקבאר.

— ער ווייזט גיכער אויס צו זיין א רויבער, אלס אן ארבייטער, האט בוס־טאמענטע געזאגט אונטער דער נאז.

דאָניא מאריא האט פערצווינגען דיא אקסלען.

— איהר גלויבט דאָך קיינעם ניט, האט זיא געזאגט.

— ווען מען גלויבט קיינעם ניט, נארט מען זיך קיין מאל ניט אפ.

— פונקט פערקעהט! וואס מעהר מען גלויבט קיינעם ניט, אלץ לייכטער פאלט מען אריין.

— זעהט איהר דאָך, איהר האט געגלויבט אייערע אגענטען, איהר זייט געווען זיכער, אז זיי וועלען אויספיהרען אייערע בעפעהלע — און זיי האבען אייך דאָך אפגענארט.

— דארויף קען איך אייך ענטפערן דיא ווערטער, וואס איהר האט מיר פריהער געזאגט.

— וואָס?

— געדולד! — אבער לאמיר דערפון מעהר ניט רעדען. — זאגט מיר בעסער, וואס דענקט איהר ווייטער צו טהאן? איהר זעהט דאָך, אז אייערע פיינד ווערן פון טאג צו טאג שטארקער און מעהר. איהר מוזט דאָך זעהן עפּעס צו טהאן געגען זיי.

— איך האב שוין פיעל דאריבער געטראכט, האט דער גענעראל געענטפערט, און איך בין געקומען צו דעם בעשלוס, איך זאל מיך מעהר ניט שפּיעלען געגען זיי אין בלינדזיקייט, אין בעהעלטעניש. איך וועל זיי ערקלערן אָפען דעם קריעג. איך וועל מעהר ניט ווימען פון מיטלייד און שוינונג. איך וועל זיי הייסען שיעסען אין דיא גאסען, וויא דיא הינט. איך וועל פארבען דיא גאסען פון סאנט יאגאָ מיט זייער בלוט; איך וועל פיטערן דיא אדלערס פון'ם הימעל מיט זייערע טויטע קערפּער, דאן וועלען מיר זעהן, ווער עס וועט מיעד ווערן: איך אדער דיא דונקעלע הערצער!

זיי האבען מיך אויפגעפאָרדערט, איך זאָל מיך שטעלען פאר זייער געריכט אין ניינציג טעג. גוט! איך וועל מיך שטעלען פאר זיי, אבער ניט אליין, זאָנדערן מיט מיין גאנצער ארמעע.

— דאס הייסט גערעדט, וויא א מאן, וויא א העלד! האט דאניא מאריא אויסגערופען. מיר מוזען ווייזען דיעזע באנדיטען, וועלכע מאכען זיך אליין פאר ריכטער, אז עס איז דא א רעגיערונג אין טשילי, עס איז דא א הערשער אין סאנט יאגאָ! — דיא פראגע איז נור, וויא אזוי וועט איהר געוואָהר ווערן, וואו זיי פערזאמלען זיך און ווער זיי זיינען?

— איך האב שוין דערצו אויך געפונען א מיטעל, האט בוסטאמענטע אויסגערופען. איך האב שוין איינעם, וועלכער איז אריינגעטרעטען אין זייער געזעלשאפט אלס מיטגליעד. ער וועט מיר אויסזאגען אלע זייערע געהיימניסע.

— דאן איז אלעס גוט! האט דאניא מאריא געזאגט. — דאן וועט איהר זיי בייקומען.

זיי האבען נאך גערעדט איינינע צייט איבער פערשיעדענע זאכען. ענדליך האט זיך דער גענעראל אויפגעהויבען.

— איך מוז צוריק פאהרען אין מיין פאלאץ, האט ער געזאגט. איך וועל איבערלאָזען איינינע סאלדאטען, זיי זאלען בעוואכען אייער הויז.

— דאנק, דאן פאנטשאָ! דאנק!

גענעראל בוסטאמענטע איז אוועקגעפאהרען. דאניא מאריא איז געבליעבען אליין, זיא איז שוין יעצט געוועז זיכער. זיא האט געהערט, וויא אין הויף געהט ארום א וואך. זיא האט זיך אבער דאך ניט געלעגט שלאפען. שרעקליכע, ווילדע געדאנקען פון ראבע און צארן געגען איהר מאן האבען זיא ניט געלאזט רוהען. זיא האט זעהר וועניג געגלויבט דעם גענעראל בוסטאמענטע. זיא האט געוואוסט, אז ער האט זיך ליעב צו בעריהמען. ער האט שוין ניט איין מאל געזאגט, אז ער האט שוין א פלאן, וויא צו פערניכטען דיא דונקעלע הערצער און אם ענדע איז פון זיינע פלאנען גאר נישט געווארען.

— ניין! איך אליין מוז מיך רעכנען אן איהם! האט זיא ענדליך אויסגערופען. ער האט מיך היינט צופיעל בעליידיגט, צופיעל ערניעדריגט און צופיעל געקרענקט.—

12טעס קאפיטעל

דער שפיאָן.

דיא פיער רייטער זיינען ארויסגעפאהרען פון דער שטאדט און זיינען געריטען אויפ'ן פרייען פעלד.

— מיר מאכען גוטע געשעפטען אין אמעריקא, האט וואלענטין געזאגט צו זיין מילך ברודער. מיר זיינען אריינגעפאהרען פון איין זייט שטאדט און ארויסגעפאהרען פון דער אנדערער זייט. דאס איז שעהן!

לואיס האט פערצויגען דיא אקסלען. איהם איז דיא גאנצע געשיכטע ניט געפעלען. זיי זיינען נור וואס געקומען, ווייסען נאך גאר ניט, וואס דא טהוט זיך און זיינען שוין פערמישט אין א ניט גאנץ אנגענעהמע געשיכטע.

וואלענטין האט געזעהן, אז לואיס איז ניט אויפגעלעגט צו שפאסען און האט אויך געשוויעגען. דיא אנדערע צוויי האבען קיין ווארט ניט גערעדט. אזוי זיינען זיי געריטען שטילערהייט א געוויסע צייט.

עס האט אנגעהויבען צו טאגען. פון וויטען האט מען געזעהן הויכע בערג — דיא קארדיליערען. אויף זייערע גאנץ הויכע שפיצען האבען שוין געשטראהלט דיא ערשטע ראזא-שטראהלען פון דער זון. אין דיא טאהלען אבער איז נאך געווען פינסטער.

באלד זיינען זיי צוגעקומען צו א וועלדעל. הינטער דיא ביימער האט מען געזעהן דיא ווייסע ווענט פון א שטיינערנעס הויז. דיא טויערן זיינען געשטאנען אָפען, אבער א מאן איינגעהילט אין א לאנגען מאנטעל, איז געשטאנען פאר דיא טויערן. עס איז געווען דייטליך, אז ער שטעהט אויף דער וואך.

דיא פיער רייטער זיינען גלייך אריינגעפאהרען אין הויף. דיא טויערן האבען זיך באלד פערמאכט הינטער זיי. אלע זיינען אראפגעשפרונגען פון זייערע פערד. פון הויז זיינען ארויסגעגאנגען מענשען און האבען אראפגענומען דאן טאדעא און דיא פרוי אין אהנמאכט פון דיא פערד און זיינען מיט זיי ערגעץ אוועקגעגאנגען.

דאן גרינאריא איז צוגעגאנגען צו דעם מאן, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך און האט איהם געפרעגט:

— איז אלעס געווען שטיל און רוהיג?

— אלעס איז געוועזן שטיל און רוהיג, האט דער מאן געענטפערט.

— איז קיינער ניט געקומען א הער?

— דא איז געווען א ניעדעריגער, דיקער מאן. ער האט געבעטען, מען זאל איהם לאָזען נעכטיגען. איך האב איהם געזאגט, אז קיינער איז ניטאָ אין דער היים און ער איז זיך אוועקגעגאנגען.

— זיינען „זיי״ שוין דא?

— זיי זיינען שוין לאנג דא, זיי ערווארטען אייך.

— זעהר גוט! געה און זאג זיי, אז איך בין נור וואס געקומען און וועל באַלד זיין ביי זיי.

דער מאן, מיט וועלכען דאן גרינאריא האט גערעדט, איז פערשוואונדען.

דיא צוויי פראנצויזען זיינען אויך אראפּ פון זייערע פערד און זיינען געבליעבען שטעהן אין דער מיט הויף. זיי האבען אליין ניט געוואוסט, וואס זיי זאלען טהאן. זאלען זיי אויך ארייננעהן אין הויז, וואוהין קיינער האט זיי ניט איינגעלאדען, אדער זאלען זיי צוריקפאהרען קיין סאנט יאגאָ.

ווען דאָן גרינאריא איז געבליעבען אליין אין הויף, איז וואלענטין צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געזאגט:

— יעצט זייט איהר שוין אין זיכערהייט, איהר דארפט אונז שוין מעהר ניט און מיר מעגען שוין צוריקפאהרען קיין סאנט יאגאָ.

— ניין, ניין! האט דאן גרינאריא אויסגערופען. ניט אזוי אָפט ברענגט אונז דער צופאל אזעלכע גוטע פריינד, וויא איהר. איך וועל אייך ניט לאזען אזוי שנעל אוועקפאהרען. — ניין! בלייבט ביי אונז.

— ווען מיר קענען אייך ניצליך זיין, וועלען מיר דא בלייבען, האט לואיס געענטפערט.

— דאנק, מיינע העררען! איך וועל אייביג ניט פערגעסען, אז איהר האט אונז גערעטעט דאס לעבען, האט דאן גרינאריא געזאגט. איך און מיין פריינד וועלען אייך אייביג דאנקבאר זיין. — מיט וואס קענען מיר אייך אפּדיענען?

— איך ווייס ניט, האט לואיס געענטפערט, אבער מיר דארפען האבען פריינד און בעקאנטע.

— איהר דארפט פריינד און בעקאנטע? האט דאן גרינאריא געפרעגט. זייט איהר פּיעללייכט אין א נויט? האט אייך פּיעללייכט איינער בעליידיגט?

— קיינער האט אונז דערוויל ניט בעליידיגט און מיר זיינען דערוויל אין קיין נויט, האט וואלענטין געענטפערט. מיר זיינען אבער גאנץ פרעמד אין לאנד.

— ווען זייט איהר געקומען קיין טשילי?

— נאך גאר ניט לאנג, האט לואיס זיך אפּגערופען. איהר זייט דיא ערשטע מענשען אין סאנט יאגא, מיט וועלכע מיר האבען גערעדט.

דאן גרינאריא האט געטראכט א פאר סעקונדען.

— גוט! דאס איז זעהר גוט. איך קען אייך ניצליך זיין און וועל טהאן אלעס מעגליכע אום אייך ניצליך צו זיין.

— מיר דאנקען אייך זעהר, האט לואיס געזאגט, און האָפען, אז מיר וועלען אייך קיין מאל ניט דארפען דערמאָנען אָן דיזעס פערשפרעכען.

— דאס איז עדעל געשפראָכען, האט דאן גרינאריא בעמערקט, מיינט אבער ניט, אז איך און מיין פריינד וועלען קענען א מאל פערגעסען, אז איהר האט אונז ארויסגעהאָלפען פון דער גרעסטער געפאהר, וואס קען נור געבען. — איך זעה, אז איהר זייט עמיגראַנטען. איך וויים, אז ווען עמיגראנטען קומען קיין אמעריקא, זיינען זיי געוויס ניט פערזארגט. זייט רוהיג. איהר מעגט אייך פערלאזען אויף מיר. איהר וועט שוין זיין פערזארגט.

— ענטשולדיגט אונז, העררן! האט לואיס אויסגערופען. וויא עס ווייזט אויס, פערשטעהן מיר איינער דעם אנדערן ניט. מיר זיינען ניט אזעלכע מענשען, וועלכע פערלאנגען, אז מען זאל זיי בעצאהלען, ווען זיי טהוען עפּעס. וואס מיר האבען געטהאן פאר אייך, האבען מיר געטהאן, וויל מיר האבען גערעכענט, אז מיר דארפען אזוי טהאן. איהר זייט אונז גאר ניט שולדיג.

— מיינע העררען! מיר פערשטעהן ווירקליך ניט איינער דעם אנדערן. איך האב ניט געזאגט, אז איך וויל אייך בעצאהלען אדער בעלוינען. איך בעט אייך, איהר זאָלט ווערן מיינע פריינד, איהר זאלט בלייבען דערוויל אין מיין הויז אלס מיינע בעסטע פריינד און זאלט טהיילען מיט מיר פרייד און לייד. זעלבסטפערשטענדליך, ווען איהר ווילט.

— אויב אזוי, נעהמען מיר אן אייער נאָבעלע פריינדשאפט, האט לואיס אויסגערופען. איך בין שטענדיג בערייט צו זיין א פריינד פון מענשען, וועלכע מיינע פריינדשאפט קען נוצען. איך האָף אבער, אז איהר וועט זיך באלד איבערצייגען, אז מיר זיינען ווירדיג צו זיין אייערע פריינד.

— איך גלויב עס. איך מוז אייך אבער זאגען דיא וואהרהייט. איך פיהר זעהר אן אונרוהיגעס לעבען. איך פיהר א לעבען פון קאמפף און געפאהר. —

— דאס האב איך שוין געוואוסט, האט לואיס בעמערקט. דיא סצענע, וועלכע האט געפיהרט, אז מיר זאלען זיך בעקענען, האט מיר שוין געוויזען, אז איהר לעבט ניט גאנץ רוהיג.

— קענט איהר וועמען אין טשילי? האט דאן גרינאריא געפרעגט.

— קיינעם ניט.

— האט איהר עפּעס א פּאָליטישע מיינונג? זייט איהר א רעפּובליקאנער אדער א מאָנארכיסט?

— אין פראנקרייך האב איך געהאט א מיינונג. אין אמעריקא האב איך נאך דערוויל קיין פּאָליטישע מיינונג.

— בראוואָ! האט דאן גרינאריא אויסגערופען. קוים וועלען מיר איינשטימען אין אונזערע מיינונגען, וועלען מיר זיין פריינד, ברידער אויף לעבען און טוידט.

— מיר זיינען איינשטימיג מיט אייערע מיינונגען, ווען איהר קעמפּפט נור פאר פרייהייט און גלייבהייט, האט וואלענטין זיך אפּגערופען. איהר ווייסט דאך געוויס,

אז מיר, פראנצויזען, זיינען געוועזן דיא ערשטע, וועלכע האבען געמאכט א רעוואלר ציאָן און האבען פערגאָסען אונזער בלוט פאר פרייהייט.

און ווען איהר זייט רעוואָלוציאָנערן און מאכט א פערשווערונג געגען דיא רעגיערונג —

— וואס וועט זיין?

— וועלען מיר אייך ביישטעהן ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט, האט לואיס געזאגט.

דאן גריגאָריאָ האט גענומען דיא הענד פון זיינע ביידע פריינד און האט זיי צוגעפרעסט צום הארצען. דאן האט ער צוגערופען דעם מאן, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, און האט איהם געהייסען צונעהמען זייערע פערד און זיי אליין ארייני פיהרען אין א צימער.

ער האט נאך גערעדט מיט איהם עטליכע ווערטער אויף שפּאניש, וועלכע דיא צוויי פראנצויזען האבען דאמאלס נאך ווייניג פערשטאנען. דאן האט ער זיך געווענ־ דעט צו זיי:

— גוטע נאכט, מיינע הערען אדער ריכטיגער געזאגט, גוט־מארגען, מיינע הערען!

מיט דיעזע ווערטער איז ער פערשוואונדען ערגעץ אין הויז.

דער מאן וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, אדער דער פערוואַלטער פון'ם הויז, האט אריינגעפיהרט דיא צוויי פראנצויזען אין א בעזונדער צימער און איז זיך שטילערהייט אוועקגעגאנגען.

— נו, וויא געפעלט דיר אונזער אנפאנג אין אמעריקא? האט וואלענטין גע־ פרעגט זיין ברודער.

— איך ווייס ניט, וואס צו זאגען, האט לואיס געענטפערט. מיר געפעלט דיא גאנצע געשיכטע ניט. איך האב ניט זעהר ליעב געהיימע געזעלשאפטען און פערשווערונגען.

— ליעבער לואיס, האט דער פרעהליכער וואלענטין אויסגערופען, דיא בעסטע געלעגענהייט צו חאפּען פיש איז דאן, ווען דאס וואסער איז טריעב (מוטנע).

— דאס איז נור א שפּריכוואָרט. מיר שטעהן אבער פאר דער שטרענגער ווירקליכקייט. איך ווייס ניט, צו וואס זאלען מיר זיך אריינמישען אין זאכען, וואס געהן אונז גאָר ניט אָן.

— מיר זיינען אין אמעריקא, וואו מיר מוזען זיך אנחאפּען אן יעדע געלעגענ־ הייט, וועלכע קען אונז ניצען.

לואיס האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ זעהר טרויעריג.

יעצט האבען זיך דיא יונגע לייט ארומגעקוקט אין זייער צימער. פיער ווייסע, נאַקעטע ווענט, אהן יעדע פערציערונג, אָהן בילדער, אָהן מעבעל, אָהן אלעס גע־ מהיגע, צו וועלכען מיר זיינען געוואוינט אין אייראָפּאָ, האט פאַרגעשטעלט זייער נייע וואוינונג. אין איין ווינקעל זיינען געשטאנען צוויי הילצערנע געשטעלען איבער־ געצויגען מיט אויסגעארבייטעטע פעל פון אָקסען. דאָס זיינען געווען דיא בעטען. צווישען

דיעזע צוויי בעטען איז געשטאנען אן איינפאכער ווייסער טיש און צוויי איינפאכע הילצערנע, ווייסע, לאנגע בענק.

דאס איז געווען דאס גאנצע מעבעל פון'ם צימער.

— וויא עס ווייזט אויס, זיינען אונזערע נייע פריינד ניט שטארק פערצערטעלט האט לואיס בעמערקט. זיי זיינען ניט געוואוינט צו ווייבע, סאמעטענע שטולען און נוטע, געשניצטע און פאליטורטע בעטען.

— וואס הארט עס אונז? האט וואלענטין געענטפערט. ווען מען איז מיעד, קען מען זעהר גוט שלאפען אויף דיעזע בעטען. מיר געפעלען זיי זעהר גוט.

— אלזא, לאמיר זיך צולעגען. מיר זיינען מיעד און מוזען זיך אויסרוהען. מיר מוזען זאמלען קרעפטע אויף מארגען. מיר ווייסען ניט, וואס דער מארגען וועט אונז ברענגען.

לואיס איז צוואר געווען ניט שטארק צופריעדען מיט זייער נייער קווארטיר. ער איז אבער געווען זעהר מיעד.ביידע יונגע לייט האבען זיך אניעדערגעלעגט אויף זייערע בעטען פון דער גייעסטער טשילישער מאדע און זיינען באלד אנטשלאפען גע־געוואָרען.

דאן גריגאריא איז אונטערדעסען אריינגעגאנגען אין הויז און צוואר אין דעם צימער, וואו דאן טאדעא איז געווען מיט דער יונגער פרוי. אויף דער טהיר האט איהם בעגעגענט דאן טאדעאָ.

— נו? וואס הערט זיך? וואס מאכט זיא? האט ער געפרעגט.

— זיא איז געקומען צו זיך און האט געעפענט דיא אויגען, האט דאן טאדעאָ געענטפערט.

— האבען איהר דיא באנדיטען גאר ניט געטהאן?

— ניין. זיא איז געווען העכסט דערפרעהט, ווען זיא האט מיך דערזעהן. איך מיין, אז דאס האט אויף איהר זעהר גוט געווירקט. זיא האט געמיינט, אז איך בין טויט.

— וואס טהוט זיא יעצט?

— זיא איז אנטשלאפען געוואָרען.

— און וויא פיהלט איהר זיך, דאָן טאדעא?

— איך פיהל מיך גוט. מען האט מיר אויסגעוואשען מיין וואונד און מען האט זיא פערבונדען. דיא וואונד איז ניט געפעהרליך, זיא טהוט נור אביסעל וועה.

— פיהלט איהר זיך שטארק גענוג אום בייצוואוינען א זעהר וויכטיגע בע־ראטהונג?

— ווען עס איז נעטהיג, וועל איך קומען.

— איך מיין, אז עס איז נעטהיג. עס איז נור וואס אנגעקומען איינער פון מיינע נייע אנגענטען מיט וויכטיגע נאכריכטען.

— דאָן גריגאריא! איהר מוזט זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט נייע אגענטען, האט דאָן טאדעא געזאגט. אונזערע פיינדע שלאָפען ניט. זיי וועלען ניט שוינען קיין געלד אום אויסצופאָרשען אונזערע געהיימניסע.

— איך קען מיינע אגענטען, האט דאָ גריגאַריאָ געענטפערט. אויסערדעם ווייסען זיי ניט, וואו זיי זיינען. ווען זיי קומען צום וועלדעל, בלייבען זיי שטעהן. מען פערבינדעט זיי דיא אויגען און מען פיהרט זיי אריין דורך דעם געהיימען וועג, וואס נור אונזערע מיטגליעדער קענען.

דאן טאדעא האט געטראכט א פאר מינוטען, דאן האט ער געזאגט:

— איך פערשטעה, אז דער מאַן האט געבראכט וויכטיגע נאכריכטען. לאָמיר געהן.

דאן גריגאריא האט ארויסגענומען פון דער קעשענע צוויי שווארצע, זיידענע מאַסקעס. איינע האט ער זיך אנגעטהאן און דיא אנדערע האט ער געגעבען זיין פריינד. ביידע האבען אויף זיך אריינגעווארפען לאנגע שווארצע מאנטלען און האבען אנגעטהאן אויף זייערע געזיכטער דיא שוואַרצע מאַסקעס. דאַן זיינען זיי אריינגעגאנגען אין א גרויס צימער. דאס איז געווען דאס עס=צימער, אדער עמפפאנג=צימער פוּ'ם הויז.

אין דערמיט צימער איז געשטאנען א גרויסער, ווייסער טיש, לעבען וועלכען עס זיינען געשטאנען איינפאַכע, לאנגע הילצערנע בענק. לעבען טיש זיינען געזעסען דריי מענשען אין לאַנגע מאַנטלען און ווייכע היטע מיט ברייטע רענדער אראפגע=רוקט איבער זייערע אויגען און האבען גערויכט פאַפּיראָסען.

דאן טאדעא האט זיך געווענדעט צו איינעם פון זיי און האט איהם געפרעגט:

— וואס האט איהר זיך געאיילט צו קומען, דאן פעדרא? פאר וואס האט איהר ניט געווארט ביז אויף מארגען אויף דיא פערזאמלונג אין קווינטא ווערדע?

דער מאַן, צו וועלכען דאן טאדעא האט גערעדט, איז אויפגעשטאנען און האט זיך טיעף פערנייגט פאר דיא צוויי פערמאַסקירטע מענשען. דאס איז געווען א מאַן פון א יאהר עטליכע און דרייסיג. הויך, שטארק געבויט און מיט א פאר פייע=ריגע אויגען, וועלכע האבען געברענט, וויא דיא אויגען פון א ווילדעס טהיר.

— איך האב מיטצוטהיילען נאכריכטען, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג פאר דיא דונקעלע הערצער, האט ער געענטפערט אויף דאן טאדעא'ס פראגען.

— וואס געהט אונז אָן, וואס איהר האט מיטצוטהיילען צו דיא דונקעלע הערצער? האט יעצט דאן גריגאריא געפרעגט.

— מיינע נאכריכטען זיינען זעהר וויכטיג פאר דיא אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער, בעזאנדערס אבער פאר'ן פירסט פון דער דונקעלהייט.

דאן טאדעא האט זיך געשטעלט פאר איהם און האט געזאגט שטרענג:

— זאג, וואס דוא האסט מיטצוטהיילען! פאר דיר שטעהט דער פירסט פון דער דונקעלהייט!

פעדראָ האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האט אויף איהם א וואַרף געטהאן א שטעכענדען בליק, גלייך וויא ער האט געוואלט איהם דורכדרינגען און זעהן, וואס עס טהוט זיך אונטער דער שווארצער זיידענער מאַסקע.

— איך האב ניט פיעל וואס מיטצוטהיילען, האט ער געזאגט. איך וועל זיין

גאנץ קורץ. דער גענעראל בוסטאמענטע וועט קומען אויף דיא פערזאמלונג פון דיא דונקעלע הערצער מארגען אום האלבע נאכט.

— ביסט דוא זיכער, אז ער וועט קומען? האט דאן טאדעא געפרעגט.

— איך האב איהם איינגערעדט, ער זאל קומען, האט דער מאן געענטפערט.

— ווייסט איהר, דאן פעדרא, וויא שטרענג דיא דונקעלע הערצער בעשטראפען א פעררעטהער?

— איך בין קיין פעררעטהער, האט דער מאן געענטפערט. אין געגענטהייל, איך וויל איבערגעבען אין אייערע הענד אייער גרעסטען פיינד.

— וויים דער גענעראל, אז דיא דונקעלע הערצער בעשטראפען א פעררעטהער?

— ניין, ער וויים גאר נישט. ער מיינט, אז דיא דונקעלע הערצער זיינען נור א געזעלשאפט צו בעשטראפען מערדער און רויבער.

— צו וואס אלזא וויל ער איינטרעטען אין אונזער געזעלשאפט?

— ער איז נייגיעריג צו וויסען, וויא דיעזע שטארקע געזעלשאפט איז איינגעריכטעט.

— ווייסט דוא דען ניט, אז אום איינצוטרעטען אין אונזער געזעלשאפט, מוז דעם קאנדידאטען פארשלאגען א מאן, וועלכען מיר קענען. דיעזער מאן איז פעראנטווארטליך מיט זיין לעבען פארן קאנדידאט. ווער וועט פארשלאגען דעם גענעראל בוסטאמענטע?

— איך וועל איהם פארשלאגען, האט דאן פעדרא געענטפערט און איך וועל פעראנטווארטען פאר איהם מיט מיין לעבען.

— האסט דוא קיין מורא ניט, אז ער וועט דיר ניט טרויען?

— איך האב קיין מורא ניט. איך דיען שוין ביי איהם זייט צעהן יאהר און ער האט צו מיר דאס פאָלע צוטרויען.

— הער נור, דאן פעדרא, האט יעצט דאן גרינאריא געזאגט, דוא ביסט ערשט ניט לאנג איינגעטרעטען צו דיא דונקעלע הערצער. דוא קענסט נאך ניט אונזערע געהיימניסע. דוא ווייסט נאך ניט, וויא פיעל מיטגליעדער מיר האבען און וויא גרויס אונזער געזעלשאפט איז. וויים, אז מיר בעוואכען דיך נאך, מיר האבען צו דיר נאך קיין צוטרויען. וועה דיר, ווען דוא דענקסט עטוואס בייזעס! מיר וועלען פאר דיר אויסטראכטען א שטראפע, וועלכע וועט קלינגען פון איין עק אמעריקא ביז צום אנדערן.

— איך נעהם אויף מיר אלעס, האט פעדרא געענטפערט רוהיג. איהר וועט זעהן, אז איהר מעגט האבען צוטרויען צו מיר.

דאן גרינאריא האט ארויסגענומען א בייטעל געלד און האט דערלאנגט דעם מאן.

— נא! אָט האסט דוא הונדערט פעזאס אנשטאט פופציג, וואס מיר האבען דיר צוגעזאגט, ווען דוא וועסט אונז ברענגען דעם גענעראל.

דער מאן האט צוגענומען דאס געלד און האט עס אראפגעלאזען אין א טיעפער קעשינע פון זיינע הויזען.

— איך האָף, אז איהר וועט מיט מיר צופריעדען זיין, האט ער געזאגט און האט זיך פערנייגט.

— איך האָף עס אויך, האט דאן טאדעאָ בעמערקט. פערגעס אבער ניט, אז מיר ווייסען, וויא אזוי צו בעלוינען און מיר ווייסען, וויא אזוי צו בעשטראפען.

— איך ווייס עס.

— אלזא, אויף וויעדערזעהן!

— אויף וויעדערזעהן ביז מאָרגען!

דאן טאדעאָ האט געגעבען א צייכען. דיא אנדערע צוויי מענער, וועלכע זיינען ביז אהער געשטאנען גאנץ שטיל פון דער ווייטען, זיינען צוגעקומען צו דאן פעדרא, פון הינטען און האבען איהם ארויפגעוואָרפען א שווארצען מאנטעל אויפן קאָפּ. זיי האבען איהם אוועקגעפיהרט. אין צימער איז געבליעבען נור דאן טאדעאָ און דאן נגרינגאריא.

— נו, וויא געפעלט אייך מיין אנגעט? איז ער א פעררעטער? האט דאָן נויינגאריא געפרעגט.

— אלאנג מיר האבען קיינע בעווייזע, אז ער איז אן עהרליכער מאן און מיינט עס ערנסט מיט אונז, מוזען מיר איהם האלטען פאר א פעררעטער און מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט איהם. ער טאָר קיין מאל ניט וויסען, ניט וואו מיר געפינען זיך, ניט וואו מיר פערזאמלען זיך.

ביידע ווריינדע האבען נאך גערעדט איינינע צייט. דאן זיינען זיי געגאנגען זיך לעגען שלאָפען. דאן טאדעאָ איז געווען זעהר מיעד און שוואך. ער האט זיך געמוזט לעגען אפרוהען.

דיא צוויי מענער, וועלכע האבען ארויסגעפיהרט דאָן פעדראָ פון׳ם הויז, האבען איהם געפיהרט ניט גלייך אויפ׳ן וועג. זיי האבען איהם אריינגעפיהרט אין וואלד אין א גאנץ פינסטערן ארט. דארט האבען זיי פון איהם אראפּגענומען דעם מאנטעל פון׳ם קאָפּ און האבען איהם געוויזען זייערע געלאָדענע פּיסטאָלעטען.

— געה גליין, ביז דוא וועסט ארויסקומען אויף א פעלד. דאָרט וועסט דוא זעהר לייכט אויסגעפינען דעם וועג. קוק דיך ניט אום. אין דער סעקונדע, וואס דוא וועסט זיך אומקוקען, ביסט דוא א טויטער.

דער מאן איז אוועקגעגאנגען. ביידע מענער זיינען איהם שטילערהייט נאכגעגאנגען פון דער ווייטען, ביז ער איז ארויס אויפ׳ן פעלד. דאן האבען זיי זיך אומגעקעהרט.

ווען דער מאן איז דורכגעגאנגען דאס פעלד און האט געפונען דעם וועג קיין סאנט יאגא, איז ער געבליעבען שטעהן און האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. ער האט ארויסגענומען דעם בייטעל געלד, וואס דאָן נגרינגאריא האט איהם געגעבען און האט איבערגעצעהלט, אויב עס זיינען ווירקליך דא הונדערט פעזא׳ס. — עס זיינען געווען ריכטיג הונדערט.

— יעצט לאָמיר זעהן, וויא אזוי גענעראל בוסטאמענטע וועט בעלוינען איינעם, וואס וועט איהם ברענגען א גוטע נאַכריכט. האט ער געזאגט. ווען ער וועט זיין אזוי

מילד, וויא זיינע פיינד, וועל איך מאכען א גוטעס געשעפט. לאָזען זיי זיך דאן ביידע שלאגען דעם קאָפּ אן דער וואנד.

ער האט אנגעהויבען צו געהן האסטיג קיין סאנט יאגאָ.

— וואס זאל מען טהאן? האט ער געזאגט צו זיך אליין. מען מוז מאכען א לעבען און מען מוז אביסעל שווינדלען.

דיא זון איז אויפגעגאנגען און האט בעלייכטעט א שעהנע הערליכע געגענד. איבעראל האט מען געזעהן גרינע פעלדער, שעהנע וועלדער, גערטנער מיט אלערליי טהייערע פריכטע. דיא פייגעלאך האבען פרעהליך געזונגען זייער מאָרגען ליעד. אלעס האט געבליהט, אלעס איז געוועזן פרעהליך און פערגניגט. — און דער מענש? דער הערשער פון דער נאטור? — ער ווייס ניט פון קיין גליק. אין זיין הערצען קאָכט און זיעדעט האס, ראכע, פיינדשאפט און אלע ליידענשאפטען. ער איז דיא שלאנג, וועלכע פערגיפטעט דעם פאראדיז פון דער נאטור.

13טעס קאפּיטעל.

ליעבע.

דיא זון איז שוין געשטאנען גאנץ הויך אין הימעל, ווען דיא צוויי פראנצויזען האבען זיך אויפגעחאפּט. זיי האבען זיך געפיהלט געשטארקט פון'ם שלאָף. זייט דריי מאנאטע זיינען זיי צום ערשטען מאל געשלאפען אויף א בעט. צוואר איז זייער בעט געוועזן ניט נאָך פאריזער מאָדע, אהן ווייכע מאטראצען, אהן ווייכע קישענס, עס איז אבער דאך געוועזן א בעט, אויף וועלכען זיי זיינען געשלאָפען גאנץ געשמאַק.

זיי האבען זיך שנעל אנגעטהאן און זיינען ארויסגעגאנגען אין הויף זיך ארומ־קוקען, וואו זיי זיינען ערגעץ אין דער וועלט.

ביי נאכט האט זיך זיי אויסגעוויעזען, אז זיי געפינען זיך אין א הויף, וואו עס איז דא נור איין הויז. יעצט האבען זיי דערזעהן, אז זיי געפינען זיך אויף א גרויסע פארם, וואו עס געפינען זיך עטליכע הייזער, פיעלע שטאלען פאר פערד און קיה, פיעלע אנדערע געביידען פאר דיא פראָדוקטען פון דער פארם. ארום אלע געביידען האט זיך געצויגען א פעסטע מויער. ארום דער פארם האט מען געזעהן רייכע פעלדער, אויף וועלכע עס האבען געארבייט פעאָן'ס.

פעאָן'ס הייסען דיא ווילדע, וועלכע זיינען געבליעבען אין לאנד נאך דעם, וויא דיא שפאניער האבען אפגענומען גאנץ זיד־אמעריקא. דיא שפאניער האבען ביי זיי צוגענומען זייער לאנד. יעצט זיינען זיי מייסטענס ארבייטער ביי דיא שפאניער, אדער הירטען (פאסטוכער).

דיא צוויי פראנצויזען האבען געזעהן מיט פערגניגען, וויא עס לעבט און קאָכט אויף דער פארם. דיא פעאָן'ס זיינען געקומען רייטענדיג אויף האלב ווילדע פערד און האבען געטריעבען פאר זיך א גרויסע הערדע (סטאדא) פון קיה, אָקסען און שעפּסען. זיי האבען זיי געטריעבען צום וואסער.

אין אנדערע ערטער האט מען געזעהן, וויא מענער, פרויען און קינדער ארבייטען אויף דיא פעלדער און אין דיא גערטנער.

יעצט ערשט האבען זיי דערזעהן, אז אויף דער פארם זיינען דא עטליכע הויפען. אין אלע הויפען האט עס געלעבט און געקאָכט. אין איין הויף האבען פרויען און מעדכען זיך בעשעפטיגט מיט מאכען קעז, פוטער און אנדערע ארטיקעל, וואס מען מאכט פון מילך. אין אנדערן הויף האבען מענער זיך בעשעפטיגט מיט דרעשען און רייניגען דיא תבואה. אין דריטען הויף האט מען געטריקענט פריכטע. אין א פיערטען האט מען געטהאן אנדערע פארם ארבייטען.

דיא פערד, קיה, אָקסען, שעפסען און ציגען האבען געשריען יעדער מיט זיין קול, דיא העהנער האבען געקרעהט, דיא הינט האבען געבילט, דיא פעאָנ'ס האבען געשריען העכער פון אלעמען. עס האט זיך געהערט דיעזער אנגענעהמער קאָנצערט, וועלכען מען קען הערן נור אויף א פארם.

דיא פראנצוויזען זיינען געוועזן ענטציקט פון דיעזען קאָנצערט. אזא ווירטהשאפט האבען זיי אין פראנקרייך ניט געזעהן.

הינטער דעם גרויסען שטיינערנעם הויז, וואו זיי האבען גענעכטיגט, איז געוועזן א גרויסער גארטען פון אלערליי טהייערע ביימער: ציטראָנען, פאָמעראנצען, פאָמ-גראנטען (מילגרוימען) און פאלמען זיינען געוואקסען צווישען עפּעל, פלוימען און בירנבוימער. דיא פריכטע פון אייראפא האבען געוואקסען גאנץ גוט לעבען דיא פריכטע פון'ם הייסען אמעריקא.

לואיס איז געוועזן ענטציקט, אזא גארטען האט ער נאך קיין מאל ניט געזעהן. ער איז געגאנגען אביסעל שפאציערען אין גארטען. וואלענטין דאגעגען האט געוואלט בעטראכטען דיא פעלדער. זיין פאטער איז דאך אויך געוועזן א פארמער. ער האט געבעטען דעם פערוואלטער פון דער פארם, ער זאל איהם געבען א פערד. ער האט מיטגענומען מיט זיך זיין הונד, צעזאר, און איז ארויסגעפאהרען אביסעל אויף דיא פעלדער. דער אויפזעהר אדער פערוואלטער פון דער פארם, האט מיט איהם געשיקט א פעאָן, וועלכער זאל איהם אלעס אויסווייזען.

לואיס איז אריין אין גארטען. ער איז געגאנגען לאנגזאם אויף דיא שעהנע, ריינע וועגעלעך צווישען ביימען פון בלומען און קליינע ביימעלעך. אלעס איז געוועזן פאר איהם ניי, אלעס פריש, אלעס אונבעקאנט. ער איז אזוי ארומגעגאנגען געגען א שטונדע פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. פלוצלונג האט ער דערהערט לייכטע טריט אויף א וועגעל לעבען איהם.

ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט דערזעהן א פרויען געשטאלט, וועלכע איז באלד פערשוואונדען געוואָרען צווישען דיא ביימער. ער האט א ציטער געטהאן. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דיא געשטאלט איז איהם בעקאנט, אז דאס איז דיא, וועלכע ער זוכט.

— וואס זאל עס זיין? האט ער געזאגט צו זיך אליין. בין איך וואהנזיניג? ווייזט זיך מיר נור אויס, אז איך האב זיא געזעהן? — ניין! דאס מוז זיין דאס מעדכען, וועלכעס מיר האבען געכטען ביי נאכט גערעטעט פון דיא באנדיטען. — ארימעס קינד! עס איז נאך גוט, וואס זיא קען מיך ניט, זיא איז נעכטען געלעגען אין אהנמאכט, ווען מיר האבען זיא געראַטעט.

ער האט געוואָלט אוועקגעהן אין אן אנדער זייט אום זיך ניט צו בעגעגנען מיט דעם מעדכען. דער צופאַל האט אבער געוואלט, אז ער זאָל אויסקומען פונקט ענטגעגען איהר. דער צופאַל שפּיעלט שטענדיג דיא גרעסטע ראָלע אין דער ליעבע. צוויי מענשען, וועלכע ליעבען זיך, בעגעגנען זיך שטענדיג דורך א צופאַל.

דאס יונגע מעדכען איז געוועזן בלייך פון דיא נעכטיגע סצענען און איז געגאַנגען לאַנגזאם און פערטראַכט. פּלוצלונג האט זיא דערהערט שריטע פאר זיך. זיא האט אויפגעהויבען דיא אויגען און האט דערזעהן דעם פרעמדען.

— דאָן לואיס! האט זיא אויסגערופען. וויא קומט איהר אהער?

זיא האט איהם דערקענט.

— איהר זייט עס, פריילין ראָזאריא!

זיינען געוועזן דיא איינציגע ווערטער, וועלכע לואיס האט געקענט ארויסרעדען.

ער איז געוועזן אזוי איבערראַשט, וואס ער האט אזוי פּלוצלונג און אזוי אונערוואַרטעט דערזעהן זיין געליעבטע, אז ער איז געבליעבען שטעהן, וויא צוגעשמידט אויף זיין אָרט.

— אלזא, זייט איהר עס ווירקליך, דאָן לואיס? האט דאס יונגע מעדכען וויעדער געפרעגט.

— יא, פריילין ראזאריא, איך בין עס, האט לואיס געענטפערט. איך האב אוועקגעוואָרפען מיין ליעבעס פראַנקרייך און בין געקומען קיין אמעריקא אייך זוכען.

דאס יונגע מעדכען האט געוואָלט זיך אוועקקעהרען און אנטלויפען.

— אך, בלייבט! האט לואיס געבעטען. בלייבט, פריילין! ערלויבט מיר נאך א מאל צו זעהן אייער געזיכט, וועלכעס איז איינגעגראבען טיעף אין מיין הארצען. — יא! מיין הערץ האט מיר שטענדיג געזאגט, אז איך וועל אייך נאך געפינען און וועל אייך נאך א מאל זעהן.

— איך — פערשטעה — אייך — ניט, האט דאניא ראזאריא געשטאמעלט.

— איהר פערשטעהט מיך ניט, דאניא ראזאריא? האט לואיס געפרעגט און איז געפאַלען פאר איהר אויף דיא קניע. איהר פערשטעהט מיך ניט? — איך ליעב—

— שטעהט אויף מיין הערר, האט דאָניא ראזאריא געבעטען, עס קענען אנקומען מענשען. —

— איך ליעב אייך אבער, דאניא ראזאריא! איך וויים ניט, וואס עס גיט מיר דעם מוטה ארויסצוזאגען יעצט א וואָרט, וועלכעס איך האב ניט געוואגט ארויסצוזאָגען ווען מיר פלעגען זיך בעגעגענען אין פאריז. איך וויים אבער אז איך מוז עס ארויסזאגען, איך קען עס מעהר ניט בעהאַלטען. איך ליעב אייך, פריילין! איך קען ניט לעבען אהן אייך!

דאניא ראזאריא איז געבליעבען שטעהן איינינע סעקונדען פערטראַכט. דאַן איז זיא צוגעגאַנגען צו איהם, האט איהם געגעבען איהר האַנד און האט איהם געזאגט:

— שטעהט אויף!

לואיס האט אנגעחאפּט איהר האנד און האט זיא בעדעקט מיט הייסען קושען.

— שטעהט אויף! האט זיא געזאגט נאך א מאל און האט ארייסגעריסען פון איהם איהר האנד.

גראף לואיס איז אויפגעשטאנען. דאניא ראזאריא האט זיך געזעצט אויף א באנק אונטער א גרויסען און געדיכטען בוים. לואיס איז געבליעבען שטעהן לעבען איהר.

— דער צופאל האט געוואלט, אז מיר זאלען זיך נאך א מאל בעגעגענען, האט דאניא ראזאריא געזאגט ערנסט. מיר האבען זיך היינט צוזאמענגעטראפען אויף אזא וואונדערבארע ארט, אז איך פיהל מיך גענעהטיגט, מיר זאלען זיך ענדליך ערקלערען, צווישען אונז זאל ענדליך זיין אלעס קלאר און דייטליך. —

לואיס האט געוואלט עפּעס ענטפערען.

— לאזט מיך אויסרעדען, האט דאניא ראזאריא געבעטען. איך האב נאך ניט געענדיגט. איך ווייס, אז איהר ליעבט מיך און דענאך זיינען געוועזען צייטען, וואס איהר האט מיך געהאלטען פאר א קאקעטע אדער, וואס נאך ערגער איז, פאר לייכטזיניג.

— וואס רעדט איהר? פריילין.

— איהר האט מיך ענדליך ערקלערט, אז איהר ליעבט מיך. איך מוז זיין פריי און אפענהערציג געגען אייך. מעגליך, אז מיינע ערקלערונג וועט אייך געבען ווייניג האפנונג אין דער צוקונפט, איהר וועט אבער פערשטעהן פיעלעס פון דער פערגאנגענהייט.

— צו וואס, דאניא ראזאריא, זאלען מיר וויעדערהאלען דיא פערגאנגענהייט? האט לואיס געפרעגט. דיא פערגאנגענהייט איז געוועזען זעהר טרויעריג, לאמיר זיא פערגעסען! מיר זיינען יונג, מיר האבען פאר אונז דיא געגענווארט — דיא צוקונפט. —

דאניא ראזאריא האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען.

— ניין, גראף! דיא פערגאנגענהייט איז ניט געוועזען אזוי טרויעריג. דיא פערגאנגענהייט האט מיר געבראכט אייער ליעבע, וועלכע איז געוועזען אזוי ריין, אזוי טריי, אזוי שטארק, אז איך האב מיך געפיהלט גליקליך -וויל—וויל איך ליעב אייך אויך—

לואיס האט געציטערט ביי דיא לעצטע ווערטער דאניא ראזאריא'ס. ער האט וויעדער געוואלט נעהמען איהר האנד און זיא בעדעקען מיט קושען. דאניא ראזאריא אבער האט ארויסגעריסען איהר האנד און האט געזאגט מיט א טרויעריגער, שוואכער שטימע:

— יא, מירביידע ליעבען אונז, ווייא נור צוויי גוטע, עדעלע מענשען קענען ליעבען איינער דעם אנדערן און דאך — קענען מיר אונז ניט פעראייניגען — מיר מוזען זיין ווייט, ווייט איינער פון'ם אנדערן —

— דאס איז אונמעגליך! האט לואיס אויסגערופען.

— הערט מיך אויס, לואיס! האט דאניא ראזאריא געבעטען. איך קען אייך

איך ווייס, אז אייער ליעבע אין ריין און טריי. איך ווייס, אז אזא מאן, ווי איהר קען נור איין מאל אין זיין לעבען ליעבען. איך פיהל עס אן מיר. איך פיהל, אז איך וועל אייך אייביג ניט פערגעסען, אז מיין ליעבע וועט זיך ענדיגען נור מיט מיין לעבען. — אך! איך ווייס, אז אונזער ליעבע וואָלט אונז געמאַכט פאר דיא גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט — און דענאך דארפען מיר אויסרייסען דיעזע ליעבע פון אונזערע הערצער! דענאך טארען מיר ניט דענקען פון אונזער ליעבע.

— איך פערשטעה עס ניט! האט לואיס אויסגערופען. איך קען עס ניט פערשטעהן! וויא איז עס מעגליך? פאר וואס זאל עס אזוי זיין?

— ליידער, איז עס אבער דאך אזוי! — שוינט מיך, לואיס! פרעגט מיך ניט! איך קען עס אייך ניט זאגען! האט דאניא ראזאריא געזאגט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

— ליעבע, טהייערע ראזאריא! ערקלער מיר! זאג מיר אלעס! איך בין בערייט צו אָפּפערן פאר דיר מיין לעבען, מיין גליק, מיין אלעס!

דאניא ראָזאריא האט אראפּגעלאזען דיא אויגען צו דער ערד און האט געטראכט א פּאָר מינוט.

— גוט! דוא ווילסט עס וויסען, דוא פאָרדערסט מיך אויף דערצו — איך וועל דיר אלעס זאגען. — איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז. איך ווייס, אז א פערבאָרגענער האס, עפּעס א געהיימע האנד פערפאלגט מיך פון מיין קינדהייט אָן. דוא האסט געוויס געמיינט, אז איך בין געוועזען אין פּאריז צום פערגניגען אדער, וויא איך האב דיר געזאגט, אום איך זאל דארט לערנען שפּראכען און מוזיק, — ניין, איך האב געמוזט זיין אין פּאריז! — פאר וואס? דאס ווייס איך אליין ניט. — איך בין אן אונגליקליכע, וועלכע דאס שיקזאל טרייבט ארום פון איין ארט צום אנדערן. איך קען אין קיין ארט ניט בלייבען לאנג. קוים רוה איך מיך ערגעץ אויס, קוים קוק איך מיך ארום און עס געפעלט מיר ערגעץ, מוז איך באלד פון דארט אנטלויפען. — פאר וואס דאס איז אזוי? דאס ווייס איך ניט. איך פיהל אבער, אז היינט אדער מארגען וועט מיך טרעפען דיא שרעקליכע, געהיימע, אונבעקאנטע האנד און וועט מיך פערניכטען.

— איך וועל דיך פערטהיידיגען! האט לואיס אויסגערופען. איך בין שטארק גענוג אום דיך צו שיצען!

— ניין, לואיס! דוא וועסט אונטערגעהן מיט מיר צוזאמען, האט דאניא ראָזאריא זיך אפּגערופען.

— וועל איך אונטערגעהן! מיר וועט זיין ליעב צו שטארבען פאר דיא פרוי, וועלכע איז ביי מיר טהייערער אלס מיין לעבען.

— דאס וויל איך ניט! דאס וועל איך ניט דערלאזען! צו וואס זאלסט דוא ליידען דורך מיר? צו וואס זאלסט דוא איבערטראגען געפאהרען און ליידען? — איך בין א פערלארענע! איך וואלט צופריעדען געוועזען צו שטארבען מיט א מאָל. מיין הערץ זאגט מיר אבער, אז דיא צוקונפט וועט מיר ברענגען ליידען, וועלכע זיינען ערגער, וויא דער טוידט. — אך! וואס ווייס איך? — איך בין א רעטעניש

פאר מיר אליין. איך בין געוועזן גליקליך אין פאריז. איך האב געוואלט דארט פער־ בלייבען. פלוצלונג איז מען געקומען ביי נאכט, מען האט מיך ארייננעזעצט אין א קארעטע און מען האט מיך אוועהגעפיהרט קיין האוור. דארט האט מען מיך אויפ־ געזעצט אויף א שיף און מען האט מיך געבראכט אהער. איך האב מיך קוים אפגע־ רוהט, האט מיר נעכטען ביי נאכט ווידער פאסירט אן אונגליק. איך ווייס ניט, וויא אזוי איך האב מיך געראטעוועט און ווער עס האט מיך געראטעוועט. —

אין דיזע מינוט האט מען געהערט וואלענטינ'ס שטימע. צוזאר, דעם גראף'ס הונד, איז געקומען צושפרינגען און האט ארויפגעשטעלט זיינע לאפעס אויף לואיס קניע.

דאניא ראזאריא האט שנעל ארויסגענומען א ווייסע ראזע, וועלכע זיא האט געהאט איינגעשטעקט אין איהרע האר, און האט זיא דערלאנגט לואיס'ן.

— נא, פריינד! האט זיא געזאגט טרויעריג. דאס איז דאס איינציגע אנדענקען, וואס וועט בלייבען פון אונזער ליעבע.

דער יונגער מאן האט גענומען דיא ראזע און האט זיא בעהאלטען אין בוזעם.

— עס קומט איינער, האט זיא ווייטער געזאגט. שווער מיר, לואיס, אז דוא וו־ ־זט אוועקפאהרען פון דאנען זא שנעל, וויא נור מעגליך. שווער, לואיס, שווער! —

— אך! איך ווייס ניט — פיעללייכט וועט דאך קומען א טאג —

— ניין! קיין מאל ניט! איך האב דאך דיר געזאגט, אז דאס שיקזאל האט ה־־ פערדאמט.

זיא איז אויפגעשפרונגען, האט איהם אנגעהאפט ביי ביידע הענד, האט זיך אנגעבויגען איבער איהם, אז איהר הייסער אטהעם האט געברענט אויף זיינע באקען און האט געזאגט מיט אנגסט און פערצווייפלונג:

— שווער, לואיס, שווער!

— איך שווער! האט לואיס געענטפערט.

דאניא ראזאריא האט זיך אנגעבויגען צו איהם. א הייסער קוש האט געברענט אויף זיינע ליפען און איידער ער האט צייט געהאט זיך אומצוקוקען, איז זיא פער־ שוואונדען געווארען.

לואיס איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט.

— וואס טהוסט דוא דארט אזוי טיעף אין גארטען? האט וואלענטין אויס־ געדופען. קום אין שטוב, דער פריהשטיק שטעהט שוין אויפ'ן טיש און ערווארטעט אונז.

לואיס האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין ברודער. ער איז איהם ארויפ־ געפאלען אויפ'ן האלז און האט אויסגערופען מיט טרערין אין דיא אויגען:

— ברודער! ליעבער ברודער! איך בין דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט!

וואלענטין האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינען. ער איז אבער ניט געוועזן אזא מענש, ער זאל זיך לאנג פערטראכטען.

— וואס איז דיר דא אזעלכעס געשעהן? האט ער געפרעגט. — טאר מען דיך ניט איבערלאזען א מינוט אליין, וויא א קליין קינד? —

14טעס קאפּיטעל.

קווינטא ווערדע.

צווישען דיא בערג איינינע מייל וויט פון סאנט יאגא געפינט זיך א גאנץ קליינע פארם, אייגענטליך נור א הויז און א גארטען ארום. דיעזעס הויז, אדער דיעזע פארם, הייסט קווינטא ווערדע. איינינע מייל ארום געפינט זיך קיין אנדער הויז, קיינע וואוינונג פון מענשען.

דיא קווינטא ווערדע ווייזט אויס, וויא פערלאזען און פערגעסען פון אלעמען. ארום הויז ציהט זיך א שטארקע מויער פון קאקטוס פלאנצען, מיט זייערע שארפע שפּיצען — דערנער — פערטהיידינען זיי דאס הויז גענען ווילדע טהיערע און נאך ווילדער מענשען. אזא מויער איז זיכערער פון א שטיינערנער וואנט. ווער עס האט געזעהן, וויא א קאקטוס וואקסט, דער קען זיך לייכט פערשטעלען, אז דורך אזא וואנט איז אונמעגליך דורכצוגעהן. זיינע לאנגע שארפע נאדלען זיינען אים שטאנד צו צערשטעכען און צורייסען דיא פעל פון א בופעל־אָקס.

עס איז נאכט. דיא זון איז נור וואס אונטערגעגאנגען. דיא לופט איז הייס און דריקענד. דער מאנד איז צוואר ארויסגעגאנגען, ער איז אבער פערצויגען מיט א שלייער פון וואלקענס. דיא ביימער אין וואלד רוישען אזוי שטיל, אזוי געהיימניסטאל, גלייך וויא זיי וואלטען זיך דערצעהלט געשיכטען פון אלטען צייטען, פון בעסערע און גליקליכערע טעג.

עס איז צעהן אוהר אבענדס. דער מאנד האט זיך אויף א סעקונדע ארויסגע־ריעסען פון דיא וואלקען און האט בעלייכטעט דיא געגענד מיט זיין בלייבעס אונזי־בערעס ליכט.

איינינע רייטער זיינען געפאהרען שטיל און לאנגזאם ארויף א בערגעל. זיי זיינען געפאהרען אויפ'ן שמאלען וועג, וועלכער פיהרט צו דער קווינטא ווערדע. ביים שוואכען שיין פון'ם מאנד האט מען געזעהן, וויא דאס הויז ליעגט פערבארגען צווישען דיא ביימער און דיא קאקטוסען ארום. פון איין פענסטער אין אן אויבערשטיבעל אין דער קווינטא ווערדע האט געשיינט א ליכט. וויא עס ווייזט אויס, האט דאס ליכט געברענט אין א רויטער לאנטערנע, ווייל עס האט אויסגעוויעזען פון דער וויטען גאנץ רויט.

צוויי פון דיא רייטער זיינען געריטען פאראויס. ביידע זיינען געווען איינגעהיכט אין לאנגע מאנטלען און האבען אראפּגערוקט זייערע היטע איבער זייער געזיכט, אז עס איז געווען אונמעגליך זיי צו זעהן. עס איז אייגענטליך געווען א וואונדער, צו וואס זיי פערדעקען אזוי זייערע געזיכטער אין אזא נאכט העלע נאכט.

— נאָט זיי דאנק! האט איינער פון דיא רייטער געזאגט, מיר זיינען שוין ענדליך ניט וויט פון'ם ארט.

— עס איז נאך ניט אזוי נאהענט, וויא איהר מיינט, גענעראל, האט דער אנדערער געענטפערט. עס וועט נאך געדויערן א שטארקע פערטעל שטונדע, ביז מיר וועלען צוקומען אהין. דער וועג דרעהט זיך אויפ'ן בערגעל, וויא דיא פעדער פון א טאשענאוהר.

— אלזא, לאמיר פאהרען שנעלער! האט דער אנדערער געזאגט. איך ברען פאר אונגעדולד צו ערפאהרען דיא געהיימניסע פון דיעזער באנדע.

— איילט אייך ניט, גענעראל! האט דער אנדערער געבעטען. איבערלעגט אייך גוט, וואס איהר טהוט. איהר האט נאך צייט זיך אומצוקעהרען.

— רעד ניט פון אומקעהרען זיך, דיעגא, האט דער גענעראל געענטפערט. איך געפין מיך אין אזא לאגע, אז איך טאר מיך ניט אומקעהרען. מיין עהרע, מיין מאכט און מיין לעבען הענגט אפּ פון דיעזען שריט. דיא נאכריכט, אז דאן טאדעאָ האט זיך גערעטעט פו"ם טוידט און איז ערגעץ פערשוואונדען, האט זיך פערברייטעט אין גאנצען לאנד, מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ. אלע, וועלבע זיינען מיט מיר ניט צופריעדען, וועלען זיך יעצט מיט איהם פעראייניגען. איך האב מורא, אז עס וועט אויסברעכען אַ שרעקליכע רעוואָלוציאָן. ווען איך זאל יעצט זיי ניט פערניכטען מיט איין מאָל, קען מארגען שוין זיין צו שפּעט. איך מוז קענען מיינע פיינד, איך מוז פערניכטען דיא גאנצע באנדע. איך מוז צוטרעטען דעם קאפּ פון דער שלאַנג!

— דאס איז אלעס רעכט, גענעראל. איך האב אבער דאך מורא, פיעללייכט איז דער מאן, וועלכער האט אייך געגעבען דיא אויסקינפטע איבער דיעזעס הויז —

— אַ פעררעטהער, ווילסט דוא זאגען? — דאס קען זיין! איך האלט איהם זאגאר פאר א פעררעטהער. איך האב מיך דאהער בעוואָרנט. איך האב אלעס פאראויסגעזעהן און האב געוואוסט, וויא אזוי מיך צו שיצען.

— איבערלעגט אייך, גענעראל — איהר געפינט זיך אין אַ געפעהרליכער לאגע. איהר קריכט דעם טיגער אין מויל אריין.

— איך דאנק דיר, אלטער פריינד! איך וויים, אז דוא ביסט מיר געטריי. — לאמיר דערפון מעהר ניט רעדען! איך האב מיך איינמאָל ענטשלאסען און וועל ניט צוריקגעהען.

— אויב אזוי, מוזען מיר דא בלייבען שטעהן. הייסט אייערע מענשען אראפּ־געהן פון זייערע פערד. לאזען זיי דא ווארטען. זאגט זיי, אז זיי זאלען זיין פאָרזיכטיג:

דער גענעראל איז געבליעבען שטעהן. דיעגא, דער מאן, וואס האט גערעדט מיט איהם, האט זיך פעסטער איינגעהילט אין זיין מאנטעל און האט געגעבען זיין פערד דיא שפּארען. ער איז פערשוואונדען געווארען נור אויף איניגע מינוט. באלד איז ער צוריקגעקומען און האט געזאגט:

— גענעראַל! איך ווארן אייך צום לעצטען מאל. פאהרט צוריק!

— קיין וואָרט דאריבער! האט דער גענעראל געענטפערט.

— אלזאָ, געהט צום הויז, אבער גאנץ אליין. איך מוז דא בלייבען.

דער גענעראל האט איהם איבערגעגעבען דיא ציגעל פון זיין פערד, האט נאך טיעפער אראפּגערוקט זיין הוט איבער דיא אויגען און איז לאנגזאם געגאנגען צום הויז. ווען ער איז צוגעקומען צום טויער, איז ער פּלוצלונג געבליעבען שטעהן. אויף איהם איז אנגעפאלען אן אנגסט, וועלבע ער האט זיך ניט געקענט ערקלערן. זיין הארץ האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפּען און אויף זיין שטערן זיינען ארויסגעטרעטען גרויסע

טראפּען שוויס. פּלוצלונג האט ער אויפגעהויבען שטאָלץ דעם קאָפּ און האט אויסגערופען.

— וואס האב איך מורא צו האבען? — איך קען מיינע פיינד און וויס, וויא אזוי זיי צו בעקעמפפען!

מיט דיעזע ווערטער איז ער האסטיג צוגעקומען צו דער טהיר און האט געגע־בען דריי קלעפּ מיט זיין שטארקער פויסט. אין דיעזע מינוט האבען איהם שטארקע, אייזערנע הענד אנגענומען און האבען איהם פערבונדען דיא אויגען. א שטילע אבער פעסטע שטימע האט איהם געזאגט אין אויער:

— טהו אלעס, וואס מען וועט דיר הייסען. צוואנציג שארפע מעסערס זיינען אויסגעשטרעקט געגען דיין הארצען. קוים וועסט דוא וועלען מאכען א ליארם, רופען צו הילף, אדער עפּעס ניט פאָלגען, וואס מען וועט דיר זאגען, ביסט דוא א טוידטער. — פאר אלעם ענטפער אויף דיא פראגען, וואָס מיר וועלען דיר שטעלען.

— איהר דארפט מיר ניט דראהען, איהר דארפט מיך ניט שרעקען, האט דער גענעראַל געענטפערט רוהיג. איהר זעהט דאך, אז איך בין געקומען אהער מיט מיין גוטען ווילען. איהר קענט זיכער זיין, אז איך וועל טהאן אלעס, וואס מען וועט מיר הייסען. פרעגט! איך וועל אייך אנטוואָרטען.

— וואָס זוכסט דוא אין דיעזען ארט?

— דיא דונקעלע הערצער.

— ביסט דוא בערייט צו קומען פאר דיא דונקעלע הערצער?

— איך בין בערייט.

— האסט דוא ניט עפּעס צו פירכטען פאר דיא דונקעלע הערצער?

— איך האב גאר ניט צו פירכטען פאר זיי.

— בינד אפּ דיין שווערד און לאז עס אראָפּפאלען אויף דער ערד.

דער גענעראַל האט אפּגעבונדען זיין שווערד און האט איהם אראפּגעלאָזען אויף דער ערד.

— יעצט געה מיט אונז. ווייסט דוא, וואס דוא דארפסט זאגען, ווען דוא וועסט צוקומען צו דער טהיר?

— איך וויס.

מען האט צוגעפיהרט דעם גענעראַל צו א טהיר און מען האט איהם געהייסען אנקלאפּען. דער גענעראַל האט געגעבען צוויי קלעפּ אין דער טהיר און האט געזאגט:

— אים נאמען פון דער אייביגער גערעכטיגקייט, וועלכע הערשט איבער אלע מענשען קום איך צו אייך, דונקעלע הערצער, און בעט, איהר זאלט מיך אויפנעהמען אלס ברודער אין אייער געזעלשאפט!

דאס טוך, מיט וועלכען דעם גענעראַל'ס געזיכט איז ביז אהער געווען פער־בונדען, איז אראפּגעפאלען פון זיין געזיכט. ער האט געזעהן, וויא א טהיר האט זיך געעפענט און פון איהר זיינען ארויסגעקומען צוויי מענשען מיט שווארצע מאסקעס אויף זייערע געזיכטער. איינער פון דיא צוויי מענשען האט געהאלטען אין דיא הא̈נד

א שווארצע לאנטערנע מיט א קליין קיילעכדיג שייבעל פון רויט גלאז. דער שיין פון דער לאנטערנע איז געפאלען אויפן גענעראלס געזיכט.

— דוא האסט נאך צייט, האט איינער פון דיא מאסקירטע מענער געזאגט. ווען דוא פיהלסט, אז דיין הערץ איז שוואך, מעגסט דוא נאך צוריקגעהן אין פריע־דען. שפעטער וועסט דוא עס ניט קענען.

— מיין הארץ איז שטארק, האט דער גענעראל געענטפערט. איך וויל ארייג־טרעטען צו אייך אלס ברודער.

— אלזא, קום! האט איינער פון דיא פערמאסקירטע געזאגט. ווען דוא גלויבסט, אז דוא ביסט ווירדיג ארייגצוטרעטען אין אונזער געזעלשאפט און טהייל צונעהמען אין דער גרויסער און הערדליכער אויפגאבע פון אייבינע גערעכטיגקייט. ציטער אבער, ווען דוא קומסט צו אונז מיט ניט ריינע געדאנקען!

דער גענעראל האט ווירקליך א ציטער געטהאן. א פראסט איז איהם דורכ־געגאנגען איבערן גאנצען קערפער. ער האט זיך אבער געשטארקט און האט גע־ענטפערט.

— נור פעררעטהער דארפען ציטערן! איך אבער האב ניט וואס מורא צו האבען.

ביידע פערמאסקירטע מענער האבען איהם גענומען אונטער דיא ארימ׳ס און האבען איהם אריינגעפיהרט אין א קארידאָר. דיא טהיר האט זיך באלד פערמאכט הינטער זיי מיט א זאנדערבארען גערויש.

אין קארידאָר איז געווען פינסטער. דער רויטער שיין פון דער לאנטערנע האט איהם קוים בעלייכטעט. ער האט זיך אויסגעוויזען נאך שרעקליכער און טרויעריגער פון׳ם רויטען שיין. עס האט געדויעט א שטארקע פערטעל שטונדע, ביז זיי זיינען געקומען צו ענדע פון׳ם קארידאָר. ער האט זיך געדרעהט, וויא דיא שפרינג פעדער פון אן אוהר און פון צייט צו צייט האט מען געזעהן אין איהם פינסטערע לעכער, וויא טהירען, וועלכע פיהרען ערגעץ אין א טיעפען קעלער.

ענדליך זיינען זיי צוגעקומען צו א טהיר און זיינען געבליעבען שטעהן. אייניגע סעקונדען האבען אלע דריי געשוויעגען.

— וואס ווארטסט דוא? האט איינער פון דיא מאסקירטע געזאגט צום גענע־ראל. אין דיא הייליגע ביכער שטעהט געשריעבען: „קלאפ אן, וועט מען דיר עפענען"!

דער גענעראל האט זיך פערנייגט און האט געגעבען א שטארקען קלאפ אין דער טהיר. ביידע זייטען פון דער טהיר זיינען אריין אין דער וואנד אזוי שטיל, גלייך וויא א צויבער האנד וואלט עס געטהאן. דער גענעראל און זיינע צוויי בעגלייטער זיינען אריין אין א גרויסען זאל. דיא ווענט פון דעם זאל זיינען געווען בעהאנגען מיט רויטען טוך. פון דער דעקע איז אראפגעהאנגען א גרויסער העגגלייכטער און האט בעלייכטעט א לאנגען טיש. ארום טיש זיינען געזעסען הונדערט ביז הונדערט פופציג מענער. יעדער האט געהאלטען א בלויזען שווערד אין דער האנד. יעדער האט געטראגען א שווארצע זיידענע מאסקע אויפן געזיכט, פון וועלכען מען האט געקענט אויסזעהן נור א פאר פייעריגע אויגען. אלע אויגען האבען יעצט געקוקט אויפ׳ן גאסט.

ניט ווייט פון׳ם גרויסען טיש, אין א ווינקעל אין זאל, איז געשטאנען א קליין טישעל, בעדעקט מיט גרינעם געוואנט. לעבען דיעזען טישעל זיינען געזעסען דריי מענשען. זיי האבען אויך געטראגען שווארצע מאסקעס, האבען אבער ניוז געהאלטען קיין בלויזע שווערדען אין דיא הענד. פאר יעדען פון דיעזע דריי מענער האט געברענט א פאקעל. דיא פלאם פון דער פאקעל האט זיך געוואקעלט און געציטערט. זיא האט נאך מעהר פערשטעלט זייערע געזיכטער.

דער גענעראל איז וועניג איבערראשט געווארען פון דיעזער טהעאטער צערע־מאניע. א לייכטער, שפעטישער שמייכעל האט זיך געקרייזעלט אויף זיינע ליפען. ער איז מוטהיג געגאנגען פארווערטס. פלוצלונג האט ער געפיהלט, אז איינער האט איהם אנגעריהרט ביי דער פלייצע. ער האט זיך אומגעקוקט. פאר איהם איז גע־שטאנען איינער און האט געהאלטען א מאסקע אין דער האנד. וויא מוטהיג ער איז געוועזן, וויא ער האט זיך געמאכט הארץ, איז ער דאך געוועזן העכסט צופריעדען, ווען מען האט איהם דערלאנגט דיא מאסקע.

ער האט זיא האסטיג צוגענומען און האט זיך פערדעקט זיין געזיכט.

— אים נאמען דער וואהרהייט און דער אייבינער גערעכטיגקייט! האט א שטימע פון ערגעץ אויסגערופען.

— אמן! האבען אלע געענטפערט מיט א פערדומפענער שטימע.

— נאט זאל דיך אויסהערן, ווען דוא ווערסט זיין אין א נויט! האט ווידער געזאגט א שטימע.

— אלע דיינע ווינשע זאלען ערפילט ווערן! האט אנאנדערע שטימע גע־ענטפערט.

— דאס פאטערלאנד! האט יעצט א שטארקע שטימע געדאנערט.

— אדער דער טויט! האט דער גענעראל געענטפערט.

— צו וועלכען צוועק ביסט דוא געקומען אהער? האט געפרעגט איינער פון דיא דריי, וואס זיינען געזעסען ביים גרינעם טיש.

— איך וויל איינטרעטען אין דיא געזעלשאפט פון דיא גערעכטע.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויגען. אין גרויסען זאל איז געווארען שטיל, וויא אין א קבר.

— געפינט זיך איינער צווישען דיא פערזאמעלטע, וועלכער קען דיך און וויל זיין פעראנטוואָרטליך פאר דיר? האט דער זעלבער מאן לעבען גרינעם טיש געפרעגט.

— אלע זיינען מאסקירט, איך קען ניט זעהן זייערע געזיכטער, האט דער גענעראל געענטפערט. איך קען דאהער, אויף דיעזע פראגע ניט אנטווארטען. איך ווייס דאך ניט צווישען וועמען איך געפין מיך.

— דוא קענסט גאר ניט וויסען. מעגליך, אז דא געפינען זיך פיעלע, וועלכע קענען דיך.

— דאס קען זיין. אויף אייער פראגע קען איך דאך ניט אנטוואָרטען, זאלאנג איך זעה פאר מיר פערמאסקירטע מענשען.

— ווייסט דוא פאר וואס דאס איז?

— ניין, האט דער גענעראל געענטפערט.

— דיא דונקעלע הערצער קוקען ניט אויף דאס געזיכט פון מענשען, נור אויף זיין גוט הערץ. דאס הערץ פון'ם מענשען איז דונקעל. מיר זעהן אבער אין דער דונקעלהייט.

דער גענעראל האט זיך פערניינט, אלס צייכען, אז יעצט פערשטעהט ער, פאר וואס זיי הייסען דיא דונקעלע הערצער.

— ווייסט דוא דיא פרינציפען פון אונזער געזעלשאפט? האט דערזועלבער מאן ווייטער געפרעגט.

— איך קען זיי, האט דער גענעראל געענטפערט.

— וועלכע זיינען אונזערע פרינציפען?

— גערעכטיגקייט געגען יעדען מענשען. קיין פאטער, קיין מוטער, קיין ברודער, קיין פריינד ווערט ניט געשוינט, ווען ער בעגעהט אן אונרעכט, פאלשקייט, בעטרוג אדער שווינדעל.

— גוט. — וואס זיינען דיא געזעצע פון אונזער געזעלשאפט?

— ביים ערשטען צייכען, וואס מען בעקומט. עס מעג זיין ביי טאג, ביי נאכט; מען מעג זיך געפינען אין וואס פאר א פערהעלטניסע עס איז; מען מעג שטעהן אין א געמפפעל און בעטען גאט, אדער זיין פערטיעפט אין א געשפרעך, פון וועלכען עס העננט אפ דאס לעבען — מען מוז אלעס אוועקווארפען און לויפען אויספיהרען דיא בעפעהלע, וועלכע מען ערהאלט פון דער געזעלשאפט. האט דער גענעראל געענטפערט.

— גוט! — ווילסט דוא זיך אונטערשרייבען, אז דוא וועסט פינקטליך אויספאלגען דיעזע געזעצע?

— איך וועל מיך אונטערשרייבען.

— ביסט דוא פאַרבערייטעט צו שווערן, אז דוא וועסט אלעס אויספאָלגען, וואס מען וועט דיר הייסען?

— איך בין פאַרבערייטעט צו שווערן.

— אויב אזוי, לעג ארויף דיא רעכטע האנד אויפ'ן הארצען און זאג מיר נאך וואָרט און וואָרט, וואס איך וועל דיר פאָרזאגען.

— איך וועל נאכזאגען.

ביי דיעזע ווערטער זיינען דיא דריי מענשען, וועלכע זיינען ביז אהער געזעסען לעבען דעם טיש, אויפגעשטאנען. יעדער פון זיי האט גענומען א בלויזען שווערד אין דער האנד. איינער האט געבראכט דעם שארבען פון א טויטען, אין וועלכען עס האט געשטעקט א מעסער און האט איהם אנידערגעלעגט אויפ'ן טיש.

אין זאל איז דורכגעלאפען א שטילעס מורמעלן, וויא דאס רוישען פון'ם מעער. עס איז געוועזן אונמעגליך צו הערן, וואס מען האט גערעדט; עס איז אבער געוועזן דייטליך, אז דיא פערזאמעלטע זיינען מיט עפעס אונצופריעדען. איינער פון דיא דריי מענער האט א קלאפ געטהאן אין טיש מיט זיין שווערד. אין זאל איז ווידער געווארען שטיל, וויא אין א גראב.

יעצט האט דערזעלבע מאן אנגעהויבען צו זאגען א לאנגען שרעקליכען אייד

(שבועה). דער גענעראל האט איהם נאכגעזאגט ווארט ביי ווארט ביז צו ענדע.

ווען דער אייד האט זיך געענדיגט, האט דערזעלבער מאן צו איהם געזאגט:

— ביז אהער איז אלעס גוט געווען. — פון יעצט אן ביסט דוא אונזער ברודער!

צוויי מענער האבען אנגענומען דעם גענעראל און האבען איהם אוועקגעפיהרט אין דער מיט זאל. דער מאן, וואס האט איהם בעשוואָרען, איז ארויסגעגאנגען פון אונטערן טיש און איז צוגעקומען צום גענעראל.

— יעצט, האט ער געזאגט מיט א שארפער, דראָהענדער שטימע — יעצט ענטפער מיר, דאן פאנטשא בוסטאמענטע! — דוא האָסט יעצט געשוואָרען פאלש אין געגענווארט פון הונדערטער מענשען. מיר האבען דיך געוואָרנט און האבען דיך געבעטען, דוא זאָלסט צוריקגעהן. דוא האָסט ניט געוואָלט. דוא האָסט געענטפערט, אז דוא ביסט געקומען מיט דיין אייגענעס גוטען ווילען. קיינער האט דיך ניט געצוואונגען. דוא ביסט געקומען, האָסט פאלש געשוואָרען, ווייל דוא ווילסט אונז פערראטהען. וועלען מיר בעגעהן אן אונגערעכטיגקייט, ווען מיר ווערען דיך פערורטהיילען?

וויא מוטהיג דער גענעראל איז געווען, האט ער דאָך ניט געקענט ארויסרעדען א וואָרט. ער איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט און האט אנגעבויגען דעם קאָפּ.

— נעהמט אראָפּ דיא מאסקע פון דיעזען מענשען! האט דער מאן בעפוילען. לאזען אלע זעהן זיין געזיכט!

צוויי הענד האבען פון איהם אראָפּגעריסען דיא מאסקע מיט זיין הוט. אלע האבען יעצט געקענט זעהן זיין גאנצעס געזיכט.

— זעהט דאס געזיכט פון א פעררעטער! האט דער מאן געזאגט.

דער גענעראל איז געווארען בלייך, וויא קאלך. אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א ליארם פארן טויער פון דער פארם.

— הא! דיינע סאלדאטען קומען דיר צו הילף! האט דער מאן געזאגט גרימיג. זיי וועלען קומען צו שפעט, גענעראל! — דיין לעצטע שטונדע האט אויסגעשלאגען. פארבערייטע דיך צו שטארבען!

דער גענעראל האט אויך געהערט דעם רעש פאר דער פארם. דאס האט איהם געגעבען מוטה. זיינע סאלדאטען וועלען באלד אנקומען. ער מוז נור געווינען איינגע מינוטען ציים און פערציעהען דעם אורטהייל פון דיא דונקעלע הערצער. ער האט דאהער געוואלט רעדען, זיך פערטהיידיגען, זיך אויסטענהען, ביז דיא הילף וועט אנקומען.

— איך האב געשווארען צו פערטהיידיגען דיא גערעכטיגקייט, אלזא, פרעג איך אייך, מיט וואס פאר א רעכט זייט איהר געווארען מיינע ריכטער?

— דוא ביסט אונזער מיטגליעד און מוזט פאָלגען אונזערע געזעצע. אזוי האָסט דוא נור וואס געשוואָרען, האט דער מאן געזאגט מיט פעראכטונג.

— איבערלעגט אייך, וואס איהר טהוט! האט דער גענעראל געדראָהעט. פערגעסט ניט, ווער איך בין! — איך בין דער ערשטער מאן אין לאנד!

— און איך בין דער פירסט דער דונקעלערהייט! האט דער מאן, וואס האט איהם בעשוואָרען, געענטפערט.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו דער פערזאמלונג און האט געפרעגט:

— ברידער! וואס פאר א שטראפע האט פערדיענט דיעזער מאן, וועלכער האט בעפלעקט אונזער פאטערלאנד מיט בלוט פון אונשולדיגע מענשען און איז דאן געקומען צו אונז אום אונז צו פערראטהען?

— דעם טויט! האבען אלע אויסגערופען מיט איין שטימע.

15טעס קאפיטעל.

דיא אבריוזע.

מיר האבען איבערגעלאזען דעם גענעראלים ליעטענאנט, דיעגא אין א וועלדעל, ניט ווייט פון דער קווינטא ווערדע. ער איז געוועזן זעהר אונצופריעדען, וואס דער גענעראל האט ריזקירט צו געהן צו דיא דונקעלע הערצער. ווען דער גענעראל האט איהם דערצעהלט, אז ער אליין וויל אויספאָרשען דיא געהיימניס פון דיעזער שרעקליכער געזעלשאַפט, האט ער זיך גענעבען אלע מעגליכע מיה איהם אפצוהאלטען דערפון.

דיעגא איז געוועזן אן אלטער סאלדאט. ער האט גדיענט ביים גענעראל שוין צוואנציג יאהר. און איז איהם געווען ערגעבען. ווען ער האט געזעהן, אז דער גענעראל איז פעסט ענטשלאָסען אהין צו געהן, האט ער אויף איהם אזוי פיעל געווירקט, אז ער זאל הייסען א ראָטע סאָלדאטען זאָלען שטילערהייט און איינציגוויים זיך צונויפקומען אויף פערשיעדענע וועגען צו דער קווינטא ווערדע. זיי זיינען זיך צונויפגעקומען. דיעגא האט זיי געהייסען זיך אניעדערלעגען אויף דער ערד און ליעגען גאנץ שטיל. ער האט ביי זיך בעשלאָסען, אז ווען דער גענעראל וועט ניט ארויסקומען אין צוויי שטונדען ארום, זאל ער מיט זיינע סאלדאטען אנפאלען אויף דער פארם.

ער האט געוואוסט, אז דיא איינפיהרונגס צערעמאָניע ביי דיא דונקעלע הערצער דויערט זעהר לאנג. דענאך איז איהם דיא צייט געווארען צו לאנג און איידער עס איז נאך פאַראיבער א שטונדע, זייט דער גענעראל איז אריינגעגאנגען אין הויז, האט ער שוין געוואָלט הייסען זיינע סאלדאטען אנפאלען אויפ'ן הויז.

פלוצלונג האט ער געפיהלט, וויא א מאן האט אנגעריהרט זיין פלייצע. ער האט זיך אומגעקוקט.

— אה! דוא ביסט עס, פעדרא?

— איך בין עס, האט דער שפיאָן געענטפערט.

— אבער פון וואנען קומסט דוא אהער? האט זיך דיעגא געוואונדערט. איך האב גאר ניט געזעהן, פון וואנען דוא ביסט אנגעקומען.

— דאס דארפסט דוא ניט וויסען, האט פעדראָ געענטפערט. איך בין געקומען דיר זאגען, אז דער גענעראל איז אין געפאהר.

— אין געפאהר? האט דיעגא אויסגערופען. דאן מוזען מיר איהם רעטען!

— רעד ניט אזוי הויך, האט פעדראָ געזאגט. מען בעוואכט אונז פון אלע

זייטען. — איך בין געקומען, ווייל איך וויל רעטען דעם גענעראל. אלזא, הער מיך אויס. דוא מוזט איינטהיילען דיינע סאָלדאטען אין דריי טהיילע. איין טהייל זאל געהן צום טויער פון דער פארם און זאל איהם אויסברעכען. דער אנדערער טהייל זאל זיך אויסשטעלען הינטער דער פארם. דוא מיט'ן דריטען טהייל וועסט מיר נאכגעהן. איך וועל אייך שוין אריינפיהרען אין הויז אויף א וועג, וועלכען נור איך ווייס. — וועסט דוא אזוי טהאן?

— געוויס! איך מוז רעטען דעם גענעראל!

— אלזאָ, שנעל! רוף צונויף דיא סאָלדאטען און טהייל זיי אויס דיינע בעפעהלע.

— אין פינף מינוטען איז אלעס אפגעמאכט. — וואו וועל איך דיך ווידער געפינען?

— דאָ, אויף דיעזען ארט.

דיעגא איז געגאנגען צו זיינע סאָלדאטען, האט זיי איינגעטהיילט אין דריי טהייל און האט אנגעזאגט יעדען טהייל, וואָס ער זאָל טהאן.

— מען מוז ציעהען געלד פוןביידע פארטייען, האט דאן פעדראָ געזאגט צו זיך אליין, ווען דיעגא איז אוועקגעגאנגען. דער גענעראל צאהלט גוט אבער דיא דונקעלע הערצער צאהלען גוט. מען מוז זיי ביידע צופריעדען שטעלען.

באלד איז דיעגא צוריקגעקומען.

— אלעס פערטיג, וויא איך האב דיר געהייסען?

— אלעס.

— אלזאָ, קום! איך האף, אז מיר וועלען אנקומען פונקט צו דער צייט.

דיא סאָלדאטען האבען געטהאן, וויא מען האט זיי געהייסען. איין טהייל האט אנגעהויבען אויסצוברעכען דעם טויער פון דער קווינטא ווערדע און דער אנדערער טהייל איז געשטאנען אויף דער וואך פון דער אנדערער זייט. פעדראָ האט געפיהרט דיעגא מיט זיינע סאָלדאטען דורך א שמאָלען גאנג צווישען דיא קאקטוס ביימער, וואו עס האט געקענט דורכקריעכען נור איין מענש. זיי זיינען אריין אין הויף און זיינען שטילערהייט צוגעקומען צו א פענסטער, וועלכעס איז געווען בעשלאגען מיט שטארקע אייזערנע גראטעס.

פעדרא איז געווען גוט בעקאנט מיט'ן הויז. ער האט אנגענומען א פאָר אייזערנע שטאנגען פון דיא גראטעס און זיי האבען זיך באלד נאכגעגעבען. וואזהר־שיינליך, האט ער שוין מיט א צייט פריהער אפגעריסען דיא פאָר שטאנגען.

יעצט זיינען זיי אריינגעגאנגען אין הויז דורך דיעזעס פענסטער. זיי האבען געמוזט אריינגעהן איינציגווייס. דאס האט אבער ניט געשאדעט. זיי זיינען געווען נור זעקס מענשען. פעדראָ האט זיי געפיהרט דורך פינסטערע גענג, ביז ער האט זיי צו געפיהרט צו א טהיר.

— דאָ איז יעצט דער גענעראל! האט ער געזאגט שטילערהייט.

דיעגא האט פראָבירט עפענען דיא טהיר. — זיא איז געווען פערשלאָסען.

— ברעכט אויס דיא טהיר! האט ער קאָמאנדירט.

אין דיעזע מינוט זיינען אנגעקומען דיא סאלדאטען, וועלכע האבען אויסגע־

בראָכען דעם טויער פון דער קווינטא. אלע צוזאמען האבען זיך גענומען אויסברעכען די טהיר. אין איינינע מינוטען איז די שווערע טהיר צופלויגען אויף שטיקלעך.

די גאנצע ראָטע האט זיך ארייננעשאטען אין זאל. — ער איז געווען לעדיג. קיין לעבעדיגער מענש א . דארט ניט געווען. אין הענגלייכטער האט געברענט נור איין ליכט ארומגעוויקעלט מיט א שוואַרצעם טוך. ביים שוואכען שיין פון דיעזעס איינציגע ליכט האבען זיי דערזעהן, אז א מענש ליעגט אויסגעשטרעקט אויף דער ערד.

דיעגא האט זיך אנגעבויגען און האט דערקענט דעם גענעראַל. ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען, א מעסער האט געשטעקט אין זיין לייב. דאס מעסער האט געהאט א לאנגען שוואַרצען שטיעל. צום שטיעל איז געווען צוגעבונדען א לאנג שטיקעל פאר־מעט, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען פאָלגענדע ווערטער: ‧

„די געראבטע שטראפע פון די דונקעלע הערצער‟.

— ראכע! האט אויסגערופען דיעגא אין פערצווייפלונג און האט ארויסגעריסען דאס מעסער פון בוסטאמענטע'ס לייב. ראכע! — איך וועל צונעהמען דאס הויז אויף שטיקלעך, ביז איך וועל זיי געפינען דיעזע טייפעל! — פעדראָ! קום נור אהער!

פעדראָ איז פערשוואונדען. ווען ער האט געזעהן, אז פון'ם גענעראַל קען ער שוין מעהר קיין געלד ניט נעהמען, האט ער געפונען פאר נעטהיג צו פערשווינדען.

דיעגא איז ארומגעלאָפען, וויא א וואהנזינ־נער. ער האט געקראצט די ווענט, געריסען די טהירען, געשריען, געליאַרמט, אבער קיינער האט איהם ניט געענטפערט. אין גאנצען הויז איז ניט געווען קיין לעבעדיגער מענש. די דונקעלע הערצער זיינען אויך געווען פאַרזיכטיג. זיי זיינען זיך צולאפען אויף געהיימע וועגען, פון וועלכע קיינער האט ניט געוואוסט.

— — — — — — — — — — — — — —

דאן טאדעאָ און דאן גריגאָריא, די אנפיהרער פון די דונקעלע הערצער, זיינע; געווען די לעצטע, וועלכע זיינען אוועקגעגאנגען פון דער קווינטא ווערדע. זיי האבען גוט געקענט די געגענד און האבען געוואוסט, וויא אזוי אויסצומיידען די סאָלדאטען. זיי זיינען צוריקגעגאנגען צו דער פארם, וואו זיי האבען איבערגעלאָזען די פראנצויזען.

עס איז שוין געווען טאָג, ווען זיי זיינען געקומען אויף דער פארם. זיי זיינען געווען זיכער, אז די צוויי פראנצויזען שלאפען נאך געשמאק. וויא איבערראשט זיינען זיי געוואָרען, ווען זיי האבען געטראפען די יונגע לייט שטעהן אין דער טהיר און רעדען מיט'ן פערוואלטער.

— וויא קומט עס, וואס איה־ר שלאפט ניט? האט דאן טאדעאָ געפרעגט ערשטוינט.

— מיר פאהרען אוועק פון דאנען, האט וואלענטין געענטפערט.

— וויא קומט עס? וואָס איילט איהר זיך? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט, אז זיי שטעהן אין דרויסען.

— אלענפאלס איז ניט דא דער ארט צו רעדען, האט ער ווייטער געזאגט. קומט אריין אין שטוב, דארט וועלען מיר רוהיג איבערלעגען, וואס איהר זאלט טהאן.

וואלענטין איז אריינגעגאנגען אין שטוב מיט דאן טאדעאָ. לואיס איז געבליע-בען אין דרויסען. ער האט זיך פערלאזען אויף זיין מילך-ברודער.

מיר וועלען דערצעהלען אין קורצע ווערטער, וואס עס האט פּאסירט מיט ביידע פראנצויזען אין דעם טאָג.

מיר האבען געזעהן, וויא דאניא ראזאריא האט געבעטען איהר געליעבטען, ער זאל שווערן, אז ער וועט ארויספאהרען פון דיעזער געגענד. לואיס האט געשוואָרען. עס האט איהם געריסען דאס הערץ זיך צושיידען פון׳ם מעדכען, וועלכעס ער האט געליעבט מעהר אלס זיין לעבען. ער האט אבער אנדערש ניט געקענט. זיא האט עס פון איהם געפאָרדערט און ער האט זיך ענטשלאסען אוועקצופאהרען. — וואוהין? דאס האט ער אליין ניט געוואוסט. ווייס דען אן עמיגראַנט, ווען ער קומט קיין אמעריקא, וואוהין ער וועט פערוואָרפען ווערן?

וואלענטין האט אנפאַנגס ניט געוואָלט אוועקפאהרען. עס איז איהם זעהר געפעלען אויף דער פארם. ער האט אבער געמוזט נאכגעבען. דערביי אבער האט ער בעמערקט, אז דיא העפליכקייט פאָרדערט, זיי זאלען ניט אנטלויפען פון דאָרט, זיי זאלען אבשיעד נעהמען פון זייערע נייע פריינד. זיי האבען געפרעגט דעם פער-וואלטער, אויב זיי קענען זעהן דעם ווירטה פון דער פארם, און ער האט זיי געענט-פערט, אז דער ווירטה איז ניטא אין דער היים. ער וועט ערשט קומען שפּעט ביי נאכט.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס דאן טאדעאָ האט זיי געטראָפען שטעהן אין דרויסען פאר דער טהיר. זיי זיינען אריינגעגאנגען אין הויז. דאן טאדעאָ האט געבעטען, אז זיי זאלען בלייבען דארט. וואלענטין האט אלץ געזאגט, אז זיי מוזען פאָהרען.

— איך האלט אייך פאר מענער, האט ענדליך דאן טאדעאָ געזאגט. ווען איהר געפינט, אז איהר קענט דא ניט בלייבען, אז איהר מחט פון דאנען אוועקפאָה-רען? האט איהר געוויס געגוג אורזאכען אזוי צו טהאן.

— יא, הערר! מיר האבען וויכטיגע אורזאכען, וועלכע צווינגען אונז אוועקצו-פאהרען, האט וואלענטין געענטפערט.

— אבער וואוהין ווילט איהר פאהרען? איהר זייט דאָך פרעמד אין לאנד?

— דאס ווייסען מיר אליין ניט, האט וואלענטין געענטפערט אפענהערציג. איינענטליך, איז פאר אונז קיין אונטערשיעד ניט, וואוהין מיר זאלען פאהרען. מיר מוזען נור אוועקפאהרען פון דאנען.

— אלזא, הערט מיך אויס. איך האב אַ גרויס שטיק לאנד אין דער פּראָווינץ וואלדיוויא. וויא באלד אייך איז קיין אונטערשיעד ניט וואוהין צו פאָהרען, פאר וואס זאלט איהר ניט פאהרען קיין וואלדיוויא? דארט וועלען מיר זיך אמאל קענען זעהן. איך קום אפט אהין זעהן, וואס עס הערט זיך אויף מיינע פארמ׳ס.

— פאַר אונז איז אלץ איינס, וואלדיוויא, טעקסאַס אדער מעקסיקאַ, האט וואלענטין געזאגט גאנץ גלייכגילטיג.

— נוּ! ווען איהר פאהרט קיין וואלדיוויא, קענט איהר מיר נאָך ערצייגען

א גרויס גנעפעלינקייט. ווען איהר פאהרט קיין וואלדיוויא, מוזט איהר דורכפאָהרען דאס לאנד ארויקאַניאַ, וועלכע איז בעוואוינט פון ווילדע אינדיאַנער. איך האב איבערצושיקען זעהר וויכטיגע פּאַפּיערן צום פירסט, קעניג אדער קאַציק, פון דיעזע אינדיאַנער. ווען איהר זאָלט וועלען, וואלט איהר איהם איבערגעגעבען דיעזע פּאַפּיערן.

— פאַר וואָס ניט? האט דער פרעהליכער פראַנצויז אויסגערופען. איך האב נאָך קיין מאל ניט געזעהן קיין ווילדען אינדיאַנער. איך וואָלט געוועזן העכסט צופריעדען זיך צו בעקענען מיט דיא הערליכע ווילדע.

— גוט! האט דאן טאַדעאָ געזאגט גאנץ ערנסט. איהר נעהמט אן מיין פאָרשלאַג. ווען ווילט איהר פאהרען? — מאָרגען?

— פאַר וואס מאָרגען? פאר וואָס ניט שוין? האט וואלענטין געפרעגט.

— איהר מעגט פאהרען, ווען איהר ווילט. איך וועל שוין אנזאגען מיין פערוואלטער, ער זאל אייך אנגרייטען אלעס אויף דיא רייזע. איידער איהר וועט אוועקפאהרען, וועט איהר ערהאלטען פון איהם צוויי פערזיגעלטע בריעף, איינעם מיט אייער אדרעסע, זאלט איהר עפענען, ווען איהר וועט זיין א טאָג רייזע וויים פון דאַנען. דעם אנדערן אהן אן אדרעסע, זאלט איהר איבערגעבען דעם אינדיאַנער פירסט.

— בראַוואָ! האט אויסגערופען דער פרעהליכער פראַנצויז. איך וואלט אויסגעלעבט מיינע יאהרען אין פראנקרייך און וואלט ניט געוואָרען קיין געזאנדטער צו א קעניג אדער א קייסער. אמעריקא זאל לעבען! איך בין ערשט פיער טאָג אין אמעריקא און איך בין שוין א געזאנדטער צו א פירסט, א קעניג! נו, לאָמיר זאגען, אן אינדיאַנער קאַציק, אבער דאך א קעניג.

— שפּאסט ניט, מיין פריינד! האט דאן טאדעאָ געזאגט ערנסט. איך מוז אייך ווארענען און פאָראויס זאגען, אז אייער אונטערנעהמען צו צושטעלען דיא פּאַפּיערן צום אינדיאַנער פירסט איז ניט אזוי לייכט און ניט גאנץ אונגעפעהרליך. ווען מען געפינט ביי אייך דיא פּאַפּיערען; ווען פרעמדע אויגען זאלען זיי זעהן, קענט איהר זיין אין דער גרעסטער געפאהר.

— דעסטאָ בעסער! האט וואלענטין אויסגערופען. וואו עס איז דא געפאהר, דארט איז דא פערגניגען. איך בין א סאָלדאט און וויים פון קיין גרעסערעס פערגניגען, אלס ווען איך בין איבערגעשטאנען דיא גרעסטע געפאהר.

— איך האלט עס פאר מיין פּפליכט אייך צו ווארענען.

— קען איך וויסען דעם נאמען פון דעם אינדיאַנער פירסט, צו וועלכען איהר שיקט מיך?

— דעם נאמען קען איך אייך זאָגען יעצט. ער הייסט דער טיגער פון דער זון.

— א זאנדערבארער נאמען, האט וואלענטין בעמערקט. האט זיינע מאַיעסטעט ניט אנאנדער נאמען?

— ער האט נאך אנאנדער נאמען. אויף דער אינדיאַנער שפּראכע הייסט ער אנטינאַהועל.

— אזא נאמען איז נאך שווערער ארויסצוזאגען, וויא דער טיגער פון דער זון. אבער וויא קענען מיר געפינען זיינע אינדיאַנישע מאַיעסטעט?

— דאָס קען איך אייך ניט זאגען. דיא ווילדע אינדיאַנער האלטען זיך זעלטען אויף איין ארט. זיי וואַנדערן ארום פון איין געגענד אין דיא אנדערע. זיי לעבען פון דער יאַגד און האלטען זיך אויף דאָרט, וואו זיי געפינען פיעל ווילדע טהיערע צו טוידטען.

— אלזא, וועלען מיר מוזען ארומפאָהרען אין לאנד און איהם זוכען?

— דאָס איז ניט אזוי שווער. איהר ווערט געוויס טרעפען ווילדע אויפ'ן וועג. קוים ווערט איהר זיי זאגען, אז איהר ווילט זעהן דעם קאַציק אַנטינאַהועל, ווערט מען אייך פיהרען צו איהם. ער איז א גרויסער פירסט און אלע קענען איהם זעהר גוט.

— אויב אַזוי, וועל איך איהם געפינען! האט וואַלענטין אויסגערופען.

— אין דעם בריף, וואס איז אדרעסירט אויף אייער נאמען, ווערט איהר געפינען אייניגע ערקלערונגען איבער אייער אויפטראג און איבער דעם טינער פון זיער זון, האט דאָן טאַדעאָ בעמערקט.

— איך ווייס דאך אבער גאר ניט, וואו וואַלדיוויא געפינט זיך? האט זיך פלוצלינג וואַלענטין דערמאָנט.

— דעם וועג ווערט מען אייך ווייזען, האָט דאָן טאַדעאָ געענטפערט. ווייטער ווערט איהר שוין אלעס אליין אויסגעפינען. איך וואלט אליין מיט אייך געפאָהרען, איך מוז אבער צו ערשט פערזארגען דיא יונגע דאמע, וועלכע איהר האט געראטעוועט. איך האָף אבער, אז אין א קורצע צייט וועלען מיר זיך זעהן. איך וועל ווארטען אויף אייך אין וואַלדיוויאַ אויף דיא אנטוואָרט, וואס איהר ווערט מיר ברענגען פון'ם אינדיאנער פירזט.

— איך דאַנק אייך! האט וואַלענטין געזאָגט.

— פערגעסט ניט, אז מיר זיינען ברידער. ווען איהר ווערט דארפען עפּעס, זאלט איהר קומען גלייך צו דאָן טאַדעאָ דעלעאָן. ער האלט עס פיר זיינע הייליגע פפליכט צו טהאן אלעס מעגליכע פאר מענשען, וועלכע האבען איהם גערעטעט דאס לעבען.

— איך קען אייך יעצט נאך ניט זאגען: ניט יא, ניט ניין, האט וואַלענטין בעמערקט.

מיט דיעזע ווערטער האבען זיי איינער דעם אנדערן געדריקט ברידערליך דיא הענד און זיינען זיך צונאנגען. וואַלענטין האט אויסגעזוכט זיין מילך ברודער און האט איהם איבערגעגעבען אלעס, וואס ער האט גערעדט מיט דאָן טאַדעא. לואיס האט איהם קוים אויסגעהערט. זיין הערץ איז געוועזן פערשטיינערט. ער האט קוים געפונען דאס מיידעל, וועלכעס ער ליעבט מעהר פון אלעס אין דער וועלט און מוז זיא שוין פערלאָזען. ער מוז ווייטער פאָהרען אין א לאנד, וואו אלעס איז איהם ניי, אלעס איז איהם פרעמד, אלעס קומט איהם פאר ווילד און אונבעקאנט.

איהם איז געוועזן אלעס איינס. וואַלענטין מעג איהם פיהרען, וואוהין ער וויל. וואס איז איהם דער אונטערשיעד?

ווען דיא זון איז אויפגעגאנגען און האט בעגאסען מיט איהרע ווארעמע און העלע שטראהלען דיא שעהנע געגענד, זיינען פאר דער טהיר פון'ם הויז געשטאנען צוויי מהייערע פערד, וועלכע דער פערוואלטער האט אנגעזאטעלט און פערזארגט מיט אלעס, וואס איז נעטהיג פאר א לאנגע רייזע אין א ווילדע געגענד.

דער פּערוואלטער האָט אריינגערופען וואלענטינען אין א בעזונדער צימער, האט איהם איבערגעגעבען דיא צוויי בריעף, פון וועלכע דאָן טאָדעאָ האט איהם געזאָגט, און האט איהם ערקלערט, וויא אזוי צו פאהרען און אויף וועלכען וועג צו פאָהרען.

מיט א פיערטעל שטונדע שפּעטער זיינעןביידע פּראנצוויזען געזעסען אויף זייערע פערד. לואיס האט זיך אומגעקוקט צום לעצטען מאָל אין הויף. ער לאָזט דא איבער זיין הערץ, זיין ליעבע, זיין גליק און זיין לעבען. פּלוצלינג האט זיך געעפענט א פענ־סטעריל אין צווייטען שטאָק, א שעהנער מערכען קאָפּ האט זיך געוויזען און א שוואכע שטימע האט אויסגערופען:

— אדיע! אויף אייביג אדיע!

לואיס האט דערקענט דיא שטימע. ער האט געוואָלט עפּעס ענטפערן, ער האט אבער ניט געקענט. זיין האלז איז געווען, וויא פערצויגען מיט א שטריק. טרעהרען האבען איהם געוואָרגען.

— האָפנונג! האט אויסגערופען וואלענטין און האט געגעבען זיין פערד דיא שפּאָרען.

באלד איז דיא פארם און דיא שעהנע געגענד ארום פערשוואונדען. דיא צוויי פראנצויזען זיינען געריטען אין דיא ווילדע פּרעריס (סטעפּען) פון אמעריקא. מיט איינינע טעג שפּעטער איז פון דערזעלבער פארם ארויסגעפאהרען א פערדעקטע קארעטע. אין איהר זיינען געזעסען נור צוויי מענשען, א מאַן און א פרוי — דאָן טאָדעאָ און דאָניא ראזאריא.

16טעס קאפּיטעל.

דיא ערשטע אינדיאַנער.

צווישען אלע אינדיאנער פעלקער, וועלכע האבען בעוואוינט אמעריקא, איידער דיא אייראפּעער זיינען געקומען און א פּאָר הונדערט יאהר שפּעטער, האבען זיך אויסגעצייכענט דיא אינדיאַנער, וועלכע האבען געוואוינט און וואוינען נאך היינט אין לאנד אראאוקאניא. זיי זיינען ניט ארויסגעטרעטען דיא אייראפּעער פון'ם וועג, וויא דיא אנדערע פעלקער האבען עס געטהאן. מיר ווילען נור ברענגען א ביישפּיעל פון'ם שטאאט ניו יאָרק.

אין שטאאט ניו יאָרק האבען א מאל געוואוינט זעקס פערשיעדענע פעלקער. דיא סענעקא'ס, דיא אָנאָנדאגא'ס, דיא מינגאָ'ס, דיא טוסקאראראס, דיא קאיוג־דאגא'ס און דיא מאָדיקאנ'ס. וואו זיינען יעצט דיעזע פעלקער? געפינט זיך נאך אין דעם גרויסען שטאאט ניו יאָרק נאך איינינע פון דיעזע פעלקער? — קוים, קוים געפינט זיך נאך ערגעץ א דאָרף פון אינדיאנער אין ניו יאָרק.

זיי זיינען פערשוואונדען! וואו דער ציוויליזירטער אייראפּעער קומט, דאָרט פערשווינדעט דער ווילדער אינדיאנער. דער אייראפּעער האט צוגענומען ביים ווילדען זיין לאנד און האט איהם פערדרענגט אלץ ווייטער און ווייטער. פיעלע פון דיעזע פעלקער זיינען אויסגעשטאָרבען און עס איז פון זיי געבליעבען נור דער נאמען.

דאס איינציגע פאָלק, וואס האט זיך נים געלאָזט פערטרייבען פון זיין לאנד, זיינען דיא אראַאוקאַניער. זיי האבען באלד איינגעזעהן, פאר וואס דיא אייראפּעער זיינען שטאַרקער פון דיא ווילדע און האבען איבערגענומען פון דיא אייראפּעער אלעס, וואס זיי קען נוצען. צווישען דיא אראַאוקאַניער קען מען טרעפען מענשען, וועלכע קענען זאגאר לעזען און שרייבען שפּאַניש.

ווען מען פאחרט אויף א שיף אויפ'ן שטילען וועלט מעער און מען פאהרט פארביי יענע געגענדען, קען מען נאך היינט זעהן, ווי אין אראַאוקאַ, דיא איינציגע שטאָדט אין אראַאוקאַניא, וועהעט נאך יעצט אין דער הויך א רויטע פאהן מיט א ווייסען שטערן אין דערמיט. דאס איז דיא פאהן פון דיא ווילדע אינדיאנער, וועלכע האבען זיך נים אונטערגעגעבען און זיינען ביז אויף היינטיגען טאָג געבליעבען פריי און אונאבהענגיג.

מיר קעהרען זיך יעצט אום צו אונזער ערצעהלונג.

עס איז א שעהנער טאג. דיא זון שיינט העל און ווארם און בעלייכטעט א שעהנע געגענד, בעזעעט מיט קליינע בערגלעך און מיט שעהנע, גרינע טהאלען. צוויי מענשען אויף קרעפטיגע פערד רייטען אויף א גאנץ שמאָלען וועג אין טיעפען גראָז. הינטער זיי לויפט א גרויסער ניופונדלענדער הונט.

דיא לעזער האבען געוויס דערקענט דיא צוויי מענשען. דאס זיינען גראף לואיס און זיין מילך־ברודער, וואלענטין. עס איז שוין לאנג, זייט זיי זיינען אוועקגעפאהרען פון דער פארם, וואו לואיס האט געטראפען זיין געליעבטע. דאמאלס איז געוועזן מאַי, היינט איז דער צווייטער יולי, וועלכען דיא אינדיאנער רופען דער מאנאַט פון דער זון.

זייט זיעבען וואָכען פאָהרען זיי ארום אין דיעזע געגענד. זיי איילען זיך נים. זיי האבען ציים גענוג אלעס צו בעטראכטען. פאריגע נאכט האבען זיי גענעכטיגט ביי אן ארימען הירט (פּאסטוך) וועלכער האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך. גאנץ פריה זיינען זיי ארויסגעפאהרען. עס איז שוין צעהן אוהר און זיי האבען אנגעהויבען הונגעריג צו ווערן.

זיי האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען דערזעהן א קליין וועלדעל, אין וועלכען עס האבען געפונקעלט א פּאָר ווילדע עפּעל ביימער, בעלאדען מיט רויטע גרויסע עפּעל. זיי זיינען צוגעפאהרען צום וועלדעל, האבען אפּגעזאָטעלט זייערע פערד און זיי געלאזען זיך לאבען מיט'ן הויבען, זאפטיגען גראז. זיי אליין האבען זיך אניעדער געזעצט אויף דער ערד און האבען געגעסען זייער פריהשטיק, א שטיק שווארץ ברויט, הארט, וויא א שטיין, און א שטיק קעז פון ציעגען מילך. לואיס האט זיך שוין אויס־געלערנט אין אמעריקא צו עסען שווארץ ברויט און פערטרינקען מיט ריינעם וואַסער. אין דיא ווילדע געגענדען פון אמעריקא איז ניטאָ, נים קיין שאמפּאניער, נים קיין באָרדאָ וויין.

נאכ'ן עסען האבען זיי זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראז אונטער א בוים און האבען זיך געלעגט אביסעל אפּרוהען.

— ווייסט דוא, לואיס, אז עס איז גאנץ אנגענעהם צו ליעגען אויפ'ן גראז, ווען מען רייט פון פיער אוהר אין דער פריה ביז צעהן?

— איך שעהם מיך נים צו זאגען, אז איך בין טאקע רעכט מיעד, האט לואיס געענטפערט.

— איך וויים, אז דוא ביסט נאך נים אין גאנצען אן אמעריקאנער, מיין ארי־מער פריינד, האט וואלענטין בעמערקט. איך בין שוין מעהר געוואוינט פון דיר צו מאכען לאנגע רייזען.

— איך געוועהן מיך אויך צו ביסלעך. עס וואלט מיך אזוי נים געהארט דאס לאנגע רייזען, אלס מיינע אנדערע ליידען —

— איך זעה, אז דוא ווערסט א מענש און איך בין זיבער, אז מיט דער צייט וועסט דוא שוין ווערן אן עכטער אמעריקאנער.

— דאס קען איך נים זאגען פאר געווים.

— פאר וואס נים? — צווי זאכען היילען אלע וואונדען — האפנונג און צייט. דיא ליעבע לעבט נור פון דער האפנונג —

— און שטארבט מיט דער צייט, האט לואיס געענדיגט זיין ברודערס רעדע.

וואלענטין האט געזעהן, אז ער האט בעריהרט א וואונד אין זיין פריינד'ס הערץ און האט געוואלט ענדערן דאס געשפרעך.

— אך! וואס פאר א שעהנע, הערדליכע געגענד! בערג, טהאלען, גרינע וועלדער און מיט בלומען בעדעקטע פעלדער! אמעריקא איז ווירקליך א גאלדענעס לאנד! וואו קענסט דוא נאך געפינען אזא שעהנע געגענד?

— דיא וועגען אבער זיינען זעהר שלעכט. ריכטיגער געזאגט, עס זיינען גאר קיין וועגען נימא.

— מען זאגט, אז דיא וועגען צום גן־עדן זיינען אויך אזוי פערוואקסען און פערווילדערט, האט וואלענטין געשפאסט. — וואס זאגסט דוא, צעזאר? האט ער זיך געווענדעט צו זיין הונד.

דער הונד האט איהם געקוקט אין דיא אויגען, גלייך וויא ער וואלט איהם פערשטאנען. פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען און האט אנגעהויבען צו בילען.

— שוויג, צעזאר! וואס רייסט דוא זיך דעם נארגעל? דא איז דאך קיינער נימא. מיר זיינען דאך וויים פון מענשען.

דער הונד אבער האט זיך נים געוואלט בערוהיגען און האט ווייטער געבילט.

— מיר ווייזט ארים, אז אין דיא ווילדע געגענדען פון אמעריקא געפינען זיך— מענשען אדער טייפעל, האט לואיס זיך אפגערופען. איך קען גוט מיין צעזאר. ער בילט נים אומזיסט.

— דאס איז מעגליך. וואס געהט עס אבער אונז אן?

— מיר מוזען זיך אומקוקען. דער הונט בילט נים אומזיסט.

— דוא האסט רעכט, לואיס! איך מוז זעהן, וואס דארט איז. קום, צעזאר!

מיט דיעזע ווערטער האט זיך וואלענטין אויפגעהויבען און האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען. פלוצלונג האט ער געחאפט זיין ביקס און האט געהייסען לואיסן אויך נעהמען זיין ביקס.

— צום טייפעל! האט ער אויסגערופען. צעזאר האט רעכט געהאט, וואס ער איז געוואָרען אזוי אונרוהיג. זעה נור דארט, לואיס!

לואיס האט זיך צוגעקוקט צו דעם אָרט, וואוהין וואלענטין האט איהם גע־וויעזען. ער איז געווארען אונרוהיג.

— וואס איז דאס? ווער זאל עס דאָרטען זיין?

— מיר מוזען זיך פאָרבערייטען, האט וואלענטין געזאגט און האט אנגעהויבען צו ציעלען מיט זיין ביקס.

פון א בערגעל זיינען ארויסגעפאהרען צעהן אינדיאנער אויף ווילדע פערד. זיי זיינען געוועזען אנגעטהאן אין זייערע קריעגס־קליידער. ווען דער ווילדער אינדיאנער געהט אין קריעג, שמיערט ער זיך אויס דאס לייב און דאס געזיכט מיט אלערליי פארבען: ווייס, רויט, גרין און שווארץ. אויפן קאפ שטעקט ער זיך אן לאנגע פעדערן פון אן אדלער אדער פון אנאנדער רויב־פויגעל.

דיא אינדיאנער זיינען געווען גאנץ נאהענט פון אונזערע צוויי רייזענדע, וועלכע האבען אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס זיי האבען זיי פריהער ניט בעמערקט.

דאס זיינען געוועזען דיא ערשטע אינדיאנער, וואס אונזערע פראנצויזען האבען דערזעהן אין אמעריקא. לואיס האט צוואר געלעזען זעהר פיעל איבער דיא ווילדע אינדיאנער, דענאך איז ער געוועזען איבערראשט, ווען ער האט זיי דערזעהן. קיין בוך אין דער וועלט איז ניט אים שטאנד איבערצוגעבען דיא ריכטיגע בעשרייבונג פון א ווילדען, ביז מען זעהט איהם ניט מיט דיא אויגען.

17טעס קאפיטעל.

דיא פועלטשעס.

צעזאר האט זיך געריסען און געשפרונגען, ווען ער האט דערזעהן דיא ווילדע. אזא סאָרט מענשען האט ער אויך קיין מאל ניט געזעהן. וואלענטין האט איהם גע־מוזט צוריקהאלטען, ער זאל ניט ארויפשפרינגען אויף זייערע פערד.

— מיר ווייזט אויס, אז דיא הערריען ווילדע קומען צו אונז מיט ניט גאנץ פריינדליכע אבזיכטען, האט ער געזאגט צו לואיס'ן.

— איך מיין, אז זיי זיינען אראאוקאניער, האט לואיס געענטפערט.

— פון וואנען ווייסט דוא עס? — זיי זיינען זעהר העסליך און איך גלויב, אז אלע ווילדע האבען איין פנים.

— זיי זיינען גאר ניט אזוי העסליך, האט לואיס בעמערקט. איך זעה געזונדע, קרעפטיגע מענשען.

— איך וויל מיך מיט דיר ניט שפארען, אויב זיי זיינען שעהן אדער העסליך, האט וואלענטין איהם געענטפערט. מיר וועלען אַאנדער מאל דאריבער רעדען. יעצט מוזען מיר ווארטען, ביז דיעזע הערריען וועלען קומען צו אונז. מיר וועלען דאן זעהן, וויא אזוי זיי זיינען.

ווען דיא אינדיאנער האבען דערזעהן דיא צוויי ווייסע מענשען, זיינען זיי גע־בליעבען שטעהן אויף איין ארט און האבען אנגעהויבען צו רעדען צווישען זיך.

— זיי בעראטהען זיך, וויא אזוי זיי זאלען אונז אויפעסען: רויערהייט, געקאָכ־טערהייט אדער געבראָטענערהייט, האט וואלענטין געשפּאַכט.

— איך גלויב עס ניט, האט לואיס גיענטפערט ערנסט. איך ווייס, אז דיא אמעריקאנער ווילדע זיינען קיין מענשענפרעסער.

— וואָס ווייסט דוא? — דוא ווייסט גאר נישט.

— איך האב געלעזען זעהר פיעל איבער אמעריקא און ווייס, אז דיא אינדיאנער פון דיעזער געגענד זיינען קיינע מענשענפרעסער.

— דעסטאָ שלימער! עס וואָלט גאר געווען א מעלה פאר זיי.

— דוא לאַכסט דאך פון אלעמען! האט לואיס געזאגט מיט א פאָרוואורף. ביי דיר איז אַלעס א שפּאס.

— וואָס דען וואלסט דוא געוואלט? — איך זאָל וויינען? — אונזער לאַגע איז צוואר קיין פרעהליכע. דאָס ווייס איך. איך וויל אָבער דאך ניט וויינען.

דיא אינדיאנער זיינען אונטערדעסען נאך אלץ געשטאַנען אויף איין ארט און האבען גערעדט צווישען זיך. דיא צוויי פראנצויזען האָבען צייט געהאט זיי צו בע־טראַכטען. איינער פון זיי איז געווען זייער הויפּטלינג אדער זייער אנפיהרער. זיינע לאַנגע שווארצע האר זיינען געווען ארומגעבונדען מיט א רויטהען באנד. אין וועלכען עס האָבען געשטעקט אין דער לינקער זייט פונ'ם קאָפּ דריי גאנץ לאַנגע פעדערן פון פון דיא פליגעל פון א קאָנדאָר — דער גרעסטער אדלער אין אמעריקא.

דיא פראנצויזען האבען געזעהן, וויא אלע איבעריגע ווענדען זיך צו איהם, פרעגען איהם און גיבען איהם אָפּ דיא גרעסטע עהרע

פלוצלינג האט דער הויפּטלינג פון דיא ווילדע א דריק געטהאָן זיין פערד מיט זיינע נאַקעטע פיס. דאס פערד איז אויפגעשפּרונגען, האט געמאַכט א גרויסען ראד און איז געבליעבען שטעהן פאר דיא פראנצויזען. דער אינדיאנער הויפּטלינג האט אראבגעלאָזען זיין לאַנגען שפּיעז מיטן שפּיץ צו דער ערד, א צייכען, אז ער איז ניט קיין פיינד. דאן האט ער אנגעבויגען דעם קאָפּ פאר דיא צוויי ווייסע מענשען און האט געזאָגט אויף ריין שפּאניש:

— מיינע ברידער זיינען פרעמדע. זיי זיינען ניט קיין ניעדערטרעכטיגע שפּאניער.

— נא דיר א העפליכען ווילדען! האט וואלענטין געשפּאסט אויף פראנצויזיש. איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז ווילדע זאלען זיין אזוי פיין און אזוי העפליך. ער רופט אונז שוין ברידער.

— עס איז יעצט ניט דיא צייט צו שפּאסען, וואלענטין, האט לואיס געזאגט. ענטפער איהם בעסער.

אין דיא קורצע צייט, וואס זיי זיינען געווען אין זיד אמעריקא, האט וואלענטין זיך אויסגעלערנט אביסעל שפּאניש. אלס פרעהליכער און לוסטיגער יונג האט ער מיט יעדען גערעדט, מיט יעדען געפּלוידערט, ביז ער האט זיך אויסגעלערנט שפּאניש רעדען.

— דוא האסט רעכט, ברודער. מען מוז איהם ענטפערן. ער איז העפליך און מיר מוזען אויך זיין העפליך.

ער האט זיך געווענדעט צום אינדיאנער הויפטלינג און האט איהם געזאגט.

— דוא האסט דערראטהען. מיר זיינען קיינע שפאניער. מיר זיינען רייזענדע.

— אזוי גאנץ אליין רייזט איהר? האט דער ווילדער געפרעגט.

— איז דאס אזא וואונדער, הויפטלינג?

— האט מיין ברודער גאר קיין מורא ניט? האט דער אינדיאנער ווייטער געפרעגט.

— וואס האבען מיר מורא צו האבען? מיר האבען גאר נישט. מען קען ביי אונז גאר ניט צונעהמען.

— אבער אייערע האר? אייער סקאלפ?

דיא לעזער וועלען זיך געוויס דערמאנען, וואס עס איז א סקאלפ. זיי וועלען דאן פערשטעהן, וואס דער אינדיאנער האט געמיינט מיט זיין פראגע.

וואלענטין איז אבער דאמאלס געווען נאך גאנץ גרין אין אמעריקא. ער האט ניט פערשטאנען, וואס דער אינדיאנער מיינט. ער האט גערעכענט, אז דער אינדיא־נער זאגט איהם, ער זאל זיך צורעכט מאכען דיא האר, וועלכע ער האט שוין לאנג ניט פערקעמט. אויף זיינע ליפען האט זיך געוויזען א שמייכעל.

— ער לאכט פון מיינע האר, דער מיסטער ווילדער, האט ער געזאגט צו לואיסן מיט א געלעכטער. — ווארט א ווילע, מיסטער ווילדער! איך וועל דיר וויזען, אז מען דארף ניט לאכען פון א פראנצויז, וועלבער האט זיך שוין לאנג ניט פערקעמט!

ער האט אויסגעשטרעקט זיין ביקס און האט געהייסען לואיסן טהאן דאס זעלבע. ער האט זיך געציעלט אויפ'ן הויפטלינג און לואיס האט געציעלט אויף דיא איבעריגע ווילדע, וועלכע זיינען געשטאנען פון דער ווייטען. דער ווילדער האט זיך ווייניג דערשראקען. ער איז געבליעבען זיצען אויפ'ן פערד רוהיג און גלייכגילטיג און האט זיך צוגעקוקט צו דיא מינען פון דיא פראנצויזען. ער האט גוט געזעהן, וואס זיי טהוען און האט איינגעזעהן אז זיי האבען איהם ניט פערשטאנען.

— מיינע ברידער האבען מיך ניט פערשטאנען, האט ער געזאגט געלאסען. איך האב זיי ניט געוואלט בעליידיגען. — האבען ניט דיא בלייכע געזיכטער געגעסען ווען איך מיט מיינע יונגע לייט זיינען אנגעקומען?

דיא אינדיאנער רופען דיא ווייסע מענשען: דיא בלייכע געזיכטער. דיא הויט פארב פון דיא אינדיאנער איז רויט וויא קופער, נור ווען דער אינדיאנער איז קראנק, ווערט ער בלאסער. דערפאר מיינען זיי, אז דיא אייראפעער האבען אלע בלייכע געזיכטער.

— איהר האט רעכט, הויפטלינג, האט יעצט לואיס זיך אריינגעמישט, מיר האבען ווירקליך געגעסען, ווען איהר זייט אנגעקומען.

— און אויב איהר ווילט, קענען מיר אייך אויך איינלאדען צו אונזער פריש־שטיק, האט וואלענטין געזאגט און האט געוויזען אויפ'ן ברויט מיט'ן קעז, וועלכע זיינען נאך געלעגען אויפ'ן גראז.

— איך נעהם אָן אייער איינלאַדונג, האט דער אינדיאנער הויפּטלינג געזאגט פריינדליך.

— בראַוואָ! האט וואלענטין אויסגערופען און האט אוועקגעוואָרפען זיין ביקס. מיר וועלען האבען דיא עהרע צו עסען פריהשטיק מיט א מיסטער ווילדען! — אלזא, צום טיש, מיינע העררען!

— איך מוז אייך אבער שטעלען א בעדינגונג, האט דער אינדיאנער געזאגט.

— וואָס איז אייער בעדינגונג? האבעןביידע יונגע לייט געפרעגט מיט איין קול.

— איך וויל געבען מיין טהייל פון'ם פריהשטיק, האט דער אינדיאנער געענטפערט.

— אָנגענומען! האבען וויעדערביידע פראנצויזען אויסגערופען.

— איך בעדויערע זעהר, וואס מיר קענען אייך פארשטעלען זעהר א מאָגערן פריהשטיק, האט וואלענטין ווייטער געזאגט.

— דאס ברויט, וואס א פריינד גיט אונז, איז זעהר זיס, האט דער ווילדער געענטפערט.

— דאס איז זעהר א שעהנע אנטווארט. ליידער, איז אונזער ברויט שוין ניט גאַנץ פריש. עס איז שוין הארט, וויא שטיין.

— איך האב א מיטעל דערצו, האט דער אינדיאנער געזאָגט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער געגעבען א ווינק צו זיינע קאמעראדען, וועלכע זיינען נאך אלץ געשטאנען פון דער ווייטען. זיי זיינען באלד צוגעקומען. דער הויפּטלינג איז אראָפּ פון זיין פערד און זיינע מענשען האבען עס איהם נאָכגעטהאָן.

ער האט ארויסגענומען פון אַ זאק, וועלכער איז געווען צוגעבונדען צו זיין זאָטעל, דינע פלעצליך פון מאאיס (טערקישע ווייץ), אייניגע פריכטע און א פּאר לעדערנע פלעשער פול מיט „טשיקאַ“ — אזא געטרענק. עס איז געמאַכט פון עפּעל און מאאיס —. דיא אלע זאַכען האט ער אניעדערגעלעגט אויפ'ן גראָז פאר דיא צוויי פראנצויזען. וואלענטין איז געוועזן העכסט צופריעדען. ענדליך וועט ער א מאל פּראָבירען אן אינדיאנער פריהשטיק.

דיא אינדיאנער האבען זיך ארומגעזעצט אין א האלב קרייז ארום דיא פראנצויזען. דער הויפּטלינג האט זיך געווענדעט צו זיי און האט געזאָגט:

— עסט, מיינע ברידער!

דיא צוויי יונגע לייט האבען זיך ניט געלאָזען לאנג בעטען. זיי האבען פערשלונגען מיט'ן גרעסטען אפּעטיט דיא נייע שפּייזען, וואס דער אינדיאנער האט זיי אויפגעגעבען. זיי האבען געטרונקען מיט פערגניגען דעם טשיקאַ, א געטרענק, וועלכעס איז זעהר אנגענעהם אין דיעזע הייסע געגענדען.

ווען אלע האבען זיך זאט אנגעגעסען, האט מען אנגעהויבען פריינדליך צו רעדען איינע מיט דיא אנדערע.

וואונדערבאר! אלע ווילדע פעלקער עהרן דיא גאסט פריינדשאפט. ביי אלע ווילדע פעלקער איז דער גאסט, מיט וועלכען מען עסט זאלץ און ברויט, הייליג. דיא

ווילדע אינדיאנער פון אמעריקא צייכענען זיך נאך אויס דורך זייער העפליכקייט און פריינדליכקייט.

אויף דער פרערי בעטראכטען זיי דעם פרעמדען אלס פיינד און זיינען בערייט איהם צו טויטען און איהם צו סקאלפירען — ארויסצושניידען א שטיק הויט מיט דיא האר פון׳ם שטערן. — קוים אבער האבען זיי מיט איהם גערעדט און געגעסען צוזאמען, ווערן זיי פריינדליך און בלייבען זיינע בעסטע פריינד.

— מיינע ברידער זיינען קיינע שפאניער, האט דער הויפטלינג געזאגט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס, הויפטלינג? האט וואלענטין געפרעגט.

— מיר קענען שוין דיא שלעכטע שפאנישע סאלדאטען, האט דער אינדיאנער געענטפערט. מיר דערקענען זיי פון דער ווייטען. זיי זיינען שלעכטע סאלדאטען. — פון וואס פאר אן אינזעל קומט מיין ברודער?

— אונזער לאנד איז קיין אינזעל, האט וואלענטין געזאגט.

— מיין ברודער האט א טעות, האט דער אינדיאנער געענטפערט פעסט און ענטשלאסען. אויף דער גאנצער וועלט איז דא נור איין פעסטעס לאנד. דאס איז דאס גרויסע לאנד פון דיא אויקאס (אמעריקא) אלע אנדערע לענדער געפינען זיך אויף אינזלען.

ביידע יונגע לייט האבען זיך געביסען דיא ליפען. זיי האבען זיך מיט געוואלד איינגעהאלטען, זיי זאלען ניט לאכען.

— מיר זיינען פראנצויזען, האט לואיס ענדליך געזאגט.

— פראנצויזען! א גוטעס פאלק! א בראוועס פאלק! האט דער אינדיאנער אויסגערופען. ביי אונז זיינען א מאל געוועזען פראנצויזישע קריעגסלייט. דאס איז געוועזען אין דער צייט פון׳ם גרויסען קריעג, וועלכען מיר האבען געפיהרט מיט ד׳א שפאניער.

— וואס רעדט איהר, הויפטלינג? האט לואיס געפרעגט ערשטוינט. פראנצויזען האבען זיך פאר אייך געשלאגען?

— יא, מיין ברודער. פראנצויזישע קריעגסלייט מיט גרויע בערד, מיט לייבער בעדעקט מיט עהרענפאלע וואונדען, וועלכע האבען געקעמפפט אונטער זייער גרויסען קאציק זאלעאן זיינען געקומען צו אונז און זיינען אריינגעטרעטען אין אונזערע רייהען.

— איהר מיינט געוויס נאפאלעאן? האט וואלענטין געפרעגט.

— דיא בלייבע געזיכטער רופען איהם, וויא איהר זאגט, האט דער אינדיאנער געענטפערט. ער איז געוועזען א גרויסער קאציק. האט מיין ברודער איהם געקענט?

— ניין, האט וואלענטין געענטפערט. איך בין געבארען געווארען, ווען ער האט געהערשט אין אונזער לאנד. איך האב איהם אבער קיין מאל ניט געזעהן, יעצט איז ער טויט.

— מיין ברודער האט ווידער א טעות. אזעלכע גרויסע קריעגער, וויא דער קאציק זאלעאן, שטארבען קיין מאל ניט. ווען זיי ענדיגען זייערע קריעג אויף דער וועלט, געהן זיי ארויף אין הימעל.

— וואונדערבאר! האט לואיס אויסגערופען. דער נאמען פון אונזער גרויסען קייסער האט געקלונגען אויף דער גאנצער וועלט. זאגאר דיא ווילדע מענשען אין

דיא וויטעסטע געגענדען האבען געהערט דעם נאמען נאפּאָלעאָן. מען האט מיר דערצעהלט, אז זאגאר דיא ווילדע פעלקער אין טיעף אפריקא דערצעהלען געשיכטען פון נאפּאָלעאָן.

— איהר זייט געוויס געקומען צו אונז האנדלען, האט דער אינדיאַנער הויפּטלינג וייטער געזאגט. עס קומען א מאל צו אונז בלייכע געזיכטער פון אייער לאנד אום מיט אונז צו האנדלען.

— מיר זיינען קיינע קויפלייטע, האט וואלענטין געענטפערט. מיר זיינען געקומען בעזוכען אונזערע ברידער, דיא רויטע געזיכטער פון׳ם גרויסען לאנד אראאוקאניא.

דיזער קאמפּלימענט איז זעהר געפעלען דעם ווילדען.

— דיא פעלקער פון אראאוקאניא האבען ליעב דיא פראנצויזען. וואוהין איהר וועט קומען, וועט מען אייך גוט אויפנעהמען אין אונזערע דערפער.

— צו וואס פאר א פאָלק געהערט מיין ברודער? האט וואלענטין געפרעגט.

ער האט באלד אויפגעפאסט, וויא אזוי צו רעדען מיט דיא ווילדע.

— איך בין איינער פון דיא הויפט אולמענס (גענעראלען) פון דעם היילינע פאָלק, וועלכעס איז בעקאנט אין דער גאנצער וועלט, מיט׳ן נאמען „דער גרויסער האָז"*) האט דער הויפּטלינג געענטפערט שטאָלץ.

— איך דאנק אייך! איך האב געהערט פון דעם טאפּפערן פאָלק, וועלכעס איז בעקאנט אין דער גאנצער וועלט, אונטער דעם נאמען „דער גרויסער האָז", האט וואלענטין געענטפערט.

דער דורכגעטריעבענער פראנצויז האט געוואלט אביסעל חנפ׳ענען דעם הויפּטלינג. ער האט קיין מאל ניט געהערט אזא ווילדען נאמען, וויא „דער גרויסער האָז"; ער האט אין זיין לעבען ניט געזעהן קיין ווילדען. ער האט אבער פערשטאנען, אז אין דער לאגע, וואס זיי געפינען זיך און אין דעם גאָלדענעם לאנד אמעריקא מעג מען זאָגען, וואס מען וויל. א וואָרט אין אמעריקא איז דאס רוישען פון׳ם ווינד. עס פערשווינדעט און קיינער וויים דערפון ניט. — חנפ׳ע יענעם, זאָג ליגען, וויפיעל דוא ווילכט, ניץ אויס יענעמ׳ס קראפט, יענעמ׳ס עהרליכקייט, יענעמ׳ס פעהיגקייט, יענעמ׳ס פריינדליכקייט — דערנאך הער איהם, וויא דעם פאר א יאהריגען שנעע. דאס איז אמעריקא!

אין קיין לאנד אין דער וועלט, ביי קיין פאָלק אין דער וועלט איז דאס וואָרט ניט אזוי פאלש, אזוי אונזיכער, וויא אין אמעריקא.

עס איז וואהר, אז אין אמעריקא געפינען זיך עהרליכע מענשען, גרויסע גייסטער, וועלכע בעדויערן דיעזען שווינדעל, דיעזען בעטרוג און דיעזע פאלשקייט. א וואשינגטאָן, א הענרי קליי, און אברהם לינקאלן האט עס געקרענקט. זיי האבען זיך געפיהלט בעליידיגט און ערניעדריגט, וואס אין אמעריקא איז אלעס פאלש, אלעס לעשנאָלד, אלעס בעטרוג. — זיי האבען אבער ניט געקענט העלפען. דאס איז אמעריקא!

*) דיא אינדיאַנער פעלקער האבען אלע אזעלכע זאָנדערבארע נעהמען. איין פאָלק הייסט: דער שווארצער ראב, דאס אנדערע — דער גרויסער בער, דאס דריטע — דיא שוואַרצע שלאַנג. פון וואנען עס קומט צו זיי אזעלכע נעמען, איז שווער צו וויסען.

— איך וויל אייך עפּעס פרעגען, הויפּטלינג, האט וואלענטין זיך געווענדעט צום אינדיאַנער.

— לאָז מיין ברודער רעדען. מיינע אויערן זיינען אָפען.

— מיר זוכען אן אינדיאַנער פירסט, א קאַציק, צו וועלכען מיר ווילען ברענגען א גרוס פון זיינעם א פריינד.

— וויא הייסט דיעזער קאַציק?

— ער הייסט אנטינאהועל, אָדער דער טיגער פון דער זון.

— נוּ! האט דער אינדיאַנער הויפּטלינג געענטפערט.

— קען איהם מיין ברודער? האט וואלענטין געפרעגט.

— איך קען איהם, האט דער אינדיאנער געענטפערט. מיין ברודער וועט מיר נאכפאהרען. איך וועל איהם פיהרען צום דאָרף, וואו עס וואוינט דער גרויסער און שטארקער קאציק אנטינאהועל. עס איז אבער זעהר וויט אהין. ווען מיין ברודער וויל, וועט ער פריהער קומען אין מיין דאָרף. דאָרט וועט ער זיך אפּרוהען. דאן וועל איך איהם פיהרען צום גרויסען קאציק אנטינאהועל.

— אין וועלכען לאַנד הערשט דער קאַציק אנטינאהועל? האט וואלענטין ווייטער געפרעגט.

— אין דעם לאַנד פיר-מאַפּוס.

— איך דאַנק מיין ברודער.

— וויל מיין ברודער אננעהמען מיין איינלאַדונג, האט דער אינדיאנער ווייטער געפרעגט.

— פאר וואס זאלען מיר עס נים אננעהמען, גרויסער הויפּטלינג? האט וואלענטין געענטפערט.

— אלזא, בעט איך, אז מיינע ברידער זאלען קומען צו מיר. מיין טאָלדעריא — דאס דאָרף, אדער דער לאַגער, וואו איך האלט מיך אויף — איז נים וויים פון דאַנען.

— איך מיין, אז מיר זאלען פאהרען צו איהם. האט וואלענטין געזאגט צו זיין ברודער. מיר שיינט, אז דער ווילדער איז זעהר פריינדליך און מיינט קיין שלעכטעס מיט אונז.

— איך מיין אויך אזוי, האט לואיס געענטפערט. דיא ווילדע ווייזען אוים צו זיין עהרליכע, אָפענהערציגע מענשען, וועלכע זאגען, וואס זיי טראכטען אין הארצען.

— אלזא, לאמיר פאהרען מיט זיי!

מיט דיעזע ווערטער האבען זיך דיא צוויי פראנצויזען אויפגעהויבען, האבען צונויפגענומען זייערע זאכען, אנגעזאַטעלט זייערע פערד און זיך אויפגעזעצט. דיא אינדיאנער האבען זיך אויך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד.

— פאָרוועהרטס! האט דער אינדיאנער געזאגט.

דיא גאַנצע פּארטיע האט זיך געלאָזט אין וועג. וואלענטין האט זיך געהאלטען לעבען לואיסען. זיי האבען געלאָזען דיא אינדיאנער פאהרען פאראוים.

— אם ענדע געפעלען מיר דיעזע ווילדע מענשען, האט וואלענטין געזאגט צו

זיין מילך ברודער. איך ווייס גאר ניט, פאר וואס מען רופט זיי ווילדע און אגנז געבילדעטע מענשען. איך זעה, אז זיי זיינען עהרליך, פריינדליך און גאסטפריינדליך (מכניס אורחים). מיט וואס זיינען זיי ערגער פון אונז? פאר וואס נעהמען מיר אונז דעם שטאָלצען נאמען: „געבילדעט“, „ציוויליזירטע“! און רופען זיי ווילדע מענשען? איך זעה ניט איין, אז א בויער, א מושיק אין רוסלאנד, פראנקרייך אדער דייטשלאנד זאל שטעהן העכער פון דיעזע ווילדע. — האסט דוא זיך צוגעהערט צו זייער שפראכע? וויא שעהן, וויא אנגענעהם, וויא העפליך און וויא פריינדליך זיא קלינגט? — זיא איז עדעלער און העפליכער פון דער שפראכע פון אן אייראפעעאישען בויער. פאר וואס הייסט דער בויער א געבילדעטער מענש און דיעזע הייסען ווילדע? — איך פערשטעה עס ניט, ריכטיגער געזאגט, איך פערשטעה עס יא. דער אייראָפּעער איז שטאָלץ. ער מיינט, אז נור ער איז א מענש און אלע אנדערע זיינען בהמות. ער רופט זיי ווילדע.

לואיס האט ניט געענטפערט. דיא אינדיאנער האבען אויף איהם געמאכט א טיעפען איינדרוק. ער האט זיי אנדערש פערשטאנען. ער האט אבער יעצט ניט געוואָלט רעדען דאריבער מיט זיין מילך ברודער.

18טעם קאפּיטעל.

דער שוואַרצער וואָלף.

איידער מיר וועלען וויטער געהן אין אונזער ערצעהלונג, מוזען מיר זיך אומקעהרען מיט עטליכע יאהר צוריק און פאָרשטעלען א בילד פון יענע צייטען. דיעזעס בילד ווייזט אונז, וויא אזוי דיא ערשטע עמיגראנטען האבען געלעבט מיט דיא ווילדע, וויא אזוי זיי האבען געפיהרט קריעג און וואס עס איז פאָרגעקומען צווישען זיי. דיעזעס בילד ווייזט אונז דאס לעבען אין אמעריקא מיט א געוויסער צייט צוריק. עס איז זעהר אינטערעסאנט און ערקלערט אונז זעהר פיעל איבער פיעלע זאכען פון אונזער וואהרער ערצעהלונג.

אין 1816 האבען דיא שפּאניער געפיהרט קריעג מיט דיא אינדיאנער. דיא שפּאניער האבען געוואלט אפּנעהמען ביי דיא אינדיאנער זייער לאנד, אראאוקאניא. דיא אינדיאנער האבען זיך פערטהיידיגט, וויא העלדען.

צווישען דיא אינדיאנער הויפטלינגע אדער גענעראלען, האט זיך דאמאלס אויסגעצייכענט א יונגער מאן מיט'ן נאמען דער שווארצער וואָלף. ער האט פיינט געהאט דיא שפּאניער, ווייל זיי האבען געוואלט ביי איהם אוועקרויבען זיין לאנד, האט זיי פערפאָלגט, וויא ווייט ער האט געקענט און האט זיי געטויטעט, וואו ער האט געקענט. ער האט ניט געשוינט קיין אלטע, קיינע פרויען און קיינע קינדער. דיא שפּאניער האבען געציטערט פאר זיין נאמען. ווען מען האט דערהערט, אז דער שווארצער וואלף געפינט זיך אין א געגענד, איז מען פאר איהם אנטלאפען, וויא פאר אן ערדציטערניס.

ער פלעגט אנפאלען אויף דיא פארמס פון דיא שפּאניער, פלעגט טויטען אלעמען, וואס ער האט נור געטראָפען און פלעגט צונעהמען אלעס, וואס ער פלעגט

נעפינען אויף דער פארם. ער פלעגט פלוצלונג אנפאלען אויף געגענדען, וואו מען האט איהם גאר ניט ערווארטעט; ווען דיא איינוואינער זיינען געווען זיכער, אז ער קען נאר צו זיי ניט קומען. ער פלעגט ארויסקריעכען, וויא פון אונטער דער ערד, אין דער מיט פון דער שפאנישער ארמעע און פלעגט טויטען וועמען, ער האט נור געטראפען.

פארין שווארצען וואלף האט מען געציטערט. דער שווארצער וואלף איז געווען דער שרעקען פון זיד=אמעריקא.

דעם 29טען דעצעמבער 1816 איז א מאן נעפאהרען רייטענדיג אויף דער פרערי אין אראאוקאניא. עס איז געווארען נאכט. דער הימעל האט זיך בעדעקט מיט שווערע שווארצע וואלקענס. דער ווינד האט געפייפט און געהיילט שרעקליך. דיא אלטע ביימער אין דיא וועלדער האבען זיך אנגעבייגען ביז צו דער ערד.

דער מאן האט זיך איינגעהילט פעסטער אין זיין מאנטעל און האט געגעבען זיין פערד דיא שפארען — ער איז געווען אן ארימער פארמער. אזוי וויא זיין פארם האט איהם ניט געגעבען גענוג אויף צו לעבען, האט ער געמוזט אביסעל פעדלען דערביי. ער פלעגט ארומפיהרען אייראפעעאיש סחורות אין דיא דערפער פון דיא ווילדע און פלעגט זיי אויסבייטען אויף פעל, פעדערן און אנדערע אינדיישע סחורות.

איהם האט וועניג געקימערט דער קריעג צווישען זיינע לאנדסלייט און דיא אינדיאנער. פערקעהרט, ער האט ניבער געוואלט, עס זאל זיין פריעדען און ער זאל קענען רוהיג זיך אפגעבען מיט זיין בעשעפטיגונג. דיא אינדיאנער האבען איהם זעהר גוט געקענט און פלעגען איהם אויפנעהמען זעהר פריינדליך.

עס איז נאכט. פינסטער — אן אויג ארויסצונעהמען. דער רעגען גיעסט, וויא פון עמער. עס דונערט — פערטויבט צו ווערן. דער ארימער פארמער און פעדלער טרייבט זיין מיעדעס פערד אומזיסט. עס קען שוין מעהר ניט לויפען. דער שטורם איז שרעקליך. דיא דונערן און בליצען ווילען גאר ניט אויפהערן. דער מאן לאזט ארויס א טיעפען זיפץ און ניט זיך אלע מיה ווייטער צו טרייבען זיין פערד.

ענדליך האט זיך געוויעזען פון דער ווייטען דער שיין פון א ליכט. דאס איז זיין פארם! ער איז שוין ניט ווייט פון דער היים! דאס פערד האט אויך דערזעהן דעם שיין און האט אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע אום שנעלער צו קומען א היים און צו שיצען זיך אונטער א דאך פון'ם רעגען און שטורם. עס איז געלאפען שנעלער. דער מאן האט געקוקט אויפ'ן שיין, וויא אויף א העלען שטערן, וועלכער וועט איהם רעטען.

פלוצלונג האט דאס פערד געגעבען א שפרונג אן א זייט, אז עס האט שיער ניט אראפגעווארפען זיין רייטער. דער מאן האט א ציטער געטהאן און האט זיך ארומגעקוקט אין דיא דונקעלע נאכט. באלד האט ער דערזעהן מיט שרעק דיא אור־זאכע, פאר וואס זיין פערד איז אזוי אפגעשפרונגען פון'ם וועג. — אין דערמיט וועג זיינען געשטאנען עטליכע מענשען פון א ווילדען אויסזעהן.

דער מאן האט זיך געכאפט פאר זיינע געלאדענע פיסטאלעטען.

— נעהם אראפ דיא הענד פון דיין געוועהר, דאן אנטאניא, האט א ווילדע שטימע געזאגט. מיר דארפען ניט דיין לעבען, ניט דיין געלד.

— אלוא, וואס דען פערלאנגט איהר פון מיר? האט דאן אנטאָניא געפרעגט.

— צוערשט פערלאנגען מיר גאסטפריינדשאפט פאר דיעזע נאכט, האט דיעזעלבע שטימע געענטפערט.

דאן אנטאניא האט זיך צוגעהערט צו דער שטימע. ער האט געמיינט, אז ער וועט דערקענען, צו וועמען דיעזע שטימע געהערט. ער האט זיא אבער ניט דערקענט.

— דיא טהירען פון מיין הויז שטעהן אפען פאר יעדען פרעמדען, האט ער געענטפערט. פאר וואָס קלאפט איהר ניט אן? מען וועט אייך גערויס עפענען.

— איך האב געוואוסט, אז דוא מוזט קומען אויף דיעזען וועג, האט דיא שטימע ווייטער געזאגט, און איך האב עס געפונען פאר בעסער צו ווארטען אויף דיר דא אין דרויסען.

— וואהרשיינליך פערלאנגסט דוא נאך עפּעס פון מיר, ווען דוא האסט געווארט אויף מיר אין אזא שטורם. זאג, וואס נאך פערלאנגסט דוא פון מיר?

— דאס וועל איך דיר זאגען, ווען איך וועל זיין אונטער דעם דאך פון דיין הויז.

— אויב אזוי, קומט מיט מיר! האט דאן אנטאָניאָ געזאגט. דער שטורם איז שרעקליך. לאמיר געהן שנעלער און זיך שיצען אין א שטוב.

— פאהר, מיר וועלען דיר נאך געהן, האט דיא שטימע געענטפערט.

דאן אנטאָניאָ האט נוט גערענט דיא געגענד און דיא איינוואוינער. דיא שטימע האט גערעדט ריין שפּאניש. דאן אנטאָניאָ אבער האט באלד דערקענט, אז דאס רעדט אן אינדיאנער. ער האט אבער זיך ווייניג געשראָקען. דיא אינדיאנער האבען איהם געקענט, אז ער איז אן ארימער פארמער און דערצו איז ער נאך א גאנץ שטילער און רוהיגער מענש.

זיי זיינען באלד געקומען אויף זיין פארם. דאן אנטאָניאָ האט זיי אריינגעפיהרט צו זיך אין שטוב. יעצט האט ער זיך איבערציינגט, אז זיי זיינען ווירקליך אינדיאנער. עס זיינען געווען דריי מענער און א יונגע פרוי מיט א קינד אויף דער האנד.

דאן אנטאָניאָ האט געהייסען גרייטען צו טיש און אויפגעבען דאס בעסטע, וואס האט זיך געפונען ביי איהם אין שטוב.

— עסט און טרינקט! האט ער זיי געזאגט מיט שפּאנישער העפליכקייט. זייט, וויא ביי זיך אין דער היים.

— מיר דאנקען! האט געזאגט דער ווילדער. מיר מוזען עפּעס עסען אום זיך צו קרעפטיגען. מיר האבען נאך פאר אונז א ווייטען וועג.

— וואס רעדט איהר? איהר וועט ניט נעכטיגען ביי מיר? וואוהין וועט איהר געהן אין אזא שרעקליכע, פינסטערע נאכט?

— אזא פינסטערע און שטירמישע נאכט דארפען מיר, האט דער ווילדער געענטפערט. מיר מוזען באלד אוועקגעהן פון דאנען.

— איך פערשטעה אייך ניט, האט דאן אנטאָניאָ געזאגט. אויפ'ן וועג האט איהר געבעטען ביי מיר גאסטפריינדשאפט פאר דיעזע נאכט. יעצט זאגט איהר, אז איהר מוזט באלד אוועקגעהן פון דאנען. וואס הייסט דאס?

איינער פון דיא דריי אינדיאַנער, דערזעלבער, וועלכער דאס פון אנהויב אָן גערעדט, האט זיך אויפגעהויבען פון'ם טיש און איז צוגעגאנגען צו דאן אנטאָניאָ.

— איך בין עס דער מאן, וועלכער איז אנגעפאלען אויף דיא פארמס פון דיא שפאניער און האט זיי געטוידטעט אהן שוינונג און אהן מיטלייד, האט ער געזאגט שטאָלץ. מיינע קריעגער האבען פערוויסטעט אייער לאנד און געמאָרדעט דיא ווייסע געזיכטער, וואו זיי האבען זיי געטראָפען. — היינט אין דער פריה האבען מיך דיא שפאניער ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און האבען מיך בעזיעגט. איך האב געהאט מיט מיר צוויי הונדערט און פופציג קריעגער. זיי זיינען אלע טוידט. נור איך און דיעזע צוויי העלדען זיינען געבליעבען לעבען. מיר זיינען פערוואונדעט, אבער מיר קענען נאך געהן.

מען יאגט זיך נאך מיר, מען פערפאלגט מיך. דיינע לאנדסלייט ווילען מיין בלוט. זיי ווילען מיך טוידטען. איך האב ניט קיין פערד צו אנטלויפען און איך בין צו שוואך אום צו אנטלויפען צו פוס. איך בין געקומען צו דיר בעטען, אז דוא זאלסט מיר געבען דיא מיטעל צו אנטלויפען פון מיינע פערפאָלגער. איך וויל דיך ניט אפנארען. איך וויל מיך פאר דיר ניט בעהאלטען און ניט פארשטעלען. — איך בין דער שווארצער וואָלף!

ביי דיעזען שרעקליכען נאמען האט דאן אנטאָניאָ אַ ציטער געטהאן. ער האט גוט געוואוסט, ווער דער שווארצער וואלף איז און וואס ער האט געטהאן מיט דיא שפאניער. — ער האט אבער באלד געפאסט מוטה און האט געענטפערט פריינדליך:

— דוא ביסט מיין גאסט און דוא ביסט אונגליקליך. צוויי זאכען, וועלכע דארפען זיין הייליג פאר יעדען עהרליכען מענשען. איך וועל דיר געבען פערד און אלעס, וואס דוא דארפסט, אום דוא זאלסט קענען אנטלויפען פון דאנען.

אויפ'ן געזיכט פון'ם ווילדען אינדיאנער האט זיך געוויעזען אַ שמייכעל פון צופריעדענהייט און דאנקבארקייט.

איינע סעקונדען האט ער געשוויעגען. דאן איז ער צוגעגאנגען צום ווינקעל, וואו דיא יונגע אינדיאַנער פרוי איז געזעסען. זיא האט זיך איינגעהויקערט, האט געוויעגט איהר קינד אויף דיא הענד און האט געוויינט מיט שטילע, הייסע טרערין. דער שווארצער וואָלף האט זיא אנגענומען ביי דער האנד און האט זיא צוגעפיהרט צום פארמער.

— דאס איז מיין פרוי און דאס איז מיין קינד, האט ער איהם געזאגט. איך האב זיי ניט, וואו צו האלטען. איך וויל זיי דיר אנפערטרויען.

— איך וועל זיי אויפנעהמען, האט דער פארמער געענטפערט. דיין פרוי וועט זיין מיין שוועסטער און דיין קינד וועט זיין מיין קינד.

— דער אפאַ-אולמען (גרעסטער גענעראל) פון דיא פועלטשעס (אזוי האט געהייסען דאס פאָלק פון'ם שווארצען וואָלף) וועט עס קיין מאָל ניט פערגעסען, האט דער אינדיאַנער געזאגט.

ער האט זיך אנגעבויגען צו דער פרוי און האט אַ קוש געטהאן דאס קינד

אויפ'ן שטערן. דיא אינדיאַנער פרוי האט נאך אלץ געוויינט, אבהאַהל זיא האט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה א שמייכעל צו טהאן.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען דיא דריי ווילדע ארויסגעפאהרען פון דער פארם. דאן אנטאָניאָ האט זיי געגעבען פערד און פראָוויאנט אויפ'ן וועג.

דיא פרוי מיט'ן קינד זיינען געבליעבען ביי דאן אנטאניאָ אין הויז. דאן אנטאָניאָ האט זיי בעהאנדעלט, וויא ער האט צוגעזאגט — וויא זיין אייגענע פרוי און זיין איינענעם קינד. ער האט געהאט נור איין קינד, א טעכטערל מיט'ן נאמען מאַריאַ. דאס אינדיאַנער קינד איז געווען א אינגעל.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע יאהר. דער שוואַרצער וואלף איז פערשוואונדען, וויא אין דער ערד אריין. מען האט פון איהם מעהר ניט געהערט. מיט זיין פערשווינדען האט זיך געענדיגט דער קריעג צווישען דיא שפּאַניער און דיא פּועלטשעס.

אין אַ קורצע צייט נאך דיזער שרעקליכער נאכט איז דעם פאַרמערס פרוי געשטאָרבען. דיא אינדיאַנער פרוי האט איבערגענומען דיא ווירטהשאַפט פון דער פאַרם און האָט זיא זעהר גוט געפיהרט. זיא איז געווען אַ פאָרטרעפליכע ווירטהין, האט געטהאָן אלעס גוט און געשיקט און דערצו האָט זיא נאך זעהר ווייניג גערעדט. אלע אינדיאַנער פרויען רעדען זעהר ווייניג. ביי דיא ווילדע טאָר דיא פרוי ניט עסען מיט'ן מאן צוזאמען און טאר ניט רעדען פאר איהם, ביז ער ערלויבט איהר צו רעדען.

דאָן אנטאָניאָ'ס טאָכטער, מאַריאַ, און דער קליינער אינדיאַנער זיינען אויס־געוואקסען צוזאמען. דיא אינדיאַנער פרוי האט זייביידע דערצויגען אויף אינדיאַנער ארט.ביידע קינדער האָבען ליעב געהאָט דיא אינדיאַנער פרוי, וויא זייער מוטער, ביידע האבען זיא גערופען מוטער און זיא האט ביידען גלייך געליעבט.

דאָן אנטאָניאָ האט פערקויפט זיין פאַרם און האט זיך בעזעצט אין אַ שטאָדט אין טשילי. דיא קינדער זיינען שוין אלט געוואָרען צו צעהן—צוועלף יאָהר.

איין טאג, ווען דאָן אנטאָניאָ איז געזעסען אין דער היים און האט זיך בער־ראַטהען מיט דער אינדיאַנער פרוי איבער זיין ווירטהשאַפט, איז אנגעקומען א הויפען פון עטליכע הונדערט אינדיאַנער פון'ם פאָלק פּועלטשעס אויף גוטע פערד און אין שעהנע, רייכע קליידער. זייער אנפיהרער איז געווען דער שוואַרצער וואָלף.

ער האט דורכ'ן פענסטער דערקענט זיין פרוי, איז באלד אראָבגעשפּרונגען פון פערד, איז צוגעלאָפען צו איהר, האט זיא ארומגענומען און האט פארגאסען הייסע טרערין פאר פרייד און גליק, וואס ער האט זיא ענדליך צוריקגעפונען.

באלד איז אריינגעקומען זיין קינד, א שעהנער, קרעפטיגער יונג פון אַ יאהר צעהן. דער שוואַרצער וואלף האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן מיט איהם פאר פרייד. ער האט איהם אויפגעהויבען צו זיך, האט איהם צוגעפרעסט צום הארצען, האט געוויינט, האט געלאכט און האט געטאנצט פאר פרייד.

אלע, וואס האבען ביינעוואוינט דיעזע סצענע, זיינען געווען גערי‌הרט ביז טרערין.

דער שוואַרצער וואלף איז געבליעבען צווי טאג דער גאסט פון דאָן אנטאָניאָ.

צווישען דיא אינדיאַנער און דיא שפּאַניער איז געווען פריעדען און קיינער אַ־

שטעדטעל האט ניט געהארט, וואס דאָן אנטאָניאָ האט געהאט אזעלכע זעלטענע געסט.

ווען דער שווארצער וואלף מיט זיין פרוי און מיט זיין קינד האָבען געוואָלט אוועקפאָהרען, האט זיך עס ארויסגעוויזען, וויא דיא ביידע קינדער ליעבען איינע דעם אנדערן. דאניא מאריא האט זיך ניט געקענט אָפּרייסען פון דעם יונגען אינדיאנער, וועלכען זיא האט גערופען ברודער. ביידע קינדער האבען געוויינט און מען האט זיי קוים אפּגעריסען איינעם פון'ם אנדערן.

עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. מען האט זיך געמוזט צושיידען. דער שווארצער וואלף איז אוועקגעפאהרען מיט זיין פרוי און קינד.

פון דאמאלס אן האט דאָן אנטאָניא געמענט ארומפאהרען פראנק און פריי אין אלע דערפער פון דיא אינדיאנער. ער פלעגט אפט מיטנעהמען מיט זיך זיין טאכטער מאריא. יעדעס יאהר פלעגט זיא מוזען פערברענגען א פאר טעג אלס גאסט ביים שווארצען וואלף.

יעצט קענען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער פריהערדיגע ערצעהלונג. מיר מוזען נור בעמערקען, אז דער שווארצער וואלף איז שוין לאנג געשטארבען. ער איז געפאלען וויא א העלד מיט דעם שווערד אין דער האנד, ווען ער האט פערטהיידיגט זיין לאנד געגען ארגענטיניען. אויף זיין אָרט איז יעצט געווארען זיין זוהן, אנטינאהועל, קאציק פון דיא פועלטשעס. ער האט אויך פיינט דיא שפּאניער און בעטראכט זיי אלס רויבער, וועלכע זיינען געקומען ערגעץ פון אל-דיא שווארצע יאהר צוצונעהמען דאס לאנד פון דיא אינדיאנער.

דאניא מאריא האט געהייראטהעט דאָן טאדעאָ. איהר פאטער האט שפּעטער געהאט א פארם אויפ'ן לאנד, וואס האט געהערט צו דאָן טאדעאָ. איהר פאטער איז אנפאנגס געווען גליקליך, וואס זיא האט געהייראטהעט אזא רייכען און אזא עדעלען מענשען, וויא דאָן טאדעאָ. ווען ער איז אבער געוואהר געווארען פון'ם סקאנדאל, וואס איז פארגעקומען צווישען זיין טאכטער און איהר מאן; ווען אלע האבען שוין געוואוסט, אז זיא איז דיא געליעבטע פון'ם גענעראל בוסטאמענטע — האט עס אזוי געקרענקט דעם אלטען מאן, אז ער איז געשטארבען פון הארצוועהטאָג.

זייט דאניא מאריא האט געהייראטהעט, איז זיא קיין מאל ניט געווען צו גאסט ביי דיא אינדיאנער. זיא איז געווען צופיעל בעשעפטיגט אין סאנטיאגאָ און האט ניט געקענט אין זינען האבען איהר יוגענד פריינד, אנטינאהועל, אדער דער טיגער פון דער זון.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וויא איבערראשט דער אינדיאנער פירסט איז געווארען, ווען אין א שעהנעם פריהמארגען איז דאניא מאריא געקומען צופאהרען צו איהם אין דארף. מיט איהר זיינען געקומען נור צוויי דיענער. אנטינאהועל האט זיא באלד דערקענט. דיא ווילדע האבען א שארפעס אויג. זיי דערקענען א מענשען, וועלכען זיי האבען ניט געזעהן יאהרען לאנג. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט, איז איהר ענטגעגען געגאנגען און האט אויסגערופען:

— בלומע פון וואלד! ענדליך האסט דוא זיך דערמאנט אן דעם ארימען אינדיאנער.

דיא אינדיאנער גיבען יעדען א נאמען נאך א זאך פון דער נאטור. דער שווארצער וואלף האט א נאמען געגעבען דאַניא מאריא דיא בלומע פון וואלד. אלע אינדיאנער פלעגען זיא אזוי רופען. דאַניא מאריא איז א נאמען, וואס זיי פערשטעהן ניט. דער מענש מוז ביי זיי האבען א נאמען, וועלכען זיי פערשטעהן.

— איך בין געקומען בעזוכען מיין ברודער, דעם גרויסען קאציק פון דיא שווארצע שלענג (דיא פועלטשעס רופען זייער פאלק דיא שווארצע שלענג) מיין הארץ איז גע־בראכען, שמערץ און ליידען פערשלינגען מיך.

דער אינדיאנער פירסט האט אויף איהר געווארפען א טרויעריגען בליק פול מיט נייגירדע.

— איך זעה, אז דיא נויט האט געטריעבען מיין שוועסטער צו מיר, האט ער געזאגט. פון דעכטוועגען בין איך פרעהליך, וואס דוא ביסט געקומען צו מיר.

— אזוי איז עס, ברודער, האט דאניא מאריא געענטפערט, ווען מיר זיינען אין א נויט, דערמאָנען מיר זיך אן אונזערע פריינד.

— מיין שוועסטער האט גוט געטהאן, וואס זיא האט זיך דערמאנט אן מיר.

— מיין ברודער קען מיר יעצט טהאן א גרויס געפעלינקייט.

— מיין לעבען וועל איך אוועקגעבען פאר מיין שוועסטער.

— איך דאנק מיין ברודער! איך האב געוואוסט אז איך קען מיך פערלאזען אויף איהם.

— צו יעדער צייט און אין יעדען ארט.

אין דיעזע מינוט איז ארויסגעקומען דעם אינדיאנער׳ס אלטע מוטער. זיא האט אויך באלד דערקענט דאַניא מאריא, איז איהר געפאלען אויפ׳ן האלז און האט זיא אנגעהויבען צו קושען. זיא האט ניט פערגעסען, אז זיא האט זיא ערצויגען אלס קינד. זיא האט נאך יעצט ליעב געהאט דאַניא מאריא, וויא איהר אייגען קינד.

— וואס שטעהט איהר אין דרויסען? האט זיא ענדליך געזאָגט. קומט אריין אין אונזער געצעלט.

אלע דריי זיינען אריין אין שטוב, וואו דיא אלטע פרוי האט זיי געגעבען א פריהשטיק.

19טעם קאפיטעל.

אַ ל ט ע פ ר י י נ ד ש אַ פ ט.

אנטינאהועל, אדער דער טיגער פון דער זון, איז דאמאלס אלט געווען א יאהר עטליכע און דרייסיג. ער איז געווען הויך, דין, אבער שטארק געבויט, זיין אויסזעהן איז געווען פון א פירסט. זיינע מינען, זיינע בעוועגונגען און אלעס אין איהם האט געוויעזען, אז ער איז געוואוינט צו בעפעהלען. ער איז געווען א בעריהמטער קריעגער. ער האט שוין געפיהרט קריעג מיט פערשיעדענע פעלקער און האט זיי בעזיעגט. זיין פאלק האט איהם זעהר ליעב געהאט. דיא יונגע לייט, דיא קריעגער, האבען איהם פערגעטערט.

ביי דיא אינדיאנער זיינען נימא קיין סאָלדאטען, וויא ביי דיא אייראָפּעער. יעדער יונגער מאן איז א קריעגער. ער רעכענט עס פאר דיא גרעסטע עהרע, ווען מען נעהמט איהם מיט דאס ערשטע מאל אין קריעג אריין. ווער עס בעוויזט מעהר מוטה און טאפּפערקייט אין קריעג, דער איז א העלד און מען גיט איהם אפּ דיא גרעסטע עהרע. ער קען זאָגאר ווערן א פירסט, א קאציק, ווען דער פירסט שטארבט.

ביי דיא אינדיאנער איז דיא רעגיערונג זעלטען א ירושה פון'ם פאטער צום זוהן. ווער עס צייכענט זיך אויס אין קריעג; ווער עס האט בעוויעזט מעהר פיינד, דער ווערט אן אנפיהרער, א הויפּטלינג, דאן א פירסט.

אנטינאהועל איז אויפגעוואקסען ביי א שפּאניער אין שטוב. ער האט געלערנט לעזען און שרייבען שפּאניש. ער האט איינגעפיהרט ביי זיך אין שטוב אלעס, וויא ביי דיא שפּאניער. ער האט שיעסעל, טעלער, לעפעל, מעסער און גאפּעל, וויא ביי דיא שפּאניער. ביי איהם אין שטוב געפינט זיך אביסעל מעבעל און פיעלע זאכען וועלכע געפינען זיך אין א שטוב פון א ציוויליזירטען מענשען. נאך דעם אלעמען איז אנטינאהועל א ווילדער. ער געהט נאקעט, נור דער אונטערסטער טהייל פון זיין קערפּער איז בעדעקט מיט קליידער. אויף דיא פּלייצעס טראגט ער דיא פעל פון א יאגואר — אן אמעריקאנער טיגער. דיא פאדערסטע פוס פון'ם טיגער מיט דיא נעגעל קומען זיך צונויף אויף זיין ברוסט.

דאָניא מאריא האט זיך געזעצט צום טיש. אנטינאהועל איז געבליעבען שטעהן פאר איהר. אזוי פאדערט דיא העפליכקייט פון דיא ווילדע.

— פאר וואָס זאל זיך מיין ברודער ניט זעצען? האט דאָניא מאריא געפרעגט מיט א פריינדליכען שמייכעל. א שוועסטער קען ניט עסען, ווען איהר ברודער שטעהט פאר איהר.

דער אינדיאנער האט זיך אניעדערגעזעצט. דאָניא מאריא האט פון איהם קיין אויג ניט אראפּגעלאזען. זיא האט איהם אויסשטודירט. זיא האט געוואָלט וויסען, אויב ער איז איהר נאך אזוי געטריי און וועט נאך פאלגען אלעס, וואס זיא וועט איהם הייסען, וויא אמאל, ווען זיי זיינען נאך ביידע געוועזן קינדער.

ביידע האבען געגעסען דעם פריהשטיק, וואס דיא אלטע מוטער האט אויפגעגעבען אויפ'ן טיש. נאכ'ן עסען האט דיא אלטע פרוי געבראכט דעם מאַטע — אזא סארט טהעע, וועלכע וואקסט נור אין זיד אמעריקא. ווער עס וואוינט אין יענע געגענדען, האט דעם מאטע ליעבער, אלס דעם טהעע, וועלכען מיר האבען פון כינא. דער ברודער און דיא שוועסטער האבען געטרונקען דעם מאַטע.

דאָניא מאריא האט געהאפט, אז דער אינדיאנער וועט צו ערשט אנהייבען צו רעדען און זיא פרעגען, וואס זיא פערלאנגט פון איהם און וואס ער קען טהאן פון איהרעטוועגען. אנטינאהועל אבער האט געשוויעגען. ער האט גרינדליך פיינט געהאט אלע וויס'ע מענשען. ער האט זיי אלע געהאלטען פאר רויבער, וועלכע זיינען געקומען צונעהמען דאס לאנד ביי דיא אָרימע אינדיאנער. ווען דאָניא מאריא האט געזעהן, אז ער שווייגט, האט זיא געמוזט אנהייבען צו רעדען און צו ערקלערן, צו וואס פאר א צוועק זיא איז געקומען צו איהם.

— מיין ברודער איז געווים איבערראשט, וואס איך בין אזוי פלוצלונג און אזוי אונגערווארטעט געקומען צו איהם, האט זיא געזאגט.

— דאס איז וואהר, האט דער אינדיאנער געענטפערט. דיא בלומע פון וואלד איז געקומען גאנץ פלוצלונג. דענאך איז זיא ווילקאמען אין מיין געצעלט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך פאר איהר פארנייגט.

— עס פרעהט מיך זעהר, וואס מיין ברודער געדענקט מיך נאך, האט דאניא מאריא געענטפערט.

— איך פערגעס קיין מאל נים מיין שוועסטער, אבוואהל איך האב זיא אזא לאנג צייט נים געזעהן.

— איך וויים, אז מיין ברודער דענקט אן מיר. מיר האבען פערבראכט אונזערע קינדער יאהרען צוזאמען. עס איז שוין אבער לאנג, זעהר לאנג.

— פיעלע יאהרען זיינען פערגאנגען, דיא בלומע פון וואלד איז אבער שטענדיג געבליעבען מיין שוועסטער און איך בין שטענדיג בערייט צו טהאן פאר איהר אלעס, וואס איך קען.

— איך דאנק דיר, ברודער! לאמיר רעדען פון יענע גליקליכע צייטען, ווען מיר האבען זיךביידע געשפיעלט אלס קינדער, האט דאניא מאריא געזאגט.

— דער נעכטען איז ניטא. וואס איז געווען, איז פערשוואונדען, האט אנטי-נאהועל געענטפערט.

— דוא האסט רעכט, ברודער. צו וואס זאלען מיר רעדען פון צייטען, וועלכע קענען זיך שוין נים אומקעהרען? — עס איז מיר אבער אנגענעהם זיך צו דערמאנען אן יענע צייטען.

דער אינדיאנער האט זעהר גוט פערשטאנען, אז זיא וויל איהם אלץ דערמאנען, אז ער דארף איהר זיין דאנקבאר, ווייל ער איז אויפגעוואקסען ביי איהר פאטער אין שטוב. ער איז געווארען ערנסט. ער האט פערשטאנען, אז זיא האט דערביי א געוויסען צוועק. זיא טהוט עס נים אומזיסט. דאס איז איהם שטארק נים געפעלען.

— וויל מיין שוועסטער באלד צוריקפאהרען קיין סאנטיאגא? האט ער פלוצ-לונג געפרעגט.

— ניין. איך וועל אזוי גיך נים צוריקפאהרען קיין סאנטיאגא. איך וויל פער-ברענגען א פאר מאנאטען אין וואלדיוויא. מיינע פריינד זיינען מיט מיר ארויסגעפאהרען צוזאמען פון סאנטיאגא. זיי זיינען געפאהרען גלייך קיין וואלדיוויא. איך בין אראפ-געפאהרען פון וועג, ווייל איך האב געוואלט בעזוכען מיין ברודער.

— איך האב אויך געהערט, אז דער מאן, וועלכען דיא בלייכע געזיכטער רופען גענעראל בוסטאמענטע, איז געווען זעהר קראנק. ער איז געווען געפעהרליך פערוואונדעט און דיא הייל מענער (דאקטוירים) האבען איהם געהייסען פאהרען קיין וואלדיוויא, ווייל דיא לופט איז דארט בעסער, וויא אין סאנטיאגא.

דיא לעצטע ווערטער האבען געשטאכען דאניא מאריא, וויא מיט מעסערס.— אלזא, ווייס דער אינדיאנער אלעס, וואס עס איז פארגעקומען אין סאנטיאגא. זיא

האט אבער געקענט זעהר גוט זיך פערשטעלען. זיא האט זיך געמאכט, אז זיא פערשטעהט גאָר ניט, וואס ער זאגט.

— פיעלע בלייכע געזיכטער זיינען יעצט געקומען פון סאנטיאגא קיין וואלדיוויא, האט זיא געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— געפינען זיך צווישען זיי אזעלכע, וועלכע זיינען מיר בעקאנט? האט דער אינדיאנער געפרעגט.

— איך וויים ניט, האט דאָניא מאריא געענטפערט גלייכגילטיג.

פלוצלינג האט זיא זיך עפּעס דערמאנט און האט זיך צוריקגעחאפּט.

— איך וויים יא. אין וואלדיוויא געפינט זיך יעצט דאָן טאדעאָ, מיין מאן.

דער אינדיאנער האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און האט איהר געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— איך האב דאך געהערט, אז מען האט איהם דערשאָסען? האט ער געפרעגט.

— ער איז נור געוועזען פערוואונדעט און איז אנטלאָפען, האט דאָניא מאריא געענטפערט.

יעצט איז געקומען דיא רייהע צו איהר. יעצט האט זיא געקוקט אויפ'ן אינדיאנער. זיא האט געוואלט זעהן, וואס פאר אן איינדרוק דיעזע נאכריכט וועט אויף איהם מאכען. דעם אינדיאנערס געזיכט איז אבער געבליעבען רוהיג און קאלט, וויא דאס געזיכט פון א סטאטוע.

— הער מיך אויס, שוועסטער! האט ער פלוצלינג געזאגט. דאָן טאדעאָ איז נאך דיין פיינד. איז עס ניט אזוי?

ער האט זיא ענדליך פערשטאנען. ער האט ענדליך איינגעזעהן, צו וואס זיא איז צו איהם געקומען.

— ער איז נאך מיין פיינד, האט דאָניא מאריא געענטפערט טרויעריג. ניט גענוג, וואס ער האט מיך פערלאזען און פערנאכלעסיגט. ניט גענוג, וואס ער האט ביי מיר צוגענומען מיין איינציג קינד, מיין איינציגע טרייסט אין מיין טרויעריגען לעבען — האט ער מיך נאך אין דער לעצטער צייט בעליידיגט. ער האט מיך בעשימפּפט פאר אלעמען און האט נאך ערגער געטהאָן: ער האט זיך פערליעבט אין אנאנדער פרוי און לעבט מיט איהר עפענטליך. ער פיהרט זיא ארום מיט זיך, וואוהין ער געהט. — יעצט איז ער מיט איהר אין וואלדיוויא.

— הום.... הום.... האט געברומט דער אינדיאנער.

ביי איהם איז דאס ניט געוועזען קיין פערברעכען, וואס דאָן טאדעאָ האט זיך פערליעבט אין אנאנדער פרוי. דיא אינדיאנער הייראטהען, וויא פיעל פרויען זיי ווילען. ריכטיגער געזאגט, וויא פיעל פרויען זיי קענען, וויל זיי קויפען זייערע פרויען. ווען אז אינדיאנער געפעלט א מעדכען, נעהמט ער צו איהר פאטער און האנדעלט זיא ביי איהם אָפּ פאר אזוי פיעל פערדע, קיה אדער אקסען. מען דינגט זיך, מען ציגיינערט זיך, ביז מען גלייכט זיך אויס.

דאָניא מאריא האט פערשטאנען, אז ביים אינדיאנער איז דאס קיין פערברעכען

וואס דאַן טאדעאָ האט נאך א פרוי. א זאָנדערבארער שמייכעל האט זיך געוויזען אויף איהרע דינע ליפען.

— מען האט געזאָגט, אז דיא פרוי, אין וועלכער דאַן טאדעאָ איז אזוי שטארק פערליעבט, הייסט דאָניא ראָזאריא דעל מענדאָז. זיא איז זעהר שעהן.

ביז אהער האט איהר דער אינדיאנער אויסגעהערט גאנץ גלייכגילטיג. ביי דעם נאמען דעל מענדאָז אבער האט זיך זיין געזיכט איבערגעצויגען מיט א פינסטערן וואלקען. דער נאמען האט איהם אויף געווירקט, וויא א דאָנערשלאג.

— האט מיין שוועסטער געזאָגט ראָזאריא דעל מענדאָז? האט ער איבער־געפרעגט שארף.

— איך וויים עס ניט פאר געוויס. מען האט מיר אזוי געזאגט, האט דאָניא מאריא געענטפערט מיט אן אונשולדיגער מינע. — איך פערשטעה אבער ניט, וואס מאכט עס אוים מיין ברודער, וויא דיא פרוי הייסט?

דער אינדיאנער איז ווידער געווארען רוהיג. ער האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו דאָניא מאריא און האט זיא געפרעגט.

— פאר וואס זאל דיא שוועסטער זיך ניט נוקם זיין אן דעם מאן, וועלכער האט זיא אזוי בעליידיגט?

— מיין ברודער פערגעסט, אז איך בין נור א שוואכע פרוי. וואס קען טהאן אזא אָרימע פרוי, וויא איך, וועלכע האט קיינע פריינד?

— וואו בין איך דען? האט דער ווילדער געפרעגט. האסט דוא אָן מיר שוין גאר פערגעסען?

— אך, ליעבער ברודער! האט דאָניא מאריא פריינדליך אויסגערופען. וויא האב איך געקענט עס מיר ערלויבען צו קומען צו דיר, ברודער, און דיך בעטען, אז דוא זאָלסט רעכען א בעליידיגונג פון מיין אייגענעם מאן?

— מיין שוועסטער האט א טעות. איך האב נאך אן אלטע רעכנונג מיט דיעזען מאן. ווען איך וועל מיך נוקם זיין אן איהם, וועל איך עס טהאן פון מיינעט־וועגען.

— איך פערשטעה מיין ברודער ניט. וויל ער עס מיר ערקלערן?

— איך וויל עס דיר ערקלערן.

— אהּ, מהו עס, ברודער!

אין דיעזע מינוט האט זיך געעפענט א טהיר און אנטינאהועלם אלטע מוטער איז אריינגעקומען אין צימער.

— מיין זוהן האט אונרעכט, האט זיא געזאגט ערנסט. צו וואס זאל מיין זוהן דערמאנען אלטע זאכען? צו וואס זאל ער אויפרייסען אלטע וואונדען, וועלכע האבען זיך קוים, קוים פערצויגען?

— אוועק, פרוי! האט אנטינאהועל אויסגעשריען. איך בין א קריעגער! מיין פאטער האט מיר איבערגעלאָזען פיעלע זאכען, וועלכע איך מוז נאך טהאן. איך האב איהם געשוואָרען פאר זיין טויט!

ווען א פרעמדער זאל געוועזען זעהן דיעזע סצענע, וואָלט ער פערשטאנען, פאר

וואס דער אינדיאנער הייסט דער טיגער פון דער זון. אין דיעזע מינוט איז ער ווירקליך געוועזן קיין מענש, זאנדערן א טיגער. דיא אלטע מוטער האט געמוזט ארויסגעהן פון צימער.

איינינע מינוטען האבען ביידע אלטע פריינד געשוויגען. ביידע זיינען געוועזן אויפגערעגט און האבען געקוקט אן א זייט. קיינער האט ניט געוואלט אדער ניט געקענט קוקען דעם אנדערן אין דיא אויגען. ענדליך האט זיך דער אינדיאנער דערמאנט.

— דוא ביסט אויפגעוואקסען מיט מיר צוזאמען, האט ער געזאגט. איין מוטער האט אונז ערצויגען. דענאך ביסט דוא א פרעמדע. דוא ביסט דאך א שפאניערין און קענסט ניט דיא געשיכטע פון אונזער פאמיליע. — איך וועל זיא דיר יעצט דערצעהלען און דוא וועסט וויסען, וואס איך האב צו דער פאמיליע פון דאן טאדרעא דע לעאן.

— פון וואנען זאל איך עס וויסען? ווען דוא האסט מיר קיין מאל ניט דערצעהלט. דיין מוטער שווייגט בעשטענדיג. דיין פאטער פלעג איך זעהן זעהר זעלטען.

— הער מיך אויס, וועסט דוא אלעס וויסען.— אין דער צייט, ווען דיא בלייבע געזיבטער זיינען געקומען אהער אין לאנד און האבען אפגענומען טשילי, האבען זיי געוואלט אפנעהמען דאס לאנד אראאוקאניא אויך. זיי זיינען געקומען צו אונז און האבען אנגעהויבען צו פיהרען מיט אונז קריעג. דער קריעג האט געדויערט זעהר לאנג. דיא שווארצע שלענג — דאס פאלק, איבער וועלכען אנטינאהועל איז יעצט קאציק — האבען זיך פערטהיידיגט, וויא דיא העלדען, און האבען ניט אריינגעלאזען דיא ווייסע געזיבטער אין זייער לאנד.

איין מאל איז געוועזן א שרעקליכע שלאכט, וועלכע האט געדויערט פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט. פיעלע פון אונזערע קריעגער זיינען געפאלען. דער גרויסער גייסט אבער האט ניט פערלאזען זיינע רויטע קינדער. מיר האבען געזיעגט און דיא רויבער, דיא שפאניער, זיינען אנטלאפען פאר אונז, וויא דיא שעפסען, ווען זיי הערן דאס ברומען פון א לייב. פיעלע קריעגער פון דיא בלייבע געזיכטער זיינען אריינגעפאלען אין אונזערע הענד אלם געפאנגענע.

צווישען דיעזע בלייבע געזיכטער איז געוועזן איינער מיטן נאמען דאן עסטאוואן דע לעאן. ער איז געוועזן פערוואונדעט און איז געלעגען אויפן פעלד האלב טויט. מיין עלטער, עלטער זיידע איז דאמאלס געוועזן דער קאציק פון דיא שווארצע שלענג. ער האט געהייסען אויפהויבען דעם פערוואונדעטען מענשען און איהם ברענגען צו זיך אין דארף.

ער וואלט איהם געקענט טויטען, וויא א הונד, ער האט עס אבער ניט געטהאן. ער האט אויסגעוואשען זיינע וואונדען, האט איהם געגעבען עסען און טרינקען און האט איהם געהאלטען ביי זיך, ביז ער איז פאלקאמען געזונד געווארען.

וויא מיינסט דוא, שוועסטער, מיט וואס האט דיעזער פאלשער שפאניער בעצאהלט דעם קאציק, דערפאר, וואס ער האט איהם גערעטעט דאס לעבען?

דאניא מאריא האט פערצויגען דיא אקסלען.

— ער האט פערפיהרט זיין איינציגע טאָכטער אָן איז מיט איהר אנטלאָפען קיין טשילי! ער האט פערגעסען דיא דאנקבארקייט און דיא הייליגע רעכטע פון גאסטפריינדשאפט. דער קאַציק איז געווארען זעהר טרויעריג און האט געשוואָרען, ער זאל זיך נוקם זיין אן דיא בלייכע געזיכטער. ער האט זיין וואָרט געהאַלטען. ער האט זיי געטויטעט, וואו ער האט זיי נור געקענט קריגען. האט ער רעכט געהאט? האט ער געקענט בעטראכטען דיא ווייסע געזיכטער אלס מענשען?

— געוויס, האט ער רעכט געהאט! האט דאניא מאריא געענטפערט.

— דאס איז נאך ניט אלעס, האט אַנטינאַהועל געזאגט און זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו ברענען, וויא דיא אויגען פון א טיגער, ווען מען רייצט איהם. — איין מאל אין א צייט ארום איז ווידער פאָרגעקומען א שלאַכט. מיין גראספאטער איז פערוואונדעט געווארען און איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא שפאניער אלס געפאנגענער. דאס מאל איז ער געוועזן דער געפאנגענער פון דאן עסטאוואן דע לעאָן. דער שפאַניער האט ניט פערגעסען, אז מיין גראספאטער האט איהם א מאל געשענקט דאס לעבען. ער האט איהם בעהאַנדעלט פריינדליך!? — ער האט נור געהייסען איהם אַפשניידען ביידע הענד און איהם אויסשטעכען דיא אויגען*) דאן האט ער איהם צוריק געגעבען זיין טאָכטער, וועלכע ער האט אונטערדעסען פיינט בעקומען, און האט איהם געהייסען געהן א היים.

דיא אונגליקליכע פרוי האט זיך געשלעפט מיט איהר אלטען פערבלוטיגטען פאטער, ביז זיא איז מיט איהם געקומען אהיים. דער קאַציק האט דאן צונויפגערופען זיין גאנצעס פאָלק און אלע זיינע פריינד. ער האט זיי דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע, וויא ער האט בעהאנדעלט דעם שפאַניער און וויא דער שפאַניער האט איהם בעהאַנדעלט. אלע האבען געוויינט, ווען זיי האבען געזעהן דעם בלינדען, צושלאָגענעם, צוהרג׳עטען אלטען מאן.

ער האט פון זיי געפאָדערט, אז זיי זאלען שווערן ביי אלעס, וואס איז אונז הייליג, אז זיי זאלען זיך נוקם זיין אן דיא שפאַניער, בעזאָנדערס אן דער פאמיליע דע לעאן. מיינע עלטער עלטערן האבען געשווארען. דער אונגליקליכער מאן האט מעהר ניט געוואָלט לעבען, ער האט זיך געטויטעט דורך הונגער.

*) דיא לעזער זאלען ניט מיינען, אז דאס איז אויסגעטראַכט. דאס איז א וואָהרע געשיכטע. דיא שפאַניער פלעגען בעהאַנדלען דיא ווילדע מיט אזא גרויזאַמקייט און אזא אונמענשליכקייט, אז אין א קורצע צייט נאך דער ענטדעקונג פון אמעריקא זיינען גאנצע פעלקער פערשוואונדען געווארען. אין נאָרד-אמעריקא, האט מען גערעכענט, זיינען געוועזן ביז צעהן מיליאָן ווילדע. היינט זיינען קוים דא צוויי הונדערט טויזענד. אין פלאָרידא איז יעצט ניטא ניט איין ווילדער. אויף דער גרויסער אינזעל קובאַ איז יעצט ניטאָ ניט איין ווילדער. דיא שפאַניער וואלטען געוועזן אויסגעהרג׳עט אלע ווילדע, ווען עס זאל זיך ניט געוועזן אריינמישען אן עדעלער מענש מיט׳ן נאמען לאַס קאַזאַס. ער האט אנגעהויבען צו שרייען: גוואַלד! וויא קענען מענשען זיין אזוי שלעכט געגען מענשען? ער האט געשריעבען צום שפאַנישען קעניג און איהם געבעטען, ער זאל ארויסגעבען א בעפעהל, אז מען זאל שוינען דיא ווילדע. ער האט געשריעבען ביכער, אין וועלכע ער האט בעשריעבען דיא אונמענשליכקייט פון דיא שפאַניער. איהם האבען דיא ווילדע צו פערדאַנקען, וואס עס איז נאך פון זיי געבליעבען א זכר.

א. טאנענבוים.

— דאס איז שרעקליך, שוידערהאפט! האט דאניא מאריא אויסגערופען.

— זייט יענער צייט זיינען שוין באלד פערגאנגען דריי הונדערט יאהר, האט אנטינאהועל ווייטער דערצעהלט. דיא פיינדשאפט צווישען דיזע ביידע פאמיליען — מיין פאמיליע און דיא פאמיליע דע לעאָן — האט ניט אויפגעהערט. זיא איז געוואָרען אלץ ערגער און שרעקליכער. מיין פאטער איז געוועזען א העלד.‏ ער האט געדענקט דעם אייד (שבועה) פון זיינע עלטערן, האט געקעמפט געגען דיא בלייכע געזיכטער און האט זיי געטויטעט, וואו ער האט נור געקענט. — ליידער, האבען מיר ביז אהע גאר ניט געקענט טהאן דער פאמיליע דע לעאָן.

פון דיזער פאמיליע לעבט יעצט נאך איין מענש — דאן טאדעאָ. ער איז מוטהיג, רייך און האט זעהר פיעל פריינד. ער ווייס ניט פון דער פיינדשאפט צווישען אונזערע פאמיליען. ער ווייס ניט, וויא טיעף זיין גראָס-גראָס פאטער האט בעלײדיגט דעם קאציק. איך ווייס עס אבער. איך וועל עס ניט פערגעסען. אונזער פאמיליע איז יעצט גרויס. מיר זיינען שטארק. מיר וועלען זיך נוקם זיין פאר אונזער עלטער פאטער!

ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, איז ארומגעלאָפען אין שטוב, וויא א ווילדעס טהיער לויפט ארום אין שטייג און האט פון צייט צו צייט אויסגערופען:

— עס איז געקומען דיא שטונדע פון ראכע! איך וועל איהם טרעפען! ער וועט זיך ניט אויסגעהן פון מיינע הענד!

דאניא מאריא האט ניט ארויסגעלאזען קיין אויג פון'ם אינדיאנער. אויף איהרע דינע ליפען האט זיך געוויזען א צופריעדענער שמייכעל. זיא האט אומיסטען געזאגט, אז דאניא ראזאריא'ס פאמיליע הייסט דעלמענדאז, ווייל זיא האט געוואוסט, אז דיא אינדיאנער האבען א האס אויף דער פאמיליע דעלמענדאז. יעצט איז זיא געוואָהר געוואָרען, אז זיי האבען נאך א גרעסערן האס געגען דיא פאמיליע דע לעאָן.

ווען דער אינדיאנער פירסט האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט זיא זיך געווענדעט צו איהם און האט איהם געפרעגט:

— איך זעה דאָך אבער, אז אונזער מוטער האט דיך געבעטען, אז דוא זאָלסט ניט אויפרייסען דיא אלטע וואונדען?

— זיא איז אלט און שוואך, האט אנטינאהועל געענטפערט. זיא האט מורא פאר א קריעג. זיא מיינט, אז דיא בלייכע געזיכטער דארפען שטענדיג זיעגען. —

— יא, דיא בלייכע געזיכטער האבען סאלדאטען, האט דאניא מאריא בעמערקט. עס איז דא וואס מורא צו האבען פאר זיי.

— איך האב פאר זיי קיין מורא ניט! האט אויסגערופען דער אינדיאנער. איך האב א גייסט, וועלכער וועט מיך בעשיצען.

דאניא מאריא האט געשוויעגען. זיא האט געוואוסט, אז פיעלע אינדיאנער פירסטען גלויבען, אז זיי האבען א גייסט, וועלכער בעשיצט זיי.

זיא איז געוועזען צופריעדען. זיא האט גערייצט דעם טיגער, ביז ער איז אריינגעקומען אין דער רציחה. זיא האט געוואוסט, וואס זיא האט פון איהם צו ערווארטען. זיא איז געוועזען זיכער, אז דער ווילדער אנטינאהועל וועט ניט לאזען לעבען ניט דאן

מאדרע, ניט דאַניא ראזאריא. זיא האט אויסגעפיהרט, וואס זיא האט געוואלט.

זיא האט נאך גערעדט מיט איהם איינינע צייט, דאן האט זיא געזאגט, אז זיא איז מיעד פון'ם וועג און וויל זיך אפרוהען. אנטינאהועל האט אריינגערופען זיין מוטער און האט איהר געהייסען צו רעכט מאכען א בעט, וואו דאניא מאריא זאל זיך אפרוהען.

דיא אלטע פרוי איז געווען טרויעריג. אויף איהרע צוקניימשטע און איינגע־דארטע באקען האבען זיך געוויזען טרעהרין. זיא האט שוין גוט געוואוסט, אז קוים קומען זיך צונויף דיא ווייסע מענשען מיט דיא רויטע, מוזען דיא רויטע ליידען. זיא האט ניט פערגעסען דיא טרויעריגע געשיכטע פון איהר מאן, דעם שווארצען וואלף.

דאניא מאריא האט איבערגענעכטיגט ביי איהר ברודער און דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז זיא אוועקגעפאהרען קיין וואלדיוויא.

20טעם קאפיטעל.

דער צויבערער.

מיר זיינען אין א טאלדא, אן אינדיאניש דארף, אין אנאנדערער געגענד אין לאנד אראאוקאניא. דאס דארף איז זעהר אונרוהיג. אלע מענער, פרויען און קינדער האבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן גרויסען פלאץ פון'ם דארף. אלע שטעהן פאר א גרוים הויז. אויפ'ן שוועל פון'ם הויז ליעגט אויף א בעט פון גרינע צווייגען א טויטער קערפער. ארום איהם שטעהן דיא מענער און דיא פרויען, וועלכע וויינען, שרייען, קלאגען און שלאגען זיך אין קאפ אריין. פון צייט צו צייט הערט מען א זאנדערבארע מוזיק פון פויקען און פלייטען, אין וועלכער עס מישען זיך אריין דאס בילען פון הינט.

לעבען דעם טויטען קערפער שטעהט אן עלטערער מענש, הויך און שטארק, אנגעטהאן אין פרויענקליידער. וויא עס ווייסט אויס, איז ער דער פיהרער פון דער גאנצער צערעמאניא. ער דרעהט זיך,ווארפט זיך, שפרינגט, טאנצט און שרייט מיט אונמענשליכע קולות. דיעזער מאן, וועלכער ווייזט אויס אזוי ווילד, און מאכט אזעלכע אונמענשליכע בעוועגונגען, איז דער „מאטשי“, דער צויבערער, דער דאקטאר, פון'ם פאלק דער „גרויסער האז“. ער האט זיך יעצט געווענדעט צו א הויכען, שטארקען מאן, וועלכער איז געשטאנען פון דער אנדערער זייט פון'ם טויטען, און האט געזאגט מיט א בעזאנדערס גראבער און ווילדער שטימע.

— הויפטלינג פון'ם הייליגען און מעכטיגען פאלק דער גרויסער האז! דיין פאטער קען יעצט געהן און יאגען זיך נאך ווילדע טהיערע אין דיא גרויסע פרעריען אויפ'ן הימעל מיט אלע גרויסע און גערעכטע קריעגער. דער גרויסער גייסט (גאט) וועט איהם יעצט אויפנעהמען פריינדליך, ווייל איך האב שוין פערטריעבען פון איהם אלע בייזע גייסטער.

— ווארום! האט אויסגערופען דער מאן, וואס איז געשטאנען נעגען איהם. — מיין פאטער איז טויט. דאס זעהן אלע. ווער האט איהם אבער געטויטעט? אלע ווייסען, אז אזא גרויסער קריעגער, וויא מיין פאטער, קען ניט שטארבען אזוי שנעל, אין איינע שטונדע. איהם האט געוויס איינער בעצויבערט. א נעהייסע האנד האט

איהם אפגעטהאן א כישוף. דערפון איז ער געשטאָרבען. — ענטפער מיר, גרויסער צויבער: ווער האט געטויטעט מיין פאטער? — מיין הערץ איז טרויעריג. מיין קאָפּ איז צומישט.

ביי דיזע ווערטער פון׳ם הויפּטלינג איז דורכגעלאָפען א ציטער אין דער מעננע. מען האט געהערט א שטילעס מורמעלן, וויא דאס רוישען פון׳ם ווינד איבער דיא גראזען פון דער פּרעריע. דער „מאטשי״, דער צויבערער אדער דאקטאר פון׳ם פאָלק האט ארויפגעלעגט זיינעביידע שטאַרקע הענד אויף דער ברוסט און האט זיך ארומגעקוקט אין דער מעננע. ער האט זיך פערטראכט.

אלע ווילדע פעלקער האבען דיעזען זאנדערבארען אַרגלויבען, אז א גרויסער מאַן, א העלד, קען נור שטאַרבען אויף׳ן שלאַכט פעלד מיט׳ן שווערד און בויגען אין דער האַנד, ווען ער קעמפּפט געגען זיינע פיינד. אזוי געוועהנליך שטאַרבען דורך א צופאַל אדער פון א קראַנקהייט איז אונמעגליך פאר א גרויסען מאַן. עס האט איהם געוויס איינער אפּגעטהאן א כישוף — מען האט איהם בעצויבערט. זיינער א פיינד האט איהם געטויטעט דורך א צויבער. דיא קינדער פון׳ם טויטען, בעזאָנדערס אבער זיינע זיהן, מוזען זיך נוקם זיין פאַרן פאטער׳ס טויט.

דער דאקטאר אדער דער צויבערער פון׳ם פאָלק דאַרף דערראַטהען און זאגען, ווער עס האט עס געטהאַן. אויף וועמען ער זאגט, דער מוז שטאַרבען. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס אלע האבען אזוי געציטערט, ווען דער הויפּטלינג האט געפרעגט דעם צויבערער, ער זאל איהם זאגען, ווער עס האט זיין פאטער געטויטעט.

דער צויבערער האט זיך פערטראכט. ער האט זיך געמוזט גוט איבערלעגען, איידער ער האט ארויסגעזאגט אזא וויכטיגעס וואָרט, פון וועלכען עס הענגט אפּ דאס לעבען פון א גאַנצער פאַמיליע.

אין דער צייט, וואס דער צויבערער האט געטראַכט, זיינען אנגעקומען עטליכע רייטער אין דאָרף. צווישען זיי זיינען געווען אונזערע צוויי פּראָטעזשען, דער גראף לואיס און זיין מילכברודער, וואלענטין.

זיי האבען געזעהן, וויא אלע פון׳ם דאָרף שטעהן פערזאמעלט ארום הויז און זיי זיינען געווען נייגיעריג צו זעהן, וואס דאָרט טהוט זיך. אזא זאנדערבארע צערעמאָניע האבען זיי נאך אין זייער לעבען ניט געזעהן, זיי האבען ניט אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס דא טהוט זיך, האבען זיך צוגעשטופּט צו דער מעננע און זיך אנידערגעשטעלט אין דער מיט.

דער צויבערער האט נאך אלץ געטראַכט.

— זאג, גרויסער געלערנטער! האט דער הויכער מאַן ווייטער געזאגט. זאג, ווער האט געטויטעט מיין פאטער? פון וועמען קען איך פאָדערן רעכנונג פאר מיין פאטער׳ס טויט?

— איך וויים, ווער עס האט איהם געטויטעט, האט דער צויבערער געזאגט מיט א ווילדער שטימע, וועלכע איז געווען מעהר עהנליך צו דער שטימע פון א ווילדעס טהיר, אלס צו א שטימע פון א מענשען.

— אלזא, פאר וואס שווייגט דער גרויסער צויבערער? האט דער זוהן פוןם טויטען געפרעגט.

— איך שווייג, ווייל עס געפינען זיך דא שטארקע מענשען, וועלכע לאבען פון דער מענשליכער גערעכטיגקייט האט דער צויבערער געענטפערט. און האט געווארפען א פינסטערן בליק אויף איינעם פון דיא מענער, וועלכע זיינען ערשט אנגעקומען.

אלע, וואס זיינען דערביי געשטאנען, האבען בעמערקט דעם פינסטערן בליק פון'ם צויבערער און האבען פערשטאנען, וועמען ער מיינט.

— רעד, געלערנטער מאן! האט געשריען דער זוהן פון'ם טויטען פירסט. זאג, ווער האט מיין פאטער געטויטעט. ער מעג זיין, ווער ער איז; ער מעג זיין, וויא הויך עס איז; ער מעג זיין דער גרעסטער פון אונזער פאלק — וועט ער זיך ניט אויסגעהן פון מיין ראכע! גערעכטיגקייט מוז זיין געגען אלעמען!

דער צויבערער האט זיך אויפגעשטעלט גלייך, האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט געוויזען מיט א פינגער אויף דעם הויפטלינג, וועלבער האט אויפגענומען אזוי פריינדליך דיא צוויי פראנצויזען און האט זיי איינגעלאדען צו זיך אין דארף.

דיא מענגע איז געווארען שטיל, וויא סטאטוען. מען האט נור געקענט זעהן, אז אלע האבען א ציטער געטהאן, גלייך וויא עס וואלט זיי געטראפען אן עלעקטרי-שער שלאג.

— אט איז דער מאן, וועלבער האט בעצויבערט דיין פאטער, האט דער צויבערער געזאגט מיט א שטימע, וויא פון א לעדיג פאס ארויס. ער הייסט טראנ-נאיל-לאנעק. ער האט ערמארדעט דיין פאטער!

דער צויבערער האט פערדעקט זיין געזיכט מיט אן עק פון זיין קלייד, גלייך וויא עס וואלט איהם געקרענקט, וואס א הייפטלינג האט ערמארדעט א גרויסען מאן פון זיין פאלק.

אויף אלע געזיכטער האט מען געקענט לעזען שטוינען און פערוואונדערונג. טראננאיל-לאנעק איז געוועזן א שטילער, רוהיגער מענש. אלע האבען איהם געקענט און האבען איהם ליעב געהאט. קיינעם וואלט ניט איינגעפאלען, אז ער זאל זיין א מערדער און זאל טוידטען א פירסט גאר אהן אן אורזאכע.

טראננאיל-לאנעק אליין איז געבליעבען שטעהן גאנץ רוהיג. אויף זיינע ליפען האט זיך געוויזען א שמייכעל פון פעראכטונג. ער האט געווארט.

דער זוהן פון'ם טוידטען קאציק איז צו איהם צוגעקומען, האט זיך געשטעלט געגען איהם און האט איהם איינינע מינוט בעטראכט מיט טרויער און פערצווייפלונג אין זיין געזיכט.

— פאר וואס האסט דוא געטוידטעט מיין פאטער, טראננאיל-לאנעק? ער האט דאך דיר שטענדיג ליעב געהאט. בין איך דען ניט דיין געשווארענער ברודער?

ביי דיא אינדיאנער זיינען דא לייבליכע ברידער און געשווארענע ברידער. ווען צוויי יונגע לייט וואקסען אויף צוזאמען און ליעבען איינער דעם אנדערן, שווערן זיי,

אז זיי זאלען זיין ברידער. אזעלכע געשוואָרענע ברידער זיינען פיעל געטרייער איינער דעם אנדערן, וויא לייבליכע ברידער.

— איך האב ניט געטוידטעט דיין פאָטער, קורומיללא, האט טראַנגאָיל-לאַנעק געענטפערט אָפּענהערציג און ערנסט.

ער האט עס געזאָגט אזוי פריי, אזוי עהרליך, אזוי אפענהערציג, אז קורומיללא, דער זוהן פוק׳ס טוידטען, איז געבליעבען שטעהן אביסעל צו מישט. באלד אבער האט ער זיך דערמאנט און האט געזאָגט:

— דער גרויסער צויבערער זאגט דאך אבער, אז דוא האסט עס יא געטהאן?

— דער צויבערער זאגט א ליעגען.

— דער צויבערער קען ניט זאגען קיין ליעגען, האט קורומיללא געזאָגט טרויעריג. איהם זאגען דיא גייסטער אלעס. דוא ווייסט דאך דיא זיטען פון אונזער פאָלק. אויף וועמען דער צויבערער ווייזט אן, אז ער האט געטוידטעט א מענשען, דער מוז שטאַרבען מיט זיין פרוי, מיט זיינע קינדער.

ער האט מעהר ניט גערעדט און איז געגאנגען צום גאָט, וועלכען מען האט אונטערדעכען געבראַכט און אניעדער געשטעלט אין דערמיט פון א גרויסען פלאַץ.

— ברענגט דיא פרוי און דיא קינדער פוק׳ס מערדער! האט קורומיללא אויסגערופען. איך וויל זיי ברענגען אלס אפּפער צום גייסט פון מיין פאָטער.

איינינע שטאַרקע הענד האבען געחאפּט טראַנגאָיל-לאַנעק׳ס פרוי און קינדער, וועלכע זיינען אויך געשטאַנען אין דער מענגע, האבען זיי געבונדען און האבען זיי אניעדער געוואָרפען פארן גאָט, וויא שעפּסען, וועלכע מען ווארפט אניעדער איידער מען שלאַכטעט זיי. — דער צויבערער האט זיך געפרעהט שטילערהייט. ער האט געהאט עפּעס א האַס אויף טראַנגאָיל-לאַנעק און האט זיך יעצט געוואָלט נוקם זיין אן איהם.

דיא צוויי פראַנצויזען זיינען געשטאַנען, וויא אויף שפּילקעס. לואיס האט זיך געביסען דיא ליפּען ביז אין בלוט. ער האט ניט געקענט צוזעהן אזא ווילדע, אונמענשליכע צערעמאָניע.

— מיר טאָרען עס ניט דערלאַזען, אז מען זאל מאָרדען מענשען, וויא שעפּסען! האט ער געזאָגט צו וואלענטין אויף פראַנצויזיש.

— וואס טהוט מען אבער? האט וואלענטין געפרעגט. זיי זיינען אזוי פיעל און מיר זיינען נור צוויי מענשען? וואס קענען מיר העלפען?

— מיר מוזען העלפען! האט לואיס אויסגעשריען. וויא קענען מיר צוזעהן אזא אונגערעכטיגקייט? וויא טאָרען מיר דערלאָזען אזא מערדעריי?

— איך ווייס, אז מיר טאָרען עס ניט דערלאזען, האט וואלענטין געזאָגט פערטראַכט, אבער וואָס קענען מיר טהאָן?

— דוא האסט פּיסטאָלעטען, איך האב פּיסטאָלעטען, לאָמיר זיך אריינוואַרפען צווישען זיי! לאָמיר טוידטען דעם צויבערער און נאך עטליכע. זיי וועלען זיך דערשרעקען און וועלען זיך צולויפען.

— ניין, לואיס! דאס טויג ניט! זיי זיינען זעהר פיעל, זיי וועלען אונז טוידטען

און מיר וועלען גאָר ניט אויספיהרען. מיר וועלען דעם אונגליקליכען מיט זיין פרוי, מיט זיינע קינדער ניט רעטען. — ניין! מיר מוזען אויסטראכטען עפּעס אנדערש, וויא אזוי איהם צו רעטען.

— אלזאָ, טראכט עפּעס אויס! האט לואיס אויסגערופען, אבער שנעל! איידער דוא וועסט זיך אויסקראצען, וועט מען דיא אונגליקליכע פרוי און קינדער טוידטען.

וואלענטין האט זיך ווירקליך געקראצט אין קאָפּ. ער האט געזוכט עפּעס א מיטעל, וויא אזוי אפּצונארען דיא ווילדע.

— שוין גוט! האט ער ענדליך אויסגערופען פריידיג. איך האב עס געפונען! מען מוז מאכען עפּעס א קונסטשטיק, א דרעהדעל! איך וויים, אז ווען איך בין געוועז אין אלזשיר, פּלעגען מיר אויך א מאָל אָפּנארען דיא אראבער מיט א קונסט שטיק. — העלף מיר, לואיס! פערגעס אבער ניט, אז דוא טאָרסט ניט לאכען. דוא זאָלסט זעהן, וואָס איך טהו, זאלסט מיר העלפען, ווען איך וועל דיר עפּעס הייסען. דוא זאלסט אבער זיין ערנסט און פערטראכט, ניט לאכען.

— איך וועל זיין ערנסט, איך וועל מיר בייסען דיא פינגער, איך זאל ניט לאכען, נור רעטע דיעזען אונגליקליכען מאן מיט זיין פרוי און קינדער!

— עס וועט שוין זיין רעכט! געגען א טויגעניכטס מוז מען זיין א שארלאטאן און א טויגעניכטס מיט אמאָל.

מיט דיעזע ווערטער האט זיך וואלענטין דורכגעשטופּט דורך דיא מענגע און האט א געשריי געטהאן:

— האלט איין!ווארט א מינוט!

אלע האבען זיך אומגעקוקט. אלע זיינען געוועזן ביז אהער אזוי בעשעפטיגט מיט זיך אליין, אז קיינער האט ניט בעמערקט, אז צוויי ווייסע מענשען זיינען צוגע־קומען. אלע זיינען געוועזן ערשטוינט און פערוואונדערט. פון וואנען האט זיך גענומען אהער אַ בלייכעס געזיכט.

לואיס האט ניט געוואוסט, וואָס וואלענטין וויל טהאן. ער האט געהאלטען זיינע פּיסטאָלעטען בערייט צו שיעסען.

— נאררען וואס איהר זייט! האט וואלענטין אויסגערופען, ווען ער האט גע־זעהן, אז אלע קוקען אויף איהם. איהר זייט נאררען און אייער צויבערער איז א טויגע־ניכטס! ער לאכט פון אייך! ער בעטריגט אייך! ער בעשווינדעלט אייך! — איבער־לעגט אייך! וויא קענט איהר טוידטען א גאנצע פאמיליע, איידער איהר בערעכענט זיך, וואָס איהר טהוט? — פאר וואָס זאלט איהר ניט פערשטעהן, אז אייער מאטשי, איז א שארלאטאן? — איך וועל ניט דערלאזען, איהר זאלט בעגעהן אזא מערדעריי!

דיא אינדיאנער האבען איהם אנגעקוקט און האבען געשוויגען. אזא פאל איז ביי זיי קיין מאל ניט פאָרגעקומען. א פרעמדער און נאך א בלייכעס געזיכט זאָל זיך אריינמישען אין זייערע אנגעלעגענהייטען איז ביי זיי געוועזן א נייעס.

קורומיללא, דער זוהן פונ'ם טוידטען, איז ענדליך צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם געזאָגט:

— פרעמדער! געה דיר אוועק פון דאנען. דוא קענסט ניט דיא געזעצע פון אונזער פאָלק. דוא ווייסט ניט, וואָס פאר א שרעקליכעס פערברעכען דיעזער מאן האט בעגאנגען. ער איז פעראורטהיילט צום טוידט. ער, זיין פרוי און זיינע קינדער מוזען שטאַרבען.

— איך זאג אייך נאך אמאל: איהר זייט נאררען! מען האט אייך בעשווינדעלט און בעטראגען. אייער צויבערער ווייס אזוי, ווער עס האט דעם קאַציק געטוידטעט, וויא איך. ער איז א בעטריגער!

קורומיללא האט זיך געווענדעט צום צויבערער, וועלכער איז געשטאנען רוהיג און גלייכגילטיג.

— וואס זאגט מיין פאָטער צו דיא רעד פון'ם פרעמדען מיט'ן בלייכען געזיכט?

דער צויבערער האט א לאך געטהאן און האט געענטפערט:

— ווען האבען דען דיא בלייכע געזיכטער געזאגט דיא וואהרהייט?

קורומיללא האט ניט געוואוסט, וואָס ער זאל יעצט טהאָן. פון איין זייט זאגט דער צויבערער, אז טראַנגאַיל־לאנעק האט זיין פאָטער פערצויבערט; פון דער אנדערער זייט זאגט א ווייסער מענש, אז דער צויבערער איז גאר א שווינדלער. ענדליך האט ער זיך ענטשלאסען און האט געזאגט:

— לאז מיין ברודער מיט'ן בלייכען געזיכט זיך ערקלערן.

— איך וועל אייך ניט נור ערקלערן, האט וואלענטין געענטפערט, איך וועל אייך בעווייזען, אז אייער צויבערער איז א שווינדלער און א בעטריגער.

— אונזערע אויערן זיינען אפען, האט קורומיללא געזאגט.

די גאנצע מענגע האט זיך אויסגעשטעלט אין א האלב קרייז ארום דעם יונגען פראנצויז. אלע זיינען געווען נייגיעריג צו הערן, וויא אזוי ער וועט בעווייזען, אז דער צויבערער איז א שווינדלער. לואיס אליין איז אויך געווען נייגיעריג צו זעהן, וואס זיין מילך־ברודער וועט דא טהאן. ער האט פערשטאנען, אז וואלענטין וועט דא מאַכען עפּעס א קונסשטיק אדער א „טריק", וויא דער ענגלענדער זאגט.

— הערט אויס פעלקער פון'ם גרויסען האז! האט פלוצלונג דער צויבערער זיך געווענדעט צו דער מענגע. — הערט מיך אויס און אנטוואָרטעט מיר. וואס וועט זיין, ווען איך וועל בעווייזען, אז טראַנגאַיל־לאנעק האט ווירקליך בעצויבערט דעם טויטען קאַציק?

— דאן וועט דער פרעמדער מיט'ן בלייכען געזיכט שטארבען, האט קורומילא געענטפערט רוהיג.

— גוט! האט אויסגערופען וואלענטין. איך נעהם אָן דיעזע בעדינגונג. וועל איך בעווייזען, אז דער צויבערער איז א בעטריגער, זאל ער שטארבען; וועט ער בעווייזען, אז טראַנגאַיל־לאנעק האט געטייטעט דעם קאַציק, וועל איך שטארבען. — איך מוז אייך זאגען, מיינע ברידער, אז איך בין אויך א צויבערער! איך בין א גרויסער צויבערער און א דאקטאר ביי דיא בלייכע געזיכטער.

דיא אינדיאנער האבען אנגעבויגען זייערע קעפּ. פאר א גרויסען צויבערער דארף מען דרך־ארץ האבען. זיי האבען געוואוסט, אז ביי דיא ווייסע מענשען זיינען

דאָ גרויסע געלערנטע און זיי פלעגען א מאל בענוצען א ווייסען דאקטאר. זיי פלעגען אבער נים גלויבען אז ער האט אויסגעהיילט דעם קראנקען דורך זיין וויסענשאפט, זאנדערן דורך א כישוף. דער ווייסער דאקטאר איז נאר א גרויסער צויבערער — כישוף מאכער.

— נים טראנגאָיל־לאנעק האט געטייטעט דעם קאציק, האט וואלענטין אויס־נערופען מיט א שטארקער שטימע, זאנדערן דער מאטשי אליין האט עס געטהאן און ווארפט ארויף דיא שולד אויף אן אונשולדינען מענשען.

דיא מעננע האט א ציטער געטהאן. א שטילעס מורמלען איז דורכגעלאָפען דורך דיא מעננע.

— איך? האט געשריען דער צויבערער. איך האב געטייטעט דעם קאציק?

— יא, דוא! האט געזאגט וואלענטין פעסט און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען. דוא האסט געטייטעט דעם קאציק. דוא ווייסט עס זעהר גוט.

— פרעמדער! — האט געזאגט טראנגאָיל־לאנעק. עס איז אומזיסט, וואס דוא נעהמסט זיך אָן פאר מיר. מיינע ברידער גלויבען דיר ניט. זיי זיינען איבערציינט, אז איך בין שולדיג. זיי זיינען איבערציינט, אז איך האב געטייטעט מיין בעסטען פריינד.

— וואס נעהט עס מיך אָן, וואס זיי זיינען איבערציינט, אז דוא ביסט שולדיג, האט וואלענטין געענטפערט, ווען איך בין איבערציינט, אז דוא ביסט אונשולדיג.

— טראנגאָיל־לאנעק איז שולדיג! האט דער צויבערער געזאגט פעסט. ער האט געטייטעט דעם קאציק.

— טייטעט מיך! האט טראנגאָיל־לאנעק געזאגט. איך זעה דאך, אז איהר אלע גלויבט, אז איך בין שולדיג.

קורומילא האט זיך געווענדעט צו זיין פאָלק.

— וואס זאגען מיינע ברידער? וועמען זאלען מיר גלויבען: אונזער צויבערער אדער דעם צויבערער פון דיא בלייכע געזיכטער?

— לאז דער צויבערער פון דיא בלייכע געזיכטער בעווייזען, אז אין זיינע ווער־טער איז דיא וואהרהייט, האבען זיך אפגערופען אייניגע עלטערע קריעגער.

— אלע האבען ליעב געהאט דעם הויפטלינג טראנגאָיל־לאנעק און האבען זעהר געוואלט רעטען זיין לעבען. זיי האבען אבער געגלויבט אן דעם צויבערער און האבען געמיינט, אז ער רעדט מיט גייסטער, וועלכע דערצעהלען איהם אלעס.

— גוט. איך וועל בעווייזען, אז וואס איך זאג, איז וואהר, האט וואלענטין אויסגערופען. איך האב דאך דאס געבעטען, אז איך זאל אייך בעווייזען, אז אייער צויבערער איז א בעטריגער.

אלע האבען געשוויעגען. אלע האבען ערווארטעט עטוואס נייעס, עטוואס בע־זאנדערס. דיא ווילדע זיינען, וויא דיא קינדער. זיי גלייבען אין צויבעריי, זיי גלייבען, אז א מענש קען מאכען וואונדער, אז א כישוף מאכער קען טהאן, וואס ער וויל.

וואלענטין האט ארויסגענומען זיין שווערד פון דער שייד. דאס שווערד איז

געוועז שארף און האט געגלענצט אין דער זון. ער איז ארומגעגאנגען צו אלע פעו־זאמעלטע און האט זיי געוויעזען דעם שווערד.

— זעהט איהר, מיינע ברידער, דיעזעס שווערד? האט ער דאן געפרעגט. עס איז שארף און געפעהרליך. מען קען עס ניט אנריהרען מיט בלויזע הענד. — דיעזעס שווערד וועל איך ארייגלעגען מיר אין מויל און וועל איהם אראפשלינגען ביז אין גריף. אויב טראנגאַיל־לאנעק איז שולדיג איז׳ם טוידט פון׳ם קאציק, וועל איך שטארבען. דיעזעס שווערד וועט מיך טוידטען. איז ער אבער ניט שולדיג, איז אייער צויבערער א בעטריגער, וועל איך ארויסנעהמען דעם שווערד פון מיין לייב און וועל זאגאר קיין וואונד ניט האבען.

יעצט האט לואיס ערשט פערשטאנען, וואס וואלענטין וויל מהאן. ער האט געוואוסט, אז נאך אין דער יוגענד האט זיך וואלענטין ערגעץ אויסגעלערנט אייניגע אזעלכע קונסטשטיקע. וועלכע מען ווייזט אין א מוזעאום פאר אייניגע סענט. וויא צום ביישפיעל, זיך דורכשטעכען א מעסער דורך דיא האנד, שלינגען פייער און נאך אזעלכע קונצען.

דיא אינדיאנער האבען עס קיין מאל ניט געזעהן און קיין מאל ניט געהערט דערפון. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אז אזא וואונדער קען מען מאכען נור דורך צויבעריי.

— דער צויבערער פון דיא בלייבע געזיכטער וויל וויזען א גרויס וואונדער, האט קורומיללא געזאגט. מיר ווילען עס זעהן.

— איך וויל עס ניט דערלאזען! האט זיך יעצט טראנגאַיל־לאנעק ארייגגע־מישט. איך וויל ניט, אז מיין ברודער, דער פרעמדער, זאל שטארבען דורך מיר.

— דער גרויסער גייסט (גאַט) וועט ניט דערלאזען, אז איך זאל שטארבען, האט וואלענטין געענטפערט.

— דער פרעמדער האט זיך אונטערגענומען צו בעווייזען, אז אונזער צויבערער איז א שווינדלער, האט מען געשריען פון אלע זייטען. לאז ער עס בעווייזען!

— גוט, איך וועל עס בעווייזען, האט וואלענטין געזאגט און האט געוואָרפען א בליק צו זיין מילך־ברודער, ער זאל ניט לאכען.

דאן האט ער זיך אניעדער געשטעלט געגען דיא אינדיאנער, האט זיי נאך אמאל געוויעזען דאס שווערד און האט עס אנגעהויבען ארייגצולעגען זיך אין מויל אריין. — דיעזעס קונסטשטיק פלעגט ער מאכען זעהר געשיקט. לואיס האט עס שוין אייניגע מאל פון איהם געזעהן. דיא גאנצע קונץ איז א שווינדעל. דאס שווערד שרויבט זיך צונויף. מען מוז עס אבער קענען מאכען אזוי געשיקט, אז קיינער זאל עס ניט בעמערקען.

לאנגזאם, גלייך וויא ער װארגט זיך און איז יעדע סעקונדע אין דער גרעסטער געפאהר, האט וואלענטין זיך אריינגערוקט דעם שווערד אין מויל אריין ביז צום גריף.

דיא אינדיאנער האבען געציטערט, ווען זיי האבען עס געזעהן. זיי האבען אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי א מענש קען איינשלינגען א שווערד און זאל בלייבען לעבען.

ווען וואלענטין האט איינגעשלונגען דעם גאנצען שווערד, אז נור דיא האנד האט ארויסגעשטעקט פון זיין מויל, האט ער זיך אויסגעדרעהט און איז ארומגע־גאנגען דיא מענגע, זיי וויזען, אז ער האט ווירקליך איינגעשלונגען א שווערד. וואוהין ער האט זיך געווענדעט, האט מען זיך פון איהם אוועקגעקעהרט מיט שרעק און שטוינען.

ווען אלע האבען זיך איבערצייגט, אז ער האט ווירקליך פערשלונגען א שווערד, האט ער איהם אנגענומען ביים גריף און האט איהם לאנגזאם און פארזיכטיג ארויס־געשלעפט פון׳ם מויל.

דיא אינדיאנער האבען ארויסגעלאזען א געשריי פון שטוינען און בעוואונדערונג. אזא וואונדער האט נאך קיין לעבעדיגער מענש ניט בעוויעזען. דאס איז א גרויסער צויבערער!

— איך האב נאך עפּעס צו רעדען מיט אייך, האט ער זיך יעצט געווענדעט צו דיא אינדיאנער.

אלע זיינען געוואָרען שטיל. אלע האבען איהם געגלויבט און זיינען געווען איבערצייגט, אז ער איז דער ערשטער צויבערער אין דער גאנצער וועלט.

— מיינע ברידער! האט ער יעצט געזאגט שטאָלץ. איך האב אייך בעוויעזען, אז טראנגאָיל־לאנעק איז אונשולדיג. — זייט איהר איבערצייגט. אז ער איז אונשולדיג?

— יא! מיר זיינען איבערצייגט! האבען אלע אויסגערופען. דער פרעמדער מיט׳ן בלייכען געזיכט איז דער גרעסטער מאטשי, אין דער וועלט!

— יעצט, מיינע ברידער! האט וואלענטין ווייטער געזאָגט, לאז אייער צויבערער בעווייזען, אז ניט ער האט געטוידטעט דעם קאציק. לאז ער בעווייזען, אז ער איז קיין געטריעגער. לאז ער בעווייזען, אז ער האט ניט געוואָלט פעראורטהיילען צום טוידט אן אונשולדיגען מענשען. דער טוידטער קאציק איז געווען א גרויסער קריעגער. ווער עס האט איהם געטוידטעט, דער מוז שטרענג בעשטראפט ווערן.

— דער פרעמדער האט רעכט! האבען געשריען דיא קריעגער פון אלע זייטען.

— מיין ברודער מיט׳ן בלייכען געזיכט רעדט גוט, האט יעצט קורומיללא גע־זאגט. ער האט בעוויעזען, אז טראנגאָיל־לאנעק איז ניט שולדיג. לאז יעצט דער „מאטשי" בעווייזען, אז ניט ער האט געטוידטעט מיין פאָטער.

דער צויבערער האט איינגעזעהן, אז ער איז פערלאָרען. ער האט זעהר גוט געוואוסט, אז דיא אייראפּעער זיינען קליגער און פעהיגער פון איהם. אזא קונסט־שטיק, וויא וואלענטין האט יעצט בעוויעזען, וועט ער קיין מאל ניט קענען בעווייזען. ער איז געוואָרען בלייך, וויא קאלך. דענאך האט ער זיך געמאכט הארץ און האט געזאגט גאנץ שטיל:

— דער פרעמדער מיט׳ן בלייכען געזיכט איז א שווינדלער. ער נאררט אייך אפּ, מיינע ברידער. ער איז פאלש, וויא אלע בלייכע געזיכטער זיינען פאלש, ער איז געקומען צונעהמען אייער לאנד, וויא זיי אלע טהוען.

— מעגליך, אז איך בין א בעטריעגער, האט וואלענטין געענטפערט. לאז

דער צויבערער עס בעוויזען. לאז ער מיך נאך טהאן. לאז ער אויך איינשלינגען א שווערד.

קורומילא האט גענומען א לאנגען מעסער און איז צוגעגאנגען צום צויבערער׳

— אט איז א מעסער, עס איז פיעל קורצער פון׳ם שווערד, וועלכעס דער פרעמדער צויבערער האט פערשלונגען. ווען מיין פאטער, דער מאטשי, איז אונשולדיג, וועט דער גרויסער גייסט (נאט) איהם בעשיצען, אזוי וויא ער האט בעשיצט דעם פרעמדען.

— נעוויס! האט אויסגערופען וואלענטין. דער גרויסער גייסט בעשיצט און פערטהיידיגט דיא אונשולדיגע, וויא ער האט מיך בעשיצט און פערטהיידיגט. לאז אייער מאטשי בעווייזען, אז ער איז קיין בעטריעגער.

אלע אנוועזענדע האבען יעצט געקוקט אויף׳ן צויבערער. יעדער איז געווען נייגיעריג צו וויסען, אויב ער וועט זיך אונטערנעהמען צו מאכען אזא פראבע. דער צויבערער איז געווען א דורכגעטריעבענער שווינדלער. ער האט איינגעזעהן, אז ער מוז עפּעס טהאן אום זיך צו רעטען אדער וועניגסטענס צו שטארבען, וויא א העלד. ער האט אבער געוואלט נאך אמאל פראבירען איבערשרעקען זיינע אונוויסענדע לאנדסלייט.

— איך האב ניט וואס מורא צו האבען, האט ער געזאגט רוהיג. דיעזעס מעסער וועט מיר ניט שאדען. דער גרויסער גייסט וועט מיך געוויס בעשיצען. איך מוז אבער צו ערשט ווארענען מיינע ברידער. זיי טהוען א גרויסעס אונרעכט, וואס זיי שטעלען מיך אויף דער פראבע געגען א פאלשען מענשען מיט א בלייכעס געזיכט. דער גרויסער גייסט שטראפט זיינע רויטע קינדער, ווען זיי לאזען זיך איינרעדען פון דיא פאלשע, ניעדערטרעכטיגע בלייכע געזיכטער.

דיא אינדיאנער האבען א ציטער געטהאן, זיי זיינען געווען געוואוינט פון קינדווייס אן צו קוקען אויף זייער צויבערער, וויא אויף א הייליגען, וועלכער איז בעקאנט מיט אלע גוטע און שלעכטע גייסטער. זיי האבען ניט געקענט אזוי שנעל זיך איבערצייגען, אז ער איז א געוועהנליכער בעטריעגער. זיי האבען נאך פאר איהם מורא געהאט. ער האט זיי געדראהעט, אז דער גרויסער גייסט וועט זיי שטראפען און זיי האבען געציטערט: אט, אט קומט דער גרויסער גייסט און שטראפט זיי שוין.

— ער איז דאך א גוטער קאמעדיאנט, דיעזער צויבערער דאקטאר! האט וואלענטין געזאגט צו זיין ברודער. ער האט אבער ניט געטראפען. איך בין נאך א גרעסערער קאמענדיאנט פון איהם. לאז ער נור מאכען א זויערע מינע, וועל איך ווייזען דיעזע הערען ווילדע, וואס אן אייראפעאישער צויבערער קען.

ער האט זיך געווענדעט צו דיא פערזאמעלטע און האט זיי געזאגט:

— פעלקער פון׳ם גרויסען האז! האט קיין מורא ניט. דער גרויסער גייסט שטראפט ניט דיא מענשען, וועלכע זיינען אונשולדיג. אייער מאטשי דראהעט אייך נור, ווייל ער ציטערט פארן טוידט. ער איז ניט קיין קריעגער און איז א פייגלינג (טרוס).

דער צויבערער האט געזעהן, אז ער איז פערלארען. זיינע ברידער האלטען

איהם פאר א בעטריעגער. זיי וועלען איהם מארטערן און טוידטען. ער מוז יעצט טהאן עפּעס: לעבען אדער שטארבען! פאר איהם איז יעצט אלעס איינס.

ער האט געוואָרפען א פינסטערן בליק אויף אלע אנוועזענדע. אלע זיינען געווען ערנסט און טרויעריג. ער האט געהאפּט דאס לאנגע מעסער, וואס קורומיללא האט געהאלטען אין דער האנד, האט זיך געשטעלט אויף דעמזעלבען ארט, וואו וואלענ־טין איז געשטאנען, און האט האסטיג אריינגעשטעקט דאס שארפע מעסער זיך אין מויל. א שטראם שווארצעס בלוט האט זיך א גאס געטהאן פון איהם. ער האט אנגעהויבען צו ציטערן און איז באלד אומגעפאלען. צום אונגליק, איז ער נאך געפאלען אויף זיין געזיכט. דאס מעסער איז נאך טיעפער אריין אין זיין לייב.

קיינער איז נים צוגעלאָפען צו איהם. קיינער האט איהם נים געוואָלט העלפען. אלע זיינען יעצט געווען איבערצייגט, אז ער איז ווירקליך א בעטריעגער. דער גרויסער גייסט האט איהם ווירקליך געשטראפט.

איינינע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. דיעזע שרעקליכע סצענע האט גע־מאכט אויף יעדען א טיעפען איינדרוק. ענדליך איז קורומיללא געקומען צו זיך.

— ווארפט ארויס דעם שווינדלער פאר דיא הינט! האט ער געזאגט צו דיא קריעגער. איהר זעהט דאך, אז דער גרויסער גייסט האט איהם געשטראפט פאר זיין שווינדעל און בעטרוג!

יעצט איז טראנגאָיל־לאָנעק צוגעגאנגען צו דיא פראנצויזען. ער האט געגעבען וואלענטינען דיא האנד און האט איהם געזאגט:

— פון יעצט אן זיינען מיר ברידער אויף אייביג, ברידער אויף לעבען און טויט, ברידער, ביז מיין מויל וועט אטהעמען און א גליעד אין מיר וועט זיך נאך ריהרען.

ער האט געזאגט דיעזע ווערטער אזוי פריינדליך, אזוי ווארם, אזוי טריי, אז דיא פראנצויזען זיינען געווען גערירט, און האבען איהם געדריקט דיא הענד.

פון זיי איז ער אוועקגעגאנגען צו זיין פרוי און קינדער. האט זיי אפּגעבונדען און האט זיי געדריקט צום הערצען. אין דער צייט, וואס טראנגאָיל־לאָנעק איז געווען בעשעפטיגט מיט זיין פאמיליע, האט וואלענטין געזאגט צו לואיס׳ן:

— נו? וויא געפעלט דיר דיא קאמעדיע? זעהסט דוא, אז א מענש דארף אלעס קענען, זאגאר דיא קונסטשטיקע פון א טאשענשפּיעלער. אָט איז מיר יעצט צוניץ געקומען אזא קונסטשטיק. איך האב מיך גוט אויסגעדרעהט און האב געשפּיעלט מיין ראָלע גאנץ גוט.

— וואו אבער האָסט דוא גענומען דיעזעס שווערד, וועלכעס שרויבט זיך צונויף?

— איך האב מיט מיר מיטגענומען אלע מיינע אינסטרומענטען, האט וואלענטין געענטפערט. איך האב געוואוסט. אז מיר פאהרען קיין אמעריקא, א לאנד פון שווינדעל און בעטרוג און האב מיר געדאַכט, פיעללייכט וועט דא אנגעהן אזא אונ־שולדיגער שווינדעל אויך. — דוא זעהסט, אז עס איז מיר היינט צוניץ געקומען.

— יא, ברודער! דוא האָסט געראַטעט א מענשען.

— איך האב אבער אויך געטויטעט א מענשען.
— דער איז געווען א שווינדלער און האט עס פערדיענט.

21טעס קאפיטעל.

דיא בעערדיגונג פון אַ קאַציק.

דער שרעקליכער טויט פון'ם צויבערער האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף אלע אנוועזענדע. דיא אינדיאנער זיינען גרויסע קינדער. זיי האבען זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז א צויבערער, א דאקטאר זאל קענען אזוי גיך שטארבען.

ווען קורומיללא אבער האט איהם אוועקגעשטופט פון זיין אָרט מיט דיא פיס, האבען זיי שוין אליין איינגעזעהן, אז ער איז ווירקליך טויט. לאנגזאם מיט שרעק און ציטערניס איז איינער נאכ'ן אנדערן צוגעקומען צו איהם, האבען איהם אנגעריהרט און געזעהן, אז ער איז ווירקליך טויט. זיי האבען זיך אין גאנצען בערוהיגט, האבען ענדליך גענומען זיין טויטען קערפער און האבען איהם אוועקגעטראגען ווייט פון'ם דאָרף. דאָרט האבען זיי איהם אוועקגעוואָרפען אין דער פרעריע.

ביי אלע נאטור פעלקער, וועלבע מיר רופען ווילדע פעלקער, איז איינגעוואָרצעלט א געפיהל פון נערעבטיגקייט. זיי זיינען גוט, עדעל, בארמהערציג און גערעבט. דיא אייראפעער האבען זיי אויסגעלערנט צו זיין פאלש, זיך צו פערשטעלען, ניט ארויס־צו זאגען, וואס זיי מיינען און צו קוקען אויף יעדען פרעמדען מענשען, וויא אויף א פיינד.

דיא אייראפעאישע ציוויליזאציאן האט זיי פערדאָרבען מאָראליש און האט זיי פערניכטעט.

ווען אלע האבען זיך ענדליך פאָלשטענדיג בערוהיגט, האט קורומיללא געזאגט.

— מיר ווייסען יעצט, ווער עס האט געטויטעט מיין פאטער. דער גרויסער גייסט אליין האט זיך פאר איהם נוקם געווען. מיר קענען יעצט איבערגעבען זיין קערפער דער היילינער ערד.

דאן איז ער צוגעגאנגען צו דיא צוויי פראנצויזען, האט זיך פאר זיי גאנץ העפליך פערנייגט און האט זיי געפרעגט:

— ווען מיינע ברידער מיט דיא בלייבע געזיכטער בייוואינען דיא בעערדיגונג פון מיין פאטער?

— מיר בלייבען ביי אייך, האט וואלענטין געענטפערט.

— אונזער דאָרף איז גרויס. מיינע ברידער וועלען אונז ערצייגען א גרויסע עהרע, ווען זיי ווילען בלייבען ביי אונז. איהר זייט מיינע געסט.

לואיס האט געוואלט עפעס ענטפערן, ווען טראנגאָיל־לאנעק איז צוגעקומען צו זיי.

— מיינע ברידער, דיא בלייבע געזיכטער, האבען אנגענומען מיין גאסטפריינד־שאפט, האט ער געזאגט. זיי האבען מיר צוגעזאגט צו זיין מיינע געסט, נאך ווען מיר האבען זיך בעגעגענט אויף דער פרעריע היינט אין דער פריה.

וואלענטין האט זיך פערנייגט, אלס צייכען, אז טראנגאָיל־לאנעק האט רעכט. זיי האבען איהם צוגעזאגט, צו זיין זיינע געסט.

— נו, דאס מאכט ניט אויס, האט קארמיללא געענטפערט. דיא פרעמדע מענער וואוינען אין וואס פאר א געצעלט, זיי ווילען. זיי בלייבען דאך מיינע געסט, וויל איך בין יעצט דער קאציק פון'ם פאלק דער גרויסער האז.

— דאנק, קאציק! האט וואלענטין אויסגערופען, מיר אנערקענען אייער פריינד-ליכקייט און זיינען אייך זעהר דאנקבאר.

קורומיללא האט א נייג געטהאן מיט'ן קאפ און איז אוועקגעגאנגען צום טויטען קערפער פון זיין פאטער. יעצט אז דער צוויבערער איז טויט, מוז ער אליין פיהרען דיא גאנצע צערעמאניע.

ער האט געגעבען א צייכען. דיא מענער זיינען אוועק אן א זייט און האבען געמאכט פּלאץ פאר דיא פרויען, וועלכע זיינען יעצט צוגעקומען צום טויטען. זיי זיינען ארומגעגאנגען ארום איהם און האבען געזונגען מיט א טרויעריגע שטימע א לאנגעס ליעד, אין וועלכער זיי האבען דערצעהלט, וואס פאר א העלד ער איז געווען און וואס ער האט געטהאן פאר זיין פאלק.

דיא טרויער צערעמאניע האט געדויערט א גאנצע שטונדע. ענדליך זיינען דיא פרויען אפּגעטרעטען. פיער שטארקע קריעגער האבען גענומען דאס בעטעל פון צווייגען, אויף וועלכער דער טויטער איז געלעגען, און האבען זיא געטראגען אין דער הויך. אלע זיינען נאכגעגאנגען.

צוערשט זיינען געגאנגען דיא מענער ערנסט און פערטראכט. דאן זיינען גע-גאנגען דיא פרויען. יעדע פרוי האט געטראגען א ברעטעלע מיט הייס אש. פון צייט צו צייט האט זיא אויסגעשאטען דאס הייסע אש אויפ'ן וועג. זיי האבען עס געטהאן דערפאר, אז דיא זעעלע פון'ם טויטען זאל ניט קענען צוריקגעהן אין דארף און בע-אונרוהיגען דיא לעבעדיגע. אויפ'ן הייסען אש וועט זיא ניט קענען גע'ען.

אזוי איז געגאנגען דיא צערעמאניע, ביז זיא איז אנגעקומען צו א גרין בערגעל. דארט איז געווען אויסגעראבען א גרוב. קורומיללא האט געקוילעט זיין פאטער'ס פערד און זיינע הינט און האט זיי אריינגעווארפען אין גרוב, אום ווען זיין פאטער וועט קומען אויף דיא פרעריעס פון'ם הימעל און וועט ווילען זיך נאכיאגען נאך ווילדע טהיערע, זאל ער האבען אנגעגרייט א פערד און הינט. דאן האט ער איהם מיטגע-געבען אויף יענער וועלט זיין מעסער, זיין פייל און בויגען און אלע וואפען, וועלכע א יעגער דארף האבען.

ער האט איהם מיטגעגעבען שפייז אויפ'ן וועג. פון דער ערד ביז צום הימעל איז וויטער א וועג, מען מוז עפּעס עסען אויפ'ן וועג. ווען מען קומט שוין אן אויפ'ן הימעל, דארף מען אויך עפּעס עסען, איידער מען קוקט זיך ארום ,און מען געפינט וואס צו עסען.

ווען דיא צערעמאניע האט זיך געענדיגט, האט מען אנגעהויבען צו שיטען ערד אויפ'ן טויטען, ביז עס איז געווארען א בערגעל אויפ'ן גראב. אזוי וויא דער טויטער איז געווען א קאציק, האט יעדער פון דיא אנוועזענדע געמוזט ברענגען א גרויסען שטיין און איהם ארויפלעגען אויפ'ן גראב, ביז עס איז געווארען א גאנצע זייל פון שטיינער. אויף דיעזע שטיינער האט מען אויסגעגאסען פיעלע לעדערנע פלעשער

מיט „משאקי", דאס געטרענק, וועלכעס מיר האבען שוין בעשריעבען.

נאך דער צערעמאָניע האט קורומיללא, דער איצטינער קאציק, איינגעלאדען אלעמען צו זיך אויף א מאלצייט.

דיא צוויי פראנצויזען האבען צוגעזעהן אלע דיעזע ווילדע צערעמאָניען מיט שטוינען און בעוואונדערונג. דאס שיקזאל האט זיי אונערוואַרטעט פערוואָרפען צווישען אנדערע מענשען, וועלכע רעדען אנדערע שפראכען און פיהרען אנאנדער ארט לעבען, האבען גאנץ אנדערע זיטען (מנהגים) אנדערע מאניערען און אנדערע בעגריעפע פון'ם לעבען.

זיי האבען פערבראכט אין דאָרף ביי קורומיללא און זייער פריינד טראנגאָיל-לאָנעק איינינע טעג. באלד זיינען זיי בעקאנט געווארען מיט אלע איינוואוינער. וואלענטינען האט מען גאר ניט געלאזט לעבען. אלע האבען יעצט געוואוסט, אז ער איז א גרויסער דאקטאר און א צויבערער. מען איז געקומען צו איהם פון אלע זייטען מיט אלערליי קראנקהייטען, ער זאָל זיי היילען. דער ארימער פראנצויז האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. צום גליק האט ער אין דיא לאזארעטען און שפיטאלען פון דער ארמעע געזעהן, וואס דיא דאקטוירים טהוען און וואס זיי גיבען דיא קראנקע. ער האט אויך געהיילט, וויא ער האט געקענט.

איינעם האט ער געהייסען צולעגען קאלט וואסער, דעם אנדערן האט ער געהייסען טרינקען הייס וואסער. דעם דריטען האט ער געגעבען אנאנדער מיטעל, וואס ער האט אויסגעטראכט. לואיס האט איהם אויך זעהר פיעל געהאָלפען. ער איז געווען א געבילדעטער מאן און האט געלעזען זעהר פיעל מעדיצינישע ביכער. ווען עס פלעגט קומען א שווערער פאל, וואו וואלענטין האט שוין גאר ניט געוואוסט וואס צו טהאן, פלעגט איהם לואיס אויסהעלפען. לואיס האט נאך אין מארסייל אנגעקויפט איינינע בעקאנטע מעדיצינען, וויא כינא, אמאניא און אנדערע קליינינ-קייטען. מיט דיעזע מיטעל האבען ביידע פראנצויזען געהיילט אלע מעגליכע קראנקהייטען.

וואונדערבאר! זיינע מיטעל האבען געהאָלפען. ער איז באלד געווארען בע-קאנט אין דער גאנצער געגענד אלס א גרויסער דאקטאר.

איין טאג איז קורומיללא געקומען צו זיי און האט זיי איינגעלאדען אויף א גרויסען באלל.

— וואס איז היינט פאר א באלל? האט לואיס געפרעגט.

— אזוי וויא דער אלטער „מאטשי", איז געשטאָרבען, האבען מיר געמוזט וועהלען א נייעם, האט קורומיללא ערקלערט. אונזער פאָלק מוז האבען א „מאטשי", א צויבערער. מיר קענען זיך אן איהם ניט בעגעהן. מיר האבען געוועהלט א נייעם צויבערער און ער מאכט יעצט א מאלצייט פארן גאנצען פאָלק.

ביידע פראנצויזען זיינען געווען נייגיעריג צו זעהן דיא נייע צערעמאָניע. זיי האבען זיך אין דער לעצטער צייט שטארק פעראינטערעסירט מיט'ן לעבען פון דיעזע זאָנדערבארע מענשען.

דער מאהלצייט איז געווען א גרויסארטיגער. גאנצע „חיישען" זיינען געלעגען

נעבראטענערהייט אויף פלעקער אריינגעשלאָגען אין דער ערד. מען האט גע־עסען און געטרונקען „טשאַקי", וויפיעל מען האט געוואלט. ענדליך האט מען ארויפגע־שטעלט פאר דיא געסט א גרויסען קאָרב מיט הארט געבראטענע אייער. אלע האבען גענומען דיא אייער און האבען זיי פערשלונגען מיט'ן גרעסטען אפעטיט, נור דיא צוויי פראנצויזען האבען זיי ניט געגעסען.

— פאר וואס עסט איהר ניט דיא אייער? האט קורומיללא געפרעגט. עסען דיא בלייבע געזיכטער גאר קיין אייער?

— מיר עסען אייער, אבער ווען מען מאכט זיי אנדערש, האט וואלענטין גע־ענטפערט.

— איהר עסט זיי געווים רויערהייט? האט קורומיללא געפרעגט.

— ניין, מיר עסען זיי ניט רויערהייט, אבער ניט אזוי הארט, ווי איהר מאכט זיי. דער אינדיאַנער האט איהם ניט פערשטאַנען און האט עס איהם געזאגט.

— איך פערשטעה ניט, וויא אזוי מען קען מאכען אייער אויף אן אנדער ארט. אונזערע עלטערן האבען אזוי געגעסען אייער און מיר עסען זיי אויך אזוי.

— נו, וועל איך אייך ווייזען, וויא אזוי מען מאכט א פאנקוכען און מען עסט אייער אויף אנאנדער ארט.

דיא איבעריגע געסט האבען זיך צוגעהערט און האבען זיך אויך געוואונדערט.

— ארימעס פאָלק! האט וואלענטין געזאגט צו זיין מילך ברודער. זיי זיינען נאך גאר קינדער. זיי ווייסען נאך גאר ניט. מען מוז זיי אלעס ערקלערן. מען מוז עס אבער טהאן אזוי, אז זיי זאלען שטוינען און זאלען דערצעהלען דער גאנצער וועלט, אז דיא בלייבע געזיכטער זיינען ווירקליך צויבערער.

לואיס איז געווען טרויעריג. איהם האבען בעשעפטיגט גאנץ אנדערע געדאנקען. ער האט געקלערט, ווער עס איז גליקליכער: דיעזע איינפאכע ווילדע, דיעזע קינדער פון דער פרייער נאַטור, וועלכע ווייסען זאגאר ניט, אז מען קען אנדערש צובערייטען אן איי, אדער מיר, שטאָלצע אייראפּעער, וועלכע האבען שוין אלעס פּראָבירט און קיין זאך געפעלט אונז שוין מעהר ניט. מיר זיינען שוין צו זאט, מיר האבען זיך איבערגעגעסען. אום אונז צו בעפריעדיגען מוזען מיר שוין האבען עטוואס נייעס, עטוואס אונגעוועהנליכעס. מיר מוזען שוין האבען גראָבע ביכער פון וועלכע מיר לערנען זיך קאָכען....

דער לוסטיגער וואלענטין אבער האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען. ער איז אויפגעשטאנען און האט זיך געווענדעט צו דיא פערזאמעלטע:

— הייליגעס פאָלק פון גרויסען האָז! האט ער אויסגערופען. מאָרגען אין דער פריה זאלט איהר זיך אלע פערזאמלען אויפ'ן גרויסען פלאַץ פונ'ם דאָרף. איך וועל אייך דאָרט לערנען דיא גרויסע קונסט, וועלכע נור דיא גייסטער קענען — וויא אזוי צו מאכען א פאנקוכען!

לואיס האט געמוזט לאכען. וואלענטין האט געהאלטען זיין רעדע אזוי ערנסט און אזוי פייערליך, אז דיא אינדיאַנער זיינען געוואָרען שטאַרק פעראינטערעסירט. יעדער האט געוואָלט וויסען וואס דער צויבערער פון דיא בלייבע געזיכטער וועט זיי לערנען.

22טעס קאפיטעל.

אן ערקלערונג.

מיר מוזען זיך אומקעהרן צו דער פארם, וואו דאניא ראזאריא איז געווען, ווען דיא פראנצויזען האבען זיא אזוי אונערוואַרטעט גערעטעט.

דיא ערשטע פאר טאג, נאכדעם וויא דיא צוויי פראנצויזען זיינען אוועקגעפאהרען פון דער פארם, איז דאניא ראזאריא געבליעבען פערשלאָסען אין איהר צימער. זיא האט געזאגט, אז זיא פיהלט זיך ניט גוט און איז אין ערגעץ ניט געגאנגען. דאָן טאָדעאָ איז געווען בעשעפטיגט מיט אנדערע זאכען און האט זיא בעזוכט זעהר זעלטען.

פאר איהם האט זיא זיך פערשטעלט, אז זיא איז גאנץ צופריעדען און איז נור אביסעל איבערגעשראָקען פון דער שרעקליכער נאכט, ווען מען האט זיא אוועקגערויבט מיט געוואַלד. קוים פלעגט ער אבער אוועקגעהן און זיא לאזען אליין, פלעגט זיא שטילערהייט ארויסגעהן פון איהר צימער, שטילערהייט פערקריעכען אין גארטען און זיך זעצען אונטער דעם בוים, וואו זיא האט געזעהן איהר געליעבטען.

דארט פלעגט זיא אוועקזיצען שטונדען לאַנג פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען. — איהר שיקזאל איז ווירקליך א טרויעריגער. ווער איז זיא? — דאס האט זיא ניט געוואוסט. — ווער זיינען איהרע עלטערן? דאס האט זיא ניט געקענט זאגען. זיא האט געוואוסט, אז א מאָל האט זיא געלעבט מיט א שעהנער פרוי. איז דיעזע פרוי געווען איהר מוטער? זיא האט עס ניט געקענט זאגען פאר געוויס. פלוצלונג איז געקומען א מאן און האט זיא מיט געוואלד אוועקגענומען פון דיעזער פרוי. — ווער איז דיעזער מאן? פאר וואס האט ער זיא אוועקגעפיהרט פון דער פרוי?

זיא האט שטענדיג געלעבט אליין. איהר איינציגער פריינד, וועלכער פלעגט אָפט קומען צו איהר, מיט איהר רעדען, זיא טרייסטען און זיא שטיצען, איז געווען דאן טאדעאָ. אבער אויך דיעזער פריינד איז געווען פאר איהר א רעטעניש. עס זיינען פאָרגעקומען צייטען, ווען ער האט זיא וואָכען לאַנג ניט בעזוכט. פלוצלונג פלעגט ער אנקומען, זיא אננעהמען ביי דער האנד און זיא אוועקפיהרען ערגעץ וויים, וויים פון דעם אָרט, וואו זיא איז געווען ביז אהער.

אָפט פלעגט ער זיא אוועקפיהרען אויף הונדערטער, זאגאר אויף טויזענדער מייל. אזוי האט ער זיא אמאל אוועקגעפיהרט קיין פראנקרייך. עס איז אוועקגעגאנגען א געוויסע צייט, ביז זיא האט זיך בעקענט מיט פאריז און מיט'ן לעבען אין פראנקרייך. עס איז איהר געפעלען. זיא וואָלט שוין מיט פערגניגען געבליעבען אין פראנקרייך. פלוצלונג האט מען איהר געהייסען פאהרען. וואוהין פאהרען? — דאס האט זיא ניט געוואוסט.

— ווער בין איך ענדליך? וואס טהוט זיך מיט מיר? פאר וואס טאר איך ניט בלייבען אויף איין אָרט? פאר וואס יאָגט מען מיך אזוי ארום פון איין אָרט צום אנדערן? וואס האב איך אזעלכעס פערבראָכען, וואס איך טאָר ניט בלייבען אויף איין ארט?

אויף דיעזע פראגען האט איהר קיינער ניט געענטפערט. זיא האט זיך ניט איין מאל געווענדעט צו דאן טאדעא מיט דיעזע פראגען. ער האט איהר אבער ניט געענטפערט. נור איין מאל איז ער געווען זעהר טרויעריג, ווען ער איז געקומען צו איהר, זיא האט איהם געפרעגט: וואס עס איז מיט איהם?

— ארימעס, ארימעס קינד! האט ער אויסגערופען. איך וועל דיך פערטהיידיגען! איך וועל דיך בעשיצען!

מעהר האט ער ניט גערעדט. דאס אונגליקיליכע מעדכען איז געווארען נאך טרויעריגער. זיא האט פערשטאנען, אז זיא איז אין געפאהר, אז מען מוז זיא פערטהיידיגען.

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע טאג. איין מאל, ווען זיא איז געזעסען פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען, איז פלוצלונג אריינגעקומען אין איהר צימער דאן טאדעא. ער האט זיך אנגעבויגען צו איהר און האט איהר א קוש געטהאן אין שטערן, וויא ער פלעגט טהאן יעדעס מאל, ווען ער פלעגט זיא בעזוכען.

— איך האב מיט דיר עפּעס צו רעדען, ראזאריא, האט ער געזאגט האסטיג.

— רעד, ליעבער פריינד, האט דאס מעדכען געענטפערט. דוא ווייסט דאך, אז איך פאלג דיר שטענדיג.

— איך האב אבער קיינע פרעהליכע נייעס פאר דיר, ליעבעס קינד.

— זאג מיר אלעס, איך בין שוין געוואוינט צו הערן ניט פרעהליכע נייעס.

— ליעבעס קינד, האט דאן טאדעא געזאגט ערנסט, זעהר וויכטיגע געשעפטען צווינגען מיך צו פאהרען קיין וואלדיוויא.

— אך! האט זיא אויסגערופען מיט שרעק, איהר וועט דאך געוויס מיך ניט לאזען דא אליין?

זיא איז געווען אזוי איבערגעשראקען, זייט מען האט זיא אוועקגערויבט דעם 5טען מאי, ביי נאכט, אז זיא האט געציטערט צו בלייבען אליין.

— איך האב אנפאנגס געוואלט דיך לאזען דא אליין. איך האב מיך אבער איבערלעגט, אז עס איז גלייכער, איך זאל דיך מיטנעהמען מיט מיר. ווערסט דוא פאהרען מיט מיר, ראזאריא?

— יא, פריינד! מיט דיר וועל איך פאהרען אין עק וועלט, אליין האב איך מורא דא צו בלייבען. — ווען דענקסט דוא צו פאהרען?

— מארגען אין דער פריה. גרייט אן אלעס, וואס דוא דארפסט אויפן וועג.

— איך וועל זיין פערטיג אויף דער רייזע מארגען גאנץ פריה.

ער האט זיך ווידער אנגעבויגען צו איהר, האט איהר א קוש געטהאן אין שטערן און איז שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון איהר צימער. זיא איז געבליעבען אליין און האט זיך פערטראכט.

— ווייטער פאהרען, ווייטער לויפען — וואוהין? — וואס איז מיר דער אונטערשיעד? מיין שיקזאל איז שוין אזוי. איך מוז פאהרען, וואנדערן, ניט רוהען אויף איין ארט. — ווי לאנג וועט עס דויערן? — וועל איך אייביג מוזען זיך ארומיאגען

פון ארט צו ארט? — וועל איך נאך אמאל זעהן דעם, און וועלכען מיין הערץ האנגט? וועל איך נאך אמאל זיך בעגעגענען מיט מיין לואיס? —

אזוי איז זיא געזעסען, ביז שפעט אין דער נאכט און האט געטראכט און האט געטרוימט פון איהר לעבען, פון איהר זאנדערבארען שיקזאל און פון—איהר געליעבטען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז זיא מיט איהר פאָטער ארויסגעפאהרען פון דער פארם. זיי זיינען געפאהרען קיין וואלדיוויא.

מיר האבען ביז אהער אזוי פיעל מאל דערמאנט דאס וואָרט וואלדיוויא, אז מיר מוזען געבען דעם לעזער איינינע ערקלערונגען איבער וואלדיוויא.

אין 1551 האט א שפאניער מיט'ן נאמען דאָן פעדראָ דע וואלדיוויא אפגענומען דאס לאנד פון דיא אינדיאנער און האט געבויט א שטאדט, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען נאך זיך אליין. באלד האט מען דאס גאנצע לאנד ארום אנגעהויבען צו רופען וואלדיוויא.

דיא שטאָדט וואלדיוויא איז ניט גרויס. זיא איז אבער זעהר שעהן און זעהר ריין. זיא איז ניט מעהר וויא צוויי מייל ווייט פון'ם מעער און שטעהט לעבען א טייך, וועלכער הייסט אויך וואלדיוויא. דיא גאסען פון דער שטאָדט זיינען ברייט. יעדעס הויז שטעהט בעזונדער אין א גרויסען גארטען. דיא לופט איז ריין און געזונד, ווייל דיא שטאָדט שטעהט אויף א בארג.

וויא אין אלע שפאנישע שטעדט, זיינען אין וואלדיוויא דא פיעלע קאטוילישע קירכען. בעזאנדערס בעריהמט איז אין וואלדיוויא א פרויען מאָנאסטיר. אהין האט דאן טאדעאָ געפיהרט דאס יונגע מעדכען. ער האט געוואוסט, אז נור דארט קען זיא זיין זיכער. דיא קאטויליקען וועלען קיין מאל ניט וואגען אריינצוקומען מיט געוואלד אין א מאָנאסטיר און אוועקרויבען א פרוי.

דאן טאדעאָ איז געווען בעקאנט מיט דער אבטעסין פון דיעזען מאָנאסטיר. ער האט געוואָלט איבערגעבען דאס יונגע מעדכען דער אבטעסין אין דיא הענד. ער אליין האט אויך געוואָלט פערברענגען א געוויסע צייט אין וואלדיוויא. ער האט ניט געקענט בלייבען נאהענט לעבען סאנט יאגא, וואו מען האט איהם געזוכט און מען וואלט איהם געקענט יעדעס מאל חאפען און איהם הייסען שיעסען.

דיא רייזע קיין וואלדיוויא האט אין יענער צייט געדארפט געדויערן צוויי — דריי וואָכען, בעזאנדערס ווען מען איז געפאָהרען מיט א פרוי. אין טשילי זיינען דיא וועגען נאך ניט אזוי שלעכט. מען קען נאך פאָהרען אין א קארעטע. ווען מען קומט אבער אין דער פרעריע, מוז מען דיא קארעטע איבערלאזען און מען מוז פאָהרען רייטענדיג.

מיר טרעפען אונזערע אלטע בעקאנטע: דאן טאָדעאָ און דאן גריגאָריא, וויעדער אין א צימער אין א גאסט-הויז אין וואלדיוויא.

עס איז נאכט. דער דיענער פון'ם האטעל האט נור וואָס אריינגעבראכט א ליכט און האט עס אניעדער געשטעלט אויפ'ן טיש.

— נו, וואָס הערט זיך? האט דאן גריגאָריא געפרעגט.

— איך האב זיא איבערגעלאזען אין מאָנאסטיר, האט דאן טאדעא געענטפערט. איך האָף, אז זיא איז דארט זיכער.

— גוט, וואס זיא איז דערוייל זיכער. מיר מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג. מיר מוזען זיך נאך בעסער פערשטעלען.

— פאר וואָס איז אזוי? האָט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— זינט איהר זייט אוועקגעגאנגען מיט דאָניא ראָזאריאָ, בין איך אביסעל ארומגעגאנגען אין שטאדט און האב מיך אביסעל אומגעקוקט. איך בין געוואהר געווארען וואונדערבארע זאכען.

— וואס זייט איהר געוואָהר געוואָרען? האט דאן טאדעאָ געפרעגט פער־וואונדערט.

— בוסטאמענטע איז דא אין שטאָדט.

— אזוי גיך?

— ער איז אנגעקומען נאך מיט דריי טעג צוריק.

— וויא קומט ער אהער? האט דאן טאדעא גערעדט, וויא צו זיך אליין. דאס איז נ׳ט אומזיסט. עס מוז עפעס זיין אן אורזאכע, וועלכע האט איהם געבראכט אהער. ער איז נאך ניט אין גאנצען געזונד. זיין וואונד האט זיך נאך ניט אין גאנ־צען פערהיילט. — אך! וויא שאדע, וואס מען האט איהם ניט געטוידטעט אין דער קווינטא ווערדע!

— איך האב נאך א נייעס פאר אייך, האט דאן גריגאָריאָ ווייטער געזאגט. דיעזע נייעס איז אויך קיין פרעהליכע.

דאן טאדעא איז געוואָרען אונרוהיג.

— ווייסט איהר, ווער עס איז געקומען מיט איהם?

— זיינע סאָלדאטען און זיין הענקער (תליון).

— נאך ערגער. זיין געליעבטע, דאניא מאריא!

דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער איז געוואָרען בלייך, וויא קאַלך. פאר סאָלדאטען און הענקער האט ער ניט מורא געהאט. פאר דיעזע פרוי האט ער געציטערט. ער האט געוואוסט, אז דיעזע פרוי איז אויף אלעס פעהיג. אויסערדעם איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם, וואס זיא איז געקומען מיטן גענעראל אזוי פראנק און פריי פאר דער גאנצער וועלט. צוואר האבען אלע געוואוסט, אז זיא איז דעם גענעראל׳ס געליעבטע. ביז אהער אבער פלעגען זיי זיך שעהמען צו ווייזען זיך עפענטליך צוזאמען.

— עס קען ניט זיין! האט דאן טאדעאָ אויסגערופען. איהר האט א טעות.

— איך האב זיא אליין געזעהן.

דאן טאדעאָ איז אויפגעשפרונגען און איז ארומגעגאנגען אין צימער אויפגערעגט און אונרוהיג. איינינע מינוט האבעןביידע פריינד געשוויעגען. פלוצלונג איז דאן טאדעא צוגעקומען צו זיין פריינד און האט איהם אנגענומען ביי דער האנד.

— ליעבער, גוטער פריינד! האט ער אויסגערופען, ביזט דוא זיכער, אז דוא

האסט געזעהן דאניא מאריא? האסט דוא זיך איבערצייגט, אז זיא איז עס ווירקליך מעגליך, אז עס האט זיך דיר נור אויסגעוויעזען?

— איך האב זיא אליין געזעהן מיט מיינע אויגען. זיא איז היינט פון ערגעץ אנגעקומען. נור צוויי דיענער האבען זיא בעגלייט.

— פערדאממט! דיעזע פרוי איז מיין בעזער גייסט. וועט זיא מיך אייביג פערפאָלגען?

— מיר מוזען זיא פערניכטען, האט דאן גרינאריא געזאגט ערנסט. זיא שטעהט אונז אין וועג. דיא רעגעלן פון אונזער געזעלשאפט פאָרדערן, אז מיר זאָלען זיא פערניכטען.

— טוידטען א פרוי? וואס רעדסט דוא, פריינד? האט דאן טאדעאָ אויסגערופען. דאס האבען דיא דונקעלע הערצער קיין מאל ניט געטהאן. זיי קעמפפען געגען מענער, אבער ניט געגען פרויען.

— איך זאג ניט, מען זאל זיא טוידטען; איך זאג, אז מען זאל זוכען א מיטעל, זיא זאל אונז ניט קענען שאדען. מען זאל זיא האלטען אין אן ארט, וואו זיא זאל זיך ניט קענען ריהרען. דיא דונקעלע הערצער האבען געשוואָרען. זיי זאלען בעשטראפען יעדע אונגערעכטיגקייט, עס מעג זיא בעגעהן א מאן אדער א פרוי. מיר טוידטען קיינע פרוי, אבער מיר בעשטראפען זיא.

— שא! האט געזאגט דאן טאדעא. מיר דאכט, אז מען שטעהט לעבען אונזער טהיר.

אין דיעזע מינוט האט איינער אנגעקלאפט אן דער טהיר.ביידע פריינד האָבען אראפגערוקט דיא היטע איבער דיא אויגען. דאן טאדעאָ האט זיך צוגעקלעבט א פלעסטערעל צו דער נאז. דאן גרינאָריא האט זיך אנגעטהאן א באָרד און האט געזאגט:

— הערריין!

דיא טהיר האט זיך געעפענט און א מאן איז אריינגעקומען אין צימער. דאן טאדעאָ האט איהם באלד דערקענט. דאס איז געווען דערזעלבער פעדראָ, א מיטגליעד פון דיא דונקעלע הערצער, וועלבער האט זיי געבראכט דעם גענעראל בוסטאמענטע. דאן טאדעאָ האט איהם ניט געגלויבט און האט איהם נאך דאמאָלס געהאלטען פאר א שפיאָן.

— גאט גרים אייך, מיינע הערען! האט דער פרעמדער געזאגט.

דאס איז דער געוועהנליכער גוט מארגען אדער גוטען אבענד ביי דיא שפאניער.

— וואס ווילט איהר עפעס זאגען, מיין הערר? האט דאן גרינאָריא געפרעגט און האט זיך בעמיהט צו פערענדערן זיין שטימע, דער פרעמדער זאל זיא ניט דערקענען.

— מיינע הערען, האט דער פרעמדער געזאגט, איך קום יעצט פון סאנט יאגא. איידער איך בין אוועקגעפאָהרען, בין איך געווען אין דער באנק, וואו איך האלט מיין געלד. דער באנקיר האט מיר געגעבען אנווייזונגען אויף פערשיעדענע קויפלייטע אין וואלדיוויא. איין אנווייזונג האב איך אויף א קויפמאן מיט'ן נאמען דאן גרינאריא דע פעראלטא. ער וואוינט ניט דא אין שטאדט. ער איז אויך ניט

לאנג געקומען. איך בין געקומען אייך פרעגען, פיעללייכט ווייסט איהר, ווער ער איז.
— איך הייס דאן גרינאַריאָ דע פעראַלטאָ! גיט מיר אייער אנווייזונג.
— עס איז אויף אַ גרויסע סומע — הונדערט פעזאָס.
— גיט אהער, איך וועל אייך בעצאהלען.
דער מאן האט ארויסגענומען אן אנווייזונג און האט זיא איהם געגעבען. דאן גרינאַריא האט בעטראכט דיא אנווייזונג ביים ליכט און האט געפונען, אז זיא איז אין ארדנונג. ער האט ארויסגענומען הונדערט פעזאס פון זיין ביי-גארטעל און האט בעצאהלט דעם פרעמדען.
דער שפּיאָן האט גענומען דאס געלד, האט עס לאנגזאם און פאָרזיכטיג איבערגעצעהלט, גלייך וויא ער גלויבט ניט, אז דא זיינען ריכטיג הונדערט פעזאס. אין דער צייט וואָס ער האט געצעהלט, האט ער געוואָרפען פאָרשענדע בליקען אויף ביידע מענער. ווען ער האט איבערגעצעהלט דאס געלד און האט שוין געדארפט אוועקגעהן, האט ער בעמערקט גלייכגילטיג:
— עס קומט מיר פאר זאנדערבאר —
— וואָס איז? איהר האט געפונען, אז דאס געלד איז ניט ריכטיג?
— ניין, דאס געלד איז ריכטיג, אבער —
— וואס אבער?
— איך האב געמיינט, אז איהר זייט אַ קויפמאן.
— פון וואַנען ווייסט איהר, אז איך בין ניט קיין קויפמאן?
— וואָלט איהר דאך געדארפט האבען אַ קאָנטאָר?
— איך בין אַ קליינער קויפמאן און האב נאך קיין קאנטאָר ניט, האט דאן גרינאריא געענטפערט.
עס איז געווען דייטליך, אז דער שפּיאָן האט געוואָלט זיי פערוויקלען אין אַ געשפּרעך. ער האט שוין געוואוסט, ווער איינער פון זיי איז און האט זעהר געוואָלט וויסען, ווער עס איז דער אנדערער. דאן טאדעאָ האט עס פערשטאנען און האט אומיסטען געשוויעגען.
— ווען איהר זאלט ניט דארפען אזוי נעטהיג דאס געלד, האט דאן גרינאריא ווייטער געזאגט —
— דאס געלד מוז איך האבען, האט איהם דער שפּיאן אונטערבראָכען.
— וואָלט איך אייך געבעטען, איהר זאלט קומען מאָרגען אין דער פריה.
— דאס קען איך ניט, האט דער שפּיאן געענטפערט. איך בין אין אַ פרעמדער שטאדט, וואו קיינער קען מיך ניט און קיינער וועט מיר ניט באָרגען אַ סענט.
— גוט! איהר האט דאך אייער געלד.
דער פרעמדער האט געזעהן, אז קיינער וויל מעהר ניט רעדען. ער האט זיך פערנייגט זעהר העפליך און איז זיך ארויסגעגאנגען.
— דאס איז גענעראל בוסטאמענטע'ס אַ שפּיאָן, האט דאן גרינאַריא געזאגט. ווען זיי זיינען וויעדער געבליעבען אליין.
— איך האב איהם באַלד דערקענט, האט דאן טאדעאָ געענטפערט. ער האט

צוואר אראפגערוקט דעם הוט איבער דיא אויגען, מען זאל איהם ניט דערקענען. ער האט אבער פערגעסען צו ענדערן זיין שטימע.

דאן גרינאריא האט יעצט ארויסגענומען דיא אנווייזונג און האט זיא אנגעהויבען צו בעטראכטען פון אלע זייטען. דאס איז געווען א גאנץ געוועהנליכע אנווייזונג, וויא אלע באנקירען גיבען ארויס. אין דריי ערטער אבער האט דיא פעדער א שפריץ געטהאן. עס האבען זיך געבילדעט ארום איינינע בוכשטאבען שווארצע פינטעלעך. זא לאנגע דער שפיאן איז געווען אין צימער, האט דאן גרינאריא עס ניט בעמערקט אדער ניט געוואלט בעמערקען. יעצט האט ער זיך צוגעקוקט צו דיזע פינטעלעך.

— מיר זיינען פערראטהען! האט ער אויסגערופען און האט דערלאנגט דיא אנווייזונג דאן טאדעא.

דאן טאדעא האט בעטראכט דיא אנווייזונג און האט אויך דערזעהן דיא פינטעלעך און האט פערשטאנען, וואס זיי בעדייטען.

— מען וויים אלעס, האט ער געזאגט, מיר קענען דא אין גאסט-הויז ניט בלייבען. איך האב ניט געוואלט פערפאהרען צו מיר א היים, ווייל איך האב גערעכענט, אז אין א גאסט-הויז וועלען מיר זיין זיכערער. יעצט זעה איך, אז מען וויים, ווער מיר זיינען.

— אלזא, מוזען מיר אוועקגעהן פון דאנען.

— וואס שנעלער, אלץ בעסער.

דאן גרינאריא האט גענומען דיא אנווייזונג און האט זיא פערברענט. דאן האבען ביידע מענער גענומען זייערע פיסטאלעטען, האבען זיי בעטראכט אויב זיי זיינען שארף געלאדען און האבען זיי אריינגעשטעקט אין גארטעל. דאס איז נאך געווען ווענינ. זיי האבען נאך גענומען צוויי לאנגע שארפע מעסערס און האבען זיי אריינגעשטעקט אין לעדערנע שיידען, וועלכע האבען אראפגעהאנגען פון זייערע גארטלען. ווען זיי זיינען געווען פערזארגט מיט וואפען, האבען זיי זיך איינגעהילט אין לאנגע מאנטעל, האבען אראפגערוקט זייערע הים איבער דיא אויגען און זיינען ארויסגעגאנגען אויף דער גאס.

אין דרויסען איז געווען שטארק פינסטער. אין דיא גאסען זיינען געווען ווענינ מענשען. אין יענע צייטען איז ניט געווען גאנץ זיכער ארומצושפאצירען ביי נאכט אין דיא גאסען פון א שטאדט. דיא עהרליכע איינוואוינער פלעגען זיך פערשליעסען און פערשפארען אויף ביי נאכט אין זייערע הייזער. עס איז זעהר מעגליך, אז אין יענער צייט האט זיך געבילדעט דאס שפריכווארט: „מיין הויז איז מיין שלאס“.

זיי זיינען ארומגעגאנגען א לאנגע צייט אין פערשיעדענע גאסען. יעדעס מאל האבען זיי זיך אומגעקוקט, אויב מען געהט זיי ניט נאך, ביז זיי זיינען אוועקגעגאנגען אין עק שטאדט. דארט זיינען זיי געבליעבען שטעהן פאר א „טשיקאנגא“, א סארט שענק, אדער ביער סאלאן פון דער ניעדעריגסטער ארט. מען מוז זיין אין לענדער, וואו עס וואוינען שפאניער, און זעהן מיט דיא אויגען אזא שענק אום צו פערשטעהן, וואס דאס איז.

שטעלט אייך פאר א ניעדעריג שטיבעלע. דיא ווענט זיינען שווארץ פון רויך,

אויפ׳ן באדען ליעגט דער שמוץ אויף א פאר צאל טיעף. אין גאנצען הויז ברענט נור איין חלב׳ן ליכטעל, אז עס איז שווער צו דערקענען א מענשען. דאס איז א „טשיקאנגא״.

אין אזא שענק קומען זיך צונויף דיא ניעדעריגסטע מענשען. מען שפיעלט אין ווירפעל און אין שמוציגע קארטען. זעהר אפט צוקריעגט מען זיך. מען חאפט ארויס מעסערס און מען שלאגט זיך. זעהר אפט בלייבט איינער ליעגען טוידט אויפ׳ן שמוציגען באדען. דער ווירטה ווארפט איהם ארויס, וויא א הונט, אויף דער גאס. קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אזעלכע זאכען.

אונזערע לעזער דארפען ניט פערגעסען, אז מיר בעשרייבען אמעריקא מיט זעכציג יאהר צוריק. דאמאלס זיינען דיא מענשען געוועזן ווילדער און ניט אזוי ציוויליזירט, וויא יעצט. דאמאלס האט אין אמעריקא געקענט לעבען נור דער עמיגראנט, וועלכער איז געוועזן שטארק גענוג זיך צו פערטהיידיגען. דאס לעבען פון א מענשען האט קיין ווערטה ניט געהאט. מען האט ניט געטארט ארויסגעהן אויף דער גאס אהן א געלאדענעם פיסטאלעט און אהן א שארף מעסער אין גארטעל.

ווען מען רופט דיא אינדיאנער ווילדע מענשען, האט מען א גרויסען טעות. דיא ציוויליזירטע, פרומע אייראפעער זיינען ווילדע, אדער נאך ערגער פון ווילדע. דיא אינדיאנער זיינען געווארען ווילד, ווען זיי האבען זיך בעקענט מיט דיא אייראפעער.

דיא אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער זיינען געבליעבען שטעהן פאר אזא טשיקאנגא, פון וועלכער מען האט געהערט א ווילדע מוזיק. אין שענק זיינען געזעסען פיער אפגעריסענע און פערווילדעטע מוזיקאנטען און האבען געשפיעלט אויף אלטע, צובראכענע אינסטרומענטען.

דאן טאדעא און זיין פריינד האבען זיך ענגער פערהילט אין זייערע מאנטלען און זיינען אריינגעגאנגען אין שענק. זיי זיינען שטילערהייט פארבייגעגאנגען פאר דיא זאנדערבארע געסט פון דיעזען שענק און האבען זיך געשטעלט אין א פינסטער ווינקעלע. דארט איז געוועזן דיא טהיר צום קעלער פון׳ם שענק.

דיא טהיר פון׳ם קעלער איז געוועזן אפען. דיא פרעמדע זיינען שטילערהייט אראפגעגאנגען אין קעלער. קיינער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט. קיינער האט זיי ניט בעמערקט. דיא געסט האבען געטרונקען און זיך צוגעהערט צו דער זאנדערבארער מוזיק.

זיי זיינען אראפגעגאנגען א צעהן טרעפ און זיינען געבליעבען שטעהן. דארט האט געשטעקט א חלב׳ן ליכט אין א לייכטעריל פון פריש לעהם. דאס לייכטעריל מיט׳ן ליכט זיינען געשטאנען אויף א גרויס פאס, אויף וועלכען עס איז געזעסען א מאן. ער האט זיך ניט אומגעקוקט, ווען ער האט געהערט, אז מענשען קומען.

— וואס ווילט איהר: וויין, שנאפס אדער טשיקא? האט ער געפרעגט גלייכגילטיג.

— מיר ווילען וויין, אבער שטארקען פראנצויזישען וויין, האט דאן טאדעא געענטפערט.

ביי דיא לעצטע ווערטער איז דער מאן אויפגעשפרונגען, גלייך וויא ער וואלט געזעסען אויף א שפרינג פעדער (ספראנדזינע). ער האט א קוק געטהאן אויף דיא צוויי געסט. זיי האבען געטראגען מאסקעס אויף זייערע געזיכטער.

— וואס פאר א וויין פערלאנגט איהר: ווייסען אדער רויטען? האט ער געפרעגט.

— רויטען, שטארק רויטען, האט דאן טאדעא געענטפערט.

— פון וואס פאר א יאהר?

— פון 1817.

דאס איז געוועזען דאס יאהר, ווען דיא איינוואוינער פון יענע געגענדען האבען אנגעהויבען אראפצו־ווארפען פון זיך דעם יאך פון דער שפאנישער רעגיערונג און זיינען געווארען פרייע רעפובליקען.

— אויב איהר פערלאנגט אזא אלטען וויין, מוזט איהר געהן אויף דער רעכ־טער זייט, האט דער מאן געזאגט. דיעזער וויין איז זעהר טהייער. מיר האלטען איהם אין א גאנץ בעזונדערן קעללער.

— וויל מען טרינקט איהם נור אין א גרויסען פייער טאג, האט דאן טאדעא געזאגט.

דער מאן האט ערוואורטעט דיעזעס אנטווארט. ער איז געווארען ערנסט, האט אנגעהויבען דעם קאפ און איז צוגעגאנגען צו דער וואנד. דארט האט ער זיך אנגעשפארט. א שטיין האט זיך לאנגזאם אוועקגערוקט פון זיין ארט. עס האט זיך געוויזען א שמאלע און ניעדעריגע טהיר. דאן טאדעא מיט זיין קאמעראד זיינען אריינגעגאנגען אין דער טהיר. זיא איז געוועזען צו ענג פאר צוויי מענשען. זיי האבען געמוזט געהן איינציג ווייס. באלד האט זיך דער שטיין וויעדער צוגערוקט אויף זיין ארט. דיא וואנט איז וויעדער געווארען גאנץ, גלייך וויא מען וואלט זיא קיין מאל ניט געריהרט.

23טעס קאפיטעל.

וויא מען מאכט א פאנקוכען.

וואלענטין איז געוועזען אן עכטער פראנצויז. ער האט פערשטאנען, וואס פאר א מענשען דיא אינדיאנער זיינען און וויא אזוי מען קען ווערן ביי זיי בעליעבט און בערידהמט. אזא געלעגענהייט האט ער געוואלט בענוצען. ער האט גאנץ ריכטיג בע־רעכענט, אז עס איז פיעל בעסער צו לעבען צווישען דיא גוטע און עהרליכע אינדיא־נער, אלס צווישען דיא שלעכטע און פערדארבענע אייראפעער. אלזא, מוז מען זעהן, אז דיא אינדיאנער זאלען ווערן זיינע פריינד און זאלען גלויבען, אז ער איז דער גרעסטער צויבערער אין דער וועלט.

לואיס'ן איז עס צוואר ניט געפעלען. ער האט ניט געוואלט אפנארען דיא ארימע, אונוויסענדע ווילדע מענשען. ער האט אבער גאר ניט געקענט העלפען.

דעם אנדערן טאג נאכ'ן באלל, וואס דער נייער צויבערער פון'ם פאלק דער גרויסער האז, האט געגעבען פאר זיינע לאנדסלייט, האט וואלענטין פערזאמעלט א

גרויסע מענגע אויפֿן פּלאַץ אין דער מיט דאָרף. מענער, פרויען און קינדער האבען זיך געדרענגט און געשטופּט זעהן דאס גרויסע וואונדער, וואס דער צובערער פון די״א בלייכע געזיכטער וועט ווייזען.

אין דער מיט פּלאַץ האט לוסטיג געברענט א פייער. ניט ווייט פון׳ם פייער איז געשטאנען אן איינפאכער טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אייער, בוטער, שמאלץ און אנדערע ארטיקעל, וואס מען געברויכט אין א קיך.

אלע האבען געווארט, דער קאַציק האט געדארפט אנקומען. אהן דעם קאַציק האט מען ניט געטאָרט אנהויבען אזא היילינע צערעמאניע. באלד איז געקומען דער קאַציק.

דיא אינדיאנער האבען ליעב, אז אלעס זאל געטהאן ווערן מיט א געוויסער צערעמאָניע. דער קאַציק טאָר זיך ניט איילען. ער מוז קומען שפּעטער פון אלעמען און מוז זיך שטעלען אויף אן אָרט, וואו ער זאל אויסקומען העכער פון אלעמען.

ווען דער קאַציק איז אנגעקומען, זיינען אלע געבליעבען שטעהן שטיל און רוהיג אויף זייערע ערטער. וואלענטין האט זיך געשטעלט לעבען גרויסען טיש און האט אנגעהויבען צו האלטען א רעדע.

— קאַציק, הויפּטלינגע און איהר גרויסע און שטארקע קריעגער פון׳ם היילינגען פאלק דער גרויסער האָז! איך וויל אייך יעצט ווייזען, וויא דער גרויסער גייסט (גאָט) האט ליעב אלע זיינע קינדער. דיא בלייכע, וויא דיא רויטע. ער גיט אונז שפּייז און לערנט אונז, וויא אזוי צו מאכען, אז דאס עסען זאל זיין געשמאק און זעטיג.

ער האט דערביי געמאכט איינינע צייכענס, וועלכע דיא ווילדע האבען ניט פערשטאַנען. דאן האט ער גענומען אייער פון׳ם טיש, האט זיי צוקלאפּט, האט אריינגעשאָטען זאלץ בענאָסען מיט בוטער און האט זיי געשטעלט פּרעגלען אויפֿן פייער. עס איז באלד געווארען דערפון א פאנקוכען.

ווען עס איז פערטיג געווארען, האט ער אראפּגענומען דעם פאנקוכען פון׳ם פייער און האט איהם געגעבען צו פערזוכען צוערשט דעם קאַציק, דאן דיא הויפּט-לינגע, דאן דיא איבעריגע קריעגער. דיא אינדיאנער האבען געשטוינט. אזא געשמאקע זאך האבען זיי נאך אין זייער לעבען ניט געגעסען.

— דאס איז גוט! דער פרעמדער מיט׳ן בלייכען געזיכט איז א גרויסער דאקטאר! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

— דאס איז נאך ניט אלעס! האט וואלענטין ווייטער געזאגט. איך קען נאך מאכען אנדערע געריכטען פון אייער. איך וועל אייך לערנען דיעזע גרויסע קונסט, וועלכע דער גרויסער גייסט האט געלערנט זיינע בלייכע קינדער.

ווייסט אבער, פירסטען און העלדען, אז ניט אלע בלייכע געזיכטער זיינען שלעכטע מענשען. מיר זיינען ניט געקומען אוועקנעהמען ביי אייך אייער לאנד; מיר זיינען ניט געקומען האנדלען מיט אייך און צונעהמען ביי אייך אייערע זאכען. מיר זיינען געקומען אייך בעזוכען און אייך אויסלערנען גוטע און ניצליכע זאכען. מיר זיינען אייערע פריינד, אייערע ברידער!

ערשט יעצט האט לואיס פערשטאנען, צו וואס פאר א צוועק וואלענטין האט פעראנשטאלטעט דיזע גאנצע צערעמאָניע.

— ליידער, קענען מיר ביי אייך נים בלייבען לאנג, האט וואלענטין געזאגט. מיר מוזען מאָרגען אוועקפאהרען. —

— בלייבט ביי אונז! בלייבט אונזערע געסט! האט מען געשריען פון אלע זייטען. לערנט אונז, וויא צו קאָכען היילט אונזערע קראנקע! זייט אונזער מעדיצין מאן!

דאס האט וואלענטין געוואָלט. ער האט געוואָלט, אז זיי וועלען קומען אין א דאָרף פון אינדיאנער, זאל מען זיי אויפנעהמען מיט פרייד

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האבען דיא צוויי פראנצויזען אנגעהויבען זיך פארבערייטען אין וועג. זיי האבען צוזאַמענגעלעגט זייערע זאכען און אנגעזאָטעלט זייערע פערד. קורומיללא און טראנגאיל-לאנעק זיינען געקומען צו זיי, האבען זיי בעגריסט און האבען זיך געזעצט לעבען זיי.

— זיינען מיינע ברידער מיט דיא בלייבע געזיכטער ווירקליך ענטשלאָסען אונז צו פערלאָזען? האט קורומיללא געפרעגט טרויעריג.

— יא, קאציק, האט לואיס געענטפערט. מיר מוזען אוועקפאהרען.

— זייט איהר מיט אונז נים צופריעדען? האט דער קאציק ווייטער געפרעגט זיינען דיא רויטע מענשען נים געווען גוט געגען אייך?

— ניין, פירסט. איהר האט אונז אויפגענומען זעהר פריינדליך און איהר האט אונז בעהאנדעלט, וויא קינדער פון אייער פאָלק.

— אלזא, פאר וואס ווילט איהר אונז פערלאָזען? האט טראנגאַיל-לאנעק זיך אפגערופען. אייך איז גוט ביי אונז — בלייבט ביי אונז!

— הויפטלינג! האט וואלענטין געענטפערט, דאס ערשטע מאל, ווען איהר האט אונז בעגעגענט אויף דער פרעריע, האב איך אייך דערצעהלט, אז מיר ווילען בעזוכען דעם קאציק פון דיא שווארצע שלענג מיטין נאמען אנטינאהועל. איהר האט אונז איינגעלאדען צו אייך אין דאָרף און מיר זיינען געקומען. יעצט מוזען מיר פאהרען צום קאציק אנטינאהועל.

— מוזען מיינע ברידער בעזוכען דעם טיגער פון דער זון? האט דער אינדיאנער געפרעגט.

— יא, מיר מוזען איהם בעזוכען, האט וואלענטין געענטפערט.

— איהר זאָלט איהם זעהן! האט טראנגאַיל-לאנעק געזאגט ענטשלאסען.

— מיר ווילען נאך היינט פאהרען צו איהם.

— מיינע ברידער וועלען נים פאהרען אליין.

— וואס מיינט איהר דער מיט, הויפטלינג? האט וואלענטין געפרעגט.

— דאס לאנד פום קאציק אנטינאהועל איז נים זיכער פאר דיא בלייבע געזיכטער.

— מיין ברודער האט גערעטעט מיין בעסטען פריינד פום טויט, האט יעצט קורומיללא זיך ארייגגעמישט. איך וועל איהם נים לאזען פאהרען אליין. איך וועל איהם בעגלייטען, וואוהין ער וועט געהן.

— וואס רעדט איהר, קאַציק? מיר זיינען רייזענדע, וועלכע ווייסען נאך אליין ניט, וואוהין זיי געהן און וואס זיי וועלען טהאָן. וויא קענט איהר געהן מיט אונז?

— וואוהין איהר וועט געהן, דאָרט וועל איך געהן, האט דער קאַציק גע-ענטפערט.

— וואס זאגט איהר, ברידער? האט לואיס אויסגערופען. וויא קענט איהר איבערלאזען אייערע פרויען, אייערע קינדער?

— אונזערע פרויען און אונזערע קינדער וועלען בלייבען ביי מיין פאָלק. זיי זיינען פערזאָרגט.

— גוטע, ליעבע פריינד! האט לואיס אויסגערופען. מיר קענען עס אונז אליין ניט ערלויבען, אז איהר זאלט אלעס איבערלאזען און ארומוואנדערן מיט אונז! בלייבט אין דער היים! ווייזט אונז נור דעם וועג צו דעם דאָרף, וואו אנטינאהועל וואוינט און געהט אייך צוריק.

— מיינע ברידער מיט דיא בלייבע גוזיכטער זיינען ניט בעקאנט מיט אונזערע פרעריען, האט טראַנגאַיל-לאַנעק זיך אריינגעמישט. ווען פיער מענשען פאהרען צוזאמען, זיינען זיי א מאכט; ווען צוויי מענשען פאהרען אליין, וועלען זיי שטארבען. מיר מוזען פאהרען מיט אייך.

עס איז פערגאנגען א געראַמע צייט, איידער דיא צוויי פראנצויזען האבען איינגעוויליגט, אז דיא אינדיאנער זאלען זיי בעגלייטען. וואלענטין האט עס ניט גע-מיינט אזוי ווייט. ער האט געוואלט, אז מען זאל איהם קענען צווישען דיא אינדיאנער. ער האט אבער ניט געקענט פאָראויסזעהן, אז דיעזע צוויי מענשען זאלען זיך צו איהם צוקלעפּען, אז זיי זאלען שוין גאר ניט וועלען אפּטרעטען פון איהם.

דיא פראנצויזען האבען זעהר גוט פערשטאנען, אז דיא אינדיאנער זיינען בעסער בעקאנט מיט דיא פרעריען און קענען זיי ווירקליך זעהר פיעל נוצען ברענגען.

מען האט זיך אנגעהויבען פאָרצובערייטען צו דער רייזע. באלד איז מען געוואָהר געווארען אין גאנצען דאָרף, אז דיא פראנצויזען פאהרען ווירקליך אוועק. אלע זיינען זיך צונויפגעקומען אויפ'ן גרויסען פלאַץ. יעדער האט זיי געוואָלט זעהן. יעדער האט געוואָלט זיי דריקען דיא הענד. יעדער האט געוואָלט נעהמען אבשיעד פון זיי.

אויף פיעלע געזיכטער האבען זיך געוויעזען טרעהרען. פיעלע האבען זיי ווירקליך ליעב בעקומען אין דער קורצער צייט, וואס זיי האבען זיך אויפגעהאלטען אין דאָרף.

עס איז פערגאנגען דער טאג אין געזעגענען זיך און אין פאָרבערייטונגען. ערשט דעם אנדערן טאג גאנץ פריה זיינען פיער רייטער ארויסגעפאהרען פון דאָרף אויף שטארקע אינדיאנישע פערד. דאס זיינען געווען אונזערע צוויי פראנצויזען, קורומיללא און טראַנגאַיל-לאַנעק.

24טעם קאפיטעל.
דער טיגער פון דער זון.

מיר האבען געזעהן, וואס אין יענער צייט האט זיך געטהאן אין טשילי. גע נעראל בוסטאמענטע האט געוואלט, אז טשילי זאל ווייטער געהערן צו שפאניען. דאן טאדעא און דיא דונקעלע הערצער האבען געוואָלט, אז טשילי זאל זיין א פרייעס לאנד, וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דאן טאדעאָ האט געלערנט אין ניו יאָרק און האט געוואוסט, וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען ווערן רעגירט. אזא אָרט רעגירונג איז איהם געפעלען, ער האט געוואָלט, אז אין זיד־אמעריקא זאלען זיך אויך פעראייניגען פיעלע לענדער צוזאמען און זאלען בילדען א גרויסע און שטאַרקע רעפובליק.

אין דער צייט, וואס דיא ווייסע מענשען האבען זיך געריסען צווישען זיך, האבען איינער דעם אנדערן געטויטעט, איינער דעם אנדערן פערפאָלגט און איינער דעם אנדערן געוואָלט איינשלינגען, האט אן אנדיאנער פירסט געמאכט א גאנץ אנדערן פלאן. דיעזער אינדיאנער פירסט איז געוועזן אנטינאהועל, דער טיגער פון דער זון. ער איז געוועזן א „טאָקי“ א קייסער איבער פיעלע קאציקען און הויפטלינגע.

זיין פלאן איז געוועזן, אז יעצט איז געקומען דיא צייט, אז מען זאל ארויסטרייבען פון אמעריקא אלע ווייסע מענשען. יעצט, ווען זיי קריעגען זיך און רייסען זיך צווישען זיך, זאל ער פערזאמלען אלע זיינע קריעגער, זאל אויפשטעלען א גרויסע ארמעע און זאל אנהייבען צו פיהרען א שרעקליכען און בלוטיגען קריעג געגען אלע ווייסע מענשען. יעצט איז געקומען דיא צייט, ער זאל זיך נוקם זיין פאר אלע בעליידיגונגען און אונגערעכטיגקייטען, וואס דיא ווייסע האבען בעגאנגען געגען דיא אינדיאנער.

ער איז געוועזן גאנץ קלוג און זעהר פאָרזיכטיג. ער האט קיינעם ניט געזאגט פון זיין פלאן. ער האט זיך געוויעזען פאר דיא אייראפעער, אז ער איז זייער בעסטער פריינד. שטילערהייט אבער האט ער ארויסגעשיקט קוריערן מיט א בינטעל פיילען צו יעדען קאציק און צו יעדען הויפטלינג. א בינטעל פיילען איז א צייכען, אז אלע קריעגער דארפען זיין פאָרבערייטעט צו יעדער צייט צו זעצען זיך אויפ'ן פערד און צו פאהרען אין קריעג.

קורומיללא און טראנגאָיל־לאנעק האבען אויך ערהאלטען אזא בינטעל פיילען. זיי האבען געוואוסט, אז עס וועט זיך באלד אנהויבען א שרעקליכער קריעג צווישען דיא שפאניער און דיא אינדיאנער. דאס איז געוועזן פונקט אין דעם טאג, ווען זיי האבען בעגעגענט דיא צוויי פראנצויזען.

דיא שפאניער זיינען געוואָהר געוואָרען, אז דער טיגער פון דער זון פערזאמעלט זיינע קריעגער. זיי האבען אבער ניט פערשטאנען זיין ריכטיגען פלאן. בוסטאמענטע האט גערעכענט, אז ער וועט איהם אונטערקויפען מיט געלד און מיט שעהנע רעד און אנטינאהועל וועט שיקען זיינע קריעגער איהם צו הילף. דאן טאדעא האט געהאָפט, אז עס וועט איהם געלינגען איבערצורעדען דעם טיגער פון דער זון, ער זאל שטעהן אויף זיין זייט און זאל קעמפפען געגען גענעראל בוסטאמענטע.

צו דיזעם צוועק האט דאן טארעא געשיקט דיא צווי פראנצויזען מיט א בריעף צום טיגער פון דער זון.

מיר האבען שוין דערצעהלט, וויא דאניא מאריא איז געקומען צופאהרען צו אנטינאהועל און וואס זיי האבעןביידע גערעדט.

עס איז גאנץ פריה, דאניא מאריא איז נור וואס אויפגעשטאנען. זיא האט באלד געהייסען אז מען זאל איינשפאנען איהר וואגען, ווייל זיא וויל באלד אוועקפאהרען. ווען זיא איז ארויסגעגאנגען פון איהר צימער, האט זיא בגעגענט איהר ברודער אנטינאהועל שטעהן פאר זיין טהיר. ער איז געווען ערנסט, פערטראכט און פינסטער.

— וויל מיין שוועסטער שוין אזוי גיך אוועקפאהרען? האט ער געפרעגט.

— יא, איך מוז פאהרען, האט דאניא מאריא געענטפערט. עס ווארטען אויף מיר פריינד אין וואלדיוויא.

דער אינדיאנער פירסט האט געשוויעגען. אויף זיינע ליפען האט געשפיעלט א זאנדערבארער שמייכעל. פון זיינע אויגען זיינען געפלויגען בליצען פון האס און פעראכטונג.

— מיין ברודער האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט אויך באלד קומען קיין וואלדיוויא, האט דאניא מאריא בעמערקט.

— איך וועל דארט זיין זא שנעל, וויא נור מעגליך, האט דער פירסט געענטפערט.

— דאן וועלען מיר זיך דארט ווידערזעהן?

— עס קען זיין, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט קורץ.

— ניין! ניט עס קען זיין, מיר מוזען זיך זעהן דארט, האט דאניא מאריא געזאגט שטרענג.

זיא האט זיך דערמאנט אן דיא אלטע יאהרען, ווען זיא פלעגט בעפעהלען אין דער קליינער ווילדער פלעגט איהר מוזען פאלגען. דער אינדיאנער פירסט האט אביסעל געטראכט, איידער ער האט געענטפערט.

— גוט! האט ער דאן געזאגט. מיין שוועסטער מעג פאהרען. מיר וועלען זיך ווידערזעהן.

אין דיזע מינוט האט מען ארויסגעפיהרט דעם וואגען. דאניא מאריא האט אבשיעד גענומען פון איהר ברודער און איז אוועקגעפאהרען. זיא האט געזעהן, אז ער איז היינט קאלט און פערטראכט. זיא האט אבער געמיינט, אז דאס איז דערפאר, וואס זיי האבען זיך אזוי לאנג ניט געזעהן.

קוים איז דאניא מאריא אוועקגעפאהרען, איז אנטינאהועל אריינגעגאנגען אין זיין הויז און האט געזאגט צו זיין מוטער.

— פרוי! גרייט מיר אן אלעם אויפן וועג. איך געה אין דאס גרויסע דארף פון דיא בלייבע געזיכטער.

— איך האב געהערט אלעס, וואס מיין זוהן האט גערעדט מיט דער ווייסער פרוי, האט דיא אלטע מוטער געענטפערט טרויעריג. מיין זוהן איז אונגערעכט.

— איך בין אונגערעכט ? האט דער טינער פון דער זון אויסגעשריען. פאר וואס בין איך אונגערעכט ?

— מיין זוהן איז א גרויסער פירסט. דיא ווייסע פרוי אבער וויל איהם אפ-נארען. זיא וויל איהם פערפיהרען. מיין זוהן דארף בעשיצען דאס ווייסע מעדכען, דיא פערל פון דיא בערג און נים זיא טויטען.

— איך וויל בעשיצען דיא פערל פון דיא בערג.

— מיין זוהן פערגעסט, אז זיא האט אמאל גערעטעט זיין לעבען.

— שווייג, פרוי ! אנטינאהועל פערגעסט קיין זאך ניט ! — געה און גרייט מיר אן אלעס, וואס איך דארף אויפן וועג.

דיא אונגליקליכע אלטע פרוי איז נעגאנגען איהם אנגרייטען אלעס, וואס אן אינדיאנער פירסט דארף מיטנעהמען אויף דער רייזע.

אנטינאהועל איז אויך ניט געזעסען לעדיג. ער ארויסגעגאנגען אין דרויסען, האט געשיקט רופען איינעם פון זיינע בעסטע הויפטלינגע און האט איהם געהייסען אויסקלויבען דרייסיג פון דיא בעסטע קריעגער, וועלכע זאלען אין א שטונדע ארום זיין פארבערייטעט צו פאהרען מיט איהם. דאן האט ער זיך אניעדערגעזעצט אויף א באנק פאר זיין הויז און האט זיך פערטראכט.

ער האט געטראכט איבער דאס שיקזאל פון זיין פאלק. זיי האבען געלעבט שטיל, רוהיג און פריעדליך. פלוצלונג זיינען אנגעקומען מענשען פון ווייטע לענדער, האבען צוגענומען ביי זיי זייער לאנד, האבען זיי פערטריעבען, פעריאגט, פערפאלגט און פעראכטעט. פאר וואס קומט עס זיי ? פאר וואס דערלאזט עס דער גרויסער גייסט ?

— מיר זיינען אליין שולדיג. האט ער גערעדט צו זיך אליין. מיר האבען אויפ-גענומען דיא בלייכע געזיכטער אלס פריינד, מיר האבען זיי בעהאנדעלט, וויא ברידער. זיי זיינען שלעכט און פערדארבען. פאר וואס זאלען מיר נים אויפשטעהן אלע, וויא איין מאן און זיי פערניכטען ? —

פלוצלונג האט ער דערהערט א ליארם אין דארף. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און דערזעהן, וויא צוויי ווייסע מענשען פאהרען ארויף אויפ'ן בערגעל, וואו זיין דארף איז געשטאנען. ער האט געווארפען א בליק פון ביטערן האס און פעראכטונג אויף דיא פרעמדע און איז געבליעבען זיצען אויף זיין ארט. ער האט געוואוסט, אז קוים וועלען זיי ארייגקומען אין דארף, וועט מען זיי צופיהרען צו איהם.

וואלענמין איז געווען אזוי בעשעפטיגט מיט זיין רייזע, אז ער האט פערגעסען דעם בריעף, וואס דאן טאדעא האט איהם געגעבען אויף זיין נאמען, ערשט ווען זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון דעם דארף, וואו קורומיללא איז געווען קאציק. ער האט איבערגעלעזען דעם בריעף און האט געמאכט א זויערע מינע.

— נא, לואיס, לעז דוא דיעזען בריעף און זאג דיין מיינונג.

לואיס האט איבערגעלעזען דעם בריעף און איז געווארען ערנסט.

— איך האב מיך אין דער היים קיין מאל ניט בעשעפטיגט מיט פאליטיק, זאל איך מיך אין אמעריקא אנהויבען צו בעשעפטיגען דער מיט ? האט ער געזאגט

טרויעריג. — ניין! איך וויל דערפון ניט וויסען. פאָליטיק איז א געפעהרליכע זאך. מען קען זיך זעהר לייכט אפברייהען.

— ניט אין אמעריקא, האט וואלענטין געענטפערט. אין אייראפא קען מען זיך פערברענען דיא פינגער, ווען מען ריהרט זיך צו צו פאָליטיק, אין אמעריקא ווערט מען רייך פון דער פאָליטיק.

— ליעבער פריינד! האט לואיס אויסגערופען. וואס טויג עס אונז? איך וויל ניט וויסען פון פאָליטיק! איך וויל זאגאר ניט וויסען פון דיא דונקעלע הערצער. —

— פאר וואס ניט? זיי זיינען גאנץ בראווע מענשען.

— וואס געהט עס אבער אונז אן? האט לואיס אויסגערופען. צו וואס זאלען מיר זיך אריינמישען אין זאכען, וואס געהן אונז גאר ניט אן?

— מיר זיינען אין אמעריקא, האט וואלענטין געזאגט ענטשלאָסען. אלעס מוז אונז אנגעהן. וואס דען זאלען מיר טהאן? מיר קענען ניט פאהרען צוריק אהיים. מיר מוזען בלייבען דא. ווען מיר בלייבען דא, מוזען מיר זיך אינטערעסירען מיט אלעס, וואס קומט דא פאָר. — איך בין ענטשלאסען איבערצוגעבען דעם בריעף דעם אינדיאנער פירסט און דאן פאהרען קיין וואלדיוויא צו אונזערע פריינד פון סאנט־יאגאָ.

— טהו, וויא דוא פערשטעהסט! האט לואיס געזאָגט פערצווייפעלט. איך וועל נעווים געהן, וואוהין דוא וועסט מיך פיהרען. פערגעס אבער ניט, אז מיר שטעלען איין אונזער לעבען, מיר ריסקירען אונזערע קעפּ.

— ליעבער ברודער! איך וועל ניט ריסקירען מיין קאָפּ, וויל דאס איז דערוויל מיין גאנצעס פערמעגען. דיין קאָפּ וועל איך געווים ניט ריסקירען, וויל ער געהערט ניט צו מיר. — זיי זיכער, איך וועל זיין פאָרזיכטיג.

— דאס איז עטוואס אנדערש. ווען דוא וועסט זיין פאָרזיכטיג, פאהר איך מיט פערגעניגען קיין וואלדיוויא. איך וויל מיך אביסעל בעקענען מיט אמעריקא און מיט'ן לעבען פון דיא אייראפּעער, וועלכע וואוינען שוין לאנג אין אמעריקא

— אזוי רעדסט דוא, וויא א מענש! האט וואלענטין געשפּאסט. מיר זיינען אין אמעריקא און מיר מוזען ווערן אמעריקאנער.

אויפ'ן גאנצען וועג האבען זיי מעהר ניט גערעדט. דיא אינדיאנער זיינען אים אלגעמיין שטילע מענשען. זיי האבען פיינט פיעל צו רעדען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו א וועלדעל ניט ווייט פו'ם דאָרף וואו אנטינאהועל האט געוואוינט, האט קורו־מיללא געהייסען בלייבען שטעהן.

— ביז אהער זיינען מיר געפאהרען צוזאמען, האט ער געזאגט צו דיא צוויי פראנצויזען. יעצט מוזט איהר פאהרען אליין. מיר קענען ניט קומען מיט אייך צו־זאמען פאַרן גרויסען „טאָקי" אנטינאהועל.

— פאר וואס איז עס, קאציק? האט וואלענטין געפרעגט.

דער „טאָקי" דאַרף ניט וויסען, אז מיר זיינען ברידער, האט קורומיללא גע־ענטפערט. פאהרט איהר אליין. ווען איהר וועט קומען צוריק, וועט איהר אונז טרעפען דא אין וועלדעל.

וואלענטין האט איהם צוואר ניט גוט פערשטאנען. ער האט אבער געוואוסט,

אז קורומיללא איז זיין פריינד און ווען ער זאגט, אז ער קען ניט פאהרען מיט איהם, האט ער געוויס זיינע אורזאכען. ער האט פראבירט איהם אויספרעגען, אויב ער האט ניט וואס מורא צו האבען פאר דעם אינדיאנער פירסט און קורומיללא האט איהם געענטפערט.

— עס הערשט דערוויל פריעדען צווישען דיא בלייבע געזיכטער און דיא רויטע מענשען. מיינע ברידער קענען זיין רוהיג. עס וועט זיי קיין שלעכטעס פאסירען. קורומיללא און טראנגאיל־לאנעק וואכען איבער אייך.

וואלענטין און לואיס זיינען געפאהרען אליין. דאס דארף איז געווען ניט וויים. קוים זיינען זיי אנגעקומען אויפ'ן בערגעל, האבען זיי בעגעגענט איינינע אינדיאנער און האבען זיי געפיהרט אין דארף אריין.

וויא נאהענט זיי וואוינען לעבען דיא שפאניער, איז דאך א ווייסער מענש א זעלטענער גאסט אין אן אינדיאנער דארף. אין יענע צייטען האט מען געקענט קומען אין א דארף, וואו פיעלע איינוואינער, בעזאנדערס דיא פרויען און קינדער, האבען נאך קיין מאל קיין ווייסען מענשען ניט געזעהן.

עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואס קוים האבען זיך דיא צוויי פראנצויזען געוויעזען אין דארף, האבען זיך באלד פערזאמעלט ארום זיי א גרויסע מעננע מענ־שען. וואלענטין האט גערעדט און געשפאסט מיט אלעמען. ער האט געבעטען, אז מען זאל איהם פיהרען צום הויז, וואו דער קאציק וואוינט. איינער פון דיא קריעגער האט איהם צוגעפיהרט צום הויז, וואו עס זיינען געשטאנען דרייסיג קריעגער מיט זייערע פערד פערטיג צור אפרייזע. אנטינאהועל איז געזעסען אויף דער באנק רוהיג און ערנסט.

— אט איז דער גרויסער טאקי, דער הערשער איבער אלע לענדער פון אראאוקאניא! האט געזאגט דער מאן, וועלכער האט צוגעפיהרט דיא צוויי פראנצויזען.

ביידע יונגע לייט האבען זיך פערנייגט פארן גרויסען הערשער. אנטינאהועל האט אויף זיי געווארפען א ווילדען בליק. דענאך האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט פריינדליך:

— פרעמדע, איהר זייט ווילקאמען אין מיין דארף! מיין הערץ פרעהט זיך אייך צו זעהן.

— מיר דאנקען פאר דיא גוטע ווערטער פונ'ם גרויסען פירסט, האט וואלענטין געזאגט און האט זיך נאך אמאל פערנייגט. דיא פריינד, וועלכע האבען אונז געשיקט צום מעכטיגען הערשער פון דיא שווארצע שלענג, האבען אונז פריהער געזאגט, אז ער איז אזוי גוט און אזוי עדעל, וויא ער איז שטארק און מעכטיג.

וואלענטין האט געוואלט זאגען א חניפה דעם אינדיאנער פירסט. ער האט אבער דא ניט געטראפען. אנטינאהועל איז געבליעבען ערנסט און פינסטער.

— ווען מיינע פריינד האבען אייך געשיקט, האט ער געזאגט געלאסען, דאן זייט איהר מיר דאפעלט ווילקאמען. איך וועל מיר געבען אלע מיהע, עס זאל אייך זיין אנגענעהם, זא לאנג איהר וועט זיין אין מיין דארף.

ער האט געגעבען א ווינק איינעם פון זיינע קריעגער, ער זאל צונעהמען ביי

דיא פרעמדע זייערע פערד און זאל זיי ארייגפיהרען אין א הויז. ער אליין איז געבליע־בען אין דרויסען. ער האט נאך געהאט וואס צו רעדען מיט זיינע מענשען.

דיא צוויי פראנצויזען זיינען געבליעבען אויף איינינע מינוט אליין.

— נו, וויא געפעלט דיר דער אינדיאנער פירסט? האט וואלענטין געפרעגט. ער איז זעהר העפליך און רעדט זעהר גוט שפאניש.

— ער געפעלט מיר ניט זעהר גוט, האט לואיס געענטפערט. זיין בליק איז פינסטער און שטרענג. זיינע ברעמען זיינען צוזאמען געצויגען. ער האלט דיא ליפען צוזאמען געפרעסט, ווען ער רעדט. דאס ווייזט, אז דער מענש מיינט ניט, וואס ער זאגט.

— דוא ביסט דאך שטענדיג א קינסטלער. קוים איז דער מענש ניט אזוי שעהן, מיינסט דוא, אז ער איז שלעכט.

— איך זאג ניט, אז ער איז שלעכט. איך זאג, אז ער ווייזט מיר אויס צו זיין ניט אפענהערציג. ער איז א פערביסענער.

— עס דאכט זיך דיר נור, האט וואלענטין געזאגט מיט א געלעכטער.

— ניין, ברודער! עס דאכט זיך מיר גאר ניט. דיעזער מאן האט געמאכט אויף מיר דעם איינדרוק פון א שלאנג. זיינע אויגען זיינען שווארץ און טיעף. אין זיי ליענט א טייפעל.

— הער שוין אויף דיינע נארישקייטען! מיר האבען שוין געזעהן אזעלכע זאכען, אז א מענש, וועלכער ווייזט אויס צו זיין א מערדער, איז גאר דער בעסטער מענש אין דער וועלט. מען קען ניט דערקענען א מענשען אויפ'ן פנים. מען מוז רעדען מיט איהם, מען מוז האנדלען מיט איהם, דאן קען מען איהם.

— איך ווינש געוויס, אז איך זאל מיך האבען אפגענארט, האט לואיס גע־זאגט ערנסט. ער געפעלט מיר אבער דאך ניט.

— זאג מיר, איך בעט דיך, וואס געהט ער אונז אן? מיר וועלען איהם אפ־געבען דעם בריעף, וועלען דא בלייבען א פאר שטונדען, דאן וועלען מיר זיך אוועק־פאהרען און מיר וועלען איהם שוין אייביג ניט זעהן.

— איך ווינש עס געוויס, אז איך זאל מיך מיט איהם קיין מאל ניט בעגעגענען. מיין הערץ אבער זאגט מיר, אז איך וועל מיך נאך אמאל צונויפקומען מיט דיעזען מענשען —

אין דיעזע מינוט איז דער אינדיאנער פירסט אריינגעקומען אין צימער.

25טעם קאפיטעל.

מוטער מארד.

דאס הויז, אין וועלכען אנטינאהועל האט געהייסען אריינפיהרען זיינע געסט, איז געווען זיין זאל, אדער זיין עמפפאנג צימער. אנטינאהועל איז אויסגעוואקסען צווישען שפאניער און האט געזעהן, וויא רייכע מענשען וואוינען. ער האט ביי זיך אויך איינגעריכטעט אזא צימער מיט מעבעל, מיט אלע טהייערע זאכען, וואס מען האט־דאמאלס געקענט געפינען אין יענע געגענדען.

דיעזעס צימער האט ער געהאלטען אפגעשלאסען נור פאר אייראפעאישע געסט. ער אליין פלעגט אהין קומען נור דאן, ווען ער האט געדארפט אויפגעהמען גרויסע פירסטען און גענעראלען. ווען ער האט נור דערזעהן דיא צוויי פרעמדע, האט ער באלד דערקענט, אז זיי זיינען קיין שפאניער. ער האט דערקענט, אז זיי זיינען נאך ניט לאנג אין לאנד. ער האט זיי געוואלט איבערראשען, וואס ער לעבט אזוי רייך און פיהרט זיך אזוי גרויס.

ווען ער האט געענדיגט זיינע געשעפטען אין דרויסען, האט ער געהייסען צוויי פון זיינע מענשען, זיי זאלען ארייינטראגען אלערליי עסענוואַרג און זאגאר ציגארען פאר דיא פרעמדע. ער האט זיי געוואלט אויפגעהמען, וויא א גרויסער פירסט. דאן איז ער ארייינגעגאנגען און האט זיך געזעצט לעבען זיי.

דיא אינדיאנישע צערעמאניע און העפליכקייט פאָרדערן, אז דער ווירטה זאל שווייגען אוןווארטען ביז דיא געסט הייבען אן צו רעדען. וואלענטין און לואיס האבען פון העפליכקייט וועגען גענעסען און געטרונקען. נאכין עסען האט זיך וואלענטין גע-ווענדעט צו זייער ווירטה און האט איהם געזאגט:

— מיר דאנקען אייך, פירסט, פאר אייער גוטסקייט און פאר אייער גאסט-פריינדשאפט!

— גאסט-פריינדשאפט איז א היילינע פפליכט, האט דער פירסט געענטפערט.

— וויא איך האב בעמערקט, איז דער פירסט געוועזן בערייט ערגעץ צו פאהרען האט וואלענטין ווייטער געזאגט. מיר ווילען איהם ניט אויפהאלטען.

— מיינע געסט האבען אויף מיר צו בעפעהלען, האט דער פירסט געענטפערט העפליך. איך וויל ווירקליך ערגעץ פאהרען. איך האב אבער גענוג צייט. איך קען אפלעגען מיין רייזע אויף איינינע שטונדען.

— איך דאנק דעם פירסט פאר זיין פריינדליכקייט, איך האף אבער, אז מיר וועלען איהם לאנג ניט אויפהאלטען.

אנטינאהועל האט זיך פערנייגט.

— איך האב א בריעף צום פירסט, האט וואלענטין ווייטער געזאָגט.

— גוט, האט דער פירסט געענטפערט גלאסען.

— און איך וויל האבען דיא עהרע איבערצוגעבען דעם בריעף צום פירסט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארייינגעלעגט דיא האנד אין בוזים קעשענע און האט ארויסגענומען דעם בריעף.

— ארויס פון צימער! האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט צו זיינע צוויי דיענער, וועלכע זיינען געשטאנען אין א ווינקעלע און האבען געווארט אויף זיינע בעפעהלע.

ווען דיא צוויי דיענער זיינען ארויסגעגאנגען, האט וואלענטין איבערגעגעבען דעם בריעף. אנטינאהועל האט גענומען דעם בריעף, האט איהם בעטראכט פון אלע זייטען, האט זיך צוגעקוקט צו דער אדרעסע, האט איהם געעפענט און האט איהם דערלאנגט אפענערהייט צוריק וואלענטינען.

— לאז מיין ברודער לעזען דיא צייכענס פון דיא בלייבע געזיכטער, האט ער געזאגט. מיר, ארימע אינדיאנער זיינען ניט געלערנט און פערשטעהן ניט דיעזע צייכענס

וואלענטין האט זיך געמאכט פאר א נעבטינגען, גלייך ווי א ער ווייס גאר נים, וואס מען רעדט צו איהם.

— איך קען עס נים לעזען, פירסט, האט ער געזאגט.

— וויל מיין ברודער זיך אפזאגען צו טהאן מיר אזא קליינע געפעלינקייט? האט אנטינאהועל געפרעגט מיט א פארוואורף אין זיין שטימע.

— ניין, פירסט, איך זאג מיך נים אפ, האט וואלענטין געענטפערט. עס איז מיר אונמעגליך צו טהאן פאר אייך דיזע געפעלינקיים.

— קען איך וויסען, פאר וואס עס איז אייך אונמעגליך עס צו טהאן?

— געוויס! איך קען עס נים טהאן אוים איינער, זעהר איינפאכער אורזאכע. מירביידע זיינען פראנצויזען.

— נו, וואס איז דען, אז איהר זיים פראנצויזען?

— קענען מיר נים לעזען קיין שפאניש.

— איהר רעדט דאך אבער שפאניש?

— מיר רעדען אביסעל שפאניש, מיר קענען עס אבער נים לעזען.

— דאס איז מיר א וואונדער, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט קאלט. עס איז געווען דייטליך, אז ער גלויבט זיי נים. אין דער גאנצער צייט, וואס ער האט מיט זיי גערעדט, האט ער פון זיי נים אראפגעלאזען קיין אויג. ער האט זיי דורכגעשטאכען מיט זיינע בליקען. די צוויי פראנצויזען אבער זיינען געזעסען רוהיג און גלייכגילטיג. זיי זיינען נים מעהר, וויא געשיקטע מענשען. זיי ווייסען גאר נים, וואס אין בריעף שטעהט און האבען גאר קיין אינטערעסע עס צו וויסען.

— לאזען מיינע ברידער ווארטען א ווילע, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט. איך האב א מאן אין מיין פאלק, וועלכער קען ערקלערן די צייכענס, וואס די בלייכע געזיכטער מאכען אויף ווייסעם פאפיער.

מיט דיזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען. די צוויי פראנצויזען זיינען געבליעבען אליין.

— פארוואס האסט דו נים געוואלט לעזען דעם בריעף? האט לואיס געפרעגט, ווען אנטינאהועל איז ארויסגעגאנגען. פארוואס האסט דו איהם מיר נים געגעבען? איך וואלט איהם געווען פארגעלעזען.

— ליעבער לואיס! דו קענסט נאך נים די וועלט. דיזער אינדיאנער פירסט געפעלט מיר גאר נים. ער איז פאלש פון קאפ ביז אין די פים. ער אליין קען לעזען שפאניש. ער איז גאר נים געגאנגען זוכען איינעם, וועלכער זאל איהם איבערלעזען. ער איז געגאנגען אין אן אנדער שטוב, וואו ער וועט דעם בריעף אליין לעזען. ער האט אונז געוואלט שטעלען אויף דער פראבע, אויב מיר ווייסען, וואס עס שטעהט אין בריעף. ער איז אונז חושד, אז מיר האבען געלעזען דעם בריעף אויפ'ן וועג.

איך האב אומיסטען מיך פערשטעלט, אז איך קען נים און ווייס נים א ווארט שפאניש, ווען עס איז אנגעשריעבען. וואס זאל מען טהאן? עס איז אמעריקא! מען

מוז זיין פאלש, מען מוז זאגען ליגען. מען מוז שווינדלען און בעטריעגען, ווען מען איז ארומגעריינגעלט פון ליגנער, שווינדלער און בעטריעגער.

לואיס האט טרויעריג געשאָקעלט מיטן קאָפּ, גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט זאגען: פּלוך איבער א לאנד, וואו מען מוז זאגען ליגען און זיין א שווינדלער! זיין עהרליכער כאראקטער, זיין געוואָהנהייט, זיין ליעבע צו וואהרהייט און גערעכטיגקייט האט איהם געפּלאָגט יעדעס מאל, ווען ער האט געזעהן, אז זיין ברודער טהוט א זאך, וואס ער האט ניט געדארפט טהאן. ער האט געוואָלט עפּעס ענטפערן, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט גאנץ שטיל און דער פירסט איז אריינגעקומען.

— איך וויים שוין, וואס אין דעם בריעף איז אנגעשריעבען, האט ער געזאגט צו דיא פראנצויזען. ווען איהר וועט זעהן דעם מאן, וועלכער האט אייך געגעבען דיזען בריעף, זאגט איהם, אז איך פאהר נאך היינט ארוים קיין וואלדיוויא.

— מיר וואלטען עס געטהאן מיט פערגעניגען, האט וואלענטין אויסגערופען. ליידער, קענען מיר גאָר ניט דעם מאן, וועלכער האט אונז געגעבען דעם בריעף.

דער אינדיאנער פירסט האט געוואָרפען אויף זיי איינעם פון זיינע בייזע, פייערינע בליקען, פון וועלכען לואיס האט א ציטער געטהאן.

— ווילען מיינע ברידער בלייבען דא, ביי מיר אין דאָרף? האט ער געפרעגט.

— מיר וואלטען געוועט זעהר גליקליך צו פערברייגגען אייניגע שטונדען מיטן גרויסען הערשער פון אראאוקאניא, האט וואלענטין געזאגט. עס איז אבער אונמעגליך. מיר האבען זעהר וועניג צייט. מיר מוזען געהן.

— מיינע ברידער מעגען טהאן, וואס זיי ווילען, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט רוהיג. מיין דאָרף איז אָפען פאר דיא, וואס ווילען ארויסגעהן, וויא פאר דיא וואס ווילען אריינגעהן. — און וואס פאר א זייט ווילען מיינע ברידער געהן?

— מיר ווילען געהן קיין קאנסעפּציאָן, א קליין שטעדטעל ביים מעער.

— מיינע ברידער מעגען געהן אין פריעדען. ווען איהר זאָלט געהן קיין וואלדיוויא, וואלט איך אייך געבעטען צו רייזען מיט מיר. איך וואָלט אייך בעגלייט אהין.

— אה! מיר דאנקען אייך, פירסט, פאר אייער פריינדליכקייט און פאר אייער נוטסקייט! עס טהוט אונז זעהר לייד, וואס מיר קענען זיי ניט בענוצען.

זיי האבען נאך גערעדט אייניגע צייט און האבען געזאגט דעם אינדיאנער פירסט א גאנצען הויפען קאמפּלימענטען און העפליכקייטען. אנטינאהועל האט ניט געשוויעגען. ער האט בעצאהלט פאר יעדען קאמפּלימענט מיט פראצענט.

ענדליך האט מען געבראכט זייערע פערד און מען האט זיי געהאלטען פאר דער טהיר. דיא פראנצויזען האבען גענומען אבשיעד פון׳ם פירסט, האבען איהם געדריקט דיא הענד און זיינען ארויסגעגאנגען אין דרויסען. זיי האבען נאך א מאל בעגריסט דעם אינדיאנער פירסט, האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען ארויסגעפאהרען פון׳ם דאָרף אויפ׳ן וועג קיין קאנסעפּציאָן.

קוים זיינען זיי ארויסגעפאהרען פון׳ם דאָרף, האט וואלענטין געזאגט צו זיין פריינד:

— מיר טאָרען קיין מינוט ניט פערליערען. מיר מוזען באלד פאהרען צום וועלדעל, וואו אונזערע וואהרע פריינד, דיא אינדיאנער, קורומיללא און טראנגאיל־לאנעק ליעגען בעהאלטען, און פאהרען מיט זיי קיין וואלדיוויא. מיר ווייזט אויס, אז דאָן טאדעא איז אין געפאהר.

זיי האבען זיך באלד אויסגעדרעהט און זיינען נעקומען צום וועלדעל. דיא צוויי אינדיאנער זיינען געווען זעהר אונרוהיג, ווען זיי האבען נעזעהן, אז דיא פראנצויזען זאמען זיך. אין קורצע ווערטער האט זיי וואלענטין דערצעהלט, אז אנטינאהועל פהארט באלד קיין וואלדאוויא מיט פיעלע קריעגער און זיי ווילען אנקומען פריהער פאר איהם.

קורומיללא האט געזאגט, אז ער וויים דעם נאָהענטסטען וועג קיין וואלדיוויא. זיי האבען זיך אויך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען באלד אוועקגעפאהרען.

ווען דיא פראנצויזען וואָלטען געוועז לעננער אין לאנד און וואלטען בעסער געקענט דיא אינדיאנער, וואָלטען זיי געווען אביסעל פארזיכטיגער און וואלטען זיך געווען גוט אומגעקוקט, ווען זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון'ם דאָרף. זיי וואָלטען פיעללייכט געזעהן, אז מען נעהט זיי נאך און מען קוקט נאך, וואוהין זיי פאהרען.

קוים זיינען זיי ארויסגעפאהרען פון'ם דאָרף, האט אנטינאהועל צוגערופען אייגעם פון זיינע קריעגער און האט איהם געהייסען געהן נאכשפיערען דיא בלייבע געזיכטער, זעהן, אויף וואס פאר א וועג זיי פאהרען און וואוהין זיי פאהרען.

— דיעזע מענשען ווילען מיך אפנארען, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט צו זיך אליין. דער בעסטער בעווייז איז, וואס ער האט ניט געוואלט לעזען דעם בריעף. זיי פאהרען ניט קיין קאנסעפציאן. זיי בעטריעגען מיך. אלע בלייבע געזיכטער זיינען פאלש.

ער איז ארויסגעגאנגען צו זיינע קריעגער און האט זיי געהייסען זיין בערייט אין וועג אריין. אין א האלבע שטונדע ארום וועלען זיי פאהרען. ער האט געוואָרט, אז זיין שפיאָן זאל צוריק קומען און זאל איהם מעלדען, וואוהין דיא צוויי פראנצויזען זיינען געפאהרען. דערווייל איז ער אריינגעגאנגען צוריק אין שטוב, האט זיך געזעצט לעבען פענסטער און האט זיך פערטראכט.

— איך מוז זיא האבען, האט ער געזאגט צו זיך אליין. וועה דאניא מאריא, ווען זיא נאררט מיך אָפּ! זיא האט מיר שוין איין מאל צוגעזאגט צו שענקען דיא פערל פון דיא בערג, זיא האט איהר וואָרט ניט געהאלטען.

פלוצלונג האט ער זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז זיין מוטער שטעהט לעבען איהם.

— וואס ווילסט דוא, פרוי? האט ער געפרעגט ווילד.

— מיין זוהן האט שמערצען, האט דיא אלטע פרוי געענטפערט טרויעריג. איך מוז זיין לעבען מיין זוהן.

— ווער זאגט דיר, אז איך האב שמערצען? דוא ביסט אלט און דיין פערשטאנד איז שוין דונקעל. געה אין שטוב און היט אָפּ דיא ווירטהשאפט אין דער צייט, וואס איך וועל ניט זיין אין דער היים.

אין דיעזע מינוט איז זיין שפיאָן צוריקגעקומען און האט איהם דערצעהלט, אז ריא פרעמדע זיינען נור ארויסגעפאהרען אויפ'ן וועג קיין קאנסעפציאָן, הינטערן דאָרף אבער האבען זיי זיך אויסגעדרעהט און זיינען געפאהרען אויפ'ן וועג קיין וואלדיוויא.

— איך האב געוואוסט, אז זיי זיינען פאַלש! האט דער פירסט אויסגערופען. איך וועל גיכער געטרויען א שלאנג אויף דער פרעריע אלס דיעזע מענשען מיט בלייכע געזיכטער.

ער איז אויפגעשפרונגען, איז ארויסגעלאפען אין דרויסען און האט געהייסען אז מען זאל איהם געבען זיין פערד. ער האט ניט געזעהן, אז זיין מוטער איז איהם נאכגעגאנגען.

— ווילסט דוא ווירקליך פאהרען צו דיא בלייכע געזיכטער? האט דיא אלטע פרוי געפרעגט מיט א ביטענדער שטימע.

— געוויס! איך מוז פאהרען!

— וואוהין ווילסט דוא פאהרען?

— וואס געהט עס דיך אָן, פרוי?

— איך מוז דיך ווארענען, מיין זוהן. דוא געהסט אויף א שלעכטען וועג. דיא בייזע גייסטער פיהרען דיך. געה ניט, מיין זוהן!

— קיינער דאַרף מיר ניט זאגען, וואס איך זאל טהאָן. איך וויים, וואס איך טהו.

— געה ניט, מיין זוהן! האט דיא אלטע פרוי ווידער געבעטען.

דיא קריעגער, וואס זיינען געשטאנען ארום האבען געציטערט. זיי האבען אלע זעהר גוט געקענט דעם ווילדען כאראקטער פון זייער פירסט. זיי האבען געוואוסט, אז ווען ער נעהמט זיך עפּעס אריין אין קאפּ, מוז ער עס אויספיהרען, עס מעג זיין, וואס עס וויל זיך. זיי האבען געוואוסט, אז ער וועט זיין מוטער ניט פאָלגען און עס וועט קומען צו א שרעקליכע סצענע צווישען זיי. — זיי האבען אבער זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דיא אלטע פרוי זאל זיין אזוי הארטנעקיג (אזא עקשן). זיא פלעגט איהם שטענדיג נאכגעבען און פלעגט זיך זעלטען אריינמישען אין זיינע געשעפטען.

אויפ'ן רויטען געזיכט פון'ם אינדיאנער פירסט האט זיך געוויעזען א פינסטע-רער וואלקען. זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו גליהען, וויא דיא אויגען פון א טיגער. זיינע שטארקע קרעפטיגע הענד האבען זיך צונויפגעלעגט אין צוויי אייזערנע פויסטען. ער האט אַנגעכאפּט דאס פערד ביי דער מעהנע (גריווא) אז עס האט א ציטער געטהאי און איז אויף איהם ארויפגעשפרונגען.

— איך וועל יא געהן! האט ער געקריצט מיט דיא צעהנער פאר רציחה. איך וועל פאהרען, וואוהין איך וויל, ווען איך זאָל וויסען, אז איך וועל דיך צוטרעטען מיט דיא פיס פון מיין פערד!

דיא אלטע מוטער האט זיך אנגעכאַפּט אן זיין זאטעל מיט איהרע שוואכע הענד און האט געזאגט:

— דוא וועסט ניט פאהרען! איך בעשווער דיך ביים גייסט פון דיין פאטער

אז דוא זאלסט נים פאחרען. זא לאנג איך האב נאך אין מיר אן אטהעם, וועל איך דיך נים לאזען פאהרען.

אנטינאהועל איז געווארען בלייך און האט אנגעהויבען צו ציטערן פאר צארן.

— פרוי! האט ער געשריען נים מיט זיין קויל. — פרוי! געה מיר אוועק פון וועג!

— איך וועל נים אוועקגעהן! פאהר איבער מיין טויטען קערפער! איך וויל נים, אז דאס בלוט פון אונזער פאלק זאל ווידער פארבען דיא פרעריען! איך וויל נים, אז דיא לייבען פון מיינע קינדער זאלען דך וואלגערן אויף דיא פעלדער און דיא וועלף זאלען זיי צורייסען. איך וויל נים דערלאזען א קריעג צווישען אונז און דיא שפאניער!

— הים דיך, פרוי! איך קען פערגעסען, אז דוא ביסט מיין מוטער! אוועק פון מיר!

— דא בלייב איך! דא וועל איך שטעהן, ביז דוא וועסט אראפ פונ'ם פערד! האט דיא אלטע פרוי געזאגט ענטשלאסען.

אנטינאהועל האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער.

— איך זאג דיר נאך א מאל, געה מיר ארוים פון'ם וועג! האט ער געקייכט. ווען נים, וועט דיין בלוט פאלען אויף דיין קאפ.

דיא אלטע פרוי האט זיך נים געריהרט פונ'ם ארט. אנטינאהועל האט איינגעגראבען זיינע גרויסע שפארען אין דיא זייטען פונ'ם פערד, אז דאס פערד איז ארויפגעשפרונגען פאר שמערץ.

— הו-או-פ! האט ער א געשריי געטהאן און איז געפלויגען, וויא דער ווינד.

דיא אלטע פרוי האט נאך איינינע מינוט געהאלטען זיך אן זיין זאטעל. דאס פערד האט זיא אוועקגעשלעפט נור נאך איינינע שרים. באלד איז איהר גאנצער קערפער געווען איין וואונד. איהרע שוואכע הענד האבען אפגעלאזען דעם זאטעל. דיא הינטערסטע פיס פונ'ם פערד האבען איהר געטראפען אין בויך. זיא איז געבליעבען ליעגען טוים.

א געשריי פון שרעק און פערצווייפלונג האט זיך ארויסגעריסען פון אלעמען, וואס האבען צוגעזעהן דיעזע בלוטיגע סצענע. דער פירסט מיט זיינע קריעגער זיינען פערשוואונדען אויפ'ן וועג קיין וואלדיוויא.

דיא פרויען פונ'ם דארף זיינען צוגעלאפען צו דער אונגליקליכער מוטער, וועלכע איז געלעגען אין א טייך בלוט.

— מיין — אונגליקליכער זוהן — מיין — אונגליקליכעם — קינד, האבען נאך געמורמעלט איהרע ליפען.

זיא איז באלד געשטארבען. דיא פרויען און דיא עלטערע מענער האבען זיא אויפגעהויבען און האבען זיא אוועקגעטראגען אין איהר געצעלט.

— אנטינאהועל האט געטויטעט זיין מוטער! האבען זיי געזאגט איינער צום אנדערן. דער גרויסער גייסט וועט עס נים שווייגען. ער וועט איהם בעשטראפען.

דיא לאגע פון דער פרוי ביי דיא ווילדע פעלקער איז שרעקליך. דיא פרוי איז ביי זיי קיין מענש ניט. דער מאן קויפט דיא פרוי און בעטראכט זיא אלס וואארע. דיא פרוי מוז טהאן אלע שווערע ארבייטען אין שטוב און אויפן פעלד. דיא פרוי, איז ערגער וויא א קנעכט, ערגער וויא א פערד אדער אן אָקס. דיא פרוי טאָר ניט עסען מיטן מאן צוזאמען. ווען דער מאן עסט זיך אן זאט און עס בלייבט פון איהם עפּעס איבעריג, מעג עס ערשט דיא פרוי עסען.

דיא קינדער ציטערן פארן פאטער. דיא מוטער אבער בעטראכטען זיי אלס שקלאווין, אלס טהיער, וועלכעס דארף זיי פאָלגען.

פאר וואס איז עס אזוי, ביי אלע ווילדע און האלב-ווילדע פעלקער? פאר וואס איז עס אזוי געווען זאגאר ביי אונז מיט אייניגע הונדערט יאהר צוריק? פאר וואס זאגאר יעצט אין דער ציוויליזירטער וועלט האבען דיא פרויען ניט אלע רעכטע, וואס דיא מענער האבען?

דאס זיינען פראגען, איבער וועלכע עס דארפען זיך פערטראכטען ניט נור פרויען, זאנדערן זאגאר געבילדעטע מענער.

ביי דיא אינדיאנער זיינען דאס ניט געווען קיינע פראגען, — א פרוי איז קיין מענש ניט, האבען זיי געזאגט און דערמיט האבען זיי פערענטפערט אלע פראגען. מיר, געבילדעטע מענשען, אבער זיינען דאָך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דיא פרוי איז א מענש גלייך מיטן מאן. אלזא, פאר וואס זאלען אונזערע פרויען ניט האבען אלע רעכטע, וואס מענער האבען?

מיר האבען נור בעריהרט דיזע פראגען. ניט דא איז דער אָרט זיי צו ערקלערן און זיי צו בעאנטוואָרטען. מיר מוזען זיך אומקעהרן צו אונזער ערצעהלונג.

26טעם קאפּיטעל.

דאס געריכט פון דיא דונקעלע הערצער.

דאן טאדעאָ און זיין פריינד זיינען געבליעבען שטעהן אין א דונקעלן גאנג. מיר האבען שוין דערצעהלט, וויא אזוי דיא טהיר האט זיך פערמאכט הינטער זיי, אז עס איז געווען אונמעגליך צו דערקענען, אז דאָרט איז געווען א טהיר.

זיי זיינען וויטער געגאנגען און זיינען צוגעקומען צו א טהיר. דא האבען זיי נור א פאר מאל אנגעקלאפּט.

— אונזער פאטערלאנד! האט געזאגט א שטימע פון אינווייניג.

— אדער דער טויט! האבען דיא צוויי מענער געענטפערט.

דיא טהיר האט זיך געעפענט. דיא צוויי מענער זיינען אריינגעקומען אין א גרויסען זאל. אין דער מיט זאל איז געשטאנען א גרויסער טיש, אויף וועלכען עס האבען געברענט דריי ליכט. אין זאל איז געווען האלב פינסטער. ארום טיש זיינען געזעסען מענשען מיט שווארצע זיידענע מאסקעס אויף זייערע געזיכטער. אלע זיינען געזעסען שטיל און האבען זיך ניט געריהרט פון זייערע ערטער, וויא מארמאר סטאטוען.

דאן טאדעאָ און זיין פריינד האבען זיך אומגעקוקט אין זאל און האבען זיך

נעזעצט אויף זייערע ערטער. באלד האט דאן טאדעא נעגעבען א צייכען. אלע האבען זיך אויפגעהויבען.

— ברידער! האט דאן טאדעא געזאגט ערנסט. — ברידער! היינטיגען טאג האלטען אָפּ א פערזאמלונג אלע צוויי און זיבעציג אבטהיילונגען פון דיא דונקעלע הערצער. היינט איז א גרויסער טאג. היינט מוזען מיר בעשליעסען אראָפּצו־ווארפען פון אונז אויף אייביג דעם יאָך פון פרעמדע הערשער. מיר מוזען זיין א פרייעס פאָלק, וויא דיא ענגלענדער אין דיא פעראייניגטע שטאאטען.

מיר האבען געשווארען צו קעמפפען און צו בעשטראפען יעדע אונגערעכטיגקייט. ביז אהער האבען מיר געהאלטען אונזער אייד (שבועה) געגען קליינע רויבער און שווינדלער. היינט מוזען מיר אויפשטעהן און בעשטראפען דיא גרויסע מערדער, דיא גרויסע רויבער, וויא דער גענעראל בוסטאמענטע, וועלכער וויל אונז פערקויפען צו שפּאניען. מיר מוזען ארויסטרעטען פריי און אָפען געגען איהם און געגען אלע אונטער־דריקער. זייט איהר בערייט ארויסצוטרעטען אין קאמפף?

— מיר זיינען בערייט צו שטארבען פאר אונזער פאטערלאנד און פאר אונזערע פרייהייט! האבען אלע געענטפערט מיט איין קול.

— איך האב עס ערווארטעט פון אייך, מיינע ברידער, האט דאן טאדעאָ ווייטער געזאגט. איך קען אייך אלע זעהר גוט, אבוואהל איהר קענט מיך ניט. דיעזע מאסקעס, וועלכע פערדעקען אייערע געזיכטער, פערשטעלען אייך ניט פון פירסט דער דונקעלהייט. איך האף, אז באלד וועלען מיר אלע מעגען אראפּוואַרפען פון אונז דיא מאקקעס און ווייזען פאר דער גאנצער וועלט, אז מיר זיינען עהרליך און טריי געווען דעם אייד (שבועה) וואס מיר האבען א מאל געשווארען.

ווען דער קאמפף וועט אויסבערעכען, ווען מיר וועלען זיעגען, ווען דיא פאָהן פון פרייהייט און גלייכהייט וועט וועהן הויך אין דער לופט — דאן וועלען מיר מעהר ניט הייסען דיא דונקעלע הערצער, מיר וועלען הייסען דיא ברידער פון ליכט און פרייהייט.

— ליכט און פרייהייט! האבען איהם אלע נאכגעזאגט.

— זיינען אלע פאָרשטעהער פון דיא אבטהיילונגען אנוועזענד? האט דאן טאדעאָ געפרעגט. ווער עס איז דא, דער זאל צוקומען צו מיר.

צעהן מענשען האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און זיינען צוגעקומען צו איהם.

— ווער איז פון אייך דער עלטסטער?

— איך בין דער עלטסטער! האט זיך איינער אפּגערופען.

— האט איהר אויסגעפיהרט אלע בעשליסע, וואס מיר האבען געפאסט אין דער קווינטא־ווערדע?

— אלע בעשליסע זיינען פּינקטליך אויסגעפיהרט, האט דער מאן געענטפערט.

— זיינען אלע פאָרברייטעט?

— אלע זיינען פאָרבערייטעט.

— ווייסען אלע אונזער נייעם לאזונגס ווארט (פּאראָלע)?

— אלע ווייסען איהם.

— וויפיעל מענשען קענען זיך צונויפקומען אין איין טאג?

— פיער טויזענד פינף הונדערט זיעבען און זיעבעציג.

— דאס איז גוט, מיט אזא מאכט וועלען מיר זיגען, האט דאן טאדעאָ געזאגט. נעהט יעצט יעדער אויף זיין פלאץ ווען איהר וועט בעקומען דעם ערשטען צייכען, זאלט איהר אלע זיין גרייט צו קומען מיט אייערע מענשען.

דיא צעהן מענשען זיינען געגאנגען צוריק אויף זייערע ערטער.

— איידער מיר צוגעהן זיך אום זיך צו בעגעגנען אויפ'ן שלאכטפעלד, האט דאן טאדעאָ ווייטער געזאגט, מחען מיר ערפילען זעהר א טרויעריגע פפליכט. — עס איז זעהר טרויעריג און הערצרייסענד, ווען מיר מוזען האלטען א שטרענגעס געריכט געגען איינעם פון אונזערע אייגענע ברידער. מיר האבען געשוואָרען צו העלפען איינער דעם אנדערן, צו שטיצען איינער דעם אנדערן. יעצט אבער מוזען מיר פארדאמען איינעם פון אונז.

ברידער! צווישען אונז געפינט זיך איינער, וועלכער האט געשוואָרען צו בלייבען טריי צו אונזערע פרינציפען. ער האט אונז אבער פערראטהען און פערקויפט פאר געלד. ער ווייס פיעלע פון אונזערע געהיימניסע און האט זיי אויסגעגעבען צו אונזערע פיינד. איהר ווייסט, אז איין ווארט קען אונז אלעמען פיהרען צום טויט. — וואס פאר א שטראפע קומט דעם פעררעטער?

— דער טויט! האבען איינינע שטימען אויסגערופען.

— איך קען דעם פעררעטער, האט דאן טאדעאָ ווייטער געזאגט. לאז ער ארויסקומען און זאָל זיך פערטהיידיגען.

קיינער האט זיך ניט געריהרט פון זיין אָרט.

— דער פעררעטהער איז דא צווישען אונז. איך זעה איהם. איך פאדער איהם אויף, ער זאל ארויסטרעטען אין דערמיט זאל און זאל זיך פערטהיידיגען!

דיא פערזאמעלטע האבען אנגעהויבען צו קוקען איינער אויפ'ן אנדערן. קיינער אבער האט זיך ניט געריהרט פון'ם ארט. אין זאל האט געהערשט א שרעקליכע, דריקענדע שטילקייט.

דאן טאדעאָ האט געווארט איינינע סעקונדען. קיינער האט זיך ניט געריהרט. ער האט ארויסגענומען זיין מעסער פון'ם גארטעל און האט איהם אריינגעשטעקט אין טיש. דאן גריגאריא איז צוגעגאנגען צו איינעם פון דיא פערזאמעלטע, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טהיר, און האט אויף איהם ארויפגעלעגט זיין שטארקע, אייזערנע האנד. דער מאן האט א ציטער געטהאן.

— קום מיט מיר, דאן פעדרא! האט ער געזאגט אין דער הויך.

דאן פעדרא האט געוואלט עפענען דיא טהיר, ער האט אבער קיין צייט ניט געהאט. דאן גריגאריא האט איהם מיט געוואלד צונעשלעפט צום טיש. ווען ער איז צוגעקומען צום טיש, איז ער געפאלען אויף דיא קניע, האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד, צו וויינען און צו בעטען:

— ערבארמען! האט מיטלייד מיט מיר!

דאן גרינאריא האט פון איהם אראפגעריסען דיא מאסקע. אלע האבען געקענט זעהן זיין געזיכט.

— דאן פעדראָ! האט דאן טאדעאָ צו איהם געזאגט שטרענג, דוא האסט אונז געוואָלט פערקויפען. דוא האָסט אונז פערראטהען, ווען מיר זיינען געוועזן פערזאמעלט אין דער „קווינטא ווערדע". דוא האסט אהין געבראכט דעם גענעראל בוסטאמענטע און דוא ביסט געגאנגען מעלדען זיינע סאָלדאטען, זיי זאָלען קומען איהם רעטען. היינטיגען טאג נאך האסט דוא אפגערעדט מיטן גענעראל, דוא זאלסט אונז אלע איבערגעבען אין זיינע הענד. דוא האסט היינט געבראכט אן אנווייזונג צו אַ מאן מיט'ן נאָמען דאן גרינאריא אויף הונדערט פעזאָס. דיעזע אנווייזונג האסט דוא גענומען ביים גענעראל. דוא האסט ניט געוואוסט, אז דער וואָס האט אנגעשריעבען דיא אנווייזונג, איז אַ געשוואָרענער ברודער פון דיא דונקעלע הערצער.

דער אונגליקליכער שפיאָן איז נאך אלץ געשטאנען אויף דיא קניע. ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן אויף דיעזע בעשולדיגונגען.

— איז אלעס, וואס איך האב געזאגט, וואהר? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— עס איז וואהר, האט דער שפיאָן געשטאמעלט.

— אלזא, בעקענסט דוא אליין, אז דוא ביסט שולדיג?

— איך בין מיך מודה, אז איך בין שולדיג, האט דער אונגליקליכער געזאגט, איך בעט אייך אבער, שענקט מיר דאס לעבען! האט מיטלייד מיט מיר! טוידטעט מיך ניט. איך שווער אייך —

— שווערן? האט דאן טאדעאָ אויסגערופען מיט אַ דאָנער שטימע. — שווערן? האסט דוא דען ניט געשוואָרען, דוא זאלסט אונז זיין טריי ביז אין טוידט?

דער אונגליקליכער שפיאָן איז געפאלען אויף דער ערד און האט ארומגענומען דאן טאדעאָ'ס פיס.

— ברידער און פריינד! איהר האט אלעס געהערט. וואס קומט דיעזען מאן, וועלכער ליעגט יעצט אויף דער ערד און בעט, אז מען זאל איהם שענקען זיין לעבען?

— דער טוידט! האבען געענטפערט אלע מיט איין שטימע.

— אים נאמען פון דער אייביגער גערעכטיגקייט! אים נאמען פון דיא דונקעלע הערצער, וועלכע האבען געשוואָרען טריי צו זיין דער אייביגען גערעכטיגקייט! פעראורטהייל איך דיך, דאן פעדרא סאלטעלא צום טוידט! האט דאן טאדעאָ ארויסגעזאָגט לאנגזאם און פייערליך. — איך גיב דיר פינף מינוטען צייט צו מאכען דיין טעסטאמענט און צו מאכען אן ארדנונג מיט דיין פערמעגען. אזוי וויא דוא ביסט געוועזן אונזער אַ ברודער, ווילען מיר אויספיהרען פינקטליך דיין לעצטען ווילען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אניעדערגעלעגט זיין אוהר אויפן טיש און האט ארויסגענומען אַ פּיסטאָלעט פון זיין גארטעל.

דער פעראורטהיילטער האט געציטערט און האט געוויינט.

— פינף מינוטען איז וועניג, האט ער געקרעכצט. גיט מיר אַ שטונדע צייט!

קיינער האט ניט געענטפערט. דיא אנוועזענדע זיינען געקומען נעהנטער צום

פערארטהיילטען און האבען געוואָרפען אויף איהם פינסטערע בליקען דורך זייערע שווארצע מאסקעס.

— דיא פינף מינוט זיינען פאָראיבער! האט דאן טאדעאָ געזאגט ערנסט.

— אך, נאך איינינע מינוט! ערבארמען!

אין דיזע מינוט האט דאן טאדעאָ אויסגעשאָסען. דער אונגליקליכער שפּיאָן האט א ציטער געטהאן, האט פערוואָרפען דיא הענד און איז געבליעבען ליעגען טויט.

אלע זיינען געשטאנען רוהיג און קאלט ביי דיזער סצענע פון גערעכטיגקייט. דאן טאדעאָ האט געגעבען א צייכען. א קליין טהירעלע אין באדען האט זיך גע־עפענט. מען האט געקענט זעהן, אז דאָרט געפינט זיך פריש אויפגעלעזטער קאלך. אהין האט מען אריינגעוואָרפען דעם טוידטען קערפער פון'ם פעררעטהער. דאס טהירעל האט זיך באלד וויעדער פערמאכט.

— ברידער! האט זיך דאן טאדעאָ געווענדעט צו דיא פערזאמעלטע. מיר האבען יעצט אויסגעאיבט גערעכטיגקייט. אן אויג פאר אן אויג! א צאָהן פאר א צאהן! לערנען אונז דיא היילינע ביכער. דאס לעבען פון א פעררעטהער פאר אונזער לעבען. — יעצט געהט יעדער א היים. געהט אין פריעדען און ווארט דיא גרויסע שטונדע פון'ם קאמפּף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט!

אלע האבען זיך פערניינט און זיינען ארויסגעגאנגען איינער נאכ'ן אנדערן. אין זאל זיינען געבליעבען נור צוויי מענשען: דאן טאדעאָ און דאן גריגאריא. דאן טאדעאָ איז געוועזען טרויעריג. טוידטען א מענשען איז ניט אזוי אנגענעהם. עס מעג זיין, וויא עס וויל זיך; מען מעג טוידטען א מענשען אויס פערזעהן אדער אום זיך צו פערטהיידיגען, וויא דיא דונקעלע הערצער האבען יעצט געטהאן — עס בלייבט דאך א שווערעס, דריקענדעס, פרעסענדעס געפיהל אין דעם מענשען, וואס האט עס געטהאן. עס הייסט דאך מאָרד!

מיר ווייסען פון פיעלע ביישפּיעלע, ווען מערדער זיינען געקומען און האבען זיך אליין איבערגעגעבען דעם ריכטער. זייער געוויסען האט זיי ניט געלאזט רוהען. דאס שרעקליכע געפיהל: איך האב געטוידטעט א מענשען! האט זיי ניט געלאזט לעבען.

אין דער זעלבער לאגע איז יעצט געוועזען דאן טאדעאָ. ער האט געמוזט טוידטען דעם שפּיאָן. ער האט געמוזט שיצען זיך און זיינע ברידער, דיא דונקעלע הערצער. ווען עס איז אבער געשעהן, איז ער געוואָרען טרויעריג.

— אך! האט ער אויסגערופען. וועלען מיר אייביג האבען צו קעמפּפען געגען פעררעטהער און בעטריעגער?

— ניין, פריינד, האט דאן גריגאָריא איהם געטרייסטעט. איהר האט דאך אליין געזאגט, אז באלד וועלען מיר הייסען ברידער פון ליכט און פרייהייט!

זיי זיינען נאך געבליעבען איינינע צייט. דאן זיינען זיי ארויסגעגאנגען צוריק אין דער „טשיקאננא". דאָרט איז אלעס געוועזען לוסטיג. דיא מוזיקאנטען האבען געשפּיעלט אויף זייערע אלטע, צובראָכענע אינסטרומענטען. דיא געסט האבען געטרונקען, געשפּיעלט אין ווירפעל און אין קאָרטען. דיא תלב'נע ליכט האבען געברענט

דונקעל, וויא פריהער. קיינער האט זיי ניט בעמערקט, קיינער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט.

שטילערהייט זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון׳ם שענק און זיינען געגאנגען ארויס פון דער שטאדט, אויף דער פרעריע. דער מאנד איז יעצט ארויס אויפ׳ן הימעל און האט בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד. אויף דער פרעריע איז אלעס געווען שטיל און רוהיג, נור דיא הויכע גראזען האבען גערוישט און האבען זיך איינגעבויגען פאר׳ן ווינד.

זיי זיינען קוים אוועקגעגאנגען א פּאָר הונדערט שריט, ווען זיי האבען דערהערט דיא שווערע טריט פון פערד. באלד זיינען אנגעלאפען פיער רייטער. דאן טאַדעאָ האט באלד דערקענט דיא צוויי פראנצויזען.

— אזוי שנעל זייט איהר שוין דא?

— יא, האט וואלענטין געענטפערט. מיר האבען ריכטיג איבערגעגעבען אייער בריעף.

— וואס האט אייך דער פירסט געענטפערט?

— ער וועט מאָרגען פריה זיין אין וואלדיוויא.

— גוט, וואס איהר זייט געקומען, האט דאן טאַדעאָ געזאָגט. מיר האבען נאך וואס צו רעדען.

27מעס קאפּיטעל.

דער פריעדען.

איינע טעג נאך דיא בעגעבענהייטען, וואס מיר האבען בעשריעבען אין דיא פאריגע קאַפּיטלעך, האט זיך אין אנאנדער ארט אפּגעשפּיעלט אנאנדערע קאמעדיע. מיר מוזען פריהער בעשרייבען דעם ארט, וואו דיא קאמעדיע האט זיך אפּגעשפּיעלט, אום דער לעזער זאָל פערשטעהן, וואס דא איז פאָרגעקומען.

מיר זיינען אין אַ שעהנעם טהאָל בעדעקט מיט בלומען און גראָזען. ארום טהאָל הייבען זיך אויף ניט הויכע בערגלעך בעוואקסען מיט פרוכט ביימער. אין דערמיט פון׳ם טהאָל פליעסט רוהיג און שטיל א קליין טייכעל. דיעזעס טייכעל איז דיא גרענעץ צווישען דיא לענדער, וועלכע געהערן צו דיא שפּאניער און דיא לענ־דער, וועלכע געהערן צו דיא אינדיאנער. אזוי האט מען ניט לאנג אפּגערעדט. יעצט קומט מען זיך צונויף פון ביידע זייטען שליעסען אן אייביגען בונד און אן אייביגען פריעדען צווישען ביידע פעלקער.

פון איין זייט טייכעל שטעהן דיא געצעלטען פון דיא אינדיאנער. אנטינאהועל, דער „טאָקי“, דער גרויסער הערשער, האט געשיקט אהער זיינע קריעגער און זיינע הייפּטלינגע. ער אליין וועט ערשט שפּעטער אנקומען. פאר אזא גרויסען הערשער פּאסט ניט צו קומען פריהער.

פון דער אנדערער זייט טייכעל שטעהן געצעלטען (פּאלאטקעס) פון לייווינט. אויף איינעם פון דיעזע געצעלטען פלאטערט אין דער הויך דיא שפּאנישע פאהן. דא לאגערן דיא שפּאנישע סאלדאטען. זיי ווארטען, אז גענעראל בוסטאמענטע זאָל קומען.

מען האט אפּגערעדט, אז דא אויף דער גרענעץ פון דיא ביידע פעלקער זאָל

מען זיך צונויפקומען פון ביידע זייטען און מען זאל שליעסען א בונד צווישען ביידע פעלקער. דערביי האט יעדער געהאט זיינע אייגענע פלאנען און זיינע אייגענע אבזיכטען. ווי עס פיהרט זיך, האבען ביידע פארטייען געוואָלט אפנארען איינע די אנדערע.

בוסטאמענטע האט גערעכענט, אז ער וועט איינרעדען דעם אינדיאנער פירסט, ער זאל איהם געבען זיינע קריעגער און זאל איהם העלפען אפנעהמען דאס גאנצע לאנד און עס צוריקגעבען שפאניען. אנטינאהועל האט שטילערהייט געהייסען אלע קריעגער פון די אינדיאנער זאלען זיין בערייט צום קריעג. ער האט געזוכט א גינסטיגע געלעגענהייט, ער זאל אנפאלען אויף די שפאניער און זאל זיי אלע אויסהרגענען, ווי איין מאן.

דער ווייל איז אין לאגער געווען פרעהליך. שפאניער און אינדיאנער זיינען זיך צונויפגעקומען, יעדער אין זיינע בעסטע און שעהנסטע קליידער. עס זיינען געקומען פיעלע דאמען פון וואלדיוויא זעהן די צערעמאניע פון שליעסען פריעדען. עס זיינען געקומען פיעלע קויפלייטע און הענדלער, וועלכע האבען געהאפט צו מאכען גוטע געשעפטען ביי דיעזער צערעמאָניע.

אין דער צייט, וואס גענעראל בוסטאמענטע האט געוואלט ארייננארען דעם אינדיאנער פירסט און דער אינדיאנער פירסט האט געוואָלט אפנארען די שפאניער, האבען די דונקעלע הערצער אויך נים געשוויעגען. זיי האבען אויך געוואָלט בענוצען דיעזע געלעגענהייט, אבער צו א גאנץ אנדערן צוועק.

עס איז אין דער פריה. די זון שיינט העל און ווארם און בעלייכטעט דעם שעהנעם טהאל, וועלכען מיר האבען נור וואס בעשריעבען. אויף די בערג פון דער זייט פון אראאוקאניא האבען זיך געוויעזען עטליכע רייטער. און די פעדערן אויף זייערע קעפ האט מען זעהר לייכט געקענט דערקענען, אז דאס זיינען אינדיאנער. דאס איז ווירקליך געווען די ערשטע ראָטע קריעגער, וועלכע דער אינדיאנער פירסט האט פאראויס געשיקט זעהן, אויב אלעס איז שוין פאָרבערייטעט איהם צו עמפפאנגען.

ער האט געוואלט, אז בוסטאמענטע זאל קומען פריהער און זאל אויף איהם ווארטען. זיין אינדיאנער שטאָלץ האט געוואָלט ווייזען פאר אלעמען, אז ער שטעהט העכער פון די שפאניער.

פון דער אנדערער זייט זיינען אנגעקומען רייטער פון א גאנץ אנדערן סאָרט. דאס איז געווען דער גענעראל בוסטאמענטע מיט זיינע אָפיציערן. אלע זיינען געווען אנגעטהאן אין זייערע שעהנסטע און רייכסטע קליידער. זייערע מונדירען האבען געפונקעלט, זייערע שווערע גאָלדענע עפּאָלעטען האבען געגלענצט אויף דער זון.

הינטער גענעראל בוסטאמענטע מיט זיין שטאב איז געפאהרען א רייכע קארעטע, אין וועלכעם עס איז געזעסען נור איין פערזאָן — דאניא מאריא. זיא איז געווען אויסגעפוצט און אנגעטהאן נאך דער נייעסטער מאָדע פון יענער צייט. זיא האט געוואָלט זיין ביי דער צערעמאָניע, ווען מען וועט שליעסען דעם אייביגען פריעדען און דעם אייביגען בונד צווישען די צוויי פעלקער.

נייט פון דיעזע גלענצענדע רייטער און אויסגעפוצטע אָפיציערן, אויף א בער-

נעל, ותעלכער איז גוועזן בעוואקסען מיט א גאנץ געדיכטען וואלד זיינען געשטאנען עטליכע מענשען און האבען פון דער הויך זיך צוגעקוקט צו אלעס, וואס איז פארגעקומען אין טהאל. דאס זיינען געווען דאן טארעא, דיא צוויי פראנצויזען און דאניא ראזאריא.

אויפ'ן ערשטען בליק וואלט מען געקענט מיינען, אז א זאנדערבארער צופאל האט צוזאמען געבראכט דיעזע דריי פערשיעדענע פארטייען, וועלכע האבען שטילערהייט געגראבען איינער אונטער דעם אנדערן. וויא מיר וועלען אבער וייטער זעהן, איז עס ניט געווען קיין צופאל. יעדער פון דיעזע דריי האט בעשלאסען צו בענוצען דיעזען גרויסען טאג צו זיינע צוועקע.

אנטינאהועל, דער אינדיאנער פירסט, האט פערזאמעלט אלע זיינע קריעגער. ער האט ארויסגעשיקט שפיאנען אין אלע זייטען און האט אויפגעשטעלט וואכען אויף אלע בערג. וואלט דאן טארעא געווען עטוואס רוהיגער און וואלט זיך בעסער צוגעקוקט צו דעם ארט, וואו ער איז געשטאנען מיט זיינע מענשען, וואלט ער געזעהן, וויא א רויטער קערפער מיט א פאר פייעריגע אויגען איז געלעגען בעהאלטען אין טיעפען גראז אונטער א בוים און האט פון איהם ניט אראפגעלאזען קיין אויג. דאס איז געווען א וואך אדער א שפיאן פון'ם אינדיאנער פירסט.

ווען גענעראל בוסטאמענטע מיט זיין שטאב איז צוגעקומען צום לאגער, האט דיא מוזיק אנגעהויבען צו שפיעלען א מארש און זיינע סאלדאטען האבען זיך אויסגעשטעלט אין קריעגס ארדנונג. דער אינדיאנער פירסט האט אויסגעפיהרט, וואס ער האט געוואלט. — ער איז אנגעקומען שפעטער. ער איז אנגעקומען מיט פיעלע קאציקען און הייפטלינגע. אלע זיינען געווען אנגעטהאן אין זייערע פאראדע קליידער נאך דער אינדיאנישער מאדע. א פעל פון א ווילדעס טהיער פערווארפען אויף דיא פלייצעס און אויפ'ן קאפ פעדערן פון אן אדלער אדער אנאנדער רויב פויגעל.

קוים האט זיך געוויעזען דער אינדיאנער פירסט מיט זיינע קריעגער, האבען אלע אנוועזענדע אנגעהויבען צו שרייען:

— הורראה! וויווא!

גענעראל בוסטאמענטע מיט זיין שטאב זיינען אריבערגעפאהרען דאס טייכעל און האבען בעגעגענט דיא אינדיאנער. אויף אנטינאהועלס ליפען האט זיך געוויעזען א זאנדערבארער שמייכעל. ער האט געזיעגט — דיא שפאניער זיינען איהם ענטגעגען געגאנגען.ביידע פארטייען זיינען יעצט אראפגעגאנגען פון זייערע פערד און זיינען צוגעגאנגען איינער צום אנדערן צו פוס. גענעראל בוסטאמענטע האט געגעבען דעם אינדיאנער פירסט דיא האנד. דאניא מאריא האט איהם איבער געגעבען טהייערע פרעזענטען אין נאמען פון'ם שפאנישען פאלק.

גענעראל בוסטאמענטע איז געווען גוט בעקאנט מיט דיא זיטען (מנהגים) פון דיא אינדיאנער. ער האט געוואוסט, אז ביים שליסען פון א בונד מוז איינער דעם אנדערן געבען פרעזענטען אלס צייכען פון ליעבע און פריינדשאפט. גענעראל בוסטאמענטע האט געהאלטען א לאנגע רעדע, אין וועלכע ער האט פערזיכערט דעם „טאקי" מיט זיינע קאציקען, אז אלע מענשען זיינען ברידער, אז עס איז נאר קיין אונטערשיעד

נימ, אויב דיא הויט פארב פון'ם מענשען איז ווייס, אדער רויט; אז אלע דארפען לעבען שטיל, רוהיג און פריינדליך.

אנטינאהועל וואלט איינענטליך גערארפט ענטפערן מיט א לאנגער רעדע. ער האט עס אבער ניט געטהאן, זאנדערן האט געהייסען איינעם פון זיינע קאציקען ענטפערן אויף גענעראל'ס רעדע. דער קאציק האט אנגעהויבען אויסצורעכענען דיא פעלע, ווען דיא ווייסע זיינען געווען אונגערעכט געגען דיא אינדיאנער.

— מיר זיינען געווען ארים, אבער גליקליך אין אונזערע בערג און אויף אונזערע פרעריען (כטעפעס), האט ער געזאגט, מיר פלעגען שיעסען מיט אונזערע פיילען און בוינענס נור אויף דיא ווילדע טהיערע אויפ'ן פעלד און דיא פיינעל אין דער לופט. מיר זיינען געווען צופריעדען, מיט וואס אונזער ערד האט אונז געגעבען. איהר זייט געקומען ערגעץ פון א ווייט אינזעל און האט ביי אונז אלעס צוגענומען. וואהין דער רויטער מענש קומט יעצט, וויזט איהם דער ווייסער זיין ביקס און זאגט: דאס געהערט מיר! דאס איז מיינס! קום ניט אהער! האפ ניט קיין פיש אין מיינע טייכען, טוידטע ניט קיין ווילדע טהיערע אין מיינע וועלדער, שיעס ניט קיין פיינעל אויף מיינע פעלדער. אלעס געהערט מיר!

ער האט אויסגערעכענט א לאנגען צעטעל פון אונגערעכטינקייטען און פערברעכען, וואס דיא ווייסע האבען בעגאנגען געגען דיא אינדיאנער און האט געענדיגט מיט פאלגענדע ווערטער.

— מיר ווילען אבער דען פריעדען, מיר ווילען האבען רוהע. מיר ווילען לעבען, וויא אונזערע עלטערן האבען געלעבט. לאז דער האס און דיא פיינדשאפט צווישען אונז ליעגען בעגראבען טיעף אין דער ערד. לאז דיא אונגערעכטינקייט אין דער מארד פערשווינדען פוןביידע פעלקער אויף אייביג.

נאך דיעזער רעדע האט בוסטאמענטע גערעדט איינינע מינוט מיט'ן אינדיאנער פירסט אליין. זיי האבען גערעדט איבער דיא בעדינגונגען פון'ם בונד. וויא עס האט זיך אויסגעוויעזען, איז אנטינאהועל געווען פאלקאמען איינפערשטאנען אין אלע זאכען מיט'ן גענעראל. זיין געזיכט איז געווען קאלט און רוהיג, נור פון צייט צו צייט פלעגען דיא ווינקעל פון זיינע ליפען א ציטער טהאן און אין זיינע אויגען פלעגט זיך אנצינדען א פייער.

ווען מען האט אלעס אפגערעדט, זיינען צוגעקומען דיא שפאנישע נייסטליכע און האבען געזאגט א געבעט. דיא שפאניער האבען אראפגענומען זייערע היטלען און האבען זיך אנגעבויגען. דיא אינדיאנער זיינען געבליעבען שטעהן אויף זייערע ערטער, וויא דיא סטאטוען. פיעלע פון זיי האבען שוין געזעהן דיעזע צערעמאניע און זיא האט זיי ווענינ אינטערעסירט. ווען דיא צערעמאניע האט זיך געענדיגט, האט זיך גענעראל בוסטאמענטע געווענדעט צום אינדיאנער פירסט און האט איהם געזאגט:

— יעצט קענען מיר אויפשטעלען דעם קרייץ און בעגראבען אונטער איהם דיא קריענס האק.

אלס צייכען פון פריעדען צווישען דיא ווייסע און דיא אינדיאנער פלעגט מען מאכען אזא צערעמאניע. מען פלעגט מאכען א גרויסען הילצערנעם קרייץ. דיעזען

קרייץ פלעגט מען ערנעץ אויף א בערגעל אויפשטעלען. אין דער גרוב, וועלכע מען פלעגט אויסגראבען אום דארט אריינצושטעלען דעם קרייץ, פלעגען דיא אינדיאנער אריינלעגען א האק, וועלכע זיי פלעגען מיטנעהמען אין קריעג אלס וואפע. דאס האט געהייסען בעגראבען דיא קריעגס האק. דאס איז געווען א צייכען, אז דער קריעג האט אויפגעהערט. ער איז בעגראבען.

— וואו? האט אנטינאהועל געפרעגט.

— דא, אויפן ארט, וואו מיר שטעהן, האט בוסטאמענטע געענטפערט.

— ניין, ברודער, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט. מיר האבען געשלאסען דעם פריעדען פון יענער זייט טייבעל, דארט מוזען מיר בעגראבען דיא קריעגס-האק. דיא ווערטער, וואס מיר האבען גערעדט, מוזען בלייבען דארט, וואו מיר האבען זיי ארויסגעזאגט.

— לאז זיין, וויא דוא ווילסט, ברודער, האט דער גענעראל מיטגעשטימט.

אלע זיינען יעצט אריבערגעגאנגען דעם טייבעל צוריק אין דער זייט, וואס האט געהערט צו דיא שפאניער. איינינע סאלדאטען זיינען אריינגעגאנגען אין א געצעלט און האבען פון דארט ארויסגענומען א גרויסען הילצערנעם קרייץ. זיי האבען איהם ארויפגעטראגען אויף א בערגעל, וואו עס איז געווען אויסגעגראבען א טיעפע גרוב. דארט האבען זיי איהם אריינגעשטעלט.

דער גענעראל מיט זיינע אפיציערן, דאניא מאריא און פיעלע אנדערע דאמען און הערען פון וואלדיוויא, וועלכע זיינען געקומען זעהן דיא צערעמאניע, האבען זיך ארומגעשטעלט אין א האלב קרייז ארום דער גרוב. פון דער אנדערער זייט האבען זיך ארומגעשטעלט אויך אין א האלב קרייז אנטינאהועל מיט זיינע קאציקען, מיט זיינע הייפטלינגע, מיט זיינע בעסטע קריעגער.

ווען מען האט אריינגעשטעלט דעם קרייץ אין גרוב, האט איינער פון דיא קא-ציקען גענומען א האק און האט זיא אריינגעלעגט אין גרוב לעבען קרייץ.

— אלזא, וועט זיין צווישען אונז שטענדיג רוהע און פריעדען? האט דער קאציק געפרעגט.

— יא, צווישען אונז וועט הערשען רוהע און פריעדען, האט דער גענעראל געענטפערט.

— אלעס, וואס מיר האבען גערעדט, וועט בלייבען בעגראבען מיט דיעזער האק און מיט דיעזען צייכען פון אייער גאט? האט דער קאציק ווייטער געפרעגט.

— אלעס, וואס מיר האבען גערעדט, איז הייליג, וויא דיעזע ערד, האט דער גענעראל געענטפערט.

— אלזא, לאמיר בעדעקען דיעזע צוויי צייכענס מיט ערד.

אלע האבען זיך אנגעבויגען, האבען אנגענומען א הויפען ערד און האבען עס אריינגעווארפען אין גרוב. דאן זיינען געקומען סאלדאטען מיט לאפאטעס און האבען פערשאטען דיא גרוב. פאר דיא שפאניער האט זיך שוין דיא צערעמאניע געענדיגט. אנטינאהועל האט אבער געפונען, אז ער דארף נאך עפעס טהאן. ער האט געהייסען ברענגען א לאם, האט געהייסען דעם סאסשי, דעם צויבערער פון זיין דארף, ער זאל

איהם שלאכטען. אלע קאציקען און הייפטלינגע האבען איינגעטונקט זייערע הענד אין דעם ווארעמען בלוט פון׳ם שעפס און האבען מיט דיא נאסע פינגער געמאכט ציינענס אויפ׳ן ווייסען הילצערנעם קרייץ.

דיא שפאניער האבען ניט פערשטאנען, וואס דיעזע צייכענס בעדייטען. קיינער פון דיא אנוועזענדע איז ניט געווען ביי אזא צערעמאניע, ווען מען שליעסט פריעדען מיט א „טאקי", מיט א גרויסען הערשער. זיי האבען געמיינט, אז דאס איז א געוועהנליכע אינדיאנישע צערעמאניע. זיי האבען אנגעהויבען צו שיעסען פון זייערע ביקסען און פיסטאלעטען אלס צייכען פון פרייד און פייערליכקייט. דיא אינדיאנישע קריעגער האבען אויך ניט געשוויגען. זיי האבען געוויעזען, אז זיי זיינען גרויסע קינסטלער צו שיעסען מיט זייערע פייל און בויגען.

אלע זיינען געווען פרעהליך, אלע זיינען געווען לוסטיג, אלע זיינען געווען צופריעדען, וואס מען האט ערנייערט דיא פריינדשאפט צווישען ביידע פעלקער און מען האט בעשטימט, ביז וואנען דיא אינדיאנער מעגען זיך נאכיאגען נאך ווילדע טהיערע אין דיא פרעריען און קיינער טאר זיי ניט שטערן.

אין דער צייט, ווען אלע אנוועזענדע האבען זיך אזוי געפרעהט, אדער האבען נור געוויעזען, אז זיי פרעהען זיך, האט גענעראל בוסטאמענטע גענומען דעם אינדיאנער פירסט אונטערן ארים און האט איהם געזאגט:

— וויל מיין ברודער זיין אזוי פריינדליך, געהן אין מיין געצעלט און טרינקען מיט מיר א גלאז טשיקא? — איך וועל זיין גליקליך, ווען מיין ברודער וועט מיר ניט אפזאגען.

— ווען עס קען מאכען מיין ברודער גליקליך, וועל איך געהן מיט איהם, האט דער אינדיאנער פירסט גענטפערט שטאלץ.

— אלזא, קומט, האט בוסטאמענטע געזאגט און איז געגאנגען אין זיין געצעלט מיט׳ן אינדיאנער פירסט ארים און ארים געשלאסען.

דיא מוזיק האט געשפיעלט א פרעהליכען מארש. דיא סאלדאטען און דיא מענגע, וועלכע איז געקומען זעהן דיא צערעמאניע, האבען געטרונקען און זיך געפרעהט. קיינעם איז ניט געקומען אין קאפ אריין, וואס פאר א טרויעריגע פאלגען דיעזער טאג וועט האבען.

אין דער צייט, וואס דיא צוויי נייע פריינד זיינען אריינגעגאנגען אין בוסטאמענטע׳ס געצעלט, איז פון ערגעץ אנגעקומען א קריעגער. ער האט געמאכט א געוויסען צייכען, וועלכען נור דער אינדיאנער פירסט האט פערשטאנען. דאן האט ער גערעדט מיט איהם אייניגע ווערטער און איז ווידער פערשוואונדען געווארען.

28טעם קאפיטעל.

אוועקגערויבט.

אין דער צייט, וואס אונטען אין טהאל האט מען געשלאסען אן אייביגען בונד און אן אייביגען פריעדען; אין דער צייט, וואס אונטען אין טהאל האבען זיך אלע געפרעהט — זיינען דארט אויפ׳ן בערגעל, נאך אלץ געשטאנען דאן טאדעא, דיא צוויי פראנצויזען און דאניא ראזאריא.

דאן טאדעאָ האט צונומען דיא צווייגען פון דיא ביימער און האט אַ קוק געטהאן אויפ'ן טהאל. ווען ער האט געזעהן, אז אלע זיינען בעשעפטיגט מיט דער צערעמאָניע, האט ער זיך געווענדעט צו דיא צוויי פראנצויזען און האט זיי געזאגט:

— פריינדע! זייט מיר האבען זיך בעקענט; זייט דער צופאל האט אונז צוזאמענגעפיהרט און האט אונז אויף אזא זאנדערבארער ארט געמאכט פאר פריינד און ברידער, בין איך געוועזען געגען אייך אפענהערציג. איהר קענט יעצט אלע מיינע געהיימניסע. איהר ווייסט יעצט, צו וואָס איך שטרעב און פאר וואָס איך שטעל איין מיין לעבען. איך וויל יעצט אויך זיין אפענהערציג געגען אייך. הערט מיך אויס אויפמערקזאם.

איך מוז באלד צוריקפאהרען קיין וואלדיוויא. דאָרט וועלען מיר היינט אויפהויבען דיא פאהן פון א רעוואָלוציאָן געגען דער טיראַניי. איך ווייס ניט, וואס עס וועט געשעהן. איך האב מורא איבערצולאזען דאָרט דיעזע יונגע דאמע. — ער האט געוויעזען אויף דאניא ראָזאריא. וועלכע איז געזעסען אויפ'ן גראז ווייט פון זיי. — איהר זייט פראנצויזען, איהר ווייסט, וואס א רעוואָלוציאָן איז. ווען בירגער געהן ארויס געגען בירגער; ווען מען מוז שיעסען אין דיא גאסען פון א רוהיגער און פריעדליכער שטאָדט; ווען א מענש קוקט ניט אויף זיין לעבען אום צו נעהמען דאס לעבען פון'ם אנדערן, וועלכען ער האלט פאר זיין פיינד — דאן קוקט מען ניט אויף קיינעם. מען שוינט ניט קיין יונגען און קיין אלטען, קיין מאַן און קיין פרוי.

דאס איז דיא אורזאַכע, ווארום איך האב אייך אן יענע דאמע ארויסגעפיהרט אהער. איך קען דא אן אָרט, וואו איהר וועט קענען רוהיג איבערזיצען דעם היינטיגען טאג. ווען איך זיעגען, וועלען מיר פערטרייבען דיא טיראנען און אויסרופען פרייהייט און גלייכהייט, וועל איך קומען און וועל אייך אפנעהמען. וועל איך אבער ניט זיעגען אדער עס וועט מיר עפּעס געשעהן, לאז איך אייך איבערא בריעף, פון וועלכען איהר וועט זעהן, וואס איהר זאלט טהאן און וואוהין איהר זאָלט אפּפיהרען דיעזע דאמע.

ווער פון אייך, מיינע הערען, וויל בלייבען מיט דאניא ראזאריא און זיא אפּהיטען איבער היינטיגען טאג?

— זייט רוהיג, דאן טאדעאָ, האט לואיס געענטפערט. איך נעהם אויף מיר דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פאר דאניא ראזאריא. איך שווער אייך, אז זא לאַנג איך וועל אטהעמען, וועל איך ניט דערלאזען, אז עס זאל געקרימט ווערן א האר אויף איהר קאָפּ.

דער גראף האט ארויסגעזאגט דיעזע ווערטער אזוי ווארם, אזוי טרייהערציג און אזוי עהרליך, אז דאן טאדעא איז געוועזען גערירט.

— טויזענד דאנק, דאן לואיס! האט ער אויסגערופען. איך גלויב אייך און איך פערטרוי אויף אייך!

— איך האָף, אז איהר וועט זיך איבערציינגען, אז איך בין ווערטה אייער פערטרויען, האט לואיס געזאגט.

— אלזא, ווארט דא א ווײלע.

מיט דיעזע ווערטער איז דאן טאדעא צוגעגאנגען צו דאניא ראזאריא, וועלכע איז געזעסען טרויעריג און פערטראכט איבער איהר שיקזאל, וועלכער האט זיא ווייטער צוזאמען געבראכט מיט איהר געליעבטען.

— ליעבעס קינד, איך האב מיט דיר עפּעס צו רעדען, האט דאן טאדעא געזאגט און האט זיך געזעצט לעבען איהר אויפ'ן גראז.

— רעדט, פריינד, האט דאניא ראזאריא געענטפערט. איהר ווייסט דאך, אז איך פאָלג אייך שטענדיג, וואס איהר זאגט מיר.

— איך מוז פון דיר אבשיעד נעהמען.

— אבשיעד? איהר לאזט מיך ווידער אליין דא אין ווילדען וואלד?

— איך נעהם פון דיר אבשיעד נור אויף א גאנץ קורצע צייט, נור אויף איינינע שטונדען.

— אה, דאס איז עטוואס אנדערש, האט דאניא ראזאריא געזאגט און האט פרייער אויפגעאָטהעמט.

— יא, קינד, נור אויף איינינע שטונדען. איך האב היינט געשעפטען אין וואלדיוויא און וואלט גאר אהער ניט געקומען. איך האב מיך אבער ארויסגעחאפּט פאר דיא צוויי פראנצויזען, אז איך קען דא א הייל אין איינעם פון דיעזע בערג, וועלכע איז ווערטה, אז מען זאל זיא זעהן. דיא יונגע לייט האבען מיך געבעטען, איך זאל זיי ווייזען דיעזעס וואונדער.

— פאר וואס ניט? האט דאניא ראזאריא געפרעגט. דיא צוויי פראנצויזען האבען פערדיענט, אז איהר זאָלט זיי ערצייגען אזא געפעלינקייט.

— דאס איז עס, קינד. עס וואָלט געווען זעהר גראב פון מיר, איך זאל זיי אפּזאגען אזא קלייניגקייט. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס איך האב דיך היינט אפּגענומען פון מאנאסטיר, איך האב געוואלט, דוא זאלסט זיך אביסעל דורכפאהרען און זאלסט אויך זעהן דיעזעס וואונדער און דערביי זאָלסט דוא אויך זעהן דיא צערעמאניע פון'ם שליעסען א בונד צווישען דיא שפּאניער און דיא אינדיאנער. — אלזא, זיי רוהיג, קינד! דוא וועסט דא פערברענגען א פאר אנגענעהמע שטונדען.

— ווען איהר ווילט אזוי, וועט עס מיר געוויס זיין אנגענעהם.

— איינער פון דיא פראנצויזען, דאן לואיס, וועט בלייבען מיט דיר, ביז איך וועל קומען דיך אפּנעהמען.

ביים וואָרט דאן לואיס איז דאס יונגע מעדכען רויט געוואָרען, וויא פייער. זיא האט אוועקגעקעהרט איהר געזיכט און האט געשטאמעלט:

— קום באלד צוריק, מיין איינציגער פריינד.

— עס וועט ניט לאנג דויערן. איך וועל באלד זיין צוריק.

דאן טאדעאָ איז יעצט צוריקגעגאנגען צו דיא צוויי פראנצויזען.

— איך האב שוין געזאגט דער יונגער דאמע, אז זיא וועט דא בלייבען מיט אייך, דאן לואיס, האט ער זיי געזאגט. איהר אבער דאן וואלענטין, ווילט איהר געהן מיט מיר? ווילט איהר טהיילנעהמען אין א רעוואלוציאן אין אמעריקא?

— געוויס! האט וואלענטין אויסגערופען. איך בין א פראנצויז און א סאלדאט.

מיר, פראנצויזען, ווייסען שוין, וויא אזוי צו מאכען א רעוואלוציאן. איך וויל זעהן, אויב מען קען דיעזע קונסט אין אמעריקא. מען דארף קענען מאכען א רעוואלוציאן.

— איך שעהם מיך ניט צו זאגען, אז מיר זיינען נאךווירקליך יונג און ווע־יג געאיבט אין דיעזער קונסט, האט דאן טאדעא בעמערקט.

— לעבע וואהל, לואיס! האט וואלענטין זיך געווענדעט צו זיין מילך־ברודער. וויא דוא זעהסט, מאכען מיר גוטע געשעפטען אין אמעריקא. איך געה מאכען א רעוואלוציאן, דיך האט דאס שיקזאל צונויפגעפיהרט, מיט ועמען דוא ווילסט. וואס נאך ווילסט דוא פון אמעריקא?

— שפאס ניט וואלענטין, האט לואיס געבעטען. איך בין ניט צופריעדען, וואס דוא געהסט אהין. וואס האבען מיר, פרעמדע, עמיגראנטען, צו טהאן מיט פאליטיק?

אין דיעזע מינוט האט זיך דאן טאדעא צו זיי געווענדעט.

— אלזא, קומט מיט מיר, דאן וואלענטין. דיא צייט איז טהייער. מיר טארען קיין מינוט ניט פערליערען.

דאן טאדעא און וואלענטין האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען אוועקגעפאהרען קיין וואלדיוויא, קורמיללא און טראנגאיל־לאנעק האבען גע־מוזט זיין ביי דער צערעמאניק. אנטינאהועל האט זיי איינגעלאדען און זיי האבען זיך ניט געקענט אפזאגען.

אין לאנער ניט וויט פון דער הייל אין דיא בערג איז געבליעבען נור לואיס און דאניא ראזאריא. זיא איז נאך אלץ געזעסען אויף איהר ארט אונטערן בוים, דעם קאפ אנגעשפארט אויף דיא הענד פערטראכט און טרויעריג. היינט אין דער פריה איז צו איהר געקומען דאן טאדעא און האט איהר געזאגט, אז ער וויל מיט איהר פאהרען שפאציערען. אויפ'ן וועג האבען זיי בעגעגענט דיא צוויי פראנצויזען. דאניא ראזאריא האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וויא אזוי דיא פראנצויזען קומען אהער. לואיס האט איהר געשווארען, אז ער וועט אוועקפאהרען פון טשילי.

— וויל דאס שיקזאל מיך מארטערן, וואס עס ברענגט מיך צונויף מיט דיעזען מענשען? האט דאניא ראזאריא געטראכט. איך ליעב איהם, איך מוז פון איהם אנטלויפען — דאס שיקזאל אבער ברענגט איהם שטענדיג צוריק.

פערטיעפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען האט זיא זאגאר ניט בעמערקט, ווען דאן טאדעא מיט וואלענטין זיינען אוועקגעפאהרען. זיא האט זיך אומגעקוקט ערשט דאמאלס, ווען לואיס איז געשטאנען לעבען איהר. זיא האט א ציטער געטהאן, ווען זיא האט דערזעהן, אז זיא איז אליין מיט איהם.

— איך בין עס, האט לואיס געזאגט אום זיא צו בערוהיגען און אום עפעס צוזאגען.

— איך ווייס, אז איהר זייט עס, האט דאס יונגע מעדכען געזאגט, פאר וואס אבער זייט איהר געקומען צו מיר? איהר האט דאך מיר געשווארען, אז איהר וועט אייך אוועקפאהרען פון דיעזער געגענד?

— איך האב געוואלט האלטען מיין אייד (שבועה) האט לואיס געענטפערט. איך בין ווירקליך אוועקגעפאהרען פון יענע געגענד. א געהיימע קראפט אבער האט

אונז ווידער צוזאמענגעפיהרט. וואס העלפען אלע אונזערע פלאנען, אלע אונזערע אונטערנעהמונגען און אלע אונזערע בעשליעסע? איבער אונז הערשט א העכערע מאכט, וועלכע איך וויים ניט, וויא אנצורופען: גאָט, שיקזאל, מזל אדער פאטום.

דאס יונגע מעדכען האט איהם אנגעקוקט טרויעריג. זיא האט איהם פערשטאנען. זיא האט געפיהלט, וואס ער האט געזאגט צו איהר.

— וואס זאלען מיר טהאן? האט לואיס ווייטער געזאגט. איהר וועט יעצט מוזען בלייבען א פאר שטונדען מיט מיר.

דאניא ראזאריא האט איהם געגעבען דיא האנד. לואיס האט זיא גענומען און האט זיא בעדעקט מיט הייסע, פייעריגע קושען.

— זיינען מיר גאנץ אליין אין דיעזער ווילדער געגענד? האט זיא געפרעגט אונרוהיג.

— מיר זיינען אליין לעבען טויזענדע מענשען, האטלואיס געענטפערט. אונטען אין טאהל קאָכט און רוישט דאס לעבען. דאָרט זיינען זיך צונויפגעקומען פערשיעדענע מענשען וועגען פערשיעדענע צוועקע. וואס געהען זיי אונז אן? וואס קימערט אונז, וואס זיי טהוען דאָרט? וואס הארט אונז זייערע צערעמאניען און זייער אפשליעסען פון א בונד, וועלכען זיי וועלען ניט האלטען?

— יא, דוא האָסט רעכט, לואיס! מיר זיינען אליין צווישען א מענגע פון צעהן טויזענד מענשען, מיר קענען זיי זעהן, מיר הערן, וויא זיי שרייען, וויא זיי לארמען, וויא זיי פרעהן זיך, וואס געהן זיי אונז אבער אן?

— דאס שיקזאל האט אונז צוזאמען געפיהרט, האט לואיס געזאגט, לאמיר איהם לאזען טהאן, וואס ער וויל. איך פיהל מיך גליקליך, ווען איך בין לעבען דיר, ווען איך הער דיין זיסע שטימע — ווען איך קען אטהעמען איין לופט מיט דיר.

דאניא ראזאריא האט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע גרויסע, קלוגע אויגען.

— עס איז וואהר, האט זיא געזאגט. מיר זיינען א מאל גאנץ אליין צווישען דיא גרעסטע מענגע מענשען. איך וויים עס. איך האב עס געפיהלט. וויא אָפט פלעג איך מיך פיהלען איינזאם און פערלאזען, ווען איך האב שפאציערט אין דיא דיא רוישענדע גאסען פון'ם פרעהליכען פאריז? וויא אָפט פלעג איך מיך פיהלען טרויעריג און איינזאם אויף א לוסטיגען באל אדער אין א פול געפאקטען טהעאטער? — ניט דיא גרויסע מענגע מענשען מאכט אונז פרעהליך, ניט דיא גלענצענדע זאלען, ניט דיא פרעהליכע מוזיק ווירקט אויף אונז. אין אונז אליין איז דא א קוועלע פון לעבען און פון לוסט. ווען מיר זיינען אליין פרעהליך, ווייזט אונז אוים, אז דיא גאנצע וועלט טאנצט מיט אונז. ווען אין אונזער הערץ קלינגען פרעהליכע ליעדער, דאכט זיך אונז, אז דיא מענגע ארום אונז זינגט זיי. — אונזער וועלט איז אין אונז, ניט אויסער אונז. —

לואיס האט געהערט מיט פערגניעגען, וויא זיין געליעבטע פערשטעהט אזוי גוט דיא וועלט.

— ניט אלע מענשען זיינען אזוי, וויא דוא, ליעבע ראזאריא, האט ער געזאגט. ניט אלע מענשען פיהלען אזוי דאס לעבען; ניט אלע פערשטעהן אזוי דאס לעבען, וויא

דוא. אָט האָסט דוא א לעבעדיגעןביישפיעל פאר דיר. מיין פריינד ווּאלענטין איז א גאנץ אנדערער מענש. ער איז שטענדיג פרעהליך, ער שפאסט שטענדיג. ער מעג זיין אליין אין א ווילדען וואלד אָדער צווישען הונדערט טויזענד מענשען, ער בלייבט דערזעלבער — מונטער און לוסטיג.

זיי האבען נאך אוועקגערעדט איינינע צייט, לואיס האט גענומען איהר האנד און האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען. ער איז געווען גליקליך.

פלוצלונג האבען זיי דערהערט א שרעקליכען ליארם. דאניא ראזאריא האט א ציטער געטהאן.

— וואס זאל בעדייטען דיעזער ליארם? האט זיא געפרעגט דערשראָקען.

— דיא מענגע פרעהט זיך און מאכט א ליארם, האט לואיס געענטפערט.

— איך ווייס ניט, וואס דאס איז, האט דאניא ראזאריא געזאגט פערטראכט. עפעס שרעקט זיך מיר דאס הערץ. עפעס האב איך מורא, איך ווייס אליין ניט פאר וואס.

— ווען דוא האָסט אזוי פיינט א רעש, פאר וואס ביסט דוא געקומען אהער?

— בין איך דען געקומען מיט מיין ווילען? — דאן טאדעא האט מיר געהייסען געהן מיט איהם, בין איך געגאנגען.

— ווייסט דוא גאר ניט, צו וואס דאן טאדעא האט דיר געהייסען קומען אהער?

— וואס ווייס איך? האט דאניא ראזאריא געזאגט טרויעריג. ווייס איך דען, וואס דאן טאדעא טהוט? פערשטעהע איך דען, צו וואס ער הייסט מיר אמאל פאהרען אין ערטער, וואס זיינען מיר גאר ניט בעקאנט?

— וויא עס ווייזט אויס, האט דיך דאן טאדעא שטארק ליעב? האט לואיס געפרעגט.

זייט ער האט זיך בעקענט מיט דאן טאדעא, האט ער געזעהן, אז דאן טאדעאָ זאָרגט זיך פאר דאס יונגע מעדכען און בעהאנדעלט זיא וויא זיין איינען קינד. וואס געהער ער זיך אן מיט דאניא ראזאריא? דאס איז געווען פאר איהם א רעטעניש. ער האָט זעהר געוואָלט וויסען, וואס דיעזע צוויי מענשען געהערן זיך אן און וויא עס קומט, וואָס דאָן טאדעאָ האט אזא מאכט איבער דאס יונגע מעדכען, אז ער שיקט זיא ארום, וואוהין ער וויל.

— איך ווייס ניט, אויב דאן טאדעאָ ליעבט מיך, האט דאס יונגע מעדכען געזאגט פערטראכט. אמאל ווייזט זיך מיר אויס, אז ער ליעבט מיך מעהר פון זיין לעבען. אָפט זאָרגט ער זיך פאר מיר און איז זעהר טרויעריג, ווען עס פאסירט מיר עפעס אונאנגענעהמעס. אמאל אבער ווייזט מיר אויס, אז איך בין איהם צולאָסט.

— דאס איז זאנדערבאר! האט לואיס בעמערקט. איהר מוזט אבער דאָך וויסען, וואס ער געהערט זיך אן מיט אייך. איז ער אייער א פערוואנדטער? אייער אָנקעל אדער זאָנסט אייערער א קרוב?

— איך ווייס עס ניט, האט דאניא ראזאריא געענטפערט טרויעריג. אָפט, ווען איך זיץ אליין פערטיעפט אין מיינע געדאנקען, הייב איך אן מיך צודערמאנען אן מיינע קינדער-יאהרען. איך דערמאן מיך, אז ארום מיר פלעגט ארומגעהן א שעהנע

פרוי. זיא פלעגט אָפט קוקען אויף מיר, פלעגט מיך ארומנעהמען, פלעגט מיך קושען און פלעגט שמייכלען צו מיר אזוי פריינדליך, אזוי זיס, אז עס ווערט מיר יעצט נאך ווארם ביים הערצען, ווען איך דערמאן מיך. — ווען איז דאס געווען? וואו איז דאס געווען? — דאס קען איך מיך ניט דערמאנען.

זייט איך בין געקומען צו מיין פעטשאנד, געדענק איך נור דאן טאדעא. ער זארגט זיך פיר מיר. ער שיקט מיך ארום אין דער וועלט. אמאל נעהמט ער מיך מיט זיך, מייסטענס אבער לאזט ער מיך איבער ביי פרעמדע מענשען.

— פיעללייכט איז דאן טאדעא אייער פאטער? האט לואיס געפרעגט.

— איך האב אויך אמאל אזוי געדאכט, האט דאניא ראזאריא געענטפערט. איך האב אויך אזוי געמיינט א געוויסע צייט. איין מאל בין איך שטארק קראנק געווען. מיין קראנקהייט האט געדויערט זעהר לאנג און, וויא איך פערשטעה עס יעצט, בין איך געווען געפעהרליך. דאן טאדעא איז ניט אפגעטרעטען פון מיין קראנקען בעט. ער איז ארומגעגאנגען ארום מיר, וויא א מוטער געהט ארום איהר קינד.

ווען עס איז ענדליך געקומען דיא קריזיס, ווען דיא קראנקהייט האט געבראכען און איך בין דאס ערשטע מאל געקומען צו זיך, האט זיך דאן טאדעא אנגעבויגען איבער מיר, האט מיך ארומגענומען, האט מיך געקושט און האט געוויינט, וויא א קינד פאר פרייד. איך בין געווען אזוי איבערראשט פון אזא ליעבע, אז איך האב אויסגערופען:

— פאטער!, איהר זייט מיין פאטער! נור א פאטער קען אזוי ליעבען און זיך אזוי זארגען פאר זיין קינד!

דאן טאדעא איז אויפגעשפרונגען פון מיין בעט. ער איז געווארען בלייך, וויא קאלך, און האט א ציטער געטהאן.

— אייער פאטער! האט ער געקייכט. — דאניא ראזאריא! זאגט ניט ארויס נאך א מאל דיעזעס ווארט! אייער פאטער איז טויט, אייער מוטער איז טויט. איהר האט ניט קיין פאטער, ניט קיינע מוטער. — איך בין נור אייער פריינד!

ביידע יונגע לייט האבען געשוויגען. דאניא ראזאריא'ס געשיכטע איז געווען זעהר טרויעריג. לואיס האט ניט געוואוסט, וואס צו דענקען פון דיעזער געשיכטע. וואס איז מיט דיעזעס מעדכען? האט זיא ווירקליך קיינע עלטערן און דאן טאדעא איז נור איהר פריינד אדער איז דא עפעס א געהיימניס מיט דיעזעם שעהנעם קינד?

ער האט זיך צוגערוקט צו איהר, האט גענומען איהרע ביידע הענד, האט זיי געקושט און האט געשטאמעלט.

— איך ליעב דיך יעצט נאך מעהר, וויא פריהער. אמאל האב איך געמיינט, אז דוא ביסט א שטאלצע אמעריקאנערין, דיא טאכטער פון א רייכען פארמער, אדער א רייכען אמעריקאנער באנקיער, וועלכער רעכענט אלעס אויס אויף דאללערס און סענטען. היינט זעה איך, אז דוא ביסט אנאנדער מענש, דוא ווייסט נאך ניט פון דיא אמעריקאנישע דאללערס, אבוואהל דוא ביסט געבארען געווארען אין אמעריקא. — ער! ליעבע, טהייערע ראזאריא! איך ליעב דיך, וויא א וואהנזיניגער! איך ליעב דיך—

— צו וואס אבער קען דיעזע ליעבע פיהרען, לואיס? האט דאניא ראזאריא געענטפערט. — צום טויט, צום פערדערבען. —

— פאר וואס ניט צום גליק? — פאר וואס ניט צו פרייד? —

אין דיעזע מינוט האט מען ארויפגעווארפען א מאנטעל אויף דאניא ראזאריא׳ס קאָפּ. לואיס איז אויפגעשפרונגען און האט זיך געחאַפּט פאר זיינע פיסטאָלעטען. ער האט אבער נור צייט געהאט צו זעהן, אז ארום איהם און דאניא ראזאריא שטעהן עטליכע אינדיאנער. מעהר האט ער ניט געזעהן, ווייל אין דערזעלבער מינוט האט ער געפיהלט א שטארקען זעץ אין קאָפּ. עס האט זיך א גאָס געטהאהן בלוט פון זיין שטערן און האט איהם פערגאָסען דיא אויגען. — ער איז אומגעפאלען.

— מאָרד! מערדער! האט ער קוים ארויסגערעדט.

עס איז איהם שווארץ געווארען פאר דיא אויגען. ער איז געפאלען אין אהנ־מאכט. ער האט ניט געפיהלט, וויא ער האט אונגערן אויסגעשאָסען; ער האט ניט געזעהן, וויא זיין קוגעל האט געטראָפען איינעם פון דיא רויבער גלייך אין הארצען. דער רויבער איז געפאלען טויט ניט וויים פון איהם. ער האט עס אלעס ניט געזעהן. ער איז געלעגען אין א טייך בלוט. —

29טעס קאפיטעל.

דער ערשטער אַקט פון דער טראַגעדיע.

דאן טאדעאָ, וואלענטין און א דיענער האבען געגעבען זייערע פערד דיא שפארען און זיינען געלאפען, וויא פייל אויסען בויגען צוריק קיין וואלדיוויא. זיי האבען זיך ניט צוגעקוקט צו דער פערזאמעלטער מענגע, זיי האבען ניט געזעהן אדער ניט געוואָלט זעהן דיא צערעמאָניע פון׳ם שליעסען דעם בונד. דאן טאדעאָ האט געוואוסט, אז היינט איז דער טאג, אין וועלכען עס וועט זיך אפשפיעלען דער ערשטער אקט פון דער טראגעדיע.

אום צעהן אוהר זיינען זיי אנגעקומען אין וואלדיוויא. לעבען דיא ערשטע היי־זער פון דער שטאדט האבען זיי געטראפען עטליכע מענשען איינגעהילט אין לאנגע שפאנישע מאנטעל. דאן טאדעאָ איז צוגעפאהרען צו זיי. ער האט געגעבען א ציי־כען און איינער פון זיי האט איהם געענטפערט:

— דאס קארן אויפ׳ן פעלד איז שוין רייף, מען קען עס שוין אנהייבען צו שניידען.

— וויל אונזער גרויסער גענעראל בוסטאמענטע נאך היינט זיך ערקלערן אלס וויצע־קעניג פון שפאניען? האט דאן טאדעאָ געפרעגט שטילערהייט.

— ער האט איבערגעלאזען אין שטאָדט זיין ליעטענאנט, האט דער מאן געענטפערט. אין דער צייט, וואָס ער וועט שליעסען דעם בונד מיט דיא אינדיאנער, זאל מען איהם ערקלערן אלס וויצע־קעניג.

— פון׳ם בעבער ביז אין מויל איז נאך וויים, האט דאן טאדעאָ געזאגט ערנסט. געהט אויף אייערע ערטער.

דיא עטליכע מענשען זיינען פערשוואונדען געווארען. דאן טאדעאָ און זיינע בעגלייטער זיינען אריינגעפאהרען אין שטאָדט אריין.

דיא שטאָדט האט פאָרגעשטעלט א זאנדערבארען אנבליק. דיא גאַסען זיינען

געוועזן לעדיג. ווער עס איז געבליעבען אין שטאָדט און איז ניט געפאהרען זעהן דיא צערעמאָניע, דער איז געזעסען אין דער היים. אין פיעלע ערטער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט קאנאנען. אויפ'ן פלאצא מאיאָר, פאַרן הויז פון'ם גובערנאַטאָר איז געשטאַנען אַ רעגימענט סאָלדאַטען אין קריעגס־אָרדנונג. סאָלדאַטען אויף פערד זיינען ארומגעפאהרען אין דיא גאסען און האבען אויפגעפאָדערט דיא איינוואוינער, זיי זאלען זיך צונויפקומען אויפ'ן פלאצא מאיאָר, וואו מען האט זיי מיטצוטהיילען אַ וויכטיגע נייעס.

ווען זיי האבען זיך געוויעזען אין אַ גאס, איז אלעס געוועזן שטיל; קוים אבער זיינען זיי אוועקגעפאהרען, האבען זיך געוויעזען מענער אין לאנגע שווארצע מענטלען, האבען זיך געמאכט צייכענס, האבען געזאגט עפּעס איינער דעם אנדערן און זיינען זיך צוגאנגען.

מען האט ניט געדארפט האבען קיין גאנץ שארפעס אויג אום צו זעהן, אז אין שטאָדט טהוט זיך עפּעס, אז עפּעס וועט פּאָרקומען, אז ניט אלעס איז אין ארדנונג.

ווען דאן טאדעאָ איז צוגעקומען צום פלאצא מאיאָר, איז דער וועג געוועזן פערשפּאַרט. אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס איז ארומגעגאנגען און האט געזאגט יעדען:

— ביז עלף אוהר קען מען דיעזען פלאץ ניט דורכגעהן.

דאן טאדעא האט געגעבען אַ צייכען צום אָפיציער, וועלכער איז געשטאַנען ניט ווייט.

— לאז דורכגעהן דיעזע דריי מענער, האט דער אפיציער בעפאהלען דעם סאָלדאט אויף דער וואַך.

דאן טאדעאָ מיט זיינע בעגלייטער זיינען דורכגעגאנגען און האבען זיך געשטעלט לעבען אַ גרויסען פאנטאַן, פון וועלכען עס האט געשפּריצט וואסער אין דער הויך.

— נו? וויא געפעלט אייך אונזער שפּאַציער? האט דאן טאדעאָ געפּי'ענט דעם פראנצויז.

— דער שפּאציער איז געוועזן זעהר אַ גוטער, האט וואַלענטין געענטפערט. מיר ווייזט אבער אויס, אז מיר וועלען זיך באלד מוזען שלאגען.

— איך מיין אויך אזוי.

— דעסטאָ בעסער! האט אויסגערופען דער פראנצויז. איך בין אַ סאָלדאט און בין געוואוינט, אז מיין הערץ זאל קלאפּען צום טאקט מיט דער פּויק. איך האב ליעב דיא מוזיק פון דיא קוגעלן, ווען זיי זומען און ברומען ארום מיינע אויערן, וויא דיא פרעהליכע ביענען.

— מיר וועלען באלד האבען אזא מוזיק, האט דאן טאדעאָ געזאגט ערנסט.

וויא עס ווייזט אויס, האבען דיא סאָלדאטען דאך אביסעל זאויפגעוועקט דיא איינוואוינער פון דער שטאָדט. פון אלע זייטען האבען זיך געוויעזען מענשען. אלע זיינען זיך צונויפגעקומען צום פלאצא מאיאָר. איינינע האט דער קאמאנדיר פון דיא סאָלדאטען געלאזען ארייגעהן אויפ'ן פלאצא; אנדערע האט ער געהייסען שטעהן ארום דער פלאצא אוןווארטען ביז עלף אוהר.

ארום דאן טאדעאָ מיט זיינע קאמעראדען זיינען זיך צונויפגעקומען אלץ מעהר מענשען. באלד איז צוגעקומען צו זיי דאן גרינאַריא און פיעלע אנדערע.

— שטעהט יעדער אויף זיין בעשטימטען אָרט? האט דאן טאדעאָ געפרעגט זיין פריינד, דאן גרינאַריאָ.

— יעדער שטעהט אויף זיין אָרט.

— האט מען יעדען אויסגעטהיילט וואפען, פולווער און קוילען?

— יעדען.

— האט מען אנגעגרייט שטיינער, פעסער, קלעצער און אנדערע זאכען, מיר זאלען קענען זיך שיצען אין פאל, ווען מיר וועלען מוזען אנטלויפען?

— אלעס איז אנגעגרייט צו מאכען באריקאדען — צו פערשפארען דיא גאסען אין פאל, זיי וועלען מוזען אנטלויפען.

— אלזא, הייסט אלעמען, זיי זאלען זיך פערהאלטען גאנץ רוהיג, ביז איך וועל זיי געבען א צייכען, האט דאן טאדעאָ געזאגט צו זיין פריינד. איך וויל אביסעל איבערראַשען גענעראַל בוסטאמענטע מיט זיי באנדע.

קיינער האט ניט געהערט, וואָס דיא צוויי מענער האבען גערעדט, נור וואַלענטין, וועלכער איז ניט אפגעטרעטען פון דאן טאדעא, האט אלעס געהערט.

— מיר וועלען באלד האבען א שפאס, האט ער געזאגט צו דאן טאדעאָ, ווען דאן גריגאריא איז אוועקגעגאנגען פון איהם.

— ניין, פריינד, דאס וועט זיין קיין שפאס, דאס וועט זיין א בלוטיגער ערנסט, האט דאן טאדעא געענטפערט. דיא טיראַניי וועט ניט נאכגעבען אזוי גיך. מיר וועלען מוזען קעמפפען. עס וועט פליעסען בלוט. איך האף, אז מיר וועלען זיעגען. איך האב אלעס גוט איינגעאָרדענט. מיר זיינען שטארקער פון'ם פיינד און דאך — ווער וויים?

ער איז געוואָרען ערנסט און טרויעריג. פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צום פראנצויז און האט איהם געזאגט:

— מיר קעמפפען פאר אונזער פרייהייט, מיר טאָרען ניט שוינען אונזער לעבען. איהר אבער זייט א פרעמדער, אייך געהט זעהר ווייניג אן אונזער ברודער קריעג. איהר מעגט אייך געהן, ווען איהר ווילט ניט זיין דערביי.

— איך זאל געהן, ווען מענשען ווילען קעמפפען פאר זייער פרייהייט? האט וואלענטין אויסגערופען. דאס טהוט ניט קיין פראנצויז —

ער האט ניט געענדיגט זיין רעדע, ווייל אין דיעזע מינוט האט זיך געעפענט דיא גרויסע טהיר פון'ם גובערנאטאָרס הויז און דער גובערנאטאָר פון וואלדיוויא מיט פיעלע בעאמטע און אפיציערן זיינען ארויסגעקומען און האבען זיך אויסגעשטעלט אויף דיא הויכע און ברייטע טרעפ פון'ם פאלאץ.

דיא סאלדאטען האבען זיך אויסגעשטעלט אין קריעגס ארדנונג. יעדער אפיציער איז געשטאנען פאר זיין ראָטע מיט א בלויזען שווערד אין דער האנד. דיא וואכען, וועלכע האבען ביז אהער ניט יעדען צוגעלאזען צו דער פלאצא, זיינען אוועקגעגאנגען,

דאס פאלק האט זיך נעדרענגט צום פּלאַץ. דיא גאנצע פּלאצא איז פול געוואָרען מיט מענשען.

ווער עס וואלט זיך גוט צוגעקוקט צו דער מענגע מענשען, דער וואלט געוויס בעמערקט א זאנדערבארע זאך: אין דער גאנצער מענגע איז ניט געווען ניט איין פרוי, ניט איין קינד! וואלט דער גובערנאטאר געווען עטוואס פאַרזיכטיגער, וואָלט ער עס געוויס בעמערקט. ער וואָלט נעדארפט פערשטעהן, אז דאס איז עפּעס ניט גלאַט. ביי אזא פּאראד האבען געמוזט זיין פרויען און קינדער. ער איז אבער געווען אזוי זיכער, אז וואָס זיי וועלען היינט אפּטהאָן, איז פערפאלען, אז ער האט גאר נישט נעזעהן און גאר ניט בעמערקט.

דער גובערנאטאָר האט געגעבען א צייכען צום מיליטער. דיא פּויקען האבען אנגעהויבען צו שלאָגען און דיא מוזיק האט געשפּיעלט א מארש. ווען אלעס איז שטיל געווארען, איז ארויסגעטרעטען אן אפיציער מיט א בויגען פּאפּיער אין דער האנד.

— איך מיין, אז מען דארף עס גאר ניט לעזען, האט געזאגט איינער פון דיא הויבע בעאמטע. וואס ווערט פון דעם לעזען? ווער וועט עס פערשטעהן?

— ניין. מען מוז עס פערלעזען, האט דער גובערנאטאָר געזאגט.

דער אפיציער האט צונומען דעם בויגען פּאפּיער און האט אנגעהויבען צו לעזען:

„פאָלק פון טשילי און בירגער פון וואלדיוויא! דער סענאט אין סאנט יאגאָ „זארגט זיך פאר אייך. ער וויל, אז אין אונזער לאַנד זאָל הערשען רוהע און פריע-„דען. ער וויל, אז אלע איינוואוינער זאלען זיין גליקליך, דארום האט ער בעשלאָסען, „אז דער גרויסער, קלוגער און טאפּפערער גענעראל, דאן פאנטשא בוסטאמענטע „זאָל פון היינט אן הייסען וויצע-קעניג פון אלע פּראָווינצען און אלע לענדער פון טשילי".

— הורראה! עס זאָל לעבען גענעראל בוסטאמענטע! האבען געשריען דיא עטליכע מענשען, וואס זיינען געשטאנען ארום גובערנאטאָר.

דיא מענגע איז געבליעבען שטיל און רוהיג. דעם גובערנאטאָר האט עס פער-דראסען. ער האט א ווינק געטהאן צו דיא סאָלדאטען. איינינע שטימען האבען אויסגעשריען:

— עס לעבע דער גענעראל בוסטאמענטע!

דאס פאלק און זאגאר פיעלע סאָלדאטען זיינען ווידער געבליעבען שטיל. דער גובערנאטאָר איז געוואָרען בייז.

— איך האב נאך אזא דומעס פאָלק ניט געזעהן, האט ער געמורמעלט צווישען דיא צעהנער. זיי שווייגען, וויא דיא קלעצער.

אין דיעזע מינוט איז איינער פון דער מענגע ארויסגעטרעטען און איז צוגעגאַנ-גען צום גובערנאטאָר. דאס איז געווען דאן טאדעאָ. ער האט זיך אניעדער געשטעלט פאר דיא טרעפּ און האט אויפגעהויבען דיא האנד, אלס צייכען, אז ער וויל עפּעס רעדען.

— וואס ווילט איהר זאגען? האט דער גובערנאטאָר געפרעגט שטרענג.

— איך וויל ענטפערן אויף דעם, וואָס איהר האט אונז יעצט פארגעלעזען, האט דאן טאדעאָ געענטפערט.

— וואס האסט דוא צו ענטפערן? האט דער גובערנאטאָר אויסגערופען. דער סענאט האט בעשלאסען און מיר מוזען אויספאלגען, וואס ער האט בעשלאסען.

— קען א פרייער בירגער ניט שטעלען א פראגע?

— שטעל דיין פראגע, אבער שנעל!

— אים נאמען פוּ׳ם פאלק! האט דאן טאדעאָ אויסגערופען מיט א הויכער שטימע. אים נאמען פון דער פרייהייט, פאר וועלכער מיר האבען פערגאסען אונזער בלוט; אים נאמען פון גערעכטיגקייט ערקלער איך, אז דער סענאט אין סאנט יאגאָ און דער גענעראל בוסטאמענטע זיינען טיראנען און פעררעטהער. זיי ווילען פערניכטען אונזער פרייהייט און טרעטען מיט דיא פיס דיא גערעכטיגקייט.

אויפ׳ן פלאַץ איז געווארען שטיל, וויא אויף א טוידטען פעלד. אויפ׳ן געזיכט פוּ׳ם גובערנאטאָר און פון זיינע בעאמטע האבען זיך געוויעזען אלערליי פארבען. דאס האבען זיי ניט ערווארטעט, דארויף האבען זיי זיך ניט געריכט.

— טויגעניכטס! האט ענדליך דער גובערנאטאָר ארויסגעפלאצט. דוא שטעלסט זיך אונטער צו רופען דעם סענאט און דעם גענעראל בוסטאמענטע פעררעטהער?

— רוהיג, מיין הערר! האט דאן טאדעא געשריען. איך האב נאך ניט געענדיגט. — אמעריקא איז דאס לאַנד דער פרייהייט. פריי מוזען מיר זיין. קיין וויצעקעניג! קיין הערשער און קיין טיראן! — פרייהייט און גערעכטיגקייט!

— פרייהייט און גערעכטיגקייט! האבען געשריען טויזענדער נארגלען.

דיא מענגע האט זיך גערירט. דער שטורם האט אויסגעבראכען. דער גובערנאטאָר איז געווארען בלייך, וויא קאלך. וואלדיוויא איז אזא רוהיגע שטאדט, אזא שטילע שטאדט, אזא פריעדליכע שטאדט, אז ער וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז גוטע און שטילע בירגער זאלען ניט פאלגען, וואס מען הייסט זיי.

— סאָלדאטען! האט דער גובערנאטאָר אויסגערופען, חאפט דיעזען טויגעניכטס, דיעזען רעבעלען, בינדעט איהם ער וועט שטרענג בעשטראפט ווערן.

איינגע אפיציערען און סאלדאטען האבען זיך געווארפען ארויפווארפען אויף דאן טאדעא און איהם בינדען. פון דער מענגע אבער זיינען צו איהם צוגעלאָפען דאן נריגאריא, וואלענטין און פיעלע אנדערע און האבען איהם ארויסגעריסען פון זייערע הענד.

— שיעסט איהם! האט דער גובערנאטאר געשריען. שיעסט אויף זיי! זיי זיינען רעבעלען!

דיא סאלדאטען האבען אויפגעשטעלט זייערע ביקסען. פון אונטער דיא מענטעל פון פיעלע פון דער מענגע האבען זיך ארויסגעוויעזען פיסטאָלעטען.

— דאס איז א רעוואלוציאן! האט אויסגערופען דער גובערנאטאר. איך טאר ניט שווייגען. — סאָלדאטען! שוינט קיינעם ניט!

— פרייהייט און גערעכטיגקייט! האט גערוישט דיא מענגע.

— פייער! האט קאמאנדירט דער גובערנאטאר צום צווייטען מאל.

איינגע ביקסען האבען אויסגעשאָסען, פיסטאָלעטען האבען געענטפערט מיט א קנאַק. איינגע מענשען זיינען געפאלען, טויט אדער פערוואונדעט. — דיא רעוואָ-

לוציאָן האט זיך אנגעהויבען. דיא ערשטע טראָפּען בלוט האבען געריצט ביידע פּארטייען.

דיא מענגע איז געוואָרען אלץ געדיכטער. דאן טאדעאָ האט זיך אויפגעזעצט אויף א פערד און האט קאמאנדירט דיא דונקעלע הערצער. מען האט געשאָסען פון ביידע זייטען. א שווערער, דונקעלער, שטיקענדער רויך פון פּולווער האט בעדעקט דיא גאנצע פּלאַצא מאיאָר. עס האט געקאַכט און גערוישט דיא בלוטיגע שלאַכט.

וואלענטין איז ניט אפּגעטרעטען פון דאן טאדעא.

— זיי ווייסען דאך אין אמעריקא אויך, וויא צו מאכען א רעוואלוציאָן, האט ער געשפּאַסט.

30טעס קאַפּיטעל.

שפּאַניער און אינדיאַנער.

גענעראל בוסטאַמענטע איז געראדע אין דעם טאג, וואס מען האָט איהם אויסגערופען אלס וויצע קעניג, אוועקגעפאהרען פון וואלדיוויא ניט, ווייל ער האט מורא געהאט פאר א רעוואלוציאָן. ער איז געוועזען זיכער, אז קיינער וועט זיך ניט שטעלען געגען איהם. עס וואָלט איהם קיין מאל ניט איינגעפאלען אין קאָפּ, אז דיא דונקעלע הערצער האבען אין זינען צו שטעלען זיך געגען איהם.

ער האט אומיסטען ניט געוואלט זיין דערביי, ווען מען וועט איהם ערקלערן אלס וויצע קעניג, מען זאל ניט מיינען, אז ער טהוט עס מיט געוואלד, אז ער וויל צווינגען דאס פאָלק, עס זאל איהם אנערקענען אלס הערשער. ער האט גאנץ אנדערש גערעכענט: מען וועט איהם ערקלערן אלס וויצע קעניג, ווען ער וועט ניט זיין אין שטאדט. ווען ער וועט ער וועט אנקומען, וועלען אלע איינוואוינער איהם ענטגעגען געהן און וועלען איהם אויפנעהמען מיט פרייד. ער וועט אריינפאהרען אין שטאדט אלס הערשער. אלע וועלען איהם בעגריסען. מען וועט שרייען אין דיא גאסען — הורראה! עס לעבע אונזער הערשער, דער טאפּפערער גענעראל בוס־טאַמענטע!

איהם איז גאר ניט געקומען אין קאָפּ דער געדאנק, אז איינער וועט וואגען ארויסצוטרעטען געגען איהם. ער האט זיך אבער אפּגענארט. דיא דונקעלע הערצער זיינען געוואָהר געוואָרען פון אלע זיינע פּלאנען און האבען געחאפּט דיא נעץ פאר דיא פיש.

ער האט ניט אנגעהויבען צו וויסען, וואס עס טהוט זיך אין וואלדיוויא און איז רוהיג אריינגעגאנגען אין זיין געצעלט מיט'ן אינדיאנער פירסט.

— לאָז זיך מיין ברודער זעצען, האט ער געזאגט צום אינדיאנער פירסט.

— וואס מיין ווייסער ברודער זאגט מיר, איז פאר מיר א בעפעהל, האט דער אינדיאנער געענטפערט העפליך.

ביידע האבען זיך אניעדער געזעצט. בוסטאמענטע האט בעטראכט דעם אינדיאנער פירסט פון קאָפּ ביז אין דיא פיס. דאס איז געוועזען דאס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, וואס ער האט געפיהרט א פּאליטיק מיט אן אינדיאנער. ער האט ניט

געוואוסט, וויא אזוי ארומצוגעהן און וויא אזוי צו רעדען מיט אזא סאָרט מענשען.

איינגע מינוטען האבעןביידע געשוויגען. ענדליך האט בוסטאמענטע געזאגט:

— מיר האבען געשלאָסען א בונד צווישען ביידע פעלקער. מיר זיינען יעצט פריינד. לאָמיר רעדען פריי און אָפענהערציג. לאָמיר פערשטעהן איינער דעם אנדערן און לאָמער האנדלען איינער געגען דעם אנדערן פריי און אָפענהערציג.

— מיין ווייסער ברודער רעדט גוט, האט אנטינאהועל געענטפערט. מיינע אויערן זיינען אָפען.

— אין דער צייט, וואס מיר זיצען דא און רעדען, האט גענעראל בוסטאמענטע געזאגט, רופט מען מיך אויס אין וואלדיוויא צום וויצע קעניג פון דיעזע אלע לענדער.

— גוט, האט געזאגט דער אינדיאנער פירסט און האט א נייג געטהאן מיטן קאָפּ.

— דאס פאָלק אין דיעזע לענדער איז מיעד פון דיא אונרוהען אין דעם קריעג פון דער לעצטער צייט. זיי ווילען ענדליך לעבען אין רוהע און פריעדען. זיי האבען ארויפגעלעגט אויף מיר דיעזע שווערע לאסט פון דער גאנצער רעגיערונג פון דיעזע לענדער.

דער אינדיאנער פירסט האט איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם. ביי דיא לעצטע ווערטער, וועלכע דער גענעראל האט ארויסגעזאגט מיט אזא פרומער מינע, האט זיך געוויעזען א זאנדערבארער שמייכעל אויף דיא דינע ליפען פון'ם אינדיאנער פירסט. ער האט איהם גוט פערשטאנען. ער האט געוואוסט, אז דער שפאניער וויל איהם אפנאררען.

— איך וויל ניט אויפהאלטען זעהר לאנג מיין ברודער, האט דער גענעראל ווייטער געזאגט. דיא צייט איז טהייער. איך וויל זיין קורץ, — וויל מיין ברודער האלטען, וואס ער האט מיר צוגעזאגט?

— פאר וואָס זאל איך ניט האלטען, וואס איך האב צוגעזאגט? האט דער אינדיאנער געענטפערט קאלטבליטיג.

— וויל מיין ברודער נשתן ריזט מיר און מיר העלפען, ווען עס וועט קומען צו א קריעג?

— לאָז מיין ברודער דילען, איך וועל טהאן, וואס ער וועט מיר הייסען, האט דער אינדיאנער פירכט געענט־ערט העפליך.

בוסטאמענטע האט פערשטאנען, אז אנטינאהועל ענטפערט איהם נור אויס העפליכקייט. זיינע ווערטער זיינען געווען אזוי קאלט און אזוי רוהיג, אז יעדער האָט געקענט פערשטעהן, אז ער מיינט ניט, וואס ער זאגט.

— טאָקי! האט בוסטאמענטע אויסגערופען. איך האב אייך געבעטען, איהר זאָלט זיין פריי און אָפענהערציג מיט מיר. ענטפערט מיר פראנק און פריי אויף מיינע פראגען.

— איך פערשטעה ניט, וואס מיין ברודער מיינט, האט אנטינאהועל גע־ענטפערט רוהיג.

— טאַקי! ווען איהר וועט מיר ניט ענטפערן טריי און עהרליך, וועלען מיר קיין מאל ניט פערשטעהן איינער דעם אנדערן.

— לאַז מיין ברודער פרעגען, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט, איך וועל איהם ענטפערן.

— וויפיעל קריעגער קען מיין ברודער האבען אין א צייט פון פיער און צוואנציג שטונדען? האט בוסטאמענטע געפרעגט.

— צעהן טויזענד.

— וועט איהר מיר געבען דיעזע ארמעע?

אנטינאהועל האט זיך פערטראכט.

— ענטפערט מיר, טאַקי! האט בוסטאמענטע אויסגערופען. דיא צייט איז קורץ, איך מוז באלד צוריקפאהרען קיין וואלדיוויא.

— מיין ברודער האט רעכט, האט דער אינדיאנער פירסט ענדליך געענטפערט. דיא צייט איז קורץ. איך מוז צונויפרופען אלע מיינע קאציקען און הויפטלינגע און זיך מיט זיי בעראטהען.

בוסטאמענטע איז אונטערגעשפרונגען. ער האט זיך איבערצייגט, אז דער אינדיאנער פירסט מיינט עפעס אנדערש.

— איהר שפאסט, טאַקי! האט ער אויסגערופען. צו וואס דארפט איהר פרעגען אייערע קאציקען? קען אייער ווארט אליין ניט צונויפרופען אלע אייערע קריעגער?

— דער טאַקי פון דיא פועלטשעס שפאסט קיין מאל ניט, האט דער אינדיאנער געענטפערט.

— אלזא, קענט איהר דאך מיר ענטפערן: יא אדער ניין. — ווילט איהר מיר שיקען אייערע קריעגער אדער ניט?

— מיינע קאציקען ווילען האבען מעהר לאנד, האט אנטינאהועל געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— ענדליך הער איך פון אייך א ווארט! האט בוסטאמענטע געזאגט.

אין הארצען האט ער זיך געטראכט:

— יעצט הייבט ער אן זיך מיט מיר צו דינגען. יעצט וועל איך קענען פון איהם עפעס ארויסציעהען.

— קען איך וויסען, וואס פאר א לאנד אייערע קאציקען פערלאנגען?

— מיין ברודער קען אלעס וויסען. מיינע קאציקען פערלאנגען, אז דאס גאנצע לאנד ביז אין דעם גרויסען דארף וואלדיוויא, זאל געהערען צו דיא פועלטשעס.

— דאס איז צופיעל, טאַקי! איך קען ניט אוועקשענקען אזא שעהנע פראווינץ.

— מיר, ארימע אינדיאנער, דארפען האבען מעהר לאנד, וואו מיר זאלען קענען זיך נאכיאגען נאך ווילדע טהיערע, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט ערנסט.

אין דיעזע מינוט איז אנגעלאפען א רייטער. זיין פערד איז געווען אין גאנצען בעדעקט מיט שוים. ער אליין איז געווען בעדעקט מיט שטויב, זיינע הענד און זיין

געזיכט זיינען געוועזן שווארץ פון'ם רויך פון פולווער. אין איינינע ערטער זייגען זיינע קליידער געוועזן בעפלעקט מיט בלוט.

ער איז צוגעלאָפען צום געצעלט, וואו דער גענעראל איז געזעסען מיטן אינדיאַנער פירסט און האט אויסגערופען:

— וואו איז גענעראל בוסטאמענטע? איך מוז איהם באַלד זעהן.

גענעראל בוסטאמענטע האט דערקענט דיא שטימע. דאס איז געוועזן זיין געטרייער דיעגא, וועלכען ער האט געלאזען אין וואלדיוויא. ווען ער איז געקומען צולויפען, איז דאָרט געווים עפעס געשעהן. ער האט זיך דאהער געווענדעט צום אינדיאַנער פירסט.

— טאַקי! איך הער דיא שטימע פון איינעם פון מיינע אפיציערען. ער איז געווים געקומען, מיר עפעס מיטטהיילען. וויל מיר דער טאַקי ענטשולדיגען, ווען איך זאָל ארויסגעהן צו איהם אויף איינינע מינוטען?

— מיין ברודער איז אין זיין געצעלט און מעג טהאן, וואס ער וויל. איך קען וואַרטען.

גענעראל בוסטאמענטע האט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאנגען פון געצעלט.

— דאס איז א טייפעל און ניט קיין מענש, דיעזער אינדיאַנער, האט ער גע־זאגט צו זיך אליין.

ער האט געוואלט נאך עפעס זאגען, אבער אין דיעזע מינוט האט ער דערזעהן זיין ליעטענאנט, דיעגא, שטעהן און האלטען דיא ציגעל פון זיין קייכענדעס פערד.

— וואס איז געשעהן, דיעגא? וויא קומט עס, וואס דוא ביסט אזוי פלוצלונג אוועקגעפאהרען פון דער שטאדט?

— איך האב שלעכטע נאכריכטען, גענעראל, האט דיעגא געענטפערט. דיא דונקעלע הערצער האבען אויפגערייצט דאס פאלק. עס האט זיך אנגעהויבען א רעוואָלוציאָן.

— צום טייפעל מיט דיא דונקעלע הערצער! האט בוסטאמענטע אויסגערופען מיט צאָרן. זיי זיינען פול אומעדום. זיי שטערן מיר, וואוהין איך קעהר מיך. — וואָס האבען זיי דען געטהאן?

— זיי האבען אייך ערקלערט פאר א פעררעטהער. זיי זיינען אלע בעוואפענט. זיי שיעסען אויף דיא סאָלדאטען. דאן טאדעאָ דע לעאן איז זייער אנפיהרער.

— דאן טאדעא דע לעאָן? האט בוסטאמענטע איבערגעפרעגט און איז גע־ווארען בלייך.

— איינינע אפיציערן זיינען צוגעשטאנען צו דאן טאדעאָ, האט דיעגא ווייטער דערצעהלט. אין דיא גאסען פון דער שטאדט קומט יעצט פאר א בלוטיגער קאמפף. — קומט אונז צו הילף, גענעראל! דיא צייט איז טהייער.

— האלטען זיך נאך מיינע סאלדאטען? האט בוסטאָמענטע געפרעגט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

— ווען איך בין אוועקגעפאָהרען, האבען אונזערע רייטער געקעמפפט, וויא דיא

לייבען

— פערדאמט ! — איך וועל זיי ווייזען ! איך וועל זיי אנלערנען ! איך וועל ניט איבערלאזען איין שטיין אויפ'ן אנדערן פון דער גאנצער שטאדט ! —

— גענעראל ! האט איהם דיעגא דערמאנט, אין דער צייט, וואס מיר רעדען, איז דיא שטאדט אין דאן טאדעא'ס הענד. מיר מוזען זיא ערשט אפנעהמען, דאן וועלען מיר זיא קענען בעשטראפען.

— דוא האסט רעכט. הייס פויקען א ליארם (טרעוואָגא) מיר פאהרען באלד קיין וואלדיוויא, זיא אפנעהמען און זיא בעשטראפען.

דיעגא האט געטהאן, וויא גענעראל בוסטאמענטע האט געהייסען. מען האט אנגעהויבען צו פויקען א ליארם. דיא סאָלדאטען זיינען זיך צונויפגעלאפען. דיא הענדלער און דיא איינוואוינער פון וואלדיוויא, וועלכע זיינען געקומען זעהן דיא צע־רעמאָניע, האבען זיך דערשראָקען. עס איז געוואָרען א רעש, א געשריי און א גמוואלד.

בוסטאמענטע איז געווען אויסער זיך פאר צארן און פערדרוס. ער האט שוין געטרוימט, אז ער איז הערשער איבער אלע לענדער. יעצט איז ער וויצע־קעניג, באלד וועט ער ווערן קעניג. ער איז אזוי נאהענט צום ציעל. דער אינדיאנער פירסט וועט איהם העלפען מיט זיינע קריעגער. ער וועט באלד זיין קעניג, הערשער אין לאנד. פלוצלונג מישען זיך אריין דיא דונקעלע הערצער און צערשטערן מיט איין מאָל אלע זיינע פלענער.

ער איז אבער געווען גענוג קלוג אום צו וויסען, אז יעצט איז ניט דיא צייט בייז צו זיין. יעצט מוז ער עפּעס טהאן. ער האט פערביסען דיא ליפען און איז אריינ־געגאנגען צוריק אין געצעלט, וואו אנטינאהועל האט איהם ערווארטעט.

— ענטשולדיגט מיר, טאָקי, וואס איך האב אייך געלאזען אליין, האט ער געזאגט. איך האב ערהאלטען ניט קיין פרעהליכע נאכריכטען. דיא איינוואוינער פון וואלדיוויא האבען זיך אזוי שטארק נעפרעהט, וואס איך בין געוואָרען וויצע־קעניג, אז זיי האבען זיך צו שלאגען. איך מיז יעצט צוריקפאהרען אין שטאדט און ווידער איינפיהרען ארדנונג.

דער אינדיאנער פירסט איז געבליעבען זיצען רוהיג, גלייך וויא ניט צו איהם רעדט מען.

— וויל מיין ברודער געהן מיט מיר און מאכען אן ארדנונג אין וואלדיוויא ?

— וואס האט אן ארימער אינדיאנער זיך אריינצומישען, ווען דיא בלייכע געזיכטער שלאגען זיך ? האט אנטינאהועל געענטפערט מיט א ביטערן שפאט.

— טאָקי ! איך נעהם אן דיינע בעדינגונגען, נור קום מיט מיר ! האט בוס־טאמענטע אויסגערופען.

איהם האט פערדראָסען דיא קאָלטבליטיגקייט און דער שפאט פון'ם אינדיא־נער פירסט.

— וויל מיין ברודער מיר שענקען דיא פראווינץ וואלדיוויא ? האט דער אינ־דיאנער פירסט געפרעגט.

— איך שענק זיא דיר ! נעהם זיא ! אבער קום מיט מיר. איך טאר קיין מינוט ניט פערליערן. איך מוז פאהרען אין שטאָדט.

— ווען מיין וייסער ברודער וועט האלטען, וואס ער האט מיר צוגעזאגט, וועל איך געהן מיט איהם.

— וויא פיעל קריעגער האט דער טאקי מיט זיך?

— טויזענד פינף הונדערט, האט אנטינאהועל געענטפערט שטאלץ.

— דאס איז גענוג! דאס איז גוט! מיט אזא מאכט וועלען מיר באלד אפ־נעהמען דיא שטאדט! האט בוסטאמענטע געזאגט.

א ווילדער פייער האט זיך אנגעצונדען אין דיא אויגען פון׳ם אינדיאנער פירסט. ער האט זיך פערניינט פארן גענעראל און האט געזאגט:

— מיין ברודער האט היינט געשווארען ביים הייליגען צייכען פון זיין גאט (ביים קרייץ). —

אין דיעזע מינוט האט זיך דיעגא געוויעזען אויף דער טהיר און האט געזאגט.

— גענעראל! דיא סאלדאטען זיצען אויף זייערע פערד אוןווארטען, איהר זאלט זיי פיהרען אין שלאכט.

— איך געה שוין. — געהט איהר אויך מיט אונז, טאקי?

— לאז מיין ברודער געהן פאראויס, איך וועל נאכקומען אויף דיין שפור.

דער גענעראל מיט׳ן אינדיאנער פירסט זיינען ארויסגעגאנגען פון געצעלט. בוסטאמענטע האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז געפאהרען מיט זיינע סאלדאטען קיין וואלדיוויא.

אנטינאהועל איז געבליעבען אליין מיט זיינע קריעגער. ער האט עפעס געווארט. ער האט זיך אומגעקוקט פון אלע זייטען און האט געזוכט איינעם מיט דיא אויגען.

באלד איז ערגעץ פון דיא בערג אנגעלאפען א רייטער אויף א ווילד פערד. ער איז גלייך צוגעלאפען צום אינדיאנער פירסט און האט געזאגט:

— דיא פערל פון דיא בערג איז אין א זיכער ארט. דיא בלומע פון וואלד איז לעבען איהר.

— גוט! האט געענטפערט דער פירסט און האט געהייסען צונויפרופען זיינע קאציקען.

31טעס קאפיטעל.

אין דיא בערג.

דאניא ראזאריא האט געגעבען נור איין געשריי, ווען זיא האט געפיהלט, אז מען האט איהר ארויפגעווארפען א מאנטעל אויפ׳ן קאפ. דער מאנטעל האט זיך באלד אזוי שטארק צונויפגעצויגען ארום איהר האלז, אז זיא איז געפאלען אין אהנמאכט.

וואס עס איז מיט איהר ווייטער געשעהן, האט זיא ניט געוואוסט. ווען זיא איז געקומען צו זיך און האט געעפענט דיא אויגען, האט זיא געזעהן, אז אין דרויסען איז נאכט. דער מאנטעל איז פערשוואונדען פון איהר קאפ, איהר געזיכט איז געווען פריי. איינינע מינוטען האט זיא זיך אומגעקוקט און האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר.

— מיין גאט! מיין גאט! וואו בין איך? האט געקרעכצט דאס אונגליקליכע קינד.

דיא פרישע, געזונדע לופט פון דיא בערג האט אויף איהר געווירקט. צו ביסלעכוויים איז זיא געקומען צו איהר פולען פערשטאנד. זיא האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען. זיא האט געפיהלט, אז זיא ליעגט אויף א פערד. א שטארקער שטריק האט זיא צוגעבונדען צום פערד. איהרע הענד אבער זיינען געווען פריי. זיא איז געווען צו געדעקט מיט א דעק פון א פערד אום זיא צו שיצען פון׳ם פייכטען טהוי.

דאס פערד איז געגאנגען האסטיג. דער וועג איז געווען ניט גלייך. ביי יעדען בערגעל, ביי יעדען שטיינדעל, ווען דאס פערד האט א שפרונג געטהאן, האט דער שטריק געשניטען איהר קערפער און זיא האט שרעקליך געליטען. זיא האט זיך צו געהערט, אויב מען רעדט ניט עפּעס לעבען איהר און האט געהערט, אז מען רעדט אן אינדיאנישע שפראכע, פון וועלכע זיא האט ניט פערשטאנען א וואָרט. ווען איהרע אויגען זיינען אביסעל געוואוינט געוואָרען צו דער פינסטערניס, האט זיא געזעהן עטליכע מענשען געשטאלטען זיצען אויף פערד. איינער פון זיי האט געפיהרט דאס פערד, צו וועלכען זיא איז געווען צוגעבונדען, ביי דיא ציגעל.

— ווער זיינען דיעזע מענשען ? וואס האבען זיי צו מיר ? האט זיא געפרעגט זיך אליין.

קיינער האט איהר ניט געענטפערט. דאס איינציגע, וואס זיא האט געוואוסט פאר זיכער, איז געווען, אז דיא מענשען ארום איהר זיינען אינדיאנער. וויא וויים זיא האט געקענט זעהן אין דער דונקעלער נאכט, האט זיא איבערגעצעהלט צוועלף מענשען.

זיי זיינען געפאהרען לאנגזאם. וואהרשיינליך, זיינען דיא פערד שוין מיעד געווען פון דער לאנגער רייזע. וויא לאנג ליעגט זיא שוין אזוי צוגעבונדען צום פערד? וויא עס האט זיך איהר אויסגעוויעזען, האט עס שוין געדארפט זיין זעהר לאנג, מעהר אלס צוועלף שטונדען, זייט מען האט זיא אוועקגערויבט פון דעם ארט, וואו זיא איז געווען אזוי גליקליך לעבען איהר געליעבטען.

שווערע, שווארצע, טרויערגע געדאנקען האבען זיך געדרענגט אין איהר קאָפּ.— וואוהין פיהרט מען זיא ? צו וואס פאר א צוועק האט מען זיא אוועקגערויבט אויף אזא שענדליכער ארט ? ווער זאָל זיין דער געהיימער פיינד, וועלכער פערפאָלגט זיא אזוי שטארק ? ווענען האט זיא שלעכטעס געטהאן אין איהר יונגעס לעבען, וועלכעס איז געווען אזוי פול מיט ליידען און שמערצען ? פאר וואס קומט עס איהר, זיא זאָל אזוי פיעל ליידען ? וואס פאר א פערברעכען האט זיא בעגאנגען, וואס דאס שיקזאל בעשטראפט זיא אזוי שרעקליך ?

לאנגזאם זיינען געגאנגען דיא פערד אלץ ווייטער און ווייטער. פון צייט צו צייט האט זיא געקענט זעהן, אז דיא פערד פאהרען אין א טיעפען טאָהל. פון ביידע זייטען ווענ האבען זיך אויפגעהויבען הויכע בערג. אין ערטער האט זיא געהערט רוישען טייכען.

ענדליך זיינען דיא פערד געבליעבען שטעהן. עס האבען זיך געוויעזען ליכט. צוגעבונדען צום פערד, וויא זיא איז געווען, האט זיא קוים בעמערקט דיא דונקעלע שאטענס פון הייזער. זיא האט אבער געהערט שטימען פון מענשען און א ווילדען געלעכטער. זיא האט פערשטאנען, אז זיא געפינט זיך ערגעץ אין א דאָרף צווישען

מענשעו, און דאָך האט זיך קיינער אויף איהר ניט אומגעקוקט. קיינער איז צו איהר ניט צוגעגאנגען. קיינער האט ניט פּראָבירט צו מאַכען אביסעל לויזער דעם הארטען שטריק, מיט וועלכען זיא איז געוועזן צוגעבונדען צום פערד און וועלכער האט איהר געשניטען דעם קערפּער, אז זיא האט געמוזט קרעכצען און זיפצען.

עס זיינען פערגאנגען איינינע מינוט. וויא ווייט זיא האט געקענט זעהן אין דער פינסטערער נאַכט, האט זיא בעמערקט, אז פיעלע אינדיאַנער, וועלכע זיינען געפאהרען מיט איהר, זיינען זיך ערגעץ אוועקגעפאהרען. מען האט זיא געלאָזען אליין. באלד אבער האט איינער אנגענומען דאס פערד ביים צוים און האט איהם ערגעץ געפיהרט.

דאס מאל האט דיא רייזע געדויערט נור א צעהן מינוט. דאס פערד איז גע-בליעבען שטעהן. צו איהר איז צוגעקומען א מאַן מיט א ברייטען הוט אראָפּגערוקט איבער דיא אויגען. ער האט אראָפּגענומען פון איהר דיא דעק פון א פערד מיט וועלכען זיא איז געוועזן צוגעדעקט, האט לאַנזאַם אפּגעבונדען דעם שטריק, האט זיא אראָפּגענומען פון פערד און האט זיא געטראגען אויף דיא הענד, וויא מען טראָגט א קליין קינד.

ער האט זיא אריינגעטראגען אין א שטוב און האט זיא פאָרזיכטיג אראָפּגע-לאָזען אויף דער ערד. אין שטוב איז געוועזן פינסטער. דאניא ראזאריא האט ניט געקענט זעהן דאס געזיכט פון דעם מאַן. זיא האט נור געוואוסט, אז ער טראָגט א שטרוי-הוט מיט א ברייטען ראנד, וויל ווען ער האט זיא געטראגען, האט דער ראנד פון'ם הוט בעריהרט עטליכע מאל איהר געזיכט.

ווען דער מאַן האט זיא אראָפּגעלאָזען אויף דער ערד, האט ער זיך איינגעבויגען צו איהר און האט געהויבט גאַנץ שטיל, אז זיא האט איהם קוים געהערט:

— מוטה און האָפנונג!

מיט דיעזע ווערטער איז ער פערשוואונדען.

וויא אן ערקוויקענדער באַלזאם אויף א ברענענדע וואונד, אזוי האבען געווירקט דיא צוויי ווערטער: מוטה און האָפנונג, אויף דאס אונגליקליכע מעדכען.

ענדליך האט זיא געהערט א שפּראַכע, וואס זיא פערשטעהט; ענדליך האט זיא געהערט א פריינדליכעס וואָרט. ענדליך האט זיא געפונען א מענשען, וועלכער אינטערעסירט זיך אין איהר, זאָרגט זיך פאר איהר און זאָגט איהר צו האָפנונג.

איינינע מינוטען איז דאניא ראזאריא געשטאַנען, וויא פערשטיינערט. אין צימער איז געוועזן פינסטער. זיא האט מורא געהאט זיך צו ריהרען פון'ם אָרט, זיא זאל ניט אומפאַלען, זיא זאל זיך ניט צוברעכען דעם קאָפּ אן וואנט, אדער אן עפּעס אנדערש. באלד אבער האט זיא זיך דערמאָנט אן דיא ווערטער, וואס דער פרעמדער מאַן האט איהר געזאגט: מוטה און האָפנונג!

זיא האט אנגעהויבען זיך אומצוקוקען אין אלע זייטען, — פינסטער! וויא עס האט איהר אויסגעוויעזען, זיינען דיא טהירען און דיא פענסטער פון דעם צימער, וואו זיא האט זיך יעצט געפונען, געוועזן אזוי פעסט פערמאַכט און פערשלאָסען, אז זאָגאר דער שוואכסטער שיין איז ניט צוגעקומען אהין.

אזוי וויא זיא האט זיך אזוי אומגעקוקט, האט זיא פּלוצלונג דערזעהן א גאַנץ

דינעם שטראהל ליכט, וויא דער שטראהל פון א ליכט, וועלכער דרינגט דורך א שפּאַלט פון א טהיר. פּאַרזיכטיג, שריט ביי שריט איז זיא געקראָכען צו דעם אָרט, פון וואנען עס האט זיך געוויעזען דיעזער שטראהל.

— וואו עס איז דא ליכט, דאָרט זיינען דא מענשען, האט זיא זיך געטראכט. מעגליך, אז דיעזע מענשען זיינען מיינע פיינד. ווער וויים ? — מעגליך, אז דאָרט געפינען זיך מיינע פריינד ?

עס האט זיא געצויגען צום שטראהל ליכט, וויא עס ציהט דאס זומער פייגעלע צום ליכט, ביי וועלכען זיא פערברענט זיך דיא פליגעלעך. עס האט געדויערט אייניגע צייט, ביז זיא איז צוגעקומען צו דער וואנד, פון וואנען עס האט זיך געוויעזען דער שטראהל ליכט. ענדליך איז זיא צוגעקומען, האט אנגעהויבען צו טאפּען דיא וואנד מיט דיא הענד. — דאָרט איז ווירקליך געווען א טהיר. דער שטראהל ליכט איז געקומען דורך א גאנץ דינעם שפּאַלט אין דער טהיר. —

32טעם קאפּיטעל.

דאָניא ראָזאריא הערט, וויא מען רעדט פון איהר.

— וויא באלד, אז דאס איז א טהיר, האט זיך דאניא ראזאריא געטראכט, מוז ערגעץ זיין א לאָך פון א שליסעל, אדער א שפּאַלט, דורך וועלכען מען קען זעהן, וואס עס טהוט זיך דאָרט אין אנדערן צימער. לאָמיך ווענינגסטענס וויסען, וואו איך בין און ביי וועמען איך בין. לאָמיך וויסען, וואס איך האב מורא צו האבען און פאר וועמען איך האב מורא צו האבען. דיא אונגעוויסהייט איז דאס ערגסטע פארן מענשען.

זיא האט זיך אניעדערגעזעצט אויף דער ערד און האט אנגעהויבען צו בע־טאפּען דיא טהיר. באלד האט זיא געפונען, וואס זיא האט געזוכט. אין טהיר איז ווירקליך געווען א לאָך פון א שליעסעל. ער איז אבער געווען פערשטעקט מיט א שטיקעל פּאַפּיער. זיא האט פּאַרזיכטיג ארויסגענומען דאס שטיקעל פּאַפּיער, האט זיך צוגעקוקט און האט געזעהן אלעס, וואס עס טהוט זיך אין אנדערן צימער.

וואס זיא האט געזעהן, האט זיא אזוי שטארק פעראינטערעסירט, אז זיא איז געבליעבען, וויא צוגעשמידט צו איהר אָרט.

זיא האט געזעהן א גרויס צימער, בעלייכטעט פון א חלבין ליכט, וועלכעס האט געשטעקט אין א לייכטער צוגעשלאגען צו א וואנד פונקט ענטגעגען איהר. אין דער מיט צימער איז געזעסען א שעהנע פרוי פון מיטעלע יאהרען, אנגעטהאָן אין א רייכעם רייט קלייד. זיא איז געזעסען אויף א ווייכען שטוהל און האט געהאלטען אין דער האנד א רייט בייטש מיט א גאָלדען הענטעל, מיט וועלכען זיא האט זיך געשפּיעלט. פאר איהר איז געשטאנען א מאַן, וועלכער האט געהאלטען א גרויסען שטרוי־הוט אין דער האנד.

דאניא ראזאריא האט זיך אויסגעוויעזען, אז דאס איז דערזעלבער מאַן, וועלכער האט זיא אריינגעטראָגען אין צימער און האט איהר געזאגט : מוטה און האָפנונג.

דאניא ראזאריא'ס נייגיערדע איז געווען גערייצט אויפ'ן העכסטען גראד. זיא האט אמאָל געהערט, אז א פרוי פערפאָלגט זיא. דאן טאדעא האט איהר אמאָל געזאגט, אז זיא זאל זיך היטען פאר א געוויסע פרוי.

— זאל דאס זיין מיין פיינד ? האט זיא זיך געטראכט. זאל דאס זיין דיא פרוי וועלכע פערפאָלגט מיך ? וואס האב איך איהר געטהאן, וואס זיא פערפאָלגט מיך אזוי ?

פלוצלונג האט זיך דיא פרוי אומגעקעהרט מיט איהר גאנצעם געזיכט צו דער טהיר. דאניא ראזאריא האט זיא יעצט געזעהן, גלייך וויא זיא וואָלט געשטאנען לעבען איהר. דיא פרוי איז געווען שעהן, וויא דיא זון, אבער אין איהרע שווארצע אויגען האט געגליהט אן אונהיימליכעס פייער. זיא איז געווען אויפגערעגט און בייז.

— וואו איז זשאן ? האט זיא געפרעגט דעם מאן, וועלכער איז געשטאנען פאר איהר מיט'ן הוט אין דער האנד. — פאר וואס איז זשאן ניט געקומען ? — איך דארף איהם האבען!

— זשאן האט ניט געקענט קומען, האט דער מאן געענטפערט אביסעל צו-מישט. ער האט מיך געשיקט.

— דער טייגעניכטס! האט דיא פרוי אויסגערופען און האט אנגעהויבען צו קנאקען מיט איהר רייט בייטש. וויא ערלויבט ער עס זיך איבערצוגעבען אן אנדערן א בעפעהל, וועלכען איך האב געהייסען טהאן איהם אליין ?

— זשאן איז מיין פריינד, האט דער מאן געענטפערט.

— וואס געהט עס מיך אן ? האט דאניא מאריא אויסגערופען מיט פער-אכטונג.

דיא לעזער האבען געוויס דערקענט אין דיזער פרוי דאניא מאריא.

— איך האב דאך אויסגעפיהרט אייער בעפעהל פינקטליך, וויא איהר האט געהייסען. וואס איז אייך דער אונטערשיעד, ווער עס האט געטהאן ?

— האט איהר אבער אויסגעפיהרט מיין בעפעהל אזוי טריי, וויא זשאן ?

— דיא פרוי איז דא, האט דער מאן געענטפערט, אין דער גאנצער צייט פון דער רייזע האט זיא מיט קיינעם ניט גערעדט א וואָרט. וואס נאך ווילט איהר ?

— פאר וואס האט זשאן ניט אויסגעפיהרט מיין בעפעהל ? האט געקלאפט מיט דיא פיס דאניא מאריא. — פאר וואס האט ער געהייסען אנאנדערן טהאן א זאך, וועלכע איך האב געהייסען טהאן איהם אליין ?

— אויס א גאנץ איינפאכער אורזאכע, האט דער מאן געענטפערט מיט אן אונשולדיגער מינע. — זשאן האט דערזעהן אין טהאל א שעהנע פאָר אויגען אין א בלייכעם געזיכט. דאס האט איהם צוגעצויגען, ווייל דיזע פאר אויגען פונקעלן, וויא דיא לייכטענדע פליעגען פון דער נאכט. ער איז איהר נאכגעגאנגען.

— ווען ער איז פערליעבט אין א שפאניש מעדכען, פאר וואס הייראטהעט ער זיא ניט ? פאר וואס רויבט ער זיא ניט אוועק ?

— איך האב איהם אויך אזוי געזאגט, האט דער מאן געענטפערט רוהיג.

— וואס האט ער דיר געענטפערט ?

— אז ער וויל עס ניט טהאן.

— נאך זיעם אלעמען ווייס איך נאך אלץ ניט, ווער דוא ביסט, האט דאניא מאריא אויסגערופען.

— איך ביזדער הייפטלינג פון מיין דאָרף.
— אזוי? דוא ביסט א הויפטלינג פון דיא פועלטשעס?
— און זשאָן בעסטער פריינד, האט דער מאן צוגזעצט.
— קענסט דוא דיא פרוי, וועלכע דוא האסט געבראכט אהער? האט דאניא מאריא פלוצלונג געפרעגט.
— פון וואנען זאל איך זיא קענען?
— ווילסט דוא פאַלגען אלעס, וואס איך וועל דיר הייסען?
— וואס מיין שוועסטער וועט זאגען, איז פאר מיר א בעפעהל.
— דיא פרוי, וואָס דוא האסט געבראכט אהער, איז מיין פיינד, האט דאניא מאריא געזאגט רוהיג.
— זאל זיא שטארבען? האט דער מאן געפרעגט.
— אך, ניין! האט דאניא מאריא אויסגערופען. — דיעזע אינדיאנער זיינען ווילד און פערשטעהן גאר ניט, וואס ראכע איז. איך וויל ניט, אז זיא זאל שטארבען.
— לאז מיין שוועסטער זיך ערקלערן. מיר, ארימע אינדיאנער, פערשטעהן גאר ניט.
— דער טוידט איז גאר נישט! האט דאניא מאריא אויסגערופען.
— ביי דיא בלייכע געזיכטער האט דאס לעבען קיין ווערטה ניט, האט דער מאן געזאגט רוהיג; ביי דיא ארימע אינדיאנער איז דער טוידט א שרעקליכע שטראפע.
— איך וויל, זיא זאל לעבען, זאג איך אייך!
— לאז זיא לעבען.
— האסט דוא פיעל פרויען, הויפטלינג?
— איך האב יעצט קיינע פרויען.
— ווארום?
— מיינע פרויען זיינען געשטארבען.
— וואו געפינט זיך יעצט דיין פאַלק? האט דאניא מאריא געפרעגט.
— ווייט פון דאנען.
— קענסט דוא מיר ניט זאגען, וויא ווייט פון דאנען געפינט זיך דיין פאלק?
— מיר ווען דארפען געהן אהין צעהן זונען (צעהן טאָג רייזע).
אייניגע מינוטען האבען ביידע געשוויגען. דאניא ראָזאריא איז געזעסען ביי דער טהיר, וויא א צוגעשמידטע. דאס ארימע קינד האט פערשטאנען, אז מען רעדט פון איהר. זיא האט געציטערט, וויא אין א פיעבער, ווען זיא האט געהערט, אז דיעזע פרוי איז איהר פיינד און וויל זיך רעכען אן איהר. — ווער איז דיעזע פרוי? וואס האט זיא געזינדיגט געגען דיעזער פרוי? —
זיא האט ניט געקענט לאנג טראכטען, וויל באלד האט דאניא מאריא ווייטער געזאגט:
— ווען דוא וואוינסט אזוי ווייט פון דאנען, וויא אזוי קומסט דוא אהער גאנץ אליין, אהן דיין פאַלק?
— דער טאַקי האט מיך געשיקט רופען, איך זאל זיין ביי דער צערעמאָניע

פוּם שליעסען דעם בונד מיט דיא בלייכע געזיכטער. איך בין א הויפּטלינג און האב געטוּזט זיין דערביי.

— האסט דוא ניט געהאט קיין אנדערע אורזאכע אהער צו קומען?

— ניין, שוועסטער. וואס האב איך צו טהאן אין דיעזע געגענדען?

— הער נור, הויפּטלינג, האט דאניא מאריא געזאגט ערנסט. האסט דוא בעטראכט דיא פיער פערד, וועלכע שטעהן פארן טויער פון דיעזעם הויז?

— איך האב זיי בעטראכט. זיי זיינען זעהר גוט און טראגען א טהייער געשירר אויף זיך.

— ווען דוא ווערסט נור וועלען, קענסט דוא זיי צונעהמען.

— איך וויל געוויס האבען דיעזע שעהנע פערד! האט דער אינדיאנער אויס־גערופען. לאז נור מיין שוועסטער זאגען, וואס איך זאל טהאן.

— זאלסט מיך פאלגען, וואס איך וועל דיר הייסען.

— לאז מיין שוועסטער בעפעהלען, איך וועל איהר אלעס פאלגען.

— געדענק אבער, אז קוים ווערסט דוא מיר עפּעס ניט פאלגען; קוים ווערסט דוא ניט טהאן, אזוי וויא איך וועל דיר הייסען, וועל איך דיך שטרענג בעשטראפען. איך בין א געשווארענע שוועסטער פון טאקי אנטינאהועל!

— פאר וואס זאל איך אפּנארען מיין שוועסטער?

— וויל איהר, אינדיאנער, זייט פאלש, בעטריגער און שווינדלער.

אן אונהיימליכעס פייער האט זיך אנגעצונדען אין דיא אויגען פון'ם אינדיאנער. דאניא ראזאריא האט געזעהן, וויא זיינע שטארקע הענד האבען א ציטער געטהאן.

— מיין שוועסטער האט א טעות, האט ער געענטפערט קאלט. דיא פועלט־שעס זיינען עהרליך און גערעכט.

— דאס וועלען מיר זעהן, האט דאניא מאריא געזאגט, וויא צו זיך אליין. — וויא הייסט דוא?

— דער גרויער בער.

— גוט! אלזא, הער מיך אויס, גרויער בער.

— מיינע אויערן זיינען אפען.

— דיא פרוי, וואס דוא האסט היינט געבראכט אהער, טאר קיין מאל ניט קומען צוריק צום ברעג פון'ם מעער.

— זיא וועט קיין מאל ניט זעהן דיא ברעגעס פון'ם מעער, האט דער גרויער בער איהר נאכגעזאגט.

דאמאלס האבען דיא ווייסע מענשען געוואוינט נור ביי דיא ברעגעס פון'ם מעער. דאס גאנצע לאנד וייטער האט נאך געהערט צו דיא אינדיאנער. ווען דאניא מאריא האט געזאגט, אז זיא זאל קיין מאל ניט קומען צוריק צום ברעג פון'ם מעער, האט זיא געמיינט, אז דאניא ראזאריא זאל קיין מאל ניט זעהן קיין ווייסען מענשען.

— פערשטעה מיך גוט, גרויער בער, האט דאניא מאריא ווייטער געזאגט. איך וויל ניט, אז דיעזע פרוי זאל שטארבען. איך וויל, אז זיא זאל לעבען און ליידען.

— זיא וועט לעבען און ליידען.

— דיעזע פרוי איז יונג, זיא קען נאך לאנג לעבען. איך וויל, אז זיא זאל איבערטראגען דיא שרעקליכסטע שמערצען. זיא זאל בעטען אויף זיך דעם טוידט, ער זאל זיא אויסלעזען פון איהרע שמערצען, דער טוידט אבער זאל ניט קומען. איך וויל, אז דיעזע פרוי זאל יעדען טאג זיך רייסען ביי דיא האר און זאל וויינען אויפ'ן טאג, וואס זיא איז געבארען געוואָרען.

א זאנדערבארער שמייכעל פון שפאָט און פעראכטונג האט זיך געוויעזען אויפ'ן רויטען געזיכט פונ'ם אינדיאנער. ער האט ניט געקענט פערשטעהן, וויא עס נעהמט זיך צו א מענשען אזוי פיעל ווילדקייט און אונבארמהערציגקייט.

— איך האב געהערט פון אזא ראכע ביי דיא בלייכע געזיכטער, האט ער געזאגט רוהיג.

— דאס וויל איך. — אלזא, הויפטלינג, דענקסט דוא, אז דוא וועסט קענען אליין אוועקפיהרען דיעזע פרוי אזוי ווייט?

— פאר וואס זאל איך ניט קענען? דער לייב איז דער קעניג פונ'ם וואלד, דער אדלער איז דער קעניג פון דער לופט און דער קריעגער פון דיא פועלקשעס איז דער קעניג פון דער פרעריע. ווער וועט זיך שטעלען מיר אין וועג, ווען איך וועל דורכ־פאהרען דיא פרעריע? איך בין א הויפטלינג און קען מיין וועג.

— אלזאָ, איז מיין ברודער זיכער, אז ער אליין וועט קענען אוועקפיהרען דיעזע פרוי?

— איך בין זיכער, אז איך אליין וועל זיא קענען אוועקפיהרען ווייט, ווייט פון דאנען.

— גוט! איך האב נאך א בעפעהל דיר צו געבען.

— מיין שוועסטער מעג בעפעהלען, דער גרויער בער וועט איהר פאלגען.

— ווען דוא וועסט קומען אין דיין דאָרף, זאלסט דוא פערקויפען דיעזע פרוי צו איינעם, וועלכער וואוינט נאך ווייטער, וואו דיא ווייסע מענשען קומען קיין מאל ניט.

— איך וועל זיא פערקויפען.

— קען איך מיך פערלאזען אויף דיר?

— איך בין א הויפטלינג, האט דער אינדיאנער געענטפערט שטאלץ. מיין צונג איז ניט צו שפאלטען. (איך זאג, וואס איך מיין).

איינינע מינוטען האט ער געשוויעגען. פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צו דאניא מאריא און האט זיא געפרעגט:

— קען מיר מיין שוועסטער ניט זאגען, צו וואס זאל איך אוועקפיהרען דיעזע פרוי אזוי ווייט? איך קען זיא פערקויפען דא ערגעץ.

דאניא מאריא האט אויף איהם געוואָרפען א בייזען בליק. דער אינדיאנער האט עס בעמערקט און האט געוואלט זיך פערענטפערן.

— איך פרעג מיין שוועסטער גלאט אזוי, אויס נייגיערדע. ווען מיין שוועסטער וויל ניט, קען זיא מיר ניט ענטפערן. איך האב געמיינט, אז איך מעג פערקויפען דיעזע פרוי צום ערשטען קאציק, וואס איך וועל טרעפען אויפ'ן וועג.

דאניא מאריא האט געטראכט איינינע סעקונדען.

— דוא האסט רעכט, הויפטלינג, האט זיא ענדליך געזאגט. איך וויל דיר ענטפערן אויף דיין פראגע. איך וויל, אז דוא זאלסט זיא אוועקפיהרען גאנץ וויים פון דאנען, ווייל איך ווייס, אז דער טאָקי, אנטינאהועל, ליעבט זיא. איך וויל ניט, ער זאל זיא זעהן. איך האב מורא, אז ווען זיא וועט אנהייבען צו וויינען פאר איהם, וועט ער זיא צוריקשיקען צו איהר פאמיליע.

— יעצט פערשטעה איך מיין שוועסטער, האט דער אינדיאנער געזאגט. איך וועל אוועקפיהרען דיעזע פרוי וויים, וויט פון דאנען.

דאניא מאריא האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל. איהרע אויגען האבען געפונקעלט, איהרע ליפען האבען געציטערט: זיא האט געפאסט א שרעקליכען בעשלוס.

— יעצט געה! האט זיא געזאגט צום אינדיאנער. איידער דוא פיהרסט אוועק דיעזע פרוי אויף אייביג פון דאנען, וויל איך זיא נאך אמאל זעהן. איך וויל מיט איהר רעדען א פאָר ווערטער. — געה, ברענג זיא אהער!

דער אינדיאנער איז ארויסגעגאנגען. דיעזע שעהנע שטאָלצע פרוי האט איהם איבערראשט. ער האט פאר איהר מורא געהאט.

דאניא ראזאריא האט אלעס אויסגעהערט. ווען זיא איז געוואהר געווארען, אז מען וויל זיא פערקויפען וויים צו א קאַציק, איז זיא געפאלען אין אהנמאכט פאר שרעק.

33טעם קאפיטעל.

ביידע פרויען.

דער אינדיאנער איז אריינגעגאנגען אין צימער, וואו דאניא ראזאריא איז גע-לעגען אויף דער ערד. ער האט אנגעקלאפט פייער און האט דערזעהן, וויא זיא ליעגט אויף דער ערד ניט וויים פון דער טהיר.

— שטעה אויף און קום מיט מיר! האט ער צו איהר געזאגט און האט זיא אויפגעהויבען פון דער ערד.

וואס האט דאס ארימע מעדכען געקענט טהאן אין אזא לאגע? זיא האט דאך זעהר גוט געהערט, וויא דער אינדיאנער האט געזאגט גאנץ גלייכגילטיג, אז אויב זיין שוועסטער וויל, וועט ער זיא טוידטען. ווער וועט זיך שטעלען פאר איהר אין אזא ווילדע געגענד צווישען אזעלבע ווילדע מענשען?

זיא איז געגאנגען מיט'ן אינדיאנער. ער האט זיא ארויסגעפיהרט אין דרויסען. דיא נאכט איז נאך אלץ געווען פינסטער. נור דיא שטערן האבען געשיינט און גע-פונקעלט. זיי האט זעהר וועניג געקימערט דיא ליידען פון'ם יונגען מעדכען.

דער אינדיאנער האט זיא אריינגעפיהרט אין צימער, וואו דאניא מאריא איז געזעסען, און איז אליין ארויסגעגאנגען. אין דאניא מאריא'ס אויגען האט זיך אנגע-צונדען א פייער פון האס, צאָרן און פעראכטונג. דאניא ראזאריא האט געציטערט און האט ניט געוואגט א קוק צו טהאן אויף דער פרוי, וועלכע האט זיא פעראור-טהיילט צו אזא שרעקליכען שיקזאל.

אייניגע מינוט האבען ביידע פרויען געשוויעגען. דער שפּארבער האט געקוקט אויף דיא טויב, וועלכע ער וויל צורייסען. דיא טויב האט אראפּגעלאזען דעם קאָפּ,

האט געציטערט און געשוויגען. דאניא מאריא האט בעטראכט דאס יונגע מעדכען פון קאפ ביז דיא פיס, וויא א פערד הענדלער בעטראכט א פערד, וועלכעס ער וויל קויפען.

— יא, זיא איז שעהן, האט ענדליך דאניא מאריא געזאגט צו זיך אליין. דיעזעס מעדכען איז ווירקליך אים שטאנד איינצופלייסען ליעבע זאגאר אין הערצען פון אזא ערנסטען מענשען, וויא דאן מאד— איך פערשטעה יעצט, פאר וואס ער איז אזוי פערליעבט אין איהר. זיא איז שעהן און אונשולדיג. — ער וועט זיא אבער שוין מעהר נים זעהן, וויא ער זעהט נים זיינע אויערן. איך וועל מיך שוין רעכנען אן איהם. ער וועט פיהלען מיין ראכע.

דאניא ראזאריא האט געזעהן, וויא דאניא מאריא איז אויפגערעגט און רעדט עפעס צו זיך. זיא האט פערשטאנען, אז זיא רעדט פון איהר און האט געזאגט מיט א ביטענדע שטימע:

— וואס האב איך אייך געטהאן, מאדאם, וואס איהר האסט מיך אזוי שטארק?

— וואס האסט דוא מיר געטהאן? דוא פרעגסט, וואס דוא האסט מיר געטהאן? האט דאניא מאריא אויסגערופען און איז אויפגעשפרונגען פון איהר שטוהל. — דוא האסט מיר גאר נים געטהאן!

— מאדאם, איך קען דאך אייך גאר נים, האט דאס אונגליקליכע מעדכען ווייטער געזאגט. עס איז דאס ערשטע מאל, וואס איך זעה אייך אין מיין לעבען. פאר וואס פערפאלגט איהר מיר אזוי?

— דוא אליין האסט מיר גאר נים געטהאן. איך האב צו דיר גאר נים. ווען דוא וועסט אבער ליידען, וועל איך מיך רעכנען (נוקם זיין) אן א י ה ם.

— איך פערשטעה נים, וואס איהר מיינט, מאדאם.

— דוא פערשטעהסט נים? — נו, וועל איך דיר ערקלערן, איך בין דאניא מאריא דע לעאן! יעצט פערשטעהסט דוא מיך שוין?

— ניין, מאדאם, איך פערשטעה נאך יעצט אויך נים. איך האב קיין מאל נים געהערט דיעזען נאמען און וויים נאך יעצט נים, ווער איהר זייט.

— איז דאס מעגליך? האט דאניא מאריא אויסגערופען. דוא האסט נאר קיין מאל נים געהערט פון מיר?

— איך שווער אייך, מאדאם, אז איך הער דיעזען נאמען צום ערשטען מאל, האט דאניא ראזאריא געזאגט מיט טרעהרין אין דיא אויגען.

דאס אונגליקליכע מעדכען האט גערעדט אזוי פריי, אזוי אפענהערציג, אז דאניא מאריא איז געוועז געריהרט. זיא איז אויפגעשפרונגען פון איהר שטוהל, איז האסטיג ארומגעגאנגען אין צימער, האט געמאכט מיט דיא הענד און גערעדט צו זיך אליין. זיא איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. זיא האט געמיינט, אז זיא וועט בעגעגנען א דורכגעטריעבענע פרוי, א קאקעטע און האט דערזעהן פאר זיך אן אונשולדיגעס מעדכען — א קינד!

— וואס איז מיט מיר? האט דאניא מאריא גערעדט צו זיך אליין. זאל איך

מיך לאזען איבערערדען פון דיא טרעהרין פון דיעזעס נארישע מיעדכען? זאל מיך דיהרען איהר געבעט, איהר וויינען? — ניין! ער האט מיך צופיעל געקרענקט, איך זאל איהם שווייגען. איך מוז נעהמען ראכע אן איהם. ער האט ביי מיר אוועקגע- רויבט מיין טאכטער, מיין איינציגעס קינד. — איך וועל ביי איהם אוועקרויבען זיין געליעבטע.

זיא איז ארומגעלאפען, וויא א ווילדער טיגער אין דער אייזערנער שטייג, האט אויסגערעכענט אלעס, וואס דאן טאדעא האט געטהאן געגען איהר און האט זיך אליין גערייצט. דערביי האט זיא נאך אלץ ניט ארויסגעזאגט דאן טאדעא'ס נאמען, גלייך וויא זיא האט מורא געהאט איהם צו דערמאנען. פלוצלונג האט זיא זיך געווענדעט צום יונגען מעדכען.

— הער מיך אויס, ראזאריא! האט זיא איהר געזאגט. דאס איז דאס ערשטע און דאס לעצטע מאל, וואס מיר זעהן זיך. איך וועל דיר עפעס זאגען, וואס וועט זיין דיין טרייסט אין דיא שווערע ליידען, וואס איך האב בעשטימט פאר דיר. ווענינגסטענס וועסט דוא וויסען, פאר וואס דוא ליידעסט אזוי שרעקליך.

— איך וועל אייך געוויס אויסהערען, מאדאם, האט דאניא ראזאריא געענט- פערט טרויעריג. איך ווייס אבער, אז איהר מעגט מיר זאגען, וואס איהר ווילט — איך בין געגען אייך ניט שולדיג.

— אזוי, מיינסט דוא. הער מיך אבער אויס, וועסט דוא וויסען, אז דוא ביסט יא שולדיג. — א מאל איז געוועזן א שעהנעס מעדכען, ניט אזא שוואכעס, און נארישעס מעדכען, וויא דוא ביסט, זאנדערן א שעהנעס, קרעפטיגעס און שטארקעס מעדכען. דיעזעס מעדכען האט זיך בעקענט מיט א יונגען מאן, וועלכער איז געוועזן שעהן, רייך און געבילדעט. ער האט איהר געזאגט שעהנע ווערטער. ער האט איהר דערצעהלט פון ליעבע, גליק און פרייד. ער האט איהר צוגעזאגט גאלדענע בערג, ביז זיא האט זיך געלאזט איינרעדען, זאט איבערגעלאזען איהר אלטען און קראנקען פאטער און האט געהייראטהעט דעם מאן, וועלכער האט זיא פערפיהרט מיט זיינע שעהנע רעד.

— פערפיהרט? האט דאניא ראזאריא איבערגעפרעגט.

— ניין, ניט פערפיהרט, האט דאניא מאריא געענטפערט. ער האט זיא גע- הייראטהעט. אין א קירכע האט א גייסטליכער זיי פעראייניגט. דאס איז אבער גענוג נור פאר דער וועלט. דיא הייראטה נאך דיא געזעצע פעראייניגט נאך דיא מענשען ניט. דיא הייראטה פערבינדעט נור צוויי מענשען. זיי מוזען זיך האלטען איינער אן דעם אנדערן. דיא פרוי טראגט דעם מאנ'ס נאמען און דער מאן מוז זארגען פאר זיין פרוי. דאס טהוט דיא הייראטה אין דער קירכע. פעראייניגען צוויי מענשען פער- אייניגט נור דיא ליעבע. דיעזע ליעבע אלבער האט ניט פעראייניגט דאס מעדכען מיט דעם מאן, פון וועלכע איך רעד יעצט.

א יאהר נאך דער הייראטה איז געבארען געווארען א קינד. דאכט זיך, אז דאס וואלט געדארפט זיין נאך א באנד, וועלכעס זאל פעראייניגען דיעזע צוויי מענשען. ליידער איז דא ניט אזוי געוועזן. דיא ליעבע פון דעם מאן, וועלכער האט

מיט א יאהר צוריק נערעדט אזעלכע שעהנע ווערטער צום מעדכען, האט קוים נעדויערט דאס גאנצע יאהר. ער האט זיא אוועקגעוואָרפען און האט אויף איהר ניט געוואָלט קוקען.

פיעלע נעכט האט דיעזע פרוי דורכגעוואכט און געוויינט אויף איהר טרויעריגען שיקזאל. — זיא איז געבליעבען אליין, פערנאכלעסיגט, פערשטויסען און פערגעסען. דאס אבער איז נאך ניט געווען גענוג פארן שלעכטען מענשען. ער האט געוואוסט, אז דער אונגליקליכער פרוי איז נאך געבליעבען א טרייסט אין איהר טרויעריגעס לעבען— איהר קינד. ער האט זיך ענטשלאָסען אוועקצורויבען ביי איהר דיא איינציגע פרייד, דעם איינציגען טרייסט.

איין מאל ווען דיא פרוי איז געשלאָפען, איז ער אריינגעקומען ביי נאכט, וויא א גנב אין הויז און האט ביי איהר צוגענומען דאס קינד.

— וואס האט ער געטהאן מיטן קינד? האט דאניא ראזאריא געפרעגט.

— דאס ווייס דיא מוטער ביז אויף הייגטיגען טאג ניט, האט דאניא מאריא געענטפערט. פון יענער צייט אן האט דיא מוטער ניט געזעהן איהר קינד. זיא האט געבעטען, געוויינט, זיך ערניעדעריגט פארן הארטען מענשען, ער זאָל איהר אפגעבען איהר קינד; זיא האט געדראָהעט, זיא האט אויסגעטראכט אלע מעגליכע מיטעל איהם צו צווינגען, ער זאל איהר אפגעבען דאס קינד. — קיין זאך האט ניט געהאָלפען. דער מאן איז געבליעבען הארט, וויא א שטיין. ער האט נאך אויסגעלאכט און פער־שפאָטעט דיא אונגליקכע מוטער.

דאניא מאריא האט געשוויגען א פאר מינוט. זיא האט שווער געאָטהעמט און דיא טרעהרין האבען זיא געוואָרגען, אז זיא האט ניט געקענט רעדען. ענדליך האט זיא זיך עטוואס בערוהיגט און האט וויטער געזאגט:

— איז דען א וואונדער, אז דיעזע מוטער האסט דיעזען מענשען? איז דען א וואונדער, אז זיא האט געשוואָרען צו נעהמען ראכע אן דיעזען מענשען? — ווייסט דוא, ווער דיעזע מוטער איז? — איך בין דיעזע אונגליקליכע מוטער! — ווייסט דוא, ווער דיעזער שלעכטער מענש איז, וועלכער האט מיך אזוי בערויבט, פערשפאָטעט און ערניעדעריגט? — ער הייסט דאן טאדעאָ דע לעאָן!

— דאן טאדעאָ? האט אויסגערופען דאניא ראזאריא און האט זיך אנגעכאפט ביים קאָפּ. — דאן טאדעא?

— יא, דאן טאדעא, דיין געליעבטער!

דאניא ראזאריא איז אויפגעשפרונגען, גלייך וויא א שלאנג וואָלט איהר א ביס געטהאן. זיא איז צוגעלאָפען צו דאניא מאריא און האט זיא אנגעכאפט ביי דיא הענד.

— וואס רעדט איהר, מאדאם? דאן טאדעא איז ניט מיין געליעבטער! דאס איז פאלש! דאס איז א ליעגען!

דאניא מאריא איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. דאס יונגע מעדכען האט געזאגט דיא לעצטע ווערטער אזוי ערנסט, אז זיא האט איהר געמוזט גלויבען. זיא האט געזעהן אן דאניא ראזאריא'ס מינען, אן איהר געזיכט און אן איהר גאנצעס יועזען, אז זיא זאגט דיא וואהרהייט, אז זיא איז אונשולדיג.

— איז דאס מעגליך? האט זיא געזאגט צו זיך אליין. זאָל איך האבען געמאכט אזא גרויסען פעהלער? זאָל איך האבען א טעות געהאט?

— זיא האט זיך געווענדעט צו דאניא ראזאריא און האט זיא געפרעגט:

— ווער ביסט דוא דען און וויא קומסט דוא צו דאן טאדעא? — דוא ביסט דאָך מיט איהם געקומען זעהן דיא צערעמאָניע פון ם בונד שליעסען מיט די אינדיאַנער?

— איך וועל אייך זאגען, מאדאם, אַלעס, וואָס איך וויים פון דאן טאדעאָ. —

אין דיעזע מינוט האָט מען געהערט אין דרויסען דיא שווערע טריט פון פערד, וועלכע לויפען אין גאלאָפּ. דאניא מאריא איז בלייך געווארען.

— אך גאָט! מיין גאָט? האט אויסגערופען דאניא ראזאריא, שיקסט דוא מיר הילף און בעפרייאונג? — שיקסט דוא מיר רעטונג אין דער נויט?

— ווארט אביסעל! האט דאניא מאריא געקריצט מיט דיא צעהנער. דוא ביסט נאָך ניט פריי!

דיא טריט פון דיא פערד זיינען געקומען אלץ נעהענטער, מען האט געהערט געשרייען און געוואלדען. פלוצלונג האט מען אויפגעריסען דיא טהיר און עטליכע מענשען זינען אריין אין צימער.

34טעס קאפיטעל.

דיא רעוואָלוציאָן.

מיר האבען איבערגעלאזען דיא שטאדט וואלדיוויא אין דער צייט, ווען דאָרט האט זיך אנגעהויבען א רעוואָלוציאָן. מען האָט געשאָסען אין דיא גאסען. מענשען זיינען געפאַלען טויט אדער פערוואונדעט. מיר מוזען זיך יעצט אומקעהרען אהין און זעהן, וואס דארט האט ווייטער פאסירט. זאָנסט קענען מיר אונזער דערצעהלונג ניט פאָרטזעצען.

דער קאמפף האט געדויערט ניט לאנג. דאן טאדעאָ, דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער, האט אלעס פאראויסגעזעהן און האט אלעס איינגעריכטעט, אז דיא אייניגע ראָטעס סאלדאטען, וועלכע האבען געקעמפפט פארן גענעראל בוסטאַ-מענטע, האבען זיך ניט געקענט לאנג האלטען. זיי זיינען נאך אלץ געשטאנען ארום גובערנאטאָר׳ס הויז און האבען זיך נור פערטהיידיגט.

אין דיא אנדערע קווארטאלען פון דער שטאדט האבען דיא דונקעלע הערצער געזיענט. דיא סאלדאטען זיינען ענטוועדער איבערגעטרעטען צו זיי, אדער זיי האבען אוועקגעוואָרפען זייערע ביקסען און זייער קריעגס מאטעריאל און זיינען זיך צולאָפען.

דער גובערנאטאר פון וואלדיוויא האט באלד איינגעזעהן, אז ער וועט זיך ניט קענען מעהר האלטען. ער האט געשיקט רופען בוסטאמענטע׳ס ליעטענאנט, דעם אפיציער דיעגאָ, און האט איהם געזאגט:

— ליעטענאנט! דוא זעהסט, אין וואס פאר א לאגע מיר געפינען זיך. ווען דער גענעראל בוסטאמענטע וועט ניט קומען באלד אונז צו הילף, וועל איך זיין גע-צוואונגען איבערצוגעבען דיא שטאדט צו דיא דונקעלע הערצער.

— איך לויף פייל אוים׳ן בויגען מעלדען דעם גענעראל, אין וואס פאר א לאגע דיא שטאָדט געפינט זיך, האט דיעגאָ געענטפערט. טהוט אלעס מעגליכע אום זיך צו האלטען, ביז איך וועל צוריקקומען מיט הילף.

— איך וועל טהאן מיין מעגליכעס, האט דער גובערנאטאָר געענטפערט. איהר זעהט דאך אבער, אז ניט אלעס איז מעגליך.

דיעגא האט פראָבירט דורכברעכען דיא רייהען פון דיא דונקעלע הערצער, וועלכע זיינען געשטאנען געדיכט אויף דער פלאצא מאיאָר. ער איז געוועזען בוסטא־מענטע'ס בעסטער פריינד און האט געוואוסט, אין וואס פאר א געפאהר עס געפינט זיך דער גענעראַל. קוים זיעגען דיא דונקעלע הערצער, איז ער פערלארען. דאס לאנד וועט ווערן א פרייע רעפובליק און איהם וועט מען ערקלערן אלס פעררעטהער. מען וועט איהם שטעלען פאר א קריעגס־געריכט און מען וועט איהם פעראורטהיילען צום טוידט.

מיר האבען געזעהן, וויא אזוי ער איז געקומען צופליעהען אין לאגער צום גענעראַל בוסטאמענטע און וויא אזוי ער האט איהם איבערגעגעבען אלעס, וואס איז פארגעקומען אין וואלדיוויא.

בוסטאמענטע האט זעהר גוט פערשטאנען, אז זיין מאכט און זאגאר זיין לע־בען שטעהט יעצט אויף א וואגשאל. ווען ער זיעגט און פערניכטעט דיא דונקעלע הערצער, איז ער הערשער איבער אלע דיעזע שעהנע לענדער. וועלען אבער דיא דונקעלע הערצער זיעגען, מוז ער אנטלויפען פון לאנד. ער וועט מוזען זוכען שוץ ביי איינעם פון דיא אינדיאנער פירסטען, אדער אנטלויפען קיין ארגענטיניען.

ער האט זיך דאהער גענעבען אלע מעגליכע מיה, ער זאל קומען צו דער רעכ־טער צייט מיט א גרויסע מאכט און זאל קעמפפען פאר זיין עהרע און פאר זיין לעבען. מיר האבען געהערט, וויא ער האט אפגערעדט מימ'ן אינדיאנער פירסט, ער זאל איהם קומען צו הילף מיט פופצעהן הונדערט רייטערס.

וויא א שטורמווינד איז גענעראל בוסטאמענטע מיט זיינע סאָלדאטען געלאָפען קיין וואלדיוויא. איינגעהילט אין א געדיכטען וואלקען שטויב, דיא הענד צוזויפגעלעגט אין שרעקליכע פויסטע, גלייך און ציטערענדיג פאר צארן און אויפרעגונג איז ער געלאפען פאר זיינע סאָלדאטען. ער האט געוואָלט זיין דער ערשטער. ער האט צו ערשט געוואלט זעהן, וואס עס טהוט זיך אין שטאָדט.

ווען ער איז אבער געקומען ניט ווייט פון וואלדיוויא, האט ער זיך איבערלעגט. ער האט געמאכט אנאנדער פלאן.

— זייט דיעגא איז ארויסגעפאהרען פון וואלדיוויא, ביז יעצט זיינען פערגאנגען א פאָר שטונדען, האט ער זיך געטראכט. אין אזא צייט האט זיך זעהר פיעלעס געקענט ענדערן. מעגליך, אז אלע זיינע סאָלדאטען האבען זיך אונטערגעגעבען. דיא דונקעלע הערצער האבען אפגענומען דיא שטאדט. זיי האבען יעצט אין דיא הענד דיא קאנאנען און דאס גאנצע קריעגס־מאטעריאל. וואס קען ער מאכען מיט דיא עטליכע הונדערט רייטער, וועלכע ער האט מיט זיך? — דאן מוז ער ווארטען, ביז דער אינדיאנער פירסט וועט אנקומען מיט זיינע פופצעהן הונדערט קריעגער.

ער האט זיך ענטשלאסען, ער זאל בעסער ארויסשיקען צוויי שפיאָנען, זיי זאלען זעהן, וואס עס טהוט זיך יעצט אין שטאדט. ווען ער וועט וויסען גענוי, וואס דארט טהוט זיך, וועט ער קענען מאכען א פלאן, וואס ווייטער צו טהאן.

ער האט געהייסען בלייבען שטעהן און האט ארויסגעשיקט דיא צוויי שפּיאָנע.
אין א קורצע צייט ארום זיינען זיי צוריק געקומען און האבען איהם געמעלדעט, אז דיא דונקעלע הערצער זיינען יעצט אנגעפאלען אויף'ן גוּבערנאַטאָרס הויז. עס האלטען זיך נאך א פּאָר ראמעס פון זיינע סאָלדאטען. דיא דונקעלע הערצער האבען נאך ניט אפּגענומען דיא קאַנאָנען. דער קאמפף קאכט יעצט אויף א גאנץ קליינעם שטיקעל פּלאַץ פארן גובערנאַטארס הויז.

— פאָרווערטס! האט גענעראל בוסטאמענטע קאָמאנדירט און איז געפלויגען, וויא א פייל אויסען בויגען צו דער שטאדט.

באלד איז ער מיט זיינע רייטער אנגעקומען אין שטאדט. דיא שפּיאָנען האבען איהם גאנץ ריכטיג בעריכטעט, וואס עס טהוט זיך דארט. אין דיא פאָר-שטעדט איז אלעס געוועזען שטיל און רוהיג. אין דערמיט שטאדט אבער, ארום דער פּלאצא מאיאר איז געשטאנען א געדיכטע מאסע מענשען, וויא א וואנט, און האט קיינעם ניט דורכגעלאזען.

גענעראל בוסטאמענטע איז געוועזען א טיכטיגער סאָלדאט. ער האט געוואוסט, וויא אזוי צו פיהרען קריעג אין אמעריקא. ער האט אויסגעקליעבען פון זיינע סאָלדא-טען פופציג בעהערצטע מענער, מיט וועלכע ער האט געוואלט דורכברעכען דיא שרעקליכע וואנט פון מענשען קערפּער פאר איהם.

— אויף טוידט און אויף לעבען! האט ער צוגערופען זיינע פופציג געטרייע און בראווע סאָלדאטען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך מיט זיי געוואָרפען אויף דער מענגע. אין דיעזע מינוט איז איהם ענטגעגען געקומען א מאן אויף א פייעריגען שווארצען פערד און האט זיך געשטעלט פונקט געגען איהם, וויא א פעלזען, וואס ליעגט אין דערמיט מעער און לאזט ניט דיא ווילדע וועלען (כוואַליעס) דורכגעהן.

דאס איז געווען דאן טאַדעאָ דע לעאָן. דער גענעראל האט איהם דערקענט און האט אנגעהויבען צו קריצען מיט דיא צעהנער פאר רציחה.

35טעס קאפּיטעל.

דער לייב מוז זיך אונטערגעבען.

— וואס זעה איך? האט גענעראל בוסטאמענטע אויסגערופען. ווער איז דער מאן, וואס האט זיך מיר געשטעלט אין וועג?

— דוא דערקענסט מיך, גענעראל בוסטאמענטע? האט דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער אויסגערופען. דוא האסט מיך ניט פערגעסען?

— דאן טאַדעאָ דע לעאָן, דוא ביסט עס? — דוא לעבסט נאך? מען האט מיר געזאגט, אז דוא האסט זיך גערעטעט פון'ם טוידט, אבער דוא ביסט שווער פערוואונדעט.

— איך בין עס, גענעראל בוסטאמענטע! איך בין דאן טאַדעא דע לעאָן! דוא זעהסט, אז איך לעב אום דיך צו פערניכטען.

— דוא פרעהסט זיך צו פריה, דאן טאַדעאָ! פּראָביר נור קעמפפען מיט

פיר, פאן גענען מאן, דאן וועסט דוא שוין געוואהר ווערן, אויב דוא וועסט מיך פער־ניכטען אדער איך דיך. איך קען דיך שוין גוט. דוא אבער קענסט מיך נאך ניט.

דאן טאדעא האט א שמייכעל געטהאן מיט א ביטערער פעראכטונג.

— דיין הערדשאפט איז אויס, דאן פאנטשא בוסטאמענטע, האט ער געזאגט, דיא דונקעלע הערצער האבען דיך שוין לאנג פעראורטהיילט צום טוידט. יעצט וועלען זיי אויספיהרען זייער טאָדעס אורטהייל.

— דוא האסט מיך נאך ניט, דאן טאדעא! דוא מוזט מיך פריהער האבען אום מיך צו טוידטען. — איך וועל קעמפפען. איך וועל זיגנען אדער שטארבען.

— שטארבען וועסט דוא, אבער ניט, וויא א העלד אויפ'ן שלאכט פעלד, זאנדערן וויא א פערדעטהער אויפ'ן עשאפאָט.

— אזוי ? האט גענעראל בוסטאמענטע געשפאסט. נו, לאמיך עס זעהן!

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגעצויגען זיין שווערד און האט זיך געלאזט לויפען צו דאן טאדעאָ. אין דיעזע מינוט האט א שטריק געראוישט אין דער לופט און א שטארקער שלייף איז ארויפגעפאלען און האט זיך צוזאמענגעצויגען ארום גע־נעראל בוסטאמענטע'ס פלייצעס.

איידער ער האט זיך געקענט אומקוקען, איידער ער האט נאך צייט געהאט א געשריי צו טהאן, האט איהם דער שטריק אראפגעריסען פון'ם זאטעל פון זיין פערד און האט איהם ערגעץ געשלעפט אין שטויב פון דער גאס. בוסטאמענטע איז געוועזען אזוי איבערראשט און דערשראקען, אז ער האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. אין א מינוט איז ער געלעגען אויף דער ערד און ארום איהם זיינען געשטאנען אונבעקאנטע מענשען אין שווארצע מאנטלען — דיא דונקעלע הערצער.

— נעהמט אראפ פון איהם דעם שטריק! האט יעצט דאן טאדעאָ בעפאהלען. האלט איהם פעסט און בעהאנדעלט איהם גוט.

מען האט באלד געטהאן, וויא ער האט געהייסען. יעצט האט זיך דאן טאדעאָ געווענדעט צו בוסטאמענטע'ס סאָלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען, וויא פערשטיי־נערט. זיי האבען ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויגען. זיי האבען געזעהן, אז דער גענעראל רעדט מיט א מענשען און האבען געמיינט, אז ער איז פון זייער זייט.

— סאָלדאטען! האט זיי דאן טאדעאָ געזאגט. — ניט אייך אונטער! איהר זעהט, אז דער מאן, וואס האט אייך פערפיהרט, איז יעצט אין אונז'ער מאכט. ער האט געוואָלט זיין א טיראן און אונז אונטערדריקען. מיר ווילען פרייהייט און גע־רעכטיגקייט.

— פרייהייט און גערעכטיגקייט! האט געשריען דיא מענגע ארום.

— פרייהייט און זיעג! האט מען געהערט א געשריי פון דער פלאצא מאיאָר.

דיא סאָלדאטען האבען אוועקגעוואָרפען זייערע פיסטאָלעטען און זייערע שווער־דען און האבען אויך אנגעהויבען צו שרייען:

— פרייהייט און גערעכטיגקייט!

— דאס איז גוט! האט דאן טאדעאָ צו זיי געזאגט. — יעצט נעהמט ארויס

הינטער דער שטאָדט אויף צוויי מייל דיא ווייט און מאַכט אייך דאָרט א פּען וועט אייך שפּעטער זאָגען, וואס איהר זאָלט ווייטער טהאָן.

דיא סאָלדאַטען זיינען ארויסגעגאַנגען. זיי זיינען יעצט געגאַנגען צוריק אויף דעם וועג, אויף וועלכען זיי זיינען ערשט ניט לאַנג אַנגעקומען. אייניגע פון דיא דונ־קעלע הערצער האָבען זיי בעגלייט און האָבען זיי ערקלערט, וואס בוסטאַמענטע האט געוואָלט און וויא ער האט געהייסען, אז מען זאָל איהם אויסרופען אלס וויצע־קעניג פון משילי.

דאָן טאַדעאָ איז יעצט צוריקגעגאַנגען צום פּלאַצא מאַיאָר. דאָרט האָבען א פּאָר ראָטעס סאָלדאַטען מיט קאַנאָנען נאָך אַלץ געקעמפּפט. דער גובערנאַטאָר פון וואַלדיוויא האט נאָך אַלץ ערוואַרטעט, אז בוסטאַמענטע וועט איהם קומען צו הילף. ער האט אונטערגערייצט זייגע סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך האַלטען ביז צו ענדע.

דיא הילף אָבער איז נ ט געקומען. דיא דונקעלע הערצער זיינען צונעטרעטען אַלץ נעהנטער און נעהנטער. מען האט אוועקגעוואָרפען דיא ביקסען און מען האט זיך געשלאַגען מיט שווערדען, מאַן געגען מאַן.

דער גובערנאַטאָר האט געזעהן, אז ער קען זיך ניט האַלטען. ער וואָלט זיך שוין לאַנג אונטערגעגעבען. ער האט אָבער נאָך מורא געהאַט פאַר׳ן גענעראַל בוס־טאַמענטע. פיעללייכט קומט ער אָן און וועט איהם מאַכען פאָרווירפע, פאַר וואָס ער האט זיך אַזוי שנעל אונטערגעגעבען.

דאָן ראַמאָן — אַזוי האט געהייסען דער גובערנאַטאָר — איז ניט געוועזען קיין סאָלדאַט. ער האט קיין מאָל ניט בייגעוואוינט קיין שלאַכט. ער האט געציטערט יעדעס מאָל, ווען א קוגעל איז געפלויגען צו נאָהענט לעבען איהם.

— הערט אויף צו ציטערן! האט געלאַכט דער אָפיציער, וואס האט קאָמאַנ־דירט דיא סאָלדאַטען. מעהר וויא איין מאָל וועט איהר דאָך ניט שטאַרבען.

— אייך איז לייכט צו זאָגען: שטאַרבען, איהר זייט א סאָלדאַט, אייער האַנדוועריק איז שוין אַזעלכעס. איהר מוזט טויטען יענעם אָדער מען מוז אייך טויד־טען, האט דער אָרימער גובערנאַטאָר געענטפערט. איך אָבער בין ניט קיין סאָלדאַט.

— איהר האט א גרויסען טעות, האט דער אָפיציער געענטפערט. קיין סאָל־דאַט וויל ניט שטאַרבען, נור ווען עס קומט אויס, שטאַרבען מיר רוהיג. מיר וועלען יעצט אויך קעמפּפען ביז צום לעצטען און מיר וועלען שטאַרבען אַלע צוזאַמען.

— ניין! איך וויל ניט שטאַרבען! האט דאָן ראַמאָן אויסגערופען. איך בין קיין סאָלדאַט! לאָזט מיך אוועקגעהן פון דאַנען!

דער אָפיציער האט פערצויגען מיט דיא אַקסלען.

— א גובערנאַטאָר פון א פּראָווינץ זאָל וועלען אַנטלויפען? דאָס איז א שאַנדע!

— וואס וועט איהר האָבען דערפון, אז איך וועל שוין אויך [illegible]? האט דאָן ראַמאָן געענטפערט מיט טרעהרען אין דיא אויגען. רעטעט מי[illegible]

— וויא קען איך אייך רעטען? האט דער אָפיציער געענפ[illegible] האט אונז

דא נעשטעלט און מען האט אונז געהייסען שלאָגען זיך ביז צו לעצט. מיר מוזען זיך שלאָגען.

— הער נור, פריינד. דוא ביסט מיר שולדיג צוויי טויזענד פעזאָס. זעה מיך ארויסצופיהרען פון דיעזע קוגעלן און מיר וועלען זיין קוויט.

— איהר זייט א נאַרר, דאן ראמאָן, האט דער אפיציער געענטפערט בייז. ווען איך וועל שטארבען אדער איהר וועט שטארבען, וועל איך אייך סאַי וויא סאַי ניט בעצאהלען דיא צוויי טויזענד פעזאס.

— איהר זייט א פאַלשער פריינד! האט איהם דער גובערנאטאָר געזידעלט.

דער אָפיציער האט געהייסען שיעסען נאך שטארקער. ער האט געהייסען אנלאדען דיא פיער קאנאנען, וואס זיינען דארט געשטאנען, און זיי אויסשיעסען מיט אמאָל.

דיא דונקעלע הערצער האבען אויך ניט געשוויעגען. זיי האבען צוואר געוואוסט, אז זייער לאגע איז ניט גאנץ גוט דא אויפ'ן פלאץ, ווייל דיא סאלדאטען זיינען געוועזען געשיצט מיט דיא זיילען פון'ם פאלאץ. זיי אבער זיינען געשטאנען אויף א פרייען פלאץ. זייערע קוגלען האבען ניט געטראפען. ווען דיא סאלדאַטען אבער האבען געשאסען, האבען זיי געטראפען אין דער געדיכטער מענגע. דאס איז געוועזען דיא אורזאכע, וואס דער אָפיציער האט אזוי געשפאסט מיט דאן ראמאָן. ער האט געוואוסט, אז זיין לאגע איז זיכער.

דאן טאדעאָ האט עס אויך פערשטאנען. ער האט געוואָלט שוינען זיינע מענשען. ער האט דאהער בעקלערט אנאנדער פלאן. ער האט געהייסען ארויסשטעלען א ווייסען פלאג מיט א רויטען צייכען אין דערמיט, אלס צייכען, אז ער וויל רעדען מיט דעם אפיציער. ער וויל מיט איהם אונטערהאנדלען.

דער גובערנאטאָר איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט דערזעהן דעם ווייסען פלאַג. ער האט אנגעהויבען צו טאנצען פאר פרייד.

— מיר זייגען גערעטעט! מיר זיינען גערעטעט! האט ער אויסגערופען.

— איז גענעראַל בוסטאמענטע געקומען אונז צו הילף?

— אך, ווען ער זאל געווען קומען, וואָלט איך געווען גליקליך.

— אלזאָ, וואס דען? וויא אזוי זיינען מיר גערעטעט? האט דער אפיציער געפרעגט.

— זעהט! דארט האט מען ארויסגעשטעלט א ווייסען פלאג. מען וויל שליעסען מיט אונז פריעדען.

דער אפיציער האט זיך צוגעקוקט צו דעם ארט, וואו מען האט ארויפגעשטעלט דעם ווייסען פלאג.

— עס איז ריכטיג! האט ער אויסגערופען. קיין מוטה, מיין ליעבער דאן ראמאָן, האט איהר ניט; דערפאר האט איהר א שארפעס אויג.

ער האט געהייסען זיינע סאָלדאטען אויפהערן צו שיעסען און אויך ארויסשטעלען א ווייסען פלאג. ער איז געוועזען זעהר מיעד און האט איינגעזעהן, אז ער קעמפפט אומזיסט. ער קען זיך ניט האלטען מיט א קליין הייפעלע מענשען.

36טעס קאפיטעל.

דיא דונקעלע הערצער זיעגען.

דער גובערנאטאָר איז געוועזען העכסט צופריעדען, וואס מען האט אויפגעהערט צו שיעסען. דיא סאָלדאטען האבען זיך אויך עטוואס בערוהיגט און האבען זיך איבערלעגט, אז זיי שיעסען דאך אויף זייערע לאנדסלייט, אויף זייערע ברידער.

עס איז געוואָרען שטיל. מען האט אנגעהויבען אוועקצופיהרען דיא טוידטע און דיא פערוואונדעטע. דער גובערנאטאָר און דער קאָמאנדיר פון דיא סאָלדאטען זיינען געבליעבען שטעהן אויף דיא טרעפ פון׳ם פאלאץ. זיי האבען געווארט, אז מען זאל קומען און זיי זאגען, וואס מען פערלאנגט פון זיי.

— נון, דאן ראמאָן, האט דער אפיציער געזאגט, יעצט האט איהר דיא געלע־גענהייט זיך צו רעטען. איהר קענט יעצט אנטלויפען, וואוהין איהר ווילט און אזוי וויא מירביידע לעבען, וועט איהר געווים געדענקען, וואס מיר האבען אפגערעדט.

דער גובערנאטאָר האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואס האבען מיר דען אפגערעדט? האט ער געפרעגט.

— איהר האט שוין פערגעסען, דאן ראמאָן? איהר האט דאך מיר עפּעס צוגעזאגט?

— איך שווער אייך, אז איך הייב ניט אן צו געדענקען, אויב איך האב אייך עפּעס צוגעזאגט.

— אזוי? איהר געדענקט גאר ניט? — נו, מוז איך אייך דערמאנען. איהר האט מיט מיר אפגערעדט, אז קוים וועל איך אייך רעטען אייער לעבען, וועט איהר מיר ניט מאנען דיא צוויי טויזענד פעזאָס, וואס איך בין אייך שולדיג. אייער לעבען איז גערעטעט און מיר זיינען קוויט.

— דאס האב איך ניט געזאגט! האט דער ארימער גובערנאטאָר אויסגערופען מיט א זויערע מינע.

— איהר האט נאך מעהר געזאָגט, מיין טאפפערער העלד! האט דער אפי־ציער געלאכט. איהר האט צוגעזאגט מיר צו שענקען נאך טויזענד פעזאס.

דער ארימער גובערנאטאָר האט זיך ארומגעקוקט, גלייך וויא ער וואלט געזוכט פון ערגעץ הילף. עס איז געוועזען דייטליך, אז דער אפיציער וויל ביי איהם צאפען געלד. אין דיעזע מינוט איז צוגעקומען א רייטער אין א שווארצען מאנטעל מיט א ווייסען פלאג אין דער האנד. ביידע גוטע פריינד האבען אויפגעהערט צו קריעגען זיך איבער זייערע רעכנונגען.

דער גובערנאטאָר איז געוואָרען ערנסט. ער איז ארויסגעטרעטען פאָראויס און האט געפרעגט דעם מאן מיט דעם ווייסען פלאג אין דער האנד:

— וואס דארפסט דוא און וואס ביסט דוא געקומען אונז זאגען?

— איך בין אייך געקומען זאגען, אז עס איז שוין היינט פערגאָסען געוואָרען גענוג בלוט. עס איז צייט, אז איהר זאלט זיך אונטערגעבען.

— זיך אונטערגעבען? האט דער אפיציער אויסגערופען. — אויף קיין פאל!

מען האט מיך דא געשטעלט, איך זאל פערטהיידיגען דעם פּאלאץ פון׳ם גובערנאטאָר און איך וועל איהם פערטהיידיגען ביז אין לעצטען טראפּען בלוט.

— זעהט איהר דען ניט, אז איהר קענט זיך מעהר ניט האלטען? האט דער מאן געפרעגט. ווייסט איהר דען ניט, אז מיר האבען אומעדום גענזיעגט?

— ווער זייט איהר דען?

— איך בין דאן טאדעאָ דע לעאָן!

— דאן טאדעאָ דע לעאָן? האט דער אָפיציער געפרעגט און איז געוואָרען בלייך וויא קאלך. דאס קען ניט זיין! איהר זייט טויט! איך אליין האב קאָמאַנ-דירט דיא ראָטע סאָלדאטען, וועלכע האבען דערשאָסען אייך מיט ניין אנדערע אין דער נאכט פון׳ם פינפטען מאי.

— דאס איז וואהר. איהר האט געשאָסען אויף דאן טאדעאָ דע לעאָן, איך האב אבער נאך א נאָמען.

— נאך א נאמען? וויא הייסט איהר דען?

— דער פירסט פון דער דונקעלהייט. דאן טאדעאָ איז געפאלען פון אייער א קוגעל, אבער דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער לעבט!

דער גובערנאטאָר האט א ציטער געטהאן ביי דיא לעצטע ווערטער. ביז אהער האט ער נאך ניט געוואוסט, מיט וועמען ער פיהרט קריעג. ער איז געוועזען אזוי איבערראשט און אזוי דערשראקען א גאנצען טאָג, אז ער האט זיך ניט געפרעגט: וואס וויל מען פון איהם? וואס פערלאנגט דאס פאָלק?

דער קאָמאנדירענדע אפיציער דאגעגען האט זעהר גוט געקענט זיין לאגע. ער האט געוואוסט, אז דא האט זיך אנגעהייבען א רעוואָלוציאָן, וועלכע מוז זיך ענדיגען ענטוועדער מיט א פאָלקאָמענעם זיעג פון דער פרייהייט, אדער יעדע פרייהייט וועט ווערן אונטערדריקט און בוסטאמענטע וועט ווערן קעניג.

— מיט וואס פאר א רעכט קומט איהר צו אונז פאָרדערן, אז מיר זאלען זיך אונטערגעבען? האט ער געפרעגט.

— מיט׳ן רעכט פון׳ם שטארקערן, האט דאן טאדעאָ געענטפערט. מיר האבען געזיעגט. דיא שטאדט איז אין אונזערע הענד. דאס פאלק וויל פריי זיין. צו וואָס זאלען מיר ווייטער פערגיעסען בלוט אומזיסט? לעגט אוועק אייערע וואפען, פער-איינגט אייך מיט׳ן פאָלק! העלפט אונז ערווערבען אונזערע רעכטע און דאס פאָ-טערלאנד וועט אייך דאנקען.

דער אָפיציער איז געוועזען גערירט. ער האט געפיהלט, אז דאן טאדעאָ האט רעכט.

— איך האב אבער געשוואָרען דעם גענעראל בוסטאמענטע, אז איך וועל מיך האלטען, ביז ער וועט קומען מיר צו הילף? איך בין א סאָלדאט, איך מוז האלטען מיין וואָרט.

— דער גענעראל וועט ניט קומען אייך צו הילף, האט דאן טאדעאָ געענט-פערט ערנסט.

— פאר וואָס?

— איהר וועט באלד זעהן.

דאן טאדעאָ האט געגעבען א צייכען. אין איינינע מינוטען ארום האט זיך געעפענט א פענסטער אין א הויז געגענאיבער דער פלאצא מאיאָר. אין דעם פענ־סטער האט זיך געוויזען דער גענעראל בוסטאמענטע מיט'ן בלויזען קאָפּ.

דער אָפיציער האט ארויסגעהאפּט זיין שווערד און האט עס געוואָלט צוברעכען פאר פערדרום.

— צוברעכט ניט אייער שווערד, אפיציער! האט דאן טאדעאָ געבעטען. האלט איהם! איהר זייט א טאפּפערער סאָלדאט, פערטהיידינט מיט איהם אייער פאָטער לאנד! קעמפּפט מיט איהם פאר דיא פרייהייט פון אייער פאָלק! אנשטאט צו קעמפּפען פאר דיא טיראַניי, קעמפּפט געגען דיא טיראַניי! קעמפּפט פאר אייערע ברידער!

דער אפיציער האט ניט געענטפערט. ער האט גענומען דאן טאדעאָ'ס האנד און האט זיא צוגעפּרעסט צום הארצען.

באלד האט ער געהייסען זיינע סאָלדאטען אניעדער לעגען זייערע וואפען. דער מיט האט זיך געענדיגט דיא רעוואָלוציאָן. דיא פרייהייט האט געזיעגט.

37טעס קאפּיטעל.

דער פערוואונדעטער.

זאָ לאנג דיא רעוואָלוציאָן האט געדויערט איז וואלענטין ניט אפּגעטרעטען פון דאָן טאדעאָ. דעם לוסטיגען פראנצויז האט עס אמוזירט, וויא מען מאכט א רעוואָלוציאָן אין אמעריקא.

— נו, וויא געפעלט אייך אונזער רעוואָלוציאָן? האט איהם דאן טאדעאָ געפ־רעגט, ווען דיא דונקעלע הערצער האבען געפאנגען גענומען דעם גענעראל בוס־טאמענטע?

— פּאָרטרעפליך! האט וואלענטין אויסגערופען. עס איז ווערטה צו קומען קיין אמעריקא זעהן, וויא מען חאפּט מענשען מיט א שטריק, וויא פיש מיט א ווענטקע.

דאן טאדעא האט א שמייכעל געטהאן. דער פרעהליכער פראנצויז איז איהם געפעלען. ווען אלעס איז געוואָרען שטיל און רוהיג, האט וואלענטין זיך געווענדעט צו דאן טאדעא און האט איהם געפרעגט?

— ווען זיך דאָרט אונזערע פריינד ניט לאנגווילען? וואָלט ניט צייט געווען, מען זאָל שיקען נאך זיי?

— ניין, פריינד! האט דאן טאדעא געענטפערט, עס איז נאך פריה. עס איז נאך ניט אלעס רוהיג אין שטאדט. מיר מוזען נאך ווארטען.

— אלענפאלס וואָלט איהר געדארפט שיקען ועמען צו זיי. צוויי מענשען אליין אין א ווילדער געגענד זיינען ניט גאנץ זיכער.

דאן טאדעא האט ארויסגעשיקט צוויי מענשען אויף דעם אָרט, וואו ער האט איבערגעלאָזען דאניא ראזאריא און לואיס.

מיר מוזען זיך יעצט אומקעהרן צום זעלבען אָרט און דערצעהלען, וואס עס

איז געשעהן מיט גראף לואיס. מיר האבען איהם איבערגעלאָזען פערוואונדעט און אין אָהנמאכט גאַנץ אליין. זיינע צוויי פריינד, דיא אינדיאנער טראַנגאָיל-לאַנעק און קורומיללא האבען געמוזט זיין ביי דער צערעמאָניע, ווען מען האט בעגראבען דיא קריענס האק.

וויא מיר האבען געזעהן, זיינען דיא מענער, וועלכע האבען אוועקגערויבט דאניא ראזאריא, געווען אזוי געשיקט, אז אלעס איז געטהאן געווארען שטיל, אהן א ליארם, אהן א רעש. דאניא ראזאריא האט ניט געקענט שרייען. מען האט איהר באלד פערצווינגען דעם האלז. לואיס האט קיין צייט ניט געהאט צו רופען צו הילף. איידער ער האט זיך אומגעקוקט, ער איז שוין געלעגען פערוואונדעט.

ער האט צוואר איין מאל אויסגעשאָסען, דארויף אבער וואָלט זיך קיינער ניט אומגעקוקט, ווען ער זאל עס זאגאר געווען הערן, וויל נאך דער צערעמאניע האבען דיא שפאניער געשאָסען אלס צייכען פון פרייד.

קוים האט זיך דיא צערעמאָניע געענדיגט און דער אינדיאנער פירסט איז אריינגעגאנגען מיט׳ן גענעראל בוסטאמענטע אין זיין געצעלט, זיינען ביידע אינדיאנער, טראַנגאָיל-לאַנעק און קורומיללא צוריקגעגאנגען צום בערגעל, וואו זיי האבען געלאזען זייער פריינד מיט׳ן בלייבען געזיכט, אדער דעם לעווען קאָפּ, וויא זיי האבען איהם א נאמען געגעבען, וויל ער פלעגט טראגען לאַנגע האר.

וויא ערשטוינט זיינען זיי געווען, ווען זיי זיינען צוגעקומען צום בערגעל און האָבען דאָרט קיינעם ניט געפונען! זיי האבען אנפאנגס געמיינט, אז לואיס און דאניא ראזאריא זיינען אויך אראפגעגאנגען זעהן דיא צערעמאָניע. זייער שארפעס אויג אבער האט זיי באלד געוויזען, אז דא האט זיך אפגעשפּיעלט איינע פון דיא שרעקליכע דראמען, וועלכע טרעפען זיך אזוי אָפט אין יענע געגענדען אין אמעריקא, וואו עס הערשט דער פויסט און דער פּיסטאָלעט.

ווער עס האט געהאט א געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט ווילדע מענשען, דער וויס, וואס פאר א שארפעס אויג זיי האבען. עס איז צום שטוינען, וויא אן אינדיאנער דערקענט דיא שפּור פון א ווילדעס טהיער אדער פון א מענשען דאָרט, וואו דער ציוויליזירטער מענש זעהט גאר ניט.

ביידע אינדיאנער זיינען צוגעלאפען צום אָרט, וואו זיי האבען איבערגעלאזען זייער פריינד און האבען דערזעהן, וויא ער ליעגט אויף דער ערדע, דעם פּיסטאָלעט אין דער האנד, דאס מויל האלב אָפען, דיא אויגען געשלאָסען, לעבען קאָפּ א גרויסער פלעק פון פערגליווערט בלוט.

טראַנגאָיל-לאַנעק האט זיך געווארפען צו איהם, וויא א מוטער צו איהר קינד, וועלכעס מען האט פערוואונדעט. ער האט באלד אויפגעהויבען זיין קאָפּ, האט אפּגעשפּיעלט זיין האלז-טוך, האט אויף איהם געהויכט און האָט איהם געווארמט מיט זיינע ברייטע הענד.

קורומיללא איז געשטאנען איינינע מינוט, וויא פערשטיינערט. ענדליך האט ער זיך דערמאנט.

— איז דער לעווען קאָפּ טויט ? האט ער געפרעגט.

— ניין, האט טראַנגאַיל־לאַנעק געענטפּעט, דאס הערץ קלאַפּט נאָך.

— דאן מוזען מיר איהם אויפמינטערן, האט קורומיללא געזאגט און האט זיך געזעצט לעבען זיין פריינד.

זיי האבען איהם אריינגעטראגען אין הייל, האבען געמאכט א געלעגער פון דעקען און גראז, האבען איהם אניעדערגעלעגט. איינער פון זיי האט איהם אויפגעריסען דאס מויל און האט איהם אריינגעגאָסען איינינע טראפּען טשויקא. דער אנדערער איז געלאָפען צום טייך און האט געבראַכט פרישעס וואסער און זיין לעדערנעם פלאַש. זיי האבען ארומגעוואַשען זיינע וואונדען, זיי האבען זיי פערבונדען, וויא זיי האבען געקענט. קורומיללא איז אוועקגעגאנגען אין וואלד, האט אויסגעזוכט א גראז, וועלכעס ער האט צוריעבען אין דיא הענד און האט עס ארויפגעלגט אויף דער וואונד.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט. לואיס איז נאך אלץ געלעגען בעוואוסטלאָז. ענדליך האבען זיי געהערט א שוואכען זיפץ. זיין ברוסט האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען, ער האט אנגעהויבען צו אטהעמען פרייער, אויף זיינע באקען האט זיך גע־וויזען אביסעל פארב און ער האט געעפענט דיא אויגען.

— ראזאריא, — וואו—ביסט—דוא ? האבען זיינע ליפּען געשטאמעלט און ער האט ווידער פערמאכט דיא אויגען.

— ער וועט לעבען ! האט קורומיללא אויסגערופען מיט פרייד. ער האט פערלאָרען פיעל בלוט און איז שוואך, זיינע וואונדען אבער זיינען ניט געפעהרליך.

— וואס איז דא געשעהן ? האט טראַנגאַיל־לאַנעק געפרעגט. ווער זאָל עס האבען פערוואונדעט דעם לעווען קאָפּ ?

— איך האב נאך קיין צייט ניט געהאט צו בעטראכטען, וואס דא איז פאָר־געקומען. מיר מוזען צוערשט זעהן, אז דער לעווען קאָפּ זאָל רעדען. פיעללייכט וועט ער דערצעהלען, וואס דא איז פארגעקומען.

ביידע אינדיאנער האבען ווידער אנגעהויבען צו ווארעמען דעם פערוואונדעטען און איהם צו מינטערן. עס איז זיי ענדליך געלונגען. לואיס איז געקומען צו זיך אויף אזוי פיעל, אז ער האט געקענט רעדען.

— קען מיר מיין ברודער זאגען, וואס דא איז געשעהן אין דער צייט, וואס מיר זיינען געווען אונטען אין טאָהל ? האט קורומיללא געפרעגט.

לואיס האט דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט. דיא אינדיאנער האבען דערפון גאר ניט געקענט וויסען.

— איך מוז אליין געהן זעהן, וואס דא איז געשעהן, האט קורומיללא געזאגט.

ער איז ארויסגעגאנגען בעטראכטען דעם אָרט, וואו עס האט זיך אפּגעשפּיעלט דיא דראַמא, וועלכע מיר האבען שוין בעשריעבען. אין דער צייט, וואס קורומיללא האט בעטראַכט און געזוכט דיא שפּורען פון דיא פערברעכער, זיינען אנגעקומען דיא מענשען, וועלכע דאן מאדעא האט געשיקט זעהן, וואס דאניא ראזאריא מאכט.

זיי זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט, ווען זיי האבען דערזעהן דעם פערוואונדעטען לואיס.

— וואו איז דיא יונגע דאַמע ? האבען זיי געפרעגט.

— דיא איז פערשוואונדען, האט טראנגאיל-לאנעק געענטפערט רוהיג.

ער האט זיי קיין אנדערע אנטוואָרט ניט געקענט געבען אויף אלע זייערע פראגען. זיי האבען געמוזטווארטען, ביז קורומיללא וועט צוריק קומען, פיעללייכט וועט ער זיי קענען ערקלערען, וואו דאניא ראזאריא איז אהינגעקומען. ער איז באלד צוריקגעקומען, האט זיך אניעדערגעזעצט לעבען פערוואונדעטען לואיס און האט פערזוכט זיין לעהמענע פייפע (ליולקע).

דיא מענשען, וועלכע דאן טאדעא האט געשיקט, זיינען געווען גוט בעקאנט מיט דיא זיטען (מנהגים) פון דיא אינדיאנער. זיי האבען געוואוסט, אז ווען דער אינדיאנער וויל עפעס טראכטען, מוז ער רויכערן, זיי האבען דאהער געווארט, ביז ער האט אויסגערייכערט זיין פייפע און האבען איהם געזאגט:

— אונזער ברודער איז א גרויסער קאציק, קען ער אונז זאגען, וואס ער האט געזעהן?

— ווען מיינע ברידער פערלאנגען עס, וועל איך רעדען, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג און קאלטבלוטיג. — פינף מענשען אויף פערד זיינען געקומען און האבען אוועקגערויבט דאס בלייכע מעדכען מיט דיא בלויע אויגען.

— פון וואנען ווייסט איהר עס, קאציק?

— פינף פערד האבען געלאזען דעם צייכען פון זייערע פיס אויפ'ן גראז. זיי זיינען געקומען פון יענער זייט טייך, דיא פיס פון זייערע פערד זיינען געווען נאס, ווען זיי זיינען געקומען אהער. פיער פון דיא רייטער זיינען פועלטשעס, דער פינפטער איז א מאן מיט א בלייכעס געזיכט.

— פון וואנען ווייסט איהר אלעס? האבען דיא שפאניער געפרעגט.

עס האט זיי איבערראשט, וואס קורומיללא דערצעהלט אלעס, גלייך וויא ער וואלט געווען דערביי.

— לאזען מיינע ברידער בעטראכטען דיא שפורען פון דיא פינף מענשען, וועלען זיי זעהן, אז נור פיער זיינען אראפגעגאנגען פון זייערע פערד. דריי אינדיאנער און איינער מיט א בלייכען געזיכט. דער פינפטער איז געבליעבען זיצען אויפ'ן פערד, ער איז ניט אראפגעגאנגען. דער מאן מיט'ן בלייכען געזיכט האט געטראגען שטיוועל. דיא אינדיאנער זיינען געגאנגען אין מאָקאסינס. (א סאָרט לעדערנע זאקען, וועלכע יעדער אינדיאנער מאכט זיך אליין).

טראנגאיל-לאנעק האט געוואוסט, אז קורומיללא האט זיך געוויס גוט צוגעקוקט און האט אלעס ריכטיג בעמערקט.

— גוט! האט ער געזאגט. וואס האט מיין ברודער ווייטער געזעהן?

— דער לעווען קאפף האט גערעדט מיט'ן יונגען מעדכען. דריי פועלטשעס זיינען שטילערהייט צוגעקראכען צו זיי. איינער האט ארויפגעוואָרפען א דעק אויפ'ן מעדכען. דער אנדערער האט פערוואונדעט דעם לעווען קאפף מיט א טאָמאהאק. (א סאָרט האק, וועלכע דיא אינדיאנער ווארפען אויף זייערע פיינד). דיא רויבער האבען ארויפגעלעגט דאס מעדכען אויף א פערד און זיינען געפאהרען צו דיא בערג. איינינע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. וויא קלאר און דייטליך קורומיללא

האט דערצעהלט, וויא אזוי מען האט אוועקגערויבט דאס יונגע מעדכען און פער־וואונדעט לואיסן, האט דאך קיינער ניט געוואוסט, ווער עס האט עס געטהאן און צו וועלכען צוועק מען האט עס געטהאן.

— אלזא, וואס דענקט מיין ברודער צו טהאן? האט ענדליך טראננאַיל־לאַנעק נעפרעגט.

— טראננאַיל־לאַנעק איז אַ קלוגער הויפטלינג, ער וועט ווארטען דא, ביז דאן וואלענטין וועט קומען און מען וועט דעם לעווען קאַפּ אוועקפיהרען אין דארף פון דיא בלייבע געזיכטער. איך אבער וועל נאכלויפען דיא רויבער. איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל בעפרייען דאס בלייבע מעדכען מיט דיא בלויע אויגען.

— מיין ברודער האט גוט גערעדט. ער איז קלוג און שטארק. ער וועט זיי געפינען. איך וועל דא בלייבען.

— קורומיללא וועט זיי געפינען, האט דער קאציק גענטפערט.

ער האט זיך באלד אויפגעהויבען, האט אנגעזאַטעלט זיין פערד, האט זיך אויפגעזעצט און איז אוועקגעפלויגען, וויא אַ פייל פון בויגען. טראננאַיל־לאַנעק איז געבליעבען ביים פערוואונדעטען לואיס. דיא מענשען, וואס דאן טאדעאָ האט געשיקט, זיינען צוריקגעפאַהרען קיין וואלדיוויא דערצעהלען דאן טאדעאָ און וואלענטינען, וואס דא האט פּאַסירט אין דער צייט, וואס זיי האבען דארט געמאכט דיא רעוואָלוציאָן.

עס איז געוואָרען שפעט. דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן. אין טאהל, וואו עס איז היינט אין דער פריה געוועזן אזוי פרעהליך, איז יעצט געוואָרען שטילער און שטילער. בוסטאמענטע מיט זיינע סאַלדאטען זיינען שוין לאנג אוועקגעפאַהרען. דיא איינוואוינער פון וואַלדיוויא, וועלבע זיינען געקומען זעהן דיא צערעמאָניע, האבען געזעהן, אז דער גענעראַל איז אוועקגעפאהרען אזוי פלוצלונג און האבען פערשטאַנען, אז דא איז עפּעס ניט גלאַט. זיי זיינען אויך געלאָפען א היים זעהן, וואס דאָרט טהוט זיך.

דער אינדיאַנער פירסט איז ניט לאנג געבליעבען אין טהאל נאך בוסטאמענ־טעס אוועקפאַהרען. עס איז געוואָרען שטיל און רוהיג ארום.

גענגען אבענד האט זיך לואיס געפיהלט פיעל בעסער. ער איז שוין געקומען צו זיין פאלען פערשטאנד. דאס פיעבער האט נאכגעלאָזען און ער האט זיך ווילד ארומ־געקוקט.

— ראזאריא! ארימע, אונגליקליכע ראַזאריא! האט ער געמורמעלט. וואו ביסט דוא? וואס פאר א געהיימער פיינד האט דיך ווידער אוועקגערויבט פון מיר?

— לאז מיין ברודער זיין רוהיג, האט איהם טראננאַיל־לאַנעק געטרייסט. דער קלוגער און געשיקטער קאציק קורומיללאַ איז נאכגעלאָפען דיא רויבער. ער וועט זיי געפינען און וועט בעפרייען דאס מעדכען.

— איז עס וואהר? האט לואיס אויסגערופען. איז קורומיללאַ ווירקליך נאכ־געלאפען דיא רויבער?

— טראננאַיל־לאַנעק איז אַ הויפטלינג. ער האט נור איין צונג (ער זאגט קיין ליעגען נים) קורומיללאַ איז נאכגעלאפען דיא רויבער. מיין ברודער מעג האפען.

לואיס האט געשוויעגען. וואס קען ער טהאן אין זיין לאגע? ער אליין קען זיך קוים ריהרען. וואלענטין איז ניטא. ער געפינט זיך אין א ווילדער געגענד גאנץ אליין מיט אן אינדיאנער. ער איז נאך געוועזען צו „גרין“ אין אמעריקא און האט נאך וועניג געקענט דיעזע מענשען, וועלכע מיר רופען ווילדע. ער האט ניט געוואוסט, אז ווען זיי זיינען פריינד מיט א מענשען, וועלען זיי זיך לאזען צושניידען אויף שטיקער פאר איהם.

איינינע מינוטען האט געהערשט א טיעפע שטילקייט. דיא זון איז אונטער־געגאנגען. עס איז געוואָרען נאכט. פלוצלונג האט מען געהערט דעם שארפען גאלאָפּ פון א פערד. א רייטער איז צוגעלאפען צו דער הייל, וואו דער פערוואונדעטער לואיס איז געלעגען.

דאס איז געוועזען וואלענטין. קוים איז ער געוואהר געוואָרען, וואס דא האט פאסירט, האט ער איבערגעלאזען דאן טאדעאָ, דיא דונקעלע הערצער און זייער רעוואָלוציאָן און איז געלאפען צו הילף זיין מילך־ברודער. ער איז ארויפגעלאָפען אויפ'ן בערגעל, וויא א שטורמווינד, און האט געשריען פון דער וויטען.

— הויפטלינג! וואס מאכט מיין ברודער?

— עס איז איהם בעסער.

— און דאניא ראָזאריא?

— איז פערשוואונדען.

וואלענטין איז אראפגעשפרונגען פון זיין פערד און איז געלאפען זעהן, וואָס זיין ברודער מאכט.

— מיין ברודער האט מוטה, האט טראנגאָיל־לאנעק געזאגט רוהיג. מען מוז אלעס איבערטראגען.

וואלענטין האט איהם ניט גוט פערשטאנען. ער האט געמיינט, אז דער אינ־דיאנער וויל איהם ניט אויסזאָגען דיא וואהרהייט. לואיס איז ערגער אדער ער איז שוין גאר טוידט.

— פאר וואָס זאָל מיך מיין ברודער אפּנארען? האט ער אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע. ווען לואיס איז טוידט, זאגט עס מיר! איך מוז עס וויסען!

— דער לעוועץ קאפּ איז ניט טוידט, האט דער אינדיאנער געענטפערט. ער האט פערלארען פיעל בלוט און איז זעהר שוואך.

— קען איך איהם זעהן?

— ער שלאפט יעצט.

— איך וויל איהם ניט וועקען.

— דאן קענט איהר איהם זעהן.

ער איז אריינגעגאנגען אין הייל און האט געזעהן, וויא לואיס ליעגט רוהיג.

— שלאף, ברודער! האט ער געזאגט. איך וועל דיך מעהר ניט לאזען אליין. איך וועל וואכען לעבען דיר.

— וואלענטין! — רעטע זיא! האט דער פערוואונדעטער געזאגט מיט א שוואכער שטימע.

וואלענטין האט א ציטער געטהאן. ער האט געפיהלט, אז ער איז שולדיג אין דעם אונגליק, וואס האט געטראפען זיין ברודער און דאניא ראזאריא. פאר וואס האט ער זיי געלאזען אליין? פאר וואס איז ער געפאהרען אין שטאדט אריין זיך מישען אין זאכען, וואס געהערן זיך מיט איהם ניט אן?

ער האט זיך געזעצט אויף דער ערד לעבען זיין ברודער, האט איהם געקושט און האט געוויינט. ווען ער האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט ער זיך געווענדעט צו טראנגאיל-לאנעק און האט איהם געזאגט:

— קען מיין ברודער מיר דערצעהלען, וואס דא איז געשעהען? וויס מיין ברר דער, אויב עס איז דא א מעגליכקייט איך זאל מיך נוקם זיין אן דעם פרעכען רויבער און מערדער, וועלכער האט פערוואונדעט מיין ברודער און האט אוועקגערויבט דאס מעדכען?

טראנגאיל-לאנעק האט איהם דערצעהלט אלעס, וואס ער האט געוואוסט.

39טעם קאפּיטעל.

דער אינדיאנער פירסט.

מיר מוזען זיך אומקעהרען מיט איינינע שטונדען צוריק צום טאהל, וואו מען האט געשלאסען דער בונד און מען האט בעגראבען דיא קריעגס-האק.

מיר האבען געהערט, וואס גענעראל בוסטאמענטע האט גערעדט מיטן אינ-דיאנער פירסט. מיר האבען געהערט, וויא אנטינאהועל האט געזאגט צום גענעראל: לאז מיין ברודער פאהרען פאראויס, איך וועל נאכקומען אין זיינע שפורען. — האט ער עס אבער געטהאן? — ניין.

קוים איז בוסטאמענטע מיט זיינע סאלדאטען אוועקגעפאהרען, זיינען אלע שפאניער איהם נאכגעפאהרען. דער טאהל פון דער זייט טייך, וועלכער האט געהערט צו דיא שפאניער, איז געבליעבען לעדיג. אנטינאהועל האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז מיט זיינע קריעגער אריבערגעפאהרען דאס טייכעל. דאן איז ער אראפּ פון זיין פערד, האט אריינגעשטעקט זיין שפּיז אין דער ערד און האט געזאגט צו איינעם פון דיא הויפּטלינגע:

— געה און רוף צונויף אלע קאציקען און אלע הויפּטלינגע. אין א שטונדע ארום זאלען זיי אלע דא זיין. איך וויל האלטען א גרויסען קריעגס ראטה. הייס אנצינדען דאס בעראטהונגס פייער!

ביי דיא אינדיאנער איז א מאדע, אז ווען זיי בעראטהען זיך איבער א וויכטיגע זאך, צולעגט מען א גרויס פייער; אלע קאציקען און הויפּטלינגע זעצען זיך ארום פייער. מען דערלאנגט א לאנגע ליולקע (פייפ) יעדער ציהט זיך אריין דעם דויך און גיט איבער דיא פייפ דעם אנדערן. ווען אלע האבען גערויכערט פון דער ליולקע, הייבט זיך אן דיא בעראטהונג.

קוים האט אנטינאהועל ארויסגעזאגט, אז אלע זאלען זיך פערזאמלען אויף א

בעראטהונג, איז איינער פון דיא הויפטלינגע אוועקגעלאפען אויף זיין ווילדעס פערד, וויא א פייל פון׳ם בויגען, אלעמען צוגיפרופען.

דערוויל זיינען זיך אלע קריעגער צוגאנגען. עס זיינען נור געבליעבען איינינע, וועלכע האבען געבראכט האלץ פארן גרויסען פייער.

אנטינאהועל האט זיך אומגעקוקט. לעבען איהם איז געבליעבען נור איין קריעגער. דאס איז געווען א שטארק געבויטער מאן פון א יאהר עטליכע און דרייסיג מיט א ווילדעס אויסזעהן. ווען מען בעגעגענט אזא מענשען אליין אויף דער פרעריע, איז דא פאר וואס זיך צו דערשרעקען. אנטינאהועל האט א שמייכעל געטהאן, ווען ער האט איהם דערזעהן. דער קריעגער האט פערשטאנען דעם שמייכעל פון׳ם אינדיאנער פירסט.

— ווען דיא וועלף בייסען זיך און צורייסען איינער דעם אנדערן אויף שטיקער, קומען דיא אדלער פון דיא בערג און פרעסען אויף זייערע טוידטע קערפער, האט דער קריעגער געזאגט.

ער האט דערמיט געמיינט, אז דיא שפאניער שלאגען זיך צווישען זיך, וועלען דיא אינדיאנער קענען אנפאלען אויף זיי און זיי פערניכטען.

ער האט גוט געזעהן, וויא דיעגא, בוסטאמענטע׳ס רעכטע האנד, איז געקומען צולויפען אין לאגער פערסאפעט און פערבלוטיגט. ער האט גוט פערשטאנען, אז אין וואלדיוויא טהוט זיך עפעס און האט געוואלט וויזען דעם טאקי, אז ער פערשטעהט, צו וואס ער האט געהייסען צוגיפרופען אלע קאציקען און הויפטלינגע.

וויא עס וויזט אויס, האט עס פערדראסען דעם טאקי, וואס אנאנדער פערשטעהט איהם אזוי גוט.

— דיא שווארצע שלאנגען (זיין פאלק) זיינען ווירקליך אדלער׳ס, האט ער געזאגט. דאס פאלק אבער פון׳ם גרויסען האז זיינען ווייבער, וועלכע זיצען אין דער היים און נעבען קליידער.

דער קריעגער, וואס איז געשטאנען לעבען איהם, האט געהערט צום זעלבען פאלק, צו וועלכען קורומיללא און טראנגאיל-לאנעק האבען געהערט.

— מיין פאטער איז זעהר שטרענג געגען זיינע קינדער, האט דער קריעגער געענטפערט.

— דער שווארצער הירש (אזוי האט געהייסען דער קריעגער, וואס האט גערעדט מיט איהם) דער שווארצער הירש איז א מוטהיגער הויפטלינג, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט מילדער, אבער דיא אנדערע פון זיין פאלק זיינען שוואך, וויא דיא ווייבער. וואו זיינען דיא קאציקען און דיא הויפטלינגע פון דעם גרויסען האז? פאר וואס ברענט נים אין זייערע אויגען דאס פייער פון האס און פעראכטונג צו דיא בלייבע געזיכטער, וועלכע זיינען געקומען ערגעץ פון גאנץ וויים צו צונעהמען אונזער לאנד? פאר וואס זיינען זיי גוטע פריינד מיט דיא בלייבע געזיכטער?

— מיין פאטער וויים, פאר וואס דאס איז, האט דער שווארצער הירש געענטפערט. מיר ווארינען זעהר נאהענט לעבען דיא בלייבע געזיכטער. מיר מוזען אפט קומען צו זיי און זיי קומען זעהר אפט צו אונז. מיר האבען געמוזט אוועקלעגען דיא

קריענם האַק אַן אַ זיים און זיך נעהמען צום אַקער. בעאַרבייטען דיא ערד.

— קענען זיי דען לעבען פון בעאַרבייטען דיא ערד? האַט אַנטינאַהועל נעפרענט מיט צאָרן. האַבען זיי דען גענוג ערד צו בעאַרבייטען? האַבען דען דיא ווייסע נע-זיכטער ניט צוגענומען ביי אונז אַלעס?

— וואַס קען איך ענטפערן מיין פאַטער? האַט דער שוואַרצער הירש געזאַגט מיט אַ ביטערן געלעכטער, ווען מיין פאַטער האַט נור וואַס געשלאָסען אַ נייעם בונד מיט דיא בלייכע געזיכטער און האַט בעגראַבען דיא קריענס האַק אונטער דעם צייכען פון זייער נאָמ?

— דאַס איז וואַהר, האַט דער אינדיאַנער פירסט געענטפערט גלייכגילטיג. איך האַב געוואָלט, אַז אונזערע פעלקער זאָלען לעבען אין פריעדען.

— מיין פאַטער איז אַ קלוגער פירסט, האַט דער שוואַרצער הירש געזאַגט טרויעריג. ער ווייס געוויס, וואַס ער טהוט. ווען ער פערשטעהט, אַז מיר דאַרפען לעבען אין פריעדען, דאַרפען מיר געוויס לעבען אין פריעדען.

אין זיינע ווערטער האַט געקלונגען אַזא ביטערער שפּאָט, אַז אַנטינאַהועל האַט אויף איהם געוואָרפען אַ ווילדען פאַרשענדען בליק. ער האַט געוואָלט עפּעס ענטפערן, ווען עס איז אַנגעלאַפען אַ ווילדער רייטער. זיין פערד איז געווען בעדעקט מיט שוים, זיינע זייטען האַבען זיך שטאַרק געהויבען. ער איז קוים איינגעשטאַנען. דער רייטער אַליין איז געווען בעדעקט מיט שטויב פון קאָפּ ביז אין דיא פיס.

אַנטינאַהועל האַט אויף איהם אַ קוק געטהאַן און האַט געזאַגט ערנסט:

— מיין זוהן, דער שטורם פון דיא בערג, האַט געמאַכט אַ שנעלע רייזע.

— איך האַב געטהאַן, וויא מיין פאַטער האַט מיר געהייסען, האַט דער רייטער געענטפערט.

ביי דיעזע ווערטער האַט דער שוואַרצער הירש געוואָלט אַוועקגעהן. ער האַט געמיינט, אַז אַנטינאַהועל דאַרף עפּעס רעדען מיטן רייטער, וואַס קיינער דאַרף ניט הערן.

— דער שוואַרצער הירש מעג בלייבען, האַט אַנטינאַהועל געזאַגט. איז ער דען ניט מיין פריינד?

— ווען דער טאַקי בעפעהלט, וועל איך בלייבען, האַט דער שוואַרצער הירש געענטפערט.

— איך האַב פאַר איהם קיין געהיימניסע. לאָז ער בלייבען. מיין זוהן, דער שטורם פון דיא בערג, מעג רעדען.

— דיא בלייכע געזיכטער שלאָגען זיך, האַט דער רייטער געזאַגט. זיי האַבען אויסגעגראַבען דיא האַק פון׳ם קריעג און האַלטען זיי געגען זייער איינענע קעפּ.

— מיין זוהן האַט אַ טעות, האַט דער אינדיאַנער פירסט בעמערקט. דיא בלייכע געזיכטער זיינען פייגלינגע (טרוסען) זיי האַבען ניט קיין מוטה צו טויטען איינער דעם אַנדערן.

ביי דיעזע ווערטער האַט ער געוואָרפען אַ זאַנדערבאַרען בליק אויפ׳ן שוואַרצען הירש

— איך האב קיין טעות, האט דער רייטער געענטפערט. מיינע אויגען האבען גוט געזעהן. אין דעם גרויסען דאָרף, וועלכע זיי רופען וואלדיוויא, ליעגען אין דיא נאַסען טויטע און פערוואונדעטע. עס דונערט אין דיא נאַסען (מען שיעסט).

— גוט! האט אנטינאהועל געענטפערט. מיין זוהן האט גוט געזעהן. ער איז א בראַווער קריעגער. איז ער געבליעבען שטעהן און קוקען, וויא דיא בלייבע געזיכטער טויטען איינער דעם אנדערן? האט ער געהאט פערגניגען, ווען ער האט געזעהן, וויא זיי פאַלען?

— איך האב גוטע אויגען, האט דער שטורם פון דיא בערג דערצעהלט. איך האב מיך גוט צוגעקוקט און האב אלעס געזעהן. איך וויים אלעס. מיין פאטער מעג פרעגען, איך וועל איהם ענטפערן.

— דער גרויסער הויפטלינג פון דיא בלייבע געזיכטער איז אוועקגעפאהרען פון דאַנען מיט זיינע קריעגער צו הילף, האט דער אינדיאַנער פירסט געזאגט. ער איז א גרויסער קריעגער. אלע האבען געווים איינגעבויגען פאר איהם דעם קאָפּ.

דער שטורם פון דיא בערג האט א שמייכעל געטהאן און האט גאר ניט גע-ענטפערט.

— האט מיין זוהן איהם געזעהן? האט אנטינאהועל געפרעגט.

— דער מאַן, וועלכען מיין פאטער רופט דעם גרויסען קריעגער פון דיא בלייבע געזיכטער, איז יעצט א געפאַנגענער, האט דער שטורם פון דיא בערג געענטפערט. זיינע קריעגער האבען איהם אוועקגעוואָרפען און זיינען צושפרייט, וויא ווייץ, וועלכע דער ווינד צושפרייט אין אלע זייטען.

— וואס זאגט מיין זוהן? האט אנטינאהועל געפרעגט פערוואונדערט. דאס קען ניט זיין! איך קען דעם גרויסען קריעגער פון דיא בלייבע געזיכטער. ער האט א שטאַרקע האנד. ער פאלט אן אויף זיינע פיינד מיט דונער און בליץ. קיינער קען זיך נעגען איהם ניט שטעלען.

— און דיעזע שטאַרקע האנד האט איהם דאך ניט געקענט רעטען. ער איז געפאַנגען. זיינע דונערן און זיינע בליצען האבען איהם ניט געהאָלפען.

— וואו זיינען אהינגעקומען זיינע קריעגער? האט אנטינאהועל געפרעגט נייגיעריג. וואו זיינען זיינע קאַציקען און זיינע הויפטלינגע?

ער האט זיך געווים זעהר געפרעהט, וואס גענעראל בוסטאַמענטע איז געפאַנגען. ער האט עס אבער ניט אין גאַנצען געגלויבט. ער האט געקענט דעם גענעראַל, אז ער איז א טיכטיגער סאָלדאט און וועט זיך אזוי גיך ניט אונטערגעבען.

— איך האב שוין געזאגט מיין פאטער, אז אלע זיינע קריעגער און זיינע הויפטלינגע האבען זיך אונטערגעגעבען.

— פערפאָלגען זיי דיא זיענער? האט אנטינאהועל געפרעגט. טויטען זיי יעדען, וועמען זיי טרעפען?

— דיא בלייבע געזיכטער זיינען ווייבער. קוים האט מען געפאַנגען גענומען זייער קאַציק, זיינען זיי געפאַלען אויף דיא קניע, האבען געוויינט און געבעטען, מען זאָל זיי שענקען דאס לעבען.

— ברידער דארפען האבען מיטלייד איינער מיט'ן אנדערן, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט. ווען זיי בעטען, אז מען זאל זיי שענקען דאס לעבען, דארף מען דאס טהאן.

עס איז שווער געווען צו זאגען, אויב ער האט עס געמיינט ערנסט, אדער ער האט געלאכט פון דיא ווייסע מענשען. דער שטורם פון דיא בערג האט זיך פערנייגט אלס צייכען, אז וואס דער טאקי זאגט איז געווים ריכטיג.

— וואס טהוען זיי יעצט אין וואלדיוויא? האט אנטינאהועל געפרעגט.

— זיי האבען זיך פערזאמעלט אין גרויסען הויז (דער פאלאץ פון'ם גובער-נאטאר) אום זיך צו בעראטהען.

— גוט, מיין זוהן! איך בין מיט דיר צופריעדען. דוא האסט אלעס גוט געזעהן. דוא מעגסט געהן זיך אפרוהען פון דיין לאנגער און שנעלער רייזע.

— דער שטורם פון דיא בערג איז ניט מיעד, האט דער רייטער געענטפערט. ווען מיין פאטער האט נאך א בעפעהל פאר איהם, מעג ער איהם געבען. ער וועט איהם אויספיהרען פינקטליך.

דער אינדיאנער פירסט האט געמאכט א צייכען, אז יעצט דארף ער איהם נים. דער רייטער האט זיך פערנייגט, האט אויסגעדרעהט זיין פערד און איז אוועק-געלאפען צו א געצעלט.

ווען דער טאקי איז געבליעבען אליין מיט'ן שווארצען הירש, האט ער זיך צו איהם געווענדעט און האט איהם געפרעגט.

— וואס דענקט מיין ברודער פון דעם, וואס דער מאן האט אונז דערצעהלט?

— מיין פאטער איז א קלוגער און פארזיכטיגער פירסט, האט דער שווארצער הירש געענטפערט. איך פערשטעה יעצט, אז דער טאקי אנטינאהועל איז דער בעסטער פירסט פון אונזערע פעלקער. ער דענקט אן זיינע קינדער.

— איך האב א גייסט, וועלכער פיהרט מיך און בעלייכט פאר מיר דעם וועג, האט אנטינאהועל געענטפערט שטאלץ. איך וועל פיהרען מיינע פעלקער אויפ'ן גלייכען וועג.

דער שווארצער הירש האט זיך פערנייגט. ער האט געוואלט עפעס זאגען, אין דיעזע מינוט אבער האט מען געהערט פייפען און ליארמען פון אלע זייטען. דיא קאציקען און הויפטלינגע האבען זיך פערזאמעלט. דאס בעראטהונגס פייער האט שוין געברענט, אלע זיינען געווען נייגיעריג צו וויסען, צו וואס דער טאקי האט זיי צונויפגערופען.

— וואס וויל דער פאטער יעצט טהאן? האט דער שווארצער הירש געפרעגט.

— דער מענש איז שוואך, האט אנטינאהועל געענטפערט. דער גרויסער גייסט (גאט) וועט מיר אריינלעגען אין מויל דיא ווערטער, וואס איך זאל רעדען פאר מיינע פעלקער.

— מיין פאטער האט געהייסען צונויפרופען דיא גרויסע בעראטהונג פון אלע אונזערע קאציקען. ווייסען זיי, צו וואס מען האט זיי בערופען? האט מיין פאטער געוואוסט אז אין גרויסען דארף פון דיא בלייכע געזיכטער וועט פארקומען א קריעג?

— אנטינאהועל ווייס אלעס. האט דער טאַקי נעענטפערט שטאָלץ.
— אויב אזוי, ווייס איך וואס מיין פאטער וויל זאגען דער פערזאמלונג.
— מעגליך, אז מיין ברודער ווייס דערפון.
— איך וויל נאך א מאל ווידערהאָלען דיא ווערטער, וועלכע איך האב שוין איין מאל געזאגט.
— דער שווארצער הירש מעג רעדען. מיינע אויערן זיינען אָפען.
— ווען דיא וועלף בייסען זיך און צורייסען איינער דעם אנדערן, קומען דיא אדלערס פון דיא בערג און פרעסען אויף זייערע טויטע קערפער.
— גוט! האט דער אינדיאנער פירסט געענטפערט. מיין ברודער איז א קלוגער הויפטלינג.
ביידע הויפטלינגע האבען זיך אנגעקוקט א פאר סעקונדען. זיי האבען זיך פערשטאַנען. זיי האבען ניט פיעל גערעדט און דאך זיינען זיי געווען פאָלקאָמען איינשטימיג. א בליק זאָגט א מאָל פיעל מעהר, וויא א לאַנגע רעדע. ביידע מענשען האבען פיינט געהאט דיא ווייסע און האבען געזוכט אלע מעגליכע מיטעל זיי צו פערניכטען.

40טעם קאפיטעל.

דער קריעגסראַטה.

מיר רופען דיא אינדיאנער ווילדע מענשען. ווער עס האט אבער געלעבט צווישען זיי, דער ווייס, אז זיי זיינען גאר ניט ווילד. זיי זיינען פאָרטרעפליכע רעדנער. זיי לערנען זיך רעדען פון קינד ווייס אן און האלטען זעהר שעהנע און קלוגע רעדען אויף זייערע פערזאמלונגען.

אנטינאהועל איז געווען א קלוגער און געשיקטער מענש. ער האט אומיסטען געשלאָסען א בונד מיט גענעראל בוסטאמענטע. ער האט געוואוסט, אז אין לאנד איז אונרוהיג און פריהער אדער שפעטער וועט אויסברעכען א רעוואָלוציאָן. ער האט געוואָלט בענוצען דיעזע צייט. ער האט צוגעזאגט דעם גענעראל בוסטאמענטע, אז ער וועט איהם געהן צו הילף און האט צוגעזאגט דאן טאדעא, אז ער וועט איהם אויך העלפען.

ווען אנטינאהועל מיטן שווארצען הירש זיינען צוגעקומען צום בעראטהונגס פייער, זיינען שוין אלע קאַציקען און הויפטלינגע געווען פערזאמעלט. אלע זיינען געזעסען ארום פייער און האבען גערעדט צווישען זיך. אלע זיינען געבליעבען שטיל, ווען דער טאָקי איז אנגעקומען. ער האט זיך געזעצט אויף זיין פלאַץ און האט געשוויגען.

ביי דיא אינדיאנער איז א מאָדע, אז אויף דער פערזאמלונג זאגט צוערשט דער איינגערער זיינע מיינונג, דאן דער עלטערער, גאר דער עלטסטער, דער טאָקי זאָגט זיינע מיינונג צולעצט.

אייניגע מינוטען האבען אלע געשוויגען. ענדליך האט זיך אויפגעהויבען אן אלטער מאן מיט גרויע האר. אין דער יוגענד איז ער געווען א טאפפערער קריעגער. פיעלע ווינטערן האבען אויסגעלעגט טיעפע קנייטשען אויף זיין רויטען

געזיכט און האבען אויסגעבלייכט זיינע האר. ער איז געווען אן איינפאַכער הויפּטלינג, אבער אלע האבען איהם געעהרט אלס אלטען און קלוגען מאַן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט און האט אויפגעהויבען דיא האַנד אלס צייכען, אז ער וויל רעדען. אלע האבען זיך לייכט פערנייגט.

— טאָקי, קאַציקען און הויפּטלינגע פון דעם בעריהמטען, מוטהיגען און טאַפּפערן פּועלטשעס פאָלק! האט דער אלטער מאַן אנגעהויבען זיין רעדע. — מיין הערץ איז טרויעריג. א וואָלקען פערדעקט מיין גייסט און מיינע אויגען פילען זיך אן מיט טרעהרין. — פאַר וואס איז עס אזוי? פאַר וואס פרעהט מיך ניט דיא שטימע פון דער נאַכטיגאַל אין אונזערע וועלדער? פאַר וואס ווארמט מיך ניט דיא שעהנע זון, וועלכע שיינט און לייכט אזוי העל אין בלויען הימעל? — איהר שווייגט, מיינע ברידער? שאַנדע בעדעקט אייערע אויגען, וועלכע איהר האלט אראָפּגעלאָזען צו דער ערד. איהר זייט ניט קיין קריעגער. איהר זייט שוואַכע ווייבער! — איהר האט איינגעבויגען אייער קאָפּ פאַר דיא פרעמדע מיט דיא בלייכע געזיכטער. — דיא פאַלשע מענשען מיט א געשפּאָלטענער צונג, מיט צוויי געזיכטער. זיי לאַכען פון אייך! זיי פערשפּאָטען אייך! זיי ווייסען, אז אייער בלוט איז ניט גענוג רויט אום זיך מיט זיי צו שטעלען! — וועה איז מיר, ווען איך דאַרף עס זעהן יעצט, ווען דיא לאַנגע זונען (לאַנגע יאהרען) האבען בעדעקט מיין קאָפּ מיט א זילבערנער דעק (זיינע גרויע האר).

אַלע אנוועזענדע האבען געצימערט, ווען דער אלטער מאַן האט געענדיגט זיין רעדע. אלע האבען אתנגערן א קוק געטהאן אויפֿן טאָקי. יעדער האט געוואלט לעזען אין זיין געזיכט, וואס פיר אן איינדרוק דיעזע רעדע האט אויף איהם געמאַכט. אַנטינאַהועל אבער איז געבליעבען זיצען און האט קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האט קיין מינע ניט געמאַכט און קיין מוסקעל פון זיין געזיכט האט זיך ניט געריהרט.

יעצט האט זיך אויפגעהויבען דער שוואַרצער הירש. ער איז צוגעקומען צום אלטען מאַן און האט איהם געפרעגט:

— וואס זעהט אַלזא מיין פאַטער?

— איך זעה דיא קריעגער פון דיא בלייכע געזיכטער, וויא זיי האבען אויפגעהויבען דיא האַק פון קריעג און קעמפּפען איינער מיטן אנדערן.

— וואס נאך זעהט מיין פאַטער? האט דער שוואַרצער הירש ווייטער געפרעגט.

— איך זעה טייכען פון בלוט, וועלכע פאַרבען דיא ערד. דאס פרעהט מיך. דער גערוך פון בלוט מאַכט מיך יונג. איך דערמאַן מיך אן יענע צייטען, ווען מיר האבען זיך געשטעלט געגען דיא בלייכע געזיכטער און האבען געלאָזען זייערע טויטע קערפּער זיך וואַלגערן אויף אונזערע פּרעריעס.

דער אלטער מאַן האט פערשטעלט זיין געזיכט מיט דער האַנד, גלייך וויא ער וויל זיך דערמאַנען, וויא אזוי ער האט א מאָל געקעמפּפט מיט דיא בלייכע געזיכטער.

— וואס זאָגט איהר, קאַציקען און הויפּטלינגע? האט דער שוואַרצער הירש געפּרעגט.

— ברידער! דיא שטונדע איז געקומען! נעהמט אייך צו דער קריעגס האק! האט געזאגט איינער.

— דיא שטונדע איז געקומען! מיר מוזען ארויסנעהמען דיא קריעגס האק! האבען וויעדערהאָלט אלע.

ווען אלע האבען ערקלערט מיט איין שטימע, אז זיי ווילען פיהרען קריעג מיט דיא ווייסע מענשען, האט זיך אנטינאהועל אויפגעהויבען און האט געזאגט:

— קאַציקען און הויפטלינגע פון'ם גרויסען און שטארקען פאָלק, פועלטשעס! וואס בעפעהלט איהר מיר צו טהאן?

דער אלטער מאן, וועלכער האט צום ערשטען גערעדט, האט גענומען א שטיינערנע האק, וועלבע האט געשטעקט ביי איהם אין גארטעל, און האט זיא אריינגעוואָרפען אין פייער.

— אונזער פאָלק האט נור איין האק יעצט — דיא קריעגס האק, האט ער געזאגט מיט אן ערנסטער און פייערליכער שטימע. — דיעזע האק איז יעצט אין דיינע הענד. הויב זיא אין דער הויך און פארב זיא מיטן בלוט פון דיא פאלשע און ניעדערטרעכטיגע — בלייבע געזיבטער! פיהר דיינע פעלקער אין קריעג! פיהר אונז צום זיעג איבער אונזערע אייביגע פיינד! מיר וועלען דיר נאכגעהן, מיר וועלען דיר פאָלגען.— מיר גיבען דיר דיא העכסטע מאכט איבער אונז.

אנטינאהועל האט אויפגעהויבען שטאָלץ דעם קאָפּ. ער האט זיך געהייסען דערלאַנגען זיין האק, האט זיא אויפגעהויבען אין דער הויך און האט געזאגט ערנסט:

— פועלטשעס! איך נעהם אן דיא עהרע, וואס איהר האט מיר געגעבען. איך וועל אייך פיהרען אין קריעג. איך וועל ניט בעגראבען דיעזע האק (איך וועל ניט שליעסען קיין פריעדען) ביז דיא פאלשע און ניעדערטרעכטיגע בלייבע געזיבטער וועלען ליעגען פאר מיינע פיס און בעטען, איך זאל זיי שענקען דאס לעבען — ווען ניט, זאלען דיא אדלערס פון דיא בערג צורייסען מיין טויטען קערפער! — טויט דיא בלייבע געזיבטער! ראָבע פאר דיא רויבערייען און מערדערייען, וואס זיי האבען בעגאנגען אן אונזערע עלטערן און געגען אונז!

אין לאגער איז געווען שטיל, אז מען האט געקענט הערן, וויא עס קלאפּען דיא הערצער פון דיעזע שטאָלצע און ווילדע קריעגער. אלע האבען איינגעבויגען זייערע קעפּ אלס צייכען, אז זיי שטימען איין מיט זייער טאָקי.

— מיין ברודער איז א גרויסער פירסט, ער קען אלעס טהאן, האט פּלוצלונג דער שווארצער הירש בעמערקט.

— וואס מיינט מיין ברודער? האט אנטינאהועל געפרעגט.

— איך בין דער איינציגער הויפטלינג פון'ם פאָלק, וועלכעס הייסט דער גרויסער האָז, האט דער שווארצער הירש געזאגט. דער קריעג איז ערקלערט. דיא קאַציקען און הויפטלינגע פון מיין פאָלק ווייסען דערפון נים. מען מוז זיי שיקען זאגען. עס פעהלען נאך קאַציקען פון אנדערע פעלקער.

— מיין ברודער איז קלוג און פאָרזיכטיג, האט אנטינאהועל געענטפערט. איך וויל דיר איבערגעבען דיא מאַכט, דוא זאָלסט מעלדען אלע פעלקער פו דיא בערג

און פון דער פּרעריע. אז דער קריעג איז ערקלערט. ווען דיא זון וועט צוויי מאל בעלייכטען דיא בערג (אין צוויי טעג ארום) זאלען אלע אינדיאנער פעלקער זיך געפינען אין לאנד פון דיא בלייכע געזיכטער.

מיט ריעזע ווערטער האט ער א ווינק געטהאן צו איינעם פון דיא קריעגער, ער זאל איהם דערלאנגען א בינטעל פיילען. דער קריעגער האט איהם דערלאנגט. אנטינאהועל האט איינגעטהיילט דיא פיילען אין אכט קליינע בינטלעך, צו דריי פיילען אין א בינטעל.

— אָט האָסט דוא אכט בינטלעך פיילען, זעץ דיך אויף אויפ'ן בעסטען פערד, פליה שנעל, וויא דער ווינד אויף דער פּרעריע, זאג אלע קינדער פון דער פּרעריע, אז דער קריעג האט אויסגעבראָכען, אז זיי זאלען זיך פערזאמלען ארום דיא גרענצען פון דיא בלייכע געזיכטער. דוא זאָלסט פאהרען צו אכט פעלקער און יעדען איבער־געבען א בינטעל פיילען.

ער האט זיך דאן געווענדעט צו אלע הויפּטלינגע און האט זיי געזאגט:

— אונזערע פיינד דארפען ניט וויסען, אז מיר האבען זיי ערקלערט דעם קריעג, ביז אלע אונזערע קריעגער וועלען זיך פערזאמלען. מיר וועלען אויף זיי אנפאלען, וויא דער טיגער פאלט אן אויף זיין רויב; מיר וועלען אנפאלען אויף זיי פּלוצלונג, וויא דער שטורמווינד. אונזערע פיילען וועלען רויט ווערן פון זייער בלוט, אונזערע פערד וועלען צוטרעטען זייערע לייבען.

אלע האבען זיך פערניינט און האבען אויפגעהויבען זייערע העק אין דער הויך. זייערע אויגען האבען געפונקעלט, אויף זייערע רויטע געזיכטער האט מען געקענט לעזען מוטה און ענטשלאסענהייט. זיי זיינען געוועזען בעגייסטערט און בערייט צו טויד־טען זייערע פיינד אדער אליין צו שטארבען.

דער שווארצער הירש האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד מיט דיא בינטלעך פיילען אין דער האנד.

— וואו וועל איך טרעפען מיין פאָטער? האט ער געפרעגט.

— אין מיין געצעלט אין מיין דאָרף.

דער שווארצער הירש האט זיך פערניינט און איז אוועקגעפלויגען, וויא א פייל פון'ם בויגען.

אין דיעזע מינוט איז אנגעלאפען א קריעגער אויף א ווילד פערד און איז גע־בליעבען שטעהן פון דער וויטען. ווען דיא קאציקען און דיא הויפּטלינגע רעדען, טאָר זיך קיין איינפאכער קריעגער ניט אריינמישען. דער אינדיאנער פירסט האט איהם אבער בעמערקט און איז געוואָרען עטוואָס אונרוהיג.

— יעצט קאציקען און הויפּטלינגע! האט ער געזאגט צו דיא פערזאמעלטע, יעצט זאל יעדער געהן א היים און פערזאמלען אלע זיינע קריעגער. נור דיא פרויען און דיא קינדער זאלען בלייבען אין דער היים. מארגען וועט איהר ערהאלטען פון מיר בעפעהלע, וואס איהר זאלט טהאן.

אלע האבען זיך פערניינט און זיינען זיך צונאנגען. עס איז נור געבליעבען דער

רייטער, וואָס איז ניט לאנג אנגעקומען. אנטינאהועל האט זיך אומגעקוקט. — קיינער איז ניט געווען.

— איז זיא אין א זיכער אָרט ? האט ער געפרעגט דעם רייטער.

— איך האב זיא אוועקגעפיהרט אין דיא בערג. דארט האב איך זיא איבער־געגעבען דעם הויפטלינג פון דיא מאטאָזאָנס, ער זאל זיא פיהרען אין זיין דאָרף.

— ווייסט דוא דעם וועג אהין ?

— איך ווייס.

— גוט ! — מיין פערד, שנעל !

צוויי פון זיינע קריעגער האבען איהם צוגעפיהרט זיין פערד. ער האט זיך אויפגעזעצט, האט א ווינק געטהאן צו אייניגע פון זיינע מענשען, זיי זאלען איהם נאכפאהרען, דאן האט ער געגעבען זיין פערד דיא שפארען און האט געזאגט :

— פאָרווערטס !

אלע זיינען אוועקגעפאהרען. דער פלאץ איז געבליעבען לעדיג. קיין איינציגער מענש איז מעהר ניט געבליעבען אין דיעזער געגענד, וואו עס האבען היינט פאסירט אזעלכע וויכטיגע בעגעבענהייטען.

אנטינאהועל מיט זיינע מענשען זיינען געפאהרען א לאנגע צייט. עס איז געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט, ווען זיי זיינען אנגעקומען אין א דאָרף.

— דא איז עס, האט דער פיהרער געזאגט.

— ענדליך ! האט אנטינאהועל אויסגערופען. ווייסט דוא, אין וואָס פאר א הויז זיא געפינט זיך ?

— איך קען דאס הויז פון׳ם הויפטלינג.

ער האט זיי צוגעפיהרט צו א הויז און האט געזאגט.

— דאס איז דאס הויז, וואוהין דער הויפטלינג האט געדארפט ברענגען דאס מעדכען מיט׳ן בלייבען געזיכט.

אנטינאהועל איז אראפגעשפרונגען פון זיין פערד, וויא א טיגער שפרינגט אראפ פון א בערגעל אויף זיין רויב. ער האט געעפענט דיא טהיר און דערזעהן דאניא מאריא.

41טעס קאפיטעל.

צוויי פיינדשאפטען.

דאניא מאריא האט ארויסגעלאזען א געשריי פון שרעק און איבערראשונג, ווען זיא האט דערזעהן דעם אינדיאנער פירסט אזוי פלוצלונג אריינלויפען אין צימער. זיא איז אויפגעשפרונגען פון איהר שטוהל און איז געבליעבען שטעהן, וויא פער־שטיינערט.

אנטינאהועל האט געמאכט א פאָר שריט צוריק, ווען ער האט זיא דערזעהן. ער איז אויך געווען שרעקליך איבערראשט זיא דא צו טרעפען. ער האט זיא דאָ ניט ערוואַרטעט. ער איז געווען זיכער, אז זיא איז יעצט אין וואלדיוויא לעבען איהר גע־ליעבטען, דעם גענעראל בוסטאמענטע.

מעהר פון זיי ביידען איז געווען איבערראַשט און דערשראָקען דיא אונגליקליכע

דאניא ראזאריא. זיא האט געהערט, אז עס קומען אן מענשען און האט זיך דער-פרעהט, זיא האט געהאפט אז מען איז געקומען זיא רעטען. פלוצלונג זעהט זיא, וויא א ווילדער אינדיאנער איז אריינגעקומען אין צימער.

— אך גאט! האט געזיפצט דאס ארימע קינד, יעצט בין איך פערלארען!

דיא ערשטע איז געקומען צו זיך דאניא מאריא. זיא איז צוגעגאנגען צום אינדיאנער פירסט און האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— מיין ברודער איז ווילקאמען! וואס פאר א גליקליכען צופאל האב איך צו פערדאנקען דאס פערגניגען איהם דא צו זעהן?

— דער צופאל איז פאר מיר ווירקליך א גליקליכער, האט ער געענטפערט מיט שפאט.

ער האט גוט געקענט דאניא מאריא פון קינדהייט אן און האט געוואוסט, אז זיא קען זיך פערשטעלען.

— וויל מיין ברודער מיר ערקלערן, וויא ער קומט אזוי אונערווארטעט אהער? וואס איז דיא אורזאכע, וואס ער איז אזוי שנעל געפאהרען?

— דיא אורזאכע איז איינפאך, האט אנטינאהועל געענטפערט. איך האב מיין שוועסטער דא ניט ערווארטעט. ניט איהר צוליעב בין איך אהער געקומען.

— דאן האב איך געוויס צו דאנקען דעם צופאל, וואס ער האט אייך געבראכט אהער און איך האב דאס פערגניגען אייך צו זעהן.

— דאן וועל איך זאגען מיין שוועסטער, וויא איך קום אהער.

— מיינע אויערן זיינען אפען. מיין ברודער מעג רעדען.

— מיין שוועסטער ווייס, וואו איך בין היינט געוועזן. איך פאהר יעצט א היים. מיינע מענשען זיינען מיעד געווארען. איך האב בעשלאסען, איך זאל מיך אביסעל אפרוהען אין דיעזען דארף.

— זיך גוט אויסגעדרעהט, האט דאניא מאריא געטראכט ביי זיך. פאר א ווילדען איז דאס גאנץ גענוג.

אייניגע מינוטען האבען ביידע געשוויגען. פלוצלונג האט זיך אנטינאהועל אומגעקוקט און האט זיך געמאכט, וויא ער וואלט ערשט דערזעהן דאס יונגע מעדכען.

— ווער איז דיעזע שעהנע און ליעבענסווירדיגע יונגע פרוי? האט ער געפרעגט.

— א שקלאפין, אויף וועלכער עס איז ניט ווערטה זיך אומצוקוקען, האט דא-ניא מאריא געענטפערט נאכלעסיג.

— א שקלאפין? האט דער אינדיאנער פירסט איבערגעפרעגט.

— יא, א שקלאפין! האט דאניא מאריא אויסגערופען און האט אנגעהויבען צו קלאפען מיט דיא הענד.

דער אינדיאנער, וועלכער האט געזאגט, אז ער הייסט דער גרויער בער, איז אריינגעקומען און האט זיך געשטעלט פאר דער טהיר.

— פיהר אוועק דיעזע שקלאפין! האט איהם דאניא מאריא בעפאהלען שטרענג.

דאניא ראזאריא איז געפאלען פאר איהר אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— וויא קענט איהר זיין אזוי אונבארמהערציג, מאדאם? וואס האב איך אייך דען געטהאן, וואס איהר ווילט מיך פערניכטען?

דאניא מאריא האט געוואָרפען אויף איהם א בייזען בליק און האט זיא אוועקגעשטויסען פון זיך מיט'ן פוס.

— איך האב דאך דיר געהייסען אוועקפיהרען דיעזע פרוי! האט זיא געשריען צום אינדיאנער.

ביי דיעזער לעצטער בעליידיגונג איז דאניא ראָזאריא רויט געוואָרען, וויא פייער. זיא איז אויפגעשפרונגען, האט זיך אַניעדערגעשטעלט געגען דאניא מאריא, וויא א קעניגין פאר איהרע ד'ענער, און האט געזאגט מיט א שטרענגען, פייער-ליכען טאָן:

— נעדענקט, מאדאם! גאָט וועט אייך שטראפען! וויא איך בין יעצט גע-לענען פאר אייך, האב אייך געבעטען און איהר האט מיך פערשטויסען אונמענש-ליך און אונבארמהערציג, אזוי וועט איהר אמאל ליעגען אויף דער ערד, וויינען און בעטען און קיינער וועט מיט אייך קיין מיטלייד ניט האבען. — איהר זייט א פרוי, איהר זייט א מוטער, אייער הערץ דארף זיין ווייכער פון דיא הערצער פון דיא ווילדע מענער. איהר טהוט עס ניט, איהר ווייסט ניט פון מיטלייד, איהר קענט ניט קיין רחמנות, דערפאר וועט קומען א טאָג, ווען איהר וועט בעדארפען מיטלייד און בארמ-הערציגקייט — מען וועט אייך אזוי אוועקשטויסען, וויא איהר האט מיך היינט אוועקגעשטויסען.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא זיך געווענדעט צום אינדיאנער און האט איהם געזאגט:

— פיהר מיך אוועק פון דיעזער שלאנג!

דאניא מאריא איז געוואָרען בלייך. דיא שטימע פון אונגליקליכען מעדכען האט איינגעדרונגען טיעף אין איהר הערצען. עס האט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז עס רעדט צו איהר קיין פרעמדע, זאנדערן איהר בלוט און פלייש. דאָס האט אבער געדויערט נור א מינוט. באלד איז איהר געזיכט ווידער געוואָרען רוהיג און שטרענג, וויא דאס געזיכט פון א מאַרמאָרנער סטאטוע. זיא האט א מאך געטהאן מיט דער האנד איבער איהר געזיכט, גלייך וויא זיא האט געוואָלט פערטרייבען דיא לעצטע מענשליכע געפיהלע, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען צו ריהרען אין איהר.

אייניגע מינוטען האט זיא און דער אינדיאנער פירסט געשוויעגען. פּלוצלונג האט זיא זיך געווענדעט צו איהם.

— ברודער! מיר קענען זעהר גוט איינער דעם אנדערן, האט זיא געזאגט. מיר דארפען זיך ניט פערשטעלען. מיר מעגען רעדען איינער מיט'ן אנדערן פראנק און פריי.

— מיין שוועסטער האט רעכט. מיר מעגען רעדען פראנק און פריי.

— מיין ברודער איז ניט געקומען אהער אום זיך אביסעל אויסצורוהען דא אין דאָרף.

— גוט! מיין שוועסטער ווייס אלזאָ צו וואָס איך בין אהער געקומען. דאן דארפען מיר דאריבער ניט רעדען.

— איך ווייס נאר נישט, האט דאניא מאריא געזאָגט מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— אלזאָ, מוז איך עס דיר זאגען, שוועסטער. — דוא ווייסט, אז איך האָב א געוויסען הויפטלינג פון דיא בלייכע געזיכטער.

— איך ווייס עס, ברודער, דוא האסט דאך מיר אמאל דערצעהלט, פאר וואס אייער פאמיליע האסט דיא פאמיליע דע לעאָן. איך ווייס, אז עס איז אן אלטע פאמיליענפיינדשאפט.

— אלזא, יעצט האט מיין שוועסטער אין איהרע הענד דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען. — דיזעס מעדכען וועט מיין שוועסטער מיר געבען. — דער טאָקי רעדט דייטליך גענוג.

— מיין ברודער איז א גרויסער פירסט, ער איז אבער א מאן; ער ווייס ניט, וויא אזוי זיך נוקם צו זיין אן זיין פיינד. נעהמען ראכע (זיך נוקם זיין) קענען נור מיר פרויען. איך ווייס, וויא אזוי צו צורייסען דאס הערץ פון מיין פיינד. איך וויל מיך אן איהם נוקם זיין. איך קען דיר דאס מעדכען ניט געבען.

אנטינאהועלם געזיכט איז געבליעבען רוהיג. אינעווענינג אבער האט ער א ציטער געטהאן ביי איהרע לעצטע ווערטער.

— מיין שוועסטער ריהמט זיך צופיעל. איהר הערץ איז ווייס. זיא ווייס ניט, וויא אזוי צו האסען.

— ניין, ברודער! איך קען דיר ניט געבען דאס מעדכען. איך האב שוין בע־שלאָסען, וואס צו טהאן מיט איהר. איך האב שוין אויסגעזוכט פאר איהר א שטראפע. ווען יענער מאַן וועט דערפון געוואָהר ווערן, וועט ערציטערן.

— האט דען מיין שוועסטע פערגעסען, וואס זיא האט מיר פערשפראָכען, ווען זיא איז געוועזען ביי מיר?

— פון וואס רעדט דער טאָקי? האט דאניא מאריא געפרעגט, גלייך וויא זיא ווייס גאר ניט פון וואס צו זאגען.

דער אינדיאנער פירסט האט געשוויעגען איינינע אויגענבליקע. ער האט זיך עפּעס איבערלעגט.

— פאר וואס שווייגט מיין ברודער? וויל ער מיר ניט ענטפערן?

— לאָז מיין שוועסטער עפענען דיא אויערן, האט אנטינאהועל ענדליך גע־זאָגט. — דער מאַן, וועלכען דיא בלייכע געזיכטער רופען גענעראל בוסטאמענטע, איז יעצט א געפאנגענער.

דאניא מאריא איז אויפגעשפרונגען, וויא א טיגער, ביי וועלכען מען האט אוועקגערויבט זיינע קינדער.

— א געפאנגענער? ווער האט איהם געפאנגען! האט זיא אויסגערופען ניט מיט איהר קול.

— ער איז א געפאנגענער און אין דריי טאג ארום וועט מען איהם דערשיעסען, האט דער אינדיאנער פירסט גערעדט, וויא צו זיך אליין.

דאניא מאריא איז געבליעבען שטעהן, וויא א דונער וואלט זיא דערשלאגען. זיא האט געוואלט עפּעס זאגען, אבער איהר האלז איז געווען צונויפגעצווינגען.

— ער זאל ניט שטארבען! האט זיך ענדליך ארויסגעלאזען פון איהר מויל.

— ער וועט געווים שטארבען, האט אנטינאהועל געזאגט רוהיג. — ווער קען איהם דען רעטען?

— דוא, ברודער! האט דאניא מאריא אויסגערופען און האט אנגעכאפּט זיינע ביידע הענד.

— צו וואס זאל איך עס טהאן? האט אנטינאהועל געפרעגט גלייכגילטיג. וואס געהט עס מיך אן, אויב דיעזער מענש וועט לעבען אדער שטארבען?

— עס געהט אבער מיך אן! האט דאניא מאריא געזאגט מיט טרעהרין אין איהר שטימע. זיין לעבען איז ביי מיר טהייער. ער איז דער איינציגער מענש, וועלכער קען מיר געבען מיין פיינד אין מיינע הענד.

— ווען זיין לעבען איז אזוי טהייער פאר מיין שוועסטער, לאָז זיא איהם רעטען. זיא איז קלוג, זיא איז געשיקט, זיא ווייס, וויא אזוי צו רעדען מיט דיא בלייכע גע-זיכטער. לאָז זיא איהם בעפרייען!

דאניא מאריא איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז.

— וואס רעדט דער אינדיאנער פירסט? האט זיא אויסגערופען. וואס קען איך טהאן? איך בין דאך נור א שוואכע פרוי. מיין ברודער איז א גרויסער פירסט, ער האט זעהר פיעל קריעגער. נור ער איז אים שטאנד צו רעטען דאס לעבען פון גענעראל בוסטאמענטע.

— אבער צו וואס זאל איך עס טהאן?

— הער מיך אויס, ברודער. איך ווייס, אז דוא ליעבסט דאס מעדכען, וועלכעס איך האב היינט געפאנגען. זיא איז ניט ווערטה, אז אזא גרויסער פירסט, וויא דוא זאל זיא ליעבען. דוא ווילסט אבער אזוי, — נעהם זיא דיר, נור רעטע דאס לעבען פון גענעראל בוסטאמענטע!

דער אינדיאנער פירסט איז אויפגעשטאנען פון זיין זיץ און האט גאר ניט געענטפערט.

43טעס קאפּיטעל.

צוריק קיין וואלדיוויא.

עס איז שוין געווען ניט פריה אין דער נאכט. אויף דיא בערג און אויף דיא פרעריען איז געווען שטיל און רוהיג. אזוי וועניגסטענס וואלט געמיינט א וויסער מענש. דאס שארפע אויער אבער פון אן אינדיאנער האט געהערט, וויא פון צייט צו צייט איז עפּעס דורכגעלאפען דורכן וואלד. איז עס געווען א ווילדעס טהיר אדער א מענש? —

לגאים איז נאך אלץ געלעגען אין דער הייל. ער האט זיך געפיהלט פיעל

בעסער, ער איז אבער נאך געווען זעהר שוואך. לעבען איהם זיינען געזעסען זיין מילך ברודער וואלענטין און דער אינדיאנער הויפטלינג, טראנגאַיל־לאַנעק. ווען לואיס פלעגט אנטשלאפען ווערן, פלעגען זיי ביידע שווייגען.

וואלענטין איז געזעסען א לאנגע צייט פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. פּלוצלונג האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט ערנסט און פייערליך:

— דיינע מערדער מעגען זיין, ווער זיי ווילען, איך וועל זיי טרעפען. איך וועל זיי בעשטראָפען. איך וועל זיי וייזען, וויא מען פאלט אן אויף א פרעמדען און מען טויטעט איהם!

— דאס אונגליק קריעכט ארום שטילערהייט, וויא א גנב, און פאלט אן אויף א מענשען, ווען ער ריכט זיך גאר ניט, האט פּלוצלונג טראנגאַיל־לאַנעק געזאגט.

— וואס מיינט דער מיט מיין ברודער? האט וואלענטין געפרעגט.

— מיין ברודער איז א קריעגער. ער איז שטארק. ער וועט געוויס ניט וועלען שטארבען דא אין דער הייל, האט דער אינדיאנער געזאגט רוהיג און גלייכגילטיג. — אלזא, מוזען מיר געהן. מיר מוזען זיך איילען. — מיר מוזען געהן!

— וואס רעדט מיין ברודער? האט וואלענטין אויסגערופען. וויא קענען מיר געהן פון דאנען! וואו וועלען מיר אהינטהאן מיין פריינד?

— אייער ברודער, דער לעווען קאָפּ, מוז געהן מיט אונז.

— ער איז דאך אבער שוואך? ער קען דאך ניט געהן?

— מיר וועלען איהם טראגען.

— קענען מיר דען ניט ווארטען, ביז אין דער פריה? האט וואלענטין געפרעגט פערוואונדערט.

— מיר קענען ניט ווארטען, האט טראנגאַיל־לאַנעק געענטפערט. דיא קאציקען און הויפטלינגע האבען אויסגעגראבען דיא קריעגס האק געגען דיא בלייבע געזיכטער. מיר זיינען דא ניט זיבער.

— וואס רעדט מיין ברודער? אלעס איז שטיל און רוהיג ארום אונז! האט וואלענטין געפרעגט.

— מיין ברודער האט פערשטאָפּטע אויערן. ער הערט ניט, וואס עס טהוט זיך ארום אונז אויף דער פּרעריע. אונזערע רייטער זיינען נאָהענט. איידער דער מאָנד וועט אויפגעהן, וועט דיא גאַנצע פּרעריע זיין פול מיט קריעגער. מיר וועלען דאמאלס ניט קענען דורכגעהן.

וואלענטין האט איינגעזעהן, אז טראנגאַיל־לאַנעק האט רעכט. ער ווייס געוויס פיעל מעהר, וויפיעל ער וויל אויסזאגען.

— אלזא, לאמיר געהן! האט ער שוין געבעטען.

— גוט! האט טראנגאַיל־לאַנעק געזאגט.

— וואוהין אבער זאלען מיר געהן מיט איהם?

— אין דאס גרויסע דאָרף, וועלכע אייערע ברידער רופען וואלדיוויא. דאָרט וועט דער לעווען קאָפּ זיין זיכער און וועט קענען קומען צו זיך.

— מיין ברודער האט רעכט, האט וואלענטין געענטפערט. וואס וועט איהר

אבער טהאן אין וואלדיוויא, ווען אייער פאָלק האט ערקלערט קריעג דיא ווייסע מענשען?

— איך וועל טהאן, וואס מיין ברודער וועט פון מיר פערלאַנגען.

— איך דאנק אייך, הויפטלינג, האט וואלענטין געזאגט, וואס וועלען אבער זאגען אייערע לאַנדסלייט, ווען איהר וועט בלייבען ביי אונז?

— מיין ברודער האט געראַטעט מיין לעבען, האט דער אינדיאנער געענטפערט. דיעזעס לעבען געהערט יעצט נים מיר. עס געהערט צו מיין ברודער.

— אלזא, לאמיר געהן.

— איז מיין ברודער בעקאנט מיט דעם גרויסען דאָרף? האט דער אינדיאנער געפרעגט.

— צו וואס פרעגט עס מיין ברודער?

— ווייל איך בין דאָרט ניט בעקאנט, האט טראַנגאָיל-לאַנעק געענטפערט. אין דיא פרעריען און אויף דיא בערג קען איך אייך פיהרען ביי טאג אדער ביי נאַכט. איך וועל שטענדיג טרעפען מיין וועג. אין גרויסען דאָרף פון דיא ווייסע מענשען אבער זיינען מיינע אויגען פערשלאָסען.

— צום טייפעל! האט וואלענטין אויסגערופען. איהר האט רעכט, הויפטלינג! איך בין אויך זעהר וועניג בעקאנט אין וואלדיוויא. איך בין דאָרט געוועזען א גאַנץ קורצע צייט, און בין שטענדיג ארומגעגאַנגען מיט נאך איינעם.

— לאז מיין ברודער רוהיג זיין, האט טראַנגאָיל-לאַנעק ווייטער געזאגט. מיין ברודער קען געוויס א מענשען אין גרויסען דאָרף. מיר וועלען פרעגען און מען וועט אונז ווייזען. איך מיין, אז דיא ווייסע געזיכטער האבען אויסגעשטעלט וואַכען ביי נאכט. דיא וואַכען וועלען אונז צופיהרען צו דעם מאַן, צו וועלכען מיין ברודער וויל קומען.

טראַנגאָיל-לאַנעק האט גענומען דעם קראַנקען לואיס, האט איהם איינגעוויקעלט אין דעקען און האט איהם ארויפגעלעגט אויף זיין פערד, צו וועלכען ער האט איהם צוגעבונדען. וואלענטין האט געפרעגט זיין מילך-ברודער, אויב ער וועט קענען איבער-טראַגען דיא רייזע.

— ווען עס מוז זיין, וועל איך עס געוויס קענען איבערטראַגען, האט לואיס געענטפערט.

— לאז מיין ברודער רוהיג זיין, האט זיך טראַנגאָיל-לאַנעק ארייגעמישט. דאס גראָז פון דער פרעריע איז ווייך. איך קען דעם וועג. דער לעווען קאָפּ וועט רוהיג שלאָפען אויף מיין פערד.

מען האט זיך געלאַזען אין וועג אריין. טראַנגאַיל-לאַנעק האט ווירקליך געוואוסט, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט זיין פערד. ער האט איהם געפיהרט לאַנגזאם אין ווייכען גראָז און האט אויסגעמיעדען יעדעס בערגעלע, יעדעס שטיינדעלע.

דיא רייזע האט געדויערט א געראַמע צייט. דער אינדיאנער איז יעדעס מאל געבליעבען שטעהן און האט זיך צוגעהערט. אָפּט האט ער זיך אויסגעצויגען אויפן

גראז און האט צוגעלעגט דעם אויער צו דער ערד. וואלענטין האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס דער אינדיאנער טהוט.

— וואס הערט מיין ברודער, ווען ער לעגט צו דעם אויער צו דער ערד? האט ער געפרעגט.

— דיא יונגע קריעגער פון דיא שווארצע שלאנגען פרעהען זיך, וואס מען האט אויסגעגראבען דיא קריעגס האק, האט טראנגאיל-לאנעק געענטפערט. זיי האבען ארויסגעשיקט שפיאנען זעהן, וואס דיא בלייכע געזיכטער טהוען יעצט אין זייערע דערפער.

— פאר וואס הער איך גאר ניט? האט וואלענטין געפרעגט.

— מיין ברודער איז ניט געבארען געווארען אין דער פרעריע. זיינע אויערן זיינען פערשטאפט.

טראנגאיל-לאנעק, וויא אלע ווילדע מענשען, האט געהאט אזא שארפעס אויער, אז ווען ער האט צוגעלעגט דעם אויער צו דער ערד, האט ער דערקענט דעם שווערן טריט פון א פערד אויף עטליכע מייל דיא וויים. ער האט געוואלט אויס-מיידען דיא שפיאנען.

ענדליך, נאך א לאנגער און לאנגזאמער רייזע זיינען זיי אנגעקומען קיין וואל-דיוויא. אין דער ערשטער גאס, וואו זיי זיינען אריינגעקומען איז ארומגעגאנגען א מאן אויף דער וואך מיט א שארף געלאדענער ביקס אויף דיא פלייצעס.

— ווער דא? האט דיא וואך געפרעגט, ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער.

— דאס פאטערלאנד! האט וואלענטין געזאגט.

ער האט ביי טאג געהערט, וויא דיא מיטגליעדער פון דיא דונקעלע הערצער האבען איינער דעם אנדערן איבערגעגעבען דיעזע פאראלע.

— גוט! האט דיא וואך געזאגט. איהר קענט דורכגעהן מיין גאס.

וואלענטין מיט זיינע בעגלייטער זיינען וויטער געגאנגען. זיי זיינען געקומען אין א צווייטער גאס. דארט איז אויך געגאנגען א וואך.

— ווער דא? האט דיא וואך געפרעגט.

— דאס פאטערלאנד! האט וואלענטין וויעדער געענטפערט.

— האלט! האט דיא וואך געשריען, אדער איך שיעס אויף אייך! עס איז ניט דאס ריכטיגע פאס-ווארט.

— צום טייפעל! האט וואלענטין אייסגערופען, איך מוז דאך אבער זיין אין פאלאץ! איך האב וויכטיגע געשעפטען, איך מוז זעהן דאן טאדעא דע לעאן!

ביי דיעזע ווערטער איז דיא וואך געבליעבען שטעהן.

— ווען איהר דארפט זעהן דאן טאדעא דע לעאן, מוזט איהר ווארטען דא, ביז דער פאטרול וועט קומען מיך איבערבייטען. דאן וועט מען אייך זאגען, אויב איהר קענט איהם זעהן אדער ניט. דערוויל שטעהט אויף אייער ארט און ריהרט זיך ניט. קוים וועט איהר ווערען וויטער געהן, וועל איך אויף אייך שיעסען.

וואלענטין איז געווען אויסער זיך. דיא רייזע האט געדויערט זעהר לאנג און

יעצט, ווען זיי זיינען שוין אין שטאָדט, צווישען מענשען, מוז ער ערשט [illegible] דעם קראנקען לואיס ליגען צוגעבונדען צו א פערד.

— איך מוז געהן ווייטער! האט ער געשריען, איך קען דא ניט וואַרטען.

איידער ער האט נאך געענדיגט זיינע לעצטע ווערטער, האט געקנאקט א שוס. דער מאן, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך, האט אויסגעשאסען. די קוגעל איז אריבער געפלויגען איבער וואלענטינ'ס קאָפּ. עס איז מעגליך, אז די וואך האט אומיסטען געשאסען אין דער הויך, ער זאל איהם ניט טרעפען. ער האט דאך ניט געוואוסט, אויב עס איז א פריינד אדער א פיינד.

ווי אזוי עס איז שוין געוועזען מיט'ן שוס, ער האט אבער געווירקט. באלד זיינען זיך צונויפגעלאָפען מענער מיט ביקסען און מיט פּיסטאָלעטען פון אלע זייטען. צווישען זיי איז געקומען אן עלטערער, אן אָפיציער.

— וואס איז דא געשעהן? האט דער אָפיציער געפרעגט.

וואלענטין האט דערקענט די שטימע. דאס איז געוועזען דאן גריגאַריא.

— איך בין עס, דאן גריגאַריא! האט ער געשריען אין דער הויך, איך וויל געהן צום פּאלאַץ זעהן דאן טאדעאָ און איך ווייס ניט דאס פּאסיר וואָרט.

דאן גריגאריא האט איהם דערקענט. ער האט געהייסען די וואכען זיך צונעהן, יעדען אויף זיין ארט.

— ווייסט איהר, דאן וואלענטין, אז איהר האט איינגעשטעלט אייער לעבען? האט דאן גריגאַריא איהם געפרעגט, ווען אלע זיינען זיך צוגאנגען. מיר איז א וואונדער, וואס די וואך האט אייך ניט דערשאָסען.

— אונזער לעבען איז שטענדיג איינגעשטעלט, האט דער פראנצויז געענטפערט רוהיג. איך האב ניט געקענט בלייבען דא אויף דער גאס, ביז אהער וועט אנקומען. איך האב אומיסטען געמאכט א ליארם, אז די וואך זאָל שיעסען און מען זאל זיך צונויפלויפען.

— וואס איז אזעלכעס? האט איהר וויכטיגע נייעס מיטצוטהיילען?

— געוויס! איך מוז באלד זעהן דאן טאדעאָ.

זיי זיינען אזוי געגאנגען, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום פּאלאַץ פון'ם גובערנאטאָר.

— מיר ווייזט אויס, אז דאן טאדעא שלאפט יעצט. ער איז שטארק מיעד פון היינטיגען טאג, האט דאן גריגאַריא געזאגט.

— דאן מוזט איהר איהם אויפוועקען.

— ווי עס ווייזט אויס, זיינען אייערע נייעס ניט גאנץ אנגענעהם.

— מיינע נייעס זיינען שרעקליך.

אין דיעזע מינוט האט דאן גריגאריא דערזעהן דעם אינדיאנער, ווי ער איז געשטאנען לעבען דעם פערוואונדעטען לואיס. וואלענטין האט געזאגט צום אינדיאנער, ער זאל איהם אפּבינדען פון'ם פערד. לעבען פּאלאַץ פון'ם גובערנאטאָר האבען געברענט פאקעלן. דאן גריגאריא האט דערזעהן לואיס בלייכע געזיכט.

— וואָס איז דאס? האט ער געפרעגט איבערראשט. איז דאן לואיס פערוואונדעט?

— יא, ער איז פערוואונדעט.

— ודיא אזוי? ווען? פאר וואס? האט דאן גרינאריא געפרעגט.

— איהר וועט באלד אלעס געוואהר ווערן, האט וואלענטין געענטפערט. הייסט אריינטראגען דעם פערוואונדעטען אין א צימער, וואו עס געפינט זיך א גוט בעט. לאמיר צו ערשט פערזארגען דעם קראנקען. דאן פיהרט מיך צו דאן טאדעא. איך מוז איהם זעהן און איהם אלעס דערצעהלען. — דער אינדיאנער איז מיין פריינד. לאז ער בלייבען ביים פערוואונדעטען.

דאן גריגאריא האט געהייסען עפענען א גרויס צימער מיט א גוט בעט. טראננאיל־לאנעק און צוויי דיענער האבען אריינגעטראגען דעם פערוואונדעטען אין צימער און האבען איהם אניעדער געלעגט אויפן בעט.

דאן גרינאריא און וואלענטין זיינען פערשוואונדען.

43טעס קאפיטעל.

שלעכטע נאכריכטען.

דיא מענשען, וועלכע דאן טאדעא האט געשיקט פאר נאכט געוואהר ווערן, וואס דאניא ראזאריא און לואיס מהוען דארט אויפן בערגעל, האבען ניט געוואוסט, אז דאן טאדעא אינטערעסירט זיך אזוי שטארק אין דער פרוי. זיי האבען ניט געקענט דאניא ראזאריא און האבען ניט געוואוסט, אז דאן טאדעא האט זיא געבראכט אהין. זיי האבען געזעהן, וויא דאן טאדעא איז אין דער פריה ארויסגעפאהרען מיט דיא צוויי פראנצויזען און איז צוריקגעקומען נור מיט איינעם. זיי האבען דאהער גע־רעכענט, אז מען שיקט זיי געוואהר ווערן, וואס דער פראנצויז מאכט.

ווען זיי זיינען געקומען און האבען געפונען, אז ער ליעגט פערוואונדעט, זיינען זיי געקומען צוריק און האבען דערצעהלט וואלענטינען, וואס זיי האבען געזעהן. דאן טאדעא איז היינט געווען צופיעל בעשעפטיגט און האט קיין צייט ניט געהאט זיך אפצוגעבען מיט אזעלכע זאכען.

קוים האט מען ארויפגעצויגען דעם ווייסען פלאג און דיא סאלדאטען האבען אניעדערגעלעגט זייערע וואפען, האט דאן טאדעא געמוזט זעהן מאכען אן ארדנונג אין שטאדט, בעזאנדערס אבער אין גובערנאטארס הויז. ער האט געוואלט צונעהמען אלע פאפיערן און אלע דאקומענטען, וועלכע האבען זיך דארט געפונען, ווייל אין דיעזע פאפיערן האט מען געקענט געפינען בעווייזע, אז גענעראל בוסטאמענטע איז א פעררעטהער.

ער איז דאהער אריינגעגאנגען אין פאלאץ און האט צונויפגענומען אלע פא־פיערן. ווען ער איז אריינגעקומען אין גרויסען זאל, האט ער געזעהן, וויא דער גובער־נאטאר איז געזעסען אויף א ווייכען שטוהל און האט גערעדט שטילערהייט מיט'ן אפיציער, וועלכער האט קאמאנדירט בוסטאמענטע'ס סאלדאטען. ווען ער איז אריינגעקומען, זיינען זיי שטיל געבליעבען. דער אפיציער האט זיך שנעל אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו דאן טאדעא.

— קען איך מיט אייך רעדען א פאר ווערטער? האט ער געפרעגט.

— ביטע, רעדט! איך וועל טהאן פאר אייך, וואס איך וועל נור קענען.

— דאן טאדעאָ! האט דער אפיציער געזאגט מיט א ביטענדער שטימע, איך האב נעהאט א פריינד, א ברודער און איך בין זעהר אונרוהיג וועגען איהם.

— איך פערשטעה אייך ניט, האט דאן טאדעאָ געענטפערט. ערקלערט אייך.

— גענעראל בוסטאמענטע איז מיין פריינד. מיר האבעןביידע זיך געשלאגען אין פערשיעדענע שלאכטען. מיר האבען געזיעגט צוזאמען און געקעמפפט צוזאמען. איך וואלט יעצט —

— זאגט ארויס, וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

— איך וואלט זעהר געוואלט וויסען, וואס פאר א שיקזאל עס ערווארטעט איהם.

דאן טאדעאָ האט א קוק געטהאן דעם אפיציער גלייך אין דיא אויגען.

— דער גענעראל בוסטאמענטע איז א פעררעטהער, האט ער געזאגט. ער האט פערגאסען נענוג אונשולדיגעס בלוט. איהר געדענקט געווים דעם 5טען מאי. יעצט האט ער געוואלט אוועקרויבען דיא פרייהייט פון'ם פאָלק און ווערן קעניג. —

— איך ווייס עס. ליידער, עס איז אלעס וואהר, האט דער אָפיציער געזאגט מיט א טרויעריגער מינע.

— גענעראל בוסטאמענטע איז אלזא א פעררעטהער. איך וועל איהם שטעלען פאר א קריעגס-געריכט און מען וועט איהם געווים פעראורטהיילען צום טוידט.

— ווען וועט זיך פערזאמלען דאס קריעגס-געריכט?

— מאָרגען, האט דאן טאדעאָ געענטפערט.

— ווילט איהר מיר טהאן א געפעליגקייט?

— ווען עס איז נור מעגליך, וועל איך עס טהאן.

— אזוי וויא גענעראל בוסטאמענטע מוז שטארבען, מיין איך, אז עס וועט זיין א טרייסט פאר איהם אין דיא לעצטע טעג פון זיין לעבען, ער זאל האבען לעבען זיך זיין אלטען פריינד.

— געוויס, האט דאן טאדעאָ געזאגט און האט געוואָרפען א זאָנדערבארען בליק אויפ'ן אָפיציער.

— ווילט איהר מיר ערלויבען, איך זאל זיין לעבען איהם?

— איך ערלויב עס אייך.

— קען איך שוין געהן צו איהם אין קעמעריל?

דאן טאדעאָ האט געעפענט דיא טהיר. האט צוגערופען איינעם פון זיינע מענשען און האט איהם געהייסען אפפיהרען דעם אָפיציער אין געפענגניס. וואו בוסטאָמענטע איז געזעסען פערשפארט.

— איך פערשטעה אייך, איהר פאלשע און ניעדערטרעכטיגע מענשען, האט דאן טאדעאָ געזאגט צו זיך אליין, ווען דער אפיציער איז ארויסגעגאנגען. ער וויל צוזאמען מיט זיין גענעראל זוכען מיטעל, וויא צו אנטלויפען. עס וועט אייך אבער ניט געלינגען. איך קען אייך!

אין דיעזע מינוט איז צו איהם צוגעגאנגען דער גובערנאטאָר, דאן ראמאָן און האט זיך פאר איהם פערנייגט.

— וואס קען איך עפּעס טהאן פון אייערט וועגען ? האט דאן טאדעא געפרעגט העפליך.

— פון מיינעטוועגען ? — גאר נישט ! איך בין א פּאטריאט. איך ליעב דיא פרייהייט. איך וויל אייך בעווייזען, וויא טהייער און וויא היילינ דיא פרייהייט איז פאר מיר.

— דאס איז שעהן ! האט דאן טאדעא געזאגט גלייכגילטיג.

— איך האב געהערט, אז דיעזער טויגעניכטס, דיעזער פעררעטהער, וועלכער רופט זיך גענעראל בוסטאמענטע, געפינט זיך אין אייערע הענד. דאס פרעהט מיך. ער האט שוין גענוג געטרעטען מיט דיא פיס דאס ארימע פאלק. יעצט מוז ער שטרענג בעשטראפט ווערן. — וועט איהר איהם שטעלען פאר א קריעגס=געריכט ?

— געוויס וועלען מיר איבער איהם פערהאנדלען עפענטליך אין א געריכט.

— קען איך בעטען א געפעלינקייט ?

— געוויס ! ווען עס איז נור מעגליך, וועל איך עס געוויס טהאן.

— איך וויל זיין א מיטגליעד פון׳ם קריעגס=געריכט, האט דאן ראמאן געבעטען. איך בין א פּאטריאט, איך ליעב דיא פרייהייט און איך וויל פאדערן א שטרענגע שטראפע פאר דיעזען פעררעטהער. פערגעסט ניט, אז איך בין דאך געוועזען א גובערנאטאר אין דער פּראווינץ. לאמיך ווענינסטענס ווייזען, וויא געטריי איך בין דעם פאלק.

— גוט ! איהר וועט זיין א מיטגליעד פון׳ם קריעגס=געריכט.

— איך דאנק אייך ! איך דאנק אייך ! האט דאן ראמאן אויסגערופען.

דאן טאדעא איז ארויסגעגאנגען פון זאל און האט געמורמעלט צווישען דיא צעהנער :

— נאך איינער פון בוסטאמענטע׳ס באנדע ! ער וויל איהם פערטהיידיגען און האט אויף זיך ארויפגעשלעפט דיא מאסקע פון א פּאטריאט. אך, אונגליקליכעס לאנד ! ביסט דוא ווירקליך געמאכט נור פאר שווינדעל, בעטרוג און פאלשקייט ? מוז מען קלויבען איינעם פון צעהן טויזענד, וועלכער זאל ארויסזאגען פריי און עהרליך, וואס ער מיינט ?

ער איז געלאפען אויסשטעלען וואכען און אלעס בעזארגען. ער האט געזעהן, אז בוסטאמענטע האט נאך פיעל גוטע פריינד, מיט וועלכע ער וועט מוזען קעמפפען. עס איז נאך ניט אלעס געענדיגט. דיא טיראניי האט איהרע העלפער, איהרע נאכטענצער און איהרע אנהעננער. ניט אומזיסט האט א גרויסער מאן געזאגט :

— ווען אין רוסלאנד זאל אויסברעכען א רעוואלוציאן, מען זאל טוידטען דעם צאר און מען זאל ערקלערן רוסלאנד פאר א רעפּובליק מיט א פּרעזידענט אן דער שפּיצע, וואלט דער ערשטער פּרעזידענט נאך געוועזען א צאר. ער וואלט געמוזט זיין א צאר, ווייל דיא מענשען ארום איהם וואלטען נאך געוועזען דיא קנעכט פון׳ם צאר.

דאן טאדעא האט ניט גערוהט ביז שפּעט אין דער נאכט. ער איז געווארען אזוי מיעד, אז ער האט זיך ניט געקענט האלטען אויף דיא פיס. — ער האט זיך געמוזט אביסעל צולעגען. ער איז אריינגעגאנגען אין איינעם פון דיא צימער אין

גובערנאטארס פאלאץ און האט זיך געווארפען אויף א בעט. אויסצוטהאן זיך איז קיין צייט ניט געווען.

ער איז באלד אנטשלאפען געווארען גאנץ געשמאק. וויא לאנג ער איז געשלאפען, האט ער ניט געוואוסט. פלוצלונג האט ער דערזעהן ליכט אין זיין צימער און האט דערהערט א רעש. ער האט זיך באלד אויפגעהאפט.

— ווער איז דא? האט ער געפרעגט האלב פערשלאפען.

— איך בין עס, האט דאן גרינאריא געענטפערט.

— ווער נאך איז מיט אייך?

— דאן וואלענטין.

דאן טאדעא האט זיך אויסגעריעבען דיא אויגען און איז אראפגעשפרונגען פון בעט.

— דאן וואלענטין? שוין צוריק? מיר דאכט, ער איז אוועקגעפאהרען צו זיין ברודער?

— איך בין ווירקליך געקומען פריהער, וויא איך האב גערעכענט, האט וואלענטין זיך אפגערופען. איך האב געמוזט קומען פריהער.

— וואס איז געשעהן? זאגט מיר!

— זייט א מאן, דאן טאדעא און טראגט איבער דיא נאכריכטען, וועלכע איך ברענג אייך, וויא א מאן.

— געהערן זיך אן דיא נאכריכטען נור מיט מיר אליין? האט דאן טאדעא געפרעגט רוהיג.

— נור מיט אייך אליין.

— דאן זאגט מיר אלעס! האט דאן טאדעא געבעטען.

— דאניא ראזאריא איז פערשוואונדען געווארען, האט וואלענטין געזאגט. מיין ברודער, לואיס, האט זיא געוואלט פערטהיידיגען. מען האט איהם אבער פערוואונדעט מיט א שארפע זאך: מיט א שווערד אדער מיט א מעסער.

דאן טאדעא איז געבליעבען שטעהן, וויא א זייל פון מארמאר. וואס עס האט זיך אין איהם איבערגעקאכט אין דיעזע מינוט, האט קיינער ניט געוואוסט. זיין מינע האט זיך ניט געענדערט, נור זיין געזיכט איז געווארען בלייך, וויא קאלך.

— איז דאן לואיס טוידט? האט ער געפרעגט אין א פאר מינוט ארום.

— ניין. ער איז נור פערוואונדעט און איך האף, אז ווען ער וועט ליעגען רוהיג און א גוטער דאקטאר וועט איהם בעהאנדלען, וועט ער אין עטליכע טעג ארום זיין פאלקאמען געזונד.

— דעסטא בעסער! האט דאן טאדעא אויסגערופען פריינדליך.

אייניגע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. דאן טאדעא האט ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף דער ברוסט און איז ארומגעגאנגען אין צימער פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

— וואס זאלען מיר יעצט טהאן? האט דאן גריגאריא א פרעג געטהאן. זאלען מיר לאזען דאניא ראזאריא אין דיא הענד פון דיא רויבער?

דאן טאדעא איז געבליעבען שטעהן און האט אויף איהם געווארפען א זאָנ־דערבארען בליק.

— ווען איהרע רויבער זאלען זיך בעהאלטען אונטער דער ערד, וועל איך זיי אויסגראבען און וועל זיי בעשטראפען, האט ער געזאגט מיט א שארפען, שטרענגען טאָן.

— איינער איז שוין זיי נאכגעגאנגען, האט וואלענטין געזאגט. דיעזער איינער איז מיין פריינד, דער קאציק קורומילא.

דאן טאדעא׳ס געזיכט איז פרעהליכער געוואָרען. ער האט געוואוסט, אז ווען אן אינדיאנער נעהמט זיך אויסזוכען א שפור, וועט ער זיא געוויס געפינען.

— היט זיך, דאניא מאריא! האט דאן טאדעאָ געזאגט, וויא צו זיך אליין. דאס איז געווען דיין ארבייט! היט דיך! עס וועט קומען דיא צייט, ווען איך וועל זיך מיט דיר אפרעכענען.

— וואס דענקט איהר צו טהאן? האט דאן גרינאריא ווייטער געפרעגט.

— גאר נישט, ביז קורומילא וועט צוריקקומען, האט דאן טאדעאָ געענטפערט.

פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צו וואלענטין און האט איהם געפרעגט:

— האט איהר מיר שוין אלעס מיטגעטהיילט?

— פון וואנען ווייסט איהר, אז איך האב נאך עפעס אייך מיטצוטהיילען? האט דער יונגער פראנצויז געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— מיר זיינען שפאניער, האט דאן טאדעאָ געענטפערט טרויעריג, אלע שפאַניער זיינען אבערגלויביש. מיר גלייבען אין שפריכווערטער. עס איז דאָ א שפריכוואָרט: „אן אונגליק קומט זעלטען איינער אליין".

— דאס מאל האט ליידער אייער שפריכוואָרט געטראפען, האט וואלענטין געענטפערט.

— איך האב עס געפיהלט, מיין הארץ האט עס מיר געזאגט. — דערצעהלט! זאגט מיר אלעס!

— וויא איהר ווייסט, האט דער גענעראל בוסטאמענטע היינט געשלאסען א בונד מיט דיא אינדיאנער, האט וואלענטין דערצעהלט. איך ווייס ניט, וויא אזוי עס איז געשעהן, אבער קוים האט מען געשלאסען דעם בונד, איז בוסטאמענטע געוואהר געווארען, וואס עס טהוט זיך אין וואלדיוויא און איז געלאָפען אהער.

— דאס אלעס פערשטעה איך, האט זיך אפגערופען דאן טאדעאָ. וואס איז ווייטער געשעהן?

— איך ווייס נור אזוי פיעל, אז דיא אינדיאנער האבען אפגעהאלטען א קריעגס־ראטה און האבען ערקלערט קריעג דיא ווייסע מענשען.

— ווייסט איהר פאר געוויס, אז זיי האבען אונז ערקלערט קריעג? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— איך ווייס עס פאר געוויס. מען האט אריינגעוואָרפען אין פייער דיא קריעגס־האק.

— ווייסט איהר, ווער עס וועט זיין דער אנפיהרער פון דיא אינדיאנער?

— דאס ווייס איך אויך. דער אנפיהרער וועט זיין דער טאָקי.

— אנטינאחועל ? האט דאן מאדעא געפרעגט אונרוהיג.
— דער טינער פון דער זון, האט וואלענטין געענטפערט.

44טעם קאפיטעל.

קורומיללא.

מיר האבען געזעהן, וויא קורומיללא איז אוועקגעפאהרען זוכען דיא רויבער, וועלכע האבען אוועקגערויבט דאניא ראזאריא. ער האט זיך גוט צוגעקוקט צו דיא צייכענס, וועלכע זייערע פערד האבען געלאזען אויף דער פרעריע, און האט דערקענט, וואס פאר א וועג זיי האבען גענומען. ער האט געזעהן, אז זיי זיינען געפאהרען צו דיא הויכע בערג, וועלכע הייסען אנדען.

ער האט געוואוסט א נעהענטערן וועג צו דיעזע בערג. דיא רויבער זיינען גע-פאהרען מיט א פרוי, וועלכע זיי האבען געמוזט שוינען. אזוי האט מען זיי אנגעזאגט. זיי זיינען געפאהרען לאנגזאם. אין איינינע שטונדען האט זיי קורומיללא אנגעיאגט. ער האט זיך אבער פאר זיי ניט געוויזען.

קוים האט ער זיי דערזעהן, איז ער אראפגעשפרונגען פון זיין פערד, האט צושניטען דיא דעק פון׳ם פערד אויף פיער שטיקער און האט מיט יעדעס שטיק ארומגעבונדען א פוס פון זיין פערד. דערמיט האט ער זעהר פיעל געוואונען: זיין פערד איז געגאנגען זעהר שטיל און עס האט קיין שפור ניט געלאזען.

עס איז געווארען פינסטער. דיא רויבער האבען געזעהן, אז קיינער יאגט זיי ניט נאך, און האבען געגלויבט, אז זיי זיינען שוין פאלקאמען זיכער. זיי זיינען געפאה-רען לאנגזאמער. ווען זיי זיינען געקומען אין א טיעפען טאהל, וואו עס האט גערוישט א טייך, איז קורומיללא אראפגעשפרונגען פון זיין פערד, האט עס צוגעבונדען צו א בוים און איז שטילערהייט צוגעקראכען צום מאן, וועלכער האט געהאלטען דאניא ראזאריא צוגעבונדען צו זיין פערד.

שנעל, וויא דער בליץ, האט קורומיללא איהם ארויפגעווארפען א שטריק אויפ׳ן האלז און, איידער דער מאן האט נאך געקענט געבען א געשריי, איז ער שוין געלעגען אונטער א בוים.

— שענקט מיר דאס לעבען ! האט דער רויבער געבעטען, ווען קורומיללא האט לויז געמאכט דעם שטריק פון זיין האלז און ער האט אנגעהויבען צו אטהעמען פרייער. — שענקט מיר דאס לעבען און איך וועל אייך געבען דריי הונדערט פעזאס.

— האלט דיין געלד ! האט קורומיללא געענטפערט. איך דארף ניט דיין געלד, ניט דיין עלענדעס לעבען. —

— וואס דען ווילט איהר פון מיר ?
— וויא הייסט דוא ?
— זשאן.
— וואוהין פיהרסט דוא דיעזע פרוי ?
— אין דארף סאן מיגעל.
— ווער האט דיר געהייסען רויבען דיעזע פרוי ?

— א פרוי מיט׳ן נאמען דאניא מאריא.
— גוט! וויא קומסט דוא צו דיא אינדיאנער, וועלכע פאהרען מיט דיר?
— דאס וויים איך ניט. זיי האבען אויך געוואָלט אוועקרויבען דיעזע פרוי.
— דוא ועסט מוזען נעכטיגען דא אין וואלד, מיין ליעבער זשאן, האט קורו־מיללא געזאגט, און האט איהם צוגעבונדען צום בוים, אונטער וועלכען ער איז געלעגען.
— געדענק, גוטער פריינד! האט ער איהם ווייטער געזאגט פארן אוועקגעהן, אז קוים וועסט דוא שרייען און מאכען א ליארם, ביסט דוא א טוידטער.
צום אבשיעד האט ער נאך גענומען זיין ברייטען שטרויענעם הוט און זיי מאנטעל. ער איז נאכגעלאָפען דיא איבעריגע רייטער און האט זיי באלד דערגרייכט. דעם גאנצען וועג האט ער מיט דיא איבעריגע ניט גערעדט קיין ווארט. מיר האבען געזעהן, וויא ער האט אראפגענומען דיא יונגע פרוי פון׳ם פערד, האט זיא אריינגע־טראָגען אין צימער, האט זיך אנגעבויגען צו איהר און האט איהר געזאגט:
— מוטה און האפנונג!
מיר האבען געהערט, וואס דאניא מאריא האט גערעדט מיט איהם און וואס זיא האט איהם געהייסען טהאן מיט דאניא ראזאריא. ווען אנטינאהועל איז אנגע־קומען, איז קורומיללא געבליעבען שטעהן אין דרויסען און האט געוואַרט. ווען דאניא מאריא האט אנגעהויבען צו קלאפען מיט דיא הענדע, איז ער אריינגעקומען און האט אוועקגעפיהרט דאניא ראזאריא.
קוים זיינען זיי ארויסגעקומען אין דרויסען, האט זיך קורומיללא ווידער איינגע־בויגען צו איהר און האט איהר געזאגט:
— שוויג און געה מיר נאך.
— ווער ביסט דוא און וואוהין פיהרסט דוא מיך? האט דאניא ראזאריא געפרעגט מיט טרערין אין איהר שטימע.
— איך בין א פריינד פון דעם יונגען מאן, וועלכען דיא בלייכע געזיכטער רופען דאן לואיס.
דיעזע ווערטער האבען געקלונגען, וויא דיא שעהנסטע מוזיק אין דיא אויערן פון׳ם אונגליקליכען מעדכען. זיא האט אנגעהאפט דעם אינדיאנער ביי דער האנד און האט איהם געזאגט:
— קום! פיהר מיך!
שטילערהייט, וויא צוויי שאָטענס, זיינען ביידע ארויסגעגאנגען פון׳ם דארף. ווען זיי זיינען געקומען אין וואלד, האט קורומיללא געפרעגט:
— איז מיין שוועסטער גענוג שטארק זיך צו זעצען אויף א פערד?
— אום צו אנטלויפען פון מיינע פערפאָלגער בין איך שטארק גענוג זאגאר צו לויפען צו פוס, האט דאניא ראָזאריא געענטפערט.
— גוט! האט קורומיללא געזאגט.
ער האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין שנעלען פערד, האט ארויפגענומען דאניא ראזאריא צו זיך און איז מיט איהר געפלויגען, וויא א פייל אויס׳ן בויגען אויף דער איינזאמער פרעריע.

45טעס קאפיטעל.

דיא בעראטהונג.

דיא נאכריכט, אז דיא אינדיאנער האבען ערקלערט קריעג דיא ווייסע מענשען און אז אנטינאהועל איז זייער אנפיהרער, האט געטראפען דאן טאדעאָ, וויא א דאָנערשלאג. ער האט געוואוסט, וואס פאר א גרויסע מאכט אנטינאהועל האט איבער זיינע פעלקער און אז ער איז א פעהיגער קריעגער.

דאן טאדעאָ האט געזעהן, אז עס וועט זיך באלד אנהייבען איינער פון יענע בלוטיגע קריעג, וועלכער האט געקאסט אזוי פיעל מענשענלעבען, און ער האט געצי־טערט ביי דיעזען געדאנקען.

— לאזט מיך אליין אויף איינע מינוט, האט ער געבעטען.

וואלענטין און דאן גריגאָריא האבען געוואָלט ארויסגעהן.

— בלייבט, דאן גריגאריא! האט ער געבעטען. איך האב מיט אייך נאך וואס צו רעדען.

וואלענטין איז ארויסגעגאנגען און דאן גריגאריא איז געבליעבען.

איינע מינוטען איז דאן טאדעא ארומגעגאנגען אין צימער הין און צוריק פערטאכט און טרויעריג. פלוצלונג האט ער אנגעהויבען צו וויינען. — דער שטארקער, אייזערנער מענש, וועלכער האט זיך גערופען דער פירסט פון דער דונקעלהייט, דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער, האט יעצט געוויינט, וויא א קינד.

— מיין קינד! מיין קינד! מיין איינציגעס קינד! האט ער געוויינט אין דער הויך און האט זיך געבראכען דיא הענד. איך האב דיך ביז אהער אפגעהיט פון דיא הענד פון דיעזער פרוי. עס האט מיך געקאסט פיעל מיה און ליידען. דוא ביסט דאך אריינגעפאלען אין איהרע הענד! דאניא מאריא האט געזיעגט! — זיא וועט טוידטען דאס אונשולדיגע קינד! זיא וועט טוידטען איהר איינענע טאכטער!

ער האט אנגעשפארט דעם קאפ אן דער קאלטער וואנט און גרויסע, הייסע טראפען טרערין האבען זיך געקייקעלט אויף זיינע באקען און זיינען אראפגעפאלען אויפין קאלטען שטיין.

דיא טרערין האבען איהם אביסעל ערלייכטערט. ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן, וויא דאן גריגאריא שטעהט אין א ווינקעל מיט'ן קאפ אראפגעלאזען, וויא אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. עס האט איהם א ריסגעטהאן ביים הארצען.

— זיי ניט פערצווייפעלט, פריינד! האט ער אויסגערופען. עס איז נאך ניט אלעס פערלארען! — איך מוז צו ערשט רעטען דיא פרייהייט פון מיין פאלק, דאן וועל איך דענקען, וויא אזוי צו רעטען מיין טאָכטער.

— יעצט דערקען איך ווידער דעם פירסט פון דער דונקעלהייט! האט דאן גריגאריא אויסגערופען פרעהליכער. יעצט זעה איך, אז אונזער זאך איז נאך ניט פערלארען. יעצט בין איך זיכער, אז מיר וועלען זיעגען און דיא פאהן פון פרייהייט און גערעכטיגקייט וועט נאך וועהן הויך אין דער לופט איבער דיעזע בערג און איבער דיעזע פרעריען!

איינינע מינוטען האבעןביידע נעשוויעגען. דאן טאדעאָ האט זיך אין נאכצען בערוהיגט. זיין געזיכט איז ווידער געוואָרען שטרענג און קאלט, גלייך וויא עס וואָלט געווען פון מארמאר.

— וואס דענקט איהר צו טהאן מיט׳ן גענעראל בוסטאמענטע ? האט ענדליך דאן גרינאָריא געפרעגט.

— איך האב אנפאנגס גערעכענט צו שטעלען איהם פאר א קריעגס־געריכט און איהם צו פעראורטהיילען צום טוידט. איך האב מיך אבער יעצט איבערלעגט. אלע ווייסען, אז בוסטאמענטע איז מיין פיינד ; מען ווייס, אז ער האט געהייסען מיך שיעסען. ווען איך פעראורטהייל איהם צום טוידט, וועט מען זאגען, אז איך האב מיך אן איהם נוקם געווען. איך האב געטוידטעט מיין פיינד. דאס קען מאכען א שלעכטען איינדרוק אויפ׳ן פאָלק. מען וועט מיינען, אז מיר האבען געקעמפפט פאר זיך, ניט פאר דיא פרייהייט. איך האב דאהער בעשלאָסען, איך זאל איהם שיקען קיין סאנט־יאגאָ. לאז דאס פאָלק איהם אורטהיילען. לאז דאס פאלק וויסען, אז ער איז א פעררעטהער. לאז דאס פאלק זעהן, אז דיא דונקעלע הערצער קעמפפען פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט, ניט פאר זייער אייגענע אינטערעסען.

— וויא אזוי וועט איהר איהם איבערשיקען ?

— איך וועל שיקען איהם, דעם גובערנאטאָר דאן ראמאן און דעם אָפיציער קארנעליא אונטער א קאָנוואָי פון צוויי הונדערט רייטער. איך מיין, אז צוויי הונדערט גוט בעוואפענטע רייטער וועלען איהם זיכער ברענגען קיין סאנט־יאגאָ.

— איך מיין אויך, אז צוויי הונדערט גוט בעוואפענטע רייטער פון אונזערע מענשען וועלען איהם זיכער ברענגען קיין סאנט יאגא, האט דאן גריגאריא געזאגט.— דערמיט איז אבער אונזערע זאכע נאך ניט געענדיגט. מיר האבען אנגעהויבען א קאמפף פאר פרייהייט, מיר מוזען איהם ענדיגען.

— איהר וועט איהם אליין ענדיגען, ליעבער דאן גרינאָריא, האט דאן טאדעאָ געזאגט טרויעריג.

— וואס רעדט איהר, פריינד ? זייט איהר שוין מיעד ?

— איך בין ניט מיעד, האט דאן טאדעאָ געענטפערט. איך וויל אבער ניט, אז מען זאל זאגען, אז איך האב אומיסטען אראפגעוואָרפען דעם גענעראל בוסטא־מענטע אום צו ווערן פרעזידענט אויף זיין ארט.

— איהר זייט אבער דאך דער איינציגער מאן, וועלכער איז פעהיג —

— זאגט עס ניט, ליעבער פריינד ! האט דאן טאדעאָ איהם אונטערבראכען. איך וויל ניט צווינגען דיא מענשען, זיי זאלען אננעהמען מיינע אידעען און מיינע פרינציפען, וויא גוט זיי זאלען זיין נאך מיינע מיינונג. ניט דאס הייסט פרייהייט, ווען איך שטעה פאר א מענשען מיט א מעסער אין דער האנד און זאג איהם : דוא מוזט דענקען, וויא איך וויל, דוא מוזט גלויבען אן וואס, איך וויל אדער איך שטעך דיך ! — ניין, פרייהייט מוז זיין אין אלע בעציעהונגען. דאס פאלק זאל זיך וועהלען זיין אנפיהרער, זיין פרעזידענט, זיין מענשען, וועלכען עס פערטרויט דיא העכסטע

מאכט. קיינער דארף ניט איינרעדען דעם פאָלק, קיינער דארף איהם ניט איבעררעדען און איבערווייזען, ווער עס איז פעהיגער דערצו. עס מוז אליין וועהלען.

— זוער זאגט אייך אבער, אז דאס פאלק וועט אייך ניט וועהלען?

— איך אליין זאג עס.

דאן גריגאריא האט איהם אנגעקוקט מיט שטוינען.

— איהר וואונדערט זיך, פאר וואס איך זאג עס אייך? — וואונדערט אייך ניט. איך האב שוין צו לאנג געטראגען אויף מיינע שוואכע פלייצעס דעם שווערן קאמפף פאר דיא פרייהייט. איך קען שוין ניט מעהר. לאזען אנדערע, אינגערע, פע־היגערע פון מיר איבערנעהמען אויף זיך דיעזע לאסט. איך קען עס ניט מעהר.

— ווער איז אבער דער אינגערער און פעהיגערער פון אייך? האט דאן גריגאריא געפרעגט.

— ליעבער פריינד! לאמיר דערפון מעהר ניט רעדען! איך האב שוין געפאסט א בעשלוס, וועלכען איך וועל ניט ענדערן. לאמיר בעסער געהן זעהן, וואס עס מאכט דער פראנצויז, וועלכער האט פערטהיידיגט מיין טאכטער מיט זיין אייגענעם לעבען.

ביידע מענער זיינען געגאנגען אין צימער, וואו דער פערוואונדעטער לואיס איז געלעגען. עס איז שוין געווען גרויסער טאג, ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין זיין צימער. לואיס האט זיך געפיהלט פיעל בעסער. דער דאקטאר, וועלכען מען האט באלד גערופען צו איהם, האט פערבונדען זיינע וואונדען און האט ערקלערט, אז זיי זיינען ניט געפעהרליך. ער האט פערלארען פיעל בלוט, דערפאר איז ער שוואך.

דאן טאדעא האט גענומען זיין האנד און האט זיא געדריקט צום הארצען.

— ליעבער פריינד, האט ער איהם געזאגט, דער צופאל האט אייך מיט אייער ברודער געוואָרפען מיר אויפ'ן וועג. מיר קענען זיך ערשט זייט א גאנץ קורצער צייט. אין דיעזע קורצע צייט אבער האט איהר אזוי פיעל געטהאן פון מיינעטוועגען, אז איך וויים ניט, אויב איך וועל אמאל זיין אים שטאנד ניט צו זיין אייער שולדנער (בעל־חוב).

— וואס רעדט איהר, דאן טאדעאָ? האט לואיס געענטפערט. איך האב פון אייערטוועגען גאר ניט געטהאן און איהר זייט מיר גאר ניט שולדיג. איך וואלט געוועזן דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, ווען עס זאל מיר געווען געלינגען צו רעטען דאניא ראזאריא.

— מיר וועלען זיא רעטען! האט דאן טאדעא אויסגערופען ענטשלאסען.

— אך! איך זאל נור קענען מיך זעצען אויף א פערד, וואלט איך ניט גערוהט, ביז איך וואלט זיא אויסגעזוכט און בעפרייט!

אין דיעזע מינוט האט זיך געעפענט דיא טהיר, א דיענער איז אריינגעקומען און האט געזאגט דאן טאדעאָ אייניגע ווערטער אויפ'ן אויער.

— פיהר איהם באלד אריין! האט דאן טאדעא אויסגערופען מיט פרייד.

דער דיענער איז ארויסגעגאנגען.

— באלד וועלען מיר הערן נייעס פון דאניא ראזאריא, האט דאן טאדעאָ געזאגט צו לואיס.

לואיס האט געבעטען, מען זאל איהם אויפהייבען אויף זיין קישען. ער האט זעהר געוואלט הערן, וואס דאניא ראזאריא טהוט.

אין א פאר מינוטען ארום איז אריינגעקומען דער אינדיאנער זשאן, וועלכען קורוטיללא האט צוגעבונדען צום בוים אין וואלד און האט ביי איהם צוגענומען זיין הוט.

46טעס קאפיטעל.

זשאן.

דער מאן, וואס איז יעצט אריינגעקומען אין צימער, איז געווען מיעד און מאט פון א לאנגער רייזע. זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען אויף שטיקלעך. אין ערטער האבען דערנער און שפיצען פון ביימער געשטעקט אין זיי. עס איז געווען דייטליך, אז ער איז געלאפען איבער פעלדער און וועלדער.

ער איז אריינגעקומען און איז געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר.

— צו וועלכען פאָלק געהערט מיין ברודער? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— צום מעכטיגען פאָלק — דיא שווארצע שלאנגען, האט דער אינדיאנער געענטפערט.

— וויא הייסט מיין ברודער?

— איך הייס זשאן, האט דער אינדיאנער געענטפערט.

— זשאן איז ניט קיין נאמען פון׳ם פאָלק פון דיא שווארצע שלאנגען.

— איך האב אמאל געטוידטעט א קריעגער פון דיא בלייכע געזיכטער מיטן נאמען זשאן און מיין פאָלק האט מיר ערצייגט דיא עהרע מיך צו רופען זשאן.

— דאס וועיזט, אז מיין ברודער איז א הויפטלינג, האט דאן טאדעאָ געזאגט מיט א שמייכעל.

זשאן האט אויפגעהויבען שטאָלץ דעם קאפ. דאן טאדעאָ האט געוואַרט, ער זאל זאגען, צו וואס ער איז געקומען. דער אינדיאנער אבער האט געשוויעגען.

— מיין ברודער איז געווים געקומען זיך בעקלאגען אויף אימיצען פון דיא בלייכע געזיכטער, האט ענדליך דאן טאדעאָ בעמערקט.

— מיין ברודער האט א טעות, האט דער אינדיאנער געענטפערט ראש. זשאן בעט קיין מאָל ניט קיין הילף. ווען ער דארף זיך אפרעכענען מיט איינעם פאר א בעליידיגונג.

— לאז מיר מיין ברודער ענטשולדיגען. ווען ער איז געקומען צו מיר, האט ער דאך געווים אן אורזאכע דאצו.

— איך האב אן אורזאכע.

— קען איך עס וויסען?

— לאז מיין ברודער פרעגען, איך וועל איהם ענטפערן.

דאן טאדעאָ האט גוט געקענט דעם כאראקטער פון דיא אינדיאנער. ער האט געוואוסט, אז דאס איז ענטוועדער א שפיאָן, וועלכען אנטינאַהועל האט געשיקט אויספאָרשען, וואס עס הערט זיך אין לאגער פון דיא ווייסע, אדער ער וועט ברענגען נאכריכטען פון דאניא ראזאריא.

— פון וואנען קומט מיין ברודער? האט ער געפרעגט.

— פּוּ׳ם דאַרף סאַן מיגעל.

— דאס איז זעהר ווייט פון דאַנען. ווען איז מיין ברודער ארויסגעפאהרען פּוּ׳ם דאַרף ?

— ווען דער מאנד האט געהאלטען ביים אונטערגעהן אין דער שעהנער, לייכטענדער שטערן (דער מארגען שטערן) האט זיך געוויזען און דער זיים, וואו דיא זון געהט אויף.

פּוּ׳ם דאַרף סאַן מיגעל קיין וואלדיוויא איז געווען זעהר ווייט. דאָן טאַדעאָ האט זיך געוואונדערט, וויא שנעל דער אינדיאנער איז איינגעפאהרען דיזע שטרעקע. ער האט גענומען א פלאַש ראָם פון׳ם טיש, האט אנגעגאָסען א גלעזעל און האט עס דערלאנגט דעם אינדיאנער.

דעם אינדיאנערס אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקעלן. ער האט געחאפּט דאס גלאז און האט עס איבערגעקעהרט מיט אמאָל אין מויל אריין.

— דאס איז גוט ! האט ער געזאגט. אייער פייער וואסער וואַרמט. מיין ברודער איז א גרויסער הויפּטלינג. ניט אומזיסט רופען מיר איהם, דער גרויסען אדלער פון דיא ווייסע.

דיא אינדיאנער רופען שנאפּס, ראָם, קאניאק און אנדערע שארפע געטרענקע—פייער וואסער.

— האט דער קאציק פון דיין פאָלק געשיקט מיין ברודער ? האט דאָן טאַדעאָ ווייטער געפרעגט.

— ניין, קורומיללא האט מיך געשיקט אהער.

— קורומיללא ! האבען אלע אויסגערופען מיט איין שטימע. קורומיללא !

— קורומיללא איז מיין פריינד ! האט לואיס אויסגערופען אונרוהיג. וואס מאכט ער ? וואו איז ער ?

— אט איז דיין מאנטעל און זיין הוט, האט זשאן געזאגט.

— אלזאָ, איז ער טוידט ?

— ניין, קורומיללא איז בראוו און קלוג. ער איז ניט טוידט. זשאן האט אוועקגעפיהרט א יונגעס מעדכען מיט א בלייכעס געזיכט און מיט בלויע אויגען. קורומיללא איז איהם נאכגעלאָפען. ער האט געקענט מיך טוידטען. ער האט עס אבער ניט געטהאן. ער האט מיך געמאכט פאר זיין פריינד.

— אה, איך קען מיין פריינד, קורומיללא ! האט לואיס אויסגערופען. ער איז גוט און עדעל. ער קען ניט טוידטען קיין מענשען.

— קורומיללא האט גענומען מיין הוט און מיין מאנטעל און האט מיר געגעבען זיינע. דערביי האט ער געזאגט : זשאן ! געה צום גרויסען אדלער פון דיא בלייכע געזיכטער און זאג איהם, אז קורומיללא וועט רעטען דיא יונגע פרוי אדער ער וועט שטארבען. — זשאן איז געקומען.

— מיין ברודער האט גוט געטהאן, האט דאָן טאַדעאָ געזאגט.

— ווען דער גרויסער אדלער פון דיא בלייכע געזיכטער איז צופריעדען, איז עס גוט, האט זשאן געענטפערט.

— מיין ברודער האט אוועקגערויבט דאס יונגע מעדכען, ווער האט עס איהם געהייסען? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— דיא גרויסע פרוי פון דיא בלייכע געזיכטער מיט דיא שווארצע אויגען.

— האט זיא גוט בעצאהלט מיין ברודער דערפאר, וואס ער האט אוועקגערויבט דאס מעדכען?

דיא גרויסע פרוי בעצאהלט שטענדיג גוט.

— איך האב געוואוסט, אז דיין האנד האט עס געטהאן, דאניא מאריא! האט דאן טאדעאָ אויסגערופען מיט צארן. דוא ביסט דער בייזער גייסט פון מיין לעבען! דוא האסט צערשטערט און פערניכטעט אלע מיינע געדאנקען און אלע מיינע פלענער.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום אינדיאנער.

— וויל מיין ברודער בלייבען דא אין שטאָדט?

— איך וועל טהאן, וואס מיין ברודער וועט מיר הייסען.

— מעג איך טרויען א הויפטלינג פוּם פאָלק דיא שווארצע שלאנג? האט דאן טאדעא געפרעגט און האט געוואָרפען א פאָרשענדען בליק אויפ'ן אינדיאנער.

— זשאן האט נור איין הערץ און איין צונג, האט דער אינדיאנער געענטפערט.

— מיין ברודער האט גוט גערעדט. איך וועל זיין דאנקבאר געגען איהם.

דער אינדיאנער האט זיך פערנייגט.

— לאָז זיך מיין ברודער אויסרוהען פון זיין לאנגער רייזע, האט דאן טאדעא ווייטער געזאגט, און זיך געהן אין זיין דאָרף. אין דריי זונען ארום (דריי טאג) לאז ער קומען. איך וועל איהם דאמאלס דארפען.

ער האט געבעטען דאן גרינאריא, ער זאָל אריינפיהרען דעם אינדיאנער אין א צימער, זאל איהם הייסען געבען עסען און טרינקען און אנגרייטען פאר איהם א בעט. דערביי האט ער געמאכט א בעזאָנדערן צייכען, וועלכען נור דאן גרינאריא האט פערשטאנען.

דאן גרינאריא האט אזוי געטהאן און איז צוריקגעגאנגען אין צימער, וואו דאן טאדעא איז געזעסען לעבען פערוואונדעטען לואיס. פאר דער טהיר האט איהם א דיענער אויפגעהאלטען און האט איהם געזאגט, אז וואלענטין מיט טראנגאָיל־לאנעק זיינען ארויסגעפאהרען. וואלענטין האט ניט געוואָלט אריינגעהן צו דאן טאדעא איהם שטערן און איז אזוי אוועקגעפאהרען אהן אבשיעד. ער האט נור געבעטען, מען זאל עס מעלדען דאן טאדעא און איהם זאגען, ער זאל ניט זיין אונרוהיג וועגען זיי.

ווען דאן גרינאריא איז אריינגעקומען אין צימער, האט זיך דאן טאדעא צו איהם געווענדעט מיט דער פראגע:

— וויא געפעהלט אייך דיעזער אינדיאנער?

— איך האב געהייסען איהם בעוואכען און איהם ניט לאזען ארומגעהן אין שטאדט, האט דאן גרינאריא געענטפערט.

— ער איז א שפּיאָן, ניט קורוטילא האט איהם געשיקט.

לואיס האט א צימער נעטהאן ביי דיזע ווערטער.

— וואס שווייגט איהר? האט ער אויסגערופען מיט טרעהרין אין דיא אויגען, פאר וואס זעהט איהר ניט צו רעטען דיא אונגליקליכע דאניא ראזאריא?

— מיר קענען דערווייל גאר ניט טהאן, האט דאן גריגאריא געענטפערט. דריי מענשען זיינען שוין אוועקגעפארען זיא זוכען. וואס קענען מיר נאך טהאן?

— דריי מענשען? האט לואיס געפרעגט. איך וויס נור פון איינעם — פון קורומיללא.

— אייער פריינד וואלענטין און אן אינדיאנער הויפטלינג, וועלכער האט אייך געבראכט אהער, זיינען אויך נים לאנג ארויסגעפאהרען זיי זוכען, האט דאן גריגאריא געענטפערט און האט דערצעהלט, וואס דער דיענער האט איהם נור וואס איבער־געגעבען.

— עדעלער מענש! האט דאן טאדעא אויסגערופען. גאט אליין האט אייך צוגעשיקט! איהר האט שוין צוויי מאל געראטעט מיין טאָכטער!

— אייער טאָכטער? האט לואיס געפרעגט ערשטוינט. איז דאניא ראזאריא אייער טאָכטער?

— יא, פריינד! איך האב פאר אייך קיינע געהיימניסע, האט דאן טאדעא געענטפערט. דאניא ראזאריא איז מיין טאָכטער. מיין איינציגעס קינד. דיא איינציגע פרייד, וועלכע האלט מיך נאך צוגעבונדען צום לעבען.

— דעסטא מעהר אורזאכע, מיר זאלען זיא רעטען! האט לואיס אויסגערופען און האט געוואָלט ארויסשפרינגען פון׳ם בעט.

דאן טאדעא האט איהם צוריקגעהאלטען.

— וואוהין לויפט איהר? האט ער איהם געזאגט. וואס קענט איהר מאכען? ערשטענס זייט איהר דאָך קראנק, איהר קענט זיך דאך אויף קיין פערד ניט זעצען. צווייטענס, וואוהין וועט איהר לויפען? דיא פרעריע איז גרויס. אויף דיא בערג בלייבט קיין שפור, נור דאס שארפע אויג פון אן אינדיאנער קען אויסגעפינען דיא שפור פון מענשען, וועלכע זיינען אנטלאָפען; נור דיא צוויי אינדיאנער וועלען זיא קענען רעטען אדער ווענינסטענס אונז ברענגען א נאכריכט, וואו זיא געפינט זיך. בלייבט רוהיג. מיר מוזעןווארטען, ביז קורומיללא אדער וואלענטין וועלען צוריקקומען: גלויבט מיר, אז מיר איז פיעל שווערער צו ווארטען, וויא אייך. —

ער האט זיך אוועקגעקעהרט און האט אפגעווישט דיא טרעהרין, וואס האבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען.

— איך מוז אבער ווארטען, האט ער ווייטער געזאגט. מיין פאטער־הערץ ווערט צוריסען אויף שטיקער. איך קען אבער גאר ניט העלפען. איך מוז ווארטען!

— ארימער פאטער! ארימעס קינד! האט לואיס געזיפצט.

— בעדויערט מיך, דאן לואיס! האט דאן טאדעא געזאגט טרויעריג. — בע־דויערט מיך! איך פיהל, אז איך קען שוין נים איבערטראגען דעם שווערן קאמפף פון׳ם לעבען! פאר מיר האט דאס לעבען נור דערנער און וואונדען.

אין צימער איז געוואָרען שטיל און טרויעריג. אין דיזע מינוט האט ד״א העלע,

ווארעמע זון אריינגעשיקט איהרע גאָלדענע שטראהלען און האט בעליכטעט דיא דריי מענער.

— דאס איז א שטראהל פון האָפנונג ! האט לואיס אויסגערופען. דאס איז א שטראהל פון פרייד און גליק ! דיא ליעבע זון לערנט אונז, אז עס מוז ווערן טאג נאך דער דונקעלסטער נאכט !

דיא דריי מענער האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן. יעדער האט זיך גע־פיהלט שטארקער און מוטהיגער. דער קראנקער האט איינגעפלייסט האָפנונג דיא געזונדע !

47טעס קאפּיטעל.

נאכגעיאגט.

מיר מוזען זיך יעצט אומקעהרן צו קורומיללא און דאניא ראזאריא.

דיא נאכט איז געווען שטארק פינסטער. דער מאָנד איז שוין לאנג אונטער־געגאנגען. דיא פּרעריע איז געווען שטיל און רוהיג. עס איז שוין ניט ווייט צו טאָג. אלע שלאָפען. זאגאר דיא טהיערע און דיא פייגעל זיינען אנטשלאָפען געווארען.

קורומיללא האט געהאלטען דאניא ראזאריא פעסט אויפ'ן זאָטעל און איז געפלויגען שנעל, וויא דער ווינד. ער האט גערעכענט, אז ביז עס ועט טאג ווערן, וועט ער צוקומען צו א געדיכטען וואלד, אין וועלכען ער האט געקענט אלע וועגעלעך. דאָרט וועט ער זיין זיכער. דאָרט וועט ער זיך אויסרוהען און וועט זיך איבערלעגען. וויא אזוי צו געבען צו וויסען אין וואלדיוויא, אז דאניא ראזאריא איז גערעטעט.

ער האט מורא געהאט צו פאהרען גלייך קיין וואלדיוויא, ווייל ער האט געוואוסט, אז ארום וואלדיוויא דרעהען זיך ארום אנטינאהועל'ס שפּיאָנען. אויסער דעם האט ער ניט געוואוסט, וואס אין וואלדיוויא האט זיך איבערגעטהאן דעם גאנצען טאג. ער האט עס דאהער געפונען פאר בעסער זיך אויסצובעהאלטען א גאנצען טאג אין וואלד. איבערן טאג וועט ער פּיעללייכט געפינען א מיטעל, וויא אזוי צו מעלדען דאן לואיס אדער דאן מאדעאָ, אז דאניא ראזאריא איז גערעטעט און געפינט זיך אין זיכערהייט.

ער האט דאהער יעדעס מאל געגעבען זיין פערד דיא שפּאָרען און איז גע־פלויגען צום וואלד. פּלוצלונג האט זיין שארפער אויער דערהערט דיא טריט פון פערד הינטער זיך.

— מיר זיינען פערלאָרען ! האט ער אויסגערופען. מען יאגט אונז נאך !

— וואס טהוט מען ? האט דאניא ראזאריא געפרעגט מיט א ציטערענדער שטימע.

— מיר מוזען בלייבען שטעהן, האט קורומיללא געזאגט.

ער האט זיא אראָפּגעלאָזען אויף דער ערד און איז אויך אראָפּגעשפרונגען פון זיין פערד.

— האב צוטרויען צו מיר, האט ער איהר געזאגט שטילערהייט. איך וועל טהאן, וואס איך וועל נור קענען אום דיך צו רעטען.

דאס ארימע מעדכען האט געשוויגען. זיא האט איהם געלאָזען טהאן אלעס, וואס ער האט געהאלטען פאר נעטהיג אום זיא צו רעטען.

ער האט נעלאָזען דאס פערד, האט זיא גענומען אויף דיא הענד, וויא מען טראגט א קינד און איז נעלאפען מיט איהר צום וואלד, וועלכער איז געווען שוין ניט וויט.

— פאר וואס טראגט איהר מיך אויף דיא הענד? האט דאניא ראזאריא גע־פרעגט, איך קען אליין געהן.

— ווען דיא בלייכע געזיכטער געהן, לאזען זיי איבער א שפור אין גראז, האט קורומיללא געענטפערט. דיא קינדער פון דער פרעריע ווייסען וויא אזוי צו געהן און קיין שפור ניט צולאזען.

ער האט זיא אריינגעטראגען אין וואלד און האט זיא אניעדער געשטעלט לעבען א געדיכטען בוים.

— לאָז מיין שוועסטער זיך בעהאלטען אין דיא געדיכטע צווייגען פונ'ם בוים, האט ער איהר געזאגט. איך וועל באלד צוריקקומען.

— ווילט איהר מיך לאזען דא אליין? האט דאס אונגליקליכע מעדכען געפרעגט.

— איך מוז געהן, האט קורומיללא געענטפערט. איך מוז מיך זעצען אויף מיין פערד און אפנארען אונזערע פערפאָלגער. זיי וועלען הערען דיא טריט פון מיין פערד און וועלען מיר נאכלויפען, דערווייל וועט מיין שוועסטער זיין געראטעט.

דאניא ראזאריא האט געציטערט און גאר ניט געענטפערט. קורומיללא האט פערשטאנען, וויא דאס אונגליקליכע קינד ליידעט.

— דאס איז אונזער איינציגעס מיטעל זיך צו רעטען, האט ער געזאגט. ווען איהר ווילט אבער, וועל איך בלייבען דא.

איינינע אויגענבליקע האט זיא געשוויגען. זיא האט אליין ניט געוואוסט, וואס זיא זאל טהאן. ענדליך האט זיא זיך ענטשלאָסען.

— לאז מיין ברודער טהאן, וויא ער פערשטעהט, האט זיא געזאגט.

— אלזא, לאז זיך מיין שוועסטער בעהאלטען צווישען דיא צווייגען פונ'ם בוים.

ער האט צונומען דיא צווייגען און דיא קליינע בוימעלעך, וואס האבען געוואקסען ארום בוים. עס איז געווארען א קליינעס געצלט. דאניא ראזאריא איז אריינגעקראָכען אין דיזעס געצעלט, וויא א פייגעלע אין איהר נעסט, און האט זיך אניעדערגעזעצט. קורומיללא האט ווידער אויסגעגלייכט דיא צווייגען און דיא ביימלעך ארום און איז צוריקגעגאנגען צו זיין פערד.

שנעל, וויא א בליץ האט ער זיך אויף איהם ארויפגעזעצט און איז געפאהרען אין א גאנץ אנדערע זייט פונ'ם בוים, וואו דאניא ראזאריא איז געזעסען. ווען ער איז אוועקגעפאהרען א געוויסע שטרעקע, איז ער געבליעבען שטעהן, איז אראָפגעשפרונגען פונ'ם פערד און האט אפגעבונדען דיא שטיקער דעקע, מיט וועלכע ער האט פריהער פערבונדען דעם פערדס פיס. — פריהער האט ער געוואָלט, מען זאָל ניט הערען וויא זיין פערד לויפט. יעצט האט ער געוואלט, אז מען זאל יא דערהערען דיא טריט פון זיין פערד און מען זאל איהם נאכלויפען.

ער האט זיך ווידער ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז געלאָפען אלץ ווייטער

און וויטער פון׳ם בוים, וואו ער האט געלאזען דאניא ראזאריא. פון צייט צו צייט האט ער זיך צוגעהערט, אויב מען יאגט איהם נאך.

— עס איז געלונגען! האט ער געזאגט צו זיך אליין. זיי יאגען מיר נאך. זיי וועלען מיך אבער ניט קריגען.

ווען ער איז פארביי געפאהרען א בערגעל, איז ער אראפגעשפרונגען פון׳ם פערד אויפ׳ן בערגעל. דערביי האט ער געגעבען זיין פערד אזא שטארקען זעץ מיט דער האנד, אז דאס פערד איז אוועקגעפלויגען, וויא פון טייפעל געיאגט.

— לאזען זיי יעצט נאכיאגען דאס פערד! האט ער געזאגט. זיי וועלען עס חאפען. דער גרויסער גייסט אבער האט געמאכט דיא פערד שטום. זיי קענען ניט אויסזאגען וואס זיי ווייסען.

יעצט איז ער א שטיק וועג געקראכען אויף אלע פיער, וויא א ווילדעס טהיער, ביז ער איז צוגעקומען צו קליינע בוימעלעך (בושעס) פון דארט האט ער זיך אויסגעדרעהט אויפ׳ן וועג צום בוים, וואו דאניא ראזאריא איז געווען בעהאלטען. ער איז געווען זיכער, אז ער האט אפגענארט זיינע פערפאלגער.

— — — — — — — — — — — — — —

דאניא מאריא איז געזעסען מיט׳ן אינדיאנער פירסט און האט גערעדט. זיי האבען אפגערעדט, וויא אזוי צו רעטען דעם גענעראל בוסטאמענטע. אנטינאהועל האט געוואלט נאך היינט ביי נאכט אהיים פאהרען. ער האט געהייסען, מען זאל איהם ברענגען דאניא ראזאריא.

דאניא מאריא האט געקלאפט אין טיש — קיינער איז ניט אריינגעקומען. קיינער האט ניט געענטפערט. זיא איז אליין ארויסגעלאפען אין דרויסען זוכען דעם גרויען בער. ער איז פערשוואונדען! — דער גרויער בער האט זיא אפגענארט.

בלייך און אויפגערעגט איז זיא צוריקגעקומען און האט דערצעהלט דעם אינדיאנער פירסט, אז דאס מעדכען איז פערשוואונדען. אנטינאהועל איז אויפגעשפרונגען, וויא א טיגער, ביי וועלכען מען האט ארויסגעריסען א שטיק פלייש פון׳ם מויל. ער איז ארויסגעלאפען אין דרויסען און האט צונויפגערופען זיינע קריעגער, וועלכע האבען זיך דערוויילע אפגערוהט אין אנאנדער צימער.

— לויפט שנעל, וויא דער שטורם-ווינד אויף דער פרעריע! האט ער זיי בעפוילען, יאגט נאך א מאן מיט א מעדכען.

דיא קריעגער האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען זיך צולאפען אין פערשיעדענע זייטען. ער אליין איז געבליעבען מיט דאניא מאריא. פאר א טאקי פאסט ניט זיך נאכצויאגען נאך אן איינפאכען אינדיאנער.

ער האט יעצט וועניג גערעדט מיט איהר.ביידע זיינען געווען אויפגערעגט און אונגעדולדיג.ביידען איז געווען זעהר אונאנגענעהם, וואס דאניא ראזאריא איז אנטלאפען. ביידע האבען געקוקט אויף דער טהיר און האבען יעדע מינוט געווארט, אז זיא וועט זיך עפענען און זיינע קריעגער וועלען זיא צוריק אריינפיהרען אין צימער.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט. זיינע קריעגער האבען אנגעהויבען צוריק

צו קומען איינער נאכן אנדערן מיט לעדיגע הענד. דער לעצטער האט מיטגעבראכט א פערד, וועלכעס איז אין גאנצען געווען בעדעקט מיט שוים.

— דאס איז אלעס, וואס איך האב געקענט געפינען פון דיא אנטלאָפענע. זיי אליין זיינען, וויא אין דער ערד אריין.

דאס איז ווירקליך געווען דאס פערד, וועלכעס קורומיללא האט אוועקגע-טריעבען פון זיך אום אפצונארען זיינע פערפאָלגער.

דאניא מאריא איז געוואָרען בלייך און האט אנגעהויבען צו ציטערן פאר צאָרן און אויפרעגונג.

— זאל זיא טאקע אנטלויפען פון מיר? האט זיא געקריצט מיט דיא ציינער.— זאל איך זיא שוין קיין מאל ניט קענען האבען אין מיינע הענד?

— מיין שוועסטער מוז וויסען, אז פון מיינע הענד איז נאך קיינער ניט אנטלאָפען, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט קאלטבליטיג. ווען איך יאָג מיין פיינד, מוז איך איהם דערגרייכען.

— איך זעה דאך אבער, אז—

— געדולד! האט אנטינאהועל געזאגט פעסט. זיי זיינען געפאהרען אויף א פערד און האבען אפגענארט מיינע קריעגער. דאס איז גוט! יעצט האבען זיי קיין פערד ניט. צו פוס וועלען זיי ניט אוועקגעהן גאנץ ווייט. — אין א פאר שטונדען ארום וועלען זיי זיין אין מיינע הענד.

— אלזא, שנעל! לאמיר ניט צעגערן! האט דאניא מאריא אויסגערופען אונ-געדולדיג.

— מיין שוועסטער האט רעכט, האט אנטינאהועל געזאגט.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אויפגעשטאנען און האט אנגעקלאפט אן דער טהיר. איינער פון זיינע קריעגער איז אריינגעקומען.

— פרישע פערד! שנעל אנגעזאטעלט! האט אנטינאהועל בעפוילען.

אין איינינע מינוטען ארום איז ער מיט זיינע קריעגער ארויסגעפאהרען נאכ-יאָגען דאניא ראזאריא מיט איהר רעטער.

קורומיללא איז אונטערדעסען צוריקגעגאנגען צום בוים, וואו דאניא ראזאריא איז געלעגען בעהאלטען. עס האט ביי איהם גענומען א גערוימע צייט, ביז ער איז צוריקגעקומען צו איהר. ער האט געהערט, וויא זיינע פערפאָלגער האבען זיך נאכ-געיאגט נאך זיין פערד. ער האט געזעהן, וויא זיי האבען איהם צוריקגעפיהרט. ער האט געהאָפט, אז ער איז גערעטעט.

פלוצלונג, ווען ער איז שוין געווען גאנץ נאָהענט לעבען איהר, האט דערהערט, אז מען פערפאָלגט איהם פון אלע זייטען. ער האט גוט פערשטאנען, אז יעצט קען איהם רעטען נור איין זאך,— זיינע פערפאָלגער זאָלען ניט אויסגעפינען דעם בוים אונטער וועלכען זיא ליעגט בעהאלטען.

— וואס הערט זיך, פריינד? האט דאניא ראזאריא געפרעגט, ווען זיא האט איהם דערזעהן.

— קיינע האָפנונג, האט קורומיללא געענטפערט טרויעריג.

— קיינע האָפנונג? האט דאניא ראזאריא אויסגערופען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. — גאט אין הימעל! וואס האב איך אזעלכעס פערבראָכען, וואס דוא שטראָפסט מיך אזוי שטארק?

קורומיללא האט גאר נים געענטפערט. ער האט ארויסגענומען זיין מעסער פון׳ם גארטעל און האט זיך אניעדערגעזעצט לעבען דאניא ראזאריא. ער איז געווען בערייט צו קעמפפען פאר איהר ביז אין לעצטען טראפפען בלוט.

יעצט האט שוין דאניא ראזאריא אויך געהערט. וויא שווערע טריט פון פערד קומען אלץ נעהענטער און נעהענטער צום בוים, וואו זיא איז געלעגען בעהאלטען. יעצט האט זיא אנגעהויבען צו פערשטעהן, פאר וואס קורומיללא איז אזוי פער־צווייפעלט.

דער מוטהיגער קורומיללא האט זיך דערמאנט, אז ער האט נאך זיין קריגס האק אין זיין גארטעל. ער האט גענומען דיא האַק און האט דערלאנגט דאניא ראזאריא דאס מעסער.

— לאָז מיין שוועסטער זיין פארבערייטעט, האט ער געזאגט, דאס מאל קומט דער טיגער פון דער זון אליין.

— ארימער מענש! האט דאניא ראזאריא געזיפצט. צו וואס האָסט דוא מיך געוואָלט רעטען? איך בין אן אונגליקליכע, וועלכעס דאס שיקזאל פערפאָלגט. לאָמיך ליידען אליין. צו וואס זאל איך נאך מיטשלעפען אנדערע אין מיין אונגליק?

— מיין שוועסטער איז א פריינד פון דעם לעוּוען קאָפּ, האט קורומילא גע־ענטפערט. איך בין זיין ברודער. איך מוז רעטען מיין שוועסטער אדער שטארבען.

— אך ניין! איהר זאלט נים שטארבען פון מיינעטוועגען! האט דאניא רא־זאריא געבעטען און האט געבראָכען דיא הענד פון פערצווייפלונג.

— מיין שוועסטער וועט זעהן, אז א קאציק האט קיין מורא ניט פארן טויט, האט קורומיללא געענטפערט. איך מוז זיא פערטהיידיגען. נור איבער מיין טויטען קערפער זאלען זיי נעהמען מיין שוועסטער געפאנגען.

— קאציק! האט דאניא ראזאריא געבעטען, שטעלט ניט איין אייער לעבען פון מיינעט וועגען. איהר האט דאך אליין געהערט, אז דיעזע פרוי וויל, איך זאל לעבען. מיך וועלען זיי ניט טויטען. צו וועלכען צוועק אלזא זאלט איהר שטארבען? — זאָ לאנג איהר לעבט, האב איך נאך א האפנונג, אז איהר וועט מיך בעפרייען; ווען איהר וועט אבער שטארבען, וועט מיט אייך שטארבען מיין לעצטע האָפנונג.

קורומיללא האט געטראכט א פּאָר מינוטען.

— מיין שוועסטער האט רעכט. —

— געוויס! האט דאניא ראזאריא אויסגערופען. ווען איהר בלייבט לעבען, וועט איהר מעלדען מיינע פריינד, וואו איך בין און ווער עס האט מיך גענומען געפאנגען. איהר וועט דאן צוזאמען זוכען מיטעל, וויא אזוי מיך צו רעטען.

— פאָרדערט מיין שוועסטער, איך זאל בלייבען לעבען? האט ער געפרעגט.

— איך פאָרדער עס אים נאמען פון דעם גאָט, וועלכען איהר רופט אייער ברודער!

— נוט! דאן וויל איך געהן. און איך שווער מיין שוועסטער ביי דיא ביינער פון מיינע עלטערן, אז איך וועל ניט שווייגען און ניט רוהען, ביז מיין שוועסטער וועט זיין צוריק ביי איהרע פריינד.

דיא טריט פון דיא פערד זיינען צונעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער. אנטינאהועל מיט זיינע קריגער זיינען שוין נעווען גאנץ נאהענט לעבען בוים, וואו דאניא ראזאריא איז געלעגען בעהאלטען. קורומיללא האט זיך אויסגעצויגען אין גראז און האט זיך אויפגעקנעקייקעלט, וויא א שלאנג. קוים איז ער געווען ווייט פון איהר, האט זיא א געשריי געטהאן:

— אט בין איך! איך בעהאלט מיך ניט!

עטליכע רייטער זיינען געבליעבען שטעהן ארום בוים. דערמיט האט דאניא ראזאריא גערעטעט דעם קאציק קורומיללא.

48טעס קאפיטעל.

מינער און שלאנג.

דאניא ראזאריא איז ארויסגעקראכען פון דיא צווייגען פון בוים און האט זיך געשטעלט נעגען איהרע פערפאלגער שטאלץ, ענטשלאסען און מוטהיג. זיא איז געווען געפאסט אויף דאס ערגסטע.

דיא רייטער זיינען אראפגעשפרונגען פון דיא פערד און האבען זיך ארומגעשטעלט ארום איהר.

— הו — חו — הופ! האבען זיי געשריען מיט א ווילדער שטימע.

דאס איז געווען א צייכען צו אלע אנדערע, אז זיי האבען געפונען, וואס זיי זוכען. באלד זיינען געקומען צולויפען דאניא מאריא און אנטינאהועל.

דאניא מאריא איז געווען א פארטרעפליכע רייטערין. אין יענע צייט האט יעדעס מעדכען, וואס האט געוואוינט אויף א פארם געמוזט קענען רייטען. זיא האט זעהר אפט געמוזט זעצען זיך אויף א פערד און ארומלויפען אין דער פרעריע זוכען א קוה אדער אן אקס, וועלכער איז פערפאלען געווארען. זעהר אפט האט מען געמוזט לויפען אין שטאדט אריין נאך א מעדיצין אדער זאנסט נאך א גאנץ נעטהיגע זאך.

דער מענש, וואס לעבט יעצט אין א גרויסער שטאדט, וויא ניו־יארק, פילאדעלפיא, באסטאן אדער טשיקאגא, האט גאר קיין בעגריף ניט, וואס פאר א שווערעס לעבען דיא ערשטע עמיגראנטען אין אמעריקא האבען געפיהרט. פון איין פארם צו דער אנדערען איז געווען צעהנער מיילען ווילדער וואלד. שטעדט זיינען געווען זעהר ווענינ. פון א פארם אין שטאדט אריין איז געווען הונדערטער מייל. מענשען, וואס האבען געוואינט אין יאנקערס, צום ביישפיעל, פלעגען קומען קיין ניו־יארק צוויי מאל אין יאהר, ניט מעהר. — היינט פאהרט מען פון יאנקערס קיין ניו־יארק אין א האלבע שטונדע, דאמאלס איז עס געווען א רייזע, צו וועלכע מען האט זיך געמוזט פארבערייטען. — עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דיא מעדכען און פרויען פון יענער צייט פלעגען פאהרען אויף דיא ווילדעסטע פערד גלייך וויא דיא מענער.

ווען אנטינאהועל און דאניא מאריא זיינען צוגעקומען און האבען דערזעהן, ווא

דאס יונגע מעדכען שטעהט צווישען דיא ווילדע קריעגער, זיינען זיי אויך אראפגע-שפרונגען פון זייערע פערד. דאניא מאריא איז צוגעלאפען צו איהר און האט זיא אנגעהאפט ביי דער האנד.

— אזוי ? אזוי ? מיין שעהנע ? האט זיא געזאגט מיט א געלעפטער. דוא לאזט זיך בעטען ? דוא ווילסט, אז מען זאָל דיר נאכלויפען ?

דאניא ראזאריא האט ניט געענטפערט. זיא האט נור געוואָרפען אויף איהר א שטאָלצען און שטרענגען בליק.

— נו ! איך וועל שוין זעהן, אז דאס צווייטע מאל זאלסט דוא אונז ניט מאכען אזוי פיעל אונאנגעהמליכקייטען, האט דאניא מאריא ווייטער געזאגט.

— מאדאם ! איהר בעליידיגט מיך צופיעל ! האט דאניא ראזאריא געזאגט רוהיג. עס קען זיין, אז איהר האט אן אורזאכע מיך צו האסען, איהר האט אבער געוויס קיין אורזאכע מיך צו בעליידיגען.

— אָה ! איך זאל נור קענען, וואלט איך דיך צוטרעטען אונטער מיינע פיס, וויא מען צוטרעט א ניפטיגע שלאַנג ! האט דאניא מאריא אויסגערופען.

זיא האט אויפגעהויבען דיא האנד און האט זיא געוואלט שלאגען. דאניא ראזאריא האט געוואלט זיך אויסהיטען פון'ם זעץ. זיא האט געוואלט מאכען א שריט צוריק, איז אומגעפאלען מיט'ן קאפ אויף א שפיציגען צווייג און האט זיך צוריסען דיא הויט פון'ם שטערן. דיא קריעגער זיינען צוגעלאָפען און האבען זיא אויפגעהויבען. פון איהר שטערן האט גערונען בלוט איבער איהרע שעהנע באקען.

אנטינאָהועל איז צוגעלאפען צו איהר, וויא א טיגער, ביי וועלכען מען האט פערוואונדעט זיין קינד. ער האט זיא גענומען אויף דיא הענד, האט געברומט, וויא א ווילדעס טהיער, און האט זיך בעמיהט איינצוהאלטען דאס בלוט.

— לאז זיך מיין ברודער שעהמען ! האט דאניא מאריא אויסגערופען, ער איז דאך א טאָקי, דער גרעסטער פירסט פון דיא פועלטשעס ! ער זאל זיך אפגעבען מיט א ניעדעריגע שקלאפין, וועלכע איז ניט ווערטה אז מען זאל זיך אויף איהר אומקוקען ?

אנטינאהועל האט געשוויעגען. ער האט געוואָרפען אויף דאניא מאריא אזא ווילדען בליק, אז זיא האט א ציטער געטהאן און איז אפגעטרעטען פון'ם אונגליקליכען מעדכען. אנטינאהועל, וויא אלע ווילדע, האט געקענט דיא גראזען, וועלכע האלטען איין בלוט. ער האט געהייסען זיינעם א קריעגער ברענגען עטליכע בלעטער פון א געוויסען גראָז. ווען דער קריעגער האט געבראכט דיא בלעטער, האט ער זיי צוגעלעגט צו דאניא ראזאריא'ס שטערן. דיא בלעטער האבען געווירקט. דאס בלוט האט אויפ-געהערט און דאניא ראזאריא האט געעפענט דיא אויגען.

— נעהם און בינד צו דיעזע פרוי צו א פערד ! האט דאניא מאריא קאָמאנדירט.

— דיעזע פרוי געהערט מיר, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט שטרענג. קיינער טאר ניט געבען קיין בעפעהל וועגען דיעזער פרוי אויסער מיר.

— נאך ניט, טאָקי ! האט דאניא מאריא געענטפערט שטאָלץ. איהר פער־

נעסט, אז מיר האבען עפּעס אפּגעמאכט. ווען איהר וועט בעפרייען דעם גענעראל בוסטאמענטע, וועל איך אייך געבען דיעזע פרוי. דערווייל געהערט זיא נאך צו מיר.

— איהר פערגעסט, אז איך בין ניט אליין, האט אנטינאהועל איהר גענטפערט. איך האב מיינע קריעגער מיט מיר.

— נו, וואס איז דען, ווען איהר האט אייערע קריעגער מיט אייך?

— בין איך דער שטארקערער. אין דער פרעריע געהערט אלעס דעם, וועלבער איז שטארקער.

— שעהן! האט געזאגט דאניא מאריא מיט א ביטערן געלעכטער. אזוי האלט מיין ברודער, דער טאקי, זיין ווארט?

דיעזע ווערטער האבען געווירקט אויפ'ן אינדיאנער פירסט. יעדער אינדיאנער איז שטאָלץ דערמיט, וואס זיין ווארט איז היילינ.

— איך ליעב אבער דיעזע פרוי! האט ער געברומט.

— דאס וויים איך זעהר גוט! האט געלאכט דאניא מאריא.

— און איך וויל ניט, אז זיא זאל ליידען, האט אנטינאהועל ווייטער געזאגט.

— דאס איז ביי מיר דיא הויפּטזאכע. איך גיב זיא דיר, ווייל איך וויל, אז זיא זאל ליידען דיא גרעסטע שמערצען.

— ווען דיא בלומע פון וואלד רעבענט, אז דיעזע פרוי וועט ביי מיר ליידען, האט זיא א גרויסען טעות, האט דער אינדיאנער פירסט בעמערקט רוהינ.

— מיין ברודער קען ניט דאס הערץ פון א ווייסער פרוי, האט דאניא מאריא געזאגט ערנסט.

— איך פערשטעה ניט, וואס מיין שוועסטער מיינט.

איך וויל עס איהם ערקלערן. דיעזע פרוי וועט איהם קיין מאל ניט ליעבען. ער קען זיא צווינגען, זיא זאל לעבען מיט איהם. זיא וועט איהם אבער שטענדיג האסען און פעראכטען.

— דאס גלויב איך ניט. מען קען צווינגען א פרוי, זיא זאל אונז ליעבען, ווען מען וויים נור, וויא אזוי מיט איהר אומצוגעהן.

— דאס וועט שוין מיין ברודער שפּעטער געוואהר ווערן; דערווייל פאָרדער איך, ער זאל מיר צוריקגעבען מיין שקלאפין.

— מיין שוועסטער וועט זיא ניט האבען! האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט פעסט.

— פּראָביר נור זיא צונעהמען פון מיר! האט דאניא מאריא געשריען.

שנעל, וויא א טיגער, איז זיא צוגעלאפען צו דאניא ראזאריא, האט זיא אנגעהאפּט ביי דער האנד, האט ארויסגעהאפּט א מעסער פון איהר גארטעל און האט איהם צוגעלענט צום הארצען פון'ם אונגליקליכען מעדכען.

— רעד נאך א ווארט און איך וועל זיא דיר געבען. — אבער א טוידטע! האט זיא געקריצט מיט דיא צעהנער.

— האלט איין! האט געברומט אנטינאהועל. זאג, וואס דוא פערלאנגסט פון מיר!

— איך האב געוואוסט, אז איך וועל אויספיהרען! האט דאניא מאריא אויסגערופען.

דער אינדיאנער פירסט האט זיך געביסען דיא ליפען ביז אין בלוט. ער האט זיך געשעהמט, וואס א פרוי האט איהם בעזיעגט. ער האט גוט געקענט דאניא מאריא און האט געוואוסט, אז זיא איז אויף אלעם פעהיג. ער איז געוואָרען רוהיג און האט זיך זאגאר געצוואונגען צו שמייכלען.

— מיין שוועסטער איז אויפגערעגט, האט ער געזאגט. — מיר מאכט עס ניט פיעל אויס, אויב איך וועל האבען דיעזע פרוי יעצט אדער מיט איינינע שטונדען שפעטער.

— ניין, פירסט! ניט מיט איינינע שטונדען שפעטער, זאנדערן ווען איהר וועט מיר ברענגען דעם גענעראל בוסטאמענטע. — א קאָפּ פאר א קאָפּ!

— גוט! איך נעהם אן דיעזע בעדינגונג, ווען מיין שוועסטער פאָרדערט עס פון מיר.

— דאס איז נאך פאר מיר ניט גענוג, האט דאניא מאריא געזאגט. איך וויל, אז מיין ברודער זאל מיר בעווייזען, אז ער מיינט עס ערנסט און וועט גאר ניט טהאן געגען מיר, ביז ער וועט בעפרייען דעם גענעראל.

— מיט וואס קען איך עס בעווייזען? האט אנטינאהועל געפרעגט.

— ער זאל שווערן ביי דיא ביינער פון זיינע עלטערן, אז ער וועט טהאן אלעס, וואס איך וועל איהם הייסען, ביז ער וועט מיר ברענגען דעם גענעראל.

אנטינאהועל האט זיך פערטראכט. שווערן ביי דיא ביינער פון זיינע עלטערן איז דיא הייליגסטע שבועה ביי דיא אינדיאנער. פאר אזא שבועה ציטערן זיי. דיא ביינער פון זייערע עלטערן איז ביי זיי דיא הייליגסטע זאך אויף דער וועלט. — אנטינאהועל האט ניט געוואָלט שווערן אזא הייליגע שבועה. ער האט אבער אנדערש ניט געקענט. ער האט מורא געהאט, אז זיין שוועסטער זאל ניט טוידטען דאס אונגליקליכע מעדכען, וועלכעס ער האט געליעבט. ענדליך האט ער זיך ענטשלאָסען.

— גוט! איך שווער ביי דיא ביינער פון מיינע עלטערן, אז איך וועל פאלגען אלעס, וואס מיין שוועסטער וועט מיר הייסען, ביז איך וועל בעפרייען דעם גענעראל.

— דאנק דיר, ברודער! דוא ביסט א גרויסער פירסט! האט דאניא מאריא געזאגט.

זיא האט זיך יעצט געווענדעט צו איהרע דיענער און האט זיי געהייסען צו־בינדען דאניא ראָזאריא צו א פערד.

— זיא האט שוואכע פיס, דיעזע שקלאפין! האט זיא געלאכט. מען מוז זיא פיהרען.

דיא דיענער האבען גענומען דיא האלב אהנמעכטיגע דאניא ראזאריא און האבען זיא צוגעבונדען צו א פערד. דער אינדיאנער פירסט האט עס געזעהן און האט געוואָרפען אויף דאניא מאריא אזא ווילדען בליק, אז ווען זיא וואָלט איהם בעמערקט, וואלט זיא זיך פיעללייכט פערטראכט. זיא וואלט פיעללייכט פערשטאנען, אז זיא רייצט א טיגער.

דאניא מאריא איז אבער אזוי זיכער געווען אין איהר זיעג, אז זיא האט זיך ניט אומגעקוקט און האט געהייסען צובינדען דאס אונגליקליכע קינד נאך פעסטער, אז דיא שטריק זאלען איהר שניידען דאס לייב.

49טעס קאפיטעל.

דיא ליעבע פון אן אינדיאנער.

אלע זיינען יעצט צוריקגעפאהרען אין דארף סאן מיגעל. אנטינאהועל האט געוואלט פאהרען א היים און טהאן עפעס וועגען דעם קריעג געגען דיא ווייסע מענשען, וועלכען ער אליין האט בעשלאסען; ער האט עס אבער ניט געקענט. א מאגנעט האט איהם געצויגען צוריק. ער האט געזעהן, וויא מען האט צוגעבונדען דאס אונגליקליכע מעדכען צו א פערד און זיין ווילדער כאראקטער, זיין גייסט פון פרייהייט און אונאבהענגיגקייט, זיין צארן איבער דיא אונמענשליכקייט פון דיא ווייסע מענשען האט אויפגעקאכט אין איהם, וויא וואסער אין א פערמאכטען קעסעל.

ער האט זיך געביסען דיא פינגער פאר צארן און אויפרעגונג. זיין האס צו דיא ווייסע מענשען איז געוואקסען מיט יעדער מינוט און דאך האט ער זיך איינגעהאלטען. אויף זיין רויטעס געזיכט האט מען ניט געקענט זעהן, וואס עס קאכט און זיעדעט אין זיין הערצען.

באלד איז מען אנגעקומען אין דארף. דיא אונגליקליכע דאניא ראזאריא איז געווען אין א שרעקליכען צושטאנד. זיא איז געווען בעוואוסטלאז. אין דיא ערטער, וואו דער שטריק האט זיך ארומגעוויקעלט ארום איהר קערפער, האבען זיך געוויזען בלויע פלעקען, פערלאפען מיט בלוט. איהרע האר זיינען געווען פול מיט שטויב און מיט דערנער פון דיא גראזען און ביימלעך פון דער פרעריע. איהר געזיכט איז געווען בעדעקט מיט בלוט און שטויב. איהר גאנצער קערפער האט געציטערט און זיא האט געאטהעמט זעהר שווער.

דאניא מאריא האט געהייסען איהרע דיענער אראפנעהמען דאס אונגליקליכע מעדכען פונ'ם פערד און זיא אריינטראגען אין דעמזעלבען צימער, אין וועלכען קורומיללא האט זיא אריינגעטראגען דיא פאריגע נאכט.

— ארימעס קינד! האט אנטינאהועל געזיפצט, ווען ער האט געזעהן, וויא דיא ווילדע אינדיאנער טראגען דיא בעוואוסטלאזע דאניא ראזאריא, וויא א שטיק האלץ.

— טאקי! האט אויסגערופען דאניא מאריא. — טאקי! וואס איז מיט אייך? איהר זייט דער גרעסטער פירסט פון אייערע פעלקער; איהר זייט דער גרעסטער קריעגער פון דיא פועלטשעס! איהר זאלט בעדויערן, וואס א ניעדריגע שקלאפין לייךעט אביסעל! דאס איז א שאנדע פאר אייך! — ליעבט איהר דען אזוי שטארק דיעזעס מעדכען?

— מיין שוועסטער רעדט גוט, האט אנטינאהועל געענטפערט. איך ווייס ווירקליך ניט, וואס מיט מיר איז געשעהן. איך ווייס ניט, פאר וואס איך בעדויער אזוי דיעזעס מעדכען. זיא האט א בלייכעס געזיכט און דיא בלייכע געזיכטער האבען

נעהאנדעלט נעגען מיר אזוי שלעכט, אזוי אונגערעכט, אז איך דארף זיי אלע האסען.— איך ליעב זיא אבער! האט ער ווייטער געזאגט ערנסט. — איך ליעב זיא, אז איך פערגעס אן אלעמען. איך פערגעס דעם האס נעגען דיא בלייבע נעזיכטער, וועלכע ברענט אין מיר, וויא א פייער; איך פערגעס דיא בעליידיגונגען, וואס מיין פאלק האט געליטען פון דיא בלייבע נעזיכטער — איך פערגעס אלעס!

— אזוי שטארק ליעבט, מיין ברודער דיעזע פרוי? האט דאניא מאריא גע-פרעגט פערוואונדערט.

— יא, שוועסטער! אזוי שטארק ליעב איך דיעזע פריי. הער מיך אויס. איך האב שוין דערצעהלט מיין שוועסטער, דיא געשיכטע פון מיינע עלטערן. מיין שוועס-טער וויים אבער נאך ניט אלעס. —

— נאך ניט אלעס? מיין ברודער האט נאך עפעס צו דערצעהלען?

— איך האב נאך פיעלעס צו דערצעהלען. — ווען מיין פאטער איז נעלעגען אויף זיין טוידטען בעט, האט ער מיך צוגערופען צו זיך און האט מיר געזאגט: — מיין זוהן, דוא ביסט דער לעצטער פון דער גרויסער און מוטהיגער פאמיליע פון א פירסט, וועלכער האט געשוואָרען זיך נוקם צו זיין אן דער פאמיליע דע לעאָן. יעצט לעבען נור צוויי מענשען פון דיעזע צוויי פיינדליכע פאמיליען: דוא פון אונזער פא-מיליע און א ווייסער מיט'ן נאמען דאן טאדעאָ דע לעאָן פון אונזערע פיינד. ביז אהער איז ניט מיר, ניט מיינע עלטערן ניט געלונגען זיך נוקם צו זיין אן זיי. דוא ביסט יונג, דוא ביסט בראַוו, דוא ביסט שטארק — פיהר דוא אויס, וואס מיר האבען ניט געקענט. לאזען דיינע פיילען טרעפען דאס הערץ פון אונזער פיינד.

איך האב איהם געשוואָרען, אז איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל מיך נוקם זיין אן דאן טאדעאָ דע לעאָן. מיין פאטער איז געשטאָרבען. איך בין נעגאנגען אויס-פיהרען זיין לעצטען ווילען. איך בין געקומען קיין סאנט יאגא, וואו דאן טאדעא האט דאמאָלס געוואוינט, און האב נעזוכט א געלעגענהייט איהם צו טוידטען. איך האב נעפונען דיעזע געלעגענהייט. איך האב אויסגעשאָסען איינעם פון מיינע שרעקליכסטע פיילען. — ער האט ניט געטראפען. עס זיינען אנגעלאפען מענשען, מען האט מיך נעבונדען, מען האט מיך געשלאגען, מען האט מיך פערוואונדעט און מען האט מיך געוואלט אויפהעננגען אויפ'ן ערשטען העכסטען בוים.

וויים מיין שוועסטער, ווער עס האט מיך גערעטעט פון'ם טוידט? — דיעזעס מעדכען! זיא האט דערזעהן, וויא מען שלעפט מיך פערבלוטיגט און פערוואונדעט; זיא איז ארויסגעלאפען פון איהר הויז, האט אנגעהויבען צו בעטען און צו וויינען, אז מען זאל מיך אפלאזען. מען האט איהר ניט געוואלט הערן. זיא האט מיך מיט געוואלד ארויסגעריסען פון דיא הענד פון מיינע פיינד, האט געהייסען מיך אריינטראגען צו איהר אין שטוב, האט נעהייסען ארומוואשען מיינע וואונדען און זיי פערבינדען.

איך בין געבליעבען ביי איהר אין הויז עטליכע וואכען, ביז איך בין געזונד געוואָרען. זיא איז ארומגעגאנגען ארום מיר, וויא ארום א קראנקען ברודער. דאמאלס האב איך זיא אנגעהויבען צו ליעבען. פון דאמאלס אן איז זיא מיר געווארען טהייער. פון דאמאלס אן ברענט אין מיין הערצען א שרעקליכעס פייער. אמאל דערמאָן איך

מיך אָן אלע בעליידיגונגען און אונגערעכטיגקייטען, וואס דיא בלייבע געזיכטער האבען בעגאנגען געגען אונז, ארימע אינדיאנער, איך בין בערייט צונויפצורופען אלע מיינע קריעגער און אנצופאלען אויף דיא ווייסע — מיין טוידט אדער זייער טוידט!

באלד אבער שטעלט זיך מיר פאר דאס גוטע, עדעלע געזיכט פון דיעזעס מעדכען, וויא זיא קריעגט זיך מיט איהרע ברידער און פערטהיידיגט איהר פיינד. איך לאָז דאמאלס אפּ דיא הענד און וואלט ארומגענומען יעדען ווייסען מענשען, וויא מיין ברודער.

— האט מיין ברודער זיא געזעהן זייט יענער צייט? האט דאניא מאריא גע־פרעגט. האט ער אמאל גערעדט מיט איהר?

אין דיא אויגען פון'ם אינדיאנער פירסט האט זיך אנגעצונדען א זאנרערבארעס פייער. ער האט צונויפגעלעגט זיינע הענד אין שרעקליבע פויסטען, האט א ציטער געטהאן און האט אויסגערופען מיט אן אונמענשליכער שטימע:

— מיט איינינע טעג צוריק, ווען איך האב געוואלט ארויספאהרען פון מיין דארף, האט זיך מיין מוטער מיר געשטעלט אין וועג. זיא האט געוואוסט, וואוהין איך וויל געהן און וואס עס ציהט מיך קיין וואלדיוויא. —

— אייער מוטער? האט דאניא מאריא איבערגעפרעגט. אייער מוטער מישט זיך דאך קיין מאל ניט אריין אין אייערע געשעפטען?

— דאס מאל אבער האט זיא זיך געהאלטען אן זאמטעל פון מיין פערד און האט מיך ניט געוואלט לאזען פאהרען. — ווייסט איהר, וואס עס איז געשעהן? איך האב צוטרעטען מיין מוטער מיט דיא פיס פון מיין פערד! — טוידטען א מוטער! איז עס ניט א זינד? איך האב עס געטהאן, ווייל זיא האט מיך ניט געוואלט לאזען פאהרען זעהן דיעזע פרוי!

ווען מיין שוועסטער ווייטער פרעגען, אויב איך ליעב דיעזע פרוי? האט דער אינדיאנער פירסט ווייטער געזאגט און זיין גאנצער שטארקער, אייזערנער קערפּער האט געציטערט פאר אויפרעגונג.

דאניא מאריא האט אויף איהם א קוק געטהאן און האט זיך דערשראָקען. זיא האט איינגעזעהן, אז זיא איז געגאנגען צו ווייט; זיא האט פערשטאנען, אז זיא האט אזוי שטארק גערייצט דעם טנער, אז ער איז בערייט נאך א מאל צו צוטרעטען מיט דיא פיס אלעס, וואס איז איהם טהייער און הייליג.

— לאָז מיין ברודער ענטשולדיגען, האט זיא געזאגט מיט א מילדער שטימע. איך האב ניט געוואוסט, אז מיין ברודער ליעבט דיעזע פרוי אזוי שטארק. איך וואָלט ניט אזוי געהאנדעלט געגען איהם.

— וואס מיינט מיין שוועסטער?

— איך מיין, אז איך וואָלט זיא ניט בעשטראפט אזוי שטארק, וויא איך האב עס געטהאן.

דער אינדיאנער פירסט האט געוואָרפען אויף איהר א ווילדען פייערינגען בליק, אז זיא האט א ציטער געטהאן.

— ווען מיין ברודער ליעבט זיא אזוי שטארק, וועל איך זיא איהם געבען, האט זיא געזאגט. און אין א שטונדע ארום זאל ער זיא האבען.

— אה! האט אויסגערופען דער אינדיאנער פירסט מיט א ווילדער פרייד. ווען מיין שוועסטער וועט עס טהאן, וועל איך זיין איהר שקלאפע, איהר דיענער!

— איך וועל עס טהאן, האט דאניא מאריא געזאגט. איך וויל זיא געבען מיין ברודער. איך וויל איהם נור דערמאנען, אז מיר קענען דא לאנג ניט בלייבען. מיר האבען נאך פיעלע וויכטיגע זאכען צו בעזארגען.

— אנטינאהועל פערגעסט גאר ניט. איך ווייס, אז מיין שוועסטער'ס פריינד, דער גענעראל, געפינט זיך אין געפאהר. איך וועל איהם בעפרייען.

— גוט! אלזא, לאז מיין ברודער זיך פארבערייטען ארויסצופאהרען פון דאנען אין איינער מינוטען.

דער אינדיאנער פירסט איז ארויסגעגאנגען הייסען זיינע קריעגער, זיי זאלען זיך פארבערייטען אין וועג.

קוים איז ער ארויסגעגאנגען, איז דאניא מאריא אויפגעשפרונגען פון איהר זיץ און איז געלאפען אין צימער, וואו דאס אונגליקליכע מעדכען איז געלעגען אויף א הארט בעט פון אקסען־פעל.

— דורך דיעזע פרוי וועל איך דיך האלטען אין דיא הענד, דוא רויטער טייפעל! האט זיא געמורמעלט צווישען דיא צעהנער.

זיא האט אויפגעהויבען דאניא ראזאריא'ס קאפ און האט איהר אריינגעגאסען אין מויל איינינע טראפען קאניאק. דאניא ראזאריא האט באלד געעפענט דיא אויגען. דאניא מאריא האט ארומגעוואשען איהרע וואונדען, האט זיי פערבונדען, האט צו־רעכט געמאכט דאניא ראזאריא'ס האר און האט זיא אויפגעזעצט אויפ'ן בעט אונטער־געשפארט מיט א קישען.

דאניא ראזאריא האט דיא גאנצע צייט קיין װארט ניט גערעדט. זיא האט געלאזען דאניא מאריא טהאן מיט איהר, וואס זיא האט געוואלט.

באלד איז אנטינאהועל אריינגעקומען און האט געזעהן, וויא דאניא ראזאריא זיצט אויפ'ן בעט.

— מיר קענען פאהרען, האט ער געזאגט.

— איך בין אויך בערייט, האט דאניא מאריא געענטפערט.

— וואס זאלען מיר אבער טהאן מיט דיעזעס מעדכען?

— מיין ברודער זעהט דאך, אז זיא איז זעהר שוואך און קען נאך ניט זיצען אויף א פערד. לאמיר זיא דא לאזען. איך וועל אנזאגען, אז מען זאל זיא דא גוט בעהאנדלען.

דער אינדיאנער פירסט האט זיך פערטראכט. ער האט זעהר ניט געוואלט לאזען דא דאניא ראזאריא, ער האט אבער זעהר גוט געזעהן, אז יעצט איז אונ־מעגליך זיא מיטצונעהמען. זיא איז צו שוואך. ווייטער בלייבען האט ער אויך ניט געקענט. ער האט געוואוסט, אז דיא קריעגער וועלען קומען צו איהם און ווארטען אויף זיינע בעפעהלע, וויא ער האט זיי אנגעזאגט נאכ'ן קריעגס ראטה.

— אלזא, לאמיר פאהרען! האט ער נעזאגט.

ער האט גערעכענט, אז קוים ועט ער אוועקפיהרען דאניא מאריא פון דאנען, וועט ער שוין געפינען מיטעל, וויא אזוי צו ברענגען דאניא ראזאריא צו זיך אין דארף.

— זיי געזונד! האט דאניא מאריא געזאגט צום אונגליקליכען פערדפען. מיר וועלען זיך נאך א מאל זעהן.

— מאדאם! האט דאניא ראזאריא געענטפערט טרויעריג. איך פלוך אייך ניט, איך שילט אייך ניט. איך ווינש אייך נור, אז אייערע קינדער זאלען קיין מאל ניט ליידען אזעלכע שמערצען, וועלכע איהר האט מיר געמאכט ליידען זייט נעכטען!

דאניא מאריא האט א ציטער געטהאן. ווען א הייסער אייזען זאל געווען בע־ריהרען איהר הערץ, וואלט זיא ניט געפיהלט אזא שמערץ, וויא פון דיא לעצטע ווערטער פון'ם אונגליקליכען קינד, וועלכעס זיא האט געמארטערט אזוי אומזיסט, אזוי אונשולדיג. זיא איז ארויסגעלאפען פון'ם צימער אזוי האסטיג, גלייך וויא דער באדען וואלט געברענט אונטער איהרע פיס.

דאניא ראזאריא איז צוריקגעפאלען אויף איהר געלעגער.

— מוטער, מוטער! האט זיא אויסגערופען. ווען דוא לעבסט ערגעץ, פאר וואס קומסט דוא ניט העלפען דיין קינד?

און גרויסע, הייסע טראפען טרעהרין האבען זיך געגאסען פון איהרע אויגען אויף'ן שמוציגען קישען.

50טעס קאפיטעל.

פארבערייטונגען.

איינינע מינוטען נאך דער סצענע, וואס מיר האבען בעשריעבען, זייען עטליכע רייטער געפאהרען פון'ם דארף סאן מיגעל אויף'ן וועג צום דארף, וואו אנטינאהועל האט געוואוינט.

פאראויס זיינען געריטען דאניא מאריא און דער אינדיאנער פירסט. ביידע האבען געשוויעגען. דיא זון האט געלייכטעט העל און ווארם. דיא פרעריע איז לעבעדיג געווארען. טויזענדער פייגעל זיינען געפלויגען אין דער לופט. טויזענדער קליינע טהיערע זיינען ארומגעקראכען אין גראז. אלעס איז געווען פרעהליך און לוסטיג, נור דער מענש, דער הערשער פון דער וועלט, האט זיך ניט געפרעהט מיט דער לעבער זון. ער האט געטראכט וויא צו טויטען זיין ברודער!

שטיל, פערטראכט, פערדראסען, בייז און אויפגערעגט זיינען דיא רייטער אוועקגעפאהרען איינינע צייט. פלוצלונג איז זיי ענטגעגען געקומען א רייטער. דער אינדיאנער פירסט האט איהם דערקענט פון דער ווייטען, דאס איז געווען דער שווארצער הירש. ער האט געהייסען בלייבען שטעהן און ווארטען, ביז דער שווארצער הירש וועט צוקומען צו זיי.

— פאר וואס איז מיין ברודער געבליעבען שטעהן? האט דאניא מאריא גע־פרעגט אונגעדולדיג.

— איז מיין שוועסטער א קריגער? האט אנטינאהועל געפרעגט בייז.

דאניא מאריא האט פערשטאנען, אז דא קומט איינער פון אנטינאהועל'ס קריעגער, וועלכער ברענגט איהם עפעס א נאכריכט, און האט גאר ניט גענטפערט.

דער אינדיאנער פירסט האט געהייסען זיינע קריעגער בלייבען שטעהן. ער אליין איז געפאהרען אייניגע שריט ענטגעגען דעם שווארצען הירש.

דער שווארצער הירש האט גענעבען זיין פערד דיא שפאָרען און איז באלד געשטאנען לעבען זיין טאָקי. ער האט זיך פאר איהם פערניינט און האט געזאגט:

— קומט מיין פאטער שוין צוריק צו זיינע קינדער?

— יא, האט אנטינאהועל געענטפערט קורץ. — וואס האט מיין ברודער געטהאן פון נעכטען אן?

— איך האב אויסגעפיהרט דיא בעפעהלע, וואס מיין פאטער האט מיר געגעבען.

— אלע?

— אלע.

— זיינען אלע פעלקער בערייט אויפצוהויבען דיא קריעגס האַק?

— אלע.

— גוט! האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט. האט מיין ברודער נאכריכטען פון'ם גרויסען דאָרף פון דיא בלייבע געזיכטער? — וואס טהוען זיי דארט?

— עטליכע הונדערט רייטער וועלען אין א קורצע צייט ארויספאהרען פון'ם גרויסען דאָרף.

— וואוהין פאהרען זיי?

— זיי פיהרען זייערן א געפאנגענעם, דעם קריעגער, וועלכען זיי רופען בוסטא-מענטע, קיין סאנט יאגא.

— ווייס מיין ברודער, ווען זיי וועלען ארויספאהרען פון וואלדיוויא?

— מען זאגט, מארגען אין דער פריה.

דער אינדיאנער פירסט האט צוגערופען דאניא מאריא און האט איהר דער-צעהלט דיא נאכריכטען, וואס דער שווארצער הירש האט איהם געבראכט. דאניא מאריא האט זיך דערפרעהט. אויפ'ן וועג וועט זיין זעהר לייכט צו בעפרייען דעם גענעראל.

דער אינדיאנער פירסט האט געטראכט אייניגע מינוט און האט געזאגט צום שווארצען הירש:

— מיין ברודער זאל יעצט רייטען צום טאהל, וואו עס פליעסען דיא וואסערן פון ריא. דאָרט זאָל ער אויף מיר ווארטען. פאר נאכט וועל איך ביי איהם זיין.

— גוט! האט דער שווארצער הירש געזאגט. איך וועל טהאן, וויא מיין פאטער הייסט מיר.

— מיין ברודער איז א קלוגער קריעגער. ער וועט וויסען, וויא אזוי אויסצו-פיהרען מיינע בעפעהלע.

דער שווארצער הירש האט זיך פערניינט. איהם איז געווען אנגענעהם, וואס דער טאָקי האט איהם געלויבט. ער האט פערשטאנען, אז דער טאָקי הייסט איהם דאָרט ווארטען ניט אליין. ער זאל מיטנעהמען עטליכע קריעגער מיט זיך. ער האט

אויסגעדרעהט זיין פערד און איז באלד פערשוואונדען געוואָרען.

דער אינדיאנער פירסט און דאניא מאריא זיינען ווייטער געפאהרען זייער וועג. איינינע צייט האבעןביידע געשוויעגען. פלוצלונג האט ער זיך אומגעקערט צו איהר און האט זיא געפרעגט:

פערשטעהט מיין שוועסטער, פאר וואס איך האב געהייסען דעם הויפטלינג ווארטען דארט לעבען טייך?

— ניין, האט זיא געענטפערט און האט איהם געוואלט א שטאָך טהאן. — מיין ברודער האט דאך געזאגט, אז איך בין ניט קיין קריעגער.

אנטינאהועל האט זיך געמאכט ניט הערענדיג.

— גאנץ איינפאך, האט ער געזאגט. דיא בלייבע געזיכטער מיט׳ן געפאנגענעם בוסטאמענטע וועלען מוזען דורכפאהרען יענעם טאהל. ווען איך מיט פופציג פון מיינע בעסטע קריעגער וועל מיך בעהאלטען אין וואלד אויפ׳ן וועג, וועלבען זיי מוזען דורכפאהרען, וועל איך זעהר לייכט קענען אנפאלען אויף זיי און בעפרייען דעם געפאנגענעם.

— איז דען ניטא קיין אנדערער וועג קיין סאנט יאגא? האט דאניא מאריא געפרעגט.

— ניין, זיי מוזען דורכגעהן דיעזען טאהל.

— אויב אזוי, קען מיין ברודער זיכער זיין, אז ער וועט רעטען דעם גענעראל! האט דאניא מאריא אויסגערופען פול פרייד.

— וויא דער שטורמווינד וועל איך מיט מיינע קריעגער אנפאלען אויף דיא בלייבע געזיכטער. קיינער פון זיי וועט ניט בלייבען לעבען. — דיעזער טאהל איז אונז גוט בעקאנט. מיר האבען שוין ניט איין מאל געשלאגען דיא בלייבע געזיכטער אין דיעזען טאהל.

— מיין ברודער איז א גרויסער פירסט. ער איז קלוג און טאפפער. ער פערדיענט צו זיין א טאַקי איבער אלע פעלקער פון דיא פועלטשעס!

51טעס קאפיטעל.

לאַכען מעג נור דער, ווער אם ענדע לאַכט.

עס זיינען פערגאנגען דריי טעג, זייט לואיס איז פערוואונדעט געוואָרען. קורומיללא האט רעכט געהאט. זיינע וואונדען זיינען געווען זעהר לייכט. אונטער דער בעהאנדלונג פון א גוטען דאקטאָר איז ער באלד געזונד געוואָרען. אויפ׳ן דריטען טאג, איז ער שוין געווען אים שטאנד צו זעצען זיך אויף א פערד און צו פאהרען.

דאן טאדעאָ איז געווען גליקליך, וואס לואיס איז אזוי גיך געזונד געוואָרען. א נייע זארג אבער האט זיך יעצט פאַרגעשטעלט און האט זיי ביידען ניט געלאזט רוהען. עס איז שוין דער דריטער טאָג, זייט וואלענטין, טראנגאַיל־לאנעק, קורומיללא און זיין ניופונדלענדער הונד, צעזאר, זיינען אוועקגעפאהרען זוכען דאניא ראזאריא. זיי זיינען נאך ניט צוריקגעקומען און עס איז פון זיי נאך קיין נאָכריכט ניטא. — וואו זאָלען זיי זיין? וואס איז מיט זיי געשעהן?

דאן טאדעאָ איז געווען נאך מעהר אונרוהיג אלס לואיס. ער האט געציטערט יעדעס מאל, ווען ער האט זיך דערמאנט, אז זיין טאָכטער, זיין אייציגעס קינד געפינט זיך יעצט אין דיא הענד פון זיין גרעסטען פיינד. ער האט געוואוסט, אז דאניא מאריא וועט זיא ניט שוינען — און דא איז ער געבונדען. ער קען זיך ניט ריהרען.

ער האט זיך דערוויטערט פון אלע געשעפטען. ער האט איבערגעגעבען דאן גרינאריא דיא רעגיערונג און דיא מאכט איבער דיא דונקעלע הערצער. ער איז ארומגעגאנגען, וויא א שאָטען און האט געקוקט דורכ'ן פענסטער, פיעללייכט וועט קומען איינער, וואס וועט איהם ברענגען א נאכריכט פון זיין קינד. זיין פאָטער-הערץ האט געציטערט און זיך צוזאמענגעצויגען יעדעס מאל, וואס דיא טהיר האט זיך געעפענט און א נייער מענש איז אריינגעקומען.

לואיס איז אויך געווען זעהר אונרוהיג און אונגעדולדיג. ער האט געבעטען דאן גרינאריא, ער זאל גיכער ארויספאהרען פון וואלדיוויא מיט א גרויסער מאכט. ער האט געזעהן, אז אויפ'ן וועג וועלען זיי בעגעגענען וואלענטינען אדער קורומיללא און וועלען געוואהר ווערן, וואו דאניא ראזאריא געפינט זיך יעצט.

עס איז אכט אוהר אבענדס. אין לואיס צימער האט מען נור וואס אנגעצונדען א ליכט. דאן טאדעא זיצט לעבען איהם, דעם קאפ אראפגעלאזען אויף דער ברוסט טרויעריג און פערטראכט. פלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט און א מאן איז אריינגעקומען. לואיס איז אויפגעשפרונגען פון'ם שטוהל.

— קורומיללא! מיין ברודער! האט ער אויסגערופען.

— יא, איך בין עס, האט קורומיללא געענטפערט טרויעריג.

מען האט געזעהן, אז ער איז שרעקליך מיעד און הונגעריג. ער האט זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס. דאן טאדעאָ האט באלד געהייסען ברענגען עסען און טרינקען און איהם געבען. וויא א הונגעריגער וואלף, האט זיך קורומיללא צוגעכאפט צום עסען. ער האט ניט געגעסען, ער האט געשלונגען דיא שפייזען, וואס מען האט געשטעלט פאר איהם.

ווען ער האט געשטילט זיין הונגער, האט קורומיללא אנגעהויבען צו דערצעה-לען אלעס, וואס מיט איהם האט פאסירט. וויא ער האט אויסגעפונען דיא שפורען פון דאניא ראזאריא'ס רויבער, וויא ער האט זיא שוין געהאט בעפרייט, וויא אנטי-נאהועל האט איהם נאכגעיאָגט און האט זיא ווידער געפאנגען גענומען און וויא ער איז זיי שטילערהייט נאכגעגאנגען, ביז ער האט געזעהן, אז זיא איז דערווייל זיכער.

דאן טאדעאָ און לואיס האבען איהם געדאנקט פאר זיין טרייהייט און פאר זיין פריינדשאפט.

— איהר האט מיר ניט וואס צו דאנקען, האט דער אינדיאנער געזאגט. איך האב נאך דערווייל גאר נישט געטהאן; פון אייערטוועגען און איך וויים ניט, וואָס איך קען יעצט טהאן. זיי האבען געלאזען דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען אונטער א שטארקע וואך פון דיא בעסטע קריעגער.

— מאָרגען פאָהרען מיר אלע ארויס, האט דאן טאדעאָ געזאָגט. אלע אונזערע קריעגער וועלען פאהרען זיא זוכען און זיא בעפרייען.

— יאָ, איך וויס, אז איהר פאהרט מאָרגען ארויס, האט קורומיללא געזאָגט רוהיג.

לואיס און דאן טאדעאָ האבען זיך אנגעקוקט. — פון וואַנען וויס דער אינדיאנער, וואס זיי האבען בעשלאָסען ביי זיך ? קורומיללא האט עס פערשטאַנען.

— פאר דיא פועלטשעס זיינען קיינע געהיימניסע ניטאָ, האט ער זיך אפגערופען. ווען זיי ווילען עפעס וויסען, ווערן זיי עס געוואהר.

— דאס קען ניט זיין ! האט דאן טאדעאָ אויסגערופען.

ער האט געשיקט אריינרופען דאן גרינאַריא און האט איהם געפרעגט, אויב ער האט שוין געגעבען דעם בעפעהל, אז מאָרגען זאלען אלע ארויספאהרען.

— איך האב געגעבען דעם בעפעהל נור צו צוויי העכערע אפיציערן, האט דאן גרינאריא געענטפערט. אויסער זיי וויס נאך דערוויל קיינער ניט פון אונזער בעשלוס.

— אלזא, פון וואַנען וויים עס דער קאציק ? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

דאן גרינאַריא האט געשוויעגען. וואס האט ער געקענט ענטפערן אויף אזא פראגע ?

— הערט מיך אויס, האט קורומיללא געזאגט. מאָרגען אין דער פריה וועלען ארויספאהרען רייטער פון וואלדיוויא. זיי וועלען פיהרען דעם געפאַנגענעם בוסטאַמענטע קיין סאַנט יאגאָ. — איז עס וואהר ?

— עס איז וואהר, האט דאן גרינאריא געענטפערט שטילערהייט.

ער האט זיך געשעהמט פאר זיך אליין. וויא איז דאס מעגליך, אז דער אינדיאנער זאל וויסען פון א זאך, וועלכע זיי האבען אפגערעדט צווישען זיך. דאכט זיך, קיינער האט זיי ניט געהערט, קיינער האט זיך ניט אונטערגעהערט און דאך וויים מען שוין דערפון.

— איך וויל נאך זאגען מיינע ברידער, האט קורומיללא ווייטער געזאגט, אז דער מענש, פון וועמען איך בין דאס אלעס געוואהר געוואָרען, האט ניט געוואוסט, אז איך הער איהם.

— ערקלערט אייך, קאציק ! האט דאן טאדעאָ אויסגערופען. מיר זיצען אויף שפילקעס ! מיר פערשטעהן אייך ניט !

— גוט ! איך וועל מיינע ברידער אלעס ערקלערן. ווען מען האט דאס צווייטע מאל געפאנגען גענומען דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען, בין איך געלעגען בעהאלטען אין גראז ניט ווייט פון אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער. זיי זיינען געווען אזוי בעשעפטיגט מיט דער געפאנגענער, אז זיי האבען גאר ניט געטראכט מיך צו זוכען. ווען זיי זיינען אוועקגעפאהרען, בין איך זיי נאכגעגאנגען. איך בין צוגעקומען צום דארף, וואוהין זיי האבען געבראכט דאס מעדכען, איך האב אבער ניט געקענט קומען צום הויז, וואו מען האלט זיא. דאס הויז איז שטאַרק בעוואכט.

איך האב מיך ארומגעדרעהט ארום דארף, ביז אנטינאהועל און דיא ווייסע

פרוי זיינען ארויסגעפאהרען. איך בין געלאָפען פאָראויס. איך האב מיך בעהאלטען אין גראז און צווישען ביימלעך נאהענט לעבען זיי. איך האב געוואלט הערען, וואָס זיי רעדען.

איין מאל איז אנגעקומען א הויפטלינג מיט'ן נאמען דער שווארצער הירש. ער האט דערצעהלט דעם טאָקי, אז איהר וועט מארגען ארויספאהרען מיט'ן געפאנ- גענעם בוסטאמענטע. אויף דיעזער אָרט בין איך געוואהר געוואָרען אלעס, וואס זיי דענקען צו טהאן.

— אזוי? האט דאן גריגאריא אויסגערופען. זיי ווילען אויף אונז אנפאלען? דאס איז אונמעגליך! מיר זיינען בעוואפענט מיט ביקסען!

— דער טאָקי האט צוגעזאגט דער גרויסער פרוי מיט דיא שווארצע אויגען, אז ער וועט בעפרייען איהר פריינד, דעם גענעראַל בוסטאמענטע, האט קורומיללא דערצעהלט.

— דאס איז נאך וועניג! האט דער היציגער דאן גריגאריא אויסגרופען.

— ניין. ווען אנטינאהועל וויל איהם בעפרייען, וועט ער איהם בעפרייען, האט קורומיללא געזאגט רוהיג.

— דערווייל האט ער איהם נאך ניט בעפרייט, האט דאן גריגאריא געזאגט שטאלץ. דער מעג לאכען, ווער אם ענדע לאכט.

— דיא קריעגער מיט דיא בלייבע געזיכטער מוזען דורכגעהן דעם טאהל, וואו עס פליעסט דער ריאָ, האט קורומיללאַ געזאגט. איז עס וואהר?

— יא, עס איז וואהר.

— דער טאהל איז זעהר שמאל. דיא רייטער מיט דיא בלייבע געזיכטער קע- נען זיך דארט ניט ריהרען. אנטינאהועל וועט אויף זיי אנפאלען פון דיא בערג ארום טאהל. ער וועט בעפרייען דעם געפאנגענעם און טוידטען אלע בלייבע געזיכטער.

דאן גריגאריא איז געוואָרען בלייך. ער האט גוט געקענט דיא געגענד און האט געוואוסט, אז דער פּלאן פון'ם אינדיאנער פירסט איז א טייפעלישער. אין אזא ענגען טאהל קענען עטליכע מענשען פערניכטען א גאנצע ארמעע.

— וואס טהוט מען אלזא? האט ער געפרעגט.

— איך קען מיין פריינד, האט דאן טאדעא געזאגט, איך וויים, אז אנטינאהועל איז א גוטער און געשיקטער קריעגער. ער האט שוין געמאכט א גוטען פלאן. ווען מיר וועלען פאהרען, וויא מיר האבען אפגערעדט, וועט ער אונז געווים בעזיעגען.

— מיינע פריינדע! האט זיך פלוצלונג ארויסגעהאפט לואיס. ווען דער קאציק האט אייך געוויזען, אז עס איז דא א געפאהר, האט ער עס ניט געטהאן אום אייך צו קרענקען. ער האט עס אייך געזאגט, ווייל ער וויים געווים, וויא אזוי אויסצומיי- דען דיעזע געפאהר. קורומיללא איז א גרויסער קאציק און א גוטער קריעגער. ער קען אלע וועגען אין דער פּרעריע. ער וויים געווים אנאנדער וועג.

— איך קען אויך דיא פּרעריע, האט דאן טאדעא זיך אפגערופען. איך וויים, אז עס איז קיין אנדער וועג ניטא. מיר מוזען דורכגעהן יענעם טאהל, וועלכער אין

אזוי שמאל, אז א פּאר הונדערט גוט בעוואפענטע מענשען קענען אויפהאלטען א גאנצע ארמעע.

— איך זאג אייך נאך א מאָל, האט לואיס זיך געהיצט, ווען קורומיללא האט אייך געמאכט אויפמערקזאם אויף דיא געפאהר, ווייסט ער געוויס א מיטעל, וויא אזוי זיא אויסצומיידען.

קורומיללא האט גאנץ לייכט א נייג געטהאן מיט'ן קאפּ.

— זאג, קאציק! האט לואיס וויטער געזאגט און האט זיך געווענדעט צו קורומיללא. ערקלער אונז, ווען דוא ווייסט, וויא אזוי זיך אויסצודרעהן פון אנטינא-הועלס קריעגער.

— ווען מיינע ברידער, דיא בלייבע געזיכטער, וועלען מיר ערלויבען, וועל איך מיך בעמיהען זיי דורכצופיהרען און מאכען צו שאנדע אנטינאהועלס פּלענער.

— רעדע, קאציק! זאג, ערקלער אונז, וואס מיר זאלען טהאן! מיר פערלאזען זיך אין גאנצען אויף דיר! האט לואיס געבעטען.

— יא, יא, קאציק! האט דאן טאדעאָ איהם אונטערשטיטצט. מיר וועלען אייך אויסהערן. מיר וועלען אייך פאלגען.

— איך וויל אייך זאגען נור איין זאך, האט קורומיללא געזאגט גאנץ רוהיג. ווען איהר ווילט, אז מיר זאלען מאכען צו שאנדען אנטינאהועלס פּלענער, מוזט איהר מיר אין גאנצען פערטרויען, איהר מוזט מיר לאזען טהאן, וואס איך וועל נור געפינען פאר נעטהיג.

— איך גיב אייך מיין ווארט, אז מיר וועלען טהאן אלעס, וואס איהר וועט אונז הייסען! האט דאן גרינאריא איהם פערזיכערט.

— דאס איז גוט! האט קורומיללא געענטפערט רוהיג. לאזען מיינע ברידער מיך אויסהערן.

ער האט זיי אנגעהויבען צו ערקלערן, וואס ער וויל טהאן און וויא אזוי ער וויל אפּנארען אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער.

עס האט געדויערט א געראומע צייט, ביז ער האט זיי אלעס ערקלערט. זיי האבען איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם. לואיס און דאן טאדעאָ איז זיין פּלאן זעהר געפעלען. זיי האבען צוגעשטימט צו יעדעס וואָרט, וואָס ער האט זיי געזאגט. זיי זיינען געוועזען ענטציקט צו הערן, וויא אן אינדיאנער קען פאסען אזא קלוגען און קונסט-פאלען פּלאן.

זייער בעראטהונג האט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאכט. אלע זיינען געוועזען מיעד און האבען זיך געמוזט אפּרוהען. קורומיללא איז שוין דיא דריטע נאכט ניט געשלאָפען. ער איז געוועזען מעהר מיעד פון אלעמען.

ווען מען האט אלעס אפּגערעדט און אלעס איינגעאָרדענט, איז יעדער געגאנגען זיך אפּרוהען. מארגען איז דער גרויסער טאג. מארגען וועט פארקומען דיא גרויסע שלאכט צווישען דיא בלייבע געזיכטער און דיא רויטע געזיכטער. מען מוז זאמלען קרעפטע אויף מארגען.

לואיס האט ניט געקענט שלאפען. ער האט זיך א לאנגע צייט געוואָרפען אויף

זיין געלענער פון איין זייט אויף דער אנדערער. ענדליך איז ער אויפגעשטאנען און איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן פלאכען דאך פו'ם פאלאץ. אין דרויסען איז אלעס געווען שטיל און רוהיג.

52טעס קאפיטעל.

דער טאהל ריאָ סעקאָ.

עטליכע און צוואנציג מייל ווייט פון וואלדיוויא געפינט זיך אויפ'ן וועג קיין סאנט יאגאָ א טאהל מיט'ן נאמען על קאניאָן דעל ריאָ סעקאָ. פוןביידע זייטען פו'ם טאהל הייבען זיך אויף הויכע בערג בעוואקסען מיט וואלד און מיט געדיכטע קליינע ביימלעך „בוש“. דיא בערג הייבען זיך אויף, וויא הויכע טרעפ. איין בערג איז העכער פו'ם אנדערן, גלייך וויא ריעזען וואלטען אמאל געמאכט דיעזע טרעפ פאר זייער שפאציער-גאנג.

אונטען אין טאהל פליעסט א גאנץ קליין טייכעל, וועלכער ווערט אים זומער אין גאנצען אויסגעטריקענט. דערפאר הייסט ער „ריא סעקאָ“, דער טרוקענער טייך. מעגליך, אז אמאל פלעגט דארט פליעסען א גרויסער און שנעלער טייך. צו ביסלעכווייס אבער איז ער אויסגעטריקענט געווארען. עס איז געבליעבען נור א גאנץ קליין טייכעל, וועלכער דרעהט זיך, וויא א שלאנג אין טיעפען טאהל.

ווען מען פאהרט פון וואלדיוויא קיין סאנט יאגאָ, מוז מען דורכפאהרען דיעזען טאהל. קיין אנדערער וועג איז ניטאָ. דיא בערג זיינען הויך און בעדעקט מיט גרויסע שטיינער. דער וואלד איז אזוי געדיכט, אז נור מיט א האק אין דער האנד קען מען זיך דורכשניידען א וועג דורך איהם.

דער וועג געהט לעבען טייך און דרעהט זיך און בייגט זיך גלייך מיט'ן טייך. ער איז יעצט לעדיג, שטיל, וויא אויסגעשטאָרבען. מען זעהט אויף איהם קיין לעבעדיגען מענשען. און דאך זיינען יעצט דא מענשען, זאגאר פיעל מענשען, זיי געפינען זיך אבער ניט אויפ'ן וועג. זיי ליעגען בעהאלטען אויף דיא בערג אונטער דיא ביימער, וויא דיא ווילדע טהיערע. זיי לוי'ערן אויף עפעס. זיי שווייגען אדער רעדען גאנץ שטיל צווישען זיך.

— וואס זאלען מיר יעצט טהאן? האט געפרעגט א פרויען שטימע.

— ווארטען! האט געענטפערט א מענער שטימע.

דאס איז געווען דאניא מאריא און דער אינדיאנער פירסט. זיי זיינען געזעסען אונטער א געדיכטען בוים אין דעם ארט, וואו דער טאהל איז אזוי שמאל, אז צוויי רייטער קענען קוים דורכפאהרען.

דער אינדיאנער פירסט האט צונויפגערופען זיינע בעסטע קריעגער און האט זיי אויסגעשטעלט אויף דיא בערג. יעדער האט אנגעגרייט שטיינער און קלעצער לעבען זיך. ווען דיא רייטער פון וואלדיוויא וועלען אנקומען אין דערמיט טאהל, וועלען אלע קריעגער מיט אמאל אנהויבען צו ווארפען אויף זיי דיא שטיינער און דיא שטיקער האלץ.

יעצט זיינען אלע געלעגען שטיל און האבען געווארט.

גאנץ פריה זיינען ארויסגעפאהרען פון וואלדיוויא צוויי עסקאדראָן רייטערס. דיזר ערשטער עסקאדראן איז בעשטאנגען פון פינף הונדערט מאן. אויפ'ן ערשטען אנבליק האט מען געקענט מיינען, אז זיי זיינען אינדיאנער. זיי האבען געטראגען אינדיאנער קליידער, אין זייערע קעפּ זיינען געוועזן אנגעשטעקט פעדערן פון פייגעל. אין דער וואהרהייט אבער זיינען דאס געווען שפאניער.

איינינע הונדערט שריט הינטער דיזען עסקאדראן איז געגאנגען דער צווייטער עסקאדראָן, וועלכער איז בעשטאנען פון פינף הונדערט שפאניער. אין דערמיט פון דיזען עסקאדראָן איז געריטען דער גענעראל בוסטאמענטע צווישען צוויי רייטער מיט געלאדענע פיסטאָלעטען אין דיא הענד. זיי האבען געהאט א בעפעהל, אז קוים ווען ער נור וויזען, אז ער וויל אנטלויפען, זאלען זיי איהם באלד שיעסען.

וועןביידע עסקאדראנען זיינען אנגעקומען איינינע מייל וויט פונ'ם טאהל דעל ריאָ סעקאָ, איז דער צווייטער עסקאדראָן מיט'ן געפאנגען גענעראל געבליעבען שטעהן. דער ערשטער עסקאדראָן מיט דיא פערשטעלטע אינדיאנער איז וויטער געפאהרען.

הינטער דעם צווייטען עסקאדראָן זיינען געריטען פיער מענשען: דאן טאדעאָ, דאן גרינאריא, לואיס און קורומיללא. זיי האבען עפּעס גערעדט צווישען זיך.

— ווילט איהר אויף קיין פאל מיך ניט מיטנעהמען מיט אייך? האט דאן גרינאריא געפרעגט.

— אויף קיין פאל! האט קורומיללא געענטפערט. איך און מיין ברודער איז גענוג. דערביי האט ער געוויזען אויף לואיס.

— מיך ווילט איהר אויך ניט מיטנעהמען? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— עס איז גלייכער, אז מיין ברודער זאל בלייבען ביי זיינע קריעגער, האט קורומיללא געענטפערט.

— איך וויל אבער זעהר זעהן מיין טאכטער, האט דאן טאדעאָ געזאגט מיט א בימענדער שטימע.

קורומיללא האט געטראכט א פּאָר אויגענבליקע.

— נון, קומט מיט אונז! האט ער געזאגט. פערגעסט אבער ניט נאך אמאל אנצוזאגען אייערע קריעגער, אז זיי זאלען ניט אריינגעהן אין טאהל, ביז זיי וועלען דערזעהן א רויך אויפ'ן שפּיץ פונ'ם בערג קארקאָוואדאָ.

דאן טאדעאָ האט נאך גערעדט איינינע צייט מיט דאן גרינאריא, דאן האט ער פון איהם אבשיעד גענומען.

— לעבע וואהל, פריינד! פערגעס ניט, וואס פאר א שווערע פעראנטוואָרט־ליכקייט דוא האסט אויף זיך גענומען, האט ער איהם געזאגט און האט איהם גע־דריקט דיא האנד.

דאן גרינאָריא איז צוריקגעפאהרען צו זיינע רייטער און דאן טאדעאָ, לואיס און קורומיללא זיינען אוועקגעפאהרען אין אנאנדער זייט. זיי זיינען אוועקגעפאהרען אין דיא בערג.

מעהר אלס א שטונדע זיינען זיי געפאהרען בארג ארויף, ביז זיי זיינען צוגע־קומען צו א לאָנקע (וויעזע) אין וואלד. דא איז קורומיללא געבליעבען שטעהן.

— נעהמ אראפ פון אייערע פערד! האט ער קאָמאַנדירט.
אלע זיינען אראפגענאנגען פון זייערע פערד. ער האט דאך מיט זיי אפגערעדט, אז זיי זאלען איהם פאלגען, וואס ער וועט זיי הייסען.
— איינינע צייט וועלען מיר אונזערע פערד ניט דארפען, האט קורומיללא געזאגט, מיר מעגען זיי לאזען דא, זיי זאלען דערוויילע זיך קוויקען מיט'ן גרינעם גראז. מיר וועלען זיי נעהמען, ווען מיר וועלען צוריקקומען. — וועלען מיר אבער צוריק קומען? האט ער ווייטער געזאגט גאנץ שטיל.
— קאציק! האט לואיס אויסגערופען. דאס האב איך פון אייך ניט ערווארטעט! איהר האט גאר מורא?
— מיין ברודער איז יונג, זיין בלוט איז הייס; קורומיללא איז עלטער. קורומיללא איז קלינער און פארזיכטיגער.
— איך דאנק אייך! האט לואיס געזאגט. דאס הייסט גאנץ העפליך געזאגט: דוא ביסט א גרויסער נאר!
קורומיללא האט אויסגעזוכט אן טאר, וואו עס האט געוואקסען גאנץ הויכעס גראז. דארט האט ער צוגעפיהרט דיא פערד און האט זיי צוגעבונדען צו א בוים.
— יעצט לאמיר געהן צו פוס!
זיי האבען ארויפגעלעגט זייערע ביקסען אויף זייערע פלייצעס און זיינען געגאנגען אויף א שמאלען וועג, וואוהין קורומיללא האט זיי געפיהרט. נאך א לאנגען גאנג פון א שטונדע זיינען זיי געבליעבען שטעהן.
— דאס איז דער ארט, האט קורומיללא געזאגט.
דאן טאדעאָ און לואיס האבען זיך ארומגעקוקט. זיי זיינען געשטאנען אויפ'ן שפיץ פון א גאנץ הויכען בארג, פון וועלכען מען האט געקענט זעהן אויף א ווייטע שטרעקע ארום און ארום.

53טעס קאפיטעל.

דאן טאדעאָ און לואיס זיינען געוועזען זעהר מיעד פון דער רייזע. דאס ארויפקריעכען אויפ'ן בערג איז געווען ניט אזוי לייכט. זיי האבען זיך אניעדער געזעצט אפרוהען. קורומיללא האט זיי געלאזען זיך אפרוהען איינינע מינוט. דאן האט ער זיי געזאגט:
— לאזען מיינע ברידער אויפשטעהן און קוקען אין דער זייט, וואו דיא זון געהט אונטער.
זיי האבען זיך אויפגעהויבען און האבען געקוקט אין דער זייט, וואוהין קורומיללא האט זיי געוויזען.
— אך, וויא שעהן! וויא גראסארטיג שעהן! האט לואיס אויסגערופען.
פאר זיי איז געלעגען דיא גאנצע געגענד, וויא א שעהנעס בילד. פון דעם ארט, וואו זיי זיינען געשטאנען, האבען זיי געזעהן דעם גאנצען טאהל דעל ריא סעקאָ מיט דיא בערג ארום, מיט דיא וועלדער אויף דיא בערג, מיט דעם קליינעם, שמאלען טייכעלע, וועלכער האט זיך געדרעהט, וויא א שלאנג, אין לאנגען און שמאלען טאהל.

אזא שעהנע אויסזיכט האט לואיס נאך קיין מאל ניט געזעהן. דאן טאדעאָ דאגעגען איז געבליעבען רוהיג. ביי איהם איז דאס קיין נייעס ניט געווען. זיינע געדאנקען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט עפּעס אנדערש. ער האט געטראכט פון זיין טאָכטער.

וואו איז זיא יעצט? וואס מאכט זיא? מארטערט מען זיא ניט? וועט ער קענען זיא באלד בעפרייען? — דאס זיינען געווען דיא געדאנקען, וואס האבען איהם יעצט שטאַרק בעשעפטיגט.

— וועלען מיר דא לאנג בלייבען, קאַציק? האט ער געפרעגט דעם אינדיאנער.

— איינינע מינוטען, האט קורומיללא געענטפערט.

— וויא הייסט דיעזער בערג? האט לואיס געפרעגט.

— דיא בלייבע געזיכטער רופען איהם: פיקאָ דע קארקאָוואָדע. (דער בארג קארקאָוואָדע).

— אלזא, איז דאס דער בארג, אויף וועלכען מיר האבען אפּגערעדט צו מאכען א פייער?

— יא. לאמיר זיך נעהמען צו לעגען א גרויס פייער.

אלע דריי זיינען געגאנגען אין וואלד צונויפקליובען דארע צווייגען. זיי האבען זיי געבראכט צום ארט, וואו קורומיללא האט זיי אנגעוויעזען, און האבען זיי צונויפגעלעגט אין א הויפען. ווען דער הויפען פון טרוקענעם האלץ איז שוין געווען גענוג גרויס, האט קורומיללא צו זיי געזאגט:

— יעצט בלייבט רוהיג, ביז איך וועל צוריקקומען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער פערשוואונדען ערגעץ אין וואלד. לואיס און דאן טאדעאָ האבען זיך געזעצט אויף א צווייג פון א בוים און האבען געווארט. זיי האבען צווישען זיך קיין וואָרט ניט גערעדט. ביי לואיס'ן איז אלעס געווען ניי און אינטערעסאנט. ער האט נאך אין זיין לעבען ניט געזעהן אזעלכע סצענען און איז זיך ניט צונויפגעקומען מיט אזעלכע זאנדערבארע מענשען.

אונטערדעסען איז דער עסקאדראָן רייטער, וועלכע זיינען געווען אנגעטהאן, וויא אינדיאנער צוגעקומען צום טאהל. פאראויס איז געריטען אן עכטער אינדיאנער. דאס איז געווען זשאָן. דאן טאדעאָ און דאן גריגאריא האבען איהם בעהאנדעלט אזוי גוט און אזוי פריינדליך, אז ער איז ענדליך געוואָרען זייער פריינד און האט געשווארען, ער זאל זיי בעהילפיג זיין אויף זייער רייזע. ער האט זיך אונטערגענומען אפּצונארען דעם אינדיאנער פירסט.

קוים איז ער מיט זיינע רייטער אריינגעפאהרען אין שמאלען טאהל דעל ריא סעקאָ און איז אוועקגעפאהרען איינינע שריט, איז אן אינדיאנער ארויסגעשפּרונגען פון אונטער א בוים און האט זיך געשטעלט נעגען איהם. דאס איז געווען אנטינאַהועל אליין.

— מיין זוהן קומט שפּעט, האט ער איהם געזאגט. דער שווארצער הירש איז נאך נעכטען געווען אין זיין דאָרף און האט געחייסען, אז זיינע קריעגער זאלען זיך היינט גאנץ פריה צונויפקומען אהער.

— מיין פאטער וועט מיר ענטשולדיגען, האט זשאן געענטפערט. איך בין ניט געוועזען אין דער היים און האב ערהאלטען דיא אויפפאָרדערונג ערשט שפּעט ביי נאכט.

— גוט! מיין זוהן איז א גרויסער קריעגער. וויאפיעל שפּיזען האט ער מיטגעבראכט מיט זיך (וויאפיעל מענשען האט ער מיט זיך)?

— טויזענד שפּיזען.

זשאן האט אומיסטען געזאגט, אז ער האט מעהר מענשען מיט זיך. ער האט געוואוסט, אז דער אינדיאנער פירסט וועט דערפון צופריעדען זיין. ער האט זיך ניט אפגענארט.

— דאן קען איך דיר ענטשולדיגען, האט אנטינאהועל געזאגט. ווען א הויפּטלינג ברענגט מיט זיך מיט טויזענד שפּיזען, מעג מען איהם שוין ענטשולדיגען, וואָס ער איז געקומען שפּעט.

— מיין פאטער וויס, אז איך בין פארזיכטיג.

— איך וויס עס. מיין זוהן איז א גרויסער קריעגער, האט איהם אנטינאהועל געגלויבט. — האט מיין זוהן געזעהן דיא בלייבע געזיכטער?

— איך האב זיי געזעהן.

— זיינען זיי וויים פון דאנען?

— זיי זיינען שוין גאר נים וויים. — איך רעכען, אז אין דריי פערטעל שטונדע וועלען זיי אלע דאָ זיין.

— אלזאָ, מוזען מיר אונז פאָרבערייטען. — לאז מיין זוהן הייסען זיינע קריעגער אראפּגעהן פון דיא פערד און זיך בעהאלטען אונטער דיא ביימער.

— מיין פאָטערס בעפעהלע וועלען באלד אויסגעפיהרט ווערן.

— איך וויס, אז מיין זוהן איז קלוג און פאָרזיכטיג, האט אנטינאהועל געזאגט און איז זיך אוועקגעגאנגען.

אין דיעזע מינוט זיינען אנגעקומען זיינע רייטער. זיי זיינען באלד אראפּגעגאנגען פון זייערע פערד און זשאן האט זיי געהייסען צובינדען זייערע פערד צו ביימער און אליין זאלען זיי זיך בעהאלטען צווישען דיא ביימער. זיי האבען ניט געוואוסט, אז פון דיא בערג קוקען אויף זיי טויזענד בעהאלטענע אויגען און, ווען מען זאל וויסען, ווער זיי זיינען, וואלט ניט איינער פון זיי ניט געבליעבען א לעבעדיגער.

קוים איז זשאן אוועקגעגאנגען אונטער א גרויסען בוים, וואו ער האט געוואָלט בעהאלטען זיין פערד, האט ער געפיהלט, וויא א האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין נאקעטע פּלייצע. ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן פאר זיך דעם קאציק קורומיללא.

— לאז מיין ברודער הייסען זיינע מענשען געהן, וואו איך וועל זיי ווייזען, האט קורומיללא געזאגט גאנץ שטיל.

זשאן האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפּ. ער האט באלד געגעבען א צייכען צו זיינע רייטער, זיי זאלען איהם נאכגעהן. קורומיללא איז געגאנגען פאראוים און זשאן מיט זיינע מענשען זיינען איהם נאכגעגאנגען, ביז זיי זיינען אריבערגעגאנגען דעם שמאלסטען ארט אין טאהל.

— יעצט לאז מיין ברודער צוטהיילען זיינע מענשען אין צוויי פארטייען, האט קורומיללא געזאגט. איין פארטיע זאל זיך שטעלען געגען דיא קריעגער פון'ם שוואר־צען הירש און דיא אנדערע פארטיע זאל זיך שטעלען געגען דיא קריעגער פון אנטינאהועל.

ער האט איהם אנגעוויעזען, וויא אזוי ער זאל אויסשטעלען זיינע מענשען און ווען זיי זאלען אנהייבען צו שיעסען. ווען זשאן האט אויסגעשטעלט זיינע מענשען, וויא קורומיללא האט איהם געהייסען, האט קורומיללא געזאגט:

— גוט! און איז זיך אוועקגעגאנגען.

ער איז געגאנגען צו זיינע ברידער, דאן טאדעא און לואיס, וועלכע האבען אויף איהם געווארט מיט אונגעדולד. זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן, וואס ער זאמט זיך אזוי לאנג און זיינען געווארען זעהר אונרוהיג. מען קען זיך לייכט פאר־שטעלען, וויא דיא צוויי מענשען האבען זיך דערפרעהט, ווען דיא צווייגען פון דיא ביימער האבען זיך צונומען און קורומיללאס געזיכט האט זיך געוויעזען.

— ענדליך! האט לואיס אויסגערופען. מיר האבען זיך זעהר בעאונרוהיגט, פיעללייכט איז אייך עפעס פאסירט.

— אלעס איז געשעהן, וויא מיר האבען אפגערעדט, האט קורומיללא געזאגט. דיא רייטער מיט דיא בלייבע געזיכטער קענען יעצט ארייןפאהרען אין טאהל.

— אלזא, וואס זאלען מיר יעצט טהאן? האט דאן טאדעא געפרעגט.

— אונטערצינדען דאס האלץ און, ווען עס וועט זיך גוט צוברענען — אוועק־געהן פון דאנען.

— אוועקגעהן? האט דאן טאדעא איבערגעפרעגט. — זיי לאזען אליין?

— מיר האבען דא מעהר ניט וואס צו טהאן. קוים וועט דאס פייער ברענען און דיא רייטער מיט דיא בלייבע געזיכטער וועלען דערזעהן דעם רויך, וועלען זיי ארייןפאהרען אין טאהל. מיר קענען זיי מעהר גאר ניט העלפען. מיר וועלען דאן געהן בעפרייען דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען.

— אך! יא! לאמיר געהן זיא בעפרייען! האט לואיס אויסגערופען.

קורומיללא האט ארויסגענומען זיין פייערגעצייג, האט אויסגעשלאגען פייער און האט אונטערגעצונדען דעם הויפען טרוקענע צווייגען. באלד האט זיך אויפגע־הויבען א דיקער זייל רויך פון'ם הויפען האלץ.

— גוט! האט קורומיללא געזאגט. זיי וועלען זעהן דעם רויך און וועלען אריינ־פאהרען אין טאהל.

— לאמיר געהן! האט לואיס אויסגערופען אונגעדולדיג.

— לאמיר געהן, האט דאן טאדעא איהם אונטערשטיצט.

דיא דריי מענשען זיינען אוועקגעגאנגען און האבען געלאזען דאס פייער ברענען. דאס איז געוועזען א צייכען: אז אונטען אין טאהל וועט זיך אנהייבען א בלוטיגער קריעג — א קריעג אויף טוידט און לעבען, א קריעג פון צערשטערונג און פערניכטונג.

קוים האט דאן גרינאריא מיט זיינע רייטער דערזעהן דעם רויך אויפ'ן בארג, פיקא דע קארקאוואדא, האט ער געהייסען זיינע רייטער פאהרען צום טאהל. ער

האט געוואוסט, וואס פאר א געפאהר עס שטעהט איהם פאר און האט זיך געוואלט בעווארענען אויף אלע פעלע. ער האט צוגערופען דאן קארנעליא, דעם אפיציער, וועלכער האט זיך אזוי גוט פערטהיידיגט אין וואלדיוויא, און דעם גובערנאטאר, דאן ראמאן, און האט זיי געזאגט:

— מיינע העררען, איך וויל פון אייך ניט פערהוילען דיא וואהרהייט. מיר געפינען זיך אין א גרויס געפאהר.

— ערקלערט עס אונז, דאן גריגאריא! האט דער אפיציער געבעטען. זאגט אונז פריהער, אום מיר זאלען וויסען, וואס מיר האבען צו טהאן.

— איך בין געוואהר געווארען, אז דיא אינדיאנער האבען זיך בעהאלטען אין טאהל דעל ריא סעקא און ערווארטען אונז. קוים וועלען מיר אריינפאהרען אין טאהל, וועלען זיי אויף אונז אנפאלען און וועלען אונז אלע אויסשניידען, וויא דיא שעפסען.

— דיא מערדער! דיא רויבער! האט דאן קארנעליא אויסגערופען. איך פערשטעה! זיי ווילען אויף אונז אראפווארפען שטיינער, קלעצער און פיילען! זיי האבען געמאכט א טייפעלישען פלאן! זיי האבען מורא זיך צו שטעלען געגען אונז פריי און אפען אויף דער פרעריע. זיי ליעגען אויף דער לויער.

אין איהם האט זיך אויפגעחאפט דער סאלדאט. ער האט געוואלט ווייזען, אז ער איז א גוטער אפיציער און האט קיין מורא פאר דיא אינדיאנער.

— לאמיר זיך אומקעהרען! האט געבעטען דאן ראמאן.

ער האט געציטערט, ווען ער האט דערהערט, אז זיי געפינען זיך אין אזא געפאהר.

— ווער רעדט עס פון אומקעהרן זיך? האט דאן קארנעליא אויסגערופען. ווען מען זעהט פאר זיך א געפאהר, מוז מען שוין אנטלויפען? — ניין, דאן ראמאן! א גובערנאטאר דארף זיין בראוו און מוטהיג. ער טאר ניט אנטלויפען פון קיין געפאהר, ער מוז קעמפפען און זיעגען!

— איך וויל אבער ניט ריסקירען מיין קאפ, האט זיך געבעטען דאן ראמאן. דיא אינדיאנער זיינען ווילד. זיי וועלען מיך טוידטען!

— וויזט דעם פאלק, אז איהר זייט א העלד, האט דער אפיציער געלאכט. קעמפפט פאר דיא פרייהייט! פערטרייבט דיא ווילדע אינדיאנער! לאזען זיי מורא האבען פאר אונז!

— געוויס, דאן ראמאן! האט זיך יעצט דאן גריגאריא אריינגעמישט. געוויס, מוזען מיר זעהן צו קעמפפען געגען דיא אינדיאנער און ניט אנטלויפען פאר זיי. מען וועט דאך לאכען פון אונז אין סאנט יאגא, ווען מען וועט געוואהר ווערן, אז מיר האבען זיך איבערגעשראקען, וויא דיא ווייבער, און זיינען אנטלאפען פאר א קליין הייפעלע ווילדע מענשען.

דער ארימער גובערנאטאר האט געשוויגען. ער האט שטארק מורא געהאט פארן קריעג. ער האט אבער גאר ניט געקענט העלפען. עס איז איהם ווירקליך געווען א שאנדע, ווען מען וועט דערצעהלען, אז אלע האבען זיך געשלאגען, נור ער איז אנטלאפען.

— דאן קארנעליאָ! קען איך מיך פערלאָזען אויף אייך, ווען עס וועט קומען צו א קריעג? האט דאן גריגאָריאַ נעפרעגט דעם אָפיציער. וועט איהר איבערנעהמען דאס קאָמאנדאָ איבער דיא סאָלדאטען און אונז פערטהיידיגען, וויא א פעהיגער אָפיציער דארף פערטהיידיגען זיינע מענשען?

— איך בין א סאָלדאט, דאן גריגאָריא, מיין האנדווערק איז דער קריעג, האט דער אָפיציער געענטפערט. איהר מעגט זיין זיכער, אז קוים וועט קומען צו עפּעס, וועל איך טהאן אלעס, וואָס איך וועל נור קענען אום אנצולערנען דיא רויטע הינט, דיא אינדיאנער!

דאן גריגאריא האט איהם געדריקט דיא האנד. ער האט איינגעזעהן, אז דאן קארנעליא מיינט עס ערנסט. אויף אזא אלטען, געאיבטען אָפיציער קען מען זיך פערלאזען.

— אלזא, פאָרווערטס! האט אויסגערופען דאן גריגאָריא. יעצט זייט איהר דער קאמאנדיר.

דער אלטער אָפיציער האט ארויסגענומען זיין שווערד פון דער שייד, האט זיא אויפגעהויבען אין דער הויך און האט אויסגערופען:

— פאָרווערטס! פאר אונזער פאָטערלאנד! פאר טשילי!

דיא פינף הונדערט רייטער זיינען אריינגעפאהרען אין טהאל דעל ריא סעקאָ.

54טעס קאפּיטעל.

אין טאהל דעל ריאָ סעקאָ.

אנטינאהועל און דאניא מאריא זיינען געזעסען אונטער א בוים און האבען גערעדט צווישען זיך. דאניא מאריא האט געזעהן, וויא אנטינאהועל האט עפּעס גערעדט מיט א מענשען, און זיא איז געווען נייגיעריג צו וויסען, ווער דער מענש איז געווען און וואס פאר א נאכריכטען ער האט געבראכט.

— מיט וועמען האט מיין ברודער גערעדט? האט זיא איהם געפרעגט.

— עס איז אָנגעקומען א הויפּטלינג מיט זיינע קריעגער, האט דער אינדיאנער פירסט געענטפערט. ער איז געקומען אביסעל שפּעט, דערפאר אבער האט ער מיטגעבראכט טויזענד קריעגער.

— קען איך וויסען דעם נאמען פון'ם הויפּטלינג, וועלכער איז געקומען אזוי שפּעט?

— ער הייסט זשאן און איז א הויפּטלינג פון דיא שוואַרצע ראבען.

— זשאן? האט דאניא מאריא איבערגעפרעגט. דאָס קען ניט זיין! זשאן איז יעצט ווייט פון דאנען.

— וואהרשיינליך ווייס ניט מיין שוועסטער, ווער זשאן איז. איך האב מיט איהם נור וואס גערעדט.

— מיר געפעלט ניט דער מענש. איך האב מורא, אז ער איז א פעררעטהער.

אויפ'ן געזיכט פון'ם אינדיאנער פירסט האט זיך געוויזען א פינסטערער וואלקען. איהם איז אויך אנפאנגס ניט געפעלען, וואס זשאן איז געקומען אזוי שפּעט.

— איך קען עס ניט גלויבען, אז זשאן האט מיך פערראטהען, האט ער געזאגט און איז אויפגעשפרונגען.

— וואוהין וויל מיין ברודער געהן? האט דאניא מאריא געפרעגט.

— איך וועל געהן אויספארשען דעם מאן און געוואָהר ווערן, אויב ער איז א פעררעטהער.

— צו שפעט! האט דאניא מאריא אויסגערופען. מיין ברודער מוז יעצט קעמפפען און זיגען!

אין דיעזע מינוט האבען זיי דייטליך געהערט, וויא דאן גרינאריא'ס רייטער האבען אויסגערופען:

— פאר אונזער פאָטערלאנד! פאר משילי!

— וועה איהם, ווען ער איז א פעררעטהער! האט אנטינאהועל געקריצט מיט דיא צעהנער.

— יעצט איז ניט דיא צייט זיך צו בייזערן, האט איהם דאניא מאריא אפגע-האלטען. לאז מיין ברודער בעסער געהן צו זיינע קריעגער און זיי געבען זיינע בעפעהלע.

— מיין שוועסטער האט רעכט. איך וועל נאך האבען גענוג צייט צו בע-שטראפען דעם פערדעטהער.

אנטינאהועל'ס פלאן איז געוועזען א גאנץ איינפאכער. מען זאָל לאזען דיא שפא-נישע רייטער פאהרען ביז אין דעם אָרט, וואו דער טאהל איז שטארק שמאָל. דאן זאָל מען אויף זיי אנפאלען פון פאָרנט און פון הינטען. אין דערזעלבער צייט זאָל מען פון דיא בערג פון ביידע זייטען ווארפען אויף זיי שטיינער און קלעצער.

דיעזע פלאן איז אויסגעפיהרט געוואָרען פינקטליך, וויא אנטינאהועל האט אנגעזאגט זיינע הויפטלינגע און זיינע קריעגער. ער אליין האט האט געוויעזען זיינע קריעגער א ביישפיעל און האט אראבגעוואָרפען א גרויסען שטיין אויף דיא שפאניער. אין דיעזע מינוט אבער האט מען אנגעהויבען צו שיעסען פון דיא בערג און מעכטיגע שטימען האבען גערופען:

— פאר אונזער פאָטערלאנד! פאר משילי!

דאס האבען געשאָסען און געשריען דיא שפאנישע רייטער, וועלבע זיינען געוועזען פערשטעלט פאר אינדיאנער. זיי זיינען יעצט ארויסגעטרעטען פון צווישען דיא ביימער און האבען געשאָסען אויף דיא אינדיאנער, וועלבע זיינען אנגעפאלען אויף דיא שפאניער פון פאָרנט.

ווען דער אינדיאנער פירסט האט עס דערזעהן, האט ער אנגעהויבען צו ציטערן פאר רציחה און פאר פערדרוס.

— מען האט אונז פערראטהען! האט ער געשריען צו זיינע קריעגער. — טויד-מעט! טוידטעט יעדען, וואס איהר וועט טרעפען!

דיא שפאנישע רייטער, וועלבע האבען ניט געוואוסט, אז מען לויערט אויף זיי אין דיעזען טאהל, האבען זיך אנפאנגס שטארק דערשראקען, ווען דיא אינדיאנער זיינען אויף זיי גאנץ פלוצלונג אנגעפאלען.

— פאָרווערטס! האט געשריען דאן גרינאָריא. דיא הילף איז נאהענט! מיר

דארפען זיך נור פעראייניגען מיט אונזערע סאָלדאטען, וועלכע זיינען פריהער פאר אונז אריינגעפאהרען אין טאהל.

ער און דער אָפיציער דאן קארנעליא זיינען געפאהרען פאָראוים. אנטינאהועל און דער שוואַרצער הירש אבער האבען אויך ניט געשוויעגען. זיי האבען געהייסען זייערע קריעגער ארויסגעהן פון זייער בעהעלטניש און אנפאלען אויף דיא שפאניער—קעמפפען מאן געגען מאן.

אין דעם ארט, וואו דער טאהל איז געווען שטארק ענג, וויל פון ביידע זייטען זיינען געווען דיא הויכע און גלאטע ווענט פון דיא בערג, זיינען זיך צונויפגעקומעןביידע פארטייען. עס האט זיך געבילדעט א שרעקליכער קנויל פון מענשען און פערד. קיינער האט ניט געוואלט אפטרעטען, קיינער האט ניט געוואלט וויכען. דיא אינדיאנער האבען געוואָרפען זייערע שפיזען אין דער געדיכטער מאסע פון מענשען פלייש; דיא שפאניער האבען געהאקט מיט זייערע שווערדען, וואו זיי האבען געטראָפפען.

דאן קארנעליאָ האט געקעמפפט, וויא א העלד. ער איז געזעסען אויף זיין פערד רוהיג און קאלטבלוטיג און האט געשאסען און ערמוטהיגט זיינע קריעגער. דער פיינלונג (טרוס) דאן ראמאָן האט באלד איינגעזעהן, אז דא העלפט קיין חכמות ניט, און האט אויך אנגעהויבען צו קעמפפען און צו שלאגען מיט זיין שווערד. ער האט שוין געקעמפפט אויס פערצווייפלונג.

דער גענעראל בוסטאמענטע איז אין דער ערשטער צייט געזעסען גאנץ רוהיג צווישען זיינע צוויי וועכטער. מען האט דאך איהם פריהער געזאגט, אז קוים וועט ער זיך אנהויבען צו ריהרען און געבען א צייכען, אז ער וויל אנטלויפען, וועט מען איהם באלד דערשיעסען. פלוצלונג האט ער דערזעהן דעם אינדיאנער פירסט צווישען דיא אינדיאנער. בוסטאמענטעס אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקעלן. ער האט אפגעהיט א מינוט, ווען אנטינאהועל איז געשטאנען ניט ווייט פון איהם. אין דיעזע מינוט האט ער ארויסגעהאפט א שווערד פון איינעם פון זיינע וועכטער און האט א געשריי געטהאן מיט א הויכער שטימע:

— טאָקי! רעטע מיך!

— צו הילף! רעטעט איהם! האט דאניא מאריא געשריען פון אונטער א בוים.

זיא איז געשטאנען אויף א הויך אָרט, וואו קיין קוגעל האט זיא ניט געקענט דערגרייכען, און האט צוגעזעהן דיא שלאַכט. עס איז איהר שווער געווען צו דער־קענען דעם גענעראל צווישען דיא מאסע מענשען. זיא האט אבער באלד דערהערט זיין שטימע.

אנטינאהועל און אייניגע פון זיינע בעסטע קריעגער האבען זיך געוואָרפען צום גענעראל בוסטאמענטע און האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

— דוא ביסט נאך ניט פריי, בוסטאמענטע! האט דאן קארנעליא אויסגערופען.

ער האט געזעהן, וואס דא איז פאָרגעקומען און עס האט איהם זעהר פער־דראָסען, פאר וואס בוסטאמענטע האט געבעטען, אז מען זאל נור איהם רעטען. אין דער היץ פון דער שלאַכט איז דער טאפפערער אפיציער געוואָרען אזוי אויפגערעגט,

אז ער האט געמיינט, אז בוסטאמענטע האט אפגערעדט מיט דיא אינדיאנער, זיי זאלען אויסהרג'ענען אלע שפאניער. ער האט זיך אומגעקעהרט אין דער זייט, וואו בוסטאמענטע איז געשטאנען צווישען דיא אינדיאנער און האט אויסגערופען:

— דוא ביסט נאך ניט פריי, בוסטאמענטע!

מיט דיעזע ווערטער האט ער אויסגעדרעהט זיין פערד און האט זיך געשטעלט נעגען גענעראל.ביידע האבען געהאט אין דיא הענד נור שווערדען. דער ערשטער צוזאמענשטויס פון ביידע געגנער איז געווען א שרעקליכער. ביידע זיינען אראפגעשפרונגען פון דיא פערד און האבען געזוכט איינער דעם אנדערן צו טרעפען אין הארצען. ביידע זיינען געווען גוטע פעכטער, ביידע האבען געזוכט אויסצומיידען דעם טויטליכען שלאג. זיי האבען געקעמפפט איינינע סעקונדען. ביידע זיינען געווען פער־וואונדעט, פון ביידען האט שוין געגאסען בלוט פון זייערע וואונדען.

אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער זיינען געשטאנען פון דער ווייטען. ביי דיא אינדיאנער איז א מאדע, אז ווען צוויי קעמפפען איינער נעגען דעם אנדערן, דארף זיך א דריטער ניט אריינמישען.

אזוי זיינען פערגאנגען א פאר שרעקליכע מינוטען. פלוצלונג האט זיך דאן קארנעליא אנגעשלאגען אן א טויטען קערפער און איז אומגעפאלען. ער האט מיט־געשלעפט דעם גענעראל בוסטאמענטע. ביידע פיינדע זיינען געלעגען אויף דער ערד. דער גענעראל האט זיך באלד אויפגעהויבען. דאן קארנעליא האט געפיהלט, וויא א קניע האט זיך אנגעשפארט אויף זיין ברוסט.

דאס איז געווען דאניא מאריא. זיא האט געזעהן, וואס איז פארגעקומען און האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. זיא איז אראפגעלאפען פו'ם בערגעל, וואו זיא איז געשטאנען, און איז אנגעקומען פונקט אין דער מינוט, ווען דאן קארנעליא איז געלעגען אויף דער ערד. זיא איז ארויפגעשפרונגען אויף איהם, וויא א טיגער שפרינגט ארויף אויף זיין רויב, האט ארויסגעכאפט א מעסער פון איהר גארטעל און האט געשריען אין דער הויך:

— זעה, גענעראל, וויא איך טויטע דיינע פיינד!

מיט דיעזע ווערטער האט זיא אריינגעשטאכען דאס מעסער ביז אין שטיעל אין דאן קארנעליא'ס הארצען.

זאגאר דיא ווילדע אינדיאנער, וואס זיינען געשטאנען דערביי, האבען א ציטער געטהאן, ווען זיי האבען געזעהן, וויא רוהיג און קאלטבליטיג דאניא מאריא האט דערשטאכען דעם אונגליקליכען אפיציער.

דער פייגלינג (טרוס) דאן ראמאן האט אויך געזעהן דיעזע שרעקליכע סצענע. ער האט פערגעסען אן אלעס אין דער וועלט, זאגאר אן זיין אייגענעם לעבען, ער איז צוגעלאפען צו דאניא מאריא און האט אויסגעשריען ניט מיט זיין קול:

— איך וועל דיך ניט טויטען, דוא בייזע שלאנג! דוא ביסט א פרוי און אן עדעל מאן טויטעט ניט קיין פרוי, איך וועל אבער מאכען א צייכען, ווער דוא ביסט. דוא זאלסט טראגען דעם צייכען אויף דיין געזיכט, וויא קין האט געטראגען א צייכען, אז ער האט געטויטעט זיין ברודער הבל.

מיט דיזע ווערטער האט ער איהר א שניט געטהאן איבערן געזיכט און האט איהר אויפגעשניטען דיא רעכטע באק פון׳ם שטערן ביז אין קינביין. — דאניא מאריא האט געגעבען א שרעקליכען געשריי. א רויטער שטראם בלוט האט ארויסגעשפריצט פון דער שרעקליכער וואונד. געגעראל בוסטאמענטע און דער אנדיאנער פירסט זיינען באלד צוגעלאָפען צו איהר, זיי האבען שנעל פערבונדען דיא וואונד און האבען זיא אוועקגעפיהרט פון דיזען שרעקליכען ארט.

זיי האבען זיך אומגעקוקט נאך דעם מענשען, וועלכער האט עס געטהאן. — ער איז פערשוואונדען. יעדער מענש קען איינמאל אין זיין לעבען ווענינסטענס בעוויזען א העלדענטהאט. יעדער מענש איז פעהיג דערצו, ווען עס שטעלט זיך איהם פאר דיא גינסטיגע געלעגענהייט. דאן ראמאן האט בעוויזען זיין העלדענטהאט ביי דיזער געלעגענהייט. ער האט זיא אפגעטהאן אזוי געשווינד און אזוי געשיקט, אז זאגאר דיא אינדיאנער האבען איהם בעוואונדערט.

דיא שלאכט האט זיך אונטערדעסען געענדיגט. קורומיללא׳ס פלאן איז געלונגען. דיא אינדיאנער האבען איינגעזעהן, אז מען האט זיי פערראטהען און דיא בלייבע געזיכטער זיינען שטארקער פון זיי, ווייל זיי האבען פיסטאלעטען. אנטינאהועל האט געהייסען געבען א צייכען, אז דיא קריעגער זאלען זיך צוריקציעהען אויף דיא בערג.

ווען דאן גרינאריא מיט זיינע רייטער זיינען אנגעקומען צום אנדערען עק טאהל, האט ער געהייסען בלייבען שטעהן. מען האט איבערגעצעהלט דיא קריעגער און מען האט אויסגעפונען, אז זיעבעציג זיינען געפאלען טויט און הונדערט דריי און פערציג זיינען פערוואונדעט. צווישען דיא טויטע איז געווען דער אפיציער דאן קארנעליא. — ושאן איז אויך ניט געווען, ער איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען.

דאס ערגסטע פער דאן גרינאריא איז געווען, וואס דער געגעראל בוסטאמענטע איז אנטלאָפען. דאן גרינאריא האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן: זאל ער ווייטער פאהרען קיין סאנט יאגאָ אדער זאל ער זיך אומקעהרען קיין וואלדיוויא. ער האט אויסגעשטעלט וואכען, אז מען זאל וויעדער אויף זיי ניט אנפאלען, און האט בערופען א קריעגס ראטה.

נאך לאנגע בעראטהונג איז געבליעבען, אז יעצט האבען זיי ניט וואס צו פאהרען קיין סאנט יאגאָ. אים געגענטהייל, יעצט מוזען זיי זיך אומקעהרן קיין וואלדיוויא. געגעראל בוסטאמענטע וועט ניט שווייגען. ער וועט געווים צונויפנעהמען א גרויסע מאכט אינדיאנער און וועט מיט זיי וועלען אפנעהמען וואלדיוויא.

נאך אן אנדערע אורזאכע האט זיי געצוואונגען צוריק צופאהרען קיין וואלדיוויא — דיא פערוואונדעטע. ווען זיי פאהרען צוריק, וועלען זיי קענען זארגען פאר דיא פערוואונדעטע. אין וואלדיוויא איז דא א שפיטאל און גוטע דאקטוירים. דיא פערוואונדעטע קענען באלד געזונד ווערן אונטער א גוטער בעהאנדלונג, אויפן וועג אבער קען מעז זיך פאר דיא פערוואונדעטע ניט זארגען.

..ר איין מענש האט ניט געוואָלט צוריקפאהרען קיין וואלדיוויא. דאס איז געווען דאן ראמאן. ער האט געוואָלט פאהרען קיין סאנט יאגאָ און דערצעהלט

אלעמען, וואס פאר א העלד ער איז; וויא ער האט בעזיגט דיא אינדיאנער און האט דיך געשלאגען מיט'ן אינדיאנער פירסט, אנטינאהועל.

עס איז געבליעבען, אז מען זאל אנשרייבען א פּראָטאָקאָל פון אלעס, וואס עס האט פּאסירט אין טאָהל דעל-ריא-סעקא און מען זאל עס מיט געבען דאן ראמאָן, ער זאל עס איבערגעבען דער רעגיערונג אין סאנט יאגאָ.

דאן גרינגאריא האט אונטערשריעבען דאס פּראָטאָקאָל, זיינע אפיציערען און דאן ראמאָן האבען אונטערגעשריעבען, אז אלעס איז ריכטיג. דאן האט ער געשיקט מיט דאן ראמאָן פופציג רייטער און האט איהם אוועקגעשיקט קיין סאנט יאגאָ.

55טעס קאפּיטעל.

נאכגעהן דיא שפּורען.

מיר זיינען געוועזן אזוי שטארק בעשעפטיגט מיט דער ערצעהלונג פון דיא בעגעבענהייטען, וואס האבען פּאסירט איינס נאכ'ן אנדערן, אז מיר האבען גאר פערגעסען אן צוויי וויכטיגע פּערזאָנען פון אונזער ערצעהלונג — וואלענטין און דער אינדיאנער הויפּטלינג, טראנגאָיל-לאנעק. מיר מוזען זיך יעצט אומקעהרן צו זיי.

מיר האבען געזעהן, וויא וואלענטין, טראנגאיל-לאנעק און דער גרויסער ניו-פונדלענדער הונד צעזאר זיינען מיט דריי טעג צוריק ארויסגעפאהרען פון וואלדיוויא זוכען א שפּור פון דער פערשוואונדענער דאניא ראזאריא. אין דעם טאג, וואס אין טאהל דעל-ריא-סעקאָ איז פּארגעקומען דיא שלאכט, וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין פארגען קאפּיטעל, טרעפען מיר זיי ווידער.

עס איז גאנץ פריה. דיא זון איז ארויסגעגאנגען אויף א ריינעם, קלארען, בלויען הימעל און האט בעלייכטעט א שעהנע, הערליכע געגענד. וויא וויט דאס אויג האט געקענט גרייכען, האט מען געזעהן בערג בעדעקט מיט גרינע וועלדער, פּרעריען מיט הויכעס, זאפטיגעס, גרינעס גראז און שעהנע בלומען.

וואלענטין איז געוועזן אויסער זיך פאר פרייד. ער האט זיך ניט געקענט אפּ-רייסען פון דיעזער שעהנער געגענד, וועלכע איז ווירקליך א גן-עדן אויף דער ערד. איהם האט אינטערעסירט יעדעס בערגעלע, יעדעס טייכעל, יעדעס ביימעלע און יעדעס בלומעלע. טראנגאיל-לאנעק דאגעגען איז געוועזן ערנסט און פערטראכט. איהם האט זעהר ווייניג אינטערעסירט דיא שעהנע געגענד מיט דיא גרינע גראזען און דיא פארבענרייכע בלומען.

— פאר וואס זייט איהר אזוי גלייכגילטיג צו דער נאטור? האט וואלענטין ענדליך געפרעגט דעם אינדיאנער.

— וואס מיינט מיין ברודער? האט טראנגאָיל-לאנעק געזאגט גלייכגילטיג.

— צום טייפעל! האט דער פראנצויז אויסגעשריען. — זעהט ניט מיין ברודער, וויא שעהן יענער בערג איז? האט ער דען ניט קיין אויגען צו זעהן, וואס פאר א שעהנעס, הערליכעס בילד עס שטעלט פאר דיעזער טאהל, אין וועלכען א קליין טייכעלע ציעהעט זיך, וויא א פאס געשמאלצענער זילבער?

— מיין ברודער איז יונג און רעדט פיעלע איבעריגע ווערטער, האט דער אינדיאנער געענטפערט רוהיג.

— איך וויים ניט, אויב איך רעד איבעריגע ווערטער אדער ניט, האט זיך וואלענטין געבייזערט. איך וויים אבער, אז דיא נאטור איז גרויסארטיג און זיא איז ווערטה, אז מען זאל זיא בעוואונדערן.

— איז אויף דער אינזעל, פון וואנען מיין ברודער קומט, ניטא קיין בערג און קיין ביימער?

— איך האב שוין מיין ברודער איין מאל געזאגט, אז דאס לאנד, פון וואנען איך קום, איז קיין אינזעל, האט זיך דער יונגער פראנצויז געהיצט. עס איז א גרויס לאנד. עס הייסט פראנקרייך. ביי אונז זיינען דא זעהר פיעל ביימער. עס זיינען דא ביי אונז בערג אויך. לעבען פאריז איז דא א בארג מיטן נאמען מאָנמארטר.

— וואס רעדט מיין ברודער? האט טראנגאָיל־לאָנעק געפרעגט.

ער האט איהם ווירקליך ניט פערשטאנען.

— איך זאג, אז ביי אונז זיינען אויך דא בערג. אונזערע בערג אבער זיינען ניעדריג. געגען אייערע בערג זיינען אונזערע נור קליינע קופקעלעך, וועלכע דער מויל־וואורף (קראָט) ווארפט אן אויף א פעלד.

— יא, האט דער אינדיאנער געזאגט טרויעריג. אונזער לאנד איז שעהן. פאר וואס קומען דיא בלייכע געזיכטער און ווילען אונז פערטרייבען פון איהר?

וואלענטין האט ניט געוואוסט וואס איהם צו ענטפערן. ער האט געפיהלט, אז דער אינדיאנער האט רעכט.

— עס איז נאך דא גענוג פלאץ אין דיעזען לאנד פאר אלעמען, האט ער געזאגט אום עפעס צו זאגען.

— און ביי אייך איז ניטא גענוג פלאץ פאר אייך אליין? האט דער אינדיאנער געפרעגט. מיר קומען ניט צו אייך. פאר וואס קומט איהר צו אונז?

וואס קען א ווייסער מענש ענטפערן אויף אזא פראגע פון אן אינדיאנער? צום גליק, האט אין דיעזע מינוט דער הונד אנגעהויבען צו ברומען.

— אהער, צעזאר! האט איהם וואלענטין גערופען. וואס איז מיט דיר דער מעהר?

— ער פיהלט, אז איינער קומט אונז אן ענטגעגען, האט טראנגאיל־לאנעק געענטפערט. עס קומט אונז ענטגעגען אן אינדיאנער.

— פון וואנען וויסט איהר עס, הויפטלינג?

— אייער הונד האט עס מיר געזאגט.

אין א פאר מינוטען ארום איז ווירקליך אנגעלאפען אן אינדיאנדנער אויף א ווילד פערד. ער האט זיך העפליך פערנייגט פאר דיא צוויי רייזענדע און איז באלד פערשוואונדען געווארען אין א טיעפען טאָהל.

אין א קורצע צייט ארום זיינען זיי פלוצלונג צוגעקומען צו א דאָרף. וואלענטי האט זאגאר ניט בעמערקט, וויא זיי זיינען צוגעקומען צום דאָרף.

— איז דאס סאן מיגעל? האט ער געפרעגט.

— יא, האט איהם נעענטפערט זיין בעגלייטער.

— אלזא, איז דאניא ראָזאריא דא ערגעץ אין א שטוב! האט וואלענטין אויס־נערופען פול פרייד.

— זיא איז דא געווען. יעצט איז זיא מעהר דא ניטאָ, האט טראַנגאָיל־לאנעק געזאגט טרויעריג.

— פון װאנען ווייס עס מיין ברודער?

— לאז מיין ברודער אליין זעהן.

וואלענטין האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. ער האט געזעהן עטליכע הייזער, ווייטער גאר נישט.

— איך זעה גאר נישט! האט ער אויסגערופען.

— ווען דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען, וואָלט געווען אין דיעזען דארף, וואָלטען דא געוועזן מענשען מיט פערד, האט דער אינדיאנער געזאגט. מיין ברודער זעהט דאך, אז אין דארף איז שטיל און רוהיג. דאס מעדכען איז דא ניטאָ.

— צום טייפעל! זיי זיינען דאך גאנץ קלוג, דיעזע אינדיאנער! האט זיך וואלענטין געטראכט. זיי זיינען דאך גרויסע בריות צו דערראטהען א זאך.

ער האט געטראכט איינ׳גע אויגענבליקע. דאן האט ער זיך געווענדעט צו זיין בעגלייטער.

— הויפטלינג! זאגט מיר, איך בעט אייך: ווער האט אייך אויסגעלערנט זיך צו צוקוקען צו אלעס און צו דערראטהען אלעס?

דער אינדיאנער האט איהם איינ׳גע מינוטען אנגעקוקט פערוואונדערט. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען אויף זיין זאָטעל, האט איהם געוויעזען אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד און האט געזאגט ערנסט און פייערליך.

— דיעזע האבען עס מיך געלערנט!

— איהר האט רעכט, ברודער! האט דער יונגער פראנצויז געזאגט, וויא צו זיך אליין. — דיא נאטור, דיא פרייע נאטור לערנט אונז אלעס. נור אין דער וויסטע ווערט מען א פילאָזאָף, אויף דער פרעריע ווערט מען קלוג. אין ווילדען וואלד הייבט מען אן צו פערשטעהן זיך אין דיא וועלט.

זיי זיינען אריינגעפאהרען אין דארף סאן מיגעל. עס איז געווען לעדיג, פערלאַ־סען און אויסגעשטאָרבען. זיי זיינען צוגעפאהרען צו איין הויז — צום אנדערן. קיינער איז ניט ארויסגעקומען זיי פרעגען, וואָס זיי דארפען. — אין דיא הייזער זיינען קיין מענשען געווען. זיי זיינען אראפגעגאנגען פון זייערע פערד און זיינען אריינגעגאנגען אין א פּאָר הייזער, — קיינער איז ניט געווען אין זיי.

לעבען איין הויז אם ענדע פון׳ם דארף איז דער הונד צעזאָר געבליעבען שטעהן און האט אנגעהויבען צו קראצען דיא וואנד מיט זיינע נעגעל און שרעקליך צו הײלען. וואלענטין און טראַנגאָיל־לאנעק זיינען געבליעבען שטעהן.

— וואס איז מיט׳ן דאגד? האט וואלענטין געפרעגט. פאר וואס איז ער אזוי אונרוהיג?

— ער פיהלט א שפור, האט דער אינדיאנער געענטפערט. לאמיר ארייננעהן, פיעללייכט וועלען מיר עפּעס געוואהר ווערן.

56טעס קאפּיטעל.

וואס זיי זיינען געוואהר געווארען אין דיעזען הויז.

וואלענטין און טראנגאָיל-לאַנעק האבען געוואלט ארייננעהן אין הויז, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט און אן עלטערע אינדיאנער פרוי האט זיך געוויעזען אויף דער טהיר. עס איז געוועזען דייטליך, אז זיא איז ניט געזונד. אויף איהר געזיכט איז געוועזען אויסגעמאלט שמערץ און ליידען.

קוים האט דיא פרוי געעפענט דיא טהיר, איז צעזאר ארייננעלאפען אין שטוב, וויא א שטורמווינד. ער איז פארבייגעלאפען לעבען דער פרוי און האט זיא שיער ניט אומגעווארפען. דיא שוואכע פרוי האט זיך געמוזט אנהאלטען אן דער וואנט.

— איך וויים, וואס דער הונט זוכט אין דיעזען הויז, האט זיא געזאגט טרויעריג. — לאזען מיינע ברידער ארייננעהן. דיעזעס הויז געהערט צו זיי. איך וועל זיי בעדיענען.

וואלענטין איז שוין געוועזען גענוג לאנג אין לאנד אום צו וויסען, אז דאס איז דיא אינדיאנישע העפליכקייט. דיא פרוי האלט זיך פאר א שקלאפין און איז בערייט צו בעדיענען דיא פרעמדע, וועלכע קומען צו איהר אין הויז.

דיא צוויי רייזענדע זיינען ארייננעגאנגען אין שטוב. זיי האבען געפונען, אז צעזאר ליענט אויף דער ערד און קראצט דיא ערד מיט זיינע גרויסע, שטארקע לאַפּעס; דערביי האט ער שרעקליך געברומט און געהיילט.

— וואָס איז מיט דעם הונט? האט וואלענטין נאך אמאל געפרעגט.

טראנגאָיל-לאַנעק האט ניט געענטפערט. ער האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד לעבען הונט און האט געשמעקט און האט געזוכט. ער האט בעטראכט יעדעס שטיקעל ערד, יעדען שטרוי און יעדעס שפּענדעלע, וואס איז געלעגען אויף דער ערד. אין איינינע מינוטען ארום איז ער אויפגעשטאנען.

— נו, הויפּטלינג! וואס האט איהר עפּעס אויסגעפונען? האט וואלענטין געפרעגט.

— גאר נישט! האט טראנגאָיל-לאַנעק געענטפערט. דיעזע שפּורען זיינען שוין אלט. זיי זיינען פון א פּאָר טאָג צוריק.

— וואס פאר א שפּורען? איך זעה דא גאר קיין שפּור!

— שפּורען פון בלוט.

— בלוט? האט וואלענטין אויסגערופען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. האבען דיא טייפעל געטוידטעט דיא אונגליקליכע דאניא ראזאריא?

— ניין, זיי האבען זיא ניט געטוידטעט. זיא איז געוועזען פערוואונדעט. זיי האבען פערבונדען איהרע וואונדען.

— וואס רעדט מיין ברודער? האט דער פראנצויז געטאנצט. פון וואנען קען ער וויסען, אז דאניא ראזאריא איז געוועזען פערוואונדעט און מען האט פערבונדען

איהרע וואונדען? איך זעה דא גאר קיין צייכען און קיין שפור דערפון.

— מיין ברודער איז צו ראש. ער איבערלעגט זיך ניט און היצט זיך אומזיסט, האט דער אינדיאנער געזאגט רוהיג. — לאז ער זעהן, וואס איך האב אין האנד.

מיט דיעזע ווערטער האט ער געעפענט די האנד. וואלענטין האט געזעהן אין זיין האנד עפּעס א זאך.

— איך פערשטעה ניט מיין ברודער! האט ער זיך נאך מעהר געהיצט. ער האלט אין דער האנד אן אויסגעטריקענט בלעטעל. וואס קענען מיר וויסען פון א פערדארטען, אויסגעטריקענטען בלאט פון א בוים אדער פון א בלום?

וואלענטין האט ווירקליך ניט געוואוסט. וואס פאר א בלאט דאס איז: א בלאט פון א בוים אדער פון א גראז.

— פון אזא בלאט קענען מיר אלעס וויסען, האט טראנגאַיל-לאנעק געזאגט רוהיג.

דער נייגיעריגער פראנצויז איז אויפגעשפּרונגען.

— הויפּטלינג! האט ער אויסגערופען, ווען דוא ווערסט מיר ערקלערן, וואס מיר קענען וויסען פון אזא בלאט, וועל איך שרייען אין די גאסען, אז דוא ביסט דער גרעסטער מאטשי (צויבערער) אין גאנץ אמעריקא.

— איך בין קיין מאטשי. דאס בלאט זאגט מיר אלעס.

— אבער וויא אזוי?

— גאנץ איינפאך. דאס בלאט איז פון א גראז, וועלכעס הייסט אַריגאנום. דיעזעס גראז האט אין זיך די איינענשאפט, אז עס האלט איין בלוט. — דער הונד האט דערשמעקט די שפּורען פון בלוט און האט אנגעהויבען צו ברומען און צו קראצען די ערד. איך האב מיך אנגעבויגען און געפונען א בלאט אַריגאנום. איז דאס ניט דער בעסטער בעווייז, אז דא איז געוועזן א פערוואונדעטער און מען האט איינגעהאלטען דאס בלוט מיט די בלעטער פון אַריגאנום?

וואלענטין האט אויסגעגלאצט א פּאר אויגען. — דער ווילדער האט רעכט!

די ווירטהין פון'ם הויז איז די גאנצע צייט ניט געוועזן אין צימער. אין דיעזע מינוט איז זיא אריינגעקומען און האט געבראכט צוויי הערנער פון אקסען פול מיט אן ארט ביסקוויט — קליינע פלעצעלעך, פון מעהל פון טערקישע ווייץ און א פלאַש פון א קירבוס פול מיט טשיקא. זיא האט אניעדערגעשטעלט אלעס אויפ'ן איינפאכען טיש און האט געבעטען איהרע געסט, זיי זאלען עסען.

די געסט זיינען געוועזן הונגעריג און האבען אויסגענוצט די גאסט-פריינד-שאפט פון דער גוטער ווירטהין, וויא וויים זיי האבען געקענט. נאכ'ן עסען האבען זיי געמאכט א סיגארעט אויף אינדיאנישער ארט. מען לעגט אריין צושניטענעם טאבאק און די בלעטער פון טערקישע ווייץ און דער סיגארעט איז פערטיג. ער איז צוואר ניט אזוי שעהן, וויא די סיגארעטען, וואס מען מאכט אין די פאבריקען. ער איז אבער גוט גענוג.

— מיין שוועסטער איז גוט און פריינדליך, האט טראנגאַיל-לאנעק געזאגט, ווען ער האט פערדויכט זיין סיגארעט. וויל זיא מיט אונז רעדען איינינע מינוט?

— לאָזען מיינע ברידער פרעגען, איך וויל זיי אנטוואָרטען, האָט די פרוי געענטפערט.

וואלענטין האָט ארויסגענומען צוויי זילבערנע פעזאָס און האָט זיי דערלאַנגט דער פרוי מיט דיא ווערטער:

— וויל מיר מיין שוועסטער ערלויבען, איך זאל איהר שענקען דיעזע קליינינ־קייט אויף א פּאָר אויער רינגען?

— איך דאנק מיין ברודער, האט דיא פרוי געזאגט. איך זעה, אז ער איז א פרעמדער. איז ער א פריינד אדער אן אנפערוואנדטער פון׳ם יונגען מעדכען מיט׳ן בלייכען געזיכט, וועלכעס איז דא געווען?

— איך בין איהר פריינד, האט וואלענטין געענטפערט. איך וועל זיין זעהר גליקליך, ווען מיין שוועסטער וועט מיר קענען געבען א נאכריכט פון איהר.

דיא פרוי האט געטראכט איינינע אויגענבליקע. דאן האט זיא אנגעהויבען צו דערצעהלען.

— מיט איינינע טעג צוריק איז אהער געקומען א גרויסע פרוי פון דיא בלייכע געזיכטער מיט איינינע קריעגער. דיעזע פרוי האט מיך געבעטען, איך זאל איהר ער־לויבען צו פערברענגען דיא נאכט אין מיין הויז. איך פיהל מיך קראנק און קען ניט ארומגעהן ארום געסט. איך האב איהר אבער דאך ניט געקענט אפזאגען און האב זיא אויפגענומען אין מיין הויז, האב איהר אפגעגעבען דאס הויז און אליין האב איך מיך געלעגט אויפ׳ן דאך אין היי.

נעמען האלבע נאכט האב איך געהערט א ליארם אין דארף. עס זיינען אנגע־קומען עטליכע רייטער און האבען געבראכט מיט זיך א יונגעס מעדכען. שפּעטער בין איך געוואהר געווארען, אז דאס יונגע מעדכען איז א געפאנגענע.

איך ווייס ניט, וואס עס איז געשעהן און וויא אזוי עס איז געשעהן; איך ווייס נור, אז דאס יונגע מעדכען איז אנטלאפען. עס איז געוואָרען א רעש און א געוואלד. דער טאָקי און דיא גרויסע פרוי זיינען געפאהרען זיא זוכען. אין דער פריה האבען זיי זיא צוריקגעבראכט. זיא איז געווען צוגעבונדען צו א פערד. איהר קאפּ איז געווען פערבלוטינט. זיא איז געווען בעוואוסטלאז. מען האט זיא אריינגעבראכט אהער אין שטוב און מען האט זיא אניעדערגעלעגט דא אויף דער ערד.

איך ווייס ניט, וואס דער טאָקי האט גערעדט מיט דער גרויסער פרוי. אין א קורצע צייט ארום איז זיא אריינגעקומען אין שטוב, האט אפּגעוואשען דיא וואונדען פון׳ם מעדכען און האט זיי פערבונדען. דאן איז דיא גרויסע פרוי אוועקגעפאהרען ערגעץ מיט׳ן טאָקי. זיי האבען איבערגעלאָזען צעהן קריעגער, וועלבע זאלען בעוואכען דיא געפאנגענע. מיך האט דער טאָקי געבעטען, איך זאל אכטונג געבען אויפ׳ן קראנקען מעדכען.

איך האב געפרעגט איינעם פון דיא קריעגער: ווער איז דאס מעדכען און פאר וואָס מען האלט זיא געפאנגען? — דער קריעגער האָט מיר געענטפערט, אַז דער טאָקי וויל זיא נעהמען פאַר אַ פרוי.

היינט גאנץ פריה איז דאס מעדכען מיט׳ן בלייבען געזיכט געווען פיעל בעסער. דיא קריעגער זיינען מיט איהר אוועקגעפאהרען.

— האט דאס מעדכען אייך גאר ניט געזאגט, איידער זיא איז אוועקגעפאהרען? האט וואלענטין נעפרעגט. איהר האט דאך געווים מיט איהר גערעדט פארן אוועקפאהרען.

— דאס אונגליקליכע מעדכען האט מיר גאר נישט געזאגט. — זיא האט געוויינט. זיא האט אויף קיין פאל ניט געוואלט אוועקפאהרען פון מיר. דיא קריעגער האבען זיא געצוואונגען, זיא זאל זיך זעצען אויף א פערד. זיי האבען איהר געדראהעט, אז ווען זיא וועט זיך ניט זעצען אויפ׳ן פערד מיט׳ן גוטען ווילען, וועלען זיי זיא צו־בינדען צום פערד.

— ווייס ניט מיין שוועסטער, וואוהין דיא קריעגער זיינען געפאהרען? האט טראנגאיל־לאנעק געפרעגט.

— איך האב געהערט, אז זיי פאהרען אין דארף, וואו עס וואוינט דאס פאלק דער רויטער שפארבער.

— איך דאנק מיין שוועסטער. זיא מעג געהן זיך אפרוהען. מיר דארפען זיא מעהר ניט.

דיא פרוי איז ארויסגעגאנגען פון צימער. ביידע מענער זיינען געבליעבען אליין.

— וואס דענקט מיין ברודער יעצט צו טהאן? האט דער הויפטלינג געפרעגט.

— מיר מוזען זיי נאכלויפען! האט וואלענטין געשריען. מיר מוזען זיא בעפרייען!

— מיין ברודער רעדט גוט, אבער צוויי מענשען געגען צעהן קענען גאר ניט מאכען.

— מיין ברודער האט רעכט, האט וואלענטין געזאגט, וואס זאלען מיר אבער טהאן? זאלען מיר שווייגען? זאלען מיר עס דערלאזען, אז דיעזע טייפעל זאלען אוועקפיהרען דאס אונגליקליכע קינד ערגעץ גאנץ ווייט?

— ניין. מיר מוזען דא ווארטען.

— ווארטען? וויא לאנג זאלען מיר דא ווארטען? האט דער אונרוהיגער פראנצויז געפרעגט.

— ביז קורומיללא וועט קומען.

וואלענטין האט איינגעזעהן, אז דער אינדיאנער האט ווידער רעכט. ווען טראנגאיל־לאנעק האט אויסגעפונען דיא שפור פון דאניא ראזאריא, האט קורומיללא געווים אויך אויסגעפונען דיעזעלבע שפורען. ער איז דאך נאך מיט א טאג פריהער אוועקגעגאנגען זיא זוכען. ער וועט געווים באלד אנקומען מיט הילף. ער האט געווים אויך איינגעזעהן, אז איין מענש געגען צעהן קען גאר ניט מאכען און איז געגאנגען ברענגען נאך עטליכע מענשען.

— ווארטען איז ווארטען! האט ער אויסגערופען. וואס זאלען מיר אבער דערווייל טהאן?

— זיך לעגען שלאפען, האט טראנגאיל־לאנעק געענטפערט רוהיג. מיין ברודער איז געווים מיעד.

אין א ווינקעל איז געלעגען א פעל פון אן אקס. וואלענטין האט זיך אויסגע־צויגען אויף דער פעל און איז באלד אנטשלאָפען געוואָרען. טראַנגאַיל־לאַנעק האט אפּגעבונדען א שטריקעל פון׳ם גארטעל און האט אנגעהויבען עפּעס אויסצומעסטען. יעדעס מאל, ווען ער האט עפּעס אָפּגעמאָסטען, האט ער געמאכט א קניפּ אין שטריקעל. ווען ער האט געענדיגט זיין ארבייט, האט ער צוריק צוגעבונדען דאס שטריקעל צו זיין גארטעל און האט זיך אויך געלעגט שלאפען לעבען וואלענטינען.

באלד זיינען ביידע פריינד געשמאק געשלאפען.

57טעם קאפּיטעל.

פון דער הויך.

קורומיללא און זיינע צוויי בעגלייטער זיינען אראפּגעגאַנגען פון׳ם בערג קאָר־קאָוואדאָ. פאר דיא צוויי ווייסע מענשען איז דאס אראפּגעהן פון׳ם בערג געווען פיעל שווערער, וויא דאס ארויפגעהן. פון מינוט צו מינוט האבען זיי זיך געמוזט אנהאל־טען אן דיא צווייגען פון דיא ביימער, זיי זאלען ניט אראפּפאלען. אין ערטער האבען זיי זיך געמוזט גליטשען און זיך אנהאלטען אן שארפע שטיינער. נור קורומיללא איז זיך אראפּגעגאַנגען רוהיג און מיט א פעסטען שריט, גלייך וויא ער וואלט געגאַנגען אויף א גלייכען וועג.

מען מוז געבאָרען ווערן אין דיעזע געגענדען און פערברענגען אלע זיינע יאהרען אין וואלד און אויף דיא בערג, אום מען זאל קענען ארומגעהן אויף דיא בערג. דיא ציוויליזירטע מענשען זיינען פערצויגען, פערצערטעלט. אין דיא גרויסע שטעדט און דיא געבילדעטע לענדער לערנט זיך דער מענש אוים פיעלע זאכען, נור ניט צו לעבען.

עס האט געדויערט א גערוימע צייט, ביז זיי זיינען צוריקגעקומען צום ארט, וואו זיי האבען געלאזט זייערע פערד. לואיס און דאן טאדעאָ זיינען געווען שרעקליך מיעד. זיי זיינען אומגעפאלען פון מיעדינקייט, ווען זיי זיינען ענדליך אנגעקומען אויף דער לאַנקע (וויעזע).

— מיינע ברידער מוזען זיך אפּרוהען, האט קורומיללא געזאגט. מיר מוזען דא בלייבען, ביז זיי וועלען אנזאמלען קרעפטען. מיר האבען נאך א וויטען וועג פאר אונז.

לואיס און דאן טאדעאָ האבען ניט געענטפערט. זיי זיינען געבליעבען ליעגען אויפ׳ן ווייכען גראָז, זיי האבען זאגאר ניט בעמערקט, וויא קורומיללא איז ערגעץ פערשוואונדען.

אין אייניגע מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען און האט געהאלטען אין דיא הענד א בינטעל גראָז, אדער ריכטיגער געזאגט, צווייגעלעך מיט לענגליכע בלעטער, וויא דיא בלעטער פון ווידען (הושענות). ער איז צוגעגאַנגען צו לואיס׳ן און האט איהם געזאגט:

— לאז מיין ברודער עסען דיעזע בלעטער.

לואיס האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן מיט דיעזע בלעטער און וויא אזוי זיי צו עסען. דאן טאדעאָ האט זיך אביסעל אויפגעהויבען און האט א קוק געטהאן אויף דיא בלעטער. אלס דאקטאר און געלערנטער האט ער באלד דערקענט, וואס פאר א בלעטער זיי זיינען.

— קאַקאָ! האט ער אויסגערופען מיט פרייד. דאס זיינען קאַקאָ בלעטער! — אה, דאנק, קאַציק, וואס דוא האסט אונז געבראכט קאַקאָ-בלעטער.

לואיס האט נאך אלץ ניט געוואוסט, וואס דאס זיינען פאר א בלעטער.

— וואס איז דאס פאר א גראָז און צו וואס זאל איך עס עסען? האט ער געפרעגט.

— צוקייט דיעזע בלעטער און שלינגט זיי אראפּ, האט דאן טאדעאָ איהם געענטפערט, איהר וועט זעהן, וואס פאר א ווירקונג זיי וועלען אויף אייך מאכען.— אמעריקא איז א גאָלדען לאנד. קיין לאנד אין דער וועלט האט ניט אזוי פיעל מעדי־ צינישע גראזען און בלעטער, וויא אמעריקא. דיא ערד אין אמעריקא האט אין זיך גאנץ אנדערע זעפטע און קרעפטע, וויא דיא ערד פון אנדערע וועלט טהיילע.

דיא בלעטער פון א גאנץ קליין ביימעלע מיט'ן נאמען קאַקאָ האבען אין זיך א זאנדערבארע אייגענשאפט. דער מענש מעג זיין מיעד, אז ער קען זיך שוין ניט ריה־ רען, ווען ער עסט אויף עטליכע קאַקאָ-בלעטער, ווערט ער באלד פריש און מונטער, גלייך וויא ער וואָלט גאר קיין ארבייט ניט געטהאן. דיא אינדיאנער וויסען פון דיעזער אייגענשאפט פון דיא קאַקאָ-בלעטער. ווען זיי זיינען מיעד און דארפען נאך ערגעץ געהן אדער פאהרען, עסען זיי אויף עטליכע בלעטער און ווערן ווידער פריש און מונטער.*)

— אויב אזוי, גיט מיר אייער מעדיצין! האט לואיס אויסגערופען. מיר קענען דא לאנג ניט בלייבען. מיר מוזען ווייטער פאהרען.

דאן טאדעאָ האט אליין אויפגעגעסען עטליכע בלעטער און האט עטליכע גע־ געבען לואיס'ן. ער האט זיי פערשלונגען. אין איינינע מינוט ארום האט ער געפיהלט זייער ווירקונג. ער איז אויפגעשפרונגען, וויא א יונגער הירש, און האט זיך גענומען אנזאטלען זיין פערד. קורומיללא און דאן טאדעא האבען איהם נאכגעטהאן. פלוצלונג האבען זיי דערהערט שיעסען.

— וואס איז דאס? האט לואיס אויסגערופען דערשראָקען.

— דער קאַמפּף האט זיך אנגעהויבען אין טאָהל דעל ריאָ סלעקאָ, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג.

באלד האט מען געהערט, וויא פון איין זייט האט מען געשריען: פאר אונזער פאטערלאנד! פאר טשילי! און פון דער אנדערער זייט האט מען געשריען: הו—הו—הופּ! דאס איז דער ווילדער קריעגס געשריי פון דיא אינדיאנער.

דאן טאדעא האט א ציטער געטהאן. ער האט זעהר געוואלט געהן רעטען זיין טאכטער; ער האט אבער געוואלט זעהן, וויא דיא שלאכט וועט זיך ענדיגען. איינינע אויגענבליקע האט ער זיך ניט געקענט ענטשליעסען וואס צו טהאן. אין איהם האט געקעמפּפט דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער מיט'ן פאָטער. ענדליך האט דער פאטריאט געזיעגט.

*) דיא קאַקאָ-בלעטער שפּיעלען יעצט א גרויסע ראלע אין דער מעדיצין. איך געדענק, אז אין 1878, ווען מען האט דיא קאַקאָ-בלעטער איינגעפיהרט אין רוסלאנד צום ערשטען מ... ל, פלעגט מען פאר זיי צאהלען 10 רובעל א פונט. א. טאַנענבוים.

— קום, קאַציק! האט ער געזאגט. פיהר אונז צום אָרט, וואו עס קומט פאר דיא שלאַכט. מיין טאַכטער וועט מוזען ווארטען נאך אַ שטונדע.

לואיס האט צוואר געוואלט בעסער געהן בעפרייען דאניא ראזאריא. איהם האט ווענינ געקימערט דער גענעראַל בוסטאמענטע מיט דיא דונקעלע הערצער. ער האט אבער נים געקענט העלפען.

אלע האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און האבען זיי געגעבען דיא שפארען. פון דעם ארט, וואו זיי זיינען געוועזן, ביז אין טאהל דעל ריאָ סעקאָ איז געוועזן אַ גרויסע שטרעקע. קורומיללא האט גוט געקענט דיא געגענד. ער האט געפיהרט זיינע בעגלייטער צו דער זייט פוּ'ם טאהל, וואו דער וועג געהט קיין סאנט יאגאָ. ער האט זיי ארויפגעפיהרט אויף א בערגעל, פון וואנען מען האט געקענט זעהן אלעס, וואס איז פאָרגעקומען אונטען אין טאהל.

דא זיינען זיי געבליעבען שטעהן. זיי זיינען אראָפגעגאנגען פון זייערע פערד און האבען זיך צוגעהערט. דאס שיעסען איז געוואָרען אלע מאל שוואכער. דיא געשרייען האבען אויפגעהערט. — דיא שלאַכט האט זיך געענדיגט. דאן טאדעאָ האט געוואָלט זעהן, אויב דאן גרינאריא לעבט נאך. דאס איז אבער געוועזן אונמעגליך. עס איז געוועזן צו וויים.

פלוצלונג האט קורומיללא בעמערקט, אז דיא בלעטער פון דיא ביימער ריהרען זיך. ער האט געחאפט זיין מעסער, ווען אַ מאן איז ארויסגעקראָכען פון אונטער אַ בוים. ער האט געהאלטען אין דיא הענד א שווערד, פון וועלכען עס האט נאך געטריפט בלוט.

— זשאן, דוא ביסט עס! האט קורומיללא אויסגערופען:

— איך זוך מיין ברודער.

— מעגען דיא לייבע געזיבטער, וואס געפינען זיך מיט מיר, הערן, וואס דוא ווילסט מיר דערצעהלען?

— זיי מעגען עס הערן.

— אלזא, קום צו זיי.

ביידע אינדיאנער זיינען ארויפגעקראכען אויפ'ן שטיין, אויף וועלכען דאן טאַדעאָ און לואיס זיינען געשטאנען און האבען געקוקט, וואס עס טהוט זיך אין טאהל. זיי האבען זיך אפגערוהט א פאָר מינוט און זשאן האט דערצעהלט, וואס עס איז פאָרגעקומען אונטען אין טאהל.

— ווען איך האב געזעהן, אז בוסטאמענטע איז אנטלאפען געווארען, האט זשאן געענדיגט זיין ערצעהלונג, האב איך געטראַכט, אז איהר דארפט עס וויסען און בין געגאנגען עס אייך דערצעהלען. איך האב געוואוסט, אז איהר געפינט זיך ניט וויים פוּ'ם בערג קארקאָוואדאָ.

דיעזע נאַכריכט האט געטראָפען דאן טאדעא, וויא א דאנערשלאג.

— אך! האט ער אויסגערופען. אונזער ארבייט איז פערלארען. אומזיסט איז געפלאָסען אזוי פיעל אונשולדיג בלוט?

אלע פיער האבען זיך צוגעקוקט צום טאַהל. זיי האבען געזעהן, וויא דיא

אינדיאנער לויפען פון אלע זייטען, וויא איינינע פאלען אום אייביג נים צו אויפצושטעהן; אנדערע — פערוואונדעטע — האבען זיך געשלעפט אדער זיך געקויקעלט, וויא דיא שלענג צווישען דיא ביימער.

באלד האבען זיך געוויעזען דיא שפאנישע רייטער. א מאן אויף א שטארקען שווארצען פערד, הינטער איהם איינינע קריעגער, האבען זיך נאכגעיאגט נאך דיא שפאניער. דאן טאדעא האט איהם באלד דערקענט. דאס איז געווען דער גענעראל בוסטאמענטע. ער האט זיך נאכגעיאגט נאך דאן ראמאן דערפאר, וואס ער האט צושניטען דיא באק פון דאניא מאריא.

דאן טאדעא און זיינע בעגלייטער האבען געווארט, ביז בוסאמענטע איז צו געקומען נאהענט צו דעם ארט, וואו זיי זיינען געשטאנען אין דער הויך.

— שיעסט איהם! האט דאן טאדעא אויסגערופען, ווען בוסטאמענטע איז געווען גאנץ נאהענט.

ער און לואים האבען אויסגעשאסען מיט א מאל. בוסטאמענטע'ס פערד האט א שפרונג געטהאן און איז אומגעפאלען. דיא אינדיאנער קריעגער, וועלכע זיינען געלאפען נאך איהם, זיינען געבליעבען שטעהן דערשראקען. זיי האבען איהם אויפגעהויבען פון דער ערד און זיינען אנטלאפען צוריק.

דאס איז געווען דער לעצטער אקט פון דער דראמא, וואס האט זיך אבגעשפיעלט אין טאהל דעל ריא סעקא. באלד איז אלעס געווארען שטיל. דיא אינדיאנער זיינען פערשוואונדען. דיא שפאניער זיינען ארויסגעפאהרען פון טאהל.

58טעס קאפיטעל.

ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

ווען אלעס איז געווארען שטיל אין טאהל, האט דאן טאדעא געזאגט צו קורומיללא:

— יעצט, קאציק, לאמיר געהן אונזער וועג. מיר האבען דא מעהר נים וואס צו טהאן.

— עס זיינען דא צו פיעל אויגען, וועלכע קוקען אויף אונז, האט קורומיללא געענטפערט און געוויעזען אויפ'ן וואלד.

— איהר האט א טעות, קאציק. אין טאהל איז שטיל. דיא שווארצע שלענג זיינען זיך אוועקגעגאנגען זייער וועג. מיר מעגען געהן. מיר האבען דא גאר נים וואס צו טהאן.

— מיין ברודער קען נים דיא קריעגער פון דיא שווארצע שלענג, האט קורומיללא געזאגט ערנסט. ער ווייס נים, אז קוים איז נאך דא א פיינד, וועלכען זיי קענען טויטען, לאזען זיי פון איהם קיין אויג נים אראפ.

— איך פערשטעה נים, וואס מיין ברודער מיינט, האט דאן טאדעא געזאגט מיט פערדרוס.

— מיין ברודער'ס אויגען זיינען פערשטעלט. ער האט נים געזעהן, אז אנטינאהועל איז פערוואונדעט. ער וועט נים אוועקגעהן פון דאנען, ביז ער וועט זיך נוקם זיין אן דיא בלייבע געזיבטער.

דאן טאדעא איז געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט.

— וויא אזוי האט מיין ברודער געזעהן, אז אנטינאהועל איז פערוואונדעט? האט ער געפרעגט ערשטוינט.

— דער טאקי איז נאכגעלאפען דיא בלייבע געזיבטער צוזאמען מיט'ן גרויסען קריעגער, וועלכען איהר רופט בוסטאמענטע. זיין האנד איז געווען פערבונדען.

— מיר קענען דאך דא ניט בלייבען! האט לואיס אויסגערופען. מיר מוזען אוועקגעהן פון דאנען!

— און אריינפאלען אין אנטינאהועל'ס הענד, האט קורומיללא געענדיגט.

— אלזא, מוזען מיר דא בלייבען, ביז אנטינאהועל וועט אונז אויסהונגערן אדער ער וועט אויף אונז אנפאלען? האט זיך לואיס געהיצט.

— מיינע ברידער זיינען ניט געווען פארזיכטיג. ווארום האבען זיי געשאסען אויפ'ן גרויסען קריעגער, פון דיא בלייבע געזיבטער?

ערשט יעצט האט דאן טאדעא און לואיס פערשטאנען, אז זיי האבען געמאכט א גרויסען פעהלער, וואס זיי האבען געשאסען אויפ'ן גענעראל. דערמיט האבען זיי זיך אליין פערראטהען. אנטינאהועל האט געוויס געשיקט שפיאנען געוואהר ווערן, וויפיעל שפאניער געפינען זיך אויפ'ן בערגעל. ווען ער וועט וויסען, אז זיי זיינען נור עטליכע, וועט ער זיי געוויס ארומרינגלען און וועט זיי טויטען.

— מיר געפינען זיך אין א שעהנער לאגע, האט לואיס געזאגט. מיר זיינען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

— יא, האט קורומיללא געענטפערט גלייכגילטיג.

— ווייס ניט מיין ברודער עפעס א מיטעל, וויא אזוי זיך אויסצודרעהן פון דיעזער פערצווייפעלטער לאגע? האט לואיס געפרעגט.

— מיר מוזעןווארטען, ביז עס וועט ווערן נאכט, האט דאן טאדעא פאר איהם געענטפערט. דיא אינדיאנער וועלען אנטשלאפען ווערן און מיר וועלען שטילערהייט זיך אוועקגעהן.

— דיא אינדיאנער קריעגער שלאפען ניט, האט קורומיללא געזאגט ערנסט.

— דאן וועלען מיר מוזען אריבערגעהן איבער זייערע טויטע קערפער! האט אויסגערופען דער שטאלצער פראנצויזישער גראף.

קורומיללא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ. וואס זאל ער ענטפערן א גרין־הארן, וועלכער האט נאך גאר קיין בעגריעף ניט, וואס אן אינדיאנער קריעגער איז.

— איך מיין, אז דאן לואיס האט דאך רעכט, האט זיך אפגערופען דאן טאדעא. דיא קריעגער זיינען מיעד. נעגען האלבע נאכט וועלען זיי געוויס אנטשלאפען ווערן. מיר וועלען דאן קענען שטילערהייט זיך ארויסגנב'ענען פון דיעזען ארט, אין וועלכען מיר ליעגען געפאנגען, וויא א מויז אין א שטיינעל.

— גוט! האט קורומיללא געענטפערט. איך וועל טהאן אלעס, וואס מיינע ברידער וועלען פון מיר פערלאנגען.

דערווייל האבען זיי גאר ניט געקענט טהאן. זיי מוזען ווארטען ביז ביי נאכט. פון אין דער פריה האבען זיי נאך ניט געגעסען. זיי האבען זיך דערווייל געזעצט עסען.

זיי האבען געהאט מיט זיך גענוג לעבענסמיטעל, ווען זיי זאלען לעבען עקאָנאָמיש, וואלטען זיי געהאט גענוג לעבענס מיטעל אויף אכט טעג. זיי האבען אבער געהאט וועניג וואסער מיט זיך.

דאס אלעס האט איבערגערעכענט דאן טאדעאָ. לואיס איז געווען נאך צו „גרין" אום צו פערשטעהן, אז עס איז זעהר מעגליך, אז זיי זאלען דארפען פער־ברענגען עטליכע טעג אויף דיעזען איינזאמען שטיין! ער האט זאגאר ניט פערשטאנען, אז דיעזער שטיין איז זייער איינציגע פעסטונג און אז קורומיללא האט אויסגעקליבען אזא אָרט, צו וועלכען עס איז ניט אזוי לייכט צו צו קומען.

נאכ׳ן עסען האבען זיי זיך אניעדער געזעצט קוקען אויף דיא בערג ארום. פּלוצלונג האבען זיי דערזעהן, וויא א פּארטיע רייטער זיינען ארויסגעפאהרען פון׳ם טאָהל דעל ריאָ סעקאָ און זיינען געפאהרען אויפ׳ן וועג קיין סאנט יאגאָ.

— ווער זאָל עס זיין? האט לואיס געפרעגט.

— דאס זיינען רייטער מיט בלייבע געזיכטער, האט קורומיללא געענטפערט.

ער האט רעכט געהאט. דאס זיינען געווען דיא פופציג רייטער, וועלכע דאן גרינאריא האט מיטגעשיקט מיט׳ן גובערנאטאר דאן ראמאָן, זיי זאלען פאהרען קיין סאַנט יאגאָ און זאָלען מעלדען אלעס, וואס איז היינט געשעהן.

דיא רייטער זיינען געפאהרען גאנץ רוהיג און זיכער. זיי זיינען געווען איבער־צייגט, אז דיא אינדיאנער זיינען זיך אוועקגעגאנגען אין זייערע דערפער און וועלען זיי שוין מעהר ניט אויפהאלטען. קוים אבער איז דיא קליינע פּארטיע רייטער אוועק־געפאהרען א דריי פערטעל מייל פון׳ם טאָהל, האבען זיך אנגעהויבען שיטען אינדיא־נער קריעגער פון אלע זייטען. מען האט געהערט זייער שרעקליכען קריעגסרוף און זייערע ווילדע קולות.

דיא שפּאניער זיינען געווען אזוי איבעררא־שט פון׳ם פּלוצלונגען אנפאל, אז זיי האבען זיך זאגאר ניט געקענט שטעלען געגען דיא אינדיאנער. אין א צייט פון א פיערטעל שטונדע האבען דיא אינדיאנער געזיעגט. פיעלע האבען זיי דערהרג׳עט אויפ׳ן אָרט, דיא איבעריגע האבען זיי גענומען געפאנגען און האבען זיי אוועקגעשלעפּט אין דיא וועלדער. פון דער גאנצער פּארטיע האט זיך ניט איינער גערעטעט.

אין דער געגענד איז ווידער געווארען שטיל און רוהיג: מען האט ווידער ניט געזעהן קיין לעבעדיגען מענשען. נור דיא אדלער׳ס האבען זיך געדרעהט אין דער הויך. זיי האבען דערשמעקט, אז אויף דער ערד ליעגען טויטע קערפּער.

— נון, וואס דענקען יעצט מיינע ברידער? האט קורומיללא געפרעגט. זיינען דיא אינדיאנער קריעגער פערשוואונדען געווארען? זיינען זיי זיך אוועקגעגאנגען?

— איהר האט רעכט, קאציק! האט דאן טאדעאָ געענטפערט. זיי בעוואכען אונז. זיי ליעגען ערגעץ בעהאלטען ארום אונז. — אך! ווער וועט רעטען מיין טאָכ־טער? — וואו איז זיא יעצט?

— איך וויל געהן זיא רעטען! האט לואיס אויסגערופען און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט.

— פיין ברודער איז טאפפער און מוטהיג, האט קורומיללא געזאגט רוהיג; ער איז אבער צו יונג און קען נאך ניט דיא אינדיאנער קריעגער. איידער ער וועט אוועקגעהן פופציג שריט פון דאנען, וועט ער זיין טויט אדער געפאנגען.

— אך! האט לואיס געזיפצט, ווען וואלענטין זאל זיין מיט אונז, וואלטען מיר זיך אויסגעדרעהט! ער איז א סאלדאט און גאנץ קלוג. ער וואלט שוין אויסגעפונען א מיטעל, וויא אזוי אונז צו העלפען. וואו איז ער אבער יעצט?

— מיין ברודער מעג רוהיג זיין, האט קורומיללא געענטפערט. דאן וואלענטין און טראנגויל־לאנעק זיינען געגאנגען זוכען דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען. זיי זיינען יעצט געווים אין דארף סאן מיגעל. איך האב געהאט א נאבריכט, אז מען האט זיי היינט געזעהן ניט ווייט פום דארף.

— וויא אזוי אבער ניט מען איהם צו וויסען, אז מיר געפינען זיך אין אזא פערצווייפעלטער לאגע? האט לואיס געזאגט, וויא צו זיך אליין.

— זשאן וועט געהן און וועט איהם זאגען, וואו מיר זיינען, האט קורומיללא זיך אפגערופען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער אפגעשניטען א קליין שטיקעל פון דער טיגערפעל, וועלכע ער האט געטראגען אויף דיא פלייצעס און האט עס דערלאנגט צו זשאן.

— לאז מיין ברודער געבען דיעזען צייכען דעם הויפטלינג טראנגויל־לאנעק. ער וועט שוין וויסען, וואס דאס בעדייטעט.

— גוט! האט זשאן געזאגט. איך וועל שוין געפינען דעם הויפטלינג.

זיי האבען איהם געדריקט דיא הענד און ער איז אראפגעקראכען פום שטיין, אויף וועלכען זיי זיינען געזעסען. ווען ער איז אנגעקומען אונטען, האט ער זיך אויסגעצויגען און האט אנגעהויבען זיך צו קייקלען, וויא א שלאנג. ער האט זיך געקייקעלט אזוי געשיקט, אז ער האט ניט אנגעריהרט קיין צווייגעל און קיין בוימעל.

עס איז שוין געווען שפעט. דיא זון איז שוין אונטערגעגאנגען און האט געווארפען איהרע לעצטע רויטע שטראהלען אויף דיעזע געגענד, וואו עס האט זיך היינט אפגעשפיעלט אזא שרעקליכע סצענע.

דאן טאדעא איז געווען זיכער, אז זשאן איז געלונגען זיך אויסצודרעהן פון דיעזע בערג, וואו זיי ליעגען אזוי פערשפארט. פלוצלונג האט מען געהערט א שאס פון א פיסטאלעט אין דער זייט, וואו זשאן איז נור וואס פערשוואונדען. לואיס איז אויפגעשפרונגען.

— זיי האבען איהם דערשאסען! האט ער אויסגערופען. ער איז טויזט!

— מעגליך, ער איז טוידט; מעגליך, ער איז ניט טוידט, האט קירומיללא געזאגט גלייכגילטיג.

— איך זעה יעצט, אז מען בעוואכט אונז שטארק, האט דאן מארעא געקרעכצט. מיר וועלען זיך אזוי לייכט ניט אויסדרעהן פון זיי. — מיין טאכטער! מיין ארימע, אונגליקליכע טאכטער!

ער האט אניעדערגעלעגט זיין קאפ אויפ'ן קאלטען שטיין און הייסע טרערן האבען זיך געקייקעלט איבער זיינע בלייכע באקען.

59טעס קאפיטעל.

אונטערהאנדלונגען.

דאן טאדעאָ און דאן לואיס האבען זיך יעצט איבערצייגט, אז זיי זיינען ווירקליך ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און זיי זיינען אין זעהר א געפעהרליכער לאגע.

— וואס טהוט מען יעצט? האט לואיס געפרעגט. זיי קענען דאך אויף אונז אנפאלען ביי נאכט.

— דער שטיין איז הויך, האט קורומיללא געענטפערט, דעננאך מוזען מיר זיך בעפעסטיגען. לאזען מיינע ברידער טהאן, וואס איך וועל זיי הייסען.

ער האט אויסגעזוכט שטיינער און טרוקענע צווייגען און האט אנגעהויבען צו בויען אן ארט וואנט — א באררקאדע, אז קיין פייל און קיין קוגעל זאל זיי ניט טרעפען. לואיס און דאן טאדעאָ האבען איהם געהאלפען. זיי האבען זאגאר געוואגט אראפצוגעהן און צו זוכען שטיינער ארום דעם בערגעל, וואו זיי זיינען געשטאנען. אזוי האבען זיי געארבייט שווער און ביטער א האלבע נאכט, ביז קורומיללא האט געפונען, אז זיי זיינען דערוויל זיכער.

— יעצט מעגען מיינע ברידער זיך לעגען אביסעל שלאפען, האט קורומיללא געזאגט. זיי זיינען מיעד און מוזען זיך אויסרוהען.

— און וואס וועט טהאן דער קאציק? האט לואיס געפרעגט.

— איך וועל האלטען דיא וואך, האט קורומיללא געענטפערט.

ער האט זיי געמאכט א געלעגער פון גראז און טרוקענע בלעטער און האט זיי געהייסען זיך צודעקען מיט זייערע מענטעל, ווייל אין יענער געגענד פאלט ביי נאכט א שטארקער טהוי. ווער עס איז ניט געוואוינט צו יענער געגענד, דער קען זיך לייכט פערקיהלען.

דאן טאדעאָ און לואיס זיינען ווירקליך געוועזען זעהר מיעד. זיי האבען זיך א ניעדערגעלעגט אויפ'ן געלעגער, וואס קורומיללא האט פאר זיי געמאכט און זיינען באלד אנטשלאפען געווארען.

עס איז שוין געוועזען אום דריי אוהר פארטאָג ווען זיי זיינען אנטשלאפען געווארען. קוים האט זיך קורומיללא איבערצייגט, אז זיי שלאפען, איז ער שטילערהייט אראָפגעגאנגען פו'ם שטיין און האט אנגעהויבען אויסצושלאגען פייער מיט זיין פייערגעצייג. קוים האבען זיך דיא טרוקענע גראָזען אנגעצונדען, האט ער זיי גענומען אונטער דער טיגער פעל און האט זיי אוועקגעטראגען ערגעץ גאנץ ווייט. דארט האט ער זיי איבערגעלאָזען, אז דער ווינט זאל זיי ווייטער צו בלאָזען.

דאן איז ער געגאנגען און האט אין אנאנדער ארט ווידער געמאכט אזא פייער. אין א דריטען אָרט האט ער ווידער צולעגט אזא פייער. ווען ער איז געוועזען זיכער, אז דאס פייער וועט זיך צוברענען אין אלע דריי ערטער, איז ער זיך שטילערהייט צוריקגעגאנגען צו זיינע קאמעראדען.

אין א קורצע צייט ארום האבען אין דריי פערשיעדענע ערטער אנגעהויבען צו ברענען גרויסע פייערן. דאס טרוקענע גראָז ארום האט זיך שטארק צוברענט און מען

האט געקענט מורא האבען, אז דער גאנצער וואלד וועט אנהויבען צו ברענען ריא אינדיאנער קריעגער, וועלכע זיינען געלעגען אין וואלד, האבען ניט געקענט פערשטעהן, פון וואנען דאס פייער האט זיך גענומען. אנטינאהועל האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלען קיין פייער ניט מאכען, אום דיא פיינד זאלען ניט וויסען, וואו זיי בעהאלטען זיך.

עס איז געוואָרען א ליארם און א געשריי. שווארצע געשטאלטען האבען אנגעהויבען צו לויפען אין אלע זייטען.

— לאמיך וועניגסטענס זעהן, ווער עס בעוואכט אונז, האט קורומיללא געזאגט צו זיך אליין.

פון'ם ליארם און דיא געשרייען פון דיא אינדיאנער קריעגער האבען זיך אויפגעחאפט דאן טאדעאָ און לואיס. זיי האבען דערזעהן דיא גרויסע פייערן און האבען זיך דערשראָקען. זיי האבען געמיינט, אז דיא אינדיאנער זיינען אויף זיי אנגעפאלען און האבען זיך געחאפט פאר זייערע פיסטאָלעטען.

— לאזען מיינע ברידער רוהיג זיין, האט קורומיללאָ געזאגט. איך האב געמאכט דיא פייערן. איך וויל זעהן, ווער עס בעוואכט אונז.

דאן טאַדעאָ און לואיס האבען יעצט דערזעהן דעם הויפט לאגער פון דיא אינדיאנער. זיי האבען אויסגעזוכט אן ארט אין וואַלד, וואו עס האבען קיין ביימער ניט געוואַקסען, און דאָרט האבען זיי אויפגעשלאָגען זייערע געצעלטען. ביים העלען ליכט פון דיא פייערן האבען זיי געזעהן דייטליך, וויא מענשען לויפען צום לאגער, בלייבען דארט א קורצע צייט און געהן צוריק. זיי האבען פערשטאנען, אז דארט געפינט זיך דער אינדיאנער פירסט און דער גענעראַל בוסטאמענטע.

אונטערדעסען איז טאג געוואָרען. אויף דיא בערג האבען זיך געוויעזען דיא ערשטע ראזא שטראהלען פון דער זון. עס איז געוואָרען ליכטיגער און ליכטיגער. ענדליך איז ארויסגעגאנגען דיא העלע זון און האט בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד.

דאן טאדעאָ און לואיס זיינען אלץ געשטאנען אויף זייער ארט און האבען געקוקט אין דער זייט, וואו עס איז געווען דער לאגער פון'ם אינדיאנער פירסט.

— וואָס האט אונז געהאָלפען דאס פייער? האט לואיס אויסגערופען. איך זעה, אז מיר זיינען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. דער אינדיאנער פירסט זיצט זיך גאנץ רוהיג אין זיין לאגער. מיר זיינען פערשפארט אין א שטייגעל, וויא א פייגעלע.

דאן טאדעאָ האט ניט געענטפערט. וואָס האט ער געקענט ענטפערן? ווען דיא אינדיאנער וועלען אויף זיי ניט אנפאלען, ווייל זיי וויסען ניט, וויאפיעל זיי זיינען און וועלען מורא האבען פאר זייערע ביקסען, וועלען זיי בלייבען דא און זיי בעוואכען אזוי לאנג, ביז זיי וועלען זיך מוזען אונטערגעבען. דער הונגער און דער דורשט וועלען זיי צווינגען, זיי זאלען זיך אונטערגעבען.

פלוצלונג האבען זיי דערזעהן, אז מען הייבט זיך אן צו ריהרען אין לאגער פון אינדיאנער פירסט. עטליכע מענשען האבען אניעדערגעלעגט זייערע וואפען און האבען זיך געלאזען געהן אין דער זייט, וואו דאן טאדעאָ און לואיס זיינען געשטאנען אין זייער פעסטונג.

ווען דיא עטליכע מענשען זיינען געקומען אין דערמיט וועג, האט איינער פון זיי אפּגעבראָכען א גרינעם צווייג פון א בוים און האט איהם געהאלטען פאר זיך וויא א שירם.

— זיי ווילען מיט אונז רעדען, האט קורומיללא געזאגט.

— פון וואנען וויים עס דער קאציק? האט לואיס געפרעגט.

— א גרינער צווייג אין דיא הענד איז א צייכען פון פריעדען, האט קורומיללא ערקלערט.

אלע דריי האבען זיך צונערוקט צום ראנד פון׳ם שטיין און האבען געווארט, ביז דער מאן מיט׳ן גרינעם צווייג אין דער האנד וועט צוקומען צו זיי. ווען זיי זיינען צוריקומען גאנץ נאהענט, האט איינער פון זיי געזאגט מיט א הויכער שטימע:

— לאז איינער פון אייך אראפּקומען צו אונז! מיר ווילען מיט איהם רעדען.

דאן מאדעא האט ניט געקענט זעהן דעם מאן, וואס האט גערעדט. ער האט אבער דערקענט זיין שטימע. דאס איז געווען גענעראל בוסטאמענטע׳ס שטימע.

— ווען איינער פון אונז וועט אראפּקומען צו אייך, וועט ער מעגען צוריקגעהן, ווען מיר וועלען ניט קענען קומען צו אן אפּמאכונג? האט לואיס געפרעגט.

— ווען מיר וועלען זיך ניט קענען אויסגלייכען, וועט ער מעגען צוריקגעהן צו זיינע קאמעראדען, האט בוסטאמענטע געענטפערט.

— מיט וואס זיינען מיר גאראנטירט, אז איהר וועט איהם לאזען צוריקגעהן? האט לואיס ווייטער געפרעגט.

— איך גיב אייך מיין עהרען ווארט אלס סאלדאט און גענעראל.

דיא דריי מענשען האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן. דיא פראגע איז געווען, ווער עס זאל געהן? דאן מאדעא האט ניט געטארט ריסקירען צו געהן צו זיין פיינד בוסטאמענטע. קורומיללא איז אן אינדיאנער קאציק, ער טאר ניט געהן צו זיין טאקי.

— איך וועל געהן! האט לואיס אויסגערופען, איך בין גאר א פרעמדער און האב ניט וואס מורא צו האבען.

ער האט אוועקגעלעגט אויפ׳ן שטיין זיין ביקס און זיינע פיסטאלעטען און האט אנגעהויבען אראפּצוקריעכען פון׳ם בערגעל, וועלכער האט זיי געדיענט אלס פעסטונג. עס האט ביי איהם געדויערט א גערוימע צייט, ביז ער איז צוגעקומען צו זיינע פיינד, מיט וועלכע ער האט זיך קיין מאל ניט געקריגט און האט קיין אורזאכע ניט געהאט צו זיין זייערער א פיינד.

עס זיינען געווען אנטינאהועל, גענעראל בוסטאמענטע, דער שווארצער הירש און נאך א פּאר קריעגער. גענעראל בוסטאמענטע און אנטינאהועל זיינען געגאנגען פערבונדען דעם קאפּ און דיא הענד. זיי זיינען נעבטען פערוואונדעט געווארען אין דער שלאכט אין מאהל דעל ריא סעקא. דער שווארצער הירש האט געטראגען א האנד אויף א באנד.

לואיס האט זיך פערניינט פארן אינדיאנער פירסט. מיט איהם איז ער שוין געווען בעקאנט. מיט׳ן גענעראל און מיט דיא אנדערע איז ער ניט געווען בעקאנט.

— וואס ווילען מיינע הערדען אונז זאגען ? האט ער געפרעגט.

— דא איז ניט דער ארט צו רעדען, האט דער גענעראל געענטפערט, ווען איהר ווילט געהן מיט אונז אין לאגער, וועלען מיר דארט רעדען. איהר האט ניט וואס מורא צו האבען, איהר האט מיין עהרענוואָרט.

— מיינע הערדען ! האט דער שטאָלצער פראנצויזישער גראף געזאגט. איך האב ניט וואס מורא צו האבען. איהר וועט זעהן, אז איך האב פאר אייך ניט מורא. איך געה מיט אייך !

— מיר צווינגען אייך ניט, האט בוסטאמענטע ערקלערט. איהר מעגט צוריק־געהן צו אייערע קאָמעראַדען, ווען איהר ווילט ניט געהן.

— גענעראַל ! האט לואיס אויסגערופען. ערשטענס, האב איך אייער עהרענ־װארט. צווייטענס, ווייסט איהר ניט, ווער איך בין.

— ווער זייט איהר דען ?

— איך בין אַ פראַנצויז. מיין נאמען איז גראַף דע פעברואַ־קראַנסעע.

וויא אמעריקא איז אַ פריי לאנד און מען ווייס ניט פון קיינע טיטולען, אז כיען זאגט אלעמען מיסטער אדער דאן, זאגאר דעם פרעזידענט פון דער רעפובליק, האט מען דאך אין קיין לאנד אין דער וועלט ניט אזוי פיעל דרך ארץ און אבשיי פאר אַ הויכען טיטול, וויא באראן, גראף, פירסט און דער גלייכען, וויא אין אמע־ריקא. זאגאַר דיא אינדיאנער ערצייגען אַ בעזאנדערע עהרע איינעם, וועלכער האט אַ טיטול.

דער טיטול גראַף דע פרעבואַ־קראַנסעע האט געווירקט. גענעראַל בוסטאמענטע האט זיך פערנייגט פארן יונגען פראנצויז.

— ניט מיר אייער האנד, האט ער געזאגט. איך שווער אייך, אז איהר וועט זיין זיכער ביי אונז אין לאַגער.

— אלזא, קומט !

— זיי זיינען געגאנגען דורכ'ן וואלד צום אָרט, וואו עס איז געוועזען דער לאַגער, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ גרויס געצעלט פון ליינוואנד. דארט זיינען זיי אלע אריינגעגאנגען. אין געצעלט זיינען געלעגען דיא טרוקענע ביינער פון אָקסען־קעפּ. דאס זיינען געוועזען דיא שטוהלען, אויף וועלכע אלע האבען זיך אויסגעזעצט. אין אַ ווינקעל איז געלעגען אַ פרוי אויף פעל פון אָקסען און טרוקענע בלעטער. איהר קאָפּ איז אין גאנצען געוועזען פערדעקט מיט באנדאזשען. דאס איז געוועזען דאניא מאריא. עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז זיא שלאָפט. זיא האט זיך ניט גערוהרט, ווען דיא מענער זיינען אריינגעקומען אין געצעלט. ווען איינער וואָלט זיך אבער געוועזען צוגעקוקט צו איהר, וואלט ער געזעהן, וויא איהרע אויגען האבען געשאָסען מיט פייער, ווען זיא האט דערזעהן דעם פרעמדען.

ווען אלע האבען זיך אויסגעזעצט אויף דיא שאַרבענס פון אָקסענע קעפּ, האט גענעראַל בוסטאמענטע געזאגט צום פראַנצויז:

— יעצט קענען מיר רעדען. איהר קענט אונז זאגען, אויף וועלכע בעדינגונגען איהר ווילט זיך אונטערגעבען.

— מיר ווילען זיך גאר נים אונטערגעבען, האט לואיס געענטפערט. איך האב געמיינט, אז איהר ווילט עפעס פון אונז. פון אונטערגעבען איז גאר קיין רעדע נים.

60טעם קאפיטעל.

זשאַן שלאָגט זיך דורך.

מיר מוזען אונטערברעכען דיא אונטערהאנדלונגען פון׳ם גענעראל בוסטאמענטע מיט לואיס׳ן און דערצעהלען, וואס עס האט פאסירט מיט׳ן אינדיאנער זשאן, וועלכען קורומיללא האט געשיקט זוכען וואלענטינען און טראנגאיל־לאנעק.

מיר האבען געזעהן, וויא זשאן האט זיך אוועקגעקייקעלט אין גראז; מיר האבען געהערט, וויא מען האט אויסגעשאָסען און קורומיללא האט בעמערקט, אז עס קען זיין, ער איז טויט. קורומיללא האט געוואוסט, וואס ער האט געזאגט. קוים האט זיך זשאן אוועקגעקייקעלט א פופציג שריט איז ער געבליעבען ליעגען רוהיג, וויא א שטיק האָלץ.

ער איז אוועקגעלעגען עטליכע מינוט און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. דאן האט ער זיך לאנגזאם און פאָרזיכטיג אויפגעהויבען, האט זיך געשטעלט לעבען א בוים און האט אויפגעהאנגען אויף א ניעדריגען צווייג זיין מאנטעל. צום מאנטעל האט ער צוגעבונדען א לאנגען פאָדעם פון א גראָז, וועלכעס וואקסט זעהר לאנג. ווען אלעס איז געווען פערטיג, האט ער אנגעהויבען זיך ווידער צו קייקלען אין אן אנדער זייט. איין עק פון׳ם לאנגען פאָדעם האט ער געהאלטען אין דער האנד.

ער האט זיך אזוי אוועקגעקייקעלט איינינע שרים און איז ווידער געבליעבען ליעגען רוהיג א פאר מינוטען. דאן האט ער אנגעהויבען צו ציעהען דעם לאנגען פאדים. דער צווייג אויף וועלכען זיין מאנטעל איז געווען צוגעבונדען, האט זיך אנגעהויבען צו שאָקלען. דיא וואכען האבען עס באלד בעמערקט. זיי האבען געמיינט, אז דאָרט איז א מענש און האבען אויף איהם אויסגעשאָסען. דיעזען שוס האבען געהערט דאן טאדעאָ, לואיס און קורומיללא.

דאן טאדעא און לואיס זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז מען האט גע־טראָפען און זשאן איז טויט. קורומיללא האט געוואוסט, אז אן אינדיאנער לאָזט זיך נים אזוי גיך דערשיעסען און האט געזאגט, אז עס קען זיין, אז ער איז טויט. אין דער וואהרהייט איז זשאַן׳ס קונסטשטיק פאָלקאָמען געלונגען.

דיא וואכען האבען אויסגעשאָסען און זיינען געלאָפען זעהן, אויב זיי האבען געטראָפען, דיעזע מינוט האט זשאַן בענוצט אום צו אנטלויפען. ער האט געזעהן, פון וואנען דיא וואך איז געקומען און האט געוואוסט, וואו ער קען יעצט גאנץ רוהיג אנטלויפען. עס איז געווען א הארט שטיקעל ארבייט. אן אייראפעער וואָלט עס געוויס נים געלונגען. נור אן אינדיאנער מיט זיין נאקעטען קערפער, מיט זיין שנעליגקייט און געשיקליכקייט האט געקענט בענוצען דיא מינוט און ארויסלויפען פון דעם גע־פעהרליכען אָרט, וועלכען מען האט אזוי שטארק בעוואַכט.

קוים איז ער געווען ווייט פון דיא וואכען, האט ער אנגעהויבען צו לויפען שנעל. ער איז געלאָפען גלייך צום דאָרף סאן מיגעל. עס איז אבער געווען זייער

ווייט אהין און ווען ער איז געקומען צום דארף, איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט. וויא אזוי זוכט מען אויס צוויי מענשען אין א דארף, ווען אלע שלאפען שוין? אנהויבען צו קלאפען אין יעדער טהיר און פרעגען, אויב מען האט ניט געזעהן אזעלכע מענשען? איז ניט קיין פלאן.

זשאן האט אנגעהויבען ארומצוגעהן פון איין שטוב צום אנדערן זוכען, פיעל־לייכט וועט ער געפינען עפעס א שפור פון צוויי פרעמדע מענשען. ער האט אבער גאר ניט געפונען. ווען ער איז צוגעקומען צום לעצטען שטיבעלע, האט וואלענטין'ס הונד צעזאר, אנגעהויבען שטארק צו בילען.

— דא זיינען זיי. האט זשאן געזאגט און האט אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר.

באלד האט זיך דיא טהיר געעפענט און טראנגנאיל־לאנעק און וואלענטין זיינען ארויסגעקומען פרעגען, ווער עס קלאפט און וואס מען דארף.

— איך דארף האבען א מאן מיט א בלייכעם געזיכט, וועלכער איז קורומיללא'ס פריינד, האט זשאן געענטפערט.

— קורומיללא'ס פריינד? האט טראנגנאיל־לאנעק געזאגט, דאן האט ער אונז עטוואס זעהר וויכטיגעס מיטצוטהיילען, זאגט, וואס האט ער אייך געשיקט?

זשאן האט ארויסגענומען פון זיין גארטעל דאס שטיקעל פעל, וואס קורומיללא האט איהם מיטגעגעבען אויפ'ן וועג, און האט עס דערלאנגט טראנגנאיל־לאנעק.

— נא דיר א נייעס סארט פאסט! האט וואלענטין אויסגערופען, ווען ער האט דערזעהן דאס קליינע שטיקעל לעדער, וועלכעס ראנגנאיל־לאנעק האט געהאלטען אין דיא הענד. — מען רופט דיא אינדיאנער ווילדע מענשען, ווייל זיי קענען ניט שרייבען. איך זעה, אז דיעזעס קליינע שטיקעל לעדער האט דיא זעלבע בעדייטונג וואס ביי אונז א בריעף.

— קומט אריין אין שטוב, האט טראנגנאיל־לאנעק געזאגט. מיר וועלען געוויס האבען וואס צו רעדען.

אלע דריי זיינען אריינגעגאנגען אין שטוב אריין.

— איך האב א גאנצען טאג געווארט אויף קורומיללא, האט טראנגנאיל־לאנעק געזאגט. איך האב ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס ער איז ניט געקומען. יעצט וויים איך עס.

— וואס פאר א נאכריכטען ברענגט אונז דיעזעס שטיקעל לעדער? האט וואלענטין געפרעגט.

— שלעכטע נאכריכטען, האט טראנגנאיל־לאנעק געענטפערט.

— ער איז געפאנגען? ער איז פערוואונדעט? האט וואלענטין געפרעגט אונרוהיג.

— ווען איך בין אוועקגעגאנגען זיינען זיי געווען פריש, געזונד און אין זיכערהייט, האט זשאן פערזיכערט.

— ווער זיינען דיא „זיי“?

— קורומיללא און צוויי בלייכע געזיכטער. איינעם רופט מען דער לעווען־קאפ.

— לואיס! לואיס! איז מיט איהם! האט וואלענטין אויסגערופען פול פרייד.

זשאן האט יעצט דערצעהלט אלעס, וואס האט היינט פאסירט אין טאהל דעל ריא סעקא און וויא אזוי דיא דריי מענשען ליגען פערשפארט אויף א שטיין. וואלענטין און טראנגאיל-לאנעק האבען איהם אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאם.

דער אינדיאנער האט גוט פערשטאנען דיא געפאהר, אין וועלכע קורומיללא מיט זיינע בעגלייטער געפינען זיך. ער האט געקענט זיינע לאנדסלייט, ער האט געקענט דעם אינדיאנער פירסט; ער האט געוואוסט, אז אנטינאהועל וועט ניט אפטרעטען, ביז ער וועט זיי צווינגען, זיי זאלען זיך אונטערגעבען. וואלענטין האט אויך פערשטאנען, אז לואיס מיט זיינע בעגלייטער געפינען זיך אין א געפאהר. ער האט אבער ניט געוואלט צוגעבען, אז עס איז גאר קיין מיטעל ניטא זיי צו רעטען.

— מיר מוזען זיך איילען זיי צו הילף! האט ער אויסגערופען. מיר טארען זיי ניט לאזען פאלען אין דיא הענד פון טאקי.

— מיין ברודער קען ניט דעם טאקי, האט דער אינדיאנער געענטפערט, ווען דער טיגער פון דער זון פערפאלגט א מענשען, וועט ער איהם ניט אפלאזען.

— אלענפאלס מוזען מיר זעהן זיך דורכשלאגען צו זיי. ווען מיר וועלען זיי שוין נאר ניט קענען העלפען, וועלען מיר ווענינגסטענס שטארבען מיט זיי צוזאמען.

— וועלען מיר קענען זיך דורכשלאגען צו זיי? האט טראנגאיל-לאנעק געפרעגט זשאנען.

— מיר קענען פראבירען, האט זשאן געענטפערט.

— אלזא, קומט! לאמיר ניט פערליערען קיין צייט! האט וואלענטין געבעטען.

דיא זון איז אויפגעגאנגען אויף דיא בערג, ווען וואלענטין מיט דיא צוויי אינדיאנער זיינען ארויסגעפאהרען פון'ם דארף. זיי האבען ניט געשוינט זייערע פערד און זיינען געפלויגען, וויא דער שטורמווינד, ביז זיי זיינען צוגעקומען ניט ווייט פון'ם פיק קארקאוואדא.

— דא מוזען מיר בלייבען שטעהן, האט זשאן געזאגט. באלד הייבען זיך אן אנטינאהועלס וואכען.

אלע דריי זיינען אראפגעגאנגען פון זייערע פערד און האבען זיי צוגעבונדען צו ביימער.

—ווארט דא א ווילע, האט זשאן געזאגט. איך וועל געהן זעהן, וואס עס הערט זיך עפעס אין וואלד.

מיט דיזע ווערטער איז ער פערשוואונדען געווארען צווישען דיא ביימער. עס איז פערגאנגען א געראומע צייט און ער איז נאך אלץ ניט צוריקגעקומען. וואלענטין איז געשטאנען, וויא אויף הייסע קוילען. ער האט זיך געריסען ווייטער צו געהן. ענדליך איז זשאן געקומען צולויפען פול פרייד!

— קומט! קומט! האט ער געשריען. דער וועג איז פריי!

— וואס איז אזעלכעס געשעהן?

— איך ווייס ניט. עס איז אבער געוויס, אז אין דער זייט זיינען קיין וואכען ניטא.

זיי האבען אפגעבונדען זייערע פערד און זיינען צוגעפאהרען צום שטיין, וואו קורומיללא און דאן טאדעאָ האבען זיך בעפעסטטיגט. זיי זיינען געקומען פונקט אין דער צייט, ווען לואיס איז געווען אין לאגער פון'ם אינדיאנער פירסט. דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס אנטינאהועל האט צוגענומען דיא וואבען.

קורומיללא און דאן טאדעאָ האבען בעגריסט זייערע פריינד מיט פרייד און האבען זיי דערצעהלט, אלעס, וואס עס האט מיט זיי פאסירט, זייט זיי האבען אויעקגעשיקט זשאנען.

62טעס קאפיטעל.

ביים וואָלף אין מויל.

מיר האבען ביז אהער דערצעהלט, וואס עס האט פאסירט אין לאגער פון דיא ווייסע מענשען. אום צו פערשטעהן, וואס עס איז ווייטער געשעהן, מוזען מיר דערצעהלען, וואס עס האט פאסירט אין לאגער פון דיא אינדיאנער נאך דער שלאכט מיט דיא שפאניער אין טאהל דעל ריא סעקאָ.

דיא אינדיאנער האבען פערלארען זעהר פיעל אין דער שלאכט. דיא שפאניער האבען געשאָסען פון זייערע ביקסען און פיסטאָלעטען, דיא אינדיאנער אבער האבען מייסטענס געקעמפפט מיט שפיעזען און פייל און בויגען. מיר האבען געזעהן, אז אנטינאהועל אליין איז געווען פערוואונדעט, דער שווארצער הירש איז געווען פערוואונדעט, גענעראל בוסטאמענטע איז געווען פערוואונדעט.

אנטינאהועל האט געזעהן, אז ער קען זיך ניט האלטען און האט געגעבען א צייכען, אז זיינע קריעגער זאלען זיך צוריקציעהן אין וואלד. דארט, אויף א פרייען פלאץ, האט ער געהייסען איינריכטען זיין לאגער און אויפשלאגען זיין געצעלט.

דיא ערשטע זאך, וואס ער האט געהייסען טהאן, איז געווען — פערבינדען דיא פערוואונדעטע. דיא אינדיאנער האבען ניט קיין לאזארעטען, קיין אמבולאנס וואגענס און קיינע דאָקטוירים, וויא עס איז איינגעפיהרט ביי אן אייראָפעאישע ארמעע. יעדער קריעגער, ווען ער געהט אין קריעג, נעהמט ער מיט זיך מיט אלע נעטהיגע מעדיצינען און דיא ארטיקעל, וועלכע זיינען נעטהיג צו פערבינדען וואונדען. אנשטאט לייווואנד און באנדאזשען, וועלכע דיא ציוויליזירטע מענשען געברויכען צו פערבינדען א וואונד, נעהמט דער אינדיאנער קריעגער מיט זיך נור פאָדים און איינינע טרוקענע בלעטער פון גראָזען, וועלכע היילען וואונדען.

ווען דער לאגער האט זיך אביסעל בערוהיגט, אלע פערוואונדעטע זיינען געווען פערבונדען און דיא וואבען אויסגעשטעלט, האט זיך גענעראל בוסטאמענטע געווענדעט צום אינדיאנער פירסט און האט איהם געפרעגט:

— וואָס דענקט יעצט מיין ברודער ווייטער צו טהאן?

— איך האב געהאלטען מיין וואָרט, האט דער אינדיאנער פירסט געענטפערט, יעצט לאז דער גרויסער אדלער פון דיא בלייכע געזיכטער האלטען זיין וואָרט.

— מיין צונג איז ניט צושפאלטען. לאז מיר מיין ברודער העלפען, איך זאל צוריק בעקומען דיא מאכט, וואס איך האב געהאט און איך וועל אייך אפגעבען אלע לענדער, וועלכע איהר פערלאנגט, האט בוסטאמענטע געזאגט.

— לאז מיין ברודער בעפעהלען, איך מיט מיינע קריעגער װעלען קעמפפען פאר איהם ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט.

בוסטאמענטע'ס געזיכט איז געװארען פרעהליכער ביי דיא לעצטע װערטער פוּ'ם אינדיאנער פירסט. ער האט געװאוסט, אז אנטינאהועל קען ארויסשטעלען צעהן טויזענד קריעגער. מיט אזא מאכט קען מען אפּנעהמען טשילי.

— װאס טהוט מיין ברודער יעצט ? האט בוסטאמענטע געפרעגט.

— איך בעװאך דיא בלייבע געזיכטער, װעלכע האבען אויף אונז געשאָסען פון דיעזען'שטיין.

— װאס װיל מיין ברודער טהאן מיט זיי ?

— איך װיל זיי נעהמען געפאנגען און זיי בעשטראפען.

— עס איז דאך אבער שװער צו זיי צו צוקומען ?

— איך װעל װאַרטען, ביז דער הונגער אדער דער דורשט װעט זיי צװינגען, זיי זאלען זיך אונטערגעבען, האט אנטינאהועל געענטפערט ענטשלאסען.

גענעראל בוסטאמענטע איז דיעזע אנטװאָרט שטארק ניט געפעלען. ער האט גערעכענט, אז דער אינדיאנער פירסט װעט באלד שיקען צונויפרופען אלע זיינע קריעגער און װעט געהן מיט זיי אָפּנעהמען װאַלדיװיא אדער זאנאר סאנט יאגא און צום סוף ליעגט ער דא און בעװאכט איינינע שפּאנישע קריעגער, װעלכע האבען זיך בעהאלטען אויף אַ שטיין. װאס װעט ער שוין האבען דערפון, װען ער װעט געפאנגען נעהמען דיא עטליכע מענשען ?

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט אַ רעש אין װאלד. אנטינאהועל איז ארויסגעלאפען זעהן, װאס דארט איז געשעהן. בוסטאמענטע איז געבליעבען זיצען אויף זיין זיץ פון אַ קאָפּ פון אן אָקס. ער האט זיך פערטראכט. נאך אלעמען איז זיין לאנגע געװען זעהר פערצװייפעלט. ער מוז יעצט ערקלערן קריעג זיין אייגענעם לאנד, װאו ער איז שוין געװען זיכער, אז ער איז קעניג.

פלוצלונג האט ער געפיהלט, װיא אַ װייבע, װאַרעמע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין האלז. ער האט זיך אומגעקוקט. — לעבען איהם איז געזעסען דאניא מאריא. איהרע קליידער זיינען געװען צוריסען און בעדעקט מיט שמוץ און מיט בלוט. איהר גאנצער קאָפּ און איהר געזיכט זיינען געװען פערבונדען מיט האנדטיכער און מיט באנדאזשען, נור איהרע אויגען האבען געברענט און געפונקעלט פון האס, צארן, שמערץ און פערדרוס.

— איך בין יעצט העסליך, אבשייליך, האט זיא געזאגט.

— װאס רעדט איהר, מאריא ?

— װאס טויג דער ליגען ? האט דאניא מאריא געענטפערט. איך װייס, אז דיעזע װאונד האט מיך געמאכט העסליך.

— גלויב מיר, מאריא, אז איך ליעב —

— רעד ניט װייטער, דאן פאנטשא ! איך קען דיא מענער. זיי ליעבען אונז, זא לאנג מיר זיינען יונג און שעהן. קוים פערליערן מיר אונזער שעהנהייט, הערן זיי אויף אונז צו ליעבען.

— אבער צו וואס זאגט איהר עס מיר, דאניא מאריא ? צו וואס מאכט איהר מיר נעראדע יעצט דיעזען פאָרוואורף ?

— איך זאג עס אייך דערפאר, ווייל איך וויים, אז ליעבע קען אונז מעהר ניט פעראייניגען. ווען דיא ליעבע קען אונז מעהר ניט האלטען צוזאמען, לאז אונז פער־אייניגען — דער האס.

— אה, איהר האט רעכט ! דער האס מוז אונז האלטען צוזאמען. מיר האבען א פיינד, וועלכען מירביידע מוזען בעזיעגען. דיעזער פיינד איז דיא איינציגע אורזאכע, וואס מיר געפינען זיך יעצט אין אזא טרויעריגע לאגע. —

— דאן טאָדעאָ, האט דאניא מאריא געענדיגט זיין רעדע.

— קוים בין איך פריי, וועל איך איהם בייקומען.

— ווייסט איהר וועניגסטענס, אז איהר האט מיר צו פערדאנקען אייער פרייהייט?

— איך וויים עס און בין אייך זעהר דאנקבאר.

— איך דארף קיין דאנק נים. דער איינציגער דאנק, וואס א פרוי קען ווינשען פון א מאן, איז זיין ליעבע. דיעזע וואונד האט ביי מיר אוועקגערויבט דיעזען דאנק. יעצט וויל איך ראכע. — איהר קענט נים אייער פיינד. ווען איהר וועט איהם לאזען צו רוה א קורצע צייט, וועט פון איהם ווערן א ריעז, וועלכער וועט אייך צוטרעטען מיט דיא פים.

— איהר האט רעכט, דאניא מאריא ! איך וויים עס, איך פיהל עס !

— הערט ! וואס איז דארט פאר א ליארם ? האט פלוצלונג דאניא מאריא אויסגערופען.

באלד האט זיך אלעס ערקלערט. עס זיינען צוריקגעקומען דיא קריעגער, וועלכע זיינען אנגעפאלען אויף דאן ראמאָן מיט זיינע בעגלייטער און האבען געבראכט פיעלע געפאנגענע שפאניער. צווישען דיא געפאנגענע איז געוועזען דאן ראמאן אויך. דער העלדענמוטהיגער גובערנאַטאָר איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט זיך אונטער־געגעבען. אנטינאהועל האט איהם יעצט צוגעפיהרט צום געצעלט, וואו בוסטאמענטע האט גערעדט מיט דאניא מאריא.

ווען דאן ראמאָן האט דערזעהן דאניא מאריא פערבלוטיגט און פערבונדען, האט ער א ציטער געטהאן. בוסטאמענטע האט איהם באלד דערקענט, איז אויפגע־שפרונגען פון זיין זיץ און האט געחאפט א שווערד.

— דוא טויגעניכטס ! דוא פעררעטהער ! האט ער געשריען און האט געוואלט דערשטעכען דעם ארימען גובערנאטער, וועלכער איז געשטאנען און האט געציטערט.

אין דיעזע מינוט האט איהם דאניא מאריא אנגעחאפט ביי דער האנד.

— האלט איין ! טהו איהם גאר נים ! האט זיא אויסגערופען.

— איהר, דאניא מאריא ? איהר ווילט פערטהיידיגען דיעזען פעררעטהער ? האט זיך בוסטאמענטע געהיצט. ווייסט איהר, אז דיעזער טויגעניכטס האט אייך פערוואונדעט ?

— איך וויים אלעס, האט דאניא מאריא געענטפערט. איך האב פערגעסען

און פערנעבען דעם גובערנאטאָר פון וואלדיוויא דאן ראמאָן. איך וויל ניט וויסען וואס ער האט מיר געטהאן.

ביידע מענער זיינען געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. ביידע האבען ניט פערשטאנען, פאר וואס דאניא מאריא איז פּלוצלונג געוואָרען אזוי גוט און פרום, אז זיא פערצייהעט א מענשען, וועלכער האט זיא אזוי אונגליקליך געמאכט.

— ווען איהר פערלאנגט עס, האט בוסטאמענטע געזאגט, וועל איך איהם אויך פערצייהען און איך גיב איהם מיין האנד.

דער ארימער גובערנאטאָר האט ניט געוואוסט, אויב ער הערט עס אויפען וואהר אדער אין שלאף. אלענפאלס האט ער גענומען דיא האנד, וואס בוסטאמענטע האט איהם גענעבען און האט זיא געדריקט. דער אינדיאנער פירסט האט צוגעזעהן דיעזע סצענע און א זאנדערבארער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף זיינע דינע ליפען.

— אויב אזוי, האט ער געזאגט פול שפּאַט, דארף מען דעם געפאנגענעם ניט בינדען. איך לאז אייך אליין מיט איהם. איהר האט געוויס צו רעדען מיט איהם עפּעס וויכטיגעס.

אנטינאהועל איז אוועקגעגאנגען. דאן ראמאָן איז אריינגעגאנגען אין געצעלט.

— מיט וואָס קען איך אייך אפּדאנקען פאר אייער גראס מוטה און פאר אייער גוטסקייט? האט ער געזאגט צו דאניא מאריא.

— ווארט אביסעל, מיין ליעבער גובערנאטאָר, האט איהם בוסטאָמענטע אויפגעהאלטען, מיר האבען נאך עפּעס צו רעדען.

דער ארימער גובערנאטאָר האט וויעדער ניט געוואוסט, וואו ער איז ערגעץ אויף דער וועלט.

— ווייסט איהר ווענינגסטענס, אז איהר זייט אין אונזערע הענד און מיר קענען טהאָן מיט אייך, וואס מיר ווילען? האט דאניא מאריא געפרעגט.

דער גובערנאטאָר האט זיך טיעף פערנייגט, אלס צייכען, אז ער פערשטעהט זעהר גוט, אין וועמעס הענד ער געפינט זיך.

— יעצט ענטפערט מיר עהרליך און אפענהערציג אויף דיא פראגען, וואס איך וועל אייך שטעלען, האט בוסטאמענטע געזאגט שטרענג.

דאן ראמאן האט זיך נאך אמאל פערנייגט.

— וויא קומט איהר אהער?

— דיא אינדיאנער קריעגער זיינען אויף מיר אנגעפאלען און האבען מיך געפאנגען גענומען.

— וואוהין זייט איהר געפאהרען?

— קיין סאנט יאגא.

— גאנץ אליין?

— ניין. איך האב געהאט מיט מיר פופציג רייטער.

— צו וואס זייט איהר געפאהרען קיין סאנט יאגא?

— איך וויל מיך שוין מעהר ניט מישען אין פּאָליטיק. איך וויל שוין ניט זיין קיין בעאמטער. איך האב גיטער ניט וויט פון סאנט יאגא. איך וויל מיר רוהיג לעבען

אויף מיינע גיטער און וויל שוין מעהר ניט וויסען פון קיינע רעוואָלוציאָנען און פון קיין קריעג.

— האט איהר ניט געהאט מיט זיך קיין פאפיערען ?

— איך האב מיט מיר א דעפעשע צו דער רעגיערונג אין סאנט יאגאָ.

— ניט עס אהער !

דאן ראמאָן האט ארויסגענומען דאס פראָטאָקאָל. וואס דאן גריגאריא האט איהם מיטגעגעבען, און האט עס דערלאנגט דעם גענעראל. בוסטאמענטע האט עס דורכגעלעזען און האט עס צוריסען אויף שטיקלעך.

— זיי ווייסען גאר ניט, וואס עס טהוט זיך מיט זיי, האט ער געזאגט מיט פעראכטונג און האט אוועקגעוואָרפען דיא שטיקלעך פאפיער.

— מעהר קיין פאפיערן האט איהר ניט מיט זיך ?

— איך האב קיינע אנדערע פאפיערן מיט זיך.

אין דיעזע מינוט איז דאניא מאריא צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געזאגט:

— געהט צום אינדיאנער פירסט און זאגט איהם, ער זאל אנהייבען צו אונ־טערהאנדלען, אז דיא שפאניער, וועלכע געפינען זיך דאָרט אויפ'ן שטיין, זאלען זיך אוועקגעהן.

בוסטאמענטע האט אָנפאנגס ניט פערשטאנען, וואס זיא מיינט, און האט זיא אנגעקוקט פערוואונדערט.

— געהט, דאן פאנטשאָ ! האט דאניא מאריא געזאגט ערנסט. איך וויל אזוי! איך פאָדער עס פון איהם !

בוסטאמענטע איז ארויסגעגאנגען פון געצעלט. ער האט באלד געפונען דעם אינדיאנער פירסט און האט איהם אנגעהויבען איינצורעדען, אז ער זאל שיקען זאגען דיא שפאניער, וועלכע געפינען זיך אויפ'ן שטיין, אז ער וויל מיט זיי עפעס רעדען. אנפאנגס האט אנטינאהועל ניט פערשטאנען, וואס דאס הייסט. צו וואס זאל ער זיך בעטען ביי זיינע פיינד, ווען ער קען זיי פערניכטען. ווען בוסטאמענטע האט איהם אבער געזאגט, אז דאניא מאריא פערלאנגט אזוי, האט זיך אנגעצונדען א פייער אין אנטינאהועלס אויגען. ער האט געוואוסט, אז דאניא מאריא האט שוין עפעס אויס־געטראכט א נייען, טייפלישען פלאן, וויא אזוי צו פערניכטען דיא שפאניער.

— איך וועל טהאן, וויא מיין שוועסטער פערלאנגט, האט ער געזאגט.

בוסטאמענטע איז צוריקגעגאנגען אין געצעלט דערצעהלען דאניא מאריא, אז דער אינדיאנער פירסט ווילגט איין צו טהאן, וואס זיא האט פון איהם פערלאנגט. ווען ער איז אריינגעקומען אין געצעלט, האט ער געזעהן, וויא דאניא מאריא איז פערטיעפט אין א געשפרעך מיט דאן ראמאָן. — וואס זיי האבען פריהער גערעדט, האט ער ניט געוואוסט. ער האט נור געהערט דאס ענדע פון זייער געשפרעך.

— מאכט עס, וויא איהר פערשטעהט, האט דאניא מאריא געזאגט. ווען איהר וועט ניט אויספאָלגען פונקטליך אלעס, וואס איך הייס אייך, וועל איך אייך איבערגעבען צו דיא אינדיאנער, זיי זאלען אייך טוידטען.

— ווען זיי וועלען אבער געוואהר ווערן, אז איך האב עס געטהאן, וועלען זיי מיך—

— פערברענען, האט דאניא מאריא געענדיגט זיין רעד.

דאן ראמאַן איז געוואָרען בלייך, וויא דער טוידט.

— איהר האט אויסגעזוכט פאר מיר א צו הארטע ארבייט, האט ער געזיפצט.

— געוויס, צושניידען דיא באק פון א פרוי איז פיעל לייכטער, האט דאניא מאריא געענטפערט רוהיג.

63טעם קאפיטעל.

אלע זיינען פריי.

נאכדעם, וואס מיר האבען דערצעהלט אלעס, וואס האט פאסירט אין לאגער פון דיא אינדיאנער, קענען מיר זיך אומקעהרען צו דער צייט, ווען לואיס איז געזעסען אין געצעלט מיט אנטינאהועל און בוסטאמענטע און האט גערעדט מיט זיי איבער דיא בעדינגונגען, אונטער וועלכע מען זאל זיי ערלויבען אוועקצוגעהן פון'ם שטיין, וואו זיי זיינען געלעגען פערשפארט. מיר האבען געהערט, וויא לואיס האט געזאגט:

— מיר וועלען זיך גאר נים אונטערגעבען.

גענעראל בוסטאמענטע האט זיך פערניינט.

— איהר האט רעכט, העדר גראף—

— דע פרעבוא-קראנסעע, האט לואיס געענדיגט.

— איידער מיר רעדען ווייטער, האט בוסטאמענטע געזאגט, ערלויבט מיר העדר גראף, איך זאל אייך שטעלען א פראגע.

— ביטע, געגעראל! פרעגט, איך וועל אייך אנטוואָרטען.

— וויא קומט איהר, א פראנצויזישער גראף, צו דיא מענשען, וועלכע מיר בעלאגערן? וואָס געהן אייך אן אונזערע שטרייטיגקייטען?

— אייער פראגע איז גאנץ ריכטיג, געגעראל, האט לואיס געענטפערט. אייערע שטרייטיגקייטען געהן מיך ווירקליך גאר נים אן. איך בין א רייזענדער. איך בין גערארע געפאהרען אין דיעזע געגענד מיט איינינע פריינד און מיט א פאָר דיענער. מיר האבען דערהערט דעם רעש פון דער שלאכט, וועלכע איז געכטען פארגעקומען און מיר האבען זיך פעראינטערעסירט צו וויסען, וואס דא קומט פאָר.

מיר האבען זיך גערארע געשטעלט אויף יענעם בערגעל, וויל ער איז זעהר הויך און פון איהם קען מען איבערזעהען דיא גאנצע געגענד. ווען מיר זיינען דארט געשטאנען איינינע צייט, האבען מיר געזעהן, וויא עטליכע שפאנישע רייטער פאהרען ארויס פון'ם טאהל. פלוצלונג זיינען אויף זיי אנגעפאלען אינדיאנישע קריעגער פון אלע זייטען און האבען זיי אנגעהויבען צו טוידטען. מיר אלס ווייסע מענשען האבען עס געהאלטען פאר אונזער פפליכט און שולדיגקייט צו שיעסען אויף דיא אינדיאנער.

דער אינדיאנער פירסט און בוסטאמענטע האבען זעהר גוט געוואוסט, אז לואיס זאגט א ליגען, זיי האבען זיך אבער געמאכט נים וויסענדיג און האבען זיך פערשטעלט, גלייך וויא זיי גלויבען אלעס, וואס ער האט זיי געזאגט.

— אזוי, גראף, זיים איהר דער אנפיהרער פון דער קליינער פארטיע רייזענדע, וועלבע געפינען זיך דארט אין דער הויך? האט בוסטאמענטע געפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— קען איך וויסען, וויאפיעל מענשען איהר האט ביי זיך?

— איך האב מיט זיך גענוג מענשען.

— א דרייסיג — פערציג? האט בוסטאמענטע איהם אויסגעפארשט.

— אזא ערך, האט לואיס געענטפערט רוהיג.

בוסטאמענטע האט זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט שטרענג:

— גלויבט איהר, אז מיט דרייסיג מענשען וועט איהר זיך שטעלען גענען אן ארמעע פון עטליכע טויזענד?

— פאר וואס ניט?

— פאר וואס ניט? זאגט איהר. — דאס איז וואהנזינן!

— ניין, מיין הערר! דאס איז מוטה און טאפפערקייט. מיר קענען שוין אזעלכע געשיכטען, וואו עטליכע מוטהיגע מענשען האבען אויפגעהאלטען א גאנצע ארמעע.

בוסטאמענטע איז געווארען אונרוהיג. ער האט ניט גערעכענט, אז דער פערמדער זאל זיך אזוי שטעלען גענען איהם.

— הערט מיך אויס! האט ער געזאגט מיט א בעפעהלענדער שטימע. דאס זיינען מיינע בעדינגונגען. איהר און אלע פרעמדע, ניט קיין שפאניער, מעגט אייך געהן, וואוהין איהר ווילט. דיא שפאניער און אינדיאנער, וועלכע געפינען זיך ביי אייך, מוזט איהר אונז ארויסגעבען.

לואיס האט גאר ניט געענטפערט. ער האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגע־גאנגען צום טהיר פונם געצעלט. — ער האט געוואלט אוועקגעהן. בוסטאמענטע האט איהם צוריקגעהאלטען.

— וואוהין געהט איהר? רעדט פריהער איבער מיט אייערע קאמעראדען, ווארנט זיי, דערצעהלט זיי, אין וואס פאר א געפאהר זיי געפינען זיך.

— איהר האט רעכט, גענעראל! האט לואיס געזאגט. איך וועל אייך באלד וויזען, וואס מיינע קאמעראדען דענקען און וויא אזוי זיי האבען פאר אייך מורא.

ער האט ארויסגענומען זיין נאטיץ בוך, האט ארויסגעריסען פון איהם א בלע־טעל און האט אויף איהם אנגעשריבען עטליכע ווערטער.

— קומט מיט מיר, מיינע הערען, וועט איהר אליין זעהן, וויא מיינע קאמע־ראדען האבען מורא פאר אייך.

אלע זיינען יעצט ווידער געגאנגען צום בערגעל, וואו דאן טאדעא און קורוטיללא זיינען געוועזן פערשפארט.

— ווארפט אראפ א שטריק אדער א פאדים! האט לואיס געשריען.

פונם הויכען שטיין איז באלד אראפגעפאלען א לעדערנער ריעמען. לואיס האט צוגעבונדען צו איהם דאס בלעטעל פאפיער, וועלכעס ער האט ארויסגעריסען.

— ציעהט ארויף דעם ריעמען! האט לואיס ווידער געשריען.

מען האט ארויפגעצויגען דעם ריעמען.

— איהר ווערט באלד האבען אן ענטפער, האט לואיס געזאגט צום גענעראל און צום אינדיאנער פירסט.

אין איינינע מינוט ארום האבען זיך עטליכע מענשען געשטעלט אויפ'ן ראנד פון'ם שטיין. פאר אלעמען האט זיך ארויסגעשטעלט וואלענטין. לואיס האט ניט געקענט פערשטעהן, פון וואנען עס האבען זיך גענומען אזוי פיעל מענשען אויבען אויפ'ן בערג. ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון זיי, האט ער איבערגעלאזען נור צוויי מענשען — דאן מא־עא און קורומיללא. ער איז אויפגעשפרונגען פאר פרייד, ווען ער האט דערהערט וואלענטינ'ס שטימע.

— איהר האט זעהר גוט געטהאן, גראף, וואס איהר האט ניט אנגענומען דיא שענדליכע בעדינגונגען, וואס מען האט אייך פארגעלעגט. מיר זיינען שטארק. מיר האבען מיט זיך הונדערט און פופציג מענשען, אלע זיינען גוט בעוואפענט. אלע זיינען ענטשלאסען אויסצוהאלטען ביז צו לעצט. מיר וועלען בעסער אלע שטארבען, איידער זיך אונטערגעבען!

לואיס האט זיך דאן געווענדעט צום גענעראל און צום אינדיאנער פירסט:

— נון, מיינע הערען, איהר הערט יעצט אליין דיא אנטווארט פון מיינע קאמעראדען.

— אלזא, וואס ווינשט מיין ברודער? האט דער אינדיאנער פירסט געפרעגט.

— איהר זאלט אונז לאזען רוהיג געהן אונזער וועג, האט לואיס געענטפערט.

אנטינאהועל, דער שווארצער הירש און גענעראל בוסטאמענטע זיינען אוועקגעגאנגען עטליכע שריט פון איהם און האבען זיך בעראטהען איינינע מינוט. דאן איז אנטינאהועל צוגעקומען צו איהם און האט איהם געזאגט:

— גוט! מיר נעהמען אן אייערע בעדינגונגען. איהר מעגט אייך געהן, וואוהין איהר ווילט. מיין יונגער ברודער איז א טאפפערער קריעגער.

— איך דאנק אייך, פירסט, האט לואיס געזאגט און האט זיך העפליך פערנייגט פאר איהם.

ווען לואיס וואלט געווען אביסעל רוהיגער און וואלט זיך גוט צוגעקוקט צו אנטינאהועלס געזיכט, וואלט ער געזעהן, וואס פאר א ווילדע, פערביסענע גרימאסע דער אינדיאנער פירסט האט געמאכט, ווען לואיס האט איהם געדאנקט. לואיס האט אבער גאר נישט געזעהן. ער האט געגעבען דעם אינדיאנער פירסט דיא האנד און האט געזאגט:

— איך האב נאך א ביטע צו אייך פירסט. איך האף, אז איהר וועט זיא מיר ניט אפזאגען. איהר זייט א גרויסער פירסט און א טאפפערער קריעגער.

— ווען עס וועט נור מעגליך זיין, וועל איך געווים טהאן, וואס איהר וועט פון מיר בעטען.

— איהר האט געכאפט געגומען עטליכע שפאניער געפאנגען. לאזט זיי פריי. זיי זיינען דאך אונשולדיג. זיי האבען ניט געקעמפפט געגען אייך.

— דיעזע געפאנגענע זיינען שוין פריי, האט אנטינאהועל געענטפערט. זיי געפינען זיך שוין יעצט אויבען אויפ'ן בערג מיט אייערע קאמעראדען.

לואיס האט געשטוינט, ווען ער האט עס געהערט. ער האט ניט געקענט פער־שטעהן, וויא עס קומט, וואס דער אינדיאנער פירסט איז פלוצלונג געוואָרען אזוי גוט און אזוי מילד. עס איז אבער יעצט ניט געווען קיין צייט פיעל צו טראכטען.

— אה, פירסט! האט ער אויסגערופען. איהר זייט אזוי גוט און אזוי גראָס־מוטהיג, וויא איהר זייט שטארק און טאפפער.

אנטינאהועל האט ניט געענטפערט. לואיס האט זיך נאך אמאל פערנייגט פאר איהם און האט געזאגט:

— יעצט וועט איהר מיר ערלויבען צוריקצוגעהן צו מיינע קאָמעראַדען.

— איהר זייט פריי.

אין דיעזע מינוט האט לואיס דערהערט א שוואכע שטימע, וועלכע האט גע־זאגט מיט א טרויעריגען בימענדען טאָן:

— איך בין דאך אויך א געפאנגענער. מעג איך אויך געהן?

ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דעם גובערנאטאָר פון וואלדיוויא, דאן ראמאָן.

— איך מיין, אז דיעזער מאן מעג אויך געהן, האט בוסטאמענטע געזאגט.

— געוויס, מעג ער געהן, האט אנטינאהועל געענטפערט. מיר האבען געלאָזען פריי אלע אונזערע געפאנגענע.

לואיס האט זיך נאך אמאל פערנייגט פארן פירסט און איז מיט דאן ראמאָן ארויפגעגאנגען אויפ'ן בערג, וואו זיינע קאָמעראַדען זיינען געווען. ער האט דארט געפונען אויסער זיין מילך־ברודער, וואלענטין און דעם הויפטלינג טראנגאָיל־לאַנעק, נאך עטליכע און צוואנציג שפאניער, וועלכע דיא אינדיאנער האבען געבעטען געפאנ־גען גענומען און היינט אזוי פלוצלונג בעפרייט.

ער איז געווען פול פרייד, וואָס זיי זיינען אזוי גליקליך בעפרייט געוואָרען. אין זיין פרייד האט ער ניט בעמערקט, וויא קורומיללא האט געקניימש זיין רויטען שטערן, און איז געווען שטארק פערטראכט. ער איז געווען דער איינציגער, וואס האט פער־שטאנען, אז דער אינדיאנער פירסט איז ניט אומזיסט געוואָרען אזוי מילד און אזוי גוט. דא מוז עפעס זיין.

מיט איינינע שטונדען שפעטער איז דיא גאנצע געגענד ווידער געוואָרען שטיל, איינזאם, רוהיג און פערלאסען. קיין לעבעדיגער מענש איז ניט געבליעבען אין דער גאנצער געגענד.

64טעם קאפיטעל.

דיא אויפפאָרדערונג.

דער אינדיאנער פירסט האט געהאלטען וואָרט. דאן טאדעאָ, לואיס און זייער פארטיע זיינען זיך גאנץ רוהיג אראפגעגאנגען פון בארג, זיי האבען געפונען אונטען זייערע פערד, האבען זיך אויפגעזעצט און זיינען זיך אוועקגעפאהרען. אין וואלד איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. דיא אינדיאנער זיינען פערשוואונדען, וויא דורך א צויבער.

עס איז ביי זיי געבליעבען, אז זיי זאלען צוריקפאהרען קיין וואלדיוויא. דאן טאדעא האט צוואר געוואלט נעהן זכען זיין טאָבטער, וואלענטין און טראנגאַיל־לאַ־נעק האבען איהם אבער דערצעהלט אלעס, וואס זיי האבען געוואוסט פון דאניא ראזאריא. יעצט, אלזא, האט ער שוין ניט געהאט וואס צו פאהרען קיין סאן מיגעל. יעצט מוז מען אויפ'ס ניי אנהייבען זיא צו זוכען. וואו אבער? עס איז שוין פערגאנגען דער צווייטער טאג, זייט מען האט זיא אוועקגעפיהרט פון סאן מיגעל.

אויסערדעם האט ער ניט געקענט איבערלאזען זיינע קאמעראדען, דיא שפּאַניער, וועלכע זיינען געווען געפאנגען ביי דיא אינדיאנער. ער האט געמוזט זיי ברענגען אין זיכערהייט. קיינער פון זיי האט קיין פערד מיט זיך ניט געהאט. דיא אינדיאנער האבען צוגענומען זייערע פערד. זיי זיינען געגאנגען צו פוס. דער וועג אין וואלד איז א בערגיגער געגענד איז געווען זעהר שווער.

עס איז באלד נאכט געווארען און וואלענטין האט מורא געהאט, אז מען זאל אויף זיי ניט אנפאלען אין דער פינסטערניס. אלע זיינען געווען שרעקליך מיעד פון דער אויפרעגונג פון א גאנצען טאג און פון דעם שווערן וועג. זיי האבען געמוזט בלייבען שטעהן און זיך אפּרוהען. צום גליק, זיינען זיי צוגעקומען צו א טייבעל. — מיר זאגען, צום גליק, ווייל אין דער פּרעריע איז עס ווירקליך א גליק, ווען מען טרעפט אן וואסער. מענשען און טהיערע מוזען האבען וואסער. אין דער פּרעריע קען מען אמאל אוועקפאהרען הונדערטער מיילען און מען זאל ניט געפינען קיין וואסער.

— דא מוזען מיר בלייבען שטעהן און זיך אפּרוהען, האט וואלענטין געזאגט.

— ווייסט איהר, וואו מיר זיינען יעצט? האט טראנגאַיל־לאַנעק געפרעגט. אלע האבען געשוויגען.

— מיר זיינען יעצט לעבען דעמזעלבען טייבעל, וואו מיט עטליכע טעג צוריק האט גענעראל בוסטאַמענטע געשלאָסען פריעדען מיט דיא אינדיאנער.

— אלזא, זיינען מיר דאך גאנץ נאהענט פון וואלדיוויא?

— ניט אזוי נאהענט, וויא איהר מיינט. עס איז נאך קיין וואלדיוויא מעהר אלס צעהן מייל.

— וויא איז דאס מעגליך? דאמאלס איז עס דאך געווען גאר נאהענט?

— מיר זיינען לעבען דעמזעלבען טייבעל, אבער ניט אויף דעמזעלבען ארט.

אלע זיינען געווען אזוי מיעד, אז זיי האבען זיך ניט געקענט ריהרען. זיי האבען זיך געמוזט אפּרוהען. קיין פייער האבען זיי ניט געוואָלט מאכען, דיא אינדיאנער זאלען ניט דערזעהן דאס פייער און אויף זיי אנפאלען. יעדער האט זיך געזעצט אויף דער ערד און האט געגעסען, וואס ער האט געהאט ביי זיך אדער וואָס א קאַמעראַד האט איהם געגעבען.

דיא שפּאניער האבען זיך באלד געלעגט שלאפען. וויא עס ווייזט אויס, האבען זיי דיא פאָריגע נאכט ניט געשלאָפען. אלס געפאנגענע אין א לאגער פון אינדיאנער שלאפט זיך ניט. זיי זיינען דאהער באלד אנטשלאפען געווארען, נור איינינע מענשען זיינען ניט געשלאָפען. דאס זיינען געווען דאן טאדעא, לואיס, וואלענטין, דאן ראַמאָן און דיא דריי אינדיאנער.

— מיינע פריינדע! האט וואלענטין געזאגט צו זיינע קאמעראדען. מיר זיינען צוואר אויך מיעד און דארפען זיך אויך אפרוהען, אבער איידער מיר וועלען זיך צו לעגען, מוזען מיר אפרעדען, וואס מיר זאלען ווייטער טהאן. מיר האבען פאר זיך א געוויסע אויפגאבע, וועלכע מיר מוזען אויספאלגען. — דיא ערשטע פראגע, וואס איך וויל שטעלען, איז: וויא ווייט איז נאך קיין וואלדיוויא?

— איך האב שוין איין מאל געזאגט מיין ברודער, אז עס איז נאך צעהן מייל קיין וואלדיוויא, האט טראנגאיל-לאנעק געענטפערט.

— דיא פראגע איז, אויב מיר זיינען דא זיכער פון דיא אינדיאנער? — דיא פראגע איז, אויב מיר מעגען זיך רוהיג לעגען שלאפען, אדער מיר מוזען זיך בעוואַרענען אויף יעדען פאל?

— איך ווייס ניט, וואס מיר האבען דא פיעל צו רעדען, האט דאן טאדעא געזאגט טרויעריג. מיר מוזען אויסשטעלען וואכען. מיר וועלען זיך דא אפרוהען נור איינינע שטונדען. פאר טאג, ווען דער מאנד וועט אויפגעהן, וועלען מיר אויפשטעהן. איך, דאן לואיס, דאן וואלענטין און דיא הויפטלינגע וועלען געהן אין דיא בערג זוכען מיין טאכטער. דיא שפאניער מיט דאן ראמאן אלס זייער אנפיהרער וועלען זיך אליין געהן קיין וואלדיוויא.

— דאס איז דער בעסטער פלאן, האט דאן ראמאן געזאגט. מיר זיינען בעוואפענט. מיר וועלען גאנץ רוהיג צוגעהן דיא עטליכע מייל, וואס מיר האבען נאך קיין וואלדיוויא. מיר האבען קיין מורא ניט אליין צו געהן.

— דאס איז אלעס רעכט, האט וואלענטין געזאגט. מיר מוזען אבער פרעגען אונזערע פריינד, דיא אינדיאנער, אויב זיי ווילען ווייטער געהן מיט אונז? — עס איז שוין זעהר לאנג, זייט מיינע פריינד, דער קאציק קורומיללא און דער הויפטלינג טראנגאיל-לאנעק, האבען פערלאזען זייערע דערפער. זיי ווילען פיעללייכט געהן א היים — זעהן זייערע פרויען און זייערע קינדער?

— מיין ברודער האט גוט גערעדט, האט טראנגאיל-לאנעק געענטפערט. זיין הארץ און זיינע ליפען זיינען איינס. זיין שטימע איז זיס און עהרליך, וויא דיא שטימע פון דיא מאואו-קאוויס (נאכטיגאל) פון אונזערע וועלדער. איך האב ליעב צו הערען זיין שטימע. — אנטינאהועל איז ניט מיין פריינד. טראנגאיל-לאנעק וועט געהן מיט זיין פריינד מיטן בלייכען געזיכט, וואוהין ער וועט איהם פיהרען.

— דאנק, הויפטלינג! האט וואלענטין אויסגערופען. איך האב געוואוסט, אז איהר וועט מיר אזוי ענטפערן.

— מיין ברודער דארף מעהר ניט רעדען דערפון, האט זיך יעצט קורומיללא אפגערופען.

וואלענטין האט איהם געדריקט דיא האנד.

— איך בין גליקליך, וואס איך האב מיר אין אמעריקא ערווארבען אזעלכע צוויי פריינד, וויא איהר זייט! האט ער אויסגערופען ווארם — יעצט, אלזא, לאמיר זיך לעגען אפרוהען. מיר האבען מארגען פאר אונז א ווייטען וועג.

דאן ראמאן האט געזאגט, אז ער וויל שטעהן אויף דער וואך. קיינער איז ניט

געוועזן דאנגען. באלד האבען זיך אלע אניעדערגעלעגט און זיינען אנטשלאפען געוואָרען.

קוים האבען זיי צוגעמאכט דיא אויגען, איז דער גרויסער הונד צעזאר אויפגע־שפרונגען און האט אנגעהויבען צו בילען. אלע האבען זיך אויפגעכאפט וריא דיא אפגעבריהטע.

— צו דיא וואפען! האט וואלענטין קאָמאנדירט. גרייט אן אייערע פיסטאָלעטען!

אין איינינע סעקונדען זיינען אלע געשטאנען אויף דיא פיס. יעדער האט גע־האלטען זיינע וואפען אין דער האנד. זיי האבען געהערט דייטליך דיא שווערע טריט פון פערד. עטליכע רייטער זיינען פון ערגעץ אנגעקומען.

— ווער דא? האט געשריען וואלענטין אין דער הויך.

— דאס פאָטערלאנד! האט געענטפערט א בעקאנטע שטימע.

— ווער זייט איהר? האט וואלענטין געפרעגט.

— פריינד! האט דיעזעלבע שטימע געענטפערט.

— וויא הייסט איהר?

— דאן גרינאריא פעראלטא.

— אהער, פריינד! האט וואלענטין אויסגערופען פול פרייד.

יעדער האט א ניעדערגעלעגט דיא וואפען און האט זיך געזעצט אויף זיין ארט. אין א פאָר מינוטען ארום איז דאן גרינאָריא אנגעקומען אין לאגער. ער האט מיט זיך געבראכט דרייסיג רייטער. יעצט איז געוואָרען פרעהליך. מען האט באלד צולעגט א גרויס פייער און אלע האבען זיך ארומגעזעצט ארום פייער. יעדער האט געדריקט דיא האנד דאן גרינאריא און האט געוואלט מיט איהם רעדען.

ווען אלע האבען זיך אביסעל בערוהיגט און דאס פייער האט זיך גוט צוברענט, האט דאן גרינאריא אויסגערופען:

— דאס איז א גליק! איך האב אייך אזוי גיך געפונען!

— האט איהר אונז געזוכט? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

— יא, מיין פריינד, איך בין אומיסטען ארויסגעפאהרען פון וואלדיוויא אייך זוכען.

— פון וואנען האט איהר געוואוסט, וואו אונז צו זוכען?

— איינער פון מיינע שפאניען האט מיר דערצעהלט, אז איהר זייט היינט נאך מיטאג ארויסגעפאהרען אויפ׳ן וועג קיין וואלדיוויא.

— ווען איהר האט געוואוסט, אז מיר געהען קיין וואלדיוויא, האט איהר דאך נים געדארפט אונז נעהן זוכען? האט דאן טאדעאָ געפרעגט.

דאן גרינאָריא האט נים געענטפערט. ער האט געגעבען א ווינק צו דאן טא־דעאָ, לואיס און וואלענטין, אז זיי זאלען מיט איהם אוועקגעהן אן א זייט. אלע פיער מענשען האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און זיינען אוועקגעגאנגען ווייט פון פייער. דארט האבען זיי זיך ווידער א ניעדער געזעצט אויפ׳ן גראז.

— איהר האט מיך געפרעגט, פאר וואס איך האב אייך געזוכט? האט דאן גרינאריא אנגעהויבען צו רעדען ערנסט און שטרענג. איך וועל אייך ענטפערן. דיא

דונקעלע הערצער האבען מיך געשיקט צו אייך! זיי האבען מיר געהייסען, איך זאל אייך זאגען: פירסט פון דער דונקעלהייט! אונזער פאָטערלאנד איז אין געפאהר! עס איז דא נור איין מענש, וועלכער קען זיא רעטען. — דיזער איינער איז דער אנפיהרער פון דיא דונקעלע הערצער!

דאן טאדעאָ האט ניט געענטפערט. דיא ווערטער, וועלכע ער האט יעצט געהערט, האבען איהם געשטאָכען, וויא מיט מעסערס.

— הערט, וואס פאר אַ נאַכריכטען איך האב, האט דאן גרינאריא ווייטער געזאגט. בוסטאַמענטע איז פריי. —

— דאס וויים איך, האט דאן טאדעאָ געמורמעלט פאר זיך.

— דאס איז נאך ניט אלעס. ער האט געשלאָסען אַ פעסטען בונד מיט אנטי־נאהועל, אז ער זאל ווערן קעניג אין טשילי, דערפאר וועט ער איהם אפגעבען פיעלע לענדער.

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— א זיכערער שפיאָן האט מיר געבראכט דיזע נאכריכט. עס וועט זיך באלד אנהייבען אַ שרעקליכער קריעג. קיינער קען ניט וויסען, וויא לאנג ער וועט דויערן. איהר מוזט געהן מיט אונז. איהר מוזט רעטען אונזער פאָטערלאנד.

— מיין ליעבער פריינד, איהר ווייסט דאך, אז איך האב אייך איבערגעגעבען דיא מאכט, האט דאן טאדעאָ געענטפערט טרויעריג. איך האב מיך אפגעזאגט פון דער פאָליטיק.

— ווען איהר האט איבערגעגעבען דיא מאכט אין מיינע הענד, איז דער פיינד געוועזען בעזיעגט. ער איז געוועזן אין אונזערע הענד און דיא פרייהייט האט געהאלטען איהר פאהן אין דער הויך. יעצט האט זיך אלעס געענדערט. יעצט איז דיא פרייהייט און דאס פאָטערלאנד אין דער גרעסטער געפאהר.

דאן טאדעאָ האט אראפגעלאזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און האט גע־טראכט אייניגע אויגענבליקע.

— ליעבער, טהייערער פריינד, האט ער געזאגט טרויעריג, איהר ווייסט דאך, אז אַנאנדערע שטימע רופט מיך. דאס איז דיא שטימע פון מיין פלייש און בלוט, דיא שטימע פון מיין אייניציגעס קינד, וועלכעס געפינט זיך אויך אין געפאהר.

— פירסט פון דער דונקעלהייט! האט דאן גריגאריא געזאגט ערנסט און שטרענג. איהר האט דאך אמאל געשוואָרען, אז ווען פרייהייט און גערעכטיגקייט וועט אייך רופען, וועט איהר ניט הערן ניט אייער פאָטער, ניט אייער מוטער און ניט אייער קינד. —

— אך! מיין ארימעס, אונגליקליכעס קינד! האט דאן טאדעאָ געזיפצט.

— געדענקט אייער שבועה! האט דאן גריגאריא איהם אויפגעפאָדערט.

— אך, ערבארמען! האט מיטלייד מיט אן ארימען פאטער, ביי וועלכען מען האט אוועקגערויבט זיין אייניציגעס קינד!

— גוט! האט געזאגט דאן גריגאַריא און איז אויפגעשטאנען. צעהן לאנגע יאהרען האבען מיר געארבייט צוזאמען. מיר האבען געאָפּפערט פאר דער הייליגער

זאך פון פרייהייט און גערעכטיגקייט אלע אונזערע קרעפטע און אלעס, וואס איז ביי אונז געווען טהייער. יעצט, ווען עס איז געקומען דיא וויכטיגסטע מינוט פון א פערצווייפעלטען קאמפף, ווילט איהר זיך פון אונז אפזאגען! — נון, גוט! מיר וועלען וויסען צו שטארבען אהן אייך! מיר וועלען קעמפפען און שטארבען פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. — זייט געזונד! מיר קענען זיך מעהר ניט! —

ער האט זיך אוועקגעקעהרט און האט געוואָלט אוועקגעהן. דאן טאדעא האט איהם אנגעכאפט ביים ראָק און האט איהם צוריקגעהאלטען.

— ווארט! שטעה! האט ער געשריען. — איך געה מיט אייך! איך וועל קעמפפען מיט אייך און איך וועל שטארבען מיט אייך! — ענטשולדיג מיר — מיין טאכטער — איך האב ניט געקענט. — איך. —

דאן גריגאריא האט איהם אנגעכאפט ביי ביידע הענד און האט זיי צוגעדריקט צום הארצען.

— איך האב ווידער געפונען מיין ברודער, האט ער געזאגט. איך בין גליקליך! מיט אזעלכע פרייהייטס קעמפפער וועלען מיר זיגען.

— נעהמט, דאן טאדעאָ, וואוהין דיא פפליכט און דיא פרייהייט רופען אייך, האט וואלענטין זיך אפגערופען. איך שווער אייך, אז איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל אויסגעפינען אייער טאָכטער.

— יא, דאן טאדעא, האט זיך יעצט לואיס אריינגעמישט, מיר וועלען זיא אייך ברענגען אדער מיר וועלען צו גרונד געהן.

דאן גריגאריא האט ערקלערט, אז דיא צייט ערלויבט זיי ניט דא צו נעכטיגען. זיי מוזען נאך ביי נאכט צוריקפאהרען קיין וואלדיוויא. ער האט געהייסען זיינע רייטער, זיי זאלען אנזאטלען זייערע פערד און יעדער פון זיי זאל ארויפנעהמען צו זיך אויפ'ן זאָטעל איינעם פון דיא שפאניער, וועלכע זיינען געקומען מיט דאן טאדעא. אין איינינע מינוט ארום זיינען זיי געווען פערטיג אין וועג אריין.

דאן טאדעאָ און דאן גריגאריא האבען אבשיעד גענומען פון דיא פראנצויזען און דיא אינדיאנער און זיינען באלד אוועקגעפאהרען. אין לאנגער זיינען געבליעבען לואיס, וואלענטין, טראנגאָיל־לאנעק, קורומיללא און זשאן. זיי האבען זיך איינגעהילט אין זייערע מאנטלען און האבען זיך געלעגט שלאפען אונטער דער טרייער וואך פון זייער הונד, צעזאר.

65טעם קאפיטעל.

דיא בעראטהונג.

דיא נאכט איז פערגאנגען רוהיג. ווען דיא פינף מענער האבען זיך אויפגעכאפט, איז דיא זון שוין געשטאנען גאנץ הויך. דיא ערשטע זאך, וואס זיי האבען געטהאן, איז געווען צולעגען א פייער און מאכען זיך א פריהשטיק. דאס איז געווען קורומיללא'ס ארבייט. ער האט באלד געמאכט א פייער און האט אפגעבאקען פלעצלעך. — נאכ'ן עסען האבען זיי פעררויכט זייערע ציגארען און האבען זיך אנגעהויבען צו בעראטהען.

דער ערשטער האט גערעדט וואלענטין.

— מיר האבען שלעכט געטהאן, וואס מיר האבען אזוי געלאזט דאן טאדעאָ אוועקגעהן פון אונז נעכטען ביי נאכט, האט ער געזאגט. מיר האבען זיך איבעראיילט.

— וויא האבען מיר דא געקענט אנדערש טהאן? האט לואיס געפרעגט. מיט וואס האבען מיר זיך אזוי איבעראיילט?

— מיר האבען צוריסען יעדע פערבינדונג מיט איהם, האט וואלענטין געענט-פערט. פאלס ער וועט אונז דארפען, וועט ער גאר ניט וויסען, וואו מיר זיינען. מיר האבען געדארפט לאזען מיט איהם א מענשען, וועלכער זאל איהם קענען פיהרען צו אונז, ווען ער וועט עס פערלאנגען.

— איך פערשטעהע דיך ניט, ברודער, האט לואיס געזאגט.

— דוא וועסט מיך באלד פערשטעהן. פאָליטיק איז א זאנדערבארעס פיינעלע. אט הערט מען זיא זינגען, מען וויל זיא חאפען — זיא איז פערשוואונדען. אין איין טאג קען זיך אלעס ענדערן. ווען דאן טאדעאָ וועט זעהן, אז ער האט מעהר ניט וואס צו טהאן אין דער פאָליטיק, וואס וועט ער דאן פערלאנגען?

— זוכען זיין טאכטער.

— וויא אזוי וועט ער וויסען, וואו אונז צו געפינען?

— מיר קענען נאך געפינען א מיטעל דערצו, האט קורומיללא געזאגט. גוט, וואס עס איז נאך ניט צו שפעט. זשאן וועט געהן קיין וואלדיוויא און זיין ביי דאן טאדעא. קוים וועט ער אונז דארפען אדער ער וועט וועלען אונז אויפזוכען, וועט ער שיקען זשאנען. ער וועט אונז שוין געפינען.

— גאנץ ריכטיג, האט לואיס געזאגט. איך וועל אנשרייבען א בריעף צו דאן טאדעאָ, אין וועלכען איך וועל איהם ערקלערן אונזער בעשלוס. זשאן וועט איהם איבערגעבען דיעזען בריעף.

ער האט ארויסגעריסען א בלעטעל פון זיין נאטיץ בוך און האט אנגעשריעבען עטליכע ווערטער. דיעזעס בריעוועלע האט ער באלד דערלאנגט זשאנען.

— וועט מיין ברודער וויסען, וואו אונז צו געפינען? האט וואלענטין געפרעגט זשאנען, וועלכער האט זיך פארבערייטעט אויף דיא רייזע.

— איך וועל שוין וויסען, וואו אייך צו געפינען, האט זשאן געענטפערט. מיין הערץ בלייבט מיט אייך און וועט זיין מיט אייך, וואוהין איהר וועט געהן.

זיי האבען איהם געדריקט דיא הענד און אין איינינע מינוטען שפעטער איז ער פערשוואונדען געוואָרען אויפ'ן וועג קיין וואלדיוויא.

— ער איז א גוטער מענש דיעזער זשאן, האט וואלענטין געזאגט.

— א טאפפערער קריעגער, האט קורומיללא בעמערקט.

— יעצט, מיינע פריינדע, האט זיך וואלענטין געווענדעט צו זיינע קאמעראדען, דארפען מיר זיך איבערלעגען, וואוהין צו געהן און וואס צו טהאן.

— לאז מיין ברודער רעדען, מיר וועלען הערן, האט טראנגאיל-לאנעק געזאגט רוהיג.

— מיינע ברידער, מיר האבען אויף זיך גענומען א שווערע אויפגאבע, האט

וואלענטין אנגעהויבען צו ערקלערעז. איך שעהם מיך ניט צו זאגען אָפען, אז איך און לואיס אליין זיינען ניט אים שטאנד אויסצופיהרען אזא שווערע אויפגאבע. דיא אויגען פון א ווייסען מענשען זיינען צו דונקעל אין דיעזען לאנד. מיר זעהן דא ניט און הערן דא ניט.

— מיין ברודער האט גוט גערעדט, האט טראַנגאַיל-לאנעק געענטפערט. דער וועג, אויף וועלכען מיר ווילען געהן, איז לאנג און פול מיט דערנער און מיט גריבער לאזען אבער מיינע ברידער מיט דיא בלייכע געזיכטער רוהיג זיין. מיר זיינען געבאָרען געוואָרען אין דער פּרעריע. מיר לעזען דיא פּרעריע, וויא דיא בלייכע געזיכטער לעזען זייערע צייכענס אויף פּאפּיער. פאר אונז האט דיא פּרעריע קיינע געהיימניסע.

— דאס איז עס, וואס איך מיין, האט וואלענטין אויסגערופען. אויף דיעזע וועג דארפט איהר אונז פיהרען. מיר וועלען פאלגען, וואס איהר וועט אונז הייסען.

— דיעזער פּונקט איז אפּגעמאכט, האט לואיס זיך אריינגעמישט. דאריבער האבען מיר מעהר ניט וואס צו רעדען. עס איז אבער דא נאך א וויכטיגער פּונקט, וועלכען מיר מוזען יעצט בעהאנדלען.

— וואָס איז דיין פּונקט, לואיס ?

— ערשטענס, מוזען מיר בעשליעסען, וואוהין צו געהן. צווייטענס, ווען צו געהן.

— ווען צו געהן ? האט קורומיללא געפרעגט. מיין ברודער וויל וויסען, ווען צו געהן ? — שוין ! אין אייניגע מינוט ארום.

— דער קאַציק האט רעכט. מיר מוזען זיך באלד לאזען אין וועג, האט לואיס געזאגט, אבער וואוהין זאלען מיר געהן ?

— איך מיין, אז ווען מיר וועלען זוכען דיא שפּורען פון דעם מערכען מיט'ן בלייכען געזיכט און מיט דיא בלויע אויגען, מוזען מיר צוריקגעהן אין דארף סאן מינעל, האט טראַנגאַיל-לאנעק געזאגט זיין מיינונג.

— איך בין איינפערשטאנדען מיט דער מיינונג פון'ם הויפּטלינג, האט וואלענטין זיך אפּגערופען. מיר זיינען געוועזן אין דארף סאן מיגעל. מיר האבען דארט געפונען איהרע שפּורען. מיר ווייסען, אז אנטינאהועל'ס קריעגער האבען זיא פון דארט אוועקגעפיהרט. מיר מוזען געהן צוריק אהין און פון דארט אנהויבען צו זוכען דיא שפּור פון דיעזע קריעגער.

אלע האבען איינגעשטימט, אז זיי זאלען געהן צוריק קיין סאן מיגעל, נור קורומיללא האט געשוויעגען. ער האט געשאָקעלט מיט'ן קאפּ און האט עפּעס געמורמעלט אונטער דער נאז.

— ניין ! האט ער ענדליך געזאגט אין דער הויך. דיעזער פּלאן טויג ניט. דיעזער וועג וועט אונז נור פערפיהרען.

ביידע פראנצויזען האבען איהם אנגעקוקט מיט שטוינען.

— איך פערשטעה אייך ניט, קאַציק, האט וואלענטין ענדליך געזאגט.

— לאזען מיינע בריעדער מיך אויסהערן, וועלען זיי מיך פערשטעהן, האט קורומיללא געזאגט רוהיג. — אנטינאהועל איז א גרויסער פירסט. ער איז דער בעסטער קריעגער אין אונזער לאנד. ער האט ערקלערט קריעג דיא בלייכע געזיכטער.

דיזוער קריעג וועט דויערן זעהר לאנג און וועט זיין זעהר בלוטיג. לאזען מיינע ברידער נים פערגעסען, אז אין זיין לאנער געפינען זיך יעצט א מאן מיט א פרוי מיט בלייכע געזיכטער, וועלכע וועלען איהם אויפרייצען צום קריעג. זיי מוזען עס טהאן, ווייל זייערע אינטערעסען פאָדערן עס. זיי וועלען איהם אויפרייצען, ער זאל בעזיעגען זייערע אייגענע לאנדסלייט.

אנטינאהועל וועט געוויס באלד פערזאמלען אלע זיינע קריעגער און וועט ערגעץ אנפאלען אויף דיא בלייכע געזיכטער. אנטינאהועל ליעבט דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען. זיא מוז זיך געוויס געפינען נים ווייט פון זיין לאגער. ווען מיר ווילען אויסגעפינען דיא שפורען פון'ם מעדכען, מוזען מיר נאכגעהן אין דיא שפורען פון'ם טיגער פון דער זון.

ער האט אויפגעהערט צו רעדען, האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט און האט געשוויעגען.

— דער קאציק האט רעכט, האט לואיס געזאגט. ער פערשטעהט דיא לאגע בעסער פון אונז.

— איך מיין אויך אזוי, האט איהם וואלענטין אונטערשטיצט. עס איז דייט־ליך, אז ער ליעבט דאניא ראזאריא. עס איז דייטליך, אז צווישען איהם און דאניא מאריא איז דא עפּעס א געהיימניס, וואס זיי האלטען זיך אזוי פעסט צוזאמען. יעדעס מאל, ווען מיר האבען געפונען א שפור פון דאניא ראָזאריא, האבען מיר געזעהן, אז ביידע, דאניא מאריא און אנטינאהועל, האבען זיא געפאנגען גענומען און האלטען יא ווענען א געוויסען צוועק. דאניא ראזאריא געפינט זיך געוויס ערגעץ נים ווייט פון אנטינאהועל'ס לאגער. עס איז זאגאר מעגליך, אז זיא איז זאגאר ביי אנטינאהועל אין לאגער. — וואס דענקט איהר, הויפטלינג? האט ער געפרעגט טראנגאָיל לאָנעק.

— קורומיללא איז א גרויסער קאציק, האט טראָנגאָיל־לאָנעק געענטפערט. ער איז מוטהיג, וויא א טיגער און קלוג, וויא א פוקס. ער וויים, וואס ער רעדט.

— אלזא, לאמיר געהן צו אנטינאהועל'ס לאגער! האט וואלענטין אויסגערופען פרעהליך.

טראָנגאָיל־לאָנעק האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— מיין ברודער קען נאך נים דעם אינדיאנער פירסט, האט ער געזאגט. עס איז נים אזוי לייכט צו קומען צו איהם, ווען ער פיהרט קריעג. ארום זיין לאגער זיינען דא טויזענדער שפּיאָנען, וועלכע וועלען אונז האפּען און אונז איבערגעבען אין זיינע הענד. מיין ברודער מוז וויסען, אז נים יעדעס מאל טרעפט זיך אזא גליק, אז דער טיגער זאל ארויסלאָזען זיין רויב, וויא ער האט נעכטען ארויסגעלאָזען דעם לעווען קאָפּ און דיא עטליכע שפּאניער, וועלכע ער האט געהאלטען געפאנגען.

— אלזא, וואס דען זאָלען מיר טהאן? האט וואלענטין געפרעגט מיט פער־צווייפלונג אין זיין שטימע.

— מיר מוזען טהאן, וויא דער יענער, וואס יאגט זיך נאך א יאגואר (אמע־ריקאנישער טיגער). מיר טארען נים געהן גלייך צו איהם אין דער הייל. מיר מוזען פריהער געוואהר ווערן, ווען ער איז אין זיין הייל, ווען ער געהט אוועק און וואס ער

טהוט. מיר מוזען ווארטען, זוכען און שפיערן, ביז מיר וועלען אויסגעפינען, וואו דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען געפינט זיך.

— מיר האבען שוין אלעס אפגערעדט, אלזא, לאמיר געהן, וואוהין איהר פערשטעהט, האט ענדליך לואיס זיך אפגערופען.

— נאך ניט, האט קורומיללא געזאגט. צו ערשט מוזען מיינע ברידער אויסטהאן דיא שטיוועל.

— צו וואס איז דאס ? האט וואלענטין געפרעגט.

— אנטינאהועלס שפיאנען האבען שארפע אויגען. זיי וועלען דערקענען דעם ארט, וואו דער פוס פון א מאן מיט א בלייכען געזיכט האט געטרעטען און וועלען אונז נאכשפיערן. טהוט אויס אייערע שטיוועל, וועלען אנטינאהועלס קריעגער זיין בלינד.

דיא צוויי פראנצויזען האבען געמאכט א זויערע מינע. עס האט זיך זיי קיין מאל ניט געחלומט, אז זיי זאלען דארפען געהן אין אמעריקא אהן שטיוועל. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. זיי האבען געמוזט אויסטהאן זייערע שטיוועל.

— וואס טהוט מען מיט זיי ? האט געלאכט וואלענטין, ווען ער האט אויסגעטהאן זיינע שטיוועל און האט זיי געהאלטען אין דער האנד. — ארייגווארפען זיי אין טייך ?

— ניין, ניין ! האט טראנגאיל-לאנעק געזאגט, מיינע ברידער דארפען זיי נעהמען מיט זיך. זיי קענען נאך צו ניץ קומען.

לואיס האט פראבירט צו געהן בארפוס, עס איז איהם אבער זעהר שווער געווען. דער פראנצויזישער גראף האט נאך ניט געקענט געהן בארפוס איבער דיא אמעריקאנישע פרעריען.

— איך קען ניט ! האט ער אויסגערופען. איך קען ניט געהן בארפוס ! איך האב מיך שוין צושטאכען דיא פיס.

— מיינע ברידער דארפען ניט געהן בארפוס, האט קורומיללא געזאגט. זיי דארפען געהן, וויא מיר. זיי דארפען טראגען מאקאסינס (א סארט זאקען פון לעדער).

ער האט באלד געמאכט פון זייערט וועגען א פאר מאקאסינס און האט זיי געוויעזען, וויא אזוי זיי אנצוטהאן. יעצט זיינען זיי שוין געווען פאלשטענדיגע אינדיאנער. זיי האבען גענומען זייערע שטיוועל, האבען איינגעוויקעלט אין זייערע מענטעל און געמאכט א ראנעץ, וויא דיא סאלדאטען טראגען.

66טעס קאפיטעל.

דיא זענזע (קאסע) איז שארף, דער שטיין אבער איז הארט.

מיר מוזען יעצט זיך אומקעהרן אין אנטינאהועל'ס לאגער און זעהן, וואס דארט איז געשעהן, זייט דיא פראנצויזען און דיא שפאניער זיינען אוועקגעגאנגען פון דעם שטיין, אויף וועלכען זיי האבען זיך בעפעסטיגט.

קוים זיינען דיא פראנצויזען און דיא שפאניער פערשוואונדען געווארען, האט

זיך דער אינדיאַנער פירסט געווענדעט צום גענעראַל בוסטאַמענטע און האט געזאגט מיט א פארוואורף:

— איך האב געטהאן, וויא מיין ברודער האט פון מיר פערלאַנגט. וואס נאך פערלאַנגט ער פון מיר?

— איך פערלאַנג מעהר גאר ניט פון אייך, פירסט, האט בוסטאַמענטע גע־ענטפערט. מיר דארפען יעצט בערופען אלע הויפּלינגע און זיך בעראַטהען, וויא אזוי צו פיהרען דעם קריעג.

— מיין ברודער האט רעכט, האט אַנטינאַהועל געענטפערט. איך האב עס שוין געטהאן. דיא הויפּטלינגע פון מיין פאָלק זיינען שוין פערזאַמעלט ארום בע־ראַטהונגס פייער.

— אלזא, לאָמיר געהן צום בעראַטהונגס פייער.

זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון געצעלט און זיינען צוגעגאַנגען צום בעראַטהונגס פייער. אויפן וועג איז דער אינדיאַנער פירסט געבליעבען שטעהן. ער האט געזעהן פון דער ווייטענס, וויא דיא שפּאַניער געהן זיך אוועק. זיין געזיכט האט זיך פער־ענדערט, זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו גליהען און זיינע ליפּען האבען געציטערט. ער האט אויסגעוויזען אין יענע מינוט, וויא א טיגער, ביי וועלכען מען האט ארויס־געריסען פון מויל א שטיק פלייש.

גענעראַל בוסטאַמענטע האט עס בעמערקט און האט ארויפגעלעגט זיין האַנד אויף אַנטינאַהועל'ס פּלייצע. דער אינדיאַנער פירסט האט זיך אומגעקוקט און האט אראָפּגעשאָקעלט פון זיך בוסטאַמענטע'ס האַנד.

— וואס נאך וויל פון מיר דער הויפּטלינג מיט'ן בלייכען געזיכט? האט ער געפרעגט ווילד.

— איך וויל אייך זאגען, פירסט, אז עס נוצט ניט צו טויט'ן דרייסיג — פערציג מענשען, ווען מיר קענען אויסהרג'ענען טויזענדע פון זיי. איהר האט געטהאן זעהר קלוג, וואס איהר האט געלאָזען לויפען דיא עטליכע מענשען, וועלכע איהר האט געהאַלטען אין אייערע הענד. זיי האבען געזעהן, אז איהר זייט פערוואונדעט. זיי וועלען געהן און דערצעהלען אלעמען, אז איהר זייט שוואך, אז מען האט אייך בעזיעגט, אז איהר האט מורא פאר זיי. דאס איז גוט. מיר וועלען דערפון זעהר פיעל געווינען. אונזערע פיינד וועלען זיין זיכער. זיי וועלען זיך פאר אונז ניט היטען.

דאס געזיכט פון'ם אינדיאַנער פירסט איז געוואָרען פרעהליכער. זיין בליק איז געוואָרען מילדער.

— עס איז דא וואהרהייט אין דיא ווערטער, וואס מיין ברודער זאגט. אין קריעג מוזען מיר א מאל לאזען לויפען א הוהן, אום מיר זאָלען פאר איהר בעקומען א פערד.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען. פּלוצלונג האט זיך אַנטינאַהועל געווענדעט צום גענעראַל.

— דער יונגער מאַן, וואס איז היינט געוועזען ביי אונז, ווייזט אויס צו זיין א גרויסער קריעגער, האט ער געזאגט. — קען איהם מיין ברודער?

— ניין, האט בוסטאמענטע גענענטפערט. איך האב איהם היינט געזעהן צום ערשטען מאל. דאס איז איינער פון דיא טרעמפס (בראָדיאגעס) וועלכע קומען זעהר אָפט פון אייראָפּא אום צו צונעהמען ביי אונז אונזער פערמעגען.

— אבער דיעזער יונגער מאן איז דאָך א הויפּטלינג אין זיין לאַנד.

דיא אינדיאנער מיינען, אז דער טיטול גראף געהערט נור צו א מענשען, וועלכער איז א גענעראל אין דער ארמעע. אנטינאהועל האט געהערט, וויא לואיס האט זיך פאָרגעשטעלט אלס גראף און איז געוועזען איבערציינגט, אז ער איז א גענעראל.

— וויא עס ווייזט אוים, אינטערעסירט זיך מיין ברודער צו וויסען, ווער דער יונגער מאן איז, האט בוסטאמענטע געזאגט.

— יא, איך וואָלט זעהר געוואָלט איהם זעהן נאָך א מאל.

— איך גלויב נים, אז מיין ברודער וועט איהם זעהן נאָך א מאל. אזעלכע בעטלער קומען נים אָפט צוריק אויף דעם אָרט, וואו זיי זיינען איינמאל געוועזען.

— ווער קען עס וויסען? האט אנטינאהועל געזאגט פערטראכט. לאָז מיין ברודער מיך אויסהערן.

— לאָז דער טאָקי רעדען, איך הער איהם.

— אין דער צייט, וואס מיר האבען גערעדט מיט איהם, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט, האב איך בעמערקט, אז ער האט מיין ברודער בעזאָנדערס בעטראכט. ער האט יעדעס מאל געוואָרפען אויף איהם פערגנב'עטע בליקען.

— טאָקי! איך פערזיכער אייך, אז איך קען איהם נים, האט בוסטאמענטע אויסגערופען. איך קען נים פערשטעהן, צו וואס ער האט מיך אזוי בעטראכט. זאָל ער זיין מיין פיינד?

— ווער קען עס וויסען? האט דער טאָקי געזאגט פערטראכט. מעגליך, אז ער איז אייער פיינד. א פיינד טאָר מען קיין מאל נים פעראכטען, וויא שוואך און קליין ער זאל נים זיין — ער איז דאָך א פיינד!

— מיין ברודער האט רעכט, איך וועל מיך היטען פאר דיעזען יונגען מאן.

זיי זיינען צוגעקומען צו אנטינאהועל'ס געצעלט און זיינען דאָרט אריינגעגאנגען.

— בעפאָר איך וועל פּאָרלעגען אונזערע אנגעלעגענהייטען פאר דיא הויפּטלינגע, האט אנטינאהועל געזאגט, וויל איך וויסען, וואס דענקט יעצט מיין ברודער צו טהאן.

— פירסט! האט בוסטאמענטע געזאגט ערנסט. מיר זיינען יעצט פערבונדען, ווייל מיר האבען דיעזעלבע אינטערעסען. איהר ווילט אָפּנעהמען דיעזעס לאנד, איך וויל עס אויך אָפּנעהמען. לאָמיר קעמפּפען צוזאמען. לאָז מיין ברודער מיר העלפען צוריק ווערען הערשער אין טשילי און איך וועל איהם אָפּגעבען אלע לענדער, וואס ער וועט פון מיר פערלאנגען.

— מיין ברודער וויל מיר געבען לענדער, וועלכע ער האט נאָך אליין נים, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט רוהיג.

— דאס איז ריכטיג, האט בוסטאמענטע גענענטפערט. איך וועל זיי אבער

האבען, ווען מיין ברודער וועט מיר העלפען. אחן מיר וועט זיי מיין ברודער קיין מאל ניט האבען.

אויף אנטינאהועל'ס שטערן האבען זיך אויסגעלעגט טיפע קנייטשען. ער איז ניט געווען צופריעדען מיט בוסטאמענטע'ס ענטפער.

— לאז מיר מיין ברודער ענטפערן: יא אדער ניין! האט בוסטאמענטע אויסגערופען. דיא צייט איז טהייער.

דער אינדיאנער פירסט האט געטראכט איינינע מינוט, דאן האט ער געזאגט:

— ווער וועט מיר גאראנטירען, אז מיין ברודער וועט האלטען, וואס ער זאגט מיר צו?

— לאז מיין ברודער זאגען, וואס פאר א גאראנטיע ער פאָרדערט. וועל איך זיא איהם געבען.

— לאָז מיין ברודער ווארטען איינינע מינוט, האט אנטינאהועל געזאגט.

ער האט געגעבען א צייכען צום שווארצען הירש, וועלכער איז באלד ארויס געגאנגען. אין איינינע מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען און האט געבראכט א דעק פון א פאס, פאפיער, טינט און פעדערן. ער האט אריינגעשלאָגען אין דער ערד דריי פלעקער און עס איז געוואָרען א סאָרט טיש.

ווען אלעס איז פערטיג געווען, האט אנטינאהועל געזאגט:

— דיא בלייכע געזיכטער זיינען קלינער פון אונז, ארימע אינדיאנער. איך האב אמאל געלעבט צווישען דיא בלייכע געזיכטער און האב געזעהן, וויא זיי לעבען און וויא זיי פיהרען זיך. — לאז מיין ברודער נעהמען דיא פעדער און אויסמאלען אויפ'ן פאפיער דיא ווערטער, וואס ער האט מיר געזאגט. ווען דיא בלייכע געזיכטער רעדען ווערטער מיט'ן מויל, פערוועהט זיי דער ווינד און זיי ווערן פערגעסען; ווען זיי מאלען אבער אויס זייערע רעד אויף פאפיער, האלטען זיי, וואס זיי האבען גערעדט.

בוסטאמענטע האט געזעהן, אז ער וועט זיך ניט אזוי לייכט אויסדרעהן פון'ם אינדיאנער פירסט. ער האט גענומען דיא פעדער און האט זיא איינגעטונקט אין טינט.

— ווען מיין ברודער פערלאנגט עס, וועל איך עס טהאן, וויא ער וויל.

— לאָז מיך מיין ברודער פערשטעהן, האט אנטינאהועל געזאגט. איך בין א טאָקי. איך דארף ערקלערן מיין פאָלק און מיינע הויפטלינגע, וואס איך טהו. איך קען מיך ניט פערלאזען אויף ווערטער, וועלבע דער ווינד פערוועהט.

בוסטאמענטע האט זיך געזעצט שרייבען און האט אנגעשריבען עטליכע ציילען אויף א בויגען פאפיער. דאן האט ער זיך אונטערגעשריבען. ווען דיא טינט האט זיך אויסגעטריקענט, האט ער דערלאנגט דעם בויגען פאפיער דעם אינדיאנער פירסט מיט דיא ווערטער:

— אָט איז, וואס מיין ברודער האט פערלאנגט פון מיר.

אנטינאהועל האט גענומען דעם בויגען פאפיער און האט איהם אנגעהויבען צו בעטראכטען פון אלע זייטען. דאן האט ער געגעבען א צייכען צום שווארצען הירש, וועלכער איז באלד ארויסגעגאנגען. אין איינינע מינוט ארום איז ער ווידער געקומען

און האט נעבראכט מיט זיך פיעלע הויפטלינגע. צווי פון דיעזע הויפטלינגע האבען נעפיהרט אונטערן ארים א נעפאנגענעם שפאנישען סאלדאט. דער שפאניער איז נעוועזן פערוואונדעט און האט קוים געקענט געהן.

דער אינדיאנער פירסט האט געהאלטען דאס פאפיער, וואס בוסטאמענטע האט אנגעשריעבען פארן שפאניער און האט איהם געפרעגט:

— קענסט דוא מיר ערקלערן, וואס איז אויסגעמאלט אויף דיעזעם פאפיער?

דער שפאניער האט געשוויעגען. ער האט ניט פערשטאנען, וואס דער אינדיאנער מיינט.

— דער פירסט פרעגט דיך, אויב דוא קענסט לעזען דיעזעם פאפיער? האט בוסטאמענטע ערקלערט.

— איך קען עס לעזען, האט דער פערוואונדעטער געזאגט.

— אלזא, ערקלער אונז, וואס דא איז אויסגעמאלט.

דער אונגליקליכער פערוואונדעטער האט געצי..ערט. ער האט ניט געוואוסט, וואס מען פערלאנגט פון איהם. בוסטאמענטע האט עס בעמערקט און האט געוואלט בערוהיגען דעם שפאניער.

— זייט אזוי פריינדליך און ערקלערט דעם אינדיאנער פירסט, וואס עס איז אנגעשריעבען אין דיעזעם פאפיער. איהר קענט אייך זעצען.

אנטינאהועל האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, א צייכען, אז מען זאל לאזען דעם געפאנגענעם זיך זעצען. דער געפאנגענער האט זיך געזעצט. אנטינאהועל האט זיך געשטעלט הינטער איהם.

— איך, גענעראל פאנטשא בוסטאמענטע, פרעזידענט פון טשילי, פערשפרעך און פערבינד מיך אפצוגעבען צו אנטינאהועל, דעם טאקי פון דיא פועלטשעס, דיא לענדער וואלדיוויא, קאנסעפסיאן און טאלקא. דיעזע לענדער אין זייער גאנצער ברייט און לענג זאלען געהערען צו אנטינאהועל און זיין פאלק, דיא שווארצע שלענג, ווען ער וועט מיר העלפען צוריק אפנעהמען טשילי. איך פערשפרעך ווייטער צו זיין שטענדיג זיין פריינד און איהם צו העלפען און צו בעשיצען.

אונטערשריעבען גענעראל פאנטשא בוסטאמענטע מיט אלע זיינע טיטולען.

אנטינאהועל איז געשטאנען הינטער דעם געפאנגענעם און האט געמאכט צייכענס צו זיינע הויפטלינגע. ווען דער געפאנגענער האט געענדיגט צו לעזען דאס לעצטע ווארט, האט אנטינאהועל מיט איין האנד פון איהם צוגענומען דאס פאפיער און מיט דער אנדערער האנד האט ער איהם אריינגעשטאכען זיין לאנגעס, שארפעס מעסער אין דער פלייצע מיט אזא קראפט, אז דער שפיץ מעסער איז ארויס פון זיין הארצען.

דער אונגליקליכער שפאניער האט זאגאר קיין געשריי ניט געטהאן. ער איז באלד געפאלען טוידט צו דער ערד. בוסטאמענטע האט א ציטער געטהאן ביי דיעזער שרעקליכער סצענע.

— וואס האט געטהאן דער טאקי? האט ער אויסגערופען.

— דער טאקי ווייס, וואס ער טהוט, האט אנטינאהועל געענטפערט רוהיג.

דיזוער מאן וואלט געקענט שפּעטער רעדען דערפון, וואס עס שטעהט אויסגעמאלט אויף דיזעם פּאפּיער.

בוסטאמענטע האט ניט געענטפערט. א הויפּטלינג האט גענומען דעם טוידטען קערפּער, האט איהם ארויפגעלעגט אויף דיא פּלייצעס און איז מיט איהם ארויס־געגאנגען.

— יעצט האבען מיר שוין אלעס אפּגעמאכט, האט בוסטאמענטע געזאגט. עס איז אלזא צייט, מיר זאלען עפּעס טהאן.

— יא, מיין ברודער קען זיך יעצט אויף מיר פערלאזען, האט דער טאָקי גע־זאגט. איך מוז יעצט צוריקגעהן אין מיין דארף, פון דארט —

— וואס רעדסט איהר, פירסט? האט בוסטאמענטע אויסגערופען אונצופריעדען. איהר פערליערט דאך צייט? דיא צייט איז דאך פאר אונז ביידען אזוי טהייער.

— איך קען ניט אנדערש. איך מוז פריהער געהן אין מיין דארף, איך האב דארט א וויכטיגע זאך צו בעזארגען, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט פעסט.

— עס איז ניט נעטהיג, האט זיך פּלוצלונג דאניא מאריא אפּגערופען.

— וואס מיינט מיין שוועסטער? האט דער אינדיאנער פירסט געפרעגט.

— איך ווייס, וואס עס ציהט אזוי מיין ברודערס הערץ אין זיין דארף. איך האב נאך היינט אין דער פריה געשיקט א מאן צו זיינע קריעגער, ער זאל זיי הייסען קומען אהער מיטן מעדכען מיט דיא בלויע אויגען.

אנטינאהועל'ס געזיכט איז געווארען לעבעדיגער. זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו שיינען פריינדליכער.

— מיין שוועסטער איז גוט, האט ער געזאגט. איך וועל עס איהר ניט פער־געסען. דער טאָקי געדענקט, ווען מען טהוט עפּעס פאר איהם.

— אלזא, לאז מיין ברודער הערען, וואס דער גרויסער קריעגער פון דיא בלייבע געזיכטער וועט איהם זאגען, האט דאניא מאריא געפּאָדערט.

— לאז מיין ברודער רעדען.

— מיר מוזען יעצט האנדלען זעהר שנעל, האט בוסטאמענטע געזאגט. ווען דער טאָקי רופט צונויף אלע זיינע קריעגער, קענען מיר אין א גאנץ קורצע צייט אפּנעהמען אלע לענדער, וואס איך האב איהם צוגעזאגט און מיר קענען געהן קיין סאנט יאגאָ. קוים נעהמען מיר אפּ דיא הויפּטשטאדט פון טשילי, זיינען מיר דיא ערר־שער פון׳ם גאנצען לאנד.

— גוט! מיין ברודער איז א גרויסער קריעגער. ער ווייס, וויא אזוי צו פיהרען א קריעג.

— מיר מוזען זיך אבער איילען, האט בוסטאמענטע וויטער געזאגט. אונזערע פיינד שווייגען ניט. מיר טארען זיי ניט לאזען קיין צייט, זיי זאלען פערזאמלען אן ארמעע.

— מיין ברודער וועט זעהן, האט אנטינאהועל געענטפערט קורץ.

ער האט זיך געווענדעט צום שווארצען הירש און האט איהם געזאגט:

— לאז מיין ברודער ארויסשיקען דיא קוויפּוס און דיא ברענענדע שפּיזען, — דער טאָקי האט גערעדט. — נעה!

מיר מוזען ערקלערן אונזערע לעזער, וואס קוויפוס איז. דיא אינדיאנער, וועלכע קענען ניט לעזען און ניט שרייבען, האבען אויסגעקלערט א סארט פאסט אדער א סארט טעלעגראף אויף זייער ארט. דיא קוויפוס איז א שטריק, א גאנץ געוועהנליכער שטריק, אין וועלכען עס זיינען איינגעפלאכטען פיעלע קליינע שטריקלעך. אין דיעזע שטריקלעך מאכט מען קניפ. יעדער קנופ האט א בעזאנדערע בעדייטונג. נור דיא אינדיאנער פערשטעהן דיא בעדייטונגען פון דיעזע קוויפוס. זיי ווילען אבער קיינעם ניט אויסזאגען דאס געהיימניס פון דיעזע קוויפוס.

אין מעקסיקא, אין פערו און אין גאנץ זיד-אמעריקא איז דיא געשיכטע פון יעדעס פאלק פערצייכענט אין אזעלכע קוויפוס.

יעצט האט זיך אנטינאהועל געווענדעט צו דאניא מאריא און צו בוסטאמענטע און האט זיי געזאגט:

— אין פינף זונען (טעג) ארום וועלען זיך ארום מיר פערזאמלען דרייסיג טויזענד קריעגער. איז מיין ברודער צופריעדען?

— יא, איך בין צופריעדען, האט בוסטאמענטע געענטפערט. מיין ברודער וועט זעהן, וויא אזוי איך האלט מיין ווארט.

דער טאקי איז ארויסגעגאנגען און האט אויסגעטהיילט זיינע בעפעהלע צו זיינע קריעגער. ער האט געהייסען צונעהמען דעם לאגער און זיך אויפזעצען אויף דיא פערד, פאהרען קיין טשילי. זיינע בעפעהלע זיינען אויסגעפיהרט געווארען שנעל און פינקטליך, אז דער גרעסטער גענעראל אין איירָאפּא וואלט איהם געמעגט מקנא זיין.

אין א פערטעל שטונדע שפעטער האט זיך געצויגען א לאנגע רייהע רייטער. אם ענדע זיינען געריטען דאניא מאריא און גענעראל בוסטאמענטע. זיי זיינען געווען פול מיט האפנונג. זיי האבען געוואוסט, אז דער אינדיאנער פירסט מיינט עס ערנסט. אויף איהם קענען זיי זיך פערלאזען. מיט דרייסיג טויזענד מאן קען מען אין אמעריקא אפנעהמען דיא וועלט.

67טעם קאפיטעל.

אין וואלדיוויא.

דאן גריגאריא האט זיך געאיילט. ער האט רעכט געהאט. דיא נאכריכט, אז דיא אינדיאנער זיינען אויף זיי אנגעפאלען און האבען בעפרייט דעם גענעראל בוסטאמענטע, האט זיך באלד פערברייטערט אין דער גאנצער פראווינץ. דיא איינוואוינער האבען געציטערט. יעדער פון זיי האט געוואוסט, וואס עס הייסט א קריעג מיט דיא אינדיאנער. יעדער האט געוואוסט, וויא שרעקליך אזא קריעג איז און וויא בלוטיג ער איז. אין דער צייט פון קריעג שוינט דער אינדיאנער קיינעם ניט. ער טוידטעט מענער, פרויען און קינדער, וועמען ער קען נור טרעפען.

דאן גריגאריא האט זיך דאהער געאיילט קיין וואלדיוויא בערוהיגען דיא איינוואוינער.

זיי זיינען געקומען קיין וואלדיוויא שפעט אין דער נאכט. צו זייער פערוואונדערונג, האבען זיי דערזעהן, אז קיינער אין שטאדט איז נאך ניט געשלאפען. געדיכטע

מאסען מענשען זיינען געשטאנען מיט פאקעלן אין דיא הענד און האבען אויף זיי געווארט.

קוים האבען זיך געוויעזען דאן גרינאריא און דאן טאדעא, איז זיי ענטגעגען געקומען א גרויסע מענגע מענשען און האבען זיי בעגריסט מיט געשרייען:

— עס לעבע אונזער פאטערלאנד! עס לעבע דיא פרייהייט!

דאן טאדעא איז א גאנצען וועג געפאהרען פערטראכט און טרויעריג. ווען ער האט אבער דערזעהן, מיט וואס פאר א פרייד מען האט איהם אויפגענומען. איז ער לעבעדיג געווארען. ער האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, א צייכען, אז ער וויל עפעס רעדען.

— פריינדע! ברידער! האט ער אויסגערופען. איך האב נים קיין ווערטער, מיט וועלכע איך זאל אייך אויסדריקען, וויא איך בין געריהרט פון דיא צייכענס פון פרייד און פריינדשאפט, וועלכע איהר האט מיר היינט געוויעזען. איך קען אייך נור זאגען, אז איהר וועט מיך שטענדיג זעהן אן דער שפיצע אין קאמפף געגען דער טיראניי. פעראייניגט אייך! האלט פעסט פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. מיר וועלען זיעגען און דיא טיראניי וועט אונטערגעהן!

— עס לעבע דאן טאדעא דע לעאן! עס לעבע דיא פרייהייט! האט געדאנערט דיא מענגע.

מען האט איהם אראפגענומען פון'ם פערד און מען האט איהם אויף דיא הענד אריינטראגען אין פאלאץ פון'ם גובערנאטאר. דארט זיינען געווען פערזאמעלט אגע מיטגליעדער פון דיא דונקעלע הערצער און פיעלע אנגעזעהנע בירגער פון דער שטאדט. דאן טאדעא האט קיין צייט נים געהאט צו גריסען יעדען בעזונדער און צו רעדען מיט יעדען בעזונדער. ער האט געוואוסט, וואס פאר א שווערע פעראנטווארט־ליכקייט עס ליעגט אויף איהם. ער האט געבעטען, אז אלע זאלען זיך זעצען. מען מוז זיך בעראטהען, וואס צו טהאן.

— ברידער! איהר ווייסט שוין וואס עס איז געשעהן. בוסטאמענטע האט זיך פעראייניגט מיטן אינדיאנער פירסט אנטינאהועל און זיי ווילען צוזאמען אויף אונז אנפאלען, האט ער אנגעהויבען זיין רעדע. מיר מוזען זיין שנעל און זיי נים דערלאזען, זיי זאלען אויף אונז אנפאלען. דיא צייט איז טהייער. מיר טארען קיין מינוט נים פערליערען. מיין פלאן איז, אז יעדער, וועה עס קען נור טראגען א ביקס אין דער האנד, זאל אריינטרעטען אין דער ארמעע; יעדער זאל ווערן א סאלדאט. מיר קעמפפען יעצט פאר אונזערע פרויען, פאר אונזערע קינדער, פאר אונזער פאטער־לאנד — פאר אונזערע פרייהייט.

מיר מוזען צוטהיילען אונזער ארמעע אויף צוויי טהייל. איין טהייל זאל מארשירען אין לאנד פון דיא אינדיאנער, זאל אפנעהמען זייערע דערפער און זאל נעהמען געפאנגען זייערע פרויען און זייערע קינדער. ווען מיר וועלען האבען אזא משכון אין דיא הענד, וועלען דיא אינדיאנער זיין געצוואונגען צו בעהאנדלען מענשליך דיא ווייסע מענשען, וועלכע זיי וועלען נעהמען געפאנגען. זיי וועלען מורא האבען צו טויטען דיא פרויען און דיא קינדער פון דיא פארמער'ס, וויא זיי פלעגען טהאן ביז

אהער, ווען זיי וועלען וויסען, אז זייערע פרויען און זייערע קינדער געפינען זיך אין אונזערע הענד.

דער צווייטער טהייל פון דער ארמעע דארף געהן צו דער שטאדט קאנסעפּסיאן, ווייל אנטינאהועל וועט געוויס צו ערשט אנפאלען אויף דיעזע שטאדט. ער וויס, אז דארט איז קיין מיליטער ניטא און עס וועט איהם זיין זעהר לייכט אפצונעהמען די שטאדט און די גאנצע פראווינץ. מיר מוזען קומען אהין פריהער פאר איהם.

— דאן גריגאריא! איהר וועט קומאנדירען דעם טהייל פון אונזער ארמעע, וועלכע וועט געהן אין לאנד פון די אינדיאנער. איך מיט'ן אנדערן טהייל וועל געהן קיין קאנסעפּסיאן.

— וועט איהר דען לאזען אונז אליין? האט געפרעגט איינער פון די איינוואוינער. איהר ווייסט דאך נאך ניט פאר געוויס, אויב דער אינדיאנער פירסט וועט צוערשט אנפאלען אויף דער שטאדט קאנסעפּסיאן, אדער אויף וואלדיוויא. וויא קענט איהר איבערלאזען וואלדיוויא אליין, אהן פערטהיידיגער?

— איך בין זיכער, אז אנטינאהועל וועט צוערשט אנפאלען אויף קאנסעפּסיאן, האט דאן טאדעא געענטפערט, ווייל די שטאדט קאנסעפּסיאן ליעגט אויפ'ן וועג קיין סאנטיאגא, די הויפּטשטאדט פון טשילי.

דאן טאדעא האט יעצט געוויעזען, אז ניט אומזיסט האבען די דונקעלע הערצער איהם געוועהלט אלס זייער אנפיהרער. ער איז געוועזען א גוטער גענעראל, וויא ער איז געוועזען א געלערנטער און הייסער קעמפפער פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. ער האט אויסגעטהיילט זיינע בעפעהלע, האט ערנאנט א טיכטיגען מענשען אלס גובערנאטאר אין וואלדיוויא און האט אנגעוויעזען יעדען אפיציער זיין ארט, וואו ער זאל זיך געפינען און וואס ער זאל טהאן ביי נאכט, איידער זיי וועלען ארויסגעהן אין קריעג.

די בעראטהונג האט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאכט. ענדליך האט מען אלעס אפגערעדט, אלעס בעשטימט און בעשלאסען. יעדער איז זיך צוגאנגען צו זיין ארבייט. אין גרויסען זאל זיינען געבליעבען נור צוויי מענשען: דאן טאדעא און דאן גריגאריא.

— ברודער! האט געזאגט דאן טאדעא און האט גענומען דאן גריגאריא'ס האנד. — ברודער! עס איז געקומען די צייט, ווען מיר מוזען קעמפפען פאר אונזערע אידעען. מיר מוזען זיעגען אדער שטארבען. איך וויל, אז איהר זאלט זיך געפינען לעבען מיר. ווען איהר וועט ארויספאהרען מיט אייער ארמעע עטליכע מייל פון דער שטאדט זאלט איהר איבערגעבען דאס קאמאנדא אנאנדערן און זאלט קומען צו מיר. זייט צעהן יאהר האבען מיר געארבייט צוזאמען אין דונקעלן. מיר האבען זיך געמוזט בעהאלטען, מיר האבען געמוזט פערדעקען אונזערע געזיכטער מיט מאסקעס. יעצט איז געקומען די צייט, ווען מיר וועלען שטעהן אנגעזיכט געגען אנגעזיכט מיט אונזערע פיינד. לאמיר קעמפּפען צוזאמען, זיעגען צוזאמען אדער שטארבען צוזאמען.

דאן גריגאריא האט איהם געדריקט די האנד און האט געזאגט:

— דאנק, ברודער, פאר אייערע לעצטע ווערטער.

— מיר זיינען נאך מיטגליעדער פון די דונקעלע הערצער, האט דאן טאדעא

ווייטער געזאגט. לאמיר נאך האנדלען נאך דיא רעגעלן פון אונזער געזעלשאפט. קלויב אויס צעהן שטארקע און טיכטיגע מענשען און שיק זיי ארויס נאכשפיערען דעם גענעראל בוסטאמענטע. פריהער האב איך געוואלט, אז אן עפענטליכעס געריכט זאל איהם פעראורטהיילען. יעצט איז גענוג פאר מיר דאס געריכט פון דיא דונקעלע הערצער.

דאן גרינאריא האט געוואלט ארויסגעהן אויספיהרען, וואס דאן טאדעא האט איהם געהייסען.

— ווארט, ברודער! איך האב אייך נאך עפעס צו זאגען.

דאן גרינאריא איז געבליעבען זיצען.

— מיר מוזען נאך ביי נאכט אוועקשיקען א קוריער צום גובערנאטאר פון דער שטאדט קאנסעפּסיאן און איהם ווארענען. ער מוז וויסען פאראויס, אז איהם דראָהעט א געפאהר.

— וועמען זאל איך שיקען?

דאן טאדעא האט געטראכט איינינע מינוט.

— שיקט אונזער העלד, דעם געוועזענעם גובערנאטאר פון וואלדיוויא, דאָן ראמאָן.

דאן גרינאריא האט א שמייכעל געטהאן. ער האט זיך פארגעשטעלט, וואס פאר א זויערע מינע דאן ראמאָן וועט מאכען, ווען מען וועט איהם הייסען פאהרען ביי נאכט אזא ווייטען וועג.

68טעס קאפיטעל.

דאָן ראמאָן איז אונצופריעדען.

דעם גאנצען וועג ביז וואלדיוויא איז דאן ראמאן געפאהרען שטיל, טרויעריג און פערטראכט. עס איז געווען דייטליך, אז איהם האט עפּעס געפרעסט, אז עפּעס א געהיימניס, א שרעקליכעס, שווערעס געהיימניס האט געדריקט זיין הערץ. ווען ער איז אנגעקומען קיין וואלדיוויא מיט דאן טאדעא און דאן גריגאריא צוזאמען, האט זיך דאס גאנצע פאָלק געווענדעט צו דאן טאדעא. אן איהם האט מען גאר פער־געסען, גלייך וויא מען וואָלט איהם גאר נים געקענט.

דאס האט איהם וועניג געקימערט. ער איז זאגאר צופריעדען געווען, וואס קיינער האט זיך אויף איהם נים אומגעקוקט. ער איז געווען זעהר מיעד און צובראָכען און האט געפיהלט, אז ער מוז זיך אביסעל אפּרוהען. ער איז געגאנגען צו זיינעם א בעקאנטען ערגעץ אין א זייטען גאס און האט געוואלט ביי איהם איבערנעכטיגען. זיין פאמיליע האט נים געוואוינט אין וואלדיוויא.

דער בעקאנטער האט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און האט איהם אפּגעגעבען א צימער. דאן ראמאָן האט זיך באלד געלעגט שלאָפען. קוים אבער האט ער געשלאָפען איינינע שטונדען, איז מען געקומען איהם וועקען. דער ארימער גובער־נאטאָר האט זיך קוים אויסגעווישט דיא אויגען און האט געפרעגט:

— וואָס ווילט איהר פון מיר? ... וואס וויל מען פון מיר?

— דאן טאדעא האט אייך געשיקט רופען, האט איהם געענטפערט א מאַן אין מיליטערישער קליידונג.

— דאן טאדעא ? וואס דארף ער מיך ? מיר זיינען געקומען אהער צוזאמען און ער האט מיך אויפ׳ן וועג גאר ניט געזאגט ?

— דאס וויים איך ניט, האט דער מאַן געענטפערט. איך האב א בעפעהל איך זאל אייך באלד ברענגען צו דאן טאדעא.

דער ארימער דאן ראמאן האט זיך געמוזט אנטהאן און געהן צום פאלאַץ, וואו ער איז מיט עטליכע טעג צוריק געווען גובערנאטאר.

אין דרויסען איז שוין געווען ווייסער טאג, ווען ער איז ארויסגעקומען אויף דער גאַס. דאן גרינאריא האט ניט געקענט אזוי גיך אויסגעפינען, וואו ער געפינט און עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט, איידער מען איז געוואָהר געוואָרען, אז ער געפינט ביי זיינעם א בעקאנטען.

דאן טאדעא איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. ער האט געמאכט פלאַנען געשריעבען בריעף און געגעבען בעפעהלע צו דיא אפיציערען פון דער ארמעע און צו דיא מיטגליעדער פון דיא דונקעלע הערצער. ער איז געזעסען לעבען א שרייב-טיש און האט געשריעבען, ווען דאן ראמאן איז אריינגעקימען.

— אה ! גוט מאָרגען, דאן ראמאן ! האט ער איהם בעגריסט. איהר זייט נאך דא צווישען אונז ?

— געוויס, דאן טאדעא ! ווארום זאל איך ניט זיין דא ?

— האט איהר זיך עפעס צו בעקלאגען אויף אונז ?

— אך, ניין ! האט דאן ראמאַן געענטפערט, איך בין העכסט צופריעדען, וואס עס האט זיך אזוי געמאכט, אז איך בין ניט מעהר קיין גובערנאטאר אין וואלדיוויא, איך וויל מיך מעהר ניט מישען אין פאָליטיק. איך וויל ליעבער פאהרען אהיים צו מיין פרוי און קינדער.

— פיעללייכט האט איהר עפעס א קלאגע, האט דאן טאדעאָ ווייטער געזאגט. פיעללייכט האט מען ביי אייך עפעס צוגענומען, זאגט מיר ! מען וועט אייך אלעס צוריקגעבען.

— מען האט ביי מיר גאר נישט צוגענומען. איך האב מיך אויף קיין זאך ניט צו בעקלאגען. דאס איינציגע, וואס איך פערלאנג, איז, איך זאל מיר פאהרען אהיים.

— גוט ! האט דאן טאדעא געענטפערט. איהר ווילט פאהרען א היים, פאהרט אייך געזונטערהייט. איך האף אבער, אז איהר וועט זיך ניט ענטזאגען עפעס צו טהאן פאר דיא פרייהייט. —

— אה, בעפעהלט, דאן טאדעאָ ! זאגט, וואס איך זאל טהאן ! איך בין בערייט צו אפפערן מיין לעבען פאר דיא פרייהייט.

— זייט איהר זאגאר בערייט צוריקצוגעהן צו דיא אינדיאנער ?

— פאר וואס ניט ?—

אין דיעזע מינוט איז דאן גרינאריא אריינגעקומען אין צימער.

— וואס איז נייעס ? האט דאן טאדעא געפרעגט.

— דער אינדיאנער זשאן איז נור וואס נעקומען און וויל אייך זעהן.

— לאזט איהם אריין!

דאן גרינאריא האט אריינגעפיהרט דעם אינדיאנער זשאן.

— וואס ברענגסט דוא עפעס נייעס, זשאן? האט איהם דאן טאדעאָ נעפרעגט.

— דיא הויפטלינגע מיט דיא בלייבע געזיכטער ווילען נאכגעהן אויף דיא שפורען פון׳ם טאקי, האט זשאן נעענטפערט.

— דוא מיינסט דיא צוויי פרעמדע, דיא פראנצויזען?

— מיין ברודער איז געווען טרויעריג, ווען ער איז נעבטען פון זיי אוועקגעגאנגען. דיא הויפטלינגע האבען מיר געגעבען דיעזען צייכען, איך זאל אייך איבערגעבען.

ער האט איהם דערלאנגט דעם בריעף, וואס לואיס האט אנגעשריעבען. דאן טאדעאָ האט איבערגעלעזען דעם בריעף און האט נעזאגט:

— איך דאנק! אהה, איך דאנק זיי, וואס זיי האבען אייך געשיקט און איך דאנק אייך, וואס איהר זייט נעקומען! בלייבט דא ביי מיר. ווען דיא צייט וועט קומען, וועט מיך מיין ברודער פיהרען צו זיי און צו — מיין טאכטער, האט ער ווייטער נעזאגט שטילערהייט.

— מיין ברודער קען זיך אויף מיר פערלאזען.

דאן טאדעא האט אנגעקלונגען. עס איז אריינגעקומען א דיענער.

— גיט דיעזען קריעגער עסען און טרינקען, האט דאן טאדעאָ געזאגט צום דיענער. ער מעג געהן, וואוהין ער וויל און טהאן, וואָס ער וויל. ער איז מיין פריינד.

זשאן און דער דיענער זיינען ארויסגעגאנגען. דאן טאדעא האט זיך פערטראכט. ער האט זיך ווידער דערמאָנט אן זיין טאָכטער. זיין פאָטער־הערץ האט זיך צוזאַמענגעצויגען און האט איהם וועה געטהאן, ווען ער האט אנגעהויבען צו דענקען, אז זיא געפינט זיך יעצט אין דיא הענד פון ווילדע אינדיאנער קריענער.

דאן ראמאָן איז דיא גאנצע צייט געזעסען און האט ניט נעוואוסט וואָס צו טהאן. ער האט געזעהן, אז דאן טאדעאָ איז פערטראכט און האט אנפאנגס איהם ניט געוואָלט שטערן. ענדליך איז עס איהם נעוואָרען לאנגווייליג און ער האט נעוואלט דערמאָנען דאן טאדעאָ, אז ער האט איהם דאך געוואלט עפעס זאגען.

— איך וואלט קיין מאל ניט גערעבענט, אז צווישען דיא אינדיאנער זיינען דא ארענטליכע מענשען, האט ער געזאגט אום נור עפעס צו זאגען.

דאן טאדעאָ האט זיך אויפגעחאפט, וויא פון א טיפען שלאף.

— אך, דאן ראמאָן! ענטשולדיגט מיר. איך האב גאר פערגעסען אן אייך. נוט, וואס איהר האט מיך דערמאנט. איהר ווילט פאָהרען א היים אויף אייערע גיטער. איך וויל אייך מיטגעבען א בריעף צום גובערנאטאָר פון דער שטאָדט קאָנ־סעפסיאָן.

דאן ראמאָן האט געשוויעגען. איהם איז דיא געשיכטע נעווען זעהר אונאנגענעהם.

— אלזא, ווען איהר איבערגעבען מיין בריעף? האט דאן טאדעאָ נעפרעגט.

— געווים וועל איך איהם איבערגעבען. וואס וועט אבער זיין, ווען דיא אינדיאנער וועלען אנפאלען אויפ׳ן וועג אויף מיר און וועלען איהם ביי מיר צו נעהמען?

— וועלען זיי איהם ביי אייך צונעהמען.

— זיי וועלען מיך אבער נעהמען געפאנגען אן —

— דאן ראמאָן, האט דאן טאדעאָ געזאָגט שטרענג. יעצט איז ניט דיא צייט פיעל צו רעדען. איהר האט אין גאנצען צוואנציג מינוט צייט. מאכט אייך פערטיג צו דער רייזע און פאהרט. — היער! אט האט איהר דעם בריעף.

דאן ראמאָן האט צוגענומען דעם בריעף, האט זיך פערניינט און איז ארויס־געגאנגען פון צימער.

— ער פערשטעהט גאר ניט. אונזער געוועזענער גובערנאטאָר, אז איך וויל, אז דיא אינדיאנער זאלען איהם חאפּען און זאָלען ביי איהם צונעהמען דעם בריעף איך האב אומיסטען אנגעשריעבען אזא בריעף, אין וועלכען איך וויל אפּנאררען דיא אינדיאנער און זיי פערפיהרען אויף אנאנדער וועג.

— אלעס איז פערטיג, וויא מיר האבען אפּגערעדט, האט געמעלדעט דאן גרינגאָריא. אונזערע ארמעען שטעהן בערייט ארויסצופאהרען.

— גוט! לאזען זיי ארויסגעהן פון דער שטאדט. מיר וועלען זיי אניאָגען. — שיקט מיר אריין דעם אינדיאנער זשאן.

זשאן איז באלד אריינגעקומען און האט זיך פערניינט.

— איך האב צו פערטרויען מיין ברודער א וויכטיגען אויפטראג, האט דאן טאדעאָ איהם געזאגט. וויל מיין ברודער נעהמען אויף זיך אן אויפטראג, פון וועלכען עס העננט אָפּ לעבען און טוידט?

— איך וויל עס איבערנעהמען, האט דער אינדיאנער געענטפערט.

— מיין ברודער וועט זיך אויסקלויבען דאס בעסטע פערד און וועט פאהרען קיין קאָנסעפּסיאָן איבערגעבען דעם גובערנאטאָר דיעזען צייכען.

ער האט איהם דערלאנגט א בריעף צום גובערנאטאָר פון קאָנסעפּסיאָן. דער אינדיאנער האט איהם צוגענומען און האט איה סבעהאלטען אין זיינע לאנגע האר.

— דאס איז נאך ניט אלעס, האט דאן טאדעאָ ווייטער געזאגט. דער הויפּט־לינג פון דיא בלייכע געזיכטער וועט ניט גלויבען מיין ברודער. נעהם מיט דיעזען סטילעט (אזא מעסער) און וויז איהם.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען פון'ם בוזעם א לאנגעם מעסער. אויפ'ן עק העפטעל פון'ם מעסער איז געוועזען א קנאָפּ, אויף וועלכען עס זיינען געוועזען אויסגעקריצט בוכשטאבען. דער קנאָפּ האט אויסגעוויעזען, וויא א זיעגעל.

זשאן האט געוואָלט נעהמען דעם סטילעט. דאן טאדעאָ האט איהם צוריק־געהאלטען.

— לאז מיין ברודער פאָרזיכטיג זיין, האט ער געזאגט. דיעזעס מעסער איז פערגיפטעט. ווען מען גיט זיך נור א שטאך מיט איהם, שטארבט מען באלד.

— גוט! דאס איז א גוטע וואפע, האט דער אינדיאנער בעמערקט רוהיג.

— איך וויל נאך זאגען מיין ברודער, ער זאל זיך היטען, מען זאל איהם ניט טוידטען. ווען ער וועט אפּגעבען דעם בריעף, זאל ער מיך אויפזוכען. איך אליין געה יעצט מיט צוויי טויזענד מאן קיין קאנסעפּסיאָן. אונזער רייזע אבער וועט געדויערן,

זשאן האט זיך פערנייגט און איז באלד פון שוואונדען געווארען.

איינינע מינוטען שפעטער איז דאן טאז עא און דאן גרינאריא ארויסגעפאהרען פון וואלדיוויא. דאס פאלק האט זיי געגריסט און געוואונשען, אז דער קריעג זאל זיך באלד ענדיגען און זיי זאלען באלד צוריקקומען.

זיי האבען באלד אנגעיאגט זייערע ארמעען, האבען איינער דעם אנדערן גע־דריקט דיא הענד, האבען אפגערעדט, ווען זיי זאלען זיך בעגעגענען און זיינען זיך צוגאנגען יעדער זיין וועג.

69טעס קאפיטעל.

דיא שלאנג און דיא טויב.

אנטינאהועלס לאגער איז געווארען לעבעדיג. מיט יעדער שטונדע זיינען צוגע־קומען נייע קריעגער. ער האט אויפגעשלאגען זיין לאגער אויף א בערגעל בעוואקסען מיט אלטע הויכע ביימער. פון צייט צו צייט פלעגט דער אינדיאנער פירסט ארויסגעהן און אויסטהיילען זיינע בעפעהלע צו דיא קריעגער.

עס זיינען נור וואס אנגעקומען נייע קריעגער. אנטינאהועל איז זיי ענטגעגען געגאנגען און האט זיי אנגעוויזען אן ארט, וואוהין זיי זאלען געהן.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין זיין געצעלט, האט ער דארט געטראפען דאניא מאריא און דאניא ראזאריא. דאניא מאריא איז געזעסען אויף א שארבען פון אן אקס. דיא ארימע דאניא ראזאריא איז געווען בלייך, וויא דער קאלך און שרעקליך מיעד פון'ם לאנגען וועג, וואס זיא האט געמאכט מיט אנטינאהועלס קריעגער.

— מיין ברודער זעהט, אז איך האב געהאלטען מיין ווארט, האט דאניא מאריא געזאגט, ווען ער איז אריינגעקומען.

— איך זעה עס און דאנק מיין שוועסטער, האט דער טאקי געענטפערט.

— מיין ברודער איז א גרויסער קריעגער. איידער ער וועט אנהייבען צו פיהרען קריעג מיט דיא בלייבע געזיכטער, וואלט ער געדארפט ענטשיידען, וואס צו טהאן מיט דיעזע געפאנגענע פרוי.

— דיעזעס מעדכען איז קיין געפאנגענע, האט דער טאקי געענטפערט. זיא וועט זיין מיין ווייב.

דאניא מאריא האט פערצויגען דיא אקסלען.

— דער טאקי מעג טהאן, וואס ער וויל, האט זיא געזאגט גלייכגילטיג.

אנטינאהועל האט זיך געמאכט ניט הערענדיג. ער האט זיך געווענדעט צו דאניא ראזאריא און האט איהר געזאגט פריינדליך:

— מיין שוועסטער איז געוויס מיעד פון'ם וועג. זיא מעג זיך אפרוהען. איך האב געהייסען מאכען פון איהרעטוועגען א בעזונדערעס געצעלט.

— אה! איך דאנק אייך, פירסט! האט דאניא ראזאריא געענטפערט. איך בין ניט מיעד. אייערע קריעגער זיינען געווען זעהר גוט געגען מיר.

— איך האב זיי געהייסען, זיי זאלען זיין גוט געגען מיין שוועסטער, ווייל איך ליעב מיין שוועסטער.

דאס ארימע מעדכען האט ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט. זיא האט ניט געוואוסט, אז אזוי ערקלערט אן אינדיאנער זיין ליעבע.

— דער פירסט האט רחמנות אויף מיר. האט זיא געזאָגט, ער וויל —

— איך וויל, אז מיין שוועסטער זאל גליקליך זיין.

— אך, פירסט! דאס איז אזוי לייכט פאר אייך, האט דאניא ראזאריא געזאגט מיט א ביטענדער שטימע.

— וואס זאל איך טהאן אום אייך גליקליך צו מאכען? האט אנטינאהועל געפרעגט. לאז מיין שוועסטער פארדערן! איך וועל טהאן אלעס, וואס זיא וועט פערלאנגען.

— אך, פירסט! דיא טרערין פון אן אונגליקליכעס מעדכען וועלען אייך מאכען טרויעריג.

— ניין! לאז מיין שוועסטער רעדען! לאז זיא זאגען, וואס זיא פערלאנגט!

— שיק מיך צוריק צו מיינע פריינד! האט דאניא ראזאריא געבעטען מיט טרעהרין אין איהרע שעהנע אויגע.

אנטינאהועל האט זיך געביסען דיא ליפען און האט געשוויגען.

— מיין ברודער זעהט יעצט, וויא לייכט ער וואָלט געקענט גליקליך מאכען דיעזע געפאַנגענע, האט דאניא מאריא געלאכט. איך האב איהם פריהער געזאגט, אז זיא איז ניט ווערטה, אז א טאָקי זאל מיט איהר רעדען.

אויף אנטינאהועל'ס געזיכט האט זיך געוויעזען א פינסטערער וואָלקען. ער האט אראפגעלאזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און האט זיך פערטראכט. דאניא מאריא האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען.

— ברודער! האט זיא אויסגערופען, לאָז מיך נור רעדען מיט דיעזער שקלאפין. איך וויל איהר ערקלערן, וויא אזוי דער טאָקי וויל זיא גליקליך מאכען.

— מיין שוועסטער האט א גאָלדענע צונג, האט אנטינאהעל געענטפערט. זיא וויים, וויא צו רעדען צו דיא טעכטער פון איהר פאָלק.

— איך זאג אייך ניט צו, פירסט, אז איך וועל איבעררעדען דיעזע נאררישע שקלאפין, זיא זאל ליעבען מיין ברודער. האט דאניא מאריא געזאגט. איך וויל איהר נור געבען צו פערשטעהן, אין וואס פאר א לאגע זיא געפינט זיך.

— ניין, לאז מיין שוועסטער ניט רעדען צו איהר מיט הארטע ווערטער, האט אנטינאהועל געזאגט שטרענג.

— איך וויים שוין, וויא אזוי צו רעדען מיט אזעלכע מענשען. לאז נור מיין ברודער ארויסגעהן.

אנטינאהועל איז ארויסגעגאנגען און האט איבערגעלאזען דיא צוויי פרויען אליין. דאניא מאריא האט בעטראכט דאס יונגע מעדכען עטליכע מינוט. זיא האט געפיהלט א בעזאָנדערעס פערגניגען צו זעהן, וויא דאס אונגליקליכע קינד ליידעט.

דאניא ראזאריא האט געציטערט. זיא האט געזעהן, מיט וואס פאר א האס, מיט וואס פאר א צאָרן, מיט וואס פאר א פעראכטונג דיעזע פרוי קוקט אויף איהר.

— דוא ביסט שוין זייט עטליכע טעג א געפאַנגענע ביי מיר, האט ענדליך

דאניא מאריא געזאגט. קענסט דוא נאך אלץ ניט דערראטעהן, וואס איז דיא אורזאכע, פאר וואס איך האב דיך געפאנגען?

— מאדאם, איך פערשטעהע אייך ניט, האט דאניא ראזאריא געענטפערט. איהר רעדט צו מיר אין רעטעניישען, וועלכע איך קען אויף קיין פאל ניט טרעפען.

— מיר דאכט, אז איך האב אייך שוין גאנץ דייטליך ערקלערט, פאר וואס איך האלט אייך. דערמאנט אייך, וואס מיר האבען גערעדט ביי נאכט אין דארף סאן מיגעל.

— איך געדענק, וואס איהר האט מיט מיר גערעדט, מאדאם. איך האב אזוי פיעל פערשטאנען פון אייערע רייד, אז איהר האט מיך שרעקליך פיינט. איהר האסט מיך אונמענשליך. פאר וואס? דאס ווייס איך נאך ניט ביז יעצט.

— דאס איז גענוג! דאס איז אלעס! האט דאניא מאריא אויסגערופען. איך האס דעם מאן, וועלכער ליעבט דיך. איך ווייס, אז דיינע טרעהרען טהוען איהם וועה; אז דיינע ליידען רייסען זיין הערץ; אז דיינע שמערצען זיינען פאר איהם א העללע.— איך וויל דאהער, אז ער זאל וויסען, אז דוא ליידעסט, ער זאל פיהלען דיינע שמערצען. ווען ער וועט פון זיי וויסען, בין איך ניט בעפריעדיגט.

— היט אייך, מאדאם! האט דאניא ראזאריא געזאגט פעסט. עס איז דא א גאט, וועלכער וועט מיך בעשיצען און אייך בעשטראפען.

— א גאט? האט דאניא מאריא געלאכט. גאט איז נור א ווארט, וועלכע נארען, וויא דוא, האבען אויסגעטראכט.

— לאכט ניט, מאדאם, פון גאט! היינט פיהל איך זיין שווערע האנד. מארגען וועט איהר זיא פיהלען, מארגען וועט איהר איהם רופען אין אייער נויט און ער וועט אייך ניט הערען.

— אונגליקליכע! דוא דראהעסט מיר? האט דאניא מאריא אויסגערופען.

— איך דראהע אייך ניט, מאדאם, איך בעט אייך. איך בין אן אונגליקליכעס מעדכען און איך רייד צו אייך, וויא צו א פרוי און בעט, איהר זאלט האבען מיטלייד מיט מיר.

— מיטלייד? האבען מיטלייד מיט דיר? אה, ניין! איך קען ניט און וועל ניט האבען קיין מיטלייד מיט דיר.

— גאט זאל אייך פערצייהען, מאדאם האט דאניא ראזאריא געזיפצט.

דאניא מאריא האט זיך ווידער פערטראכט א פאר מינוט. דיא מילדע, ווייכע, ביטענדע שטימע דאניא ראזאריא'ס האט געמאכט אויף איהר א טיעפען איינדרוק. זיא איז געוועזן געריהרט. דאס האט אבער געדויערט נור איינינע מינוט. באלד האט זיך ווידער אויפגעהאפט אין איהר דער טיגער. זיא איז אויפגעשפרונגען פון איהר זיץ, האט זיך געשטעלט נעגען דאס אונגליקליכע קינד און האט געזאגט מיט א שארפער, הארטער, ווילדער און גראבער שטימע:

— הער מיך אויס, דוא גוטע און פרומע! איך האב געהייסען דיך נעהמען נעפאנגען. איך האב געהייסען דיך ברענגען אהער אין לאגער. ווייסט דוא צו וואס איך האב עס געטהאן? — דער אינדיאנער פירסט, וועלכער איז נור וואס ארויס-

געגאנגען פון געצעלט, איז א שלעכטער ווילדער מענש. ער איז זאנאר ניט ווערטה דעם נאמען מענש. — ער האט געטויטעט זיין אייגענע מוטער.

— אך! האט דאניא ראזאריא אויסגערופען און האט א ציטער געטהאן.

— איך האב דיך פערקויפט צו דיעזען ווילדען, גראבען, אונמענשליכען אינדיאנער. ווייסט דוא פאר וואס? ווייל ער ליעבט דיך. ער וויל, אז דוא זאָלסט זיין זיין פרוי, — זיין ביישלעפערין, זיין שקלאפין.

— מאדאם, האט איהר ניט קיין מענשליכעס הערץ? האט דאניא ראזאריא געזאגט און האט געבראָכען דיא הענד.

— א מענשליכעס הערץ? האט געלאכט דאניא מאריא, אמאל בין איך געוועזען א מענש און האב געהאט א מענשליכעס הערץ. מיין הערץ איז צובראָכען און צעריסען. — איך האב מעהר קיין הערץ ניט.

— אה! ווען איהר האט אמאל געהאט א מענשליכעס הערץ; ווען איהר האט אמאל געליעבט; ווען איהר ווייסט, וואס ליעבע איז, — האט מיטלייד מיט מיר! האט דאניא ראזאריא געבעטען, אין נאמען פון דעם, וועלכען איהר האט אמאל געליעבט, בעשווער איך אייך, האט רחמנות אויף מיר!

— אין נאמען פון דעם, וועלכען איך האב א מאל געליעבט, מוז איך מיך יעצט נוקם זיין אן דיר, האט אויסגערופען דאניא מאריא און האט זיא אוועקגעשטויסען פון זיך. — ראכע! שמערצען, ליידען! איך מוז זעהן, וויא עס ליידען דיא, וועלכע האבען מיך בעליידיגט און ערניעדעריגט.

— מאדאם, איהר האט געוויס געהאט קינדער, וועלכע איהר ליעבט. אין נאמען פון אייערע קינדער בעשווער איך אייך, האט מיטלייד מיט מיר! איך בין נאך אויך גאר א קינד.

— שטיל, דוא ניעדעריגע שקלאפין! האט דאניא מאריא אויסגעשריען, וויא א גערייצטער טיגער. דערמאן מיר ניט דאס ווארט קינדער! איך האב געהאט נור איין קינד, א טאָכטער. — דיעזע טאָכטער האט מען ביי מיר אוועקגערויבט.

— אלזא, מאדאם, אין נאמען פון דיעזער טאָכטער, וועלכע ליידעט פיעללייכט יעצט אזוי וויא איך, בעט איך אייך, האט מיטלייד מיט מיר! פערקויפט מיך ניט צו דיעזען ווילדען מענשען!

— אן וואס דערמאנסט דוא מיך, אונגליקליכע! האט דאניא מאריא געשריען אויסער זיך. פאר דיעזע טאָכטער וועל איך מיך נוקם זיין אן דיר, אונגליקליכע. ווייל מען האט ביי מיר אוועקגערויבט מיין טאָכטער, וויל איך מאכען, אז דוא זאָלסט זיין דיא אונגליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט.

דאניא ראזאריא איז אייניגע מינוטען געבליבען שטעהן, וויא פערשטיינערט. זיא האט געזעהן, אז זיא האט פאר זיך א ווילדעס טהיער, א גערייצטען טיגער, וועלכען עס קענען ניט ריהרען קיינע ביטען און קיינע טרעהרען. פלוצלונג האט זיא זיך אומגעקעהרט צו דאניא מאריא און האט איהר א קוק געטהאן גלייך אין דיא אויגען.

— פלוך איבער אייך, הארטהערציגע, אונמענשליכע פרוי, האט זיא אויסגע־

רופען אין איהר פערצווייפלונג. — איהר וועט גאר ניט אויספיהרען, מאדאם! איהר וועט מיך ניט פערקויפען צו אייער ווילדען אינדיאנער.

מיט דיעזע ווערטער האט זיא ארויסגענומען פון בוזעם א שארף געשליפענעם מעסער און האט איהם געהאלטען פאר דאניא מאריא'ס אויגען.

— עס האבען זיך געפונען גוטע מענשען, וועלכע האבען מיר פערשאפט דיעזעס שטיקעל שטאהל, האט זיא געזאגט ערנסט. אמאל פלעג איך ציטערן, ווען איך האב דערזעהן אזא שארפען אייזען, היינט קוש איך איהם יעדען טאג, ווייל ער איז מיין רעטער. איין שטויס אין מיין הארץ — און איך בין פריי! פריי פון אייך, פריי פון אייער ווילדען אינדיאנער און פריי פון דיעזער שלעכטער, פערדארבענער וועלט.

יעצט איז געקומען דיא רייהע צו דאניא מאריא, זיא זאל ציטערן. זיא האט זעהר גוט געוואוסט, אז זיא האלט דעם אינדיאנער פירסט אין דיא הענד נור דורך זיין ליעבע צו דאניא ראזאריא. יעצט, ווען דער קריעג הייבט זיך אן, דארף זיא האבען אנטינאהועל'ס הילף. ער וועט ציטערן, ווען ער וועט דערהערן אז דאניא ראזאריא איז טויט; ער וועט זיך רייסען אויף דיא גלייכע ווענד, ווען ער וועט נור דענקען, אז זיא, דאניא מאריא, איז שולדיג אין דעם טויט פון'ם אונגליקליכען מעדכען.

זיא איז צוגענאנגען נעהנטער צו דאניא ראזאריא און האט זיא געוואלט אנ־נעהמען ביי דיא הענד. אין דיעזע מינוט האט מען געהערט א שרעקליכען ליארם אין לאגער. שווערע טריט זיינען געגאנגען און געקומען אלץ נעהענטער צום געצעלט, וואוביידע פרויען זיינען געשטאנען. דאניא מאריא איז געבליעבען שטעהן, וויא א מארמארנע זייל. דאניא ראזאריא האט רוהיג אריינגעלעגט איהר מעסער אין א לעדערנער שייד און האט איהם צוריק בעהאלטען אין בוזעם.

70טעם קאפיטעל.

וויא דאן ראמאנס רייזע האט זיך געענדיגט.

דאן ראמאן איז ארויסגעפאהרען פון וואלדיוויא פריהער פאר דאן טאדעא מיט זיין ארמעע. ער איז געפאהרען אויף דער פרעריע איינער אליין. דיעזעס מאל האט מען איהם ניט מיטגעגעבען קיינע בעגלייטער און קיין וואך. ער האט ווירקליך גע־וואלט שוין זיין אין דער היים, אין זיין שטילע, רוהיגע קווינטא (פארם) און מעהר ניט וויסען פון קיין אמט און קיין פאליטיק.

— לאזען זיי זיך שלאגען און רייסען זיך איבער פרייהייט און נאך אזעלכע ווערטער, וועלכע זיי שרייען אין דער הויך און פעעשטעהן אליין ניט, וואס זיי זאגען. איך וויל מעהר ניט וויסען פון זיי, האט ער געזאגט צו זיך אליין און האט געגעבען זיין פערד דיא שפארען.

ער איז צוואר געבארען געווארען און אויפגעוואקסען אין דיעזע געגענדען, דאך איז איהם געוועזן זעהר לאנגווייליג צו רייזען גאנץ אליין אין דער פרעריע. — דיא פרעריע איז גלייך צום מעער. וויא וויים דאס אויג קען גרייכען, זעהט מען נור הימעל

און גראז. מען פאהרט אמאל אוועק עטליכע טעג נאכאנאנד און מען זעהט קיין לעבעדיגען מענשען.

ער איז אזוי אוועקגעפאהרען עטליכע שטונדען. ביי יעדען וועלדעל, ביי יעדען בערגעל האט ער א ציטער געטהאן. ער האט מורא געהאט, פיעלליכט וועלען ארויסגעהן אינדיאנער קריעגער און וועלען אויף איהם אנפאלען.

נעגען מיטאג איז ער צוגעקומען צו א טייך, זיין פערד איז געווען זעהר דורשטיג און האט אנגעהויבען צו טרינקען. פלוצלונג איז עס אויפגעשפרונגען און האט זיך געוואָרפען אין א זייט. פון א וועלדעל ניט וויט פון'ם אָרט, וואו דאָן ראַמאָן איז געשטאנען מיט זיין פערד, זיינען ארויסגעלאפען עטליכע אינדיאנער קריעגער און האבען איהם ארומגערינגעלט.

זיי זיינען געווען אָנגעטהאָן גלייך וויא זיי געהן אין קריג. זייערע געזיכטער זיינען געווען אָנגעמאָלט מיט אלערליי פארבען. זיי האבען אויסגעוויעזען נאך ווילדער און העסליכער, וויא זיי זיינען אין פריעדענס צייט. דער הויפטלינג פון דיעזע עטליכע אינדיאנער קריעגער איז געווען דער שווארצער הירש. דאָן ראַמאָן האט זיך אויסגע־וויעזען, אז ער האט איהם שוין אמאל געזעהן. דער שווארצער הירש האט איהם באלד דערקענט, אז דאָס איז דער זעלבער, וועלכער האט אויפגעשניטען דאָניא מאַריאַ'ס באַק.

— מיר ווייזט אויס, אז איך האב שוין אמאל געזעהן דיעזעס בלייכע געזיכט, האט דער שווארצער הירש געזאָגט צו איהם.

— געוויס! האָט דאָן ראַמאָן געענטפערט. מיר זיינען אלטע גוטע פריינד.

— איך בין קיין פריינד פון דיא בלייכע געזיכטער, האט דער שווארצער הירש געענטפערט פינסטער.

— איך מיין, אז מיר זיינען אלטע בעקאַנטע.

— דאס קען זיין. וואס האט דער מאַן מיט'ן בלייכען געזיכט דא געטהאָן? האט דער שווארצער הירש געפרעגט שטרענג.

— איך האב דא נארניט געטהאָן, האט דאָן ראַמאָן געענטפערט. מיין פערד האט געטרונקען פון'ם טייך.

— לאָז דער מאַן מיט'ן בלייכען געזיכט מיר ענטפערן קלאָר און דייטליך אויף מיינע פראַגען. א קאַציק רעדט צו איהם.

— לאָז דער קאַציק פרעגען, איך וועל איהם אלעס ענטפערן.

— וואוהין האט דער מאַן מיט'ן בלייכען געזיכט געוואלט פאָהרען?

— איך האָב געוואלט אריבערפאָהרען דעם טייך.

— און וואוהין וויל ער געהן, ווען ער וועט אריבערגעהן דעם טייך?

— איך וויל געהן אהיים, אין מיין קווינטא (פאַרם). איך בין א פריעדליכער, רוהיגער פארמער.

— האט דער מאַן מיט'ן בלייכען געזיכט קיינע פאַפּיערען מיט זיך?

— וואס פאר א פאַפּיערען זאל איך האבען ביי מיר? האט דאָן ראַמאָן גע־

פרענט מיט אן אונשולדינער מינע. וואס געהער איך מיך אן מיט פאפיערען ? ווער זאל עס שיקען מיט מיר פאפיערען ?

— דוא רעדסט צופיעל, האט דער שווארצער הירש געזאגט שטרענג. וואו איז דער צייכען, וואס דוא האסט ביי זיך ?

— וואס פאר א צייכען ? איך האב ביי מיר גאר קיין צייכען ניט.

— וואו איז דער קוויפוס — דער צייכען — וועלכען דוא דארפסט איבערגעבען דעם הויפטלינג פון דיא בלייבע געזיכטער אין קאָנטעפסיאָן ?

דאָן ראמאָן איז געווארען בלייך, וויא קאלך. ער האט געזעהן, אז דיא אינד- יאנער וויסען פון זיין געהיימניס. ער האט אבער נאך דאך געהאפט זיך אויסצודרעהען דורך א ליגען.

— קאציק ! האט ער אויסגערופען, איך ווייס ניט פון קיין צייכען און פון קיין קוויפוס. דער קאציק האט א טעות. מיך האט קיינער ניט געשיקט און איך האב ביי מיר גאָר נישט.

— גאר נישט ? האט דער שווארצער הירש איבערגעפרעגט.

— גאר נישט ! האט דאָן ראמאן געענטפערט אונשולדיג.

— דער מאן מיטן בלייבען געזיכט רעדט גוט. דיא קריעגער פון אראאוקא וויסען שוין, וויא אויסצוגעפינען א זאך, וואס מען האלט פערבארגען,

דאָן ראמאן האט אראבגעלאזען דעם קאפ. ער האט געזעהן, אז ער איז פער- לארען. ער האט אבער קיין צייט ניט געהאט לאנג צו טראכטען.

— לאז דער מאן מיטן בלייבען געזיכט געהן מיט מיר, האט קאמאנדירט דער שווארצער הירש.

— וואוהין וויל מיך דער קאציק פיהרען ? האט דאָן ראמאָן געפרעגט טרויעריג.

— צום טאָקי און צום גרויסען אדלער פון דיא בלייבע געזיכטער.

איינינע קריעגער האבען אנגענומען דאן ראמאנס פערד ביים צוים און האבען איהם ערגעץ געפיהרט. זיי זיינען אריבערגעפאהרען דעם טייכעל, האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען געפלוינען אין גאלאָפ. נאך א האלבע שטונדע פון שנעלען רייטען זיינען זיי צוגעקומען צום לאגער פון דיא אינדיאנער. דער שווארצער הירש האט צוגעפיהרט זיין געפאנגענעם צום אינדיאנער פירסט און בוס- טאמענטע, וועלבע זיינען ארומגעגאנגען אין לאגער און האבען עפעס גערעדט.

— ווען האט איהר דא געבראכט ? האט בוסטאמענטע געפרעגט.

— א געפאנגענעם, האט דער שווארצער הירש געענטפערט.

— וועמען זעה איך ? האט בוסטאמענטע אויסגערופען — מיין אלטען גוטען פריינד, דאן ראמאָן !

— יא, איך בין עס, האט דאן ראמאן געזאגט טרויעריג — עס האט מיר פאסירט אן אונגליק —

— וואס ? איהר זייט ניט געקומען אומיסטען צו מיר ?

— ניין, איך בין ניט געפאהרען צו אייך.

— אבער וויא קומט עס, וואס איהר פאהרט אזוי גאנץ אליין ?

— איך בין נעפאהרען א היים, האט דאן ראמאָן נעענטפערט. איך בין שוין מיעד און וויל מיך אפרוהען אין דער היים.

בוסטאמענטע און אנטינאהועל האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערן.

— קומט מיט מיר, דאן ראמאָן, האט בוסטאמענטע געזאגט, דער טאָקי וויל מיט אייך עפעס רעדען.

— מיט פערגניגען! האט דאן ראמאָן געזאגט.

אין הארצען האט ער זיך געטראכט: געה צום טייפעל מיט דיין טאָקי, מיט דיין פאָליטיק!

בוסטאמענטע, אנטינאהועל און דאן ראמאָן זיינען אריינגעגאנגען אין געצעלט. דיא אינדיאנער, וואס האבען געבראכט דעם געפאנגענעם זיינען געבליעבען אין דרויסען.

— נו, דאן ראמאָן, האט בוסטאמענטע געזאגט, איהר ווילט פאהרען צו זיך א היים. גוט! איהר מעגט פאהרען.

— מיינט איהר עס ערנסט, גענעראל?

— געוויס! ווען איהר וועט נור וועלען, מעגט איהר אייך פאהרען אייער וועג.

— וואס פערלאנגט איהר פון מיר, איהר זאלט מיך לאזען פאהרען א היים?

— גיט דעם טאָקי דעם בריעף, וואָס דאן טאדעא דעלעאָן האט אייך געגעבען צום גובערנאטאָר פון קאָנסעפסיאָן און איהר מעגט אייך פאהרען, וואוהין איהר ווילט.

— איך האב קיין בריעף מיט מיר.

— דער טאָקי זאגט אבער, אז איהר האט יא א בריעף.

— איך האב ניט מיר קיין בריעף, גענעראל.

— דיעזער מאן זאגט א ליעגען! האט אנטינאהועל אויסגערופען.

— מיר וועלען דאס באלד וויסען, האט בוסטאמענטע געזאגט קאלטבליטיג. — שווארצער הירש! קום נור אהער! נעהם דיעזען מאן און הענג איהם אויף ביי דיא גראָבע פינגער פון דיא הענד דארט צו א בוים.

דאן ראמאָן האט א ציטער געטהאן. ער האט מורא געהאט אפצוגעבען דעם בריעף, דאן טאדעאָ זאל איהם ניט האלטען פאר א פעררעטהער.

— איהר זעהט, דאן ראמאָן, האט בוסטאמענטע געזאגט מיט א ביטערן שפאָט, מיר בעהאנדלען אייך, וויא א דזשענטעלמען. מיר ווילען אייך ניט בעזוכען. מיר ווילען, איהר זאלט אונז אליין אפגעבען דעם בריעף מיט אייער גוטען ווילען.

— איך פערזיכער אייך אבער, גענעראל, אז איך האב קיין בריעף און קיין בעפעהל ביי זיך.

— דאן מוזט איהר הענגען אויף דיא גראָבע פינגער פון דיא הענד. — אה! דאס איז א קלייניגקייט! דאס איז גאר נישט!

דער שווארצער הירש איז צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געוואָלט ארויספיהרען פון געצעלט.

—ווארט! האט דער אונגליקליכער גובערנאטאָר אויסגערופען. איך הייב מיך אן צו דערמאָנען. דאן טאדעאָ האט מיר געגעבען א בריעף צו זיינעם א פריינד. איך וועל איהם אייך געבען.

— נו ? זעהט איהר, אז דער טאָקי האט רעכט געהאט, ווען ער האט געזאגט, אז איהר האט א בריעף ביי זיך ?

— גענעראַל ! איהר האט געפאָרדערט ביי מיר אן אויפטראג צום גובערנאטאָר פון קאָנסעפּסיאָן, אזא אויפטראג האב איך ניט. איך האב א בריעף צו איינעם אין קאָנסעפּסיאָן, איך ווייס אבער גאר ניט, וואס אין בריעף שטעהט.

— דאס קען זיין.

— וועט איהר מיך לאזען פריי, ווען איך וועל אייך איבערגעבען דעם בריעף ?

— ווען איהר זאָלט מיר באַלד געוועזן אפּגעבען דעם בריעף, וואָלט איך אייך געלאזט פריי; יעצט אבער, ווען איהר מוזט איהם אונז געבען, איז עס שוין אנדערש.

— אבער דאך, גענעראַל, איהר ווייסט דאך, אז איך בין דא גאר ניט שולדיג?

— ניט אהער דעם בריעף, מיר וועלען שוין זעהן שפּעטער.

דער אונגליקליכער דאן ראַמאָן האט ארויסגענומען דעם בריף פון זיין הוט און האט איהם דערלאנגט דעם גענעראַל בוסטאַמענטע.

דער גענעראַל האט גענומען דעם בריעף, האט איהם געעפענט, איז איהם דורכגעלאפען מיט דיא אויגען און האט אוועקגערופען דעם אינדיאנער פירסט אן א זייט. דארט האבען זיי גערעדט איינינע צייט גאנץ שטיל צווישען זיך. ענדליך האט זיך דער גענעראַל אומגעקעהרט צום געפאנגענעם.

— אונגליקליכער טויגעניכטס ! האט ער געשריען. איך האב דיך געמאכט פאר גובערנאטאָר אין וואַלדיוויא ! איך האב דיך געמאכט פאר א רייכען און אנגעזעהנעם מענשען און צום סוף זאלסט דוא מיך אזוי פעררעטהען ! דוא האסט דאך דא זעהר א וויכטיגען בריעף ! פאר וואָס ביסט דוא אליין ניט געקומען צו מיר מיט דיעזען בריעף ?

— גענעראַל, איך האב ניט געוואוסט, וואס עס שטעהט אין בריעף — האט דאן ראַמאָן אנגעהויבען צו בעטען.

— נעהמט איהם אוועק פון מיר ! הענגט איהם אויף ! האט געשריען אנטינאהועל אויסער זיך.

צעהן שטארקע הענד האבען אנגעחאפּט דעם אונגליקליכען דאן ראַמאָן און האבען איהם אוועקגעשלעפּט פון'ם געצעלט. ער האט געוויינט, געבעטען און געשריען. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. דער שווארצער הירש מיט זיינע קריעגער האבען איהם צוגעשלעפּט צו א הויכען בוים און האבען איהם אויפגעהאנגען.

אזוי האט זיך געענדיגט דאן ראַמאָנ'ס רייזע.

71טעס קאפּיטעל.

דער גרויסער ראַטה.

דער אינהאלט פון'ם בריעף, וועלכער דאן ראַמאָן האט געבראכט מיט זיך איז געוועזן זעהר וויכטיג פארן אינדיאנער פירסט. ער איז געוועזן שרעקליך אויפגערעגט, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, וואָס אין בריעף שטעהט און האט באַלד געהייסען צונויפרופען דעם גרויסען ראַטה. אלע קאציקען און הויפטלינגע האבען געמוזט זיין אויפ'ן ראַטה.

אינדיאנישע פייפעלעד און א פויק האבען צונויפגערופען אלעמען צום בעראט-שלאגונספייער. א מאן האט געמעלדעט, אז דער טאקי רופט אלעמען צונויף, ווייל ער האט זעהר וויכטיגע נאכריכטען מיטצוטהיילען.

אין א שטונדע ארום האט געברענט א גרויס פייער אין מיטען לאגער און אלע הייפטלינגע זיינען געזעסען ארום שטיל און רוהיג. יעדער האט געווארט, אז אנטינאהועל זאל אנהויבען צו רעדען און זאל זיי ערקלערן, צו וואס ער האט זיי צונויפגערופען.

באלד איז אנגעקומען אנטינאהועל מיט'ן גענעראל בוסטאמענטע. אנטינאהועל האט געהאלטען אין זיינע הענד דעם בריעף, וואס ער האט צוגענומען ביי דאן ראמאן.

— קאציקען, פירסטען און הייפטלינגע פון דיא פעלקער פונ'ם גרויסען לאנד אראאוקאניא! האט אנטינאהועל אנגעהויבען זיין רעדע. איך האב איבערגענומען א בריעף ביי א שפיאן פון דיא בלייכע געזיכטער. דער בריעף איז זעהר וויכטיג. ער זאגט אונז אויס דעם גאנצען פלאן פון דיא בלייכע געזיכטער. עס איז זעהר מעגליך, אז יעצט וועלען מיר אויך מוזען מאכען אנאנדער פלאן, וויא אזוי צו פיהרען דעם קריעג. לאז דער גרויסער קריעגער פון דיא בלייכע געזיכטער אייך ערקלערן דיא צייכענס, וואס אונזערע פיינד האבען אויסגעמאלט אויף פאפיער.

גענעראל בוסטאמענטע האט גענומען דעם בריעף און האט אנגעהויבען צו לעזען.

גובערנאטאר פון דער שטאדט קאנסעפסיאן!

„אונזער פאטערלאנד איז אין געפאהר. דער ווילדער און שלעכטער אינדיאנער „פירסט אנטינאהועל האט זיך פעראייניגט מיט'ן טיראן בוסטאמענטע. זיי האבען „פערזאמעלט פיעלע קריעגער און ווילען געהן קיין סאנט יאגא. מיר האבען שוין „ארויסגעשיקט קוריערן אין אלע זייטען, אז אלע איינוואוינער זאלען זיך בעוואפענען „און קומען קיין קאנסעפסיאן. איהר וועט האבען א שטארקע ארמעע און וועט זיך „קענען פערטהיידיגען, ביז מיר וועלען קומען אייך צו הילף.

„זיי וועלען מוזען דורכגעהן דורך קאנסעפסיאן. האלט אייך פעסט! מיר וועלען „אייך ניט לאזען פאלען!

„מיר האבען בעשלאסען, אז אין דער צייט, וואס אנטינאהועל וועט געהן קיין „קאנסעפסיאן, זאל איך מיט זיעבען טויזענד מאן אנפאלען אויף זיין לאנד און זאל „נעהמען געפאנגען דיא פרויען און קינדער פון דיא אינדיאנער. אנטינאהועל וועט „געצוואונגען זיין צו געהן צוריק און פערטהיידיגען זיין אייגען לאנד."

„דיעזען בריעף שיק איך אייך דורך א מענשען, וועלכען איהר קענט זעהר גוט. „דיא אינדיאנער וועלען איהם ניט אויפהאלטען אויפ'ן וועג, ווייל זיי ווייסען, אז ער „איז בוסטאמענטע'ס בעסטער פריינד. ווען ער וועט אייך איבערגעבען דעם בריעף, „לאזט איהם פאהרען, וואוהין ער וויל.

„אונטערשריעבען: דאן מ"ע"א דע לעאן
קאמאנדיר פון דער בעפרייאונגס ארמעע".

אלע קאציקען און הייפטלינגע האבען אויסגעהערט אויפמערקזאם, וואס בוסט-
אמענטע האט געלעזען. דער בריעף איז ווירקליך געווען זעהר וויכטיג. אין איהם איז
געשטאנען דער גאנצער פלאן פון זייערע פיינד.

— דיא קאציקען און הייפטלינגע האבען געהערט, וואס פאר א וויכטיגע
נאכריכטען עס זיינען פערצייכענט אויף דיעזע, וויסען בלאט, האט אנטינאהועל
זיך געווענדעט צו דער פערזאמלונג. וואס דענקען דיא הייפטלינגע צו טאהן?

און אלטער קאציק מיט נרויע האר האט זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט:

— דיא בלייכע געזיכטער זיינען זעהר קלוג. זיי זיינען שלעכט און שלוי
(חיטרע) וויא דיא פיקס אין ווילד און בלוטדורשטיג, וויא דער יאגואר. — מיט
דיעזען בריעף ווילען זיי אונז אפנארען. זיי ווילען אונז פערפיהרען, אז מיר זאלען
געהן א היים אום צו פערטהיידיגען אונזערע פרויען און קינדער, דערווייל וועלען
זיי פערזאמלען אלע זייערע קריעגער און וועלען אונז ניט אריינלאזען אין זייער לאנד.

אזוי מיינען דיא בלייכע געזיכטער, אבער דיא קריעגער פון אראאוקאניא זיי-
נען קלוג. מיר פערשטעהן זיי. מיר וועלען געהן גלייך אויף זייערע דערפער, מיר
וועלען טויטען זייערע מענער און נעהמען געפאנגען זייערע פרויען און זייערע קינדער.
מיר וועלען לאבען פון זיי. מיר וועלען זיי בעזיעגען. זיי וועלען ליעגען פאר אונזערע
פיס און זיך בעטען, אז מיר זאלען שליעסען מיט זיי פריעדען, דער זילבערנער לייב
האט גערעדט.

דיעזער הויפטלינג האט געהייסען פיומא, אדער דער זילבער לייב. אלע האבען
איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם. ער איז געווען א בעריהמטער קריגער און אלע
האבען געוואוסט, אז ער האט שרעקליך פיינט דיא בלייכע געזיכטער.

— דער זילבערנער לייב האט גוט גערעדט, האט בוסטאמענטע געזאגט. איך
מיין אויך אזוי, אז מען וויל אונז נור פערפיהרען דורך דיעזען בריעף.

יעצט האט זיך אויפגעהויבען אנאנדער הויפטלינג, א יונגער מאן פון א יאהר
עטליכע דרייסיג.

— דער זילבערנער לייב האט גוט געשפראכען, האט ער געזאגט. דיא בלייכע
געזיכטער זיינען נור פיקס. זיי האבען קיין מוטה און זיינען ניט טאפפער. זיי קענען
נור איבערשרעקען פרויען און קינדער. זיי האבען מורא פאר דיא טאפפערע קריעגער
פון דיא פעלקער פון אראאוקאניא. — אבער דיעזע צייכענס זאגען דיא וואהרהייט
און ערקלערן אונז, וואס אונזערע פיינד טראכטען.

קאציקען און הייפטלינגע! מיר האבען אלע פרויען און קינדער אין אונזערע
דערפער. מיר מוזען זארגען, אז אונזערע פרויען און קינדער זאלען זיין אין זיכערהייט. —
קאציקען און הייפטלינגע! לאמיר זיין פארזיכטיג! לאמיר ניט דערלאזען, אז דיא
פיקס מיט דיא בלייכע געזיכטער זאלען אוועקרויבען אונזערע פרויען און קינדער!
וואס וועט עס אונז נוצען, ווען מיר וועלען אנפאלען אויף זייערע דערפער, ווען זיי
וועלען דערווייל פערברענען אונזערע הייזער און טויטען אונזערע קינדער? — איבער-
לעגט אייך, קאציקען און הייפטלינגע!

אייניגע מינוטען האבען אלע געשוויעגען. דיא ווערטער פון'ם הייפטלינג,

וועלכער האט זיי דערמאנט אן זייערע הייזער, אן זייערע פרויען און אן זייערע קינדער האבען געמאכט אויף יעדען א טיפען איינדרוק. גענעראל בוסטאמענטע האט זיך דערשראקען. וואס וועט ער טאהן, ווען זיי וועלען בעשליעסען, זיי זאלען געהן אהיים פערטהיידיגען זייערע פאמיליען? וואס וועט דאן ווערן פון איהם און פון אלע זיינע פלאנען? ער האט געוואלט פערהאפען דיא נעץ פאר דיא פיש.

— מיין ברודער האט רעכט, האט ער געזאגט. איהר דארפט פערטהיידיגען אייערע פרויען און קינדער. מיין ברודער ווייס אבער ניט, אז דער בריעף איז אין גאנצען א ליעגען. דיא בלייכע געזיכטער האבען ניט אזוי פיעל קריעגער, וויא פיעל עס איז פערצייכענט אין דיעזען בריעף. אלענפאלס קענען זייא שיקען צוויא טויזענד קריעגער אהיים פערטהיידיגען זייערע דערפער, דער רעסט אבער פון דער ארמעע דארף ווייטער געהן אנפאלען אויף דיא דערפער פון דיא בלייכע געזיכטער. מיר וועלען דארט געפינען גאלד, טהייערע זאכען און פייער וואסער (שנאפס).

יעצט האט זיך אויפגעהויבען אנטינאהועל.

— מיין ברודער איז א גרויסער און טאפפערער קריעגער, האט ער געזאגט.— ער האט גוט גערעדט. דיא בלייכע געזיכטער ווילען אונז אפנארען. זיי ווילען אונז פערפיהרען. זיי ווילען לאכען פון אונז. לאמיר זיי ווייזען, אז דיא קריעגער פון אראאוקאניא זיינען אזוי קלוג, וויא זיי זיינען טאפפער.—

ער האט ניט געענדיגט זיין רעדע, ווייל אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען א קריעגער, בעדעקט מיט שטויב און שמוץ, ער האט קוים געקענט רעדען, אזוי מיעד איז ער געוועזען פון זיין לאנגען וועג. דער טאקי האט איהם באלד דערזעהן און האט געפרעגט אונרוהיג:

— וואס איז געשעהן?

— דיא דערפער אילעקורא, בורעא איז נאגאטען ברענען. דיא בלייכע געזיכטער האבן זיי אונטערגעצונדען און האבען אוועק געפיהרט אלע פרויען און קינדער געפאנגען. אנאנדערער גרויסער הויפען קריעגער געהט איבער דער פרעריע. ער וועט אין א קורצע צייט זיין ניט ווייט פון דאנען.

דיא קאציקען און הייפטלינגע זיינען געווארען אונרוהיג. עס איז געווארען א ליארם אין לאגער.

— וואס ווארט איהר נאך, קאציקען און הייפטלינגע? האט אויסגערופען דערזעלבער קאציק, וועלכער האט פריהער געראטהען, אז זיי זאלען פערטהיידיגען זייער אייגענע דערפער.— וואס ווארט איהר און וואס קלערט איהר? הערט איהר ניט דיא געשרייען פון אייערע פרויען און פון אייערע קינדער? — זעהט איהר ניט, וויא דיא פלאמען פערניכטען אייערע הייזער, אייערע שפייכלער און אייערע זאכען?— נעהמט אייך צו דיא וואפען! קעמפפט! — צו דיא וואפען!

אלע זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער. יעדער האט אויפגעהויבען זיין שפיעז אין דער הויך. זייערע רויטע געזיכטער זיינען געווארען נאך רויטער פון צארן און האס, זייערע אויגען האבען זיך אנגעגאסען מיט בלוט — זיי זיינען געווארען ווילדע טהיערע אין מענשענגעשטאלט.

בוסטאמענטע האט געזעהן, אז ער האט פערשפיעלט. קיינער וועט איהם יעצט ניט הערן, קיינער וועט ניט דענקען אן איהם. זיי וועלען יעצט לויפען א היים פערטהיידיגען זייערע אייגענע דערפער, דערוויל וועט דאן טאדעא האבען צייט צו נעהן קיין סאנט יאנא און אויפרייצען אלע איינוואינער פון לאנד. מען וועט איהם ערקלערען אלס פערערטעהער — ער איז פערלארען.

ער האט אנגענומען דעם אינדיאנער פירסט ביי דער האנד און האט איהם אריינגעפיהרט אין זיין געצעלט, וואו דאניא מאריא האט גערעדט מיט דאניא ראזאריא.

— וואס איז אזעלכעס געשעהן? האט דאניא מאריא געפרעגט, ווען זיא האט זיי ביידען דערזעהן.

איהר שארפעס אויג האט באלד דערזעהן, אז דא איז פארגעקומען עטוואס שרעקליכעס. זיא האט באלד בעמערקט, וויא בוסטאמענטע איז אונרוהיג און דער טאקי איז אויסער זיך.

— וואס בעדייטען דיעזע געשרייען? האט זיא געפרעגט. וואס איז דיא אור־זאכע פון דיעזען ליארם, פון דיעזע געוואלדען?

— עס איז אויס מיט אונז, האט בוסטאמענטע געענטפערט טרויעריג. זיי ווילען ניט געהן מיט אונז. זיי געהן צוריק אין זייערע דערפער.

— זיי געהן א היים? האט דאניא מאריא געשריען אויסער זיך און איז צוגע־לאפען צום אינדיאנער פירסט.

זיא האט איהם אנגענומען ביי דיא הענד און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— איז עס וואהר, אז מיין ברודער וויל אנטלויפען? האט זיא איהם געפרעגט מיט א פארוואורף. איז עס מעגליך, אז דער טינער פון דער זון זאל אנטלויפען פאר דאן טאדעא, דעם אייבינען פיינד פון אייער פאמיליע? שעהם דיך, טאקי! — דוא ביסט ניט קיין קריעגער, דוא ביסט אן אלטע פרוי!

אנטינאהועל האט זיא אוועקגעשטויסען פון זיך.

— פרוי, דוא ביסט וואהנזיניג! האט ער געזאגט שארף. איך אנטלויף ניט פון מיין פיינד. איך געה איהם זוכען. ער איז יעצט אין מיין לאנד, איך וויל איהם פערטרייבען.

פלוצלונג האט ער זיך געווענדעט צו דאניא ראזאריא, וועלכע איז געשטאנען דערביי און האט צוגעזעהן דיעזע זאנדערבארע סצענע. זיא האט צוואר ניט אלעס פערשטאנען; זיא האט אבער געהערט דעם נאמען דאן טאדעא און דאס ווארט אנטלויפען און האט פערשטאנען, אז דאן טאדעא האט געזיעגט און דיא אינדיאנער מוזען אנטלויפען.

— מיין שוועסטער קען דא ניט בלייבען, האט איהר אנטינאהועל געזאגט. מיר געהן אוועק פון דאנען. מיין שוועסטער וועט געהן מיט מיר.

דאס ארימע מעדכען האט גאר ניט געענטפערט און איז ארויסגעגאנגען פון געצעלט מיטן אינדיאנער פירסט. דאניא מאריא און בוסטאמענטע זיינען געבליעבען אליין.

— נו, גענעראל, צײַנ יעצט, אז דוא ביסט א העלד! האט דאניא מאריא געשריען. לאז דיך ניט! לאזען דײַנע פײַנד ניט לאכען פון דיר.

— וואס זאל איך טהאן? האט בוסטאמענטע געפרעגט טרויעריג. דאס שיקזאל אליין איז געגען מיר! אַלעס איז געגען מיר!

— לאז איהם ניט אוועקגעהן, האט דאניא מאריא געוויינט מיט בלוטיגע טרערין. לאז ער וועניגסטענס דיר איבערלאזען א פּאַר טויזענד קריעגער, מיט וועלכע דוא וועסט קענען זיך פערטהיידיגען.

בוסטאמענטע האט געזעהן, אז זײַן געליעבטע האט פאָלקאָמען רעכט. ער קען ניט געהן מיט׳ן אינדיאנער פירסט צוריק אין זײַן לאנד. ער מוז זעהן בלײַבען דאָ אויפ׳ן אָרט און ניט לאזען דאן טאדעאָ מיט זײַן ארמעע אריבערגעהן דעם טײַך און זיך פעראייניגען מיט דער ארמעע פון׳ם גענעראל פוענטעס, דעם גובערנאטאָר פון קאָנסעפּסיאָן.

ער האט אזוי לאנג גערעדט מיט׳ן אינדיאנער פירסט, ביז ער האט בײַ איהם אויסגעווירקט, ער זאל איהם לאזען טויזענד קריעגער, מיט וועלכע ער וועט פערטהיידיגען דעם טײַך. אנטינאהועל האט איהם איבערגעלאָזען זײַן בעסטען קריעגער, דעם שווארצען הירש מיט זײַן פאָלק. זיי האבען באלד אויסגעזוכט צוויי הויכע בערגלעך און האבען זיך דארט בעפעסטיגט.

דער שווארצער הירש איז ווירקליך געווען א פאָרזיכטיגער קריעגער. ער האט ארויסגעשיקט שפּיאָנען אין אלע זײַטען. זיי זאלען איהם מעלדען אלעס, וואס זיי וועלען זעהן אין לאגער פון דיא פײַנד. געגען האלבע נאכט איז געקומען א שפּיאָן און האט איהם געמעלדעט, אז פון קאָנסעפּסיאָן זײַנען ארויסגעגאנגען פיעלע רײַטער. זיי געהען צום טײַך — זיי געהען ענטגעגען דאן טאדעא מיט זײַן ארמעע. דער שווארצער הירש האט באלד געגעבען א בעפעהל צו זײַנע קריעגער, אז זיי זאלען ענטגעגען פאהרען דעם פײַנד און זאלען אויף איהם אנפאלען אין דער פינסטער.

בײַ דיא אינדיאנער איז עס א מאדע, אז זיי פאלען אן אויף זייערע פײַנד פאר טאָג, ריכטיגער געזאגט, ווען עס הייבט אן צו טאָגען. זיי ווייסען, אז דאמאלס פיהלט זיך א מענש מיעד און ווערט לײַכט אנטשלאפען.

מיט א ווילדען געשרײַ האט זיך דער שווארצער הירש מיט זײַנע קריעגער געוואָרפען אויף דער קלײַנער ארמעע פון׳ם גובערנאטאָר פון קאָנסעפּסיאָן. ער האט גערעכענט, אז ער וועט איבערראַשען און דערשרעקען דיא שפּאניער. זײַן פּלאַן איז אבער ניט געראטהען. זשאן האט זיך דורכגעשלאָגען דורך דיא וואכען, וואס ער האט אויסגעשטעלט און האט געוואָרנט דעם גובערנאטאָר.

עס האט זיך אנגעהויבען א שלאכט. דיא שפּאניער האבען געזיעגט. דער שווארצער הירש מיט זײַנע קריעגער האבען צוואר געפאנגען געגומען עטליכע שפּאניער. זיי האבען אבער געמוזט אנטלויפען. דיא אינדיאנער זײַנען גרויסע קריעגער, ווען זיי קענען אנפאלען אויף אן ארמעע אומגעריכט, איבערראַשען. קוים אבער שטעלט זיך געגען זיי געלערנטע סאָלדאטען מיט ביקסען, אנטלויפען זיי.

דאן טאדעאָ׳ס פּלאן איז געלונגען פאָלקאָמען. דיא אינדיאנער האבען געמוזט

צוריקגעהן אין זייער לאנד. משילי איז געוועזן פריי. דער בריעף, וואס ער האט געשיקט דורך דאן ראמאָן האט געווירקט. דאן גריגאָריא מיט זיינע מענשען האבען ווירקליך אונטערגעצונדען א פאר דערפער אין אראאוקאניא אום איבער צושרעקען די אינדיאנער. — יעצט איז דער קריעג געענדיגט.

73טעס קאפּיטעל.

מענשענאָפּפּער.

ווען די שלאכט האט זיך געענדיגט און דער שווארצער הירש מיט זיינע קריעגער זיינען אנטלאפען, האט גענעראל פוענטעס, דער גובערנאטאר פון קאָנסעפּסיאָן געהייסען בלייבען שטעהן און אויפשלאגען א פעסטען לאגער ניט ווייט פון דעם ארט, וואו אנטינאהועל איז נעבכטען געשטאנען מיט זיין גאנצער ארמעע.

קוים האט ער געגעבען דיעזען בעפעהל, איז זשאן צוגעקומען צו איהם.

— וואס וויל מיין ברודער זאגען? האט דער גענעראל געפרעגט.

— דער גרויסער הויפּטלינג דארף מיך מעהר ניט. איך וויל געהן צוריק צו דעם, ווער עס האט מיך געשיקט.

— מיין ברודער מעג טהאן, וויא ער פערשטעהט. איך מיין אבער, אז עס וואלט גלייכער געוועזן, ער זאל בלייבען ביי מיר.

— איך קען עס ניט, הויפּטלינג, האט זשאן געענטפערט. איך האב צוגעזאגט דעם גרויסען קאציק, איך זאל קומען און איהם זאגען, וואס איך האב געזעהן.

— אלזא, לאז מיין ברודער געהן און איהם דערצעהלען אלעס, וואס ער האט געזעהן. איך וואלט איהם מיטגעגעבען א בריעף. איך האב אבער מורא, אז מען זאל איהם ניט אויפהאפּען אויפ'ן וועג.

— איך וועל טהאן, וויא דער הויפּטלינג בעפעהלט מיר, האט זשאן געזאגט.

— גליק אויף די רייזע, אלזא! האט גענעראל פוענטעס איהם געווינשט. לאז מיין ברודער זיין פאָרזיכטיג, ער זאל ניט אריינפאלען אין די הענד פון זיינע לאנדסלייט.

— זשאן איז פאָרזיכטיג.

גענעראל פוענטעס האט איהם געדריקט די הענד און איז געגאנגען זעהן, וויא אזוי זיינע קריעגער האבען איינגעריכטעט דעם לאגער.

זשאן איז אוועקגעגאנגען. ער האט געקענט אלע וועגען אין דער פּרעריע און האט זיך געוואוסט, וויא אויסצודרעהן. ביז אין טייך איז ער געגאנגען גאנץ רוהיג. ער איז געוועזן זיכער, אז די פיינד זיינען דא ניטא. ווען ער איז אבער צוגעקומען צום טייך, בעזאנדערס צו דעם ארט, וואו אנטינאהועלס לאגער איז נעבכטען געשטאנען, איז ער געוואָרען פאָרזיכטיגער. ער האט זיך בעהאלטען צווישען די ביימער, איז געקראכען אויף אלע פיער, האט זיך געקייקעלט, וויא א שלאנג און האט זיך יעדע מינוט אומגעקוקט אין אלע זייטען.

אזוי איז פערגאנגען א געהויסע צייט. זשאן איז געקומען אלץ ווייטער און ווייטער. ער האט קיינעם ניט בעגעגענט און קיינעם ניט געזעהן. ער האט געהאט

דורכצוגעהן נאך א קליין שטיקעל וועג. ווען ער געהט נור ארויס פון דיא בערג און קומט אויפן וועג, איז ער שוין זיכער.

דער וואלד האט זיך שוין באלד געענדיגט. עס זיינען נאך געבליעבען עטליכע ביימער. זשאן האט זיך אויפגעשטעלט הארט לעבען א בוים און האט זיך געוואלט אומקוקען. פלוצלונג, וויא פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואקסען פאר איהם דער שווארצער הירש.

— מיין ברודער איז געווים זעהר מיעד, האט דער שווארצער הירש געזאגט מיט א ביטערן שפאט. ער איז געקראכען א לאנגע צייט, וויא א גיפטיגע שלאנג. לאז ער בעסער אויפשטעהן. עס איז ניט גאנץ אנגענעהם צו קייקלען זיך אויף דער ערד.

— דאס וויל איך טאקע טהאן, האט זשאן געענטפערט.

ער איז אויפגעשפרונגען, וויא א יונגער לעאפארד און האט אנגעהאפט דעם שווארצען הירש מיט זיינע צוויי אייזערנע הענד ביים האלז.

— מיין טוידט אדער דיינער! האט ער אויסגערופען. איינער פון אונז וועט ניט אוועקגעהן לעבעדיג פון דיעזען ארט.

דער שווארצער הירש האט געגעבען נור איין געשריי. זשאנס פערגיפטעטער סטילעט האט איהם געטראפען גלייך אין הארצען. א שווארצער שטראם בלוט האט ארויסגעשפריצט פון זיין נאקעטער ברוסט און ער איז געפאלען טוידט צו דער ערד.

אין דיעזע מינוט אבער זיינען אנגעלאפען פיעלע אנדערע קריעגער, האבען זיך ארויפגעווארפען אויף זשאנען, האבען איהם געבונדען און האבען איהם אוועק־געפיהרט צום טאקי.

דער טוידט פון׳ם שווארצען הירש האט זיך באלד פערברייטערט אין לאנגער פון דיא אינדיאנער און האט אויף זיי געווירקט, וויא א דאנער שלאג. דער שוואר־צער הירש איז געוועזען איינער פון דיא גרעסטע קאציקען. ער איז געוועזען א בעריהמטער קריעגער און א קלוגער מענש. אלע האבען איהם געשעצט און געאכטעט פאר זיין מוטה און זיין טאפפערקייט.

אנטינאהועל איז געוועזען אויסער זיך, ווען ער איז געוואהר געווארען, אז דער שווארצער הירש איז טוידט. ער איז געוועזען זיין רעכטע האנד.

— א פלוך ליעגט אויף דיא רויטע קינדער פון אמעריקא! האט ער אויסגע־רופען און האט זיך געריעסען ביי דיא האר. מיין מוטער האט רעכט געהאט. וואו דיא בלייכע געזיכטער קומען, דארט מוזען דיא רויטע פערשווינדען. דיא גייסטער זיינען בייז אויף אונז. מיר מוזען איבערבעטען דיא גייסטער. מיר מוזען זיי ברענגען א מענשענאפפער.

אמאל פלעגען אלע אינדיאנער פעלקער ברענגען זייערע געטער מענשענאפפער. ווען פערדינאנד קארטעס האט אפגענומען מעקסיקא, פלעגען דיא אינדיאנער ברענ־גען יעדען טאג פינף — זעקס מענשען אלס אפפער פאר זייער גאט הואיצליקאטל.

יעצט ברענגען זיי זעהר זעלטען א מענשענאפפער. נור אין א גאנץ גרויסער געפאהר, ווען זיי זעהן, אז אלעס, וואס זיי טהוען געראטה זיי ניט — דאמאלס ענט־שליעסען זיי זיך צו אפפערן א מענשען געוועהנליך, אפפערן זיי א געפאנגענעם.

אנטינאהועל איז געווען זעהר ניעדערגעשלאגען. וואָס ער האט געטהאן אין דער לעצטער צייט, איז איהם ניט געראטהען. ער האט מורא געהאט, אז זיינע פעל=קער וועלען איהם בעשולדיגען, אז ער פיהרט דעם קריעג זעהר שלעכט. מען קען נאך איהם אראפוואַרפען פון זיין שטוהל אלס טאַקי. ער האט געמוזט עפעס טהאן אום איינצופלייסען מוטה זיינע קריעגער. פאר דער האנד האט ער ניט אויסגעפונען קיין אנדערעס מיטעל אלס צו ברענגען א מענשענאָפּפער. ער האט געהייסען זיינע קריעגער און דיא מאַטשים (דיא צויבערער) זיי זאלען פאַרבערייטען אלעס נעטהיגע פארן מענשענאָפּפער.

דיא פאַרבערייטונגען האבען געדויערט זעהר לאנג. דיא צויבערער — דיא נייסט=ליבע — פון'ם פאלק מאכען ביי אזא געלעגענהייט זעהר פיעל צערעמאָניען.

אויף א בערגעל וויים פון'ם לאגער האט מען געמאכט א גרויסען קרייז (א ראָד). ארום דיעזען קרייז זיינען געשטאַנען קריעגער. אין דער מיט קרייז איז געשטאַ=נען אריינגעגראָבען אין דער ערד א הויכער דראַנג. צו דיעזען דראנג איז געווען צו=געבונדען דיא קריעגס האק פון'ם טאַקי. דאס איז געווען דער ארט, וואו מען האט געדארפט ברענגען דעם מענשענאָפּפער.

ווען אלע צערעמאָניען האבען זיך געענדיגט, האט מען געבראכט דיא געפאַנ=גענע, וועלכע זיינען געווען בעשטימט אלס אָפּפער — צוויי שפּאַנישע סאָלדאטען, וועלכע דער שווארצער הירש האט געפאנגען און דער אינדיאַנער זשאָן. מען האט זיי געבראכט אויף א פערד, ביי וועלכען מען האט אפגעשניטען דיא אויערן און דעם עק. דאס איז אויך געווען איינע פון דיא צערעמאָניען, וועלכע זיינען נעטהיג פארן ברענגען א מענשענאָפּפער.

דיא שפּאַנישע סאָלדאטען האט מען געדארפט צו ערשט אָפּפערן. דיא נייס-טער האבען בעסער ליעב דאס בלוט פון א מענשען מיט א בלייבען געזיכט, אלס דאס בלוט פון א מענשען מיט א רויטער הויט.

מען האט גענומען דעם ערשטען געפאנגענעם און מען האט איהם צוגעבונדען צום דראַנג. דער מאַטשי, דער צויבערער, איז ארומגעגאנגען מיט א בינטעל לאנגע שטעקעלעך, וועלכע ער האבען אריינגעשלאגען איינציגווייס אין דער ערד. יעדעס מאָל, ווען ער האט אריינגעשלאגען א שטעקעלע אין דער ערדע, האט ער אָנגערופען דעם נאָמען פון אן אינדיאַנער קריעגער, וועלכער איז געפאלען אין דער שלאכט מיט דיא ווייסע מענשען.

דער אונגליקליכער שפּאַניער האט געוואוסט, וואס פאר א שיקזאל עס ער=וואַרטעט איהם. ער האט גוט געקענט דיא אינדיאַנער מיט זייערע צערעמאָניען. ער האט געוואוסט, אז קוים וועט ער ווייזען א מינע, אז ער שרעקט זיך פארן טוידט, וועלען איהם דיא אינדיאַנער מארטערן און פערלענגערן דיא ליידען פון זיין טוידט. ווען ער וועט אבער ווייזען, אז ער האט קיין מורא ניט פארן טוידט ; ווען ער וועט רייצען זיינע פיינדע און וועט לאכען פון זיי אדער ער וועט זיי דראהען — וועלען זיי איהם טוידטען מיט אמאָל.

יעדעס מאל, ווען דער מאַטשי האט אריינגעשלאגען א שטעקעלע אין דער ערד

און האט דערמאנט דעם נאמען פון א קריעגער, וועלכער איז געפאלען אין קריעג, האט דער שפאניער געזאגט:

— דאס איז ערשט אן אנהויב. מיינע ברידער וועלען אנפאלען אייך און וועלען אייך פערניכטען מיט אייערע פרויען און קינדער. קיין איינציגער פון דיא רויטע געזיכטער וועט ניט איבערבלייבען אין לאנד.

דאס האט גערייצט דיא ווילדע. אנטינאהוועל פלעגט א ציטער טהאן יעדעס מאל, ווען ער פלעגט הערן, וויא דער שפאניער לאכט פון זיי.

— דער קריעגער מיט'ן בלייכען געזיכט איז מוטהיג, האט ער ענדליך אויסגע־רופען: אבער זיין מוטה און זיין עהרע וועלען באלד ליעגען בעגראבען דא אונטער דער ערד.

— און פון דיעזער ערד וועט ארויסגעהן א פייער, וועלכעס וועט פערברענען דיא רויטע געזיכטער! האט דער שפאניער געענטפערט שטאלץ.

דער אינדיאנער פירסט האט עס ניט געקענט אויסהאלטען. ער איז צוגעלאפען צום שפאניער מיט א גראב שטיק האלץ אין דער האנד, האט איהם א זעץ געטהאן אויפ'ן קאפ און האט איהם צובראכען דעם שארבען, אז דאס געהירן האט געשפריצט אין אלע זייטען.

אין דיעזע מינוט האבען צוויי מאטשים איהם אפגעבונדען פון'ם זייל. ער איז נאך ניט געוועזן אין גאנצען טוידט. ער האט זיך נאך געווארפען. זיי האבען זיך אויף איהם ארויפגעווארפען, האבען איהם אויפגעשניטען דיא ברוסט און האבען ארויס־געריסען דאס הערץ. אזוי וויא עס איז געוועזן בלוטיג און עס האט זיך נאך געווא־רפען, האבען זיי עס געגעבען דעם טאקי. דער טאקי האט א זופ געטהאן דאס פרישע, ווארעמע בלוט און האט עס איבערגעגעבען צו זיינע קאציקען און הויפטלינגע. יעדער פון זיי האט א זופ געטהאן דאס פרישע בלוט פון'ם אפפער.

אין דער צייט, וואס דער טאקי מיט זיינע קאציקען האבען געזופט דאס בלוט פון'ם אפפער, האבען זיך דיא קריעגער ארויפגעווארפען אויפ'ן טוידטען קערפער און האבען איהם צוריסען אויף שטיקלעך. זיי עסען ניט קיין מענשענפלייש. זיי נעהמען נור ארויס דיא ביינער און מאכען פון זיי פייפעלעך, וועלכע זיי געברויכען נור אין קריעגסצייט. מיט דיעזע פייפעלעך גיבען זיי איינער דעם אנדערן סיגנאלען און רופען צונויף דיא קריעגער.

דעם קאפ פון'ם אפפער האט מען אפגעשניטען און אויפגעשטעקט אויף א שפיעז לעבען דעם דראנג אדער מארטער זייל. דאן האבען זיי אנגעהויבען צו טאנצען ארום איהם א ווילדען, אונמענשליכען קריעגס־טאנץ. דיא מאטשים האבען געזונגען ווילדע ליעדער, מיט וועלכע זיי האבען אויפגערייצט דיא קריעגער צום קאמפף און א ווילדען האס געגען דיא בלייכע געזיכטער.

דיא סצענע איז געוועזן א ווילדע, שרעקליכע, אונמענשליכע, הערצרייסענדע און בעטייבענדע. דאס זיינען שוין געוועזן ניט ווילדע טהיערע, וועלכע צורייסען איינער דעם אנדערן און פרעסען איהם אויף; דאס זיינען ניט געוועזן קיין מענשען, וועלכע האבען געטוידטעט זייערן א פיינד אום זיך נוקם צו זיין אן איהם. — דאס זיינען

געוועזען טייפעל אין מענשען געשטאלט — מענשען, וועלכע זיינען געוואָרען ווילדער, ערגער און בלוטדורשטיגער פון ווילדע טהיערע.

דיא צערעמאָניע האט געדויערט זעהר לאנג. ווען זיא האט זיך געענדיגט, האט מען געבראכט דעם צווייטען שפאניער און דיא גאנצע לאנגע צערעמאָניע האט זיך אנגעהויבען איבער נייס.

אונטערדעסען איז דער אינדיאנער זשאן געשטאנען לעבען א בוים און אייניגע קריעגער האבען איהם בעוואכט. ער האט צוגעזעהן אלעס און האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער וועט זיין דאס דריטע אפפער. ער האט אבער ניט פערלארען דעם מוטה. ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און האט געטראכט און געזוכט א מיטעל, וויא צו אנטלויפען.

ער איז נאך אלץ געזעסען צוגעבונדען צו זיין פערד אהן אויערן און אהן אן עק. ער האט אבגעפאסט דיא מינוט, ווען אלע קריעגער האבען זיך ארויפגעוואָרפען אויפ'ן טוידטען קערפער פונ'ם צווייטען שפאניער און האבען פון איהם ארויסגעשניטען דיא ביינער. אין דיעזע מינוט האט ער צוגיפגעקוועטש דיא זייטען פון זיין פערד מיט זיינע צוויי שטארקע, אייזערנע פיס, אז ער איז אויפגעשפרונגען און ער איז אנטלאָפען אין וואלד, גלייך וויא ער וואלט געווארען וואהנזיניג.

דיא אינדיאנער זיינען געוועזן אזוי איבערראשט איבער דיעזעס אונערווארטעטע און נעוואגטע אנטלויפען, אז אין דיא ערשטע עטליכע מינוט זיינען זיי געבליעבען שטעהן, וויא פערשטיינערט און האבען ניט געוואוסט, וואס צו טהאן. באלד אבער זיינען זיי געקומען צו זיך. אייניגע קריעגער זיינען ארויפגעשפרונגען אויף זייערע פערד און האבען אנגעהויבען איהם נאכצויאָגען.

עס האט זיך אנגעהויבען א ווילדע יאגד. זשאן, דיא הענד פעסט צוגעבונדען צום פערד, האט איהם געטריעבען מיט דיא פיס, וויא ווייט זיינע קרעפטען האבען איהם ערלויבט. ער האט געוואוסט, אז ער אנטלויפט פון שרעקליכען טוידט און זיין איינציגע רעטונג איז זיין פערד. דיא אינדיאנער קריעגער זיינען געוועזן ווילד און שרעקליך אויפגערעגט. — זייער אפפער איז אנטלאפען. דיא גייסטער וועלען אויף זיי בייז זיין.

דיעזע ווילדע יאגד האט געדויערט געגען א שטונדע. זשאן האט אנגעהויבען צו פיהלען, אז זיין פערד ווערט ערשעפפט. ער האט שוין מעהר קיין כח ניט צולויפען. ער האט געפיהלט, אז אט, אט וועט זיין פערד קרעפירען אונטער איהם און ער וועט ווידער אריינפאלען אין דיא הענד פון זיינע פיינד, וועלכע זיינען שוין געוועזן גאר ניט ווייט פון איהם.

פלוצלונג האט ער דערהערט, וויא א שוואכע שטימע האט געזאגט:

— בייג דיך אן אויפ'ן פערד! לאז אראפ דעם קאָפּ!

קוים האט ער זיך אנגעבויגען, האבען געקנאקט פיער פיסטאָלעטען שיעסן. פיער אינדיאנער קריעגער, וועלכע האבען איהם נאכגעיאָגט, זיינען אראפגעפאלען פון זייערע פערד טוידט. אין א פאָר מינוטען ארום האבען דיא פיסטאָלעטען ווידער

עקנאקט און אנדערע פיער קריעגער זיינען געפאלען טוידט. דיא איבעריגע זיינען זיך צו לאפען.

זשאנ'ס פערד האט געפלאצט און איז געפאלען אונטער איהם. ער איז אבער געוועזן געראַטעוועט! ער האט זיך ארומגעקוקט און האט געזוכט מיט דיא אויגען, וועער עס זיינען זיינע רעטער. באלד האט ער דערזעהן, וויא לואיס, וואלענטין און דיא צוויי אינדיאנער הייפטלינגע זיינען אראפגעקראכען פון דיא צווייגען פון ביימער.

— פאר וואָס זיצט מיין ברודער אזוי פעסט אויף זיין פערד? האט וואלענטין געלאכט, ווען ער האט געזעהן, אז זשאן איז צוגעבונדען.

— איך דאנק מיין ברודער פאר מיינע רעטונג, האט זשאן געענטפערט. איך וועל עס ניט פערגעסען.

וואלענטין האט באלד איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע ער איז געוועזן צוגעבונדען און זשאן איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אויסגעצויגען דיא גליעדער.

— מיינע פריינדע, מיר זיינען דא ניט זיכער, האט לואיס געזאגט. דיא אינדיאנער וועלען באלד צוריקקומען אין א גרויסער מענגע. זיי קענען אונז ארומרינגלען פון אלע זייטען.

— זיי וועלען אזוי גיך ניט קומען, האט וואלענטין זיך אפגערופען. זיי מיינען, אז זיי האבען אנגעטראָפען א גאנצע שפאנישע ארמעע.

— דער לעווען קאפ האט רעכט, האט טראנגאָיל-לאנעק געזאגט. מיר זיינען דא ניט זיכער. מיר מוזען אוועקגעהן פון דאנען.

אלע פינף זיינען באלד אוועקגעגאנגען טיעף אין וואלד. עס האט זיך דער נאך אויסגעוויעזען, אז וואלענטין האט רעכט געהאט. דיא קריעגער, וואָס זיינען אנטלאָפען, זיינען געקומען אין לאגער און האבען דערצעהלט, אז א גאנצע ארמעע שפאניער איז אויף זיי אנגעפאלען. זיי זיינען קוים אנטלאפען מיט'ן לעבען.

אנטינאהועל האט אראפגעלאזען דעם קאָפּ. זיינע מענשענאַפּפער האבען איהם אויך ניט געהאלפען. ער האט באלד געגעבען א בעפעהל, אז זיין ארמעע זאל צוריקציעהן ווייטער אין לאנד. ער איז אנטלאפען פאר דיא שפאניער.

73טעס קאפיטעל.

דיא שלאכט.

עס איז פערגאנגען א געראַימע צייט, אין וועלכער עס איז גאר ניט פאָרגעקומען. דאן טאדעאָ האט צונויפגעצויגען אלע זיינע ארמעען און האט ארויסגעשיקט שפיאָנען אויספאָרשען, וואו עס געפינט זיך אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער.

דער אינדיאנער פירסט האט אויך ניט געשוויעגען. ער איז יעצט געוואָרען קליגער און פאָרזיכטיגער. ער האט אויך געהאט זיינע שפּיאָנען, וועלכע האבען איהם געמעלדעט אלעס, וואס איז פאָרגעקומען אין דאן טאדעאָ'ס לאגער. יעדער האט געוואַרט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט, ער זאל קענען אנפאלען אויף זיין פיינד און איהם פערניכטען. אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע וואכען.

ענדליך אבער זיינען זיך ביידע פיינדליכע ארמעען צונויפגעקומען אזוי נאהענט,

אז זיי האבען זיך געמוזט בענעגענען. עס האט געמוזט קומען צו א שלאכט. אלע האבען עס געפיהלט און אלע האבען זיך פארבערייטעט.

דעם אנדערן טאג גאנץ פריה האבען זיך געוויזען דיא אינדיאנער קריעגער מיט זייערע שפיזען און מיט זייערע פייל און בויגענס. דאן טאדעא און זיינע אפי־ציערן זיינען געווען ערשטוינט, ווען זיי האבען דערזעהן, אז פיעלע אינדיאנער זיינען בעוואפענט מיט ביקסען. ער האט באלד געגעבען א צייכען צו זיינע סאלדאטען, זיי זאלען אנהייבען דיא שלאכט. ער אליין איז אריינגעגאנגען אויף א פאר מינוט אין זיין געצעלט מאכען אייניגע פארבערייטונגען. ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער בעגעגענט צוויי מענשען: וואלענטין און לואיס.

— וויא קומט איהר אהער? האט ער אויסגערופען פול פרייד. וואס פאר א נאבריכטען ברענגט איהר מיר?

— מיר זיינען געוואהר געווארען, אז היינט וועט שטאטפינדען א גרויסע שלאכט און מיר זיינען געקומען פעכטען לעבען אייך, האט וואלענטין געענטפערט.

— וואו זיינען אייערע פריינד, דיא אינדיאנער הייפטלינגע?

— זיי זיינען אין וואלד. זיי ווילען ניט קעמפפען געגען זייערע ברידער.

— איך דאנק אייך! האט דאן טאדעא געזאגט. אבער וואצו זאלט איהר איינשטעלען אייער לעבען אין א קריעג, וועלכער געהט אייך גאר ניט אן? בלייבט ביי מיר אין לאגער, אבער קעמפפט ניט.

— דאס איז אונמעגליך! האט וואלענטין אויסגערופען. איך בין געווען א סאלדאט אין אייראפא און וויל זעהן, וויא מען שלאגט זיך אין אמעריקא.

דאן טאדעא האט זיי געבעטען, זיי זאלען בלייבען פון הינטען און זאלען זיך ניט אריינמישען אין קריעג. עס האט איהם אבער ניט געהאלפען. דיא צוויי פראנ־צויזען האבען זיך איינגעשפארט, אז זיי ווילען אמאל זעהן, וויא מען שלאגט זיך אין אמעריקא. דאן טאדעא האט געמוזט נאכגעבען. ער האט זיי געהייסען געבען גוטע צוויי ביקסען און האט זיי געבעטען, זיי זאלען זיך האלטען ניט ווייט פון איהם.

באלד האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע, בלוטיגע שלאכט. דיא אינדיאנער קריעגער האבען זיך ארויפגעווארפען אויף זייערע פיינד מיט א ווילדען געשריי. זיי זיינען געקראכען אין פייער אריין, האבען געליארמט, געשריען און געטוירטעט, וועמען זיי האבען געטראפען. דיא שפאניער האבען אויך ניט געשוויגען. אנפאנגס האבען זיי געשאסען מיט זייערע ביקסען, באלד אבער איז עס געווארען אונמעגליך. דיא אינדיאנער קריעגער זיינען צוגעקומען אזוי נאהענט צו זיי, אז זיי האבען געמוזט אוועקווארפען זייערע ביקסען און קעמפפען מאן געגען מאן, ראנגלען זיך און שטעכען איינער דעם אנדערן מיט זייערע שווערדען, מיט זייערע מעסערס און מיט וואס זיי האבען געקענט.

אנטינאהועל איז ארומגעלאפען אויף א ווילדעס פערד און האט אויפגעפייערט זיינע קריעגער.

— איהר קעמפפט יעצט פאר אייערע פרויען, אייערע קינדער און אייער לאנד.

וועלכע דיא בלייבע געזיכטער ווילען ביי אונז אוועקנעהמען! האט ער געשריען מיט א ווילדע שטימע.

און זיינע קריעגער האבען איהם נעפאלגט. קיינער האט ניט געוואלט לעבען בלייבען, ווען ער וועט נור קענען טוידטען זיינע פיינד, דיא בלייבע געזיכטער.

דאן טאדעא מיט דיא צווי פראנצויזען זיינען געשטאנען אויף א בערגעל און האבען צוגעזעהן דיא בלוטיגע שלאכט.

— נו, וואס זאגט איהר אויף דיא אינדיאנער קריעגער? האט דאן טאדעא נעפרעגט.

— איך וואלט קיין מאל ניט נעגלויבט, אז ווילדע אינדיאנער זאלען זיך שלא־גען אזוי מוטהיג און אזוי טאפפער, האט וואלענטין געענטפערט. איך זעה פאר מיר העלדען, וויא מען דערצעהלט אין דיא אלטע געשיכטען.

אין דיעזע מינוט האבען זיי דערזעהן, וויא עטליכע הונדערט אינדיאנער האבען דורכגעבראכען דיא רייהען פון דיא שפאניער און האבען זיך צוגעצויגען צו דעם ארט, וואו דאן טאדעא איז געשטאנען.

— לאמיר אוועקגעהן פון דאנען, האט לואיס געזאגט. לאמיר צוגעהן צו דער ארמעע.

זיין ראטה איז געווען א גוטער. עס איז געווען דייטליך, אז דיא אינדיאנער האבען דערזעהן דאן טאדעא און ווילען איהם טוידטען אדער געפאנגען נעהמען. זיי זיינען דאהער שנעל אראפגעלאפען פון׳ם בערגעל און זיינען געלאפען צו דעם ארט, וואו דאן גרינאריא איז געשטאנען מיט דער הויפטארמעע.

עס איז שוין אבער געווען צו שפעט.

— האלט! האט געשריען א גראבע שטימע. אנטלויף ניט, דאן טאדעא דע לעאן! לאמיר קעמפפען מאן געגען מאן! איך אדער דוא!

דאן טאדעא האט דערקענט בוסטאמענטע׳ס שטימע.

— צו הילף, שפאניער! האט וואלענטין געשריען. צו הילף אייער אנפיהרער, דעם פירסט פון דער דונקעלהייט!

דיא שפאניער האבען איהם דערהערט. א באטאליאן שפאנישע סאלדאטען זיינען געקומען איהם צו הילף. דיא שפאניער און דיא אינדיאנער האבען זיך צוזאמען געשטויסען. עס האט זיך געבילדעט א קנויל פון לעבעדיגע מענשען. גענעראל בוס־טאמענטע האט געקעמפפט, וויא א העלד. ער האט אבער ניט געקענט צוקומען צו דאן טאדעא.

— שטארב, פעררעטהער! האט אויסגערופען דאן גרינאריא און האט איהם אריינגעשטאכען זיין שווערד אין דער זייט.

בוסטאמענטע איז אראפגעפאלען טוידט פון זיין פערד. דיא נאכריכט האט זיך באלד פערברייטערט אין לאגער פון דיא שפאניער און אלע האבען אויסגערופען מיט איין קול:

— טוידט דעם פעררעטהער! עס לעבע דיא פרייהייט!

יעצט האט דיא שלאכט אנגעהויבען צו ווערן נאך בלוטיגער און נאך ווילדער.

דיא שפאניער האבען געזיעגט. דיא אינדיאנער האבען אנגעהויבען צו אנטלויפען. אין א האלבע שטונדע ארום האט מען אויפ'ן גאנצען גרויסען טאהל געזעהן נור טוידטע, פערבלוטיגטע קערפער פון מענשען און פערד. אין ערטער זיינען געלעגען גאנצע הויפענס טוידטע, אינדיאנער און שפאניער אויסגעמישט. אייניגע האבען זיך זאגאר געהאלטען ארומגענומען, וויא ברידער. — דער טוידט האט זיי פעראייניגט.

ווען עס איז געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער און דיא שפאניער האבען זיך ארומ־געקוקט, האבען זיי דערזעהן, אז דאן טאדעאָ איז פערשוואונדען געוואָרען. אנפאנגס האט מען גערעכענט, אז ער איז געפאלען און ליעגט ערגעץ צווישען דיא טוידטע. מען האט אנגעהויבען צו זוכען צווישען דיא טוידטע, מען האט איהם אבער אין ערגעץ ניט געפונען.

וואלענטין און לואיס האבען געזעהן, וויא ער איז געווען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. זיי האבען זיך געוואלט צושלאגען צו איהם. עס איז אבער געווען אונ־מעגליך. דיא שפאניער, וועלכע דאן גריגאריא האט געבראכט, האבען זיי אפגעטהיילט פון דאן טאדעאָ. אין דער מענגע, און געדרענג האבען זיי ניט געקענט זעהן, וואס איז ווייטער מיט איהם געשעהן.

יעצט האבען זיי איהם געזוכט אומעדום. אין איין ארט האבען זיי געפונען א טוידטען קערפער, וועלכען זיי האבען באלד דערקענט. דאס איז געווען זשאן.

— אָרימער זשאן! האט לואיס אויסגערופען. ער איז געשטארבען, וויא א העלד. זעה, וואלענטין, וויא ער האלט נאך זיין שווערד אין דער האנד.

עס האט אנגעהויבען דונקעל צו ווערן. אין לאגער האט מען צולעגט גרויסע פייערן און מען האט זיך געשטעלט קאכען עסען. דיא אָפיציערן און גענעראלען הא־בען זיך פערזאמעלט אין געצעלט פון דאן גריגאריא זיך צו בעראטהען, וואָס זיי זאלען ווייטער טהאן. לואיס און וואלענטין זיינען אויך געווען אין געצעלט.

— מיר האבען געזיעגט, האט דאן גריגאריא געזאגט צו דיא פערזאמעלטע. דיא אינדיאנער וועלען יעצט קומען און בעטען, אז מיר זאלען מאכען מיט זיי פריע־דען. זיי וועלען שוין מורא האבען אונז צו ערקלערן קריעג. מיר זיינען יעצט זיכער. דער טיראן איז טוידט און טשילי איז פריי.

— ליידער, האבען מיר זעהר פיעל פערלארען, האט גענעראל פוענטעס, דער גובערנאטאָר פון קאנסעפסיאָן זיך אָפגערופען. מיר האבען פערלאָרען אונזער אנפיה־רער. דאן טאדעאָ איז טוידט.

— מיר האבען איהם געזוכט אומעדום צווישען דיא טוידטע און האבען איהם ניט געפונען, האט בעמערקט וואלענטין.

— וואס ווילט איהר דערמיט זאגען? האט איהם דאן גריגאריא געפרעגט.

— איך וויל דערמיט זאגען, אז ער איז ניט טוידט. ווען ער זאל זיין טוידט, וואלטען מיר געפונען זיין לייבע.

— וואו דען זאל ער זיין?

— מעגליך, אז ער איז געפאנגען, האט לואיס ערקלערט. מיר האבען געזעהן, וויא אנטינאהועל אליין האט געפיהרט דיא באנדע, וועלכע זיינען אויף איהם אנגע־

פאלען. דער אינדיאנער פירסט איז קלוג. ער האט געזעהן, אז ער האט פערלארען די שלאכט און וועט זיך מוזען אונטערגעבען אויף זעהר שווערע בעדינגונגען. ער האט זיך דאהער ענטשלאסען, ער זאל איהם נעהמען געפאנגען. ווען ער וועט האבען אזא משכון אין די הענד, וועט ער אונז צווינגען, מיר זאלען איהם געבען בעסערע בעדינגונגען.

— מעגליך, אז איהר האט רעכט, אבער וויא אזוי ווערט מען עס געוואָהר ?

— מיר מוזען נאך אמאל זוכען.

לואיס, וואַלענטין און דאן גרינאַריא זיינען ווידער ארויסגעגאנגען זוכען צווישען די טוידטע, פיעלייכט וועלען זיי געפינען דאן טאַדעאָ'ס טוידטען קערפער. זיי האבען געזוכט א גאנצע נאכט און האבען איהם ניט געפונען.

— ער איז געוויס טוידט, האט דאן גרינאַריא געזאגט טרויעריג. איך קען ניט גלויבען, אז דאן טאַדעאָ האט זיך געלאזט נעהמען געפאנגען. ער ווייס, אז די אינדיאנער זיינען זיינע ביטערע פיינד. ער וועט גיכער שטארבען, איידער ארייגפאלען אין זייערע הענד.

וואַלענטין האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האט גאר ניט געענטפערט.

ענדליך איז טאָג געוואָרען. די ארמעע האט זיך פערזאמעלט. מען האט בעשלאָסען, אז מען זאל יעצט געהן קיין סאַנט יאַגאָ ברענגען די פרעהליכע נאכ־ריכט, אז טשילי איז פריי, זיין טיראַן איז טוידט און די אינדיאנער זיינען בעזיעגט.

— קומט אויך מיט אונז, האט דאן גרינאַריא געבעטען די צוויי פראנצויזען.

— ניין, פריינד ! מיר קענען עס ניט טהאָן, האט וואַלענטין געענטפערט. מיר האבען פערלארען א פריינד, מיר מוזען איהם זוכען.

— וויא קענט איהר אייך לאזען אליין צווישען די אינדיאנער ? האט דאן גרינאַריא געפרעגט. צו וואס זאלט איהר ריסקירען מיט אייער לעבען ?

— אין וואלד, ניט ווייט פון דאנען, געפינען זיך צוויי אינדיאנער הייפּטלינגע, אונזערע פריינד, האט לואיס געענטפערט. מיר וועלען זיי אויפזוכען און וועלען מיט זיי געהן זוכען דאן טאַדעאָ און זיין טאָכטער, דאָניא ראזאריא.

דאן גרינאַריא האט געקוקט אויף די צוויי פראנצויזען אייניגע אויגענבליקע, דאן איז ער צו זיי צוגעגאנגען און האט זיי ארומגענומען.

— מען זאגט, אז אמעריקא מאכט דעם מענשען שלעכט און הארטהערציג ; מען זאגט, אז יעדער עמיגראַנט, וועלכער קומט קיין אמעריקא, פערליערט זיין מענש־ליכעס הערץ און זיינע מענשליכע געפיהלע ; מען זאגט, אז אנשטאַט א מענשליכעס הערץ בעקומט דער עמיגראַנט א הארטען, קאלטען זילבערנעם דאָללאַר. — איהר, מיינע פריינד, בעווייזט יעצט, אז דאס אלעס איז א ליעגען. ווער עס האט א גוטעס, עדעלעס הערץ אין דער היים, דער בלייבט אין אמעריקא דער זעלבער. ניט אמעריקא האט פעו 'אַרבען די עמיגראַנטען, זאנדערן די עמיגראַנטען האבען פערדאָרבען אמעריקא — מיינע פריינדע ! ווען איהר וועט צוריקקומען, בעט איך אייך, קומט צו מיר ! אין ועל זיין שטאָלץ צו רופען אייך פריינד.

— יר וועלען קומען, האט לואיס געענטפערט איינפאַך.

מיט דיעזע ווערטער האבען זיי גענומען אבשיעד איינער פון אנדערן.

אין א האלבע שטונדע שפּעטער איז דיא גאנצע געגענד געבליעבען שטיל און רוהיג. דיא שפּאניער האבען בעגראבען זייערע טוידטע און זיינען זיך אוועקגעגאנגען. דיא צוויי פראנצויזען האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען אוועקגעפאהרען צו דיא בערג.

74טעס קאפּיטעל.

נאך דער שלאכט.

טרויעריג און פערטראכט זיינעןביידע יונגע לייט געפאהרען צו דיא בערג זוכען זייערע פריינד, דעם קאציק קורומיללא און דעם הויפּטלינג טראנגאיל=לאנעק. לואיס איז געוועזען בעזאנדערס טרויעריג. אלע זיינע האפנונגען זיינען פערשוואונדען. וואו איז יעצט זיין געליעבטע דאניא ראזאריא? ער איז שוין אזוי לאנג אין אמעריקא, וואנדערט ארום פון איין ארט צום אנדערן, וויא א וואגאבונד, איז שוין ניט איין מאל געוועזען אין לעבענס געפאהר און וואס איז געווארען פון דעם אלעמען?

— אט האסט דוא דיר דיין אמעריקא! האט ער ענדליך אויסגערופען. וואס טהוען מיר דא? וואס האבען מיר געמאכט דיא גאנצע צייט, וואס מיר געפינען זיך אין אמעריקא? מיר האבען געזעהן ווילדע סצענען, טרויעריגע בילדער, שרעקליכע בלוטיגע שלאכטען. וואס ווערט אבער דערפון? —

— מיר לערנען! האט איהם וואלענטין אונטערבראכען. וויא אזוי ווילסט דוא קענען דיא וועלט, ווען דוא וועסט ניט לעבען אין איהר? — מיינסט דוא, אז דאס לעבען איז אזוי לייכט. אז א מענש קען זיך פערשפּארען אין אן אייזערנער שטייג און לערנען דאס לעבען? — ניין, ברודער! אזוי עקסיסטירען נור סארדעלען. מען לענט זיי אריין אין א בלעכענער שאכטעל, מען פערגיעסט דיא שאכטעל מיט בליי און זיי ליעגען זיך שטיל, רוהיג, אבגעשלאסען פון דער גאנצער וועלט. דאס איז אבער גוט נור פאר סארדעלען. א מענש מוז לעבען און שטרעבען; א מענש מוז קעמפּפען און ליידען; ער מוז לערנען דאס לעבען אין דער גרויסער שולע פון'ם לעבען. — דאס איז זעהר א הארטע שולע, וואו מען בעקומט פון יעדען לעהרער פּעטש און קלעפּ, אז עס ווערט אפט פינסטער אין דיא אויגען. דערפאר אבער לערנט מען זעהר פיעל אין דיעזער שולע.

לואיס האט ניט געענטפערט. ער האט איינגעזעהן, אז זיין מילך=ברודער האט רעכט. דער פראנצויזישער גראף האט געקענט פערברענגען זיין לעבען אויף זיין שלאס שטיל און רוהיג. ער וואלט קיין מאל ניט געלערנט אזוי פיעל, וויאפיעל ער האט געלערנט אין דיא עטליכע מאנאטע, וואס ער איז געוועזען אין אמעריקא.

זיי זיינען אזוי אוועקגעפאהרען געגען א האלבע שטונדע. פּלוצלונג איז א גרויסער הונד ארויסגעשפּרונגען און איז זיי ענטגעגען געלאפען.

— צעזאר! צעזאר! האט וואלענטין אויסגערופען פול פרייד. אונזערע פריינד ווארטען אויף אונז!

באלד זיינען זיי צוגעקומען צו א פייער. קורומיללא און טראנגאיל=לאנעק זיינען

געזעסען און האבען געבראַטען א זייט פון א הירש, וועלכען זיי האבען נעכטען געשאסען אין וואלד. דיא פראנצויזען זיינען אראפגעשפרונגען פון זייערע פערד און האבען זיך געזעצט לעבען פייער.

— וואס הערט זיך? האט טראַנגאַיל-לאַנעק געפרעגט.

— דיא שלאכט איז געווען א שרעקליכע, א בלוטיגע, האט וואלענטין געענטפערט. אנטינאהועל איז בעזיעגט.

— איך ווייס עס, האט דער הויפטלינג געענטפערט טרויעריג, איך האב געזעהן, וויא דיא אינדיאנער קריעגער זיינען אנטלאפען.

— זיי האבען געפיהרט א קריעג, אין וועלכען זיי זיינען געווען אונגערעכט, האט וואלענטין בעמערקט.

— זיי זיינען אונזערע ברידער, האט קורומיללא געענטפערט.

— דער מאן, וועלכער איז שולדיג אין דיעזער בלוט פערגיעסונג, איז טוידט, האט וואלענטין ווייטער געזאגט. גענעראל בוסטאמענטע, דיא הויפט אורזאכע פון דיעזען בלוטיגען קריעג, איז געפאלען אין דער שלאכט.

— וואו איז זשאן? פאר וואס זעה איך איהם ניט דא? האט קורומיללא ווייטער געפרעגט.

— מיינע ברידער וועלען איהם שוין קיין מאל ניט זעהן. ער איז יעצט אין א לאנד, וואו עס איז ניטאַ קיין קריעג, קיין טרערין, קיין זארגען און קיין ליידען.

ביידע אינדיאנער האבען זיך אנגעקוקט, דאן זיינען זיי אויפגעשטאנען און האבען געוואלט אוועקגעהן.

— וואוהין געהן מיינע ברידער? האט וואלענטין געפרעגט.

— מיר קענען עס ניט דערלאזען, אז דיא וועלף זאלען צורייסען דעם קערפער פון אונזער ברודער זשאן. מיר ווילען איהם איבערגעבען דער הייליגער ערד.

— מיר האבען עס שוין געטהאן, האט לואיס זיך אריינגעמישט. מיר האבען איהם בעערדיגט מיט דיא געפאלענע שפאניער.

— איך זעה, אז מיינע ברידער זיינען פון אנאנדער פאלק, ניט קיין שפאניער, האט קורומיללא געזאגט און האט זיי געדריקט דיא הענד.

— עס האט אונז אבער געטראפען נאך אן אונגליק, האט לואיס ווייטער געזאגט. אונזער פריינד, דאן טאדעאָ—

— איז טוידט?

— איך ווייס ניט. ער איז פערשוואונדען. מיר האבען ניט געקענט געפינען זיין קערפער.

— לאזען מיינע ברידער זיין רוהיג, האט טראַנגאַיל-לאַנעק בעמערקט. דער גרויסער הויפטלינג פון דיא בלייכע געזיכטער איז ניט טוידט.

— ווייס מיין ברודער עפעס פון איהם?

— איך ווייס. לאזען מיינע ברידער הערן. — מיר האבען ניט געוואלט געהן אין קריעג, וויל מיר האבען ניט געוואלט קעמפפען געגען אונזערע איינענע ברידער. מיר זיינען געבליעבען דא אין וואלד. אזוי וויא מיר האבען געשוואָרען, אז מיר וועלען

אויסגעפינען דאס מערבען מיט דיא בלויע אויגען, זיינען מיר ארומגעגאנגען אין וואלד זוכען א שפור פון איהר.

דיא שלאכט האט געדויערט זעהר לאנג. דיא אינדיאנער קריעגער האבען אנגעהויבען צו אנטלויפען. פלוצלונג האבען מיר דערזעהן, וויא א פאר הונדערט קריעגער זיינען געלאפען אויף זייערע ווילדע פערד. אין דער מיט צווישען זיי זיינען געווען צוויי פרויען. איינע פון זיי איז געווען דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען. מיר האבען זיך בעהאלטען אונטער א בוים און האבען געקוקט, וואוהין זיי אנטלויפען. מיר האבען פערשטאנען, אז דער טאקי האט פערלארען דיא שלאכט. ער האט מורא געהאט, אז דיא בלייבע געזיכטער זאלען ביי איהם ניט צונעהמען דאס מעדכען. ער האט דאהער געהייסען זיינע קריעגער, זיי זאלען זיא ברענגען ערגעץ אין א זיכער ארט.

אזוי וויא מיר זיינען געשטאנען און געקוקט, וואוהין דיא קריעגער פאהרען, איז אנגעקומען אנאנדערע באנדע קריעגער. פאראויס איז געריטען אנטינאהועל. לע־בען איהם איז געפאהרען אויף א פערד דער גרויסער הויפטלינג פון דיא ווייסע.

— איז ער געווען פערוואונדעט? האבען וואלענטין און לואיס געפרעגט מיט אמאל.

— ער איז געזעסען גלייך אויף זיין פערד.

— קוים לעבט ער, וועלען מיר איהם געפינען! האט וואלענטין אויסגערופען.

— יא, מיר וועלען איהם געפינען, האט קורומיללא געזאגט ערנסט.

— ווען וועלען מיר פאהרען איהם זוכען? האט לואיס געפרעגט.

— מארגען פריה.

— פאר וואס ניט היינט?

— אנטינאהועל איז א גרויסער קריעגער. ער וועט היינט ניט בלייבען אויף איין ארט. פיעללייכט וועט ער שיקען א הויפטלינג בעטען, אז מען זאל שליעסען מיט איהם פריעדען.

— מיינע ברידער זיינען קלוג און פארזיכטיג, האט וואלענטין אויסגערופען. מיר מעגען זיך אויף זיי פערלאזען.

— מיר מוזען זיך אויסרוהען, האט קורומיללא געזאגט, נעכטען איז געווען א הייסער טאג פאר אלעמען.

75טעס קאפיטעל.

דיא ערשטע שטונדען פון זיין געפאנגענשאפט.

אנטינאהועל איז ווירקליך געווען א גרויסער קריעגער. ער האט געזעהן, אז ער האט פערלארען דיא שלאכט און האט געוואוסט, אז יעצט וועט עס איהם קאס־טען זעהר טהייער. יעצט וועלען דיא שפאניער פון איהם פארדערן, ער זאל זיי אב־געבען זיין לאנד. ער האט זיך דאהער בעשלאסען צו טהאן א זאך, וואס קען איהם רעטען פון שאנדע און פון אלע פארדערונגען פון דיא שפאניער.

ער האט אויסגעקליעבען פינף הונדערט פון זיינע בעסטע קריעגער און איז מיט

זיי ארומגעגאנגען דיא שפאניער ארמעע. ער האט אנגעזאגט זיינע קריעגער, אז זיי זאלען ציעלען נור צו נעהמען געפאנגען דעם גרויסען הויפטלינג פון דיא ווייסע.

מיט גרויסער מיה און מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג איז איהם געלונגען ארומצורינגלען דאָן טאדעאָ פון אלע זייטען. מיר האבען געזעהן, וויא דיא שפאניער זיינען געקומען צו הילף זייער אנפיהרער. קוים האט אנטינאהועל דערזעהן, אז מען קומט צו הילף דאָן טאדעאָ, האט ער אויסגעטהאן זיין מאנטעל און האט איהם ארויפגעוואָרפען אויף דאָן טאדעאָ'ס קאפ. אין דער זעלבער צייט האט זיינער א קריעגער אנגעכאפט דאָן טאדעאָ'ס פערד ביים צוים.

אין דער צייט, וואס דיא שפאניער און דיא אינדיאנער האבען זיך בעגעגענט און עס האט זיך אנגעהויבען צווישען זיי א בלוטיגע שלאכט, איז אנטינאהועל אנט־לאפען מיט זיין געפאנגענעם. ער איז מיט איהם צוגעלאפען צו זיין געצעלט, וואו זיינע געטרייעסטע קריעגער האבען אויף איהם געווארט. ער האט זיי גיגעבען אייניגע בעפעהלע, האט געהייסען געבען א צייכען, א דיא קריעגער זאלען זיך צוריקציהען אין דיא וועלדער און איז ווייטער געלאפען מיט זיין געפאנגענעם.

זיי זיינען געלאפען, וויא דער שטורמווינד אייניגע צייט, ביז אנטינאהועל האט פערשטאנען, אז ער איז שוין ווייט פין דיא שפאניער. דאן האט ער געהייסען בליי־בען שטעהן און לאָזען דיא פערד אביסעל אפאטהעמען. דאן ערשט האט ער אפ־געבונדען זיין מאנטעל פון דאָן טאדעאָ'ס קאפ. דאָן טאדעאָ איז געווען אזוי איבער־ראשט אין דער ערשטער מינוט, ווען מען האט איהם ארויפגעוואָרפען דעם מאנטעל אויפ'ן קאפ, אז ער האט ארויסגעלאָזען פון דיא הענד זיין שווערד און דיא ציגעל פון זיין פערד. דער שווערער מאנטעל האט זיך צונויפגעצויגען ארום זיין האלז, אז ער איז שיער ניט דערשטיקט געוואָרען.

ווען דער טאָקי איז ענדליך געבליעבען שטעהן און האט פון איהם אראָפגע־נומען דעם מאנטעל, איז דאָן טאדעאָ געווען און אהנמאכט. דיא פרישע לופט האט איהם באלד אויפגעמונטערט. ער האט געעפענט דיא אויגען און האט זיך אומגעקוקט וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט. דער אינדיאנער פירסט האט איהם פערשטאנען. א זאָנדערבארער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף זיינע דינע, פערברענטע ליפען.

— פיהלט זיך מיין פאטער יעצט בעסער? האט ער געפרעגט זיין געפאנגענעם.

— יא, האט דאָן טאדעאָ געענטפערט קורץ.

— קענען מיר ווייטער פאהרען? האט דער טאָקי ווייטער געפרעגט.

— איהר האט דא צו בעפעהלען, ניט איך, האט דאָן טאדעאָ געענטפערט.

— ווען מיין פאטער פיהלט זיך ניט אים שטאנד ווייטער צו פאהרען, וועלען מיר דא ווארטען נאך א וויילע.

— איך קען ווייטער פאהרען, האט דאָן טאדעאָ געענטפערט רוהיג.

— גוט! מיר וועלען ווייטער פאָהרען. וויל מיין פאטער מיר געבען זיין עהרען ווארט, אז ער וועט ניט אנטלויפען? ווען ער גיט מיר זיין ווארט, וועל איך איהם לאָזען פאהרען גאנץ פריי לעבען מיר.

— וועט דער טאָקי גלויבען מיין עהרענווארט? האט דאָן טאדעאָ געפרעגט.

— יא. מיר זיינען ארימע אינדיאנער. מיין פאטער אבער איז א געלערנטער מאן. ער איז א מעדיציין מאן (א דאקטאר) ביי זיין פאלק.

— איידער איך וועל אייך ענטפערן אויף אייער פראגע, וויל איך, איהר זאלט מיר זאגען, וואוהין פיהרט איהר מיך?

— מיר פאהרען צו דיא פועלטשעס, מיינע ברידער, האט אנטינאהועל געענטפערט.

דאן טאדעאס אויגען האבען אנגעהויבען צו גלאנצען מיט פרייד. זיין טאכטער געפינט זיך דאך אויך ביי דיא פועלטשעס. ער וועט דאך דארט געפינען זיין טאכטער.

— וויא לאנג וועט דויערן אונזער רייזע? האט ער געפרעגט.

— א דריי טעג.

— דאן גיב איך אייך מיין עהרענווארט, אז אין דער צייט פון דריי טעג, וועל איך פון אייך ניט אנטלויפען, האט דאן טאדעא געזאגט פייערליך.

— גוט! דאס ווארט פון א געלערנטען איז הייליג, האט אנטינאהועל געזאגט. וויל מיין פאטער שוין פאהרען?

— זא שנעל, וויא נור מעגליך, האט דאן טאדעא געענטפערט.

אנטינאהועל האט געגעבען א צייכען און אלע האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד. ער און דאן טאדעא האבען זיך אויך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען ווייטער געפלויגען אין גאלאפ צו דיא בערג. אזוי זיינען זיי געפלויגען א גאנצען טאג. גענען אבענד, ווען דיא זון איז אונטערגעגאנגען, האט אנטינאהועל געהייסען בלייבען שטעהן.

אלע זיינען אראפגעגאנגען פון זייערע פערד. באלד האט מען צולעגט א גרויס פייער און דיא קריעגער האבען אנגעהויבען צו בראטען זייער עסען. אנטינאהועל האט אין גאנצען פערגעסען, אדער עס האט זיך אויסגעוויעזען, אז ער האט פערגעסען זיין האס און פיינדשאפט צו דאן טאדעא. ער האט איהם געגעבען דאס בעסטע עסען, וואס איז געווען ביי איהם אין לאגער און דאס בעסטע געטרענק. נאכן עסען האט ער מיט איהם אנגעהויבען צו רעדען, וויא צו אן אלטען גוטען פריינד. ווען מען האט זיך געדארפט לעגען שלאפען, האט ער געהייסען זיינע קריעגע, אז זיי זאלען ברענגען פאר דאן טאדעא דיא דעקען פון זייערע פערד און זאלען מאכען פאר איהם א געלעגער ביים פייער.

ווען דיא אינדיאנער שלאפען אין דער פרעריע אדער אין וואלד, צולעגען זיי א גרויס פייער און לעגען זיך מיט דיא פיס צום פייער, צוקאפענס לעגען זיי זיך אונטער דעם זאטעל פון זייערע פערד.

דאן טאדעא האט זיך געלעגט שלאפען, דער שלאף אבער איז דיעזעס מאל ניט געקומען דערקוויקען זיינע גליעדער. טרויעריגע געדאנקען האבען איהם ניט געלאזט רוהען און האבען ביי איהם אוועקגערויבט דעם זיסען שלאף. זייט דיא לעצטע מאנאטע האט ער איבערגעלעבט א גאנצעס לעבען.

מען זאגט, אז א מענש ווערט אמאל גרוי אין איין טאג אדער אין איין נאכט,

ער האט אין א קורצע צייט דורכגעלעבט א גאנצעס לאנגעס לעבען פון ליידען, אנגסט און שמערצען.

דער יונגער טאָג האט איהם געטראפען, וויא ער איז אזוי געלעגען מיט אפענע אויגען און האט געטראכט איבער זיין זאנדערבארעס שיקזאל.

אנטינאהועל האט געגעבען א צייכען, אז מען זאל וויטער פאהרען. אלע האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען וויטער געפאהרען א גאנצען טאג. דער אינדיאנער פירסט האט געהאלטעןווארט. דאן טאדעאָ איז געווען פריי און האט געמעגט פאהרען אליין אדער צוזאמען מיט דיא קריעגער.

זיי זיינען יעצט געפאהרען לאנגזאמער, ווייל זיי זיינען שוין געווען זיכער, אז מען וועט זיי ניט נאכיאָגען. פון צייט צו צייט זיינען צוגעקומען קריעגער און הייפטלינגע, וועלכע זיינען אנטלאפען פון דער שלאכט און האבען געמעלדעט דעם טאָקי, וויא אזוי דיא שלאכט האט זיך געענדיגט.

אזוי זיינען זיי געפאהרען א גאנצען טאָג. געגען אבענד האט מען ווידער אויסגעזוכט אן ארט, וואו איבערצונעכטיגען. דאס מאל אבער איז דאן טאדעא געווען אזוי מיעד און אזוי צובראכען, אז קוים האט ער זיך אניעדער געלעגט, איז ער באלד אנטשלאָפען געוואָרען, וויא א שטיין. ער האט ניט געזעהן, וואס עס איז פארגעקומען ביי נאכט אין לאגער, ריכטיגער געזאגט, ער האט ניט בעמערקט, אז איידער זיי זיינען געקומען אהער, האבען שוין אנדערע אינדיאנער אויפגעשלאגען דא זייער לאגער.

76טעס קאפיטעל.

יא אדער ניין.

דאן טאדעאָ האט ניט געוואוסט, אז זיי האבען אנגעיאָגט דיא ערשטע אבטהיילונג אינדיאנער, וועלכע אנטינאהועל האט ארויסגעשיקט פריהער מיט דאניא מאריא און דאניא ראזאריא. ער האט ניט געוואוסט, וויא נאָהענט ער איז לעבען זיין טאָכטער.

אנטינאהועל האט געהייסען, אז מען זאל אוועקפיהרען דיא צוויי פרויען וויטער אביסעל און מען זאל פון זייערט וועגען אויפשלאגען א געצעלט.

דיעזע נאכט איז אנטינאהועל וועניג געשלאפען. פון אלע דערפער און פון אלע אינדיאנער פעלקער, וועלכע וואוינען נאהענט לעבען דער גרענעץ פון דיא שפאניער, זיינען געקומען קאציקען און הייפטלינגע רעדען מיט איהם און פרעגען, וואס זיי זאלען טהאָן. זאלען זיי זיך אונטערגעבען אדער זאלען זיי בלייבען דיא פיינד פון דיא שפאניער און זיי טוידטען, וואו זיי וועלען קענען.

דאן טאדעאָ איז געשלאפען אזוי געשמאק, אז ער האט ניט געהערט, וואָס דיעזע נאכט האט זיך איבערגעטהאן אין לאגער. ווען ער איז אויפגעשטאנען אין דער פריה, האט ער געזעהן מיט שטוינען, אז דער לאגער איז לעדיג. קיינער איז ניטא. קוים אבער האט ער זיך אויפגעהויבען און האט זיך ארומגעקוקט, וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט און וואס עס טהוט זיך ארום איהם, איז צו איהם צוגעקומען א קריעגער, האט זיך פערנייגט פאר איהם העפליך און האט געזאגט:

— מיין פאָטער וועט בלייבען היער, ביז דער טאָקי וועט צוריקקומען פון זיין רייזע. וואָבען שטעהן ארום, מען קען וויטער ניט געהן.

דאס איז געוועזן א דייטליכער בעפעהל פון׳ם טאָקי. דאן טאדעא האט ניט געהאט וואָס צו ענטפערן דארויף. ער איז ארומגעגאנגען איינינע צייט אין לאגער און האט זיך געזעצט אונטער א בוים, וואו ער האט געקענט רוהיג נאכדענקען איבער זיין לאגע. דיא צייט איז פערגאנגען און ער האט עס ניט בעמערקט.

אונטערדעססען איז אין לאגער פאַרגעקומען זעהר וויכטיגעס. אויף דער פרעריע האבען זיך געוויעזען דריי רייטער אין רייכע שפאנישע קליידער. אנטינאהועל האט ארויסגעשיקט עטליכע קריעגער זיי ענטגעגען. ווען זיי זיינען צוגעקומען געגען א מייל וויית פון׳ם לאגער, האבען דיא אינדיאנער זיי געהייסען בלייבען שטעהן.

— וואס פערלאנגען דיא הייפטלינגע פון דיא בלייבע געזיכטער? האט גע־פרעגט דער קאציק פון דיא אינדיאנער.

— געה און זאג דעם טאָקי, אז א קאציק פון דיא ווייסע געזיכטער וויל מיט איהם רעדען.

דער אינדיאנער האט זיך בעליידיגט. וויא זיי האבען פערלארען דיא שלאכט, וויא מען האט זיי געשלאגען, האבען זיי דאך ניט פערלארען זייער שטאלץ. איהם האט פערדראסען, פאר וואס מען האט ניט געבעטען פריהער אן ערלויבניס צו רעדען מיט׳ן טאָקי.

— איך וויל געהן און פרעגען אונזער גרויסען טאָקי, אויב ער האלט אייך פאר ווירדיג מיט איהם צו רעדען, האט דער קאציק געענטפערט שטאלץ.

— געה, שנעל! עס איז זעהר וויכטיג! האט דער שפאניער איהם געאיילט.

— זיים דאך קאלטבליטיג, דאן גרינאריא! האט איינער פון דיא דריי שפאַ־ניער געזאגט צום מאן, וואס האט גערעדט מיט׳ן אינדיאנער.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען אנגעקומען עטליכע רייטער מיט אנטינאהועל אן דער שפיצע און האבען זיך געשטעלט ביים ברעג וואלד. אן אינדיאנער קריעגער האט איינגעלאדען דיא דריי שפאניער, זיי זאלען צוקומען צו איהם.

— וואָס פערלאנגט איהר? האט דער אינדיאנער פירסט זיי געפרעגט שטרענג, גלייך וויא ער וואלט געזיעגט און זיי געשלאגען.

— הער מיך אויס, טאָקי, און בעמערק גוט, וואס איך וועל דיר זאגען.

— זאג, וואס דוא דארפסט, אבער קורץ, האט אנטינאהועל געזאגט שטרענג.

— דאן טאדעא דע לעאָן געפינט זיך ביי דיר אין לאגער.

— געוויס! ער איז מיין געפאנגענער, האט אנטינאהועל געענטפערט.

— ווען דער טאָקי וועט איהם ניט ארויסגעבען ביז מארגען אין דער פריה, וועלען מיר ברענגען אהער דיא פינף און דרייסיג געפאנגענע קאציקען און הייפטלינגע און וועלען זיי דערשיעסען פארן טאָקי׳ס אויגען.

א ווילדעס פייער האט זיך אנגעצונדען אין אנטינאהועל׳ס אויגען.

— איהר מעגט טהאן, וואס איהר ווילט, האט ער געענטפערט גלייכגילטיג. מיין געפאנגענער מוז שטארבען.

— איבערלעגט אייך, טאָקי! איך בין דאן גרינאריא פעראלטא, דער גרעסטער הויפטלינג פון דיא שפאנישע קריעגער, איך שווער אייך, אז קוים וועט איהר ניט בעפרייען דאן טאדעא ביז מארגען אין דער פריה, וועל איך הייסען שיעסען אלע געפאנגענע אינדיאנער, וועלכע געפינען זיך אין אונזערע הענד, זאגאר דיא פרויען און דיא קינדער.

— מיר קענען אייך! איהר זייט בלוטדורשטיגע הינט! האט דער טאָקי גע־ענטפערט. צו ערשט האט איהר צוגענומען אונזער לאנד און יעצט ווילט איהר טוידטען אונזערע פרויען און קינדער.

— גיב אונז אפ דיין געפאנגענעם, האט דאן גרינאריא געבעטען.

— אויף קיין פאל! ער איז מיין פיינד, ער מוז שטארבען!

— איך וואָרן דיך צום לעצטען מאל, טאָקי! איבערלעג דיך! האט אויסגע־רופען דאן גרינאָריא.

דער אינדיאנער פירסט האט אויסגעדרעהט זיין פערד און איז אוועקגעפאה־רען. דאן גרינאריא מיט זיינע בעגלייטער האבען אויך געמוזט אוועקפאהרען זוכען א מיטעל, וויא אזוי צו צווינגען דעם טאָקי, ער זאל בעפרייען דעם געפאנגענעם דאן טאדעאָ.

אנטינאהועל האט זיך איבערגעשראקען פאר דאן גרינאריא. ער האט מורא געהאט, ער זאל ניט צוריקקומען מיט א גרויסע מאכט און זאל ניט אנפאלען אויף זיין לאגער. ער האט באלד געגעבען א בעפעהל, אז זיינע קריעגער זאלען זיך אויפ־זעצען אויף זייערע פערד און זאלען ווייטער פאהרען. ער אליין האט אויסגעזוכט דאן טאדעאָ און האט איהם געזאגט גאנץ העפליך:

— מיין פאָטער וועט מיר ענטשולדיגען, וואס ער האט מיך היינט ניט געזעהן. מיר האבען נאך צו פאהרען א קורצע שטרעקע. הייטע אבענד וועלען מיר אנקומען אין א דאָרף פון דיא פועלטשעס. דארט וועלען מיר זיך שוין אפרוהען.

דאן טאדעא האט גאר ניט געענטפערט. ער האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד.

— לאז מיין פאטער פאהרען מיט מיינע קריעגער, איך וועל איהם אניאָגען, האט דער טאָקי ווייטער געזאגט.

דערביי האט ער א ווינק געטהאן צו אייניגע קריעגער, זיי זאלען ניט אראפ־לאזען פון איהם קיין אויג. ער אליין איז אוועקגעלאפען אויף זיין ווילדעס פערד איבערן בערגעל, וואו עס איז געוועזן דאס געצעלט פארביידע פרויען. ער איז אריינ־געקומען אין געצעלט און האט זיך אומגעקוקט.

דאניא ראזאריא איז געלעגען אויף א פעל פון אן אקס און איז געשלאפען. דאס ארימע מעדכען איז א גאנצע נאכט ניט געשלאפען. דיא קריעגער וועלכע האבען געפיהרט דיא צוויי פרויען זיינען געפאהרען לאנגזאמער פון׳ם טאָקי מיט זיינע קריע־גער. זיי זיינען אנגעקומען גאנץ שפעט ביי נאכט. עס האט געדויערט א גערוימע צייט, איידער מען האט פון זייערט וועגען געמאכט דאס געצעלט. דאניא ראזאריא

איז אנטשלאפען געוואָרען, ווען עס איז שוין געווען גרויסער טאָג און איז געשלאפען גאנץ געשמאק.

אנטינאהועל האט זיא בעטראכט א פּאָר אויגענבליקע. זיא איז געווען בלייך, אבער געטליך שעהן. אין איהר שלאף האט זיך געוויעזען דיא פארב אויף איהרע באקען און זיא איז ווירקליך געווען שעהן צום ענטציקען, שעהן צו מאכען איינעם וואהנזיניג. עס איז קיין וואונדער, וואס זיא האט אין דיעזע מינוט געמאכט אזא טיעפען איינדרוק אויפין ווילדען אנטינאהועל.

ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען, האט זיך אנגעבויגען צו איהר און א הייסער, ברענענדיגער קוש אויף איהרע ליפען האט פערהילכט דאס געצעלט. דאס ארימע מעדכען איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריהטע.

— אוועק פון מיר! האט זיא געשריען ניט מיט איהר קול. — אוועק!

— אוועק? האט דער אינדיאנער פירסט געפרעגט. דוא פערגעסט, אז דוא ביסט מיינע.

— דיינע? — אויף קיין פאל! האט דאניא ראזאריא אויסגערופען. — ליעבער דער טוידט אלס צו זיין דיינע.

— וואס רעדט דאס מעדכען מיטן בלייבען געזיכט? האט אנטינאהועל אויס-גערופען ווילד. ווייס זיא ניט, אז זיא געהערט מיר?

ער איז צוגעגאנגען נעהנטער צו איהר און האט זיא געוואלט ארומנעהמען.

— רעטעט מיך, מאדאם! האט דאס אונגליקליכע מעדכען געשריען. רעטעט מיך פון שאנדע!

דאניא מאריא איז געלעגען אין אנאנדער ווינקעל אין געצעלט. זיא האט געזעהן אלעס, וואס דא איז פּאָרגעקומען און האט זיך געמאכט שלאָפענדיג. ווען דאניא ראזאריא אבער האט אנגעהויבען צו שרייען ניט מיט איהר קול: רעטעט מיך! האט דאניא מאריא אויפגעהויבען דעם קאפּ און געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער:

— האב איך דיר דען ניט געזאגט, וואס פאר א שיקזאל עס ערווארטעט דיך? ווייסט דוא דען ניט, אז דיינע ליידען מאכען מיר פערגניגען?

— אך! האט געזיפצט דאס אונגליקליכע מעדכען, א ווייסע פרוי זאל ניט וועלען העלפען אנאנדערע ווייסע! דאן פלוך איבער אייך, הערצלאזע, געפיהללאָזע פרוי!

שנעל, וויא דער בליץ, האט זיא ארויסגעחאפּט דאס מעססער, וועלכען זיא האט געהאלטען אין בוזעם.

— ווען איהר ווילט מיך ניט רעטען, וועט מיך רעטען דיעזעס אייזען!

אנטינאהועל איז צוגעשפרונגען צו איהר, וויא א טיגער, ביי וועלכען מען וויל ארויסרייסען א שטיק פלייש פון מויל, און האט זיא אנגעחאפּט ביי דער האנד. אין דיעזע מינוט האט זיך דאניא מאריא אויפגעהויבען און האט איהם געמאכט עפּעס א צייכען.

אנטינאהועל האט אפּגעלאזען דאניא ראזאריא, האט זיך פאר איהר פערניינט און האט געזאגט העפליך, גלייך וויא עס וואָלט גאר ניט געשעהן:

— לאז מיר מיין שוועסטער ענטשולדיגען. איך האב געשפאסט; איך האב געוואָלט זעהן, אויב מיין שוועסטער איז מוטהיג. מיין פערשטאנד איז צוריקגעקומען צו מיר. איך זעה, אז מיין שוועסטער איז טאפּפער, וויא דיא קריעגער פון דער פרעריע.

ער האט זיך נאך אמאל פערנייגט און איז ארויסגעגאנגען פון געצעלט הייסען זיינע קריעגער אויפברעכען דעם לאגער.

באלד זיינען אלע קריעגער געזעסען אויף זייערע פערד. מען האט אויפגעזעצט דאניא ראזאריא און דאניא מאריא אויף צוויי שטארקע פערד. אייניגע קריעגער זיינען געפאהרען ארום זיי אום זיי צו דיענען, ריכטיגער געזאגט, אום זיי צו בעוואכען.

מען איז ווייטער געפאהרען א גאנצען טאג. דאָניא מאריא האט אנגעהויבען מיט איהר צו רעדען און איז געווארען מיט איהר גאר פריינדליך. דאס אונגליקליכע מעדכען האט זיך צוואר געוואונדערט; זיא האט אבער גערעכענט, אז דיא אורזאכע איז, וואס זיא האט געזאגט, אז זיא וויל זיך טוידטען. זיא האט שוין עטליכע מאל בעמערקט, אז דאָניא מאריא וויל, אז זיא זאל בלייבען לעבען.

דער טאג איז געוועזן א הייסער. זיי זיינען געפאהרען זעהר שנעל. ביידע פרויען זיינען געווארען מיעד. דאניא ראזאריא איז געווארען דורשטיג.

— אך, וואו נעהמט מען אביסעל וואסער! האט זיא געזיפצט און האט געקוקט אין אלע זייטען, פיעללייכט וועט זיא דערזעהן א טייך.

— דוא ווילסט א טרונק, קינד? האט דאניא מאריא געפרעגט פריינדליך. איך האב דא אין א לעדערנע פלאש אביסעל טשיקא. טרינק, קינד! עס איז נאך וויט צו א טייך.

דאָניא ראזאריא האט אנפאנגס ניט געוואלט טרינקען, וואס איהר פיינדין האט איהר גיגעבען. דער דורשט אבער האט זיא זעהר געפּלאגט און, ווען זיא האט געזעהן, אז דאניא מאריא טרינקט אויך פון דער פלאש, האט זיא ענדליך איינגעווילינט צו טרינקען אביסעל טשיקא. דאס איז דאך דאס איינציגע געטרענק, מיט וועלכען דיא אינדיאנער קוויקען זיך אויף זייערע רייזען אין דער פרעריע.

זיא האט גענומען דיא לעדערנע פלאש און האט זיך אנגעטרונקען.

— איך דאנק אייך, ווער איהר זייט און וויא שלעכט איהר האט געהאנדעלט מיט מיר, האט זיא געזאגט צו איהר פיינדין. איהר האט מיר גערעטעט דאס לעבען.

מען איז געפאהרען ווייטער. דיא זון איז שוין געשטאנען גאנץ ניעדעריג אויפ'ן הימעל. דער טאג האט זיך געענדיגט. באלד איז דיא זון אונטערגעגאנגען און עס איז געוואָרען פינסטער.

— וואס איז מיט מיר? האט דאניא ראזאריא פּלוצלונג געמורמעלט. איך פיהל, אז דער קאָפּ ווערט מיר שווער, דיא אויגען קלעפּען זיך. — איך וויל שלאָפען. — אך! איך בין מיעד — איך וויל מיך אפּרוהען. — איך קען ווייטער ניט פאהרען — העלפט מיר! — שלאָפען! — איך — וויל — שלאָפען — מיעד — מיינע גליעדער — ויינען — וויא אנגעגאָסען מיט — בליי — שלאָ — פען —.

זיא איז שיער ניט אראפּגעפאלען פון'ם פערד. דיא צוויי קריעגער, וועלכע זיינען געפאהרען לעבען איהר, זיינען צוגעלאָפען צו איהר און האָבען זיא אנגעחאפּט

ביי דיא הענד. זיא האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און איז באלד אנטשלאָפען געוואָרען מיט א האַרטען, שווערן טוידטעס שלאָף. איינער פון דיא קריעגער האט זיא גענומען אויף דיא הענד, וויא א קינד, און האט זיא ארויפגעלעגט אויפ׳ן זאָטעל לעבען זיך.

דאָניא מאריא האט צוגערופען צו זיך דעם קריעגער, וועלכער האט געפיהרט דאָניא ראזאריא, און האט זיא בעטראַכט איינינע מינוטען.

— עס האט געווירקט, האט זיא געזאגט צו זיך אליין. זיא שלאָפט. זיא וועט שלאָפען איינינע שטונדען. איך וועל מיך נוקם זיין אָן דאָן טאדעאָ.

עס איז געוואָרען פינסטער. מען איז אָנגעקומען צו אן אינדיאנער דאָרף, וואו אנטינאַהועל האט געהייסען, מען זאל בלייבען שטעהן אויף נאכט לאנער.

77טעס קאַפּיטעל.

אַ ט י נ ע ר י ן.

קוים האט אנטינאַהועל געהייסען בלייבען שטעהן, זיינען אלע קריעגער אראָפּ פון זייערע פערד, האבען זיי אפּגעזאטעלט און געלאָזען ארומלויפען אין דער פרייע ארום. פארביידע פרויען האט מען אנגעוויעזען א שטוב, וואו זיי זאלען נעכטינען. דאניא מאריא איז אראָפּגעגאנגען פון איהר פערד און איז ארייננעגאנגען אין שטוב. דאניא ראזאריא איז נאך אלץ געשלאָפען. מען האט זיא ארייננעטראגען אין שטוב און אניעדערגעלעגט אויף אן אינדיאניש בעטעל — פיער פלעקער ארייננעשלאגען אין דער ערד און אויף זיי איז צוגעבונדען א פעל פון אן אָקס.

אין לאגער האט מען צולעגט גרויסע פייערן און דיא אינדיאנער קריעגער האבען זיך געשטעלט קאכען זייער עסען. אנטינאַהועל איז ארומגעגאנגען אין לאגער, האט אויסגעשטעלט וואכען און האט אויסגעטהיילט בעפעהלע.

קוים האט זיך דאָניא מאריא אביסעל אפּגערוהט, איז זיא צוגענאנגען צום מערכען זעהן, אויב זיא שלאפט נאך געשמאק, וויא פריהער. ווען זיא האט זיך איבערציינגט, אז זיא שלאפט נאך געשמאק, איז זיא ארויסגעגאנגען זוכען דעם אינדיאנער פירסט. זיא האט איהם אויך באלד געפונען.

— איך האב געהאלטען, וואס איך האב פערשפּראָכען מיין ברודער, האט זיא איהם געזאָגט שטילערהייט.

— וואָס טהוט דאס מיִדכען?

— זיא שלאָפט, האט דאניא מאריא געענטפערט און א זאנדערבארער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף איהר געזיכט.

זיא איז יעצט געוועזען העסליך, אבשייליך. דיא וואונד אויף איהר באק האט זיך אנגעהויבען צו פערהיילען. איהר געזיכט אבער איז דאדורך געוואָרען זעהר אבשייליך.

— גוט! האט אנטינאַהועל געענטפערט און האט געוואלט געהן צום הויז, וואו דאָניא ראזאריא איז געשלאָפען.

פּלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן. ער האט זיך עפּעס דערמאנט. ער האט זיך געווענדעט צו דאניא מאריא און האט זיא געפרעגט:

— וויא לאַנג וועט דאס מעדכען שלאָפען ?

— ביז מאָרגען.

— מיין שוועסטער איז קלוג און געשייט. איך וויל וויזען מיין שוועסטער, אז איך בין דאנקבאר און האלט מיין ווארט.

— וואס מיינט מיין ברודער ? האט דאניא מאריא געפרעגט פערוואונדערט. איך וויים ניט, פון וואס פאר א ווארט ער רעדט.

— מיין שוועסטער האט שוין גאר פערגעסען, אז זיא האט א פיינד, פון וועלכען זיא האט זיך געוואלט נוקם זיין.

— דאָן טאַדעאָ ! האט דאניא מאריא אויסגערופען.

— יאַ ! ער איז אויך מיין פיינד. ער איז דער פיינד פון מיין פאמיליע.

— אָבער וואו איז ער דען?

— ער איז אין מיינע הענד.

— דאָן טאַדעאָ איז מיין ברודערס געפאנגענער ? דאס קען ניט זיין!

— ער איז דאָ אין לאגער, האט דער אינדיאנער פירסט געזאגט ערנסט.

— ענדליך ! האט דאָניא מאריא אויסגערופען פול פרייד. — ענדליך איז מיין ערגסטער פיינד אין מיינע הענד ! ענדליך קען איך מיך נוקם זיין אן דעם מענשען, וועלכער האט מיך אזוי בעליידיגט און אזוי ערניעדריגט.

— מיין שוועסטער מעג איהם יעצט בעליידיגען און ערניעדריגען, וויא פיעל זיא וויל.

— אָך, ניין! איך האב פאר איהם נור איין שטראפע, אבער דיעזע שטראפע איז א שרעקליכע ! האט זיא אויסגערופען מיט א ווילדען אונמענשליכען געלעכטער.

אנטינאהועל האט אויף איהר א קוק געטהאן. ביים רויטען שיין פון'ם פייער, לעבען וועלכען זיי זיינען ביידע געשטאַנען, איז איהר געזיכט מיט דער ניט גאנץ פערהיילטער וואונד געוועזן שרעקליך ווילד. אַנטינאהועל האט א ציטער געטהאן, ווען ער האט דערזעהן דיעזען ווילדען אויסדרוק פון איהר געזיכט.

— פרוי, היט דיך ! האט ער געזאגט, געה ניט צו ווייט ! דאס לעבען פון דיעזען מענשען געהערט מיר. איך האב איינגעשטעלט מיין לעבען, איידער איך האב איהם געפאַנגען. איך האב מיר אן איהם נוקם צו זיין פאר אן אלטע בעליידיגונג.

— לאָז זיך מיין ברודער ניט שרעקען, האט דאניא מאריא געענטפערט מיט א ביטערן געלעכטער. איך בין ניט קיין מאַן. מיין וואפען איז קיין אייזען און קיין בליי — מיין וואפען איז מיין צונג. — איך וועל צוריק געבען מיין ברודער זיין געפאַנגענעם גאנץ, אונבעשעדיגט.

— איך קען דיא וואפען פון מיינע שוועסטער. עס איז שארפער פון א שווערד און שנעלער פון א קוגעל.

— איך פערזיכער אבער מיין ברודער, אז איך וועל איהם צוריקגעבען זיין געפאַנגענעם געזונד און שטארק, האט דאָניא מאריא געשריען. — וויין מיר איהם ! איך וויל איהם זעהן.

דער אינדיאנער פירסט האט געטראכט איינינע אוינענבליקע. ער האט זיך איבערלעגט. ער האט היינט אין דער פריה געוואלט ווייזען דאָן גרינאָריא, אז ער איז שטאלץ און עס הארט איהם ניט, וואס דיא שפאניער האבען געזיענט. ער האט געענטפערט שטאלץ, אז דאן טאדעאָ מוז שטארבען. אין דער וואהרהייט אבער האט ער געציטערט פאר דיא שפאניער. ער האט מורא געהאט, אז דאן גריגאָריא זאל ווירקליך ניט אויספיהרען דאָס, וואס ער האט געדראהעט היינט אין דער פריה. ער קען נעהמען אלע געפאנגענע אינדיאנער מיט זייערע פרויען און קינדער און זיי דער־שיסען פאר אנטינאהועלס אויגען.

דאס טאר ער ניט דערלאזען! אבער וויא אזוי קען ער עס ניט דערלאזען? — ער מוז ארויסגעבען דעם געפאנגענעם דאָן טאדעאָ.

אנטינאהועל איז געווען א גוטער פּאָליטיקער. ער האט געוואלט געווינען צייט. ער האט זיך געוואָלט בעראטהען מיט זיינע קאציקען און מיט זיינע הייפטלינגע. דאן טאדעא'ס לעבען איז יעצט ביי איהם געווען זעהר טהייער. דורך איהם קען ער גע־ווינען זעהר פיעל.

דאס האט ער געטראכט, איידער ער האט ערלויבט דאניא מאריא, זיא זאל איהם זעהן. ווען זיא האט איהם אבער פערזיכערט, אז זיא וועט איהם שטראפען נור מיט איהר צונג, האט ער עס איהר ענדליך ערלויבט. ער אליין האט נאך געהאט פיעל צו טהאן. ווען דאניא מאריא איז אוועקגעגאנגען צום ארט, וואו ער האט איהר אנגעוויזען, אז דארט געפינט זיך דאן טאדעא, האט אנטינאהועל געזאגט צו זיך אליין:

— נור פרויען ווייסען, וויא אזוי צו האסען. מיר מענער, זיינען צו ווילד און צו גראָב דערצו.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען. ער האט נאך היינט ביי טאָג געשיקט א הויפטלינג צו דאן גרינאָריא, אז ער וויל רעדען מיט איהם אליין און ער האט יעצט געווארט אן אנטוואָרט פון איהם.

דאן טאדעאָ איז געווען זעהר מיעד פון דער היינטינער רייזע. ער האט זיך געזעצט אונטער אַ בוים ניט ווייט פון א פייער און האט זיך פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען. ער האט געדענקט פון זיין טאכטער. — וואו איז זיא יעצט? זוכט מען זיא? האט מען זיא געפונען? לעבט זיא נאך? — דער אונגליקליכער פאָטער האט ניט געוואוסט, וויא נאהענט זיין קינד איז לעבען איהם.

ער איז געזעסען אזוי פערטראכט א לאנגע צייט. ער האט זיך ניט צוגעקוקט, וואס עס טהוט זיך ארום איהם, ער האט זיך ניט צוגעהערט, וואָס מען רעדט ארום איהם. וויא אַ בילד פון טרויער און פערצווייפלונג, איז ער געזעסען אונטערן בוים און האט געקוקט צו דער ערד, גלייך וויא ער האט ערווארטעט, אז פון דער ערד זאל ארויסשפּראָצען דיא הילף פאר איהם און פאר זיין טאָכטער.

— וואס זייט איהר אזוי פערטראכט, דאן טאדעאָ דע לעאָן? האט פּלוצלונג אויסגערופען א הייזעריגע שטימע איבער זיין קאָפּ.

דאן טאדעאָ האט א ציטער געטהאן און האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דיא שטימע איז איהם געוועזן בעקאנט. ער האט דערזעהן פאר זיך דאניא מאריא.

— אהה, איהר זייט עס! האט ער אויסגערופען. מיך וואונדערט, וואס איך האב אייך ביז אהער ניט געזעהן צווישען דיא אינדיאנער.

— אזוי? איהר וואונדערט זיך? האט דאניא מאריא געזאגט פערביסען. איך מיין, אז איך וואלט עס גאר ניט געוועזן אזוי אנגענעהם מיך צו זעהן. — אלענפאלס האב איך יעצט נאך אמאל דאס פערגניגען אייך צו זעהן.

— דער טינער האט א פערגניגען, ווען ער דערשמעקט בלוט. האט דאן טאַ־דעאָ געזאגט טרויעריג.

— מיך רופט איהר א טינער? — מיך? — דיא פרוי, וועלכע איהר האט אמאל אזוי שטארק געליעבט? — דיא פרוי, וועלכע טראגט נאך אייער נאמען? — איהר פערגעסט, אז מיר זיינען נאך מאן און ווייב פאר גאט און פאר מענשען.

דאן טאדעאָ האט געווארפען אויף איהר א פינסטערן בליק, פול פעראכטונג, און האט געשוויעגען. דאס האט פערדראסען דאניא מאריא. פעראכטונג איז דיא גרעסטע בעליידיגונג, בעזאנדערס פאר א פרוי.

— איהר שווייגט? האט זיא געזאגט מיט א ביטערן שפאט. איהר מוזט מיך דאך אנערקענען אלס אייער פרוי. עס וועט אייך גאר ניט העלפען. איהר זייט מיין מאן. א פריעסטער אין א קירכע האט אונז פעראייניגט אויף אייביג.

— הערט מיך אויס, מאדאם, דאן טהוט, וואס איהר ווילט. — איהר מעגט רעדען פון היינט ביז מארגען; איהר מעגט מיך בעליידיגען, וויאפיעל איהר ווילט; איהר מעגט אויסטראכטען אלע מעגליכע פלאנען, וויא אזוי מיך צו קרענקען, וויא אזוי מיך צו רייצען — איך וועל אייך ניט ענטפערן! אייערע רייד, אייער געלעכטער און אייערע טרערין זיינען פאר מיר דאס רוישען פון׳ם ווינד און דיא בלעטער פון דיא ביימער. מיינע פעראכטונג איז שטארקער און גרעסער פון אייער רעדען און אייער שרייען. — איך רעד צו אייך צום לעצטען מאל.

ער האט זיך אנגעשפארט אן בוים און האט אראפגעלאזען דיא אויגען צו דער ערד, גלייך וויא קיינער וואָלט ניט געשטאנען לעבען איהם.

— אָה, מיין ליעבער מאן! איך וועל שוין געפינען מיטעל, וויא אזוי אייך צו צווינגען, איהר זאָלט רעדען מיט מיר, האט זיא אויסגערופען. — איך קען אייך זעהר גוט, איהר שטאָלצע מענער! איהר זייט גוט און פרום; איהר זייט שטענדיג גערעכט. מיר, אָרימע פרויען, מיר זיינען שלעכט, מיר זיינען פערדאָרבען, מיר זיינען שטענדיג אונגערעכט. — געוויס, געגען אייך בין איך שטענדיג געוועזן אונגערעכט. איהר זייט שטענדיג געוועזן גוט און עדעל; איך בין געוועזן שלעכט און פערדאָרבען. — איך האב ביי אייך צוגעגנב׳עט אייער קינד, ניט איהר האט עס ביי מיר געגנב׳עט. — איז עס ניכט וואהר? —

דאן טאדעאָ האט ניט געענטפערט.

— אזוי? איהר ווילט ניט ענטפערן, האט דאניא מאריא ווייטער געזאגט. — נו, גוט! לאמיר אויפהערן צו רייצען איינער דעם אנדערן; לאז שוין זיין גענוג

פריעגען זיך און בעליידיגען איינער דעם אנדערן. לאמיר ענדליך רעדען אן ערנסטעס וואָרט — נו, לאז זיין, וויא איהר זאגט — צום לעצטען מאל אין אונזער לעבען.

דאן טאדעא האט זיך ניט געריהרט. ער איז געבליעבען זיצען אונטער זיין בוים, וויא פערשטיינערט.

— הערט מיך אויס, דאן טאדעאָ, האט דאניא מאריא וויטער געזאגט. איהר זייט יעצט א געפאנגענער ביי אייער שרעקליכסטען פיינד. איהר ווייסט זעהר גוט, וויא אזוי דיא אינדיאנער זיינען זיך נוקם אן זייערע פיינד. אייך ערוואַרטעט א שרעקליכעס, טרויעריגעס שיקזאל. מען וועט אייך מארטערן. מען וועט אייך אנטהאן שרעקליכע ליידען. עס איז זעהר מעגליך, אז אין א שטונדע ארום וועט זיך אנהויבען אייער שטראפע, אייערע ליידען און אייער טוידט. איהר ווייסט, וואָס עס הייסט שטארבען אויף דעם מארטירער זייל ביי דיא אינדיאנער.

יעצט אבער הערט מיך אויס אויפמערקזאם. איך קען אייך געבען דיא מיטעל צו אנטלויפען. איך קען אייך ברענגען צוריק צו אייער היים, איך קען אייך ברענגען קיין סאנט יאגא, וואו עס ערוואַרטעט אייך דיא גרעסטע עהרע, וואס א מענש קען האבען: איהר קענט ווערן פרעזידענט פון דער רעפובליק! וועהלט איינס פון דיא ביידע: ענטוועדער איהר זאלט שטארבען אין שרעקליכע ליידען אונטער דיא הענד פון דיא ווילדע אינדיאנער, אָדער איהר זאלט זיין פריי, קומען אהיים און בעקומען דיא גרעסטע עהרען.

איך פערלאנג פון אייך נור איין זאך: גיט מיר אפּ מיין טאָכטער! איך וועל טהאן פון אייערטוועגען אלעס. איך וועל אייך רעטען, איך וועל אייך בעשיצען, איך וועל אייך ברענגען קיין סאנט יאגא — נור גיט מיר אפּ מיין טאכטער!

דאן טאדעאָ האט געשוויעגען. ער האט זאגאר ניט געגעבען קיין צייכען, אז ער הערט, וואס זיא רעדט צו איהם. דאניא מאריא איז געשפרונגען, וויא א וואהנזיניגע.

— דאס איז א שטיק אייזען און ניט קיין מענש! האט זיא אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין איהר שטימע. — דאס איז א טייפעל און קיין מענש! — אך! מיט וואס פאר א פערגניגען וועל איך זעהן, וויא מען וועט פון איהם רייסען שטיקער!

באלד אבער האט זיא זיך צוריקגעכאפּט.

— ענטשולדיגט מיר, דאן טאדעאָ, וואס איך האב מיך אזוי אויסגעדריקט. האט זיא געבעטען. איך בין אויפגערעגט, איך בין געקרענקט און וויים ניט, וואס איך רעד. — האט מיטלייד מיט מיר, דאן טאדעאָ! איך בין אן אונגליקליכע, פערוואָרפענע פרוי, מיין איינציגע טרייסט, מיין איינציגע פרייד אין לעבען איז מיין קינד. — גיט מיר אפּ מיין קינד!

זיא איז געפאלען פאר דאן טאדעא אויף דער ערד און האט איהם געקושט דיא פים.

— גיט מיר אפּ מיין קינד, דאן טאדעא! ערניעדעריגט מיך, בעליידיגט מיך, קרענקט מיך, שטראפט מיך, וויא איהר ווילט; איך וועל מיט אלעמען צופריעדען זיין — נור גיט מיר אפּ מיין קינד!

און הייסע בלוטיגע טרערין האבען זיך געגאסען פון איהרע אויגען.

— געהט אייך אוועק פון מיר, מאדאם! איז געווען דאן טאדעאָ'ס איינציגע אנטוואָרט.

— איז דאס דיין איינציגע אנטוואָרט, דאָן טאדעאָ? איך האב מיך ערניע־דעריגט פאר דיר, איך בין געלעגען פאר דיר אויף דער ערד און דוא האסט פאר מיר קיין אנדערע אנטוואָרט אלס: געה דיר אוועק! — היט דיך, דאן טאדעאָ! דוא טרייבסט מיך אין פערצווייפלונג! דוא צווינגסט מיך צו טהאן זאכען, וועלכע איך וואלט קיין מאל ניט געטהאן. — היט דיך!

— דיין געגענוואָרט איז פאר מיר דיא גרעסטע שטראפע, האט דאן טאדעאָ געזאגט קאלט.

דאָניא מאריא איז אויפגעשפרונגען, וויא א געררייצטע טיגערין.

— נארישער, אונפערשטענדיגער מענש! האט זיא אויסגערופען. מיינסט דוא, אז נור דוא אליין געפינסט זיך אין מיינע הענד? מיינסט דוא, אז איך וועל שטראפען נור דיך אליין?

דאן טאדעאָ האט א ציטער געטהאן.

— וואס מיינט איהר דער מיט, מאדאם? האט ער אויסגערופען אונרוהיג.

— אהאָ! ענדליך האב איך געטראפען דעם ריכטיגען פונקט! —

— זאג! רעד! ערקלער, וואס מיינסט דוא דערמיט! האט דאן טאדעאָ יעצט געבעטען.

— און ווען איך זאל ניט וועלען רעדען? האט דאניא מאריא יעצט געלאכט מיט א ביטערן געלעכטער, וואס וועסט דוא מיר טהאן? — אבער ניין! איך בין גאר ניט אזוי שלעכט, וויא דוא מיינסט, דאָן טאדעאָ. איך וויל דיך ניט אזוי מארטערן, וויא דוא האסט מיך געמארטערט. — קום מיט מיר, דאן טאדעאָ! קום! איך וועל דיר וויזען דיא פרוי, וועלכע דוא האסט געזוכט אזא לאנגע צייט און האסט זיא ניט געקענט געפינען. — קום און זעה, אז איך בין בעסער און גוטהער־ציגער פון דיר.

דאָן טאדעאָ איז אויפגעשפרונגען, וויא אן אפגעבריחטער. א שווערעס געפיהל האט איהם געדריקט. זיין הערץ האט איהם געזאגט, אז עס שטעהט איהם פאָר עטוואָס שרעקליכעס.

— קום, פיהר מיך! האט ער געבעטען.

דאניא מאריא איז געגאנגען פאָראויס, דאָן טאדעאָ איז איהר נאכגעגאנגען.

78טעם קאפיטעל.

א דאָנער־שלאג.

איינינע אינדיאנער קריעגער האבען געזעהן מיט שטוינען, וויא דיעזע צוויי בלייכע געזיכטער, דאניא מאריא און דאן טאדעאָ, געהן איינער נאכן אנדערן. זיי האבען בעמערקט, אז ביידע זיינען זעהר אונרוהיג און זעהר אויפגערעגט. עס איז זיי געווען א וואונדער, וויא עס קומט, וואס דיעזע צוויי מענשען געהן צוזאמען. קיינער אבער האט ניט געוואגט, זיי אויפצוהאלטען.

ביידע זיינען אריינגעלאָפען אין שטוב, וואו דאניא ראזאריא איז געלעגען אויף

בעט וויא א טויטע. אין שטוב איז געווען פינסטער. דאניא מאריא איז געגאנגען ברענגען א שטיק ברענענדעס האָלץ, א קינעלע. קוים איז זיא אריינגעקומען מיט דער קינעלע און איז צוגענאנגען צום בעט, וואו דאס ארימע מעדכען איז געשלאָפען, האט דאן טאדעא אויסגערופען, וויא א וואהנזיניגער:

— זיא איז טויט! דוא האָסט זיא געטויטעט!

— ניין דאן טאדעאָ! זיא איז ניט טויט. זיא שלאָפט נור!

— דאס איז אבער קיין נאטירליכער שלאָף! האט געשריען דאן טאדעאָ. זיא וואָלט זיך געדארפט אויפחאפען פון מיינע געשרייען!

— עס איז קיין נאטירליכער שלאָף, האט דאניא מאריא געענטפערט קאַלטבלוטיג.

דאן טאדעא האט אויף איהר געוואָרפען א ווילדען בליק, פול מיט צאָרן און פעראכטונג. זיא האט איהם פערשטאנען.

— עס איז געווען נעטהיג פאר מיינע פלאנען, אז זיא זאל שלאפען א געוויסע צייט, האט דאניא מאריא ערקלערט.

דאן טאדעא האט אויפגעהויבען דיא הענד און איז געבליעבען שטעהן, וויא א סטאטוע. ער האט ניט געקענט ארויסרעדען א וואָרט. פאר איהם איז געלעגען זיין טאָכטער, זיין געליעבטעס קינד, וועלכעס ער זוכט שוין אזא לאנגע צייט און ער קען מיט איהר ניט רעדען!

— דוא שווייגסט שוין ווידער, דאן טאדעא? האט דאניא מאריא געפרעגט. דוא פערשטעהסט מיך ניט? דוא ווייסט ניט, צו וואס איך האב עס געטהאן, אז דאס מעדכען זאל שלאָפען? — נו, גוט! איך וועל עס דיר ערקלערן. — דוא ליעבסט דיזע פרוי. דוא ליעבסט זיא שטארק —

— יא, איך ליעב זיא, האט דאן טאדעא געמורמעלט. איך ליעב זיא מעהר, וויא מיין לעבען —

— דאס וויים איך, דערפאר האב איך זיא ביי דיר צוגענומען.

— אונגליקליכע! וואס האָסט דוא געטהאן? האט דאן טאדעא אויסגערופען אויסער זיך.

— איך האב אנדערש ניט געקענט, דאן טאדעא! איך האב געוואָלט מיך נוקם זיין אן דיר. איך האב געוואָלט דיר בעצאהלען מיט ליידען און שמערצען דערפאר, וואס דוא האָסט אוועקגערויבט מיין קינד.

— עלענדע, אונגליקליכע! וואס האָסט דוא געטהאן? האט דאן טאדעא גע-שריען איין מאל נאכ'ן אנדערן.

— איך זאג ניט, אז איך האב גוט געטהאן. איך זאג נור, אז איך האב אנדערש ניט געקענט. ביז אהער פלעגסט דוא זאגאר ניט וועלען רעדען מיט מיר. יעצט מוזט דוא מיט מיר רעדען, יעצט ועסט דוא מוזען מיר זאגען, וואס איך וועל פון דיר פערלאנגען.

— אך! וואס פאר א ניעדערטרעכטיגקייט האָסט דוא אויסגעקלערט מיך צו מארטערן! האט דאן טאדעא געמורמעלט צווישען דיא צעהנער.

ער האט געפיהלט, אז ער וועט עס ניט אויסהאלטען, אז זיין הערץ ווערט איהם צוריסען אויף שטיקער. דאניא מאריא האט פון איהם קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזען. זיא האט געזעהן, וואס פאר א שווערער קאמפף עס קומט פאָר אין איהם און זיא איז געוועזן דערמיט צופריעדען.

— דאס איז נאך ניט אלעס, האט זיא געזאגט גאנץ רוהיג. — אנטינאהועל, דיין ערגסטער פיינד ; אנטינאהועל, דער פיינד פון אלע וייסע מענשען, איז פערליעבט אין דיעזער פרוי. ער ליעבט זיא צום שטארבען. —

— וואס רעדסט דוא ? האט דאן טאדעא געפרעגט און האט אנגעהויבען צו ציטערן.

— איך דערצעהל דיר וואס איך האב געטהאן, האט דאניא מאריא געענטפערט גלייכגילטיג. איך האב פערקויפט דיעזע פרוי, וועלכע דוא ליעבסט אזוי שטארק צום אינדיאנער פירסט. ווארום ניט ? זיא געהערט מיר. איך מעג מיט איהר טהאן, וואס איך וויל. איך האב זיא פערקויפט צו אנטינאהועל. ער האט זיך געוואָלט צוריהרען צו איהר. זיא האט ארויסגעחאפט א מעסער און האט געוואָלט זיך שטעכען.—

— גוטעס, ערעלעס קינד ! האט דאן טאדעא געברומט, וויא א פערוואונדעטער לייב.

— איך זאג אויך, אז זיא איז אן ערעלעס מעדכען, האט דאניא מאריא געלאכט; דערפאר האב איך אויף איהר רחמנות געהאט. זיא איז נאך אזוי יונג און איז אזוי שעהן, אז עס איז א שאדע, זיא זאל שטארבען אזוי גיך. איך האב איהר דערפאר געגעבען שלאָפנעטרענק — אביסעל אָפּיום, ניט מעהר. יעצט איז זיא אין אנטינאהועל׳ס מאכט. — נו ? וואס זאגסט דוא, דאן טאדעא ? האב איך דערגרייכט מיין ציעל ?

דאן טאדעא איז געשטאנען, וויא איינער, וואס איז פערארורטהיילט צום טויט, ווען מען לעזט פאָר זיין טאָדעס אורטהייל. ער האט געוואָלט עפּעס זאָגען, אבער דיא ווערטער זיינען פערקיהלט געוואָרען אויף זיינע ליפּען. ער האט נור געברומט, וויא א פערוואונדעטעס טהיער.

— איהר שווייגט, דאן טאדעא ? האט דאניא מאריא געלאכט. איהר האט גאר ניט מיר צו זאגען ?

דאניא מאריא׳ס געלעכטער האט איהם ענדליך ארויסגעריסען פון זיין שרעקליכען צושטאנד. ער האט ענדליך אויסגערופען ניט מיט זיין קול:

— עלענדע, אונגליקליכע פרוי ! ווייסט דוא, וואס דוא האָסט געטהאן ? — אך גאָט ! וויא קען א מוטער בעוואוסט, איבערלעגט און איבערעכענט פלאגען און מאַרטירען איהר אייגען קינד ? וויא איז עס מעגליך, אז א מענש זאל טהאן אזוי פיעל שלעכטעס זיין אייגענעס בלוט און פלייש ?

— קינד ? האט דאניא מאריא אויסגעשריען. דוא האָסט דערמאנט דאס וואָרט קינד. — יא ! גיב מיר־צוריק מיין קינד ! — גיב מיר אפּ מיין טאָכטער און איך וועל דיר אפּגעבען דיעזע פרוי. — זאג מיר וועניגסטענס, וואו געפינט זיך יעצט מיין טאָכטער ! — גיב מיר צוריק מיין קינד !

— אייער טאָכטער? אונגליקליכע פרוי! וויא טאָרסט דוא נאר דענקען פון דיין אונשולדיגער טאָכטער? מיינסט דוא, אז דיין טאָכטער וועט דיך ליעבען און בעטראַכטען אלס מוטער?

— פאר וואס ניט? א טאָכטער קען ניט האסען איהר מוטער. מיין קינד, מיין פלייש און בלוט וועט מיך געווים ליעבען און אכטען.

— אזוי? האט דאן טאדעא אויסגערופען מיט א ביטערן, וואהנזיניגען געלעכטער. — אזוי מיינסט דוא? — נו! פרעג דיין טאָכטער!

מיט דיעזע ווערטער האט ער געוויזען אויפ'ן בעט, וואו דאניא ראזאריא איז געשלאָפען פון'ם שלאפטרונק און איז געלעגען, וויא א טויטע.

וויא פון א דונער געטראָפען, איז דאניא מאריא אויפגעשפרונגען. איהר געזיכט האט זיך פערענדערט. איהרע ליפען האבען זיך צוזאמען געצויגען און א ווייסער שוים האט זיך געוויעזען אויף זיי.

— וואס זאָגסט דוא? האט זיא געשריען, וויא א וואהנזיניגע. — זאג עס נאך א מאל, דאן טאדעא! — וואס האָסט דוא געזאגט?

— איך האב געזאגט, אז דיעזעס אונשילדיגע קינד, וועלכעס דוא האָסט אזוי געפלאגט און געמארטערט — איז דיין איינענע טאָכטער — הערסט דוא מיך? — פערשטעהסט דוא מיך? — דא אויפ'ן בעטעל ליעגט דיין איינציגעס קינד און שלאָפט, וויל דוא אליין האָסט איהר געגעבען שלאפטרונק. — איך זאג דיר, אז אָט ליעגט דיין טאכטער, וועלכע דוא האָסט פון מיר פערלאנגט. — דוא האָסט געמיינט, אז דוא מארטערסט א פרעמדע. — דוא האסט געמארטערט דיין אייגען קינד!

אייניגע סעקונדען איז דאניא מאריא געבליעבען שטעהן, וויא א דערשלאגענע. זיא האט ניט געקענט ארויסרעדען א וואָרט. פלוצלונג האט זיא זיך צולאַכט מיט א ווילדען געלעכטער.

— דוא נאררסט מיך אָפּ, דאן טאדעא? דוא שפּיעלסט מיט מיר קאמעדיא! דוא ווילסט מיך קרענקען!

— אונגליקליכע! דערקענסט דוא ניט דיין אייגען קינד?

— ניין! דאס איז ניט מיין טאָכטער! דאס איז א פרעמדע! דאס איז דיין געליעבטע! — איך גלויב דיר ניט. מיין מוטערהערץ וואָלט מיר געזאגט, אז דאס איז מיין קינד. דיא נאטור וואלט עס ניט דערלאָזען, אז א מוטער זאָל מארטערן איהר אייגען קינד.

— עלענדע, אונגליקליכע פרוי! דוא ביסט געוועזען אזוי בלינד אין דיין האס צו מיר, אז דיין מוטערהערץ האט געשוויגען, דיא נאטור האט געשוויעגען און אלעס מענשליכע אין דיר האט געשוויעגען. דיין הערץ איז געוועזען פול מיט האס און צאָרן געגען מיר, אז דוא האָסט זיך גאר ניט צוגעקוקט צו דיין קינד.

דאניא מאריא איז ארומגעלאָפען אין צימער, וויא א ווילדער טיגער, וועלכען מען האט נור וואס געחאפט, לויפט ארום אין זיין שטייג.

— עס איז ניט מיין טאָכטער! האט זיא געשריען ניט מיט איהר קול.

— קוק דיך צו! בעטראַכט זיא בעסער! קענסט דוא שוין גאר ניט דער־קענען דיין קינד? האסט דוא גאר קיין צייכען ניט אין דיין קינד?

— יא! ווארט! לאָמיך זעהן! האט זיא אויסגערופען.

זיא האט זיך געוואָרפען אויף דיא קניע פארן בעט, וואו דאניא ראזאריא איז געלעגען, האט אראפּגענומען דיא דעקען פון איהר און האט זיא אנגעהויבען צו בעטראכטען. פּלוצלונג האט זיא זיך א קלאפּ געטאהן מיטביידע הענד אין קאָפּ אריין.

— יא! דאס איז מיין טאָכטער! דאס איז מיין קינד, נאך וועלכען איך האב אזוי געבענקט!

זיא איז ארויפגעפאלען אויף דאניא ראזאריא, האט איהר געקושט איהרע קאלטע הענד, האט זיא ארומגענומען, האט זיא געדריקט צו איהר הארצען, האט געוויינט און געשריען:

— מיין קינד! מיין טאָכטער! — איך מוז זיא רעטען! — טאָכטער! ראז־זאריא! עפען דיא אויגען! דערקען דיין מוטער!

— אונגליקליכע, אונגאטירליכע מוטער! האט דאן טאדעא געזאגט מיט א טאָן פון א שטרענגען ריכטער. דוא האסט געטויטעט דיין אייגען קינד! דוא האָסט זיא געוואָלט איבערגעבען צו שאנדע און שקלאפעריי! דוא האָסט זיא פערקויפט צו א ווילדען, אונמענשליכען אינדיאנער!

— אך, רעד ניט אזוי, דאן טאדעא! האט דיא אונגליקליכע פרוי געבעטען מיט טרעהרין אין דיא אויגען. — איך וועל זיא בעפרייען! איך וועל ניט לאזען מיין טאָכטער זאל זיין א שקלאפין ביים ווילדען אנטינאהועל.

— איך האב מורא, אז עס איז שוין צו שפּעט.

— פאר מיר איז ניטא קיין צו שפּעט! איך מוז זיא רעטען!

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט דיא טריט פון פערד. עטליכע רייטער זיינען אנגעקומען און זיינען געבליעבען שטעהן פארן הויז. באלד האט זיך געעפענט דיא טהיר און אנטינאהועל איז אריינגעקומען.

— וויא קומט איהר ביידע אהער? האט דער אינדיאנער פירסט געפרעגט מיט א געלעכטער.

— איך וועל עס באלד ערקלערן מיין ברודער, האט דאניא מאריא געענטפערט רוהיג און פעסט.

— איך זעה, אז מיין שוועסטער האט לאנג גערעדט מיט איהר מאן. איז זיא וועניגסטענס צופריעדען מיט איהר געשפּרעך?

— דאס מאל בין איך צופריעדען.

אנטינאהועל האט זיך אומגעקוקט און האט זיך געווענדעט צו דאן טאדעא.

— דער גרויסער אדלער פון דיא בלייכע געזיכטער איז א מוטהיגער קריעגער. מיר וועלען באלד זעהן, אויב ער האט מוטה צו שטארבען, וויא א העלד.

דאן טאדעא האט זעהר גוט פערשטאנען, וואס דער אינדיאנער פירסט האט געמיינט. ער האט אבער זעהר גוט געוואוסט, אז אנטינאהועל דראָהעט נור, ער

ווען מורא האבען איהם צו טויטען אין א צייט, ווען ער איז בעזיגט און די שפאנישע ארמעע איז ניט וויט.

— מענער, וויא איך, האבען וועניג מורא פאר בלויזע דראהונגען, האט ער געענטפערט רוהיג. איך וויס, אז הינטער מיין רוקען שטעהט א גאנץ ארמעע. ווען זיא ווען ניט קענען מיך רעטען, וועט זיא קענען זיך נוקם זיין פאר מיין טויט.

אנטינאהועל האט פערביסען דיא ליפען. ער האט געוואלט זאגען עפעס, וואס זאל שטעכען דאן טאדעא, ווען דאניא מאריא האט איהם אוועקגערופען אן א זייט.

— לאז יעצט דעם געפאנגענעם, האט זיא איהם געזאגט. איך האב מיט דיר עפעס צו רעדען.

דער אינדיאנער פירסט האט זיך געווענדעט צו דאן טאדעא.

— וויל דער גרויסער קריעגער פון דיא בלייכע געזיכטער מיר געבען זיין עהרענוואָרט, אז ער וועט ניט אנטלויפען פון מיין לאגער אהן מיין ערלויבניס?

— איך האב איהם שוין איינמאל געגעבען מיין וואָרט.

— נור אויף דריי טאג. דיעזע דריי טאג זיינען שוין פאָראיבער. איך פאָדער יעצט פון איהם, ער זאל מיר געבען זיין עהרענוואָרט, אז ער וועט קיין מאל ניט אנטלויפען אהן מיין ערלויבניס. וויל ער עס מיר געבען?

— ניין! האט דאן טאדעא געזאגט פעסט.

— אלזא, מוז ער מיט מיר געהן.

דאן טאדעא האט ניט געענטפערט. אנטינאהועל האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און האט איהם ארויסגעפיהרט פון שטוב. אין דרויסען האט ער איהם איבערגעגעבען צו איינינע קריעגער און האט געהייסען איהם שטרענג בעוואכען. דאן איז ער צוריק געגאנגען אין שטוב.

— איך האב מיטצוטהיילען מיין ברודער א טרויעריגע נאכריכט, האט דאניא מאריא אנגעהויבען צו רעדען, ווען ער איז ווידער אריינגעקומען.

אנטינאהועל איז געווארען אויפמערקזאם.

— לאָז מיין שוועסטער רעדען. וואס איז געשעהן?

— דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען איז קראנק.

— קראנק? האט דער אינדיאנער אויסגערופען מיט א ווילדער שטימע. ווער האט זיא קראנק געמאכט?

— איך, האט דאניא מאריא געענטפערט רוהיג.

— מיין שוועסטער? דאס קען ניט זיין?

— איך האב עס געטהאן פון דיינעט וועגען, ברודער. דוא האסט דאך אליין געזעהן, אז דאס מעדכען איז געוועזען היינט אין דער פריה אויפגערעגט. זיא האט זיך געוואָלט נעהמען דאס לעבען. איך האב איהר געגעבען א מיטעל, אז זיא זאל שלאָפען. אין וועג אבער, אין דער איילענעש האב איך איהר געגעבען צופיעל און זיא איז יעצט זעהר קראנק.

אנטינאהועל האט געשאָקעלט מיטן קאָפּ. ער האט איהר ניט געגלויבט. דאניא מאריא האט איהם פערשטאנען.

— לאז מיין ברודער אליין זעהן און זיך איבערצייגען.

זיא האט איהם צוגעפיהרט צום בעט, וואו דאניא ראזאריא איז געשלאָפען און האט איהם געגעבען איהר האנד. דיא האנד איז געווען קאַלט, וויא אייז.

— דאס מעדכען איז זעהר קראנק. דיין געפאנגענער איז א מעדיצין מאן (א דאָקטאָר) איך האב איהם גערופען, ער זאל איהר געבען א מעדיצין.

אנטינאהועל האט געוואָרפען אויף איהר א פאַרשענדען בליק. ער האט פער שטאנען, אז דא איז עפּעס ניט גלאט. ער האט נאך א מאל א קוק געטהאן אויף דיא שלאפענדע דאניא ראזאריא. זיא איז ווירקליך געווען בלייך. איהר געזיכט איז געוואָרען געל, וויא ביי יעדען, וועלכען מען שלעפּערט איין מיט אָפּיום.

— מיין ברודער ליעבט דיעזע פרוי, האט דאניא מאריא ווייטער געזאגט. זיא ועט ווערן זיין פרוי. זיא מוז אבער פריהער זיין געזונד.

— וואס האט געזאגט דער געפאנגענער? האט ער געפרעגט, קען ער זיא אויסהיילען?

— ער קען זיא אויסהיילען. ער פאָדערט אבער דריי טאג ציים. ער זאגט, אז דאס מעדכען איז זעהר קראנק.

אנטינאהועל האט געטראכט איינגע מינוטען. דיעזע עטליכע מינוטען האבען זיך אויסגעוויעזען פאר דאניא מאריא לאנגע יאהרען. זיא האט געציטערט, פיעללייכט ועט איהר אנטינאהועל ניט וועלען גלויבען. זיא האט דאך געוואוסט, וויא שטארק ער איז פערליעבט אין דאניא ראזאריא.

צום גליק פאר דאניא מאריא איז אין דיעזע מינוט אנגעקומען א קאציק און האט אוועקגערופען דעם אינדיאנער פירסט.

— דערווייל איז זיא זיכער, האט דאניא מאריא געזאגט. מארגען וועל איך אויסזוכ׳ן אנדערע מיטעל זיא צו שיצען פון דיעזען ווילדען מענשען.

עס איז שוין געווען גוט שפּעט. דאניא מאריא האט צום ערשטען מאל אין איהר לעבען געפיהלט דאס גליק צו שלאָפען לעבען איהר קינד. דיעזעס גליק האט אבער לאנג ניט געדויערט. גאנץ פריה האט אנטינאהועל צונויפגערופען זיינע קריעגער און האט געהייסען ווייטער פאהרען.

דאניא ראזאריא האט זיך אויפגעחאפּט אין דערפריה. זיא איז אבער געווען זעהר שוואך און עס האט איהר שטארק געדרוישט אין קאָפּ. דאניא מאריא האט זיא ארויפגענומען צו זיך אויפ׳ן פערד, האט זיא געפרעסט צו איהר ברוסט, האט איהר געוואָלט געבען עפּעס עסען און טרינקען, דאניא ראזאריא אבער האט זיך פון איהר דערוויטערט. זיא האט קיין זאך פון איהר ניט געוואָלט נעהמען, זיא האט ניט געענטפערט, ווען דאניא מאריא האט צו איהר גערעדט און האט אלץ געבעטען, אז מען זאל זיא לאָזען פאהרען אויף א פערד אליין.

דאניא מאריא האט געריסען דאס הערץ, ווען זיא האט געזעהן, וויא איהר איינענע טאכטער פעראכטעט זיא. זיא האט אפגעהיט א מינוט, ווען דיא קריעגער זיינען אוועקגעפאהרען איינגע שריט פאָראויס. דאן האט זיא זיך אנגעבויגען צו דאניא ראזאריא און האט איהר געזאגט גאנץ שטיל:

— ענטשולדיג מיר! פערצייה מיר! איך האב געהאנדעלדט שלעכט געגען דיר, ווייל איך האב ניט געוואוסט, ווער דוא ביסט. — האב מיטלייד מיט מיר! איך בין אויך אן אונגליקליכע פרוי — איך בין דיין מוטער! —

דיעזע ווערטער האבען געווירקט אויף דאניא ראזאריא, וויא א דאנערשלאג. זיא האט געעפענט איהרע גרויסע אויגען, האט א קוק געטהאן אויף דאניא מאריא און איז געפאלען אין אהנמאכט.

דאניא מאריא האט אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטעל זיא אפצומינטערן. ווען זיא האט ענדליך געעפענט דיא אויגען, האט זיא אנגעהויבען צו מאכען מיט א ציטערענדער האנד, גלייך וויא זיא האט געוואלט אוועקטרייבען פון זיך דאניא מאריא.

— אה! איך האב שווער געזינדיגט געגען דיר, ארימעס קינד! האט דאניא מאריא געוויינט. איך וועל אלעס אבער גוט מאכען. דוא וועסט מיך נאך ליעבען! דוא וועסט נאך פערשטעהן, וואס עס הייסט מוטערליעבע!

79טעס קאפיטעל.

ענדליך געפונען!

מיר מוזען זיך אומקעהרן צו אונזערע צוויי פראנצויזען און זייערע פריינד, דיא אינדיאנער הייפטלינגע קורומיללא און טראנגאיל-לאנעק.

קוים איז וואלענטין געוואהר געווארען, אז דאן טאדעא לעבט און איז א געפאנגענער ביים אינדיאנער פירסט, האט ער געבעטען זיינע קאמעראדען, זיי זאלען אויף איהם ווארטען אויפ'ן ארט, וואו זיי האבען אויפגעשלאגען זייער לאגער און ער אליין איז נאכגעלאפען דיא שפאנישע ארמעע. ער האט זיא באלד אנגעיאגט און האט דערצעהלט דאן גריגאריא אלעס, וואס ער האט געוואוסט איבער דאן טאדעאס שיקזאל.

דאן גריגאריא האט פערשפראכען צו טהאן אלעס מעגליכע אום צו בעפרייען זיין פריינד. מיר האבען שוין געזעהן, וואס ער האט געטהאן און וויא ער אליין איז געקומען צום אינדיאנער פירסט און האט איהם געדראהעט, אז ער זאל ארויסגעבען זיין געפאנגענעם, ווען ניט, וועט ער טויטען אלע געפאנגענע אינדיאנער הייפטלינגע, וועלכע געפינען זיך ביי איהם אין דער האנד.

וואלענטין איז צוגעקומען צו זיינע קאמעראדען און האט זיי אלעס דערצעהלט.

— איהר מעגט יעצט פאהרען אהיים צו אייערע פרויען און קינדער, הייפט-לינגע, האט לואיס געזאגט צו קורומיללא און טראנגאיל-לאנעק. דאן גריגאריא וועט שוין בעפרייען דיא געפאנגענע מיט געוואלד.

קורומיללא האט געשאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ.

— מיין ברודער איז יונג, האט ער געזאגט ערנסט. ער איז ניט געבארען געווארען אין דער פרעריע און קען ניט דעם טיגער פון דער זון. ווען אנטינאהועל האט איינגעשטעלט זיין לעבען אום צו קריעגען דעם גרויסען הויפטלינג פון דיא בלייכע געזיכטער אין זיינע הענד, וועט ער איהם אזוי גיך ניט אפלאזען. מיט געוואלד

וועלען דיא בלייבע געזיכטער מיט איהם גאר ניט מאכען. דיא פעסטונגען פון דיא אינדיאנער זיינען דיא בערג און דיא פרעריע. אין דיעזע פעסטונגען קען אונז קיינער ניט בעזיעגען.

— דער קאציק האט גוט גערעדט, האט זיך טראנגאָיל־לאנעק אריינגעמישט. ווען דער טאָקי ליעבט דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען, וועט ער זיא ניט ארויס־געבען.

— דיא לעצטע ווערטער האבען געטראפען, וויא א דאנערשלאג, דעם ארימען לואיס. דער אינדיאנער פירסט וועט ניט ארויסגעבען זיין געליעבטע!

— אלזא, וואס ראטהען דיא הייפטלינגע? האט ער געפרעגט מיט א ציטערענדער שטימע.

— דער פוקס איז קלוג, דער יענער מוז קלינער זיין פון'ם פוקס, האט קורומיללא געענטפערט.

— איך האב אייך שוין איין מאל געזאגט, אז איך פערלאז מיך אין גאנצע אויף אייך, האט לואיס אויסגערופען. — טהוט וויא איהר פערשטעהט. פיהרט מיך, בעפעהלט, הייסט, זאָגט! איך וועל טהאן אלעס.

— גוט! האט קורומיללא געזאגט. מיר וועלען זיי רעטען.

זיי האבען זיך אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען נאכגעפאהרען דעם אינדיאנער פירסט מיט זיין ארמעע.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג. לואיס און זיינע קאמעראדען זיינען עטליכע מאל געווען גאנץ נאָהענט לעבען אנטינאהועל'ס לאגער. זיי האבען זאגאר געזעהן, וואס דארט קומט פאָר, עס האט זיך זיי אבער ניט פאָרגעשטעלט דיא געלעגענהייט, זיי זאלען קענען עפעס טהאן פאר דיא געפאנגענע. אנטינאהועל איז געווען זעהר פאָרזיכטיג און האט שטענדיג אויסגעשטעלט שטארקע וואכען.

וואלענטין און לואיס האבען זיך באלד איבערצייגט, אז קורומיללא האט רעכט געהאט, ווען ער האט געזאגט, אז דיא איינציגע פעסטונגען פון דיא פועלטשעס זיינען דיא בערג און דיא פרעריען. אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער איז ניט געשטאנען אויף איין ארט. אט איז ער אוועקגעלאָפען גאנץ וויים אין דיא בערג און אט איז ער געגאנגען צוריק צו דער גרענעץ פון טשילי, גלייך וויא ער וואָלט זיך געשפיעלט אין בעהעלטעניש מיט דיא בלייבע געזיכטער.

אויפ'ן אכטען מאַי נאך דער שלאכט טרעפען מיר פיער מענשען זיצען לעבען א פייער אין א טיעפען טהאל, אין וועלכען עס האט גערוישט א קליין טייכעל. דיא פיער מענשען זיינען אונזערע בעקאנטע: וואלענטין, לואיס, קורומיללא און טראנגאָיל־לאנעק. אלע פיער געהן אנגעטהאן, וויא אינדיאנער.

זיי זיינען געווען מיעד און הונגעריג. דאס האט מען געקענט זעהן, אז זיי האבען ניט גערעדט א ווארט אין דער צייט, וואס זיי האבען געגעסען און נאכ'ן עסען האבען זיי זיך איינגעוויקעלט אין זייערע מענטעל און האבען זיך באלד געלעגט שלאפען מיט דיא פיס צום פייער.

דיא נאכט איז געווען א שטילע און א ווארעמע. דיא ערשטע האלבע נאכט

האבען דיא אינדיאנער געהאלטען דיא וואך. נענען האלבע נאכט האט קורומיללא אויפגעוועקט לואיס׳ן, ער זאל שטעהן אויף דער וואך. לואיס איז אויפגעשטאנען און קורומיללא האט זיך געלעגט שלאפען.

איינינע צייט איז לואיס ארומגעגאנגען אויפ׳ן ברעג פון׳ם קליינעם טייכעל. ענדליך איז עס איהם לאנגוויילינ געווארען. ער האט אויפגעוועקט זיין הונד, צעזאר, וועלכער איז געשלאפען לעבען וואלענטינען, און האט איהם געזאגט:

קום, דוא אלטער, טרייער פריינד! לאמיר אביסעל ארומגעהן אין וואלד.

לואיס האט בעטראכט זיין ביקס, אויב זיא איז גוט געלאדען, און איז געגאנגען מיט זיין הונד אין וואלד. ער האט געוואָלט אריבערגעהן דעם בארג און זעהן, אויב דארט ענדיגט זיך שוין דער וואלד. אזוי וויא אין טהאל איז אלעס געווען שטיל און רוהיג, האט ער גערעכענט, אז ער האט ניט וואס מורא צו האבען אוועקצוגעהן פופציג אדער הונדערט שריט פון זייער לאגער, בעזאנדערס ווען ער געהט אויפ׳ן בארג, פון וועלכען ער קען זעהן אלעס, וואס עס טהוט זיך אין לאגער.

לאנגזאם און רוהיג איז ער ארויפגעגאנגען אויפ׳ן בערגעל. פון צייט צו צייט האט ער זיך אומגעקוקט צום פייער, לעבען וועלכען זיינע קאַמעראַדען זיינען געשלאָפען. פלוצלונג איז דער הונד געוואָרען אונרוהיג.

— שטיל, צעזאר! האט זיך אויף איהם לואיס געבייזערט. וואס איז מיט דיר דער מעהר?

דער קלוגער הונד האט איהם געריסען, געצופט און ערגעץ געשלעפט. לואיס האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און האט נאר ניט געזעהן. ער האט זיך צו־געקוקט צום פייער, וואו זיינע קאַמעראַדען שלאפען. — דאָרט איז אלעס רוהיג.

— וואָס זאל עס זיין? האט ער געזאגט צו זיך אליין. וואס וויל דער הונד?

צעזאר האט איהם ניט אפגעלאזען. ער האט געברומט און איהם געשלעפט ביי זיינע מאָקאסינס. לואיס האט געמוזט געהן, וואוהין צעזאר האט איהם געפיהרט. אין דער אנדערער זייט בערגעל צווישען געדיכטע ביימלעך און הויכע גראָזען איז געווען אַ פרייער פלאץ, אן ארט קעסעל, אהין האט איהם צעזאר געפיהרט. לואיס איז געגאנגען גאנץ שטיל און פארזיכטיג. ער האט געוואוסט, אז דא איז עפּעס ניט גלאַט.

פלוצלונג איז דער הונד געבליעבען שטעהן אויף אן אָרט, האט אנגעהויבען צו שפרינגען און צו היילען.

— שטיל, צעזאר! האט לואיס אויף איהם אנגעשריען. לאמיך זעהן, וואָס דאָ איז.

ער איז שוין געווען אביסעל געוואוינט צום לעבען אין אמעריקא. ער האט שוין געזעהן, וויא פאָרזיכטיג דיא אינדיאנער שפּיאָנירען עפּעס אויס. ער איז צוגעגאנגען צו דיא ביימער און האט גאנץ שטילערהייט צונומען דיא צווייגען. אַ זאָנדערבאַרעס בילד האט זיך איהם פאָרגעשטעלט. טיעף אונטער איהם אין טהאל אין דערמיט פון׳ם קעסעל, אין דעם טיעפסטען ארט, וואו עס איז געווען אַ גרוב אדער מען האט אומיסטען אויסגעגראָבען אַ גרוב, האט געברענט אַ פייער. מען האט דאס פייער

צולענט אזוי קינסטליך און אזוי געשיקט, אז עס איז געווען שווער צו דערזעהן דעם רויך פון דער ווייטען. ארום פייער זיינען געשלאפען פערציג ביז פופציג אינדיאנער.

עס איז געווען דייטליך, אז זיי האבען געטרונקען זעהר פיעל, וויל אויף דער ערד זיינען געלעגען פיעלע לעדערנע פלעשער. אייניגע זיינען געווען לעדיג, אנדערע זיינען געווען נאך פול.

אין דער ערשטער מינוט איז איהם שווער געווען צו אורטהיילען, אויב אלע אינדיאנער שלאפען, אדער נור אייניגע שלאפען און אנדערע האלטען דיא וואך. ער האט געוואוסט, אז דיא אינדיאנער זיינען זעהר פארזיכטיג. זיי האבען געווים אויס־געשטעלט א וואך פאר זייער לאגער.

מעהר פון אלעם האבען איהם אינטערעסירט דריי מענשען, וועלכע זיינען געווען צוגעבונדען צו ביימער. אין איין ארט זיינען געווען צוגעבונדען גאנץ נאהענט איינער לעבען אנדערן א מאן און א פרוי. נאך זייערע קליידער האט מען זעהר לייכט געקענט דערקענען, אז דאס זיינען ווייסע מענשען. ווייט פון זיי איז געווען צוגעבונדען צו א בוים א פרוי. איהרע לאנגע שווארצע האר צו ווארפען אויף איהר געזיכט און אויף איהרע פלייצעס.

א שרעקליכער געדאנק איז געקומען לואיסן אין קאפ.

— פיעללייכט איז עס מיין געליעבטע, דאניא ראזאריא? פיעללייכט איז דער מאן דאן טאדעא?

ער האט זיך געריסען ווייטער צו געהן. ער האט געוואלט אראפשפרינגען אין טהאל און זיך איבערצייגען, ווער דיא געפאנגענע זיינען, ווען ער האט דערזעהן, וויא צוויי אינדיאנער קריגער האבען זיך אויפגעהויבען און האבען א קוק געטהאן אויף זייערע געפאנגענע.

ער האט געוואלט לויפען צוריק צו זיינע קאמעראדען, די אויפוועקען און זיי דערצעהלען, וואס ער האט געזעהן, ווען א שווערע האנד האט זיך ארויפגעלעגט אויף זיין פלייצע און א בעקאנטע שטימע האט איהם געהויכט אין אויער אריין:

— פארזיכטיג!

לואיס האט זיך אומגעקעהרט. — לעבען איהם איז געשטאנען טראנגאיל־לאנעק.

— האט מיין ברודער געזעהן? האט ער איהם געפרעגט.

טראנגאיל־לאנעק האט איהם אוועקגעשלעפט עטליכע שריט נאך העכער. דאן האט ער געענטפערט:

— איך האב אלעס געזעהן.

— ווייס מיין ברודער, ווער דיא געפאנגענע זיינען?

— דיא קינדער פון דער פרעריע האבען אויגען פון אן אדלער.

— אלזא, ווער זיינען דיא געפאנגענע בלייכע געזיכטער?

— דיא, וועלכע מיר זוכען, האט דער אינדיאנער געענטפערט רוהיג און האט ווייטער געפיהרט לואיסן צוריק אין זייער לאגער.

לואיס האט א ציטער געטהאן. אלזא, איז עס וואהר. זיין ליעבע, טהייערע דאניא ראזאריא ליעגט דארט צוגעבונדען צו א בוים און ערווארטעט א שרעקליכען

טוידט פון דיא ווילדע אינדיאנער! — עס האט איהם פערקלעמט ביים הארצען און ער האט אויסגערופען:

— וויל מיין ברודער דערלאזען, אז דיעזע אונגליקליכע זאלען אומקומען?

— ניין. יעצט אבער איז עס אונמעגליך צו טהאן עפּעס פון זייערטוועגען. קום צו אונזערע פריינד.

ביידע מענער זיינען יעצט געלאפען צו זייערע קאמעראדען, האבען זיי אויפגע־וועקט און האבען זיי דערצעהלט,, וואס זיי האבען געזעהן פון יענער זייט בארג קו־רומיללא האט געטראכט איינינע מינוטען. דאן האט ער געזאגט:

— אזוי וויט איז עס שוין געקומען? — נון, גוט! דאן וועלען מיר די רעטען.

— אה, דאנק, קאציק! האט לואיס אויסגערופען און האט איהם געדריקט דיא הענד. רעטעט דיא אונגליקליכע! רעטעט זיי, קאציק!

80טעס קאפּיטעל.

דער וויסער לייב. Puma.

ווען קורומיללא האט געזאגט מיט שטוינען: אזוי וויט איז עס שוין געקומען? האט ער געוואוסט, וואס ער האט געזאגט. אין דיא לעצטע פּאר טאג זיינען פּאַר־געקומען פיעל נייעס.

דאן גרינאריא האט נור געדראהעט, אז ער וועט דערשיעסען אלע געפאנגענע אינדיאנער, ווען מען וועט איהם ניט ארויסגעבען דאן טאַדעאָ. אין דער וואהרהייט אבער האט ער זיך איבערלעגט און האט געטהאן גאנץ אנדערש. ער האט צונויפ־גערופען אלע געפאנגענע אינדיאנער און האט זיי ערקלערט, אז דאס מאל האבען דיא אינדיאנער געוואלט קריעג, ניט דיא בלייכע געזיכטער. ער וויל האבען פריעדען מיט אלע אינדיאנער פעלקער. אנטינאהועל אליין איז שולדיג, וואס דער פריעדען איז שוין לאנג ניט געשלאסען.

ער האט פון זיי געפאָדערט, אז זיי זאלען איהם שווערן ביי דיא ביינער פון זייערע עלטערן — דיא הייליגסטע שבועה ביי דיא אינדיאנער — אז ווען ער לאזט יי פריי, וועלען זיי געהן אהיים און אויפפאָרדערן דעם אינדיאנער פירסט און קאציקען און הייפּטלינגע, אז מען זאל שליעסען פריעדען. דיא ערשטע בעדינגונג זאל זיין, אז אנטינאהועל זאל בעפרייען אלע זיינע געפאנגענע, בעזאנדערס אבער דאָן טאַדעאָ און זיין טאָכטער.

דיא אינדיאנער האבען געשווארען. דאָן גרינאריא האט זיי געהייסען געהן אהיים. זיי האבען געהאלטען ווארט. קוים זיינען זיי געקומען אהיים, האבען זיי בע־רופען א גרויסע פערזאמלונג פון אלע קאציקען און הייפּטלינגע. זיי האבען איינגעלא־דען אנטינאַהועל, אלס פירסט, אלס טאָקי, ער זאל אויך זיין אויף דער פערזאַמלונג. אנטינאהועל אבער איז ניט געקומען. דאס האט זעהר פערדראָסען פיעלע הייפּטלינגע בעזאנדערס אבער איינעם פון זיי מיט'ן נאמען דער וויסער לייב.

מיר האבען שוין געזעהן אין איינעם פון דיא פאָריגע קאפּיטלען, אז דער ווי־סער לייב איז שטענדיג געווען גאנץ קריעג. ער האט שטענדיג געראטהען, אז די זאלען בעסער געהן א היים, בעשיטצען זייערע פרויען און קינדער.

ווען דער ווייסער לייב האט געזעהן, אז דער טאַקי קומט ניט אויף דיא גרויסע פערזאמלונג, האט ער געהייסען עפענען דיא פערזאמלונג אהן איהם און האט גע־פאָרדערט, אז קוים וועט דער טאַקי ניט פאָלגען, וואס דיא פערזאמלונג וועט בע־שליעסען, זאל מען איהם אראפּזעצען פון זיין אמט אלס טאַקי.

אום מען זאל קענען אויספיהרען, וואס דיא פערזאמלונג האט בעשלאסען, האט דער ווייסער לייב פערזאמעלט עטליכע הונדערט קריעגער און איז מיט זיי געפאהרען אין אנטינאהועלס לאגער איהם צו מעלדען, וואס דיא פערזאמלונג האט בעשלאסען.

ווען אנטינאהועל האט דערזעהן, אז עס קומט אן א באנדע פון עטליכע הונ־דערט קריעגער, האט ער זיך דערפרעהט. ער האט געמיינט, אז מען שיקט איהם צו פרישע קריעגער צו קעמפּפען מיט דיא בלייכע געזיכטער. וויא איבערראשט איז ער דאהער געווארען, ווען ער האט דערזעהן, אז דיא פרישע קריעגער זיינען געבליעבען שטעהן ניט ווייט פון זיין לאגער און דער ווייסער לייב איז ארויסגעגאנגען און האט געבעטען, אז אלע קאציקען און הייפּטלינגע זאלען זיך פערזאמלען, ווייל ער האט זיי מיטצוטהיילען זעהר וויכטיגע נייעס.

— טאַקי, קאציקען און הייפּטלינגע פון דיא פעלקער פום לאנד אראאוקאניא! האט דער ווייסער לייב אנגעהויבען זיין רעדע. — דיא גרויסע פערזאמלונג פון אלע פעלקער פון לאנד שיקט אייך א גרוס דורך מיר! — פריעדען איז א גליק פאר א פאלק, קריעג איז אן אונגליק. א שווערער און בלוטיגער קריעג האט פערניכטעט אונזערע פעלדער און אונזערע דערפער. אונזערע בהמות זיינען פערשוואונדען, אונזערע פעלדער זיינען צוטרעטען, אונזערע פרויען און קינדער זיינען געפאנגען. מיר ווילען האבען פריעדען! מיר ווילען ניט קיין קריעג!

אלע האבען געשוויעגען. דיא הייפּטלינגע האבען געווארפען זייערע בליקע אויפ'ן טאַקי. זיי האבען געוואָלט ווימען, וואָס ער וועט ענטפערן. אייניגע מינוטען האט אנטינאהועל געשוויעגען. פּלוצלונג האט ער געפרעגט:

— האט דיא גרויסע פערזאמלונג שוין גערעדט מיט דיא בלייכע געזיכטער און זיי געפרעגט, אויף וועלכע בעדינגונגען זיי ווילען שליעסען פריעדען?

— יא, מיר האבען שוין אפּגערעדט אלעס איבער דיא בעדינגונגען פום פריע־דען, האט דער ווייסער לייב געענטפערט.

— לאז מיין ברודער זאגען דיזע בעדינגונגען.

— דער טאַקי זאל ארויסגעבען אלע בלייכע געזיכטער, וועלכע געפינען זיך אין זיין לאגער. ער זאל הייסען געהן אהיים אלע זיינע קריעגער. דיא פעלקער פון אראאוקאניא זאלען געבען דיא בלייכע געזיכטער: צוויי טויזענד שאָף, דריי הונדערט וויקוניא'ס און אכט הונדערט קיה און אקסען. דאן וועט דיא קריעגס האק פער־גראבען ווערן אויף אייביג און אלע וועלען לעבען אין פריעדען און פריינדשאפט.

— שווערע בעדינגונגען, האט אנטינאהועל געמורמעלט צווישען דיא צעהנער. דאן האט ער געפרעגט אין דער הויך:

— און וואס וועט זיין, ווען איך וועל ניט אננעהמען דיעזע בעדינגונגען?

— איך האף, אז מיין פאטער וועט זיי יא אננעהמען, האט דער ווייסער לייב געענטפערט שטילערהיים.

— איך קען זיי ניט אננעהמען און וועל זיי ניט אננעהמען! האט אנטינאהועל אויסגערופען שטאלץ.

— האט מיין פאטער געזאגט זיין לעצטעס ווארט?

— איך זאג עס מיין ברודער, דעם ווייסען לייב, און אלע קאציקען און הייפט-לינגע, וועלכע זיינען דא פערזאמעלט, אז דיעזע בעדינגונגען זיינען שענדליך. איך וועל זיי ניט אננעהמען! — יעצט מעג מיין ברודער געהן, פון וואנען ער איז געקומען.

— איך האב נאך ניט געענדיגט! האט דער ווייסער לייב אויסגערופען. איך האב נאך צו מעלדען דעם טאקי, וואס דיא גרויסע פערזאמלונג האט בעשלאסען.

— וואס נאך האט זיא בעשלאסען? האט אנטינאהועל געפרעגט מיט צארן.

— הערט מיך אויס, טאקי, קאציקען און הייפטלינגע! הערט אויס מיינע ווערטער! ניט איך זאג זיי, אלע פעלקער פון אונזער לאנד זאגען זיי. ווען אונזער טאקי וויל ניט פאלגען. וואס דער גרויסער ראטה האט בעשלאסען, נעהמט מען ביי איהם צו דיא האק פון א טאקי. אלע וועלען זיך האלטען וויים פון איהם. קיינער וועט איהם ניט געבען ניט קיין פייער, ניט קיין וואסער. אלע קריעגער, וואס געפינען זיך ביי איהם זיינען אויפגעפאָרדערט, זיי זאלען זיך געהן אהיים. קיינער זאל איהם ניט פאלגען. ער איז א פעררעטהער. ער האט געפיהרט דעם קריעג ניט פון אונזערט-וועגען, זאנדערן פון זיינעטוועגען.

— האט איהר שוין געענדיגט? האט אנטינאהועל געפרעגט ביין.

— איך האב נאך ניט געענדיגט. איך וויל יעצט אויפפאָרדערן אלע קריעגער פון׳ם טאקי, זיי זאלען אריבערגעהן צו מיר.

ער האט אנגעהויבען צו רעדען אין דער הויך צו דיא קריעגער און זיי צו וואַ-רענען, אז זיי זאלען אריבערגעהן צו איהם. אנטינאהועל איז דיא גאנצע צייט געשטאַ-נען רוהיג און האט בעטראכט, וואס פאר א ווירקונג זיינע רייד האבען געמאכט אויף דיא קריעגער פון זיין פאלק.

ער האט געזעהן מיט פערדרוס, וויא פיעלע הייפטלינגע און קריעגער זיינען שטילערהייט אוועקגענאנגען פון זיין לאגער און זיינען איבערגעגאנגען צום לאגער פון׳ם ווייסען לייב.

— איך קען זיי אלעס נאכגעבען, האט ער געזאגט צו זיך אליין, מיינע געפאנ-גענע אבער קען איך זיי ניט ארויסגעבען.

דער ווייסער לייב האט נאך אמאל גערופען און געווארענט דעם געוועזענעם טאקי, ער זאל אננעהמען דיא בעדינגונגען פון דיא בלייכע געזיכטער און זאל שליע-סען מיט זיי פריעדען. אנטינאהועל איז געבליעבען הארטנעקיג און האט ניט געוואָלט הערען.

אייניגע מינוטען שפעטער האט זיך דער ווייסער לייב אויפגעזעצט אויף זיין פערד און האט געהייסען אלע זיינע קריעגער זיך פאבערייטען צו דער רייזע אהיים.

ער האט נאך אמאל נעגריסט דעם אינדיאנער פירסט, דאס מאל אבער האט ער איהם שוין געגריסט, וויא מען גריסט א געוועהנליכען קריעגער. אנטינאהועל האט פערביסען דיא ליפּען.

ער האט זיך אומגעקעהרט אין זיין לאגער און האט דערזעהן מיט שרעק און שטוינען, אז פון אכט הונדערט קריעגער, וואָס ער האט געהאט מיט זיך, זיינען איהם געבליעבען געטריי קוים עטליכע און פערציג. דאס האט איהם זעהר געקרענקט. ער האט זיך א וואָרף געטהאן אונטער א בוים, האט פערדעקט זיין געזיכט מיט זיין מאנטעל און איז אזוי געלעגען א געוויסע צייט.

זייט דאניא מאריא איז געוואהר געוואָרען, אז דאָניא ראָזאריא איז איהר טאָכטער, האט זיא געטהאן אלעס מעגליכע, אז דאן טאדעאָ זאל זיא אפט זעהן און זאל אפט רעדען מיט איהר. מען קען זיך לייכט פארשטעלען דאניא ראזאריא׳ס פרייד, ווען זיא האט צום ערשטען מאל דערזעהן דאן טאדעאָ! וויא גליקליך זיא איז געווען, ווען זיא איז געוואהר געוואָרען, אז ער איז איהר פאָטער.

איהר פרייד אבער האט ניט לאנג געדויערט. זיא איז באלד געוואהר געוואָרען אז איהר פאטער איז א געפאנגענער ביים ווילדען אינדיאנער פירסט. זיא האט נאך ניט געוואוסט, וואָס פאר א שיקזאל עס ערוואַרטעט איהם. זיא האט אבער זעהר אפט געוויינט שטילערהייט, ווען זיא האט געזעהן, וויא שטרענג מען בעוואכט איהם.

אין דער צייט, וואָס איז פאָרגעקומען דיא סצענע מיט׳ן ווייסען לייב, וועלבע מיר האבען נור וואס בעשריעבען, זיינען פאטער, מוטער און טאָכטער געזעסען אונ־טער א בוים און האבען שטילערהייט גערעדט צווישען זיך. זיי האבען ניט געהערט, וואס מען האט גערעדט און האבען זאגאר ניט געזעהן, וויא אנטינאהועלס קריעגער זיינען איינער נאכ׳ן אנדערן אוועקגענאנגען פון לאגער.

דאן טאדעאָ האט זיך צוואר נאך אלץ געהאלטען פון דער ווייטען פון זיין פרוי, ער פלעגט אבער מוזען זעהר אפט רעדען מיט איהר. ער האט געמוזט רעדען מיט איהר פון זייער טאָכטער, זייער איינציגעס קינד. דאניא מאריא האט פערגעסען אלע איהרע אינטריגען און אלע איהרע פּלאנען. זיא האט יעצט געהאט נור איין געדאנקען — איהר, טאכטער און איין זארג — וויא אזוי צו אנטלויפען פון אנטינא־הועלס לאגער.

אנטינאהועל האט גוט בעמערקט, אז צווישען דיא דריי בלייבע געזיכטער איז פּלוצלונג געוואָרען א זאנדערבארע פריינדשאפט. ער האט פערשטאנען, אז דא איז עפּעס ניט גלאט און האט פון זיי קיין אויג ניט אראפּגעלאזען. ער האט פיעלעס געזעהן און נאך מעהר פערשטאנען. זיין ווילדער, אונרוהיגער און גרויזאמער כאראַק־טער האט זיך באלד ארויסגעוויעזען אין זיין גאנצע שטאַרקייט.

ווען ער האט דערזעהן, אז זיין לאגער איז געוואָרען לעדיג, איז ער פאר פערדרוס געפאלען אונטער א בוים און האט זיך פערטראכט. ער איז אבער געלעגען ניט לאנג. באלד איז ער אויפגעשפרונגען און האט געוואלט איבערצעהלען, וויאפיעל קריעגער עס זיינען איהם געבליעבען געטריי, ווען ער האט דערזעהן, וויא דאן טאדעאָ איז פערטיעפט אין א געשפרעך מיט דאניא ראזאריא און דאניא מאריא זיצט פון

דער ווייטען און קוקט אויף זיי מיט ליעבע און שטאָלץ. א שרעקליבער געדאנק איז איהם געקומען אין קאפּ.

ער האט זיך דערמאנט, אז דאניא מאריא האט איהם אמאל דערצעהלט, אז דאן מאדעאָ ליעבט דאס מעדכען.

— אלזא, האט זיא יעצט צונויפגעפיהרט דיא געליעבטע! האט ער זיך גע־טראכט. — נון, גוט! איך וועל איהר וויזען, וויא מען שפּאסט מיט'ן טיגער פון דער זון!

ער האט באלד צוגערופען איינינע קריעגער און האט זיי געהייסען בינדען דיא דריי בלייבע געזיכטער און זיי צובינדען צו ביימער.

— מיין שוועסטער האט ליעב בעקומען דיא געפאנגענע, האט ער איהר געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער, — נון, גוט! זיא וועט שטארבען מיט זיי צוזאמען. איך וויל ניט צושיידען קיין גוטע פריינד.

— איך בין ניט דיין געפאנגענע! האט דאניא מאריא געשריען. דוא האָסט קיין רעכט מיך צו בינדען.

— ווען אנטינאהועל וויל עפּעס, האט ער שטענדיג רעכט, האט דער אינד־יאנער פירסט געענטפערט און האט זיך אוועקגעקעהרט פון איהר.

ער האט געוואלט וויזען זיינע קריעגער, אז ער ווייס, וויא אזוי זיי צו בעלוינען פאר זייער טרייהייט צו איהם און האט זיי געהייסען טרינקען טשיקא אין פייער־וואסער (שנאפּס) וויפיעל זיי וועלען נור קענען. ער האט גוט געזעהן, אז דיא קריעגער, וועלכע זיינען פון איהם אוועקגעגאנגען האבען איבערגעלאָזען אין לאַגער זייער פּראָ־וויאנט. צו וואס זאל ער עס שלעפּען מיט זיך? ער האט געהייסען אויפעסען און אויסטרינקען אלעס, וואס איז איבעריג.

דאס איז דיא אורזאכע וואס זיינע מענשען זיינען געשלאָפען אזוי געשמאק, ווען לואיס האט זיי אויסגעפונען ביי נאכט. מייסטענס פון זיי זיינען ווירקליך געוועזען טוים שיכור.

81טעס קאפּיטעל.

ביים טיגער אין מויל.

לואיס האט געציטערט, ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיינע קאמעראדען און האט זיי דערצעהלט, וואס ער האט געזעהן. ער האט געוואלט, אז זיי זאלען שוין געהן אלע פיער, זאלען אנפאלען אויף אנטינאהועל'ס לאַגער און זאלען בעפרייען דיא געפאנגענע מיט געוואלד. וואלענטין האט אויך געוואָלט שוין עפּעס טהאן. דיא אונרוהיגע פראנצויזען האבען עס ניט געקענט צוזעהן, וויא דיא צוויי אינד־יאנער הייפּטלינגע זיינען זיך געזעסען גאנץ רוהיג און האבען גערויכט זייערע לעהמענע פייפ'ס (ליולקעלעך).

עס איז פערגאנגען א געראַימע צייט, ביז זיי האבען אפּגערויכט. ענדליך האט טראנגאַיל־לאַנעק געזאגט רוהיג:

— דיא פיינדע זיינען זעהר פיעל. מיט געוואַלד קענען מיר גאר ניט מאכען,

מיר מוזען פריהער געוואהר ווערן, וואס דער מינער פון דער זון וויל מהאן מיט זיינע געפאנגענע. עס איז זעהר מעגליך, אז ער דראָהעט זיי נור. אלענפאלס יעצט שלאָפען זיי. דיא געפאנגענע זיינען דערוויל אין קיין געפאהר. מיר מוזען וואַרטען ביז מאָרגען אבענדס.

— ביז מאָרגען? האט לואיס אויסגערופען. דאס איז צו לאנג! איך קען נים וואַרטען אזוי לאנג. דער ווילדער אנטינאהועל וועט זיי דערוויל טויטען.

— מיין ברודער קען נים דיא זיטען (מנהגים) פון אונזער פאָלק, האט טראַנגאַיל-לאַנעק געענטפערט רוהיג. זיי טויטען זייערע געפאַנגענע גאַנץ פריה אדער אבענדס. היינט גאַנץ פריה וועלען זיי נים טויטען דיא געפאַנגענע, וויל זיי שלאָפען אלע זעהר געשמאַק. ביז מאָרגען, וועל איך שוין אויסגעפינען א מיטעל, וויא אזוי זיי צו רעטען.

— ווען זיי שלאָפען, קענען מיר דאך אויף זיי אנפאלען און בעפרייען דיא געפאַנגענע? האט זיך יעצט וואַלענטין אריינגעמישט.

— דיא וואַכען שלאָפען נים, האט טראַנגאַיל-לאַנעק בעמערקט געלאַסען. פיער מענשען נעגען פופציג קענען גאר נים טהאָן.

— אלזא, וועלען מיר לאזען, אז אנטינאהועל זאל טויטען דיא אונגליקליכע?

— ניין, מיר וועלען זיי רעטען.

— אבער וויא אזוי?

— לאזען מיינע ברידער מיך לאָזען אויסרעדען. איך וויל געהן אין אנטינאהועלס לאַגער. ער קען מיך און וועט מיך אויפנעהמען. ער ווייס נים, אז איך קען דיא געפאַנגענע און וויל זיי בעפרייען. ווען איך וועל זיין אין לאַגער, וועל איך שוין געפינען א מיטעל, וויא אזוי זיי צו רעטען.

— מיין ברודער רעדט גוט, האט קורומיללא געזאגט. נור ער קען געהן אין לאַגער פון'ם טיגער. אנטינאהועל האט געגען איהם גאר נים. ער וועט מיינען, אז א פריינד איז געקומען איהם בעזוכען. דאן אבער מוז ער איהם ברענגען א פרעזענט.

— וואס פאר א פרעזענט זאל ער איהם ברענגען? האט לואיס געפרעגט און האט אנגעהויבען צו זוכען ביי זיך א זאך, וועלכעס זאל קענען נוצען אלץ פרעזענט פאַרן אינדיאַנער פירסט.

— מיין ברודער זוכט אומזיסט, האט קורומיללא געזאגט. דער איינציגער פרעזענט, וואס מיר דאַרפען איהם יעצט ברענגען, זיינען עטליכע פלעשער שטאַרקען פייער-וואסער (ראָם).

— וואו זאלען מיר יעצט נעהמען פייער-וואסער? האט לואיס געפרעגט.

— דיא בלייכע געזיכטער האבען אויסגעטראַכט א גוטע זאך — גאָלד! פאר גאָלד, בייטען זיי אויס אלעס, וואס זיי האבען, האט קורומיללא געענטפערט. ווען מיין ברודער האט א פאר שטיקלעך גאָלד, וועל איך זיי אויסבייטען ביי דיא בלייכע געזיכטער פאר רויטען פייער-וואסער.

לואיס האט זיך דערמאַנט, אז ער האט נאך ביי זיך עטליכע נאַפאַלעאָנס

וואס ער האט מיטגעבראכט פון דער היים. ער האט דערלאנגט קורומיללא צוזי־נאמפאלעאנס און האט איהם געפרעגט, אויב עס איז גענוג.

— גוט ! האט דער קאציק געזאגט רוהיג און האט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ. איך וועל שוין ברענגען פייער־וואסער.

— מיר מוזען אבער אפרעדען פריהער, וויא אזוי מיר זאלען בעפרייען דיא געפאנגענע, האט לואיס איהם צוריק געהאלטען.

— וואס מיינט מיין ברודער ?

— פיעללייכט וועלען מיר מוזען קומען צו הילף דעם הויפטלינג, האט לואיס בעמערקט. וויא אזוי וועלען מיר וויסען, אויב ער דארף אונז ?

— מיין ברודער האט גוט גערעדט. לאמיר אלעס פריהער אפרעדען, האט קורומיללא געזאגט. מיר מוזען אפרעדען א געוויסען צייכען, וועלכען טראנגנאיל־לאנעק זאל אונז געבען.

— גוט ! ווען איך וועל מיינע ברידער דארפען און וועל זעהן, אז אלעס געהט נאך מיין וואונש, האט טראנגנאיל־לאנעק געזאגט, וועל איך נאכמאכען דאס געשריי פון א צייזינג (אזא פויגעל). וועל איך אבער זעהן, אז עס איז דא א געפאהר, וועלען מיינע ברידער הערן דריי מאל דאס געשריי פון א ראב.

— דאס איז גוט, האט לואיס ערקלערט, דאס איז אבער נאך נים אלעס. פיעללייכט וועט דאן מאדעא נים דערקענען דעם הויפטלינג. — ער האט דאך איהם נור איין מאל געזעהן — ער וועט נים וויסען, אז דאס איז א פריינד, וועלכער וויל איהם רעטען און וועט נים פאלגען, וואס מען וועט איהם הייסען טהאן. מיר מוזען איהם געבען א צייכען, אז מיר זיינען פריינד און ווילען איהם רעטען.

— מיין ברודער רעדט גוט, האט טראנגנאיל־לאנעק געענטפערט. לאז ער איהם געבען א צייכען.

לואיס האט ארויסגענומען זיין נאטיץ־בוך, האט ארויסגעריסען א בלעטעל און האט אנגעשריעבען עטליכע ווערטער. דאן האט ער דערלאנגט דאס שטיקעל פאפיער דעם הויפטלינג טראנגנאיל־לאנעק.

— ווען מיין ברודער וועט קומען אין אנטינאהועל'ס לאגער, זאל ער זעהן, אז דיעזעס שטיקעל פאפיער זאל אנקומען אין דיא הענד פון מעדכען מיט דיא בלויע אויגען.

— גוט ! איך וועל טהאן, וויא מיין ברודער פערלאנגט.

— יעצט האבען מיר שוין אלעס אפגערעדט, האט קורומיללא געזאגט, און איך מוז געהן קריעגען ערגעץ פייער־וואסער.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז פער־שוואונדען געווארען אין דער פרעריע.

דיא נאכט איז ענדליך פאראיבער. אין אסטען (מזרח) האט זיך געוויזען א רויטער שיין, דיא ערשטע ראזא שטראהלען פון דער יונגער זון. לואיס און וואלענטין האבען זיך נים געקענט איינהאלטען. פון צייט צו צייט זיינען זיי ארויפגעקראכען אויפ'ן בארג און האבען זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה צו זעהן, וואס עס טהוט זיך

אין אנטינאהועלים לאנער. זיי האבען אבער נאָר ניט געקענט זעהן און האבען געמוזט בעטען טראַנגאַיל-לאַנעק, ער זאל זיך צוקוקען און זאגען, וואס דאַרט טהוט זיך.

— דיא אויגען פון מיינע ברידער זיינען דונקעל, האט דער הויפטלינג געזאגט. זיי קענען ניט זעהן אזוי ווייט.

ער איז ארויפגעקראָכען אויפין בערג און זיינע אדלער אויגען האבען אלעס געזעהן.

— דער טינער פון דער זון שלאָפט נאָך, האט ער געמעלדעט. זיינע קריעגער שלאָפען נאָך, נור דיא וואכען האבען זיך געביטעטן. דיא וואכען, וועלכע געהן שלאָפען, טרינקען יעצט טשיקא. מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען. דערוויל זיינען דיא געפאנגענע אין קיין געפאהר.

דאס האט בערוהיגט דיא פראנצויזען. ווען דיא זון איז שוין געווען גאנץ הויך אויפין הימעל, זיינען זיי צוריקגעגאנגען צו זייער לאגער און האבען געגעסען פריהשטיק, וואס טראַנגאַיל-לאַנעק האט פון דיערט וועגען אנגעגרייט.

ערשט געגען אבענד איז קורומיללא צוריקגעקומען און האט געבראכט מיט זיך עטליכע פלעשער שטארקען ראָם אדער פייער-וואסער, ווי דיא אינדיאַנער רופען עס. קוים איז קורומיללא אנגעקומען און האט זיך אביסעל אפגערוהט, האט זיך טראַנגאַיל-לאַנעק פערטיג געמאכט אין וועג אריין. ער האט געהייסען זיינע קאמעראדען ארויס-געהן אויפין בארג און צוקומען וואס נעהנטער צום לאגער פון דיא אינדיאַנער. ער אליין איז אוועקגעפאהרען אויף דער פרעריע. ער האט געוואָלט אנקומען פון א גאַנץ אנדערער זייט, מען זאל גאר ניט מיינען, אז ער איז דא געוועזען אזוי נאָהענט.

טראַנגאַיל-לאַנעק איז ארומגעפאהרען א לאנגע שטרעקע ארום אנטינאהועלים לאגער און איז ארויסגעקומען פון דער אנדערער זייט אין וואלד. ער איז געפאהרען לאנגזאם און האט זיך בעמיהט צו מאכען א רעש פאהרענדיג. פלוצלונג איז פון אונטער א בוים ארויסגעשפרונגען א קריעגער און האט איהם געהייסען בלייבען שטעהן. דאס איז געווען איינער פון דיא וואכען, וועלכע אנטינאהועל האט אויס-געשטעלט ארום זיין לאגער.

— וואוהין פאהרט מיין ברודער? האט געפרעגט דיא וואך.

— טראַנגאַיל-לאַנעק, דער הויפטלינג פון'ם פאָלק דער גרויסער האָז, האט געפונען דיא שפורען פון זיינע ברידער פון'ם פאָלק דיא שווארצע שלענג. ער וויל רוהען ביי זייער פייער.

— מיין ברודער וועט געהן מיט מיר, האט דיא וואך געזאגט קורץ און שארף.

ער האט זיך אוועקגעקעהרט און האט געמאכט א צייכען צו אן אנדערן קריעגער, וועלכער איז אויך געשטאנען אויף דער וואך אין אנאנדער ארט ניט ווייט, אז ער זאל דערוויל האלטען דיא וואך פאר איהם אויך און ער אליין האט געפיהרט טראַנגאַיל-לאַנעק אין לאגער. ער האט איהם צוגעפיהרט גלייך צום אינדיאַנער פירסט, האט זיך פערנייגט און האט געווארט אויף א בעפעהל.

אנטינאהועל האט זיך געקענט מיט טראַנגאַיל-לאַנעק. ער האט געוואוסט, אז ער איז א הויפטלינג. צוואר האט ער איהם שוין לאנג ניט געזעהן, ער האט אבער

פון איהם קיין שלעכטעס ניט געהערט. אין זיין איצטיגע לאגע, ווען זיינע קריעגער האבען איהם פערלאזען און אלע קאציקען און הייפטלינגע זיינען פון איהם אוועקגעגאנגען, איז איהם געווען זעהר אנגענעהם, וואס א הויפטלינג פון פאלק דער גרויסער האז איז געקומען איהם בעזוכען און ער האט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך.

— דער טאקי מיט זיינע קריעגער איז געווים אויף דער יאגד אין דיעזע וועלדער, האט טראנגאיל-לאנעק געזאגט און האט זיך געמאכט, אז ער וויס גאר ניט פון אלעס, וואס איז פארגעקומען אין דער לעצטער צייט.

— יא, האט אנטינאהועל געענטפערט קורץ.

— איז מיין ברודער געווען גליקליך אויף דער יאגד?

— זעהר גליקליך. מיין ברודער מעג זעהן, וואס מיר האבען געפאנגען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער איהם צוגעפיהרט צו דיא ביימער, וואו דאן טאדעא, זיין פרוי און זיין טאכטער זיינען געווען צוגעבונדען.

— אה, בלייכע געזיכטער! האט טראנגאיל-לאנעק אויסגערופען. דאס איז גוט. דער טאקי וועט פארדערן זעהר פיעל פאר זיינע געפאנגענע.

— מיין געצעלט איז לעדיג, האט אנטינאהועל געענטפערט.

— אה, איך פערשטעה, דער טאקי וויל נעהמען איינע פון דיעזע פרויען פאר א ווייב.

— דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען וועט זיין מיין פרוי.

— און דיא אנדערע צוויי? האט טראנגאיל-לאנעק ווייטער געפרעגט.

אויף אנטינאהועלס דינגע ליפען האט זיך געוויעזען א זאנדערבארער שמייכעל. טראנגאיל-לאנעק האט גוט פערשטאנען, וואס דיעזער שמייכעל מיינט. ער האט זיך געלאזט צוגעהן צו דאניא ראזאריא, גלייך וויא ער האט געוואלט זיא בעטראכטען. אנטינאהועל איז געגאנגען לעבען איהם. טראנגאיל-לאנעק האט געפרעגט פערשיעדענע זאכען און האט זיך בעמיהט אפצוווענדען אנטינאהועלס אויגען פון דיא געפאנגענע. ער האט אפגעהיט א גינסטיגע מינוט און האט אראפגעלאזען דאס צעטעלע, וואס לואיס האט איהם געגעבען פאר דאניא ראזאריא'ס פיס.

זיא איז געווען צוגעבונדען צום בוים זעהר לייכט. איהרע הענד און איהרע פיס זיינען געווען פאלקאמען פריי. טראנגאיל-לאנעק האט געזעהן אזוי אראפצוווארפען דאס צעטעלע, אז זיא האט עס געמוזט בעמערקען.

— נו וויא געפעלט מיין ברודער דאס מעדכען מיטן בלייכען געזיכט? האט אנטינאהועל געפרעגט, ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען איינינע שריט פון'ם בוים, וואו דאניא ראזאריא איז געווען צוגעבונדען.

— זיא איז שעהן, האט טראנגאיל-לאנעק געענטפערט גלייכגילטיג. — איך האב אבער א פייער-וואסער ביי מיר, וועלכעס איז פיעל בעסער. איך האב עס געקויפט ביי דיא בלייכע געזיכטער. עס איז דאס בעסטע, וואס זיי האבען.

זיי זיינען צוגעקומען צום ארט, וואו טראנגאיל-לאנעק'ס פערד איז געשטאנען. צום זאטטעל איז געווען צוגעבונדען א פעקעל מיט זאכען. טראנגאיל-לאנעק האט ארויסגענומען א פלאש ראם, פערקארקט און מיט א קאפסעל, וויא עס קומט אן

פון אייראפא. אזא וואונדער האט דער אינדיאנער פירסט נאך קיין מאל ניט געזעהן. געוועהנליך בעציעהען דיא אינדיאנער זייער שנאפס אין לעדערנע פלעשער אדער אין קליינע פעסלעך.

— וויל דער טאקי אננעהמען א פרעזענט פון זיין ברודער? האט טראנגאיקלאנעק געפרעגט העפליך און האט דערלאנגט אנטינאהועל דיא פלאש ראם.

— איך דאנק מיין ברודער פאר זיין פריינדליכקייט. מיר האבען אין לאגער גענוג פייער-וואסער, אבער ניט אין אזעלכע גלעזער.

אנטינאהועל האט געוואוסט, וויא אזוי צו זיין העפליך געגען א הויפטלינג. אזוי וויא עס איז געווארען נאכט, האט ער געהייסען צו לעגען א גרוים פייער און מאכען אן אבענד עסען פאר זיין גאסט. מען האט זיך געזעצט עסען. טראנגאיקלאנעק האט אפגעבראכען דאס העלזעל פון דער פלאש ראם און האט זיא דערלאנגט דעם טאקי. דיא איבעריגע קריעגער האט ער אויך געגעבען פרעזענטען — לעדערנע פלעשער מיט ראם.

דער אינדיאנער פירסט איז געוועזן פערעהליך דיעזען אבענד: א הויפטלינג האט איהם בעזוכט. ער האט געגעבען איהם צו עהרען א סארט באל. ער האט אליין געטרונקען זעהר פיעל און האט ערלויבט זיינע קריעגער צו טרינקען.

דאס פייער-וואסער איז דאס אונגליק פון דיא אינדיאנער פעלקער. איידער דיא ווייסע מענשען זיינען געקומען קיין אמעריקא, האבען דיא אינדיאנער ניט געוואוסט פון בערוישענדע געטרענק. זייער איינציגעס געטרענק איז געוועזן טשיקא. א מענש מוז אבער אויסטרינקען זעהר פיעל טשיקא, איידער ער ווערט שיכור. דיא ווייסע מענשען האבען געוויעזען דיא ווילדע, אז עס איז דא א געטרענק, פון וועלכען מען קען זיך שנעלער אנשיכורן וויא פון טשיקא. קוים זיינען דיא אינדיאנער געוואהר געווארען פון ראם און שנאפס, האבען זיי זיך אזוי ערגעבען דעם טרונק, אז פיעלע קאציקען האבען פערקויפט זייערע לענדער פאר א פעסעלע ראם, אדער פייער-וואסער, וויא זיי האבען עס א נאמען געגעבען.

דיא ווייסע מענשען האבען זיך בענוצט מיט דיעזער ליידענשאפט פון דיא אונוויסענדע אינדיאנער און קיין פעדלער, קיינע עקספעדיציאן, קיין עמיגראנט איז ניט ארויסגעפאהרען אין דער פרעריע, ער זאל ניט האבען מיט זיך א פעסעלע ראם. פאר פייער-וואסער וועט דער אינדיאנער אוועקגעבען אלעס, וואס ער האט, זאגאר זיינע פרויען און זיינע קינדער. זאגאר דיא אמעריקאנישע רעגיערונג האט זיך ניט געשעהמט צו שיקען פעסלעך מיט ראם, ווען זיא האט געוואלט אפהאנדלען ביי דיא אינדיאנער זייער לאנד, וויא אונזערע לעזער וועלען עס געפינען שפעטער אין אונזער ערצעהלונג, ווען מיר וועלען קומען קיין פלארידא.

גאנצע אינדיאנישע דערפער, גאנצע פעלקער זיינען אויסגעשטארבען פון שיכרות. ווען דער אינדיאנער הייבט אן צו טרינקען, ווייס ער ניט, ווען אויפצוהערן. ער טרינקט, ביז ער ווערט פערברענט. ער טרינקט, ביז ער שטארבט. פיעלע קלוגע אינדיאנער-הויפטלינגע האבען ענדליך פערשטאנען, וואס פאר א שרעקליכעס גיפט דאס פייער-

וואסער איז. זיי פאָרדערן אויף זייערע פעלקער און בעטען, אז זיי זאלען ניט טרינקען. עס העלפט זיי אבער נים.

אין שטאאט ניו יאָרק אליין האבען אמאל געוואוינט זעקס גרויסע און שטאַרקע אינדיאַנער פעלקער, היינט געפינען זיך אין גאנצען שטאאט קוים צוויי דערפער, וואו עס וואוינען נאך עטליכע אינדיאַנער פון פאָלק איראָקוואָיס. דער קריעג מיט דיא בלייכע נעזיכטער און דאס פייער־וואסער האבען זיי פערניכטעט.

אין דער צייט, וואס אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער האבען געטרונקען דאס פייער־וואסער, וואס טראנגאיל־לאנעק האט זיי געבראַכט, האט זיך אין אנאנדער ארט פון׳ם לאַגער אפגעשפּיעלט אן אנדער סצענע.

דאניא ראזאריא האט דערזעהן, וויא דער הויפּטלינג האט אראָפּגעוואָרפען פאר איהר עפּעס א שטיקעל פּאפּיער; זיא האט גוט בעמערקט, אז ער האט זיך בעהאַלטען פארן אינדיאַנער פירסט. קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען, האט זיא אויפ־געהויבען דאס שטיקעל פּאפּיער און האט עס איבערגעלעזען. עס איז דארינען גע־שטאנען נור עטליכע ווערטער.

„מוטח מאדעמואזעל! אייערע פריינד זיינען נאָהענט. זיי וועלען אייך רעטען“.

— פאטער! האט זיא געזאגט שטילערהייט און האט צוגעוואָרפען דאס שטיקל פּאפּיער צו דאן טאדעא — פאטער, נאָט אליין שיקט צו אונז זיין הילף!

דאן טאדעא האט גענומען דאס שטיקעל פּאפּיער און האט עס אויך איבער־געלעזען, דאן האט ער עס פערגראָבען אין זאמד.

— ווער זאלען זיין דיעזע פריינדע, וועלבע זיינען געקומען אונז רעטען? האט ראניא ראזאריא געפרעגט.

איינינע מינוטען האט דאן טאדעא געשוויעגען. ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן אויף דיעזע פראַגע. פּלוצלונג אבער האט ער זיך דערמאנט.

— דאס מוזען זיין דיא צוויי פראַנצויזען! האט ער אויסגערופען. יא, דאס זיינען געווים דיא פראנצויזען. נור א פראנצויז געברויכט דאס ווארט „מאדעמואזעל“, א שפּאַניער געברויכט דאס וואָרט „סעניאָריטאַ“; אן ענגלענדער — דאס ווארט „מיסס“; א דייטש — דאס וואָרט פריילין. ווען אין דיעזען צעטעלע שטעהט דאס ווארט מאַ־דעמואַזעל, האט עס געווים געשריעבען א פראנצויז.

דאניא ראזאריא האט אויפגעהויבען דיא אויגען צום הימעל. א שטראַהל פון פרייד און גליק האט זיך געוויעזען אין דיעזע אויגען, וועלכע האבען אין דער לעצטער צייט נור געוויינט און געקלאגט.

— אלזא, מיין געליעבטער איז נאָהענט, האט זיא געמורמעלט שטילערהייט. מיין לואיס האט מיר געשיקט דיעזעס צעטעלע. ער האט מיך ניט פערגעסען. ער ליעבט מיך נאך! •

באלד איז איהר פרייד פערשוואונדען.

— וואס קענען זיי דען טהאָן פון אונזערט וועגען? האט זיא געפרעגט איהר פאטער אין דער הויך.

— ווען זיי האבען געפונען מיטעל אונז צו שיקען א בריעף, וועלען זיי געפינען מיטעל אונז צו רעטען, האט דאן טארעא גענטפערט.

דאניא מאריא האט געהערט, וואס זיי האבען גערעדט. זיא האט זיך געריסען פון'ם בוים, צו וועלכען זיא איז געווען צוגעבונדען. זיא האט געוואָלט ארומנעהמען איהר טאָכטער, זיא קושען און פרעהן זיך מיט איהר, וואס עס האבען זיך געפונען גוטע פריינד, וועלכע וועלען זיי ענדליך בעפרייען. זיא האט זיך אבער ניט געקענט ריהרען פון'ם אָרט.

עס איז פערגאנגען א גערוימע צייט. דיא אינדיאנער האבען געטרונקען, ביז זיי זיינען איינציגוויים געבליעבען ליגען טויט שיכור. דיא לעצטע טרינקער זיינען געווען אנטינאהועל און טראנגאיל־לאנעק. ביים שיין פון פייער האט אנטינאהועל ניט געקענט זעהן, אז זיין גאסט טרינקט וועניג. ער אליין האט געטרונקען, ביז ער האט זיך ניט געקענט ריהרען און איז געבליעבען ליגען אויפ'ן פעל פון אן אָקס, אויף וועלכען ער איז געזעסען מיט טראנגאיל־לאנעק.

אין לאגער איז געוואָרען שטיל און רוהיג. פון צייט צו צייט פלעגט זיך נאך אויפהויבען א קאָפּ, האט געזאגט עטליכע ווערטער און איז באלד צוריק געפאלען. אין א פאר שטונדען ארום זיינען אלע געשלאָפען, וויא דיא דערהרג'עטע.

ווען אלע זיינען געשמאק געשלאָפען, איז טראנגאיל־לאנעק אויפגעשטאנען פון זיין אָרט, איז צוגעגאנגען צו דיא געפאנגענע אוןהאט זיי געמאכט א צייכען, אז זיי זאלען זיך פערהאלטען גאנץ רוהיג. דאן איז ער ארויסגעגאנגען פון לאגער און האט אנגעהויבען צו זינגען, וויא א צייזיג.

— ווער איז דיעזער מאן? האט דאניא מאריא געפרעגט. איז דאס א פריינד אדער א פיינד?

— דאס איז געוויס א פריינד, האט דאן טארעא געענטפערט. ער האט אונז געבראכט דיא גוטע נאכריכט, אז אונזערע פריינד זיינען נאָהענט.

דאס אייז, וואס איז ביז אהער געלעגען צווישען דאן טארעא און זיין פרוי, איז ענדליך געבראָכען. דיא נויט און דיא ליידען האבען זיי געמאכט פאר גוטע פריינד. זיי האבען שוין גערעדט איינער מיט'ן אנדערן.

82טעס קאפּיטעל.

דער שטורמווינד.

אין דער צייט, וואס טראנגאיל־לאנעק האט געטרונקען מיט'ן אינדיאנער פירסט, זיינען זיינע קאמעראדען, לואיס, וואלענטין און קורומיללא געשטאנען אויפ'ן בארג און האבען אראפּגעקוקט אויפ'ן לאגער. לואיס און וואלענטין האבען זעהר וועניג געזעהן, וואס דארט קומט פאָר, נור קורומיללא'ס קאצען־אויג האבען אלעס געזעהן.

לואיס האט זיך עטליכע מאל געריסען און האט געוואלט אראפּשפּרינגען אין אנטינאהועלס לאגער, דער פּאַרזיכטיגער קאציק האט איהם צוריקגעהאלטען. ענדליך האבען זיי געהערט, וויא א צייזיג (אזא פויגעל) האט אנגעהויבען צו זינגען ערגעץ אויף א בוים. דיא צוויי פראנצוזען האבען זיך ניט אומגעקוקט. אין וואלד זינגען אָפט דיא פייגעל ביי נאכט. זיי האבען זאגאר ניט געוואוסט, וואס פאר א פויגעל

עס זינגט. קוים אבער האט קורומיללא דערהערט, וויא א צייזינג האט אנגעהויבען צו זינגען, האט ער געזאגט :

— יעצט קומט ! יעצט שנעל ! מיר מוזען געהן אין לאגער פון דעם טיגער פון דער זון.

— פון וואנען וויים מיין ברודער, אז מיר זיינען יעצט זיכער ? האט וואלענטין געפרעגט.

— דער צייזינג זאגט עס מיר, האט קורומיללא געענטפערט. הערען נים מיינע ברידער דיא שטימע פון'ם הויפטלינג ?

ערשט יעצט האבען זיך דיא פראנצויזען דערמאנט, אז זיי האבען אפגערעדט מיט טראנגאיל-לאנעק, אז קוים וועט אלעס געהן נאך וואונש און ער וועט זיי דארפען, וועט ער אנהויבען צו זינגען, וויא א צייזינג. זיי האבען געוואלט לויפען פון דעם ארט, וואו זיי זיינען געשטאנען גלייך צום לאגער. קורומיללא האט זיי צוריק געהאלטען.

— לאזען מיינע ברידער מיר נאכגעהן, האט ער געזאגט און האט זיי געפיהרט צו דעם ארט, וואו דער צייזינג האט געזונגען.

קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען פופציג שריט, האבען זיי דערזעהן א געשטאלט פון א מענשען ארויסקריעכען פון אונטער א בוים. דאס איז געווען טראנגאיל-לאנעק. ער איז זיי ענטגעגענען געגאנגען. לואיס האט איהם באלד דערקענט.

— וואס הערט זיך, הויפטלינג ? האט ער געפרעגט.

— אלעס איז געלונגען, וויא מיר האבען אפגערעדט. קומט שנעל !

יעצט האט ער זיי שוין געפיהרט אין אנטינאהועל'ס לאגער. דאס פייער האט נאך געברענט אין גרוב. ביים שוואכען שיין פון'ם פייער האט ער זיי צוגעפיהרט גלייך צו דיא געפאנגענע.

דאניא ראזאריא האט באלד דערקענט איהר געליעבטען לואיס און האט איהם אויסגעשטרעקט דיא האנד. דאן מאדעא האט געוואלט בעגריסען זיינע רעטער און זיי עפעס זאגען. קורומיללא אבער האט ארויפגעלעגט א פינגער אויפ'ן מויל.

— לאזען מיינע ברידער זיין שנעל, האט ער געזאגט. דיא בלייבע געזיכטער רעדען, דיא רויטע קינדער פון דער פרעריע טהוען.

ער האט ארויסגעהאפט זיין מעסער און האט איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע דאן מאדעא איז געווען צוגעבונדען צום בוים. לואיס האט בעפרייט דאניא ראזאריא, וואלענטין האט איבערגעשניטען דיא שטריק, מיט וועלכע דאניא מאריא איז געווען צוגעבונדען. ער האט צוואר געוואוסט, אז דאניא מאריא האט געפאנגען גענומען דאס אונגליקליכע מעדכען און האט אנפאנגס געוואלט זיא איבער-לאזען צוגעבונדען צום בוים. טראנגאיל-לאנעק אבער האט זיך ארייננעמישט.

— דיא ווייסע פרוי וועט שרייען און אויפוועקען דיא קריעגער, האט ער געזאגט. מיר מוזען זיא מיטנעהמען.

קוים זיינען אלע דריי געפאנגענע געווען פריי, האט קורומיללא זיי אויפגע-פאדערט, זיי זאלען געהן שנעל צוריק צום ארט, וואו זייער לאגער איז געווען. ער האט גענומען דאניא ראזאריא אויף דיא הענד, וויא מען טראגט א קינד, דאן

טאדעא און דאניא מאריא זיינען איהם נאכגעגאנגען. שטיל, ווי דיא קעץ, זיינען זיי ארויפגעקראכען אויפ'ן בארג און האבען זיך אראפגעלאזען אין טהאל, וואו זייער פייער האט געברענט.

— יעצט לאזען זיך דיא געפאנגענע אביסעל אפרוהען, האט קורומיללא געזאגט. לאזען זיי עפעס עסען און זיך שטארקען. מיר האבען א ווייטען וועג צו מאכען.

לואיס האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. ער האט געמיינט, אז קוים וועלען זיי בעפרייען דיא געפאנגענע, וועלען זיי זיך באלד אויפזעצען אויף זייערע פערד און זיי וועלען אנטלויפען.

— דער קאציק פערגעסט, אז מיר דארפען אנטלויפען פון דאנען, האט ער געזאגט צו קורומיללא מיט א פארוואורף.

— מיין ברודער פערגעסט, אז מיר האבען ניט קיין פערד פאר דיא בעפרייטע בלייבע געזיכמער, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג.

— מיר האבען פיער פערד, דאס איז גענוג! האט לואיס אויסגערופען. יעדער פון אונז קען נעהמען צו זיך אויפ'ן פערד איינעם פון דיא בעפרייטע.

— מיין ברודער איז יונג און רעדט, וואס ער פערשטעהט ניט, האט דער קאציק געענטפערט גלייכגילטיג. מיינט מיין ברודער, אז אנטינאהועל וועט אונז ניט נאכיאגען? מיינט מיין ברודער, אז מיר זיינען שוין זיכער? — מיין ברודער ווייס ניט, אז מיר זיינען יעצט אלע אין א פיעל גרעסערע געפאהר, וויא פריהער. ווען מיר זאלען יעצט אנטלויפען און אויף יעדען פערד וועלען זיצען צוויי מענשען, דאן וועט אונז אנטינאהועל אניאגען און מיר זיינען אלע פערלארען. וואס קענען פיער — פינף מענשען טהאן געגען פופציג?

לואיס איז געוואָרען בלייך, וויא קאלך. ער איז אראפגעפאלען פון זיעבעטען הימעל אין א טיעפע גרוב. ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז ערשט יעצט זיינען זיי אין א גרויס געפאהר. ער האט געמעטעט זיין געליעבטע, אום אז שפעטער מיט עטליכע שטונדען זאל ער מיט איהר אריינפאלען אין דיא הענד פון ווילדען אינדיאנער פירסט.

— וואס זאלען מיר אבער טהאן? האט ער אויסגערופען מיט פערצווייפלונג אין זיין שטימע. וויא אזוי זאלען מיר זיך רעטען?

— לאז מיין ברודער האבען א ביסעל געדולד, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג. דאס מעדכען מיט דיא בלויע אויגען איז הונגעריג, לאז ער איהר געבען עסען.

ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן, וויא וואלענטין זיצט לעבען דאניא ראזאריא ביים פייער און ניט איהר געבראטען פלייש און פלעצלעך פון מאאיס (טערקישען ווייץ). ער האט זיך אויך אניעדער געזעצט לעבען איהר און האט אנגעהויבען מיט איהר צו רעדען. דאן טאדעא און דאניא מאריא האבען אויך א גאנצען טאג ניט געגעסען און זיינען געווען זעהר הונגעריג. זיי האבען יעצט געגעסען מיט'ן ירשטטען אפעטיט. ווען זיי האבען אפגעגעסען, האט קורומיללא צו זיי געזאגט:

— יעצט לאזען זיך מיינע ברידער לעגען אביסעל אויסרוהען.

לואיס האט איהם בעטראכט מיט שטוינען. ער אליין האט ערשט געזאגט,

אז זיי געפינען זיך אין דער גרעסטער געפאהר און ער אליין! הייסט זיי זיך לעגען שלאָפען ? ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז טראַנגאַיל-לאַנעק איז ניטא אין לאגער.

— וואו איז דער הויפטלינג ? האט ער געפרעגט.

— טראַנגאַיל-לאַנעק וועט באלד קומען, האט דער קאציק געענטפערט קורץ.

אונטערדעסען האט וואלענטין אויסגעשפרייט זיין מאנטעל און האט געבעטען דאניא ראזאריא, זיא זאל זיך צולעגען, וויא דער קאציק האט געהייסען. לואיס האט איהם נאכגעטהאן און האט געגעבען זיין מאנטעל דאן טאדעאָ און קורומיללאס מאנטעל — דאניא מאריא.

אלע דריי האבען זיך אניעדער געלעגט מיט דיא פיס צום פייער און זיינען באלד אנטשלאפען געוואָרען. וואלענטין האט געהאלטען דיא וואך לעבען זיי. קורומיללא איז אויך ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען.

לואיס איז געווארען אונרוהיג. זיי זיינען יעצט געבליעבען גאנץ אליין, ניט וויט פון'ם לאגער פון'ם ווילדען אנטינאהועל. וואס וועט זיין, ווען אנטינאהועל אדער איינער פון זיינע קריעגער וועט זיך אויפחאפען און דערזעהן, אז זייערע געפאנגענע זיינען אנטלאָפען געוואָרען ? — ער האט געוואָלט רעדען צו וואלענטין, איהם עפּעס פרעגען. וואלענטין אבער האט איהם געוויעזען אויף דיא שלאפענדע דאניא ראזאריא און האט איהם געבעטען, ער זאל שווייגען.

עס זיינען פערגאנגען א פּאָר שרעקליכע שטונדען פארן ארימען לואיס. פלוצלונג, וויא פון אונטער דער ערד זיינען אויסגעוואקסען פאר איהם קורומיללא און טראַנגאַיל-לאַנעק. זיי האבען געפיהרט פאר דיא ציגעל דריי פארטרעפליכע פערד.

— וואו זיינען געוועזן מיינע ברידער ? האט ער געפּרעגט פול פרייד.

— מיר האבען צוגענומען ביי אנטינאהועל דיא מיטעל אונז נאכצויאָגען, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג.

לואיס האט איהם ניט פערשטאנען.

— וואס מיינט מיין ברודער ?

— טראַנגאַיל-לאַנעק האט גענומען אלע פערד פון אנטינאהועלס לאגער, האט זיי אוועקגעפיהרט וויט, וויט אין וואלד. דארט האט ער אויסגעקליעבען דיא דריי בעסטע פערד און דיא איבעריגע האט ער צוטריעבען אין פערשיעדענע זייטען. ווען אנטינאהועל און זיינע קריעגער וועלען זיך אויפחאפען, וועלען זיי ניט האבען קיין פערד אונז נאכצויאָגען.

— בראוואָ ! האט לואיס אויסגערופען. ביי דיא אינדיאנער דארף מען זיך לערנען, וויא אזוי צו פיהרען א קריעג.

— יעצט וועלען מיר אוועקפאהרען פון דאנען, האט קורומיללא געזאגט.

— יעצט זיינען מיר זיכער און מיר קענען פאהרען קיין וואלדיוויא אדער קיין סאנט יאגאָ, האט לואיס געזאגט און האט געוואָלט גלייך אנזאטלען זיין פערד.

— מיין ברודער קען ניט דיא שווארצע שלענג, דאס פאָלק, צו וועלכען אנטינאהועלס קריעגער געהערן. זיי זיינען קלוג און געשיקט. זיי וועלען אונז נאכיאגען או

דערגרייכען. מיר מוזען יעצט זיין זעהר פאָרזיכטיג. מיר מוזען זיי אפּנארען, זאנסט זיינען מיר ניט זיכער זאגאר אין דארף פון דיא בלייבע געזיכטער.

לואיס האט פערצויגען דיא אקסלען. ער האט ווירקליך ניט פערשטאנען, וואס דער קאציק מיינט. קורומיללא אבער האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען. ער האט געהייסען אויפוועקען דיא שלאפענדע. דאן האט ער געזאגט:

— מיר מוזען אפּנאררען אונזערע פיינד און זיי פיהרען אויף א פאלשע שפּור. איך וועל נעהמען דריי פערד און וועל מיט זיי אוועקפאהרען אין דער פּרעריע. טראַנגנאָיל־לאַנעק וועט אייך שוין פיהרען.

אין איינינע מינוטען ארום איז אלעס געווען בערייט אין וועג אריין. קורומיללא איז אוועקגעפאהרען מיט דריי פערד אין א שנעלען גאלאפּ. טראַנגנאָיל־לאַנעק האט גענומען דיא איבעריגע פיער פערד און האט זיי געפיהרט ביים צוים. אלע זיינען איהם נאכגעגאנגען. ער האט זיי צוגעפיהרט צום טייכעל און האט זיי אלע געהייסען געהן אין וואסער.

— צו וואס זאלען מיר געהן אין וואסער, הויפּטלינג? האט לואיס געפרעגט.

— אין וואַסער דערקענט מען ניט קיין שפּורען פון מענשען און פון פערד, האט דער אינדיאנער געענטפערט איינפאך.

לאנגזאם און פאָרזיכטיג זיינען זיי געגאנגען אין וואסער. דאניא ראזאריא און דאניא מאריא האבען זיי אויפגעזעצט אויף דיא פערד. דיא מענער זיינען געגאנגען ביז איבער דיא קניע אין וואַסער און זיינען ארויפגעקומען אויף א בערגעל.

— לאזען זיך מיינע ברידער אפּרוהען, האט טראַנגנאָיל־לאַנעק זיי געזאגט. מיר וועלען דא ווארטען אויפ'ן קאציק.

זיי האבען זיך אפּגערוהט איינינע מינוט. אין אסטען (מזרח) האט זיך געוויע־זען דער ערשטער שיין פונ'ם יונגען טאָג.

— ער איז ניטא, מוזען מיר ווייטער געהן, האט טראַנגנאָיל־לאַנעק געזאגט רוהיג.

זיי האבען זיך ווייטער געלאזט אין וועג אריין און זיינען געגאנגען אלץ טיעפער אין דיא בערג. דיא צוויי פראנצויזען האבען ניט געוואוסט, וואו זיי זיינען ערגעץ איז דער וועלט. דאן טאדעאָ אָבער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אומקוקען און אַ שטראהל פון האפנונג האט זיך צו מאל געוויעזען אויף זיין בלייכעם געזיכט. ער האט דערקענט דיא געגענד. ער האט געוואוסט, אז זיין בעפרייער פיהרט איהם קיין טשילי, אבער ניט דורך דיא פּרעריע, וואו דיא געגענד איז גלייך און עס איז זעהר לייכט נאכצויאָגען, זאנדערן דורך דיא בערג, וואו עס איז שווער נאכצויאָגען און מען קען זיך לייכט בעהאלטען.

ער איז געווען דער איינציגער, וואס האט פערשטאנען, וויא קלוג און וויא געשיקט דיא אינדיאנער האבען אויסגעטראַכט זייער פּלאן, אז אנטינאהועל זאל זיי ניט נאכיאגען. ער האט געוואלט עפּעס רעדען, טראַנגנאָיל־לאַנעק אבער האט איהם ניט געלאזט. יעדעס מאָל, ווען איינער פון דער קליינער פּארטיע רייזענדע האט געוואלט ארויסרעדען אַ וואָרט, פלעגט ער ארויפלעגען אַ פינגער אויף דיא ליפּען.

ענדליך אום צעהן אוהר אין דער פריה זיינען זיי צוגעקומען צו א גרויסען טייך. אין א ווינקעלע, בעהאלטען צווישען גרויסע ביימער, האט געברענט פייער. — דאָרט איז געזעסען קורומיללאַ און האט געבראטען א זייט פון א הירש, וועלכען ער האט אין ערגעץ וואלד דערשאָסען.

אלע זיינען געווען זעהר מיעד און הונגעריג און האבען זיך געזעצט לעבען פייער אפּרוהען. לואיס האט געוואָלט, אז זיי זאלען זיך דאָרט אפּרוהען אייניגע שטונדען, קורומיללא האט אבער ניט דערלאָזען.

— נאך זיינען מיר ניט זיכער, האט ער געזאגט. אנטינאהועל איז קלוג און געשיקט. ער וועט ארויסשיקען זיינע קריעגער אין אלע זייטען. ער וועט אויסגעפינען אונזער שפּור.

קוים האבען זיי אפּגעגעסען, האבען זיי זיך ווידער אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען ווידער געפאהרען א געוויסע צייט אין וואסער. דאס מאל האט שוין לואיס ניט געפרעגט, פאר וואס מען פאהרט אין וואסער. ער האט שוין געוואוסט, אז ווען אן אינדיאנער וויל פערדעקען זיינע שפּורען, מען זאל איהם ניט קענען נאכיאגען, פאהרט ער אוועק עטליכע מייל אין א טייך.

ווען זיי זיינען ארויסגעפאהרען פוןם טייך, האבען זיי אנגעהויבען צו פאהרען אין דיא הויכע בערג — דיא קאָרדאָליערען. דיעזע בערג ציעהען זיך איבער דער לענג פון גאנץ אמעריקא, פון נאָרדען (צפון) קיין זידען (דרום). זיי בילדען א לאנגע קיים פון הויכע בערג.

קורומיללא און טראנגאיל־לאנעק האבען אומיסטען געפיהרט דיא אנטלאָפענע אין דיא בערג, וויל אין דיא בערג איז זעהר לייכט זיך צו בעהאלטען.

ערשט געגען אבענד האבען זיי אויסגעזוכט א טיעפען טאָהל, פערשטעלט פון אלע זייטען מיט שרעקליך הויכע מאסען שטיינער. דארט האבען דיא אינדיאנער בעשלאָסען איבערצונעכטיגען. דאניא ראזאריא איז ווידער געקומען צו זיך. דיא פרישע לופט פון דיא בערג האט אויף איהר געווירקט, וויא דער טהוי ווירקט אויף בלומען. זיא האט זיך אויפגעחאפּט, וויא פון א שווערן, הארטען שלאָף און האט ווידער אנגעהויבען צו לעבען און פרעהליך צו זיין. זיא האט אוועקגערעדט שטונדען לאנג מיט דיא צוויי יונגע לייט און מיט איהר פאטער.

דאניא מאריא פלעגט זיך האלטען פון דער ווייטען. זיא פלעגט זיצען פון דער טען און קוקען מיט שטאָלץ און מיט מוטערליעבע אויף איהר טאָכטער.

אזוי זיינען פערגאנגען צוויי טעג. אלע זיינען געווען זיכער, אז קיינער יאָגט זיי ניט נאָך, אז אנטינאהועל וועט זיי שוין ניט געפינען. נאך א פּאר טאג און זיי וועלען שוין זיין נאר ניט וויט פון סאנטיאגא.

דיא גאנצע צייט איז דאס וועטער געווען זעהר שעהן. עס וואָלט זאגאר געווען שטאַרק הייס, אבער אין דיא בערג וועהען שטענדיג קיהלע ווינדען.

דעם דריטען טאג אין דער פריה איז דיא זון אויפגעגאנגען אין א רויטען וואָלקען. עס איז געוואָרען דריקקענד הייס. מענשען און פערד האבען זיך געפיהלט שוואך. דיא מענשען האבען געפיהלט, אז זייערע גליעדער זיינען, וויא אנגעגאָסען

מיט בליי. דיא פערד האבען אראפגעלאזען דיא קעפּ און זיינען געגאנגען זעהר לאנגזאם.

לואיס האט דאס ערשטע מאָל געזעהן, אז דיא זון זאל שיינען אזוי רויט און דיא לופט זאל זיין אזוי שטיקענד.

— וואס איז דאס פאר א וועטער, קאציק? האט ער ענדליך געפרעגט קורומיללא.

קורימיללא האט געשאָקעלט מיטן קאפּ זעהר אונרוהיג.

— שלעכטעס וועטער, זעהר שלעכטעס וועטער, האט ער געזאגט. מיר מוזען זעהן צוקומען צום „צוויבערער שפּרונג". —

— דענקסט מיין ברודער, אז מיר זיינען אין א געפאהר? האט לואיס ווייטער געפרעגט.

— מיר זיינען פערלאָרען, האט דער אינדיאנער געענטפערט קאלטבליטיג.

וואלענטין האט אויסגעהערט אלעס, וואס לואיס האט גערעדט מיטן קאציק. ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וואס ער מיינט און פאר וואס ער איז אזוי אונרוהיג.

— וואס מיינט מיין ברודער? האט ער געפרעגט. וואו איז דען דיא געפאהר?

— דיא געפאהר איז גרעסער, וויא מיין ברודער קען זיך פאַרשטעלען, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג. אין א קורצע צייט וועט אנקומען א שרעקליכער שטורמווינד, א הורריקאן. —

— נו, וואס איז? וועלען מיר פערררענענט ווערן!

— לאָז מיין ברודער זעהן ארום, וואס עס טהוט זיך, האט קורומיללא געזאגט. — הויכע בערג, שרעקליכע שטיינער. אין ערטער וואקסען ביימער. ווען דער שטורמווינד קומט אן, רייסט ער אויס דיא בוימער מיט זייערע ווארצלען, ער שליידערט אראָפּ גרייסע שטיינער פון דיא בערג. מיר זיינען דא אויף א שמאלען וועג, אונטער אונז איז א שרעקליכער אבגרונד. ווער קען זיך שטעלען געגען דעם שטורמווינד? ווער קען אויסהאלטען דעם הורריקאן?

וואלענטין און לואיס האבען זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האבען געזעהן מיט שרעק, אז דער אינדיאנער האט רעכט. זיי האבען צוואר נאך קיין מאל ניט ביינעוואוינט קיין שטורם אין דיא בערג, זיי האבען זיך אבער געקענט פאַרשטעלען, וויא געפעהרליך עס איז פאר א רייזענדען, ווען דער שטורם טרעפט איהם אויפן פרייען פעלד און ער האט זיך ניט, וואו צו שיצען.

דיא שטורמווינדען אין דיא בערג אין יענע געגענדען זיינען ווירקליך שרעקליך. דער שטורמווינד אליין איז שרעקליך. ער קען אראפּשליידערן דעם רייטער מיטן פערד אין א טיעפען אבגרונד; נאך ערגער אבער זיינען דיא וואסערן. מען ווייס ניט, פון וואנען, מען ווייס ניט וויא אזוי — פלוצלונג ניט זיך א גאס פון׳ם בערג א גאנצער טייך, וועלכער רוישט, שוימט, קאָכט, זיעדעט און צערשטערט, און פערניכטעט אלעס אויף זיין וועג.

— אלזא, וואס טהוט מען? האט לואיס געפרעגט.

— מיר מוזען צוקומען צום „צובערער שפרונג“ האט קורומיללא וויעדערהאָלט. אין דיעזער געגענד, איז דער ארט, וועלכען מיר רופען דער „צויבערער שפרונג,“, דער איינציגער אָרט, וואו מיר וועלען זיך קענען שיצען פארן שטורם.

— אלזא, לאמיר פאהרען שנעלער! האבען ביידע פראנצויזען אויסגערופען.

אונטערדעסען איז דיא לופט געוואָרען אלץ שווערער, אלץ דריקענדער און אלץ שטיקענדער. דיא זון איז באלד אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען. שווערע, שווארצע בלייענע וואָלקען האבען פערדעקט דעם הימעל, דיא בערג און דיא קליינע פארטיע רייזענדע. עס איז געוואָרען שרעקליך פינסטער, אז איינער דעם אנדערן האט ניט געקענט זעהן.

— אראָפּ פון דיא פערד! האט טראנגאיל=לאנעק געשריען. יעדער זאל זיך אניעדערלעגען אויף דער ערד און זאל זיך אנחאפּען אן וואס ער וועט קענען: אן א שטיין, אן א בוים, אן וואס ער וועט טרעפען מיט דער האנד.

אלע זיינען אראפּגעגאנגען פון דיא פערד און האבען זיך אויסגעלעגט אויף דער ערד. זאגאר דיא פערד האבען געפיהלט דיא שרעקליכע געפאהר און האבען זיך אניעדערגעלעגט אויף דער ערד הארט צו דער שטיינערנער וואנד.

אין דער לופט איז אלעס געווען אזוי שטיל, אז מען האט געקענט הערן, וויא זייערע הערצער קלאפּען פאר שרעק און אויפרעגונג. פּלוצלונג האט א שטראהל ליכט, א שרעקליכער בליץ, בעלייכטעט דיא גאנצע געגענד. נאכ'ן בליץ האט אני-געהויבען צו קראכען א דונער, אז מען האט געקענט פערטויבט ווערן. — דער שטורם האט זיך אנגעהויבען. דיא בערג האבען געציטערט. גרויסע שטיינער פון הונדערטער טויזענדער פונט שווער זיינען אראפּגעפאלען אין דיא טאהלען. דיא ביימער האבען געָרווישט געקרעכצט און זיינען צובראָכען געוואָרען אויף טויזענדער שטיקלעך. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דיא נאטור איז בייז געוואָרען אויף דיא מענשען און וויל פערניכטען אלעס, וואס איז דא אויף דער וועלט.

צום גליק פאר דיא איינוואוינער פון יענע געגענדען, געדויערן אזעלכע שטורם-ווינדען ניט לאנג. זיי קומען אן פּלוצלונג, רווישען, קאָכען, ליארמען, צערשטערן, פערניכטען, צוטרעטען, צוברעכען אלעס, וואס זיי געפינען אויף זייער וועג, און פער-שווינדען — געהן אוועק ווייטער, — ווייטער איבער אמעריקא, ביז זיי קומען צום וועלט=מעער.

קוים האט זיך דער שטורם עטוואס בערוהיגט און מען האט געקענט אויפ-הויבען דעם קאָפּ, האט א שרעקליכער הערצרייסענדער געשריי זיך געהערט:

— מיין טאָכטער! וואו איז מיין טאָכטער? רעטעט מיין טאָכטער!

אלע האבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ און האבען דערזעהן מיט שרעק, וויא דאן טאדעא שטעהט אין דער מיט וועג, מאַכט מיט דיא הענד און שרייט: מיין טאָכטער! דער ווינד האט פון איהם אראָפּגעריסען זיין הוט און האט צובלאָזען זיינע לאנגע, גרויע האר, זיינע קליידער זיינען געווען נאָס און האבען געשוועבט אין דער לופט. ער איז געווען בלייך, וויא דער טויט און האט געציטערט פאר אנגסט און

שרעק. דיא איינציגע ווערטער וואס ער האט געקענט ארויסזאגען, זיינען געווען: מיין טאָכטער! רעטעט מיין טאָכטער!

עס איז שווער צו זאגען, וואס עס איז געשעהן אין דער מינוט, ווען דער שטורם איז געווען אם שרעקליכסטען: האט דאניא ראזאריא אויפגעהייבען דעם קאָפּ און דער שטורם האט זיא אוועקגעשלעפּט, אדער האט זיא זיך ניט געהאט אן וואס אנצוהאלטען, אדער איז זיא געווען צו שוואך זיך אנצוהאַלטען אן א שטיין, — איינס איז געווען זיכער, אז דאניא ראזאריא איז פערשוואונדען.

לואיס, וואלענטין און דיא צוויי אינדיאנער זיינען צוגעלאָפען צו דאן טאדעא און האבען אנגעהויבען איהם צו פרעגען, וואס דא איז געשעהן, וויא אזוי דאניא ראזאריא איז פערשוואונדען געוואָרען. ער האט אבער ניט געקענט רעדען און האט זיך געריסען אראפּצושפּרינגען אין טיעפען טאהל.

— זיא איז דא אראפּגעפאלען! האט לואיס אויסגערופען. איך וועל זיא אפּ- זוכען! איך וועל זיא צוריקברענגען!

ער האט געוואָלט זיך אראפּלאזען אין טיעפען טהאל, אבער א שטארקע האנד האט איהם צוריקגעהאלטען. ער האט זיך אומגעקוקט — וואלענטין האט איהם געהאלטען ביים ארבעל.

— לאז מיך געהן, ברודער, האט וואלענטין געבעטען. איך וויים, אז איך ריסקיר מיט מיין לעבען, אבער לאז מיך ריסקירען — מיך ליעבט קיינער ניט. ווען איך וועל שטארבען, וועט זיך קיינער ניט קימערן. —

וואלט לואיס געווען ניט אזוי אויפגערעגט, וואלט ער געוויס געווען בעמערקט, אז אין דיא ווערטער פון זיין מילך-ברודער קלינגט א וויכע, טרויעריגע, הערצריי- סענדע נאטע; אז אין זיינע ווערטער ליעגט א גאנץ אנדערע זינן; אז אין זיינע רעד ליעגען בעהאלטען גאנץ אנדערע געפיהלע. ער איז אבער געווען זעהר איבערראשט און זעהר דערשראָקען. ער האט גאר ניט בעמערקט און איידער ער האט צייט געהאט עפּעס צו ענטפערן, האט זיך וואלענטין געווענדעט צו דאן טאדעאָ:

— זייט רוהיג, מיין פריינד! איך וועל זיא ברענגען צוריק אדער איך וועל שטארבען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אראפּגעשפּרונגען אין אבגרונד.

83טעם קאפּיטעל.

גליקליך גערעטעט.

אין דער איבערראשונג האט זיך קיינער ניט אומגעקוקט, וואס דאניא מאריא טהוט און וואו זיא איז ערגעץ. אלע זיינען געשטאנען ביים ברעג פון'ם טיעפען טהאל, וויא מארמאָרנע בילדער פון טרויער און פערצווייפלונג, און האבען אראפּגעקוקט אין שווארצען אפּגרונד, וואו עס האט יעצט גערוישט א ווילדער, רייסענדער, שוי- מענדער און קאָכענדער טייך.

קוים איז וואלענטין אראפּגעשפּרונגען פון'ם וועג, איז ער ווידער געוואָרען רוהיג און קאלטבליטיג. ער האט זיך אנגעהאלטען אן צווייגען פון ביימער, אן שטיי-

נער, אן גראזען און איז לאנגזאם און פאָרזיכטיג אראפּגעקלעטערט פון איין שטיין צום אנדערן. פון צייט צו צייט, ווען ער האט זיך געקענט שטעלען אויף א שטיין אדער אנהאלטען זיך אן א פעסטען בוים, איז ער געבליעבען שטעהן אדער ליעגען אויף אן ארט און האט זיך אומגעקוקט. אבער וויא ווייט זיין אויג האט געקענט גרייכען, האט ער נור געזעהן צוריסענע, צובראָכענע און צושפּאָלטענע שטיקער שטיינער. אין ערטער זיינען געוואָקסען גאנצע קליינע וועלדלעך צווישען דיזע שטיינער.

ער איז געווען פערצווייפעלט. — קיין שפּור פון דאניא ראזאריא! דענאך האט ער געפאסט מוטה און האט זיך ווייטער אראפּגעלאזען אין טיעפען אבגרונד, וואו דער טייך האט גערוישט אונטער זיינע פיס.

— איז דאניא ראזאריא אריינגעפאלען אין טייך? האט ער געפרעגט זיך אליין און זיין הערץ האט זיך צוזאמענגעצויגען פאר שמערץ — פארן שטורם אבער איז אין טייך גאר קיין וואסער ניט געווען? זיא האט זעהר לייכט געקענט ערגעץ צוקריעכען און זיך רעטען. פיעללייכט איז זיא ארויפגעפאלען אויף א שטיין און איז דערהרגעט געוואָרען?

ער איז געקראָכען אלץ ווייטער און ווייטער, אלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער. האט זיך ארומגעקוקט, געזוכט, געפארשט און — גאר ניט געפונען. עס האט איהם פערקלעמט ביים הערצען, א שרעקליכע אנגסט איז איהם בעפאלען. ער האט זיך געוואָלט אומקעהרען. ער האט א קוק געטהאן אין דער הויך און האט דערזעהן דעם אונגליקליכען דאן טאדעאָ און זיין מילך-ברודער לואיס שטעהן און קוקען אויף איהם. דאס האט איהם געגעבען פרישען מוטה און קראפט ווייטער צו זוכען. א נייער גע-דאנק איז איהם געקומען אין קאפּ אריין.

— צעזאר! צעזאר! האט ער אנגעהויבען צו רופען זיין הונד. אהער, צעזאר, צו מיר!

דאס קלוגע טהיער האט איהם דערהערט און האט אנגעהויבען אראפּצו-שפּרינגען פון שטיין צו שטיין, פון בוים צו בוים, ביז ער איז צוגעקומען צו איהם.

— זוך, צעזאר! דוא קענסט גיכער געפינען דעם שפּור פון א מענשען, וויא איך. — זוך!

צעזאר האט אנגעהויבען ארומצושפּרינגען און צו שמעקען דיא ערד. עס איז פערגאנגען א געררוימע צייט, אין וועלכער אלע זיינען געווען אין דער גרעסטער פער-צווייפלונג. פּלוצלונג האט וואלענטין דערהערט, וויא צעזאר האט אנגעהויבען צו בילען ערגעץ גאנץ ווייט פון איהם.

— דער הונד האט עפּעס אויסגעפונען! האט וואלענטין אויסגערופען פול פרייד.

וויא קומט מען אבער צו איהם? ערשט יעצט האט זיך אנגעהויבען דיא געפאהר. וואלענטין איז געקראכען אויף אלע פיער, האט זיך איינגעגראָבען מיט דיא נעגעל אין דער ערד. איז געקלעטערטער איבער גריבער און שטיינער. זיינע פינגער זיינען געווען צוריסען און צובלוטיגט, זיינע קניע זיינען געוואָרען פערוואונדעט און אנגעשוואָלען. ער איז געוואָרען ערשעפּפט, זיינע קרעפטען האבען איהם פערלאָזען.

ער איז געבליעבען ליעגען לעבען א גרויסען שטיין, וועלבער האט איהם געשיצט, ער זאל ניט אראפפאלען אין וואסער.

פלוצלונג האט ער דערהערט א שוואכע שטימע רופען:

— קענט איהר מיך הערן?

וואלענטין איז אויפגעשפרונגען. דיעזע דריי ווערטער האבען איהם לעבעדיג געמאכט.

— איך קען אייך הערן. ווער זייט איהר? האט ער געפרעגט.

— דאניא מאריא, האט דיא שטימע געענטפערט. קומט שנעל, ווען עס איז מעגליך. מיינע פינגער זיינען פערשטיינערט געוואָרען. קוים וואס איך האלט מיך.

ווען וואלענטין האט דערהערט, אז דאס איז גאר דאניא מאריא, האט ער אנפאנגס גאר ניט געוואלט איינשטעלען זיין לעבען און געהן זיא רעטען. ער האט זיך אבער איבערלעגט און האט זיא געפרעגט:

— זייט איהר אויך געגאנגען זוכען דאניא ראזאריא?

— איך האב זיא גערעטעט, איך האלט זיא אויף דיא הענד, האט דאניא מאריא געענטפערט.

וויא אן עלעקטרישער שלאג האבען געווירקט איהרע ווערטער אויף וואלענ־טינען. ער האט צונויפגענומען זיינע לעצטע קרעפטע, איז געקראכען ווייטער און א זאנדערבארעס בילד פון עבגטע, ווארעמע, טרייע און עהרליכע מוטער־ליעבע האט זיך איהם פאָרגעשטעלט.

אייניגע פוס טיעף אונטער איהם האט זיך דאניא מאריא געהאלטען אן א בוים מיט איין האנד און מיט דער אנדערער האט זיא געהאלטען פעסט ארומגענו־מען איהר קינד — דאניא ראזאריא. זיא איז האלב געהאנגען אין דער לופט און האט אנגעווענדעט אן אונמענשליכע קראפט, זיא זאל ניט אראפפאלען.

א בעזאנדערעס, זיסעס, ווארעמעס, הייליגעס געפיהל האט איהם דורכגעדרונ־גען. ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט אויך איבערגעלאזען א מוטער אין דער היים; אז ווען ער איז אוועקגעפאהרען פון פראנקרייך און איז געשטאנען אויפ'ן דעק פונ'ם שיף, האט ער א לאנגע צייט נאך געזעהן, וויא א ווייסעס טאשענטוך האט געוועהט אין דער הויך. דאס האט איהם געוואונשען גליק זיין מוטער.

פיעלע טאשענטיכער האבען געפאכט און געוועהט אויפ'ן דאק, פון וואנען דאס שיף איז ארויסגעפאהרען, ער האט אבער שטענדיג דערקענט דאס טאשענטוך פון זיין מוטער.

דיעזעס געפיהל האט איהם געגעבען נייע קרעפטען. ער האט ניט געקוקט אויף קיין געפאהר, האט זיך אראפגעלאזען אייניגע פוס ניעדעריגער און האט דערלאנגט דאניא מאריא דיא האנד.

— שנעל, מאדאם!

דאניא מאריא האט אנגעכאפט זיין האנד, וויא מיט אייזענע צוואנגען. אין א פאר מינוטען ארום איז זיא מיט איהר טאָכטער אויף דער האנד געלעגען לעבען א גרויסען שטיין, וואו זיא איז געווען פאלקאָמען געשיצט, זיא זאל ניט אראפפאַלען.

דא האבען איהרע קרעפטען זיא פערלאזען און זיא איז געפאלען אין אהנמאכט. דאניא ראזאריא איז אויך געווען בעוואוסטלאז.

וואלענטין איז געשטאנען לעבען דיא צוויי פרויען, וועלכע זיינעןביידע געלעגען אין אהנמאכט און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. ער איז געווען א סאלדאט. ריזקירען זיין לעבען, קלעטערן איבער שטיינער, קעמפפען, שיעסען האט ער געקענט, אבער מינטערן פרויען, וועלכע זיינען געפאלען אין אהנמאכט — איז ער ניט געווען קיין גרויסער מייסטער.

דאס איינציגע, וואס ער האט געקענט טהאן, איז געווען אפרייסען דיא נאסע בלעטער פון ביימער און גראזען און שפריצען זיי אין געזיכט. דיעזעס איינפאכע מיטעל האט געווירקט. ביידע פרויען האבען זיך קיין זעץ ניט געטהאן. זיי זיינען נור געווען דערשראקען און שרעקליך מיעד.

דאניא מאריא איז צוערשט געקומען צו זיך און האט געעפענט דיא אויגען. זיא האט זיך ווילד ארומגעקוקט און האט געחאפט איהר טאכטער אויף דיא הענד, האט זיא צוגעפרעסט צום הארצען, האט געהויכט אויף איהר און האט זיא בעדעקט מיט קושען. ענדליך האט דאניא ראזאריא אויך געעפענט דיא אויגען.

— איך האב זיא געפונען! זיא איז גערעטעט! האט וואלענטין געשריען צו זיינע קאמעראדען אין דער הויך.

לואיס האט געטאנצט פאר פרייד, אויף דאן טאדעאס בלייכע באקען האבען זיך געקייקעלט גרויסע הייסע טראפען פון פריידען טרערין. נור דיא צוויי אינדיאנער זיינען געבליעבען רוהיג, וויא ביז אהער. אויף זייערע רויטע, קופערנע געזיכטער האט מען ניט געקענט לעזען ניט קיין פרייד, ניט קיין לייד.

וואלענטין האט נאך געווארט אביסעל, ביז ער און ביידע פרויען זאלען זיך אביסעל אפרוהען, דאן האט ער אנגעהויבען צו טראכטען, וויא אזוי ארויפצוגעהן. יעצט ערשט האט זיך איהם פארגעשטעלט דיא גרעסטע שווערינקייט. זיך אראפ־לאזען פון אזא שרעקליכע הויך איז געווען שווער און געפעהרליך; ארויפגעהן אבער איז געווען אונמעגליך.

ער האט פראבירט ארויפקלעטערן א שטיקעל וועג, ביז וואנען ער האט גע־פונען א שטיין אדער א בוים, וואו ער זאל זיך קענען אנהאלטען, פאר דיא פרויען אבער איז עס געווען גאר אונמעגליך. זיי האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט.

—ווארפט אונז אראפ א שטריק, מיר קענען ניט ארויפגעהן! האט וואלענטין געשריען.

קורומיללא און טראנקאיל־לאנק האבען אראפגענומען דיא שטריק פון זייערע פערד, האבען זיי צונויפגעבונדען און האבען אראפגעווארפען א לאנגען שטריק צו וואלענטין. צו ערשט האט ער צוגעבונדען דאניא ראזאריא און מען האט זיא ארויפגעצויגען, דאן דאניא מאריא, דאן זיין הונד־צעזאר און צו לעצט האט מען איהם אליין ארויפגעצויגען.

ווער קען בעשרייבען דאן טאדעאס פרייד, ווען ער האט דערזעהן, אז זיין טאכטער איז געזונד און ניט בעשעדיגט. ערשט יעצט איז ער געוואהר געווארען, אז

ווען ניט דאָניא מאַריא, וואלט זיא געוועזען דערטרונקען געוואָרען. ווען מען האט זיי געהייסען זיך לעגען אויף דער ערד, האט דאניא מאריא געהאלטען איהר טאכטער ביים עק פון'ם קלייד. ווען דער שטורמווינד האט זיא אראפּגעוואָרפען, האט דאָניא מאַריא אויפגעאָפּפערט איהר לעבען אום צו רעטען דאס לעבען פון איהר קינד.

דאן טאַדעאָ האט אלעס אויסגעהערט, דאן האט ער אויסגעשטרעקט דאָניא מאַריא זיין האנד.

— איך פערצייהע דיר אלעס שלעכטע, וואס דוא האסט מיר געטהאן ביז אהער, האט ער געזאגט ערנסט. דיין ליעבע צו דיין קינד האט בעוויזען, אז דוא ביזט נאך פעהיג אויף א גוטע און עדעלע טהאט.

דער הימעל האט זיך אין גאנצען אויסגלייטערט. דיא זון האט וויעדער גע־לייכט העל און שעהן. דיא קליינע פּארטיע האט זיך וויעדער געלאזען אין וועג און איז באלד צוגעקומען צום אָרט, וועלכען דיא אינדיאנער האבען גערופען דעם „צוייבערערס שפּרונג".

— פאר וואס הייסט דיעזער פלאץ דעם „צוייבערערס שפּרונג"? האט וואלענטין נעפרעגט דעם קאַציק קורומיללאַ.

— אמאל איז געוועזען א קריעג צווישען דיא אינדיאנער און דיא בלייכע געזיכ־טער, האט קורומיללא דערצעהלט. עטליכע אינדיאנער האבען זיך נאָכגעיאגט נאך א הויפּטלינג פון דיא בלייכע געזיכטער און האבען איהם דערגרייכט אין דיעזען אָרט. ווען דער הויפּטלינג פון דיא בלייכע געזיכטער האט געזעהן, אז זיינע פיינד זיינען נאהענט און ער קען זיך פון זיי ניט רעטען, איז ער דא אריבערגעשפּרונגען פון איין בארג צום אנדערן איבער'ן טיעפען טהאל. דיא אינדיאנער זיינען געבליעבען ערשטוינט. אזא שפּרונג קען מאכען נור א צויבערער. קיינער פון זיי וואלט ניט געוואגט צו מאכען אזא געפעהרליכען שפּרונג. פון דאמאלס אָן הייסט דיעזער אָרט דעם „צויבערערס שפּרונג".

וואלאנטין האט בעטראכט דעם אָרט און האט זיך אויך געוואונדערט, וויא אזוי א מענש קען מאכען אזא געפעהרליכען שפּרונג. פון איין זייט לעבען וועג איז געלעגען א גרויסער שטיין. אונטען איז ער געוועזען אויסגעהעהלט און האט געבילדעט א קליינע הייל. דא האבען זיי בעשלאסען איבערצונעכטיגען. דיא פרויען זיינען געוועזען מיעד און אויפגערעגט. זיי אליין האבען אויך געדארפט זיך אויסרוהען.

84טעם קאפּיטעל.

ד אָ נ י אַ מ אַ ר י א.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה זיינען דיא צוויי אינדיאנער אויפגעשטאנען, האבען צולעגט פייער און האבען געמאכט א פריהשטיק.

— ווען מיר זאלען היינט שנעל פאהרען, האט קורומיללא ערקלערט, קענען מיר היינט אנקומען גאר ניט וויט פון סאנטיאגא. מיר פאהרען היינט ארויס פון דיא בערג אין דער פרעריע. דא זיינען מיר שוין זיכער. מיר זיינען שוין אין א לאנד, וואו דיא בלייכע געזיכטער האבען פיעל דערפער.

אלע האבען זיך געזעצט עסען מיט דעם בעשלוס, אז היינט זאלען זיי פאהרען שנעלער. דאָן טאדעא האט אויסגערעכענט, אז ווען זיי פאהרען גאנץ שנעל, קענען זיי נאָך ביי נאכט אנקומען אויף זיינע א פארם, וועלכע ליעגט עטליכע מייל ווייט פון סאנטיאגאָ. דאס איז דיעזעלבע פארם, וואו דיא פראנצויזען האבען צוגעבראכט דיא ערשטע נאכט, ווען זיי זיינען געקומען קיין אמעריקא.

ער האט אויסגעמאלט דיא אינדיאנער, וואו זיין פארם געפינט זיך. קורומיללא האט געבעטען, ער זאל איהם נור ווייזען אין וואס פאר א זייט עס ליעגט דיעזע פארם, וועט ער שוין וויסען, וויא אזוי צו פאהרען.

אזוי וויא זיי האבען גערעדט, האט דער הונד צעזאר פלוצלונג אנגעהויבען צו ברומען. אלע האבען זיך אומגעקוקט. פאר זיי איז געשטאנען — אנטינאהועל!

ער האט זיך געווענדעט צו קורומיללא און טראנגאָיל־לאנעק. אויף דיא ווייסע מענשען האט ער זיך גאָר ניט אומגעקוקט, גלייך וויא ער קען זיי גאָר ניט.

— איך בין געקומען רויבען ביים פייער פון מיינע ברידער, האט ער געזאגט צו דיא צוויי הייפטלינגע.

דאס איז דיא העפליכקייטס רייד פון אן אינדיאנער, ווען ער קומט צום אנדערן צו גאסט.

— מיין ברודער איז ווילקאמען ביי אונזער פייער, האט קורומיללא געזאגט.

אנטינאהועל האט זיך אניעדערגעזעצט, האט פעררויכט זיין פייפ (ליולקע) און האט געזאגט ערנסט.

— איך בין געקומען זאגען מיינע ברידער, אז דער קריעג האט וויעדער אויסגעבראכען און זיי זאלען געהן מיט מיר. איך, דער טאָקי, בעפעהל אזוי!

— געגען וועמען איז דער קריעג? האט קורומיללא געפרעגט.

— געגען דיא בלייכע געזיכטער.

— מיר פיהרען מיט קיינעם קיין קריעג ניט, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג.

וואלענטין, וועלכער האט אויסגעהערט אלעס, וואס זיי האבען גערעדט, האט זיך ניט געקענט איינהאלטען.

— דער טאָקי איז געקומען זוכען זיינע געפאנגענע, האט ער אויסגערופען. עס איז אבער צו שפעט. מיר זיינען שוין אין טשילי!

אנטינאהועל האט אויף איהם געווארפען א פינסטערן בליק.

— יא! איך פאָדער צוריק מיינע געפאנגענע, וועלכע מען האט ביי מיר אוועקגענומען דורך שווינדעל און בעטרוג! האט אנטינאהועל יעצט געזאגט שטרענג.

— מיין ברודער רעדט אומזיסט, האט קורומיללא געענטפערט רוהיג. דער קריעג האט זיך שוין געענדיגט. דער גרויסער ראטה פון אלע פעלקער האט בעשלאָסען, אז מען זאל ארויסגעבען אלע געפאנגענע.

— ווילען מיינע ברידער ניט פאָלגען, וואס זייער טאָקי בעפעהלט זיי?

— דער גרויסער ראטה האט צוגענומען ביי אנטינאהועל דיא האק פון א טאָקי, האט קורומיללא געזאגט.

— דאן וועל איך נעהמען מיינע געפאנגענע מיט געוואלט, האט אנטינאהועל געזאגט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען. אייניגע מינוטען זיינען אלע געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט. זיי האבען געמיינט, אז זיי זיינען שוין זיכער. קיינעם איז ניט איינגעפאלען, אז אנטינאהועל האט זיי נאכגעיאגט און האט זיי אויסגעפונען. קורומיללא איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך.

— יעצט מוזען מיר זיך איבערלעגען וואס צו טהאן, האט ער געזאגט. אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער זיינען ערגעץ ניט ווייט פון דאנען. זיי וועלען אויף אונז געוויס אנפאלען. וואס קענען מיר פינף מענשען, טהאן געגען פופציג?

אלע האבען געשוויעגען. יעדער האט געפיהלט, אז דיא געפאהר איז זעהר גרויס, קיינער אבער האט ניט געוואוסט וויא אזוי זיך צו העלפען.

— וויא באלד אז מיר זיינען אזוי נאהענט פון דערפער און פארמס, האט פלוצלונג דאניא מאריא געזאגט, איז דאך מעגליך, אז מיר זאלען שיקען ערגעץ אין א דארף בעטען הילף.

דאן טאדעא האט זיא בעטראכט מיט בעוואונדערונג. זיא איז געוועזן דיא איינציגע, וועלכע האט געגעבען א גוטען ראטה.

— וואס וועלען מיר אבער טהאן, ווען אנטינאהועל וועט אויף אונז אנפאלען, איידער דיא הילף וועט קומען? האט וואלענטין געפרעגט.

— לאזען מיינע ברידער עפענען זייערע אויערן, האט קורומיללא געזאגט. דיא גרויסע פרוי האט רעכט. איינער פון אונז דארף לויפען ערגעץ זוכען הילף. דיא איבעריגע מוזען אויסזוכען אן ארט, וואו זיי וועלען זיך קענען פערטהיידיגען, איידער דיא הילף וועט קומען. ווען מיר וועלען קענען זיך פערטהיידיגען נור אייניגע שטונדען, זיינען מיר גערעטעט.

דאן טאדעא האט אנגעהויבען זיך צו דערמאנען, וועלכע פארמס עס געפינען זיך ווייט פון סאנט יאגא. ער האט זיך דערמאנט, אז דיא וויטסטע פון אלע געהערט צו זיינעם א פריינד. ער האט באלד אנגעשריעבען עטליכע ווערטער צו זיין פריינד און האט איהם געבעטען, ער זאל איהם באלד קומען צו הילף מיט א פאר הונדערט מענשען, וויל ער געפינט זיך אין א גרויס געפאהר.

— דאס איז גוט, האט קורומיללא געזאגט. ווער אבער זאל פאהרען מיט דיעזע צייכענס?

— מיין ברודער אל־ין מוז פאהרען, האט טראנגאיל־לאנעק געזאגט, ער קען בעסער דאס לאנד פון דיא בלייכע געזיכטער.

— גוט! איך וועל פאהרען. איך וויל אבער זאגען מיינע ברידער, וואו זיי וועלען זיך קענען שיצען. אייניגע מייל פון דאנען, דארט וואו דיא בערג ענדיגען זיך, געפינט זיך א שטיין, וועלכער איז בעקאנט אין דער געגענד מיט'ן נאמען דער „שוצשטיין", וויל אמאל האט א קאציק מיט צעהן קריעגער זיך געשיצט אונטער דיעזען שטיין געגען צוויי הונדערט בלייכע געזיכטער.

— איך ווייס, וואו דער „שוצשטיין" געפינט זיך, האט טראנגאיל־לאנעק געזאגט.

— אלזא, לאזען מיינע ברידער רייטען שנעל צום „שוצשטיין", דארט זאלען זיי זיך בעפעסטיגען און ווארטען, ביז איך וועל קומען מיט הילף. דיא צייט איז טהייער.

זיי האבען זיך באלד אויפגעזעצט אויף זייערע פערד און זיינען זיך צופאהרען. קורומיללא איז אוועקגעפלויגען שנעל, וויא דער שטורמווינד ברענגען הילף; וואלענטין,

לואיס, דאן טאדעא,ביידע פרויען און טראנגנאָיל-לאנעק זיינען געפאהרען צום „שוצשטיין“.

דער טאג איז געווען א הייסער. דער וועג איז געווען זעהר שווער. וואָלטען זיי ניט מורא געהאט פארן אינדיאנער פירסט, וואָלטען זיי געפאהרען מיט דער פּרעריע. אויף דער גלייכער פּרעריע איז זעהר לייכט צו פאהרען. זיי האבען אבער זעהר גוט געוואוסט, אז אנטינאהועל'ס שפּיאָנען שפּירען זיי נאך און האבען געמוזט פאהרען מיט דיא בערג, וואו עס איז ניט אזוי לייכט אנצופאלען אויף רייזענדע.

ערשט געגען פיער אוהר פאַרנאכט זיינען זיי אנגעקומען צום „שוצשטיין“. דאס איז ווירקליך א וואונדער פון דער נאטור. אין בערג איז אויסגעהיילט א טיעפע גרוב, וואו עס קענען זיך בעהאלטען דרייסיג מענשען גאנץ בעקוועם. פאר דיעזער גרוב אבער ליעגט א גרויסער שטיין און פערשטעלט דיא גרוב אין גאנצען. נור דורך צוויי ערטער קען א מענש קוים אריינגעהן אין הייל. ווען צוויי שטאַרקע מענשען זאלען זיך שטעלען פון ביידע זייטען פון'ם שטיין, קענען זיי אפּהאלטען א גאנצע אַרמעע.

ווען זיי זיינען אנגעקומען צום „שוצשטיין“, האט זיך טראנגנאיל-לאנעק ארומ־געקוקט אין אלע זייטען. אלעס איז געווען שטיל. מען האט ניט געזעהן קיין שפּור פון אן אינדיאנער. ער האט געוויעזען אלעמען, וויא אזוי אריינצוגעהן אין הייל. ער אליין וויל נאך צוערשט אויספּאָרשען דיא געגענד.

אין הייל זיינען געווען פיעל טרוקענע בלעטער און גראזען. וואהרשיינליך האט ניט איין יעגער און ניט איין אינדיאנער בענוצט דיעזע הייל אלס נאכט לאגער. לואיס און וואלענטין האבען באלד געמאכט א געלעגער פאר דיא פרויען און האבען אין א ווינקעל צולעגט א פייער אום אביסעל אויסצוטריקענען דיא פייכטיגקייט פון דער הייל. דאן זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון דער הייל מיט זייער הונד צעזאר, זעהן, אויב טראנגנאיל-לאנעק איז נאך ניט געקומען.

אלעס איז געווען שטיל און רוהיג. צעזאר האט ניט געברומט. וואלענטין איז געווען זיכער אז אנטינאהועל האט זיי גאר ניט נאכגעיאגט. עס איז געווארען שפּעט, דיא זון איז שוין אונטערגעגאנגען, ווען טראנגנאָיל-לאנעק איז אנגעקומען און האט געזאגט גאנץ ערנסט:

— לאָזען זיך מיינע ברידער אפּרוהען, מיר וועלען האבען ביי נאכט א שווערן קאמפּף.

— וואס מיינט מיין ברודער?

— אנטינאהועל מיט זיינע קריעגער זיינען ניט ווייט. זייער לאגער איז דאָרט אין וואלד. זיי וועלען אויף אונז געוויס אנפאלען ביי נאכט.

אלע זיינען אריינגעגאנגען אין הייל, נור צעזאר איז געבליעבען אויף דער וואך. אין דרויסען איז געוואָרען אלס פינטערער און פינסטערער. דיא צוויי פראנצויזען האבען זיך צוגעלעגט לעבען פייער. צעזאר און טראנגנאָיל-לאנעק זיינען געשטאַנען אויף דער וואך. געגען האלבע נאכט האט זיי אויפגעוועקט א שרעקליכער געשריי, דאס איז געווען דער קריעגסגעשריי פון דיא שווארצע שלענג. טראנגנאָיל-לאנעק האט רעכט געהאט. אנטינאהועל איז אויף זיי אנגעפאלען ביי נאכט. הונדערטע פיילען זיינען געפלויגען און האבען זיך אנגעשלאגען אן הארטען שטיין. באלד זיינען אנגע־לאפען אנטינאהועל'ס קריעגער און האבען זיך געריסען אין הייל אריין.

וואלענטין, לואיס, דאן טאדעא און דיא פרויען האבען זיך אויפגעחאפּט מיט שרעק. זיי האבען געוואוסט, וואס דיעזער געשריי בעדייטעט. לואיס, וואלענטין, דאן טאדעאָ און טראנגנאָיל-לאנעק האבען זיך געשטעלט פון ביידע זייטען פון'ם שטיין, וואו מען האט געקענט אריינגעהן אין הייל און האבען געשאָסען אין דער

פינסטערער נאכט. וואלט עס געווען ביי טאג, ווען זיי קענען זעהן, וואלטען זיי גע־וואוסט, וואוהין צו ציעלען. ביי נאכט אבער אין דער פינסטער האבען זיי געשאסען אין דער לופט.

אנטינאהועל איז געווען א גוטער קריעגער. ער האט געוואוסט, אז זיינע פיינד האבען ביקסען און פיסטאלעטען. ער האט אזוי אויסגעשטעלט זיינע קריעגער, אז דיא קוגעלן זאלען זיי ניט שאדינן. ער האט געווארט, ביז זיי וועלען אויסשיעסען זייער גאנצען פולווער. דאן וועט ער אויף זיי אנפאלען. דאן וועט ער קעמפפען געגען זיי מאן געגען מאן. וואס קענען דאן מאכען פיער מענשען געגען פופציג?

וואלענטין און לואים האבען ניט פערשטאנען דיעזען פלאן פון'ם דורכגעטריע־בענעם אינדיאנער פירסט. קוים האבען זיי דערהערט דעם רעש פון א פייל, האבען זיי אנגעהויבען צו שיעסען. דער איינציגער, וועלכער האט פערשטאנען אנטינאהועל'ס פלאן, איז געווען טראנגאיל־ליצק.

— לאזען מיינע ברידער זיין שפארזאם מיט זייער „דונערן“, האט ער זיי געזאגט.

דאס ערשטע מאל, ווען דיא אינדיאנער האבען געזעהן, וויא מען שיעסט מיט א ביקס, האבן זיי געמיינט, אז דאס איז דער דונער. פון דאמאלס אן הייסט ביי זיי שיעסען „דונערן“.

דאניא מאריא האט ארומגענומען איהר טאכטער און איז געשטאנען מיט איהר אין א ווינקעל פון הייל. זיא האט געוואלט שיצען איהר טאכטער מיט איהר אייגענעם קערפער. זיא האט בעסער פון אלעמען געקענט דיא געפאהר, אין וועלכע זיי געפינען זיך. זיא האט געוואוסט, אז אנטינאהועל איז א געפעהרליכער פיינד. ער וועט אזוי גיך ניט אפטרעטען.

קוים האבען לואיס, וואלענטין און דאן טאדעא אויפגעהערט צו שיעסען, האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען פון אלע זייטען פיילען און שטיינער. דיא אינדיאנער האבען אנגעהויבען צו צוטרעטען צום איינגאנג פון דער הייל. פלעגען זיי שיעסען, איז אלעס געווארען שטיל און רוהיג.

אזוי זיינען פערגאנגען א פאר שטונדען. פלוצלונג האט לואים אויסגערופען:

— מיין פולווער הארן איז לעדיג, איך האב מעהר ניט, מיט וואס צו שיעסען!

וואלענטין און דאן טאדעא האבען זיך אומגעקוקט. — זיי האבען אויך געהאט זעהר ווייניג פולווער. דארויף האט געווארט דער דורכגעטריעבענער אינדיאנער פירסט. יעצט האט ער געהייסען זיינע קריעגער צוקומען נעהנטער און אריינגעהן מיט געוואלד אין הייל. יעצט איז געקומען דיא געפעהרליכסטע מינוט, ווען פיער מענשען האבען זיך געדארפט פערטהיידיגען געגען פערציג — פופציג. צוואר האט זיי דער שטיין געשיצט, אז ניט אלע פערציג מיט אמאל האבען געקענט אויף זיי אנפאלען, דענאך איז זייער לאגע געווארען מיט יעדער מינוט ערגער און פערצווייפעלטער.

דיא אינדיאנער זיינען געקראכען אויפ'ן שטיין, זיינען צוגעגאנגען צום ארייננאנג אין הייל, האבען געוואלט אנכאפען דיא ווייסע מענשען און זיי אוועקשלעפען פון דער הייל. לואים און וואלענטין האבען זיך געמוזט אפוועהרען פון אלע זייטען. זיי האבען געפיהלט, אז זייערע קרעפטע געהן אויס — זיי וועלען עס לאנג ניט אויסהאלטען.

— מיר זיינען פערלארען, ווען עס וועט באלד ניט קומען קיין הילף צו אונז, האט לואים געקרעכצט.

אין דיעזע מינוט האט ער געפיהלט א שרעקליכען שמערץ אין זיין לינקער האנד. אן אינדיאנער קריעגער איז אונטערגעקראכען שטילערהייט צו איהם און איידער לואים האט נאך צייט געהאט זיך אויסצודרעהן, האט ער איהם געטראפע

מיט זיין לאנגען מעסער אין האנד. ער האט איהם געוואָלט טרעפען אין הארצען, לואיס אבער האט זיך אוועקגעקעהרט.

לואיס האט פערבונדען זיין וואונד, וויא ער האט געקענט און האט זיך ווייטער געשטעלט פערטהיידיגען דעם אריינגאנג אין הייל. איינינע מינוטען שפעטער האט וואלענטין בעקומען א וואונד אין א פוס. דיא אינדיאנער האבען ניט אפגעלאזען. זייערע ווייבע, גליטשיגע קערפער זיינען געקראכען אונטער דיא מעסערם פון דיא פערטהיידינער.

דענאך האבען דיא פיער מענשען אויסגעהאלטען, ביז עס האט זיך געוויעזען דער ערשטער שיין פון'ם יונגען טאָג. דאן אבער האבען זיי געזעהן, אז ווייטער האלטען זיך איז אונמעגליך. לואיס איז געוועזן פערוואונדעט, וואלענטין איז געוועזן פערוואונדעט, טראנגאַיל-לאנעק איז געוועזן פערוואונדעט און האט ניט געקענט ריהרען זיין ־עכטע האנד. נור איין דאן טאדעאָ איז געבליעבען גאנץ. וואָס קען אבער טהאן איין מענש, ווען מען פאלט אויף איהם אן פון אלע זייטען?

דאניא מאריא האט געזעהן, אין וואס פאר א געפעהרליכע לאגע זיי געפינען זיך. זיא האט גענומען א לאנג מעסער, וועלכעס זיא האט נאך נעכטען אנגעגרייט, האט געשטעלט איהר טאכטער אין א ווינקעל און אליין האט זיא זיך געשטעלט מיט'ן מעסער אין דער האנד.

— איך מוז רעטען מיין טאָכטער! האט זיא אויסגערופען.

פלוצלונג איז אלעס שטיל געוואָרען. קיינער האט ניט געוואוסט, וואס דאס האט צו בעדייטען. דיא שטילקייט האט אבער געדויערט נור א פאָר מינוטען, גלייך וויא אנטינאהועל האט געוואָלט, אז זיינע פיינד זאלען זיך אפרוהען. באלד זיינען אל'ע זיינע קריעגער מיט איין מאל אנגעפאלען אויף דער הייל פון אלע זייטען. דיא מיינדע, שוואכע און פערוואונדעטע פערטהיידינער האבען ניט געקענט אויסהאלטען דעם שרעקליכען אנדראנג.

וואלענטין האט געזעהן, אז יעצט איז פאר זיי קיינע רעטונג ניטא. יעצט זיינען זיי פערלארען! ער האט זיך ענטשלאָסען צו פערקויפען וועניגסטענס זעהר טהייער זיין לעבען.

עס איז שוין געוועזן גוט ליכטיג און ער האט גוט געזוכט מיט דיא אויגען דאניא ראזאריא. באלד האט ער דערזעהן, וויא דאס ארימע מעדכען שטעהט אין א ווינקעל און ציטערט. פאר איהר שטעהט דאניא מאריא מיט א מעסער אין דער האנד, בערייט זיא צו פערטהיידיגען, וויא אַ לייב פערטהיידיגט זיינע קינדער. ער איז צוגעשפרונגען צו זיי און האט זיך געוואלט שטעלען לעבען דאניא מאריא.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט אין דרויסען א ווילדעס געשריי. מען האט געשריען און געשאָלטען אויף אינדיאניש און אויף שפאניש.

— מוטה, מיינע פריינד! האט געשריען טראנגאַיל-לאנעק. קורומיללא איז דא! עס איז אונז צוגעקומען הילף!

וואלענטין איז געלאפען צו דער טהיר בעגעגענען זייערע רעטער.

דאניא מאריא האט ארויסגעלאזען איהר מעסער פון דער האנד און האט אויך געוואָלט לויפען צו דער טהיר. פלוצלונג האט זיא דערהערט א געשריי, פון וועלכען דאס בלוט איז איהר פערקיהלט געוואָרען אין דיא אדערן.

— העלף מיר, מוטער! רעטע מיך!

זיא האט זיך אומגעקוקט. — אנטינאהועל האט געהאלטען דאניא ראזאריא אויף דיא הענד און האט געוואָלט מיט איהר אנטלויפען.

וויא אַ שלאַנג האט זיא זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען, האט איינגעגראָבען איהרע נעגעל אין זיין נאקעטען, קופערנעם קערפער, האט זיך ארום איהם ארום-

נעוויקעלט, האט איהם געביסען מיט דיא צעהנער, האט איהם געריסען און חאט זיך בעמיהט ארויסצורייסען פון איהם איהר קינד.

דער ווילדער אינדיאנער האט זיך ניט געריכט אויף אזא שרעקליכען פיינד. ער האט אפגעלאָזען דאניא ראָזאריא און האט זיך געוואָלט אויסרייסען פון דער ווילדער, אויפגערעגטער דאניא מאריא. זיא האט איהם אבער געהאלטען, וויא מיט אייזערנע צוואנגען. דער שטאַרקער, פלינקער אינדיאנער קריגער האט ניט געקענט בייקומען א שוואכע פרוי!

אונטערדעסען איז דער ליארם פאר דער הייל געוואָרען אלץ גרעסער. אנטינאהועל האט פערשטאנען, אז יעצט מוז ער אנטלויפען און רעטען זיין אייגענעם לעבען. ער האט אנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטע, האט ארויסגעחאפט זיין מעסער און האט איהם אריינגעשטאָכען דאניא מאריא אין הערצען.

— שטאַרב, דוא וואָלף! האט ער געברומט, וויא א ווילדעס טהיר.

א טוידטעס געשריי האט זיך געלאזט הערן און דאניא מאריא איז אומגעפאלען. א שווארצער, שטראָם בלוט האט ארויסגעשפריצט פון איהר ברוסט.

— מיין מוטער! מיין ארימע מוטער! האט דאניא ראזאריא געוויינט.

אנטינאהועל האט נאך אמאל געוואלט חאפען דאניא ראזאריא און מיט איהר אנטלויפען. איהם איז ענטגעגען געקומען וואלענטין. דער טאָקי האט אפגעלאזען דאניא ראזאריא און האט זיך ארויפגעוואָרפען אויף דעם פערוואונדעטען וואלענטין. עס האט זיך אנגעהויבען א נייער קאמפף, א נייעס ראנגלען זיך. וואלענטין איז שוין געוועזען זעהר שוואך און וואָלט געוויס ניט געקענט בעשטעהן נעגען דעם קרעפטיגען אינדיאנער, ווען דאן טאדעאָ זאל ניט געוועזען קומען איהם צו הילף.

קוים חאט אנטינאהועל דערזעהן דאן טאדעאָ, האט ער אפגעלאזען וואלענטינען און האט געוואָלט ארויפשפּרינגען אויף דאן טאדעאָ.

— דוא ביסט דער אייבינער פיינד פון מיין פאמיליע! האט דער אינדיאנער פירסט געשריען מיט א ווילד קול. דוא מוזט שטארבען!

איידער אבער ער האט צייט געהאט איהם צו טרעפען מיט זיין מעסער, חאט דאן טאדעאָ אויסגעשאָסען זיין לעצטע קוגעל פון זיין פיסטאָלעט. דיא קוגעל חאט געטראָפען דעם אינדיאנער אין בויך. ער איז אומגעפאלען.

— מיין מוטער האט רעכט געהאט, האט ער נאך געקענט ארויסזאגען. וואו דיא רויטע מענשען קומען זיך צונויף מיט דיא בלייכע געזיכטער, דארט פערשווינדען דיא רויטע. זיא האט געפיהלט, מיין אָרימע מוטער, אז איך געה צום טוידט, אז איך וועל שוין קיין מאל ניט צוריקקומען א היים. איך האב זיא ניט געהערט, איך — האב זיא — צו — טרעטען מיט דיא — פיס — פון — מיין פערד — יעצט — קומט מיין שטראפע. — דער גרויסער — גייסט — האט ראכע — גענומען פון — דעם מוטער — מערדער. — דיא פאמיליע — פוּ׳ם — שווארצען — וואלף — געהט — אונטער. — איך בין דער — לעצטער.....

ער האט נאך געזיפצט א פּאָר מינוטען און איז געבליעבען ליעגען טוידט. קיינער אבער האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט.

דיא הייל איז געוואָרען פול מיט מענשען. קורומיללא האט געטראָפען דאָן גרינגאָריא אויפ'ן וועג און האט איהם איבערגעגעבען דאָן טאדעאָ'ס בריעף. דאָן גרינגאָריא איז באלד געקומען צולויפען מיט הונדערט שפּאַנישע סאָלדאטען.

יעצט איז ער אריינגעקומען אין הייל און א טרויעריגע סצענע האט זיך איהם פּאָרגעשטעלט. דאָניא מאריא איז געלעגען אויף דער ערד אין א טייך בלוט, לעבען איהר זייגען געשטאנען אויף דיא קניע דאָניא ראזאריא און דאָן טאדעאָ. פּלוצלונג

האט זיא געעפענט דיא אויגען, האט אויסגעשטרעקט איהרעביידע הענד צו איהר מאן, צו איהר טאָכטער און האט געזאגט מיט א שוואכער שטימע.

— איך בין גליקליך! איהר האט מיר ביידע פערציהט. איך — האב — געהאפט, — אז איך — וועל נאך דערלעבען צו זעהן — מיין טאָכטער גליקליך. — גאט וויל עס — ניט. בעט איהם — מיין ראזאריא! — בעט איהם — טאַדעאָ — מיר זאָלען זיך — אמאל ווידער זעהן — אין הימעל!

זיא האט אפגעלאָזען זייערע הענד, איהר גאנצער קערפער האט אנגעהויבען צו ציטערן. זיא האט נאך אמאל געעפענט דיא אויגען, האט זיי אבער באלד ווידער פערמאכט, האט זיך אויסגעשטרעקט און איז געבליעבען ליעגען — טוידט.

אלע אנוועזענדע זיינען געווען געריהרט. קיין אויג איז ניט געבליעבען טרוקען.

— בעט גאָט פאר איהר! האט געוויינט און געבראכען דיא הענד דאָניא ראָזאריא.

85טעם קאפיטעל.

ליעבע, גליק און דאָך טרויעריג.

מיט א פאר מאנאטע שפעטער נאך דיעזער טרויעריגער געשיכטע געפינען מיר לואיס און וואלענטין אין גארטען אויף דאָן טאַדעאָ'ס פארם, וואו לואיס האט צום ערשטען מאל דערזעהן דאניא ראזאריא. זייערע וואונדען האבען זיך פערהיילט און זיי זיינען ווידער פריש און געזונד. ביידע מילך ברידער זיצען אונטער א גרויסען בוים. ביידע זיינען פערטראכט.

— מיר מוזען זיך ענדליך ערקלערן, האט וואלענטין געזאגט. מיט א יאהר צוריק, ווען מיר זיינען געקומען קיין אמעריקא, האב איך געהאט אין זינן נור איין זאך, איך זאל אפזוכען דיין געליעבטע, דוא זאלסט זיא הייראטהען און איך זאל מיר פאהרען צוריק אהיים. יעצט אבער איז מיר אזוי געפעלען דאס לעבען אין דיא וועלדער און אויף דיא פרעריען פון אמעריקא, אז איך וויל ניט פאהרען אהיים. איך וויל ערקלערן דאָן טאַדעאָ, אז דוא ליעבסט דאניא ראזאריא. דוא וועסט זיא הייראטהען און איך וועל מיר אוועקגעהן צו מיינע פריינד, דעם קאציק קורומיללאַ און דעם הויפטלינג טראַנגאָיל-לאנעק.

— וואס רעדסט דוא, ברודער? האט לואיס אויסגערופען. איך האב נאך גאר ניט גערעדט מיט דאָניא ראזאריאַ. איך וויים נאך גאר ניט. אלענפאלס האסט דוא דאָך ניט, וואס צו אנטלויפען, בלייב דאָ. בלייב ביי דאָן טאַדעאָ, וועלכער ליעבט אונז, וויא זיינע אייגענע קינדער.

איך קען ניט, ברודער, האט וואלענטין געענטפערט טרויעריג. עס ציהט מיך אין דיא בערג, אין דיא וועלדער פון אמעריקא. איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז, איך פיהל, אז נור דער יעגער אין דיא אמעריקאנישע וועלדער געניעסט דאס לעבען, נור ער פיהלט און פערשטעהט דאס לעבען. ער איז ארומגערינגעלט פון געפאהרען פון אלע זייטען. זיין לעבען הענגט יעדע מינוט אויף א האר, אבער ער בעזיעגט און פיהלט, וואס עס הייסט לעבען.

— אלזא, וועל איך געהן מיט דיר, האט לואיס געזאגט. איך וועל דיך ניט לאָזען אליין.

זיי האבען אוועקגערעדט אזוי אייניגע צייט, ווען דיא גרויסע גלאק פון דער פארם האט געמעלדעט, אז עס איז צייט צו געהן צום מיטאג.

וואלט לואיס זיך בעסער צוגעקוקט צו זיין מילך ברודער, וואלט ער געוויס געוועזען בעמערקט, אז וואלענטין ליעבט דאניא ראזאריא, אז ער האט זיא ליעב בעקומען, זייט זיי האבען געוואנדערט צוזאמען אין דיא בערג, ווען זיי זיינען אנטלאפען

און אינדיאנער פירסט. לואיס איז אבער געווען אזוי בעשעפטיגט מיט זיין ליעבע, אז ער האט גארנישט געזעהן און גארנישט בעמערקט.

נאכ׳ן עסען איז וואלענטין אריינגעגאנגען צו דאן טאדעא אין שרייב צימער און איז דארט געבליעבען א לאנגע צייט. ווען ער איז ארויסגעגאנגען, איז דאן טאדעא ארויפגעגאנגען צו זיין טאכטער און איז געבליעבען א גאנצע שטונדע ביי איהר אין צימער.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז לואיס ארויסגעקומען אין גארטען און האט זיך געזעצט אונטער׳ן בוים, וואו ער האט צום ערשטען מאל געטראפען דאניא ראזאריא, און האט זיך פערטראכט. ער איז געווען זעהר טרויעריג איבער דאס געשפרעך, וואס ער האט געהאט נעכטען מיט וואלענטינען און האט ניט בעמערקט, וויא דאניא ראזאריא איז צוגעקומען שטילערהייט און האט זיך געזעצט לעבען איהם.

— דוא פאהרסט אוועק, לואיס? האט זיא איהם געפרעגט.

— וויא קען איך אוועקפאהרען פון דיר, מיין ליעבע, טהייערע ראזאריא? — ניין, איך בלייב ביי דיר, איך פאהר אין ערגעץ ניט.

ער האט גענומען איהרע הענד און האט זיי בעדעקט מיט הייסע קושען. ביידע יונגע לייט זיינען געווען אזוי פערטראכט, אז זיי האבען ניט בעמערקט, אז הינטער זיי שטעהט דאן טאדעא. ער האט זיי ביידען צוגעפרעסט צו זיין הארצען און האט געזאגט:

— איך האב ניט געוואוסט, אז איהר ליעבט אייך נאך פון פאריז, וואלענטין האט עס מיר ערשט נעכטען דערצעהלט. זייט גליקליך! לאז דער שיין פון אייער גליק בעלייכטען מיינע אלטע יאהרען!

לואיס און דאניא ראזאריא האבען ארומגענומען זייער פאטער, האבען איהם געקושט און האבען געוויינט פאר פרייד און גליק. זיי האבען ניט געזעהן, אז נאך איינער האט געזעהן זייער גליק. פערשטעלט הינטער צווייגען פון ביימער איז געשטאנען וואלענטין און האט צוגעזעהן דיעזע סצענע.

ביים מיטאג האט דאן טאדעא געמעלדעט אלע זיינע פריינד און בעקאנטע, אז דאניא ראזאריא איז פערלאבט מיט׳ן גראף לואיס דע פרעבואַ-קראנסעע.

נאכ׳ן עסען האט וואלענטין געזאגט, אז ער וויל אביסעל רייטען אין וואלד שפאציערען.

— אבער איהר פאהרט אין ערגעץ ניט, מיין ליעבער ברודער? האט דאניא ראזאריא צו איהם געזאגט. איך וועל אייך גיט לאזען פאהרען, איהר וועט בלייבען ביי אונז.

— ניין, ניין, האט געזאגט וואלענטין, ער האט גענומען איהר האנד און האט איהר א קוש געטהאן.

ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען און האט אנגעזאטעלט זיין פערד. לואיס און דאניא ראזאריא זיינען געגאנגען אין גארטען אונטער זייער בוים, וואו עס האט אויפגעבליהט זייער ליעבע.

— זיי געזונד, לואיס! האט וואלענטין געזאגט צו זיין מילך ברודער.

לואיס האט אויף איהם א קוק געטהאן און איז געווארען ערנסט.

— וואס איז מיט דיר, וואלענטין? האט ער איהם געפרעגט. ביסט דוא אונגליקליך?

— איך? איך בין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט! האט וואלענטין געענטפערט און האט זיך געשטארקט א שמייכעל צו טהאן.

אין זיינע אויגען אבער האבען זיך געוויעזען טרערין, ער האט זיך אוועקגעקעהרט פון זיי, איז שנעל ארויפגעשפרונגען אויף זיין פערד און איז אוועקגעפאהרען.

— וואס איז מיט איהם? האט דאניא ראזאריא געפרענט. ער איז געווען אזוי זאָנדערבאַר.

— איך ווייס נים. ווען ער וועט צוריקקומען, וועל איך מיך מיט איהם ער־קלערן, ער קומט מיר אויך פאר זאנדערבאַר.

וואלענטין איז אבער נים צוריקגעקומען. דיא יונגע לייט האבען געווארט אויף איהם, האבען איהם געשיקט זוכען, האבען איהם אבער אין ערגעץ נים געפונען.

דריי מאנאטע שפעטער האט לואיס געהייראטהעט דאניא ראזאריא. זיי וואלטען געווען זעהר גליקליך, ווען וואלענטין זאל געווען זיין לעבען זיי.

* * *

דער יענער האט געענדיגט זיין ערצעהלונג און גרויסע טראפען טרערין האבען זיך געקייקעלט אויף זיינע פערברענטע באקען.

— האבען דאָניא ראזאריא און לואיס שוין קיינמאל נים געזעהן וואלענטינען? האב איך איהם געפרעגט.

— אָה, יא! זיי האבען איהם ווידער געזעהן, אבער אין שרעקליכע, טרויע־ריגע אומשטענדע, האט דער יענער געענטפערט. דאס לעבען אין אייראפא איז א שפיעל. דאס לעבען אין אמעריקא איז א הארטער, ביטערער קאמפף.

איך האב איהם געוואלט ווייטער עפעס פרעגען, איך האב אבער געזעהן, אז ער איז זעהר אויפגערעגט. דיא טרערין האבען איהם געווארגען. ער האט נים גע־קענט ווייטער רעדען.

מיר האבען זיך איינגעוויקעלט אין אונזערע דעקען און איך בין באלד אנגע־שלאפען געווארען. אויב מיין נייער קאמעראד האט דיעזע נאכט געשלאפען, ווייס איך נים.

ע נ ד ע.